STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10046

SHABTAI TSEVI

Shloyme Rosenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה ראזענבערג

*

שבתי צבי

שלמה ראזענבערג

שלמה ראזענבערג

שבתי צבי

היסטאָרישער ראָמאן

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשכ"ה — 1965

S. ROSENBERG

SHABTAI ZVI

NOVEL HISTORICAL

שלמה ראָזענבערג / שבתי צבי

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב — ישראל.
„Hamenora" Publishing House
24. Zangwill str. Tel Aviv, Israel

©

נדפס בישראל תשכ"ה
Printed in Israel 1965

הדפוס הכללי, תל־אביב, רח' השוק 26.

הקדמה

ווי און ווינד איז צו דעם פאַרשפּילטן, און לאָרבערקרענץ מיט לויב־געזאַנגען זענען צוגעגרייט פאַרן געווינער. אָט אַזוי בערך קאָן מען דעפינירן אין דער געשיכטע די אַלע דורכגעפאַלענע אָדער דערפאָלגרייכע טרוימער און פאַנטאַזיאָרן. פול איז געווען די געשיכטע פון דער מענטשהייט בכלל און פון יידישן פאָלק בפרט מיט אָט די טרוימער און פאַנטאַזיאָרן, וועלכע האָבן געחלומט צו ברענגען אויסלייזונג פאַר דער וועלט, פאַר זייער פאָלק און פאַר דער מענטשהייט. פיל פון זיי האָבן געקעמפט מיט ווינטמילן און אויסגעזען קאָמיש אַפילו אין די אויגן פון די יעניקע, וועמען זיי האָבן געוואָלט אויסלייזן און באַפרייען; פיל אָבער זענען געקרוינט געוואָרן ווי די באַפרייער פון זייערע פעלקער, און מאַרמאָרנע מאָנומענטן באַצירן די עפנטלעכע פלעצער פון זייערע הויפטשטעט. די וואָס האָבן פאַרשפּילט, האָבן געענדיקט זייערע קאַריערעס מערסטנטיילס אויף אַ הויכן גאַלגן און זייערע נעמען זענען געבליבן צו שאַנד און צו שפּאָט; די וואָס האָבן געוווּנען, זענען זייערע נעמען פאַרשריבן געוואָרן מיט גאָלדענע אותיות אין דער געשיכטע פון זייער פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט.

די מענטשלעכע געשיכטע איז פול מיט אַזעלכע קעגנזעצלעכע ביישפּילן, און אויך אונזער יידישע געשיכטע קאָן אָנציילן צענדליקער און הונדערטער אַזעלכע פאַלן, ווו פון איין זייט שיינען נעמען מיט פינקלדיקן גאָלד און מיר גרויסן זיך מיט זיי, און פון דער צווייטער זייט זענען פאַראַן נעמען וואָס זענען געבליבן באַדעקט מיט שאַנד, איך בעסטן פאַל גייט זיי נאָך אַן איראָנישער שמייכל. צווישן די לעצטע נעמען געפינען זיך די אַזוי גערופענע פאַלשע משיחים ביי יידן, וואָס פאַלש זענען זיי געבליבן נאָך זייער דורכפאַל, אָבער געליכטן וואָלטן אפשר זייערע נעמען, ווען זיי וואָלטן געווען דערפאָלגרייך אין זייערע טרוימערישע אונטערנעמונגען.

שטעלט זיך נאָר פאָר, ווען עס געלינגט יאָ דעם פאַלשן משיח דוד הראובני איבערצוצייגן דעם פויפּסט אָדער דעם פאָרטוגאַלישן קיסר, אַז

זיי זאָלן אים געבן וואָפן און שיפן כדי צו באַקעמפן דעם טערקישן סולטאַן און באַפרייען ארץ ישראל, ווו ער וואָלט אויפגעשטעלט די יידישע מדינה!

דער נאָמען דוד הראובני וואָלט אין דעם פאַל פאַרשריבן געוואָרן מיט גאָלדענע אותיות אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק און ער וואָלט לעולם ועד פאַרצייכנט געוואָרן ווי דער יידישער דזשאָרדזש וואַשינגטאָן. אָדער נעמט טאַקע, פאַרקערט, דעם אַמעריקאַנער דזשאָרדזש וואַשינגטאָן: וואָלט זיין אויפגעהויבענע רעוואָלוציע קעגן ענגלאַנד געווען דורכגעפאַלן, וואָלטן וואַשינגטאָן, טאָמאַס דזשעפערסאָן, עדעמס און בענדזשאַמין פרענקלין — די איצטיקע אַמעריקאַנער העלדן — אויפגעהאַנגען געוואָרן ווי איינפאַכע באַנדיטן, אַנשטאָט דעם וואָס היינט שטייט פאַר וואַשינגטאָן אַ מאָנומענט פון גראַניט פאַרן בריטישן פאַרלאַמענט אין וועסטמינסטער פון לאָנדאָן...

אויסגעלאָזט האָט זיך מיט דוד הראובנין גאָר אַנדערש — ער איז דורכגעפאַלן, און די באַצייכענונג פאַר אים איז געבליבן לעולם ועד: פאַלשער משיח! אַ שלעכטער נאָך־טעם איז אויך געבליבן נאָך דעם ייד מיט דער גרויסער נשמה, שלמה מולכו, דוד הראובניס מיטגייער.

דאָס זעלבע קאָן אויך געזאָגט ווערן אויף שבתי צבי, וועלכער האָט אין זיין צייט אויפגעשטורעמט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. רייך און אָרעם, פּראָסטאַק און תלמיד־חכם, האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין דער שבתי־צבי־באַוועגונג און די קעפּ האָבן זיך ביי זיי אַזוי פאַרדרייט, אַז עס איז דערגאַנגען ממש ביז רעליגיעזער משוגעת. שרייבט דאָך די באַרימטע פרוי גליקל פון האַמעלן אין אירע זכרונות: „עס איז אוממעגלעך צו באַשרייבן די שמחה, וואָס האָט אונז אַלעמען אַרומגעכאַפּט ווען עס זענען אָנגעקומען די בריוו פון טערקיי. מען האָט זיך אָנגעטאָן די יום־טובדיקע קליידער און מ׳האָט געטאַנצט אין די גאַסן מיט מוזיק און מ׳האָט זיך אַזוי געפרייט ווי די יידן בעת שמחת־בית־השואבה״.

אַפילו גויים האָבן דעמאָלט געגלויבט, אַז דאָס יידישע פאָלק ווערט ענדלעך אויסגעלייזט פון זיין לאַנגן גלות, און ישראל ווערט צוריק אויפגעריכט. אַן אַלגעמיינער פסיכאָז האָט דעמאָלט אַרומגעכאַפּט די וועלט, אַז יידן וועלן באַלד אָנהויבן בויען זייער מלוכה אין ארץ ישראל, אין דעם הייליקן לאַנד פון זייערע אבות.

קנאַפּע 300 יאָר האָט די דאָזיקע משיחישע שבתי צבי־באַוועגונג געלעבט אין זכרון פון יידישן פאָלק; נאָך אין אונזער נאָענטער פאַרגאַנגענ־

הייט פלעגט מען פון צייט צו צייט פאַקן ערגיץ אין אַ שטעטל אַ פאַרבאָר־געגעם שבתי־צביניק, וועלכער האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז שבתי צבי — כאָטש ער האָט זיך געשמדט — איז געווען דער אמתער משיח.

וואָלט שבתי צבי נישט אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ כאַפּטע פון כלערליי שווינדלערס ווי אַן אברהם היכיני, אַ נתן העזתי און אַנדערע פאַר־שווינען, וועלכע זענען בלויז אויסן געווען זייער אייגנגוץ — ווער ווייסט, וווהין די דאָזיקע משיחישע באַוועגונג וואָלט געווען דערגאַנגען!

האָט דאָך נישט קיין אַנדערער ווי דער בעל שם־טוב, וועלכער איז געבוירן געוואָרן מיט דריי פערטל יאָרהונדערט שפּעטער, געהאַט אַ גוט וואָרט צו זאָגן וועגן אָט דעם פאַלשן משיח! אָט וואָס עס זאָגט אין זיין נאָמען אַן אַנאָנימער מחבר אין דעם ספרל „שבחי בעל שם טוב", קאַפּיטל ט׳, וועגן שבתי צבי: „הבעל שם טוב אינו מבטל את השבתי צבי כל וכל. הוא מודה שהיה בו ניצוץ קדוש, רק על ידי גדלות וכעס שבו תפסו הס״ם במצודתו, וזאת היתה הנפילה שלו" — דער בעל שם טוב איז אינגאַנצן נישט מבטל שבתי צבי. ער איז מודה אַז ס׳איז געווען אין אים אַ הייליקער פונק, נאָר צוליב זיין גדלות און כעס האָט אים דער שטן געפּאַקט אין זיין נעץ, און דאָ האָט ער געליטן אַ מפּלה!

אין דעם דער ציוניזם נישט קיין משיחישע באַוועגונג, אַ מאָדערנע משיחישע באַוועגונג? און איז דען די דאָזיקע באַוועגונג, וואָס האָט ענדלעך געבערענגט צו מדינת ישראל, נישט פאַרשריגן געוואָרן פון אַ גרויסן טייל יידן, פון לינקס ביז עקסטרעם רעכטס, אַלס כמעט אַ כוח פון שבתי־צבי־ניקעס? און צי ווערט דען נישט איצט, פאַר אונזערע אויגן, די מדינת ישראל גופא פאַרשריגן דורך די פאַנאַטישע נטורי קרתא ווי אַ פאַלשע משיח־באַוועגונג? און לאָמיר זיך נישט נאַרן: ווי וואָלט טעאָדאָר הערצל אויסגע־זען אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, ווען זיין דערהויבענע אידעע וואָלט הלילה וחס געווען דורכגעפאַלן?...

פון דעם אַלעם זעט מען באַשיינפּערלעך וואָס פאַר אַן אינטערעסאַנטע עפּאָכע עס איז געווען דער שבתאַי־צביאיזם. און עס איז כדאי מיט דער דאָזיקער עפּאָכע זיך צו באַקענען.

***

אין דעם היסטאָרישן ראָמאַן שבתי צבי, ווו עס ווערט באַהאַנדלט די דאָזיקע עפּאָכע, ווערט פונאַנדערגעוויקלט איינע פון די אינטערעסאַנטסטע

בלעטלעך אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אין גלות. איצט, ווען מיר קוקן רעטראָספעקטיוו אויף דער דאָזיקער היסטאָרישער פּאַסירונג, קאָנען מיר מער ניכטער אָפּשאַצן און פאַרשטיין וואָס פאַר אַ גרויסע טראַגעדיע עס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעשפּילט אין דער יידישער צעבראָכענער נשמה.

דאָס איז געווען די צייט פון די גרויזאַמע כמיעלניצקי־שחיטות, וואָס זענען עד היום באַקאַנט אונטערן נאָמען „גזירות ת״ח ות״ט". פאַר דער היטלער־קאַטאַסטראָפע איז דאָס געווען אפשר די גרעסטע טראַגעדיע פון געפּלאָגטן יידישן פאָלק, און די צאָל קרבנות איז איבערגעשטיגן אַפילו די שפּאַנישע אינקוויזיציע. יידן האָבן געבענקט נאָך אַן אויסלייזער. האָבן זיי יעדן טאָג געזאָגט ביים דאַווענען: „אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח, ואף על פי שיתמהמה, עם כל זה אחכה לו בכל יום ויום שיבוא" — איך גלייב מיט דער פולסטער אמונה אין דעם קומען פון משיח, און כאָטש ער וועט זיך פאַרזוימען, וועל איך דאָך יעדן טאָג וואַרטן אַז ער זאָל קומען...

און אין זוהר האָבן גלייביקע יידן, מקובלים, געפונען אַן אָנדייט, אַז אין יאָר ת״ח (1648) וועט קומען משיח. און אָט אין דעם יאָר האָט זיך באַוויזן שבתי צבי, דער יונגער שוין דעמאָלט פאַרהייליקטער מקובל, וואָס האָט געפאַסט תעניתים, געפייניקט זיין גוף, צוויי מאָל חתונה געהאַט מיט יונגע בתולות און צו קיין איינער פון זיי האָט ער זיך נישט צוגערירט, געשטעלט גאָר אַ חופה מיט דער תורה און זיך אויסגערופן אַלס משיח. ער איז דעמאָלט אַלט געווען נישט מער ווי 22 יאָר.

און אַלץ אַרום האָט אים צוגעשפּילט. די גאַנצע אַטמאָספער אַרום אים איז געווען אָנגעזאַפּט מיט טונקעלן מיסטיציזם; ער איז געבוירן געוואָרן אין תשעה באב, דעם טאָג ווען דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, אין דעם טאָג, ווי עס זאָגט די לעגענדע, ווען משיח וועט געבוירן ווערן. פון זיין פאָטער ווייסט ער פונעם יחוס־בריוו, אַז ער שטאַמט אָפּ פון מלכות בית־דוד. די בלוטיקע שחיטות אין פוילן זענען דורך אים און זיינע אָנהענגער אויסגעטייטשט געוואָרן ווי מלחמת גוג־ומגוג. עס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע צו לערנען קבלה, די געהיימע מיסטישע לערע. דאָס אַלץ האָט צעפלאַמט די פאַנטאַזיע פון יונגן שבתי צבי, און זיינע אָנהענגער האָבן אים צוגעגעבן מוט. ער אַליין איז געווען אַ פּערזאָן מיט אַ מאַגנעטישער קראַפט, ער האָט מיט זיין אויסזען געמאַכט אויף מענטשן

אַ געוואַלטיקן איינדרוק: ער איז געווען הויך געוואַקסן, געהאַט אַ שיינע גע־שטאַלט און ער איז געווען זייער אַ ריינער, ווייל ער האָט אָפּט זיך טובל געווען. זיין לייב האָט געשמעקט, און זיינע נאָכפאָלגער האָבן געגלייבט אַז דאָס שמעקט פון אים דער ריח פון גן־עדן.

דאַן אָבער הייבט זיך אָן אַריינמישן דער שטן: שבתי צבי דער־קלערט זיך אויס אַלס משיח, אָנרופנדיק דעם שם המפורש. דאָס איז געווען אין אַ שול אין סמירנע, זיין געבורטסשטאָט. די רבנים לייגן אים אין חרם אַריין און ער ווערט פאַרטריבן פון שטאָט. ער פאָרט־אָפּ קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, טרעפט זיך דאָרט מיט אברהם היכיני, די פאַרקערפּערונג פון „שטן". דאָס איז אַ מענטש מיט אַ געשליפן צינגל, ער מאַכט אָן איינדרוק אויף מאַסן מיט זיינע רייד, ער איז אַ באַרימטער בעל־דרשן. אָט דער דאָ־זיקער אברהם היכיני האָט דערזען אין שבתי צבי אַ קוואַל פון מאַכן געלט און איינשאַפן זיך כבוד. ער „געפינט" שוין אויס אַן אַלטן פאַרמעט, אין וועלכן עס לייענט זיך: „איך, אברהם, וואָס האָט פאַרברענגט אין אַ קעלער פערציק יאָר צייט, איינזאַם און ווייט פון מענטשן, האָב זיך שטענדיק געוווּנדערט פאַרוואָס עס געשעט נישט מיט אונזער פאָלק קיין נסים ווי אַמאָל. האָב איך איינמאָל פלוצלונג דערהערט אַ בת־קול וואָס האָט געזאָגט: אין יאָר השפ"ו (1626) וועט געבוירן ווערן אַ זון ביי מרדכי צבי און מ'וועט אים אַ נאָמען געבן שבתי צבי. ער וועט באַצווינגען דעם נחש הקדמוני און ער וועט זיין דער אמתער משיח וואָס וועט פאַרנעמען מיין טראָן"...

די דאָזיקע „געהיימנישפולע נבואה" האָט אויף שבתי צבי אַליין געמאַכט דעם טיפסטן איינדרוק, און ער האָט מיט מער איבערצייגונג אָנגעהויבן גלייבן, אַז ער איז טאַקע משיח.

אַזוי גייען די אַנטוויקלונגען איינע נאָך די אַנדערע. עס קומט־אויף אין זיין אומגעבונג נתן העזתי, אַ צווייטער געניאַלער שווינדלער, אָדער נאָך אַ גרעסערער פאַנטאַזיאָר, און שבתי צבי פּראָקלאַמירט די ענדגילטיקע גאולה אויפן יאָר התכ"ו (1666).

אין דעם קרייז קומט שפּעטער אַריין אויך דער פּוילישער מקובל נחמיה הכהן, וועמען שבתי צבי ציט אַריין אין משיחישער באַוועגונג. אָט דער נחמיה הכהן איז אָבער געוואָרן זיין קבֿרן. דורך אים דערגייט ער ביז שמד און דערנאָך אין תפיסה, ווו ער שטאַרבט אין התל"ו (1676), אום יום־כיפור, ערגעץ אין אַ שטעטעלע אין אַלבאַניע.

אַט די אַלע אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונגען מיט שבתי צבי און אויך די עראָטישע מעשים פון זיין כלה שרה, וואָס ווייסט ווי אויסצונוצן שבתי צביס גדולה — ווערן געשילדערט אין דעם ראָמאַן שבתי צבי. עס גייט דורך אַ גאַנצע גאַלעריע פון פּערזאָנען: רבנים, פּשוטע מענטשן, שווינדלערס, פאַנטאַזיאָרן און טיפן, וואָס העלפן אים אומברענגען מיט זייערע מסירות צום טערקישן סולטאַן; אַ רייע היילקע מאַמענטן און אויסגעלאַסענע שטיק, און עס ווערן באַשטעטיקט די רייד פון בעל־שם־טוב וועגן שבתי צבי: „ער האָט געהאַט אין זיך אַ הייליקן ניצוץ, אָבער ער איז אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון שטן...”

ש. ר.

קאַפּיטל איינס

די מלחמה פון גוג ומגוג

אַ הייס ווינטל האָט אַ צי געטאָן אין דער לופט און געמאַכט אויפצי־טערן די זילבערדיק־בלויע גלאַטקייט פון ים, פונקט ווי אַ געניטער האַרפע־שפּילער וואָלט מיט זיינע צאַרטע און פלינקע פינגער אַ פיר־געטאָן איבער די סטרונעס פון אינסטרומענט.

ווי ווייט דאָס אויג האָט געקאָנט גרייכן, האָט זיך אָוועקגעצויגן די בלויקייט פון וואַסער. דער הימל איז מיט אַ גליאיקער ווייסקייט געווען אויסגעצויגן אויבן און געזייט שטילקייט איבער דער וועלט.

אַרום און אַרום איז נישט געווען צו זען קיין לעבעדיקער נפש, אַ חוץ די צוויי חברים, וואָס זענען געגאַנגען טריט ביי טריט לענגאויס דעם בלויען ים־ברעג, ווייט אָוועק הינטער דער האַפן־שטאָט סמירנע. זיי זע־נען געווען פאַרטיפט אין אַ סודותפולן שמועס און עס איז זיי לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען די חמימהדיקע היץ און תכלתדיקע בלויקייט פון וואַ־סער, וואָס האָט געגלעט און באַרואיקט דאָס געמיט פון מענטש. די בליקן זייערע, וואָס זענען פאַרזונקען געווען איינע אין די אַנדערע, האָבן זיך פון צייט צו צייט אויפגעהויבן און ווי אַ בלאָנדזשע־געטאָן איבערן ווייטן בלויליך־פאַרנעפּלטן מרחק, דאָרט ווייט אָוועק ווו הימל און וואַסער קומען זיך צוזאַמען. אָבער זיי האָבן גאָרנישט געזען.

דאָס ווינטל, וואָס האָט פּלוצלינג אַ צי־געטאָן און מיט בריענדיקן אָטעם געגלעט זייערע פּנימער, האָט זיי אויפגעוועקט פון זייער פאַרטיפטן געשפּרעך. די פּנימער האָבן געפלאַמט, די אויגן האָבן געגליט מיט יוגנט־לעכן פייער. אַ פאַרשעמטער שמייכל איז געקומען איבער איינעמס ליפּן און ער האָט אַ מורמל־געטאָן מיט אַ טאָן פון פאַרענטפערן זיך:

— מיר זענען צופיל אַריינגעטאָן אין די העכערע וועלטן און מיר זענען גאָרנישט וואָס אונטן, אויפן עולם השקר, קומט פאָר. מען וועט אונדז

אין הימל דאָס פאַררעכנטע פאַר אַ גרויסער זינד, מיין טייערער און איינ־ציקער חבר שבתי צבי... האָסטו זיך צוגעהערט צו די רייד, וואָס די צוויי פרעמדע אַנטלאָפענע יידן פון וויטן פוילן האָבן נעכטן אין בית המדרש דערציילט? אַ שוידער איז איבער מיין לייב אַדורכגעגאַנגען, בעת זיי האָבן איבערגעגעבן וועגן די שרעקלעכע פיין און יסורים, וואָס אונדזערע ברידער שטייען־אויס פון די קאָזאַקן און טאָטערן.

— נעם זיך נישט אַזוי שטאַרק איבער, מיין חבר משה פינהייראַ. פאַר מיר זענען אָט די שרעקלעכע פאַסירונגען קיין נייעס נישט. איך האָב גע־לייענט אין אַ ספר, אַז איידער משיח וועט קומען וועלן יידן גרויסע יסורים און פורעניות אויסשטיין. דאָס איז די מלחמה פון גוג ומגוג, אין וועלכע די דאָזיקע צוויי סלאַווישע פעלקער, די פוילן און קאָזאַקן, זענען פאַר־וואַנדלט געוואָרן.

— אָבער דערוויילע קומען דאָך אום אונדזערע ברידער און שוועסטער, טייכנווייז גיסט זיך זייער בלוט! זייערע קליינע קינדער ווערן געקוי־לעט ווי אָרעמע שעפעלעך! ווער וועט דערלעבן די גאולה און פאַר וועמען וועט קומען די אויסלייזונג? — האָט משה פינהייראַ געפרעגט מיט טרערן אין די אויגן.

— אָן בלוט איז נאָך קיין שום פרייהייט נישט דעראָבערט געוואָרן מיין חבר, — האָט שבתי צבי געענטפערט. — געדענקסטו די דינים פון קרבנות, ווו עס שטייט געשריבן: איזהו מקומן של זבחים? ווו קוילעט מען די קרבנות? ווערט דאָרט באַלד געענטפערט: קדשי קדשים שחיטתן בצפון — די יידן, וועלכע זענען ביי גאָט די הייליקסטע קינדער ווערן גע־שאָכטן אין צפון, דאָרט ווו עס געפינט זיך דאָס ווייטע פוילן... דאָס איז אַ רמז, אַז פוילישע יידן ברענגען איצט זייער קרבן פאַר דער אויסלייזונג פון אונדזער פאָלק, און די אויסלייזונג וועט קומען היינטיקס יאָר, אין ת״ח (1648), וואָס אויף אים האָט נאָך אונזער טאַטע יעקב נביאות געזאָגט צו זיינע קינדער פאַרן טויט, ווען ער האָט פאַר זיי מגלה געווען דעם קץ. עס שטייט דאָרט געשריבן: וזאת אשר דבר להם אביהם, און דאָס האָט געזאָגט זייער פאָטער. דאָס וואָרט זאת באַטרעפט די ציפער 408, פונקט ווי עס באַטרעפן די אותיות ת״ח...

שבתי צבי'ס אויגן האָבן געלויכטן ווי פאַספאַר. ער האָט געשלאָגן פון זיי אַ גרין־בלוילעך לויטער פייער. ער האָט געפילט, ווי ער וואָלט

איבער זיין ייִנגערן איבערגעגעבענעם חבר, משה פינהײַראָ, אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון און אים אַנטדעקט אַ גרויסן סוד...

משה פינהײַראָ, מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון זיין הויך־געוואַקסענעם חבר שבתי צבי, האָט אַ בליק־געטאָן מיט זיינע ים־בלויע אויגן, און דאָס קיילעכ־דיקע פאַררויטלטע פּנים האָט זיך צעשטראַלט וואָס ער איז אין דער רגע געוואָר געוואָרן אַזאַ גרויסן סוד. ער האָט אַראָפּגעבויגן צו זיך זיין חברס קאָפּ און אים אַ קוש געגעבן אין שטערן. מיט ציטערדיקע ליפּן האָט ער קוים געקאָנט אַרויסמורמלען:

— הייליק זענען די ייִדישע קרבנות פון מדינת פּוילן, זייער אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט איז אַזוי ריין, פּונקט ווי עס איז ריין געווען דאָס בלוט פון דער אומשולדיקער טויב, וואָס מ׳האָט מקריב געווען אויפן מזבח; און דו, מיין חבר, ווייל דו קומסט אַרויס פון דער הייליקסטער גזע ביים ייִדישן פאָלק, פון מלכות בית־דוד, וועסט זוכה זיין אויסצולייזן דאָס פאָלק ישראל פון קנעכטשאַפט. דו ביסט דער געזאַלבטער פון גאָט, דער לאַנג־דערוואַר־טער משיח בן־דוד!

און ער האָט זיך אַזוי איבערגענומען פון זיינע אייגענע רייד וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ נבואה, אַז ער האָט זיך אַזש צעוויינט פון גרויס התלהבות און דערהויבנקייט; ער האָט אַרומגענומען זיין חבר און אים צוגעדריקט צו זיך, מורמלענדיק מיט די ליפּן, ווי פאַר־חלשט: „משיח, משיח, משיח!"

ביי שבתי צבי האָבן די אויגן אויפגעפינקלט מיט אַ פייכטקייט. ער האָט ארויפגעלייגט ביידע הענט אויף זיין חברס אַקסלען, אַריינגעקוקט אים טיף אין זיין בלויען, פאַרחלומטן בליק און באַוווּנדערט דעם טיפן גלויבן וואָס ער האָט אין אים, און ער איז אַליין אויך איבערגענומען געוואָרן פון זיינע רייד, און די אמונה אַז ער איז דער משיח, וואָס ער טראָגט געהיים אין זיין פאַנטאַזיע פון ייִנגלווייז־אָן, האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט אין אים.

אַ הייליקער ציטער איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבער אַלע זיינע גלידער. עס איז אים מיטאַמאָל הייס געוואָרן, און באַלד איז אַ קעלט אַדורך איבער זיין לייב. פּלוצלינג האָט ער פון זיך זיינע קליידער אַראָפּגעוואָרפן און אַריינגעשפּרונגען אין די קילע וואַסערן פון ים. ער האָט זיך זיבן מאָל טובל געווען. דאָס וואַסער האָט זיך קרישטאַל־וויס צעשוימט איבער זיין קאָפּ און

מיט מיליאַרדן דימענטן אַ שימער־געטאָן אין דער זון, און באַלד האָט ער זיך ווידער באַוויזן איבער דער אויבערפלאַך פון וואַסער.

שבתי צבי איז אַרויסגעשפּרונגען פון ים. זיין נאַקעט לייב האָט גע־בלענדט אין דער ליכטיקייט פון טאָג. ער איז אַ ווייל געשטאַנען אויסגע־שטרעקט, כדי דאָס וואַסער זאָל פון זיין לייב אַראָפּרינען. דערנאָך האָט ער צוריק אַרויפגעוואָרפן אויף זיך די קליידער און אויסגערופן צו זיין שטוי־נענדיקן חבר משה פינהייראַ:

— קום גיכער אין שטאָט, ווייל מען וועט אונדז באַלד קומען זוכן, און איך וויל נישט, אַז מען זאָל וויסן וועגן אונדזער היינטיקן שפּאַציר ביים ברעג פון ים.

משה פינהייראַ האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט בלויז אויפגעהויבן זיין בליק אויפן חבר, וועלכער האָט איצט, ווי עס האָט זיך אים אויסגע־דאַכט, געשטראַלט פון גליק. היינט אָונט איז דאָך זיין חתונה.

— ביסטו גליקלעך, שבתי צבי?.. — האָט ער אים אַ פרעג געטאָן

— דיין גוף וועט היינט באַהעפט ווערן מיט דיין באַשערטער, דער שענסטער טאָכטער פון יידישן פאָלק. ווייל איז דעם דאָזיקן מיידל, וואָס האָט דערצו זוכה געווען און ווויל איז דיר וואָס דער אויסרוף פון פערציק טעג פאַר דיין געבוירן ווערט היינט אָונט מקוים! ווען צוויי הויכע נשמות באַהעפטן זיך, פרייט זיך דער רבונו של עולם, דער מזווג־זיווגים, און ווען כביכול פרייט זיך, קומט אַ גאולה אויף דער וועלט...

אַ שאָטן האָט אַ שוועב־געטאָן איבער שבתי צביס פּנים. זיין ליכטיקער בליק איז ווי פינצטער געוואָרן און זיין ברייטער שטערן האָט זיך געקנייטשט מיט רוגזה.

— רעד נישט אַזוי... — האָט מיטאַמאָל שבתי צבי ווי נישט מיט זיין קול אַרויסגעבראָכט — דו פאַרשווועכסט גאָטס נאָמען ווען דו פאַרבינדסט אים מיט דער קערפּערלעכער הנאה פון אַ מענטשלעך ווײַזן. מ׳טאָר אַזוי נישט רעדן. עס איז אַ זינד...

משה פינהייראַ האָט מיט זיינע פאַרחלומטע בלויע אויגן אַרויפגעקוקט צו זיין עלטערן חבר. זיין קיילעכדיק סאַמעט־פאַררויטלט פּנים האָט זיך פאַרשעמט. יעדעס פוכיקע הערעלע פון זיין קוים שפּראָצנדיק בלאָנד בערדל האָט געציטערט. ער האָט זיין גרויסן חבר נישט פאַרשטאַנען, הגם ער האָט שטענדיק געפילט יענעמס נשמה־פלאַטער. ער האָט נישט געקאָנט באַ־

נעמען די גלייכגילטיקייט און די קאַלטקייט פון שבתי צבין צו זיין גרעסטן יום־טוב היינט אָונט. ער האָט אים דאָס מאָל שטאַרק מקנא געווען.

די גאַנצע שטאָט מיט אירע הונדערטער יידישע משפחות האָט זיך געגרייט צו שבתי צביס גרויסער חתונה. די יידישע געשעפטן פון דער רעשיקער האַפן־שטאָט זענען געשלאָסן געוואָרן נאָך גאַנץ פרי. דער האַפן, וואָס איז פול געווען מיט זעגל־שיפן פון דער גאַנצער וועלט, איז אַנטשוויגן געוואָרן דעם היינטיקן טאָג; מען האָט נישט אָנגעלאָדן און נישט אויסגעלאָדן קיין שיפן.

די האַפן־שטאָט סמירנע האָט לעצטנס געהאַט אויפגעלעבט צוליב דער מלחמה, וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן טערקיי און דער קליינער מדינה ווענעדיג. אַלע שיפן, וואָס פלעגן זיך ביז איצט אָפּשטעלן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אויפן אייראָפּעאישן ברעג, האָבן זיך איבערגעטראָגן קיין סמירנע, וואָס געפינט זיך אין אַזיע ביים ברעג פון עגעאישן ים.

יידן זענען אַ דאַנק דעם דאָזיקן צופאַל זייער רייך געוואָרן. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען דער אַמאָליקער עופות־הענדלער ר׳ מרדכי צבי בן אליהו בן שבתאי, שבתי צביס פאָטער. ער איז צוליב דער מלחמה אויפגעריכט געוואָרן, ער איז געווען דער פאָרשטייער פון אַ גרויסער פירמע אין גרויס־בריטאַניע און ער האָט ביי דער דאָזיקער פירמע פאַרדינט זייער אַ סך געלט.

שבתי צבי האָט כמעט שוין נישט געדענקט דאָס אָרעמע הייזל, ווו ער איז געבוירן געוואָרן. ער איז פון זיינע צוועלף יאָר אָן שוין דערצויגן געוואָרן אין רייכטום און אין לוקסוס. ער איז געווען דער געליבטסטער זון ביי זיין פאָטער מרדכי צבי און זיין מוטער אסתר. דער פאָטער, וועלכע איז אַליין אויך געווען אַ גרויסער מקובל, האָט געהאַלטן, אַז דאָס מזל האָט אים אָנגעהויבן אויפשיינען אַ דאַנק דער הייליקייט פון זיין זון שבתי צבי, וועלכער האָט פון קינדווייז אָן געשוועבט אין די הימלען.

אַ דאַנק ר׳ מרדכי צביס רייכקייט און אַ דאַנק דער גרויסקייט פון זיין יונגן זון דעם מקובל, וועלכער האָט געלערנט ביים גרעסטן תלמיד חכם פון יענער צייט ר׳ יוסף אישקפא, האָט ער אַ שידוך געטאָן מיטן רייכסטן ייד אין סמירנע, וועמענס טאָכטער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע שיינקייט.

האָט זיך טאַקע די גאַנצע שטאָט געגרייט צו דער רייכער חתונה. קינד

און קייט האָט גערעדט וועגן דער גרויסער שמחה, וואָס זיי דערוואַרט היינטיקן אָוונט. די מלמדים האָבן געשלאָסן זייערע חדרים, דאָס בית־המדרש איז געוואָרן אויסגעליידיקט, אַלע בחורים האָבן זיך געפּוצט און געשלייערט צום ביינאַכטיקן קבלת־פּנים פאַרן חתן.

פון אַלע אַרומיקע שטעט און שטעטלעך זענען זיך צוזאַמענגעקומען אָרעמעלייט, וועלכע האָבן זיך געריכט אויף אַ זעטיקער סעודה און רייכע נדבות. אַפילו גויים האָבן זיך געגרייט צו דער דאָזיקער אויסערגעוויינ־לעכער געשעעניש און האָבן געוואָרפן זייער אַרבעט.

צו דער חתונה פון זיין זון שבתי צבי האָט ר׳ מרדכי צבי פאַרבעטן די סוחרים פון גרויס־בריטאַניע, וועלכע האָבן זיך גראַד געפונען אין סמירנע; קאַפּיטאַנען און אָפיצירן פון זעגל־שיפן האָבן זיך אָנגעקליידט אין זייערע שענסטע אוניפאָרמען און געגרייט זיך צו קומען אָנקוקן די שענסטע יידישקע אין דער וועלט. ר׳ מרדכי האָט אויך פאַרבעטן אויף דער חתונה דעם פּאַשאַ פון דער האַפן־שטאָט מיט זיין גאַנצער סוויטע.

מער פון אַלעמען האָבן זיך געגרייט צו דער חתונה שבתי צביס נאָענטע חברים, צווישן זיי משה פינהייראַ און יצחק סילוויירא. זיי זענען נאָך שבתי צבי, געווען די גרעסטע מקובלים אין לאַנד. די דאָזיקע צוויי חברים זיינע זענען אינגאַנצן צעטומלט געווען פון דער דאָזיקער געשעעניש.

משה פינהייראָ, וועלכער האָט איצט באַגלייט שבתי צבי אַהיים, ער זאָל זיך צוגרייטן צו דער חופה, אין די לעצטע נאַכט כמעט אינגאַנצן נישט געשלאָפן. עפּעס מאָדנע קאָשמאַרן זענען אים באַפאַלן סיי אין שלאָף און סיי אויף דער וואָך, און אויסטערלישע בילדער האָבן זיך פאַר זיינע אויגן געמאָלן. ער האָט די כלה פון זיין חבר שבתי צבי, די שיינע רחל, ווי אַלע בחורים אין סמירנע האָבן זי גערופן, געזען אַנומלט אין זיין פאַרשטעלונג אינגאַנצן אַ נאַקעטע. זי האָט אים אַזוי גערייצט און געלאָקט מיט איר אַלבאַסטער־ווייסן קערפער און געטאָקטע גלידער, אַז דאָס בלויט אין זיינע אָדערן האָט זיך אים אָנגעצונדן און ער איז שיער נישט אַראָפּ פון זינען.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי, איז ער גיך אַראָפּגעשפרונגען פון זיין געלעגער און מיט קאַלט וואַסער זיין לייב איינגעריבן. ער האָט מיט די ליפּן אַ תפילה בלחש געפּליסטערט און געבעטן ביי גאָט, ער זאָל אים מוחל זיין די גרויסע זינד. דערנאָך איז ער אין בית־המדרש געלאָפן,

אויפגעזוכט זיין חבר יצחק סילווייראַ און אים דערציילט וועגן זיינע זע־אונגען. ער האָט זיך געבעטן ביי אים:

— שלאָג מיך 39 מלקות, ווייל כ'האָב פאַרזינדיקט מיין נשמה. איך האָב אין חלום און אין דער וואָר עובר געווען אויף „לא תחמוד", כ'האָב געגלוסט צו מיין חברס כלה...

יצחק סילווייראַ האָט אים באַרואיקט און געזאָגט מיט אַ ציטערדיקער שטים:

— דיין זינד איז קיין זינד ניט, משה פינהייראַ. האָסט געהאַט אַ זכיה אין הימל, וואָס מ'האָט דיר די מטרוניתא געוויזן אין איר גאַנצער נאַקעט־קייט. זי וועט דאָך היינט ביינאַכט באַהאַפטן ווערן מיט שבתי צבי, וואָס איז די העכסטע נשמה פון אונטערן כסא הכבוד און ממילא איז זי, זיין כלה, פון דער זעלבער מדרגה; זי איז פונקט אַזוי הייליק ווי ער און ער ווי זי. האָסט דעריבער געהאַט די זכיה אין הימל באַשאַנקען צו ווערן מיט אַ ניצוץ פון איר הייליקייט. הלוואי וואָלט איך די דאָזיקע זכיה געהאַט...

די אויגן ביי ביידע בחורים האָבן געגליט, זייערע קערפּערס האָבן געטרייסלט זיך פון ציטערניש און תאווה. זיי האָבן זיך ביידע פאַרטיפט אין די דינים פון חתן־כלה, פאַרשליסנדיק די אויגן.

דערנאָך האָבן זיי, פאַרשעמטע איינער פאַרן אַנדערן, זיך צעשיידט און צוגעזאָגט זיך צו טרעפן ביים קבלת־פנים פון זייער חבר שבתי־צבי. משה פינהייראַ האָט אויפן וועג פון בית־מדרש זיך אַ ביסל באַ־רואיקט, און אָנשטאָט, ווי ער האָט געהאַט פריער באַשלאָסן, צו גיין צו זיך אַהיים, האָט ער גאָר געווענדט זיינע טריט צו דער היים פון זיין חבר שבתי צבי, כדי אים צו פאַלן צו די פיס און בעטן ביי אים פאַר־געבונג, וואָס ער האָט געוואַגט אַפילו אין חלום זיין כלה אין איר נאַקעט־קייט צו זען... און נישט טרעפנדיק אים אין הויז, איז ער געלאָפן צום ברעג ים, ווו שבתי צבי פלעגט געוויינלעך יעדן פרימאָרגן גיין נעמען טבילה, און דאָרט האָט ער אים באַגעגנט איינעם אַליין אַרומגיין אַ פאַרטיפטן ביים בלויען פאַרנעפּלטן וואַסער. אַ לאַנגע צייט האָט ער אים באַטראַכט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז שבתי צבי איז אַ נישט דאָ־וועלטיק געשטאַלט. ער האָט מיט די הענט אין די הויכן זיך געצויגן, ווי ער וואָלט אין די הימלען געוואָלט פליען. ער איז געווען ווי אַ פייער־פלאַקער און טיילמאָל

האָט זיך פון זיין קעל אַרויסגעריסן אַ מאָדנער געשריי, גלייך ער וואָלט צו עמעצן אַ גרויסע טענה געהאַט.

ווען שבתי צבי האָט אים ענדלעך באַמערקט, האָט ער פאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן; ער האָט אים אַ נעם געגעבן אונטערן אָרעם און זיי האָבן ביידע אָנגעהויבן הין און צוריק צו שפּאַצירן און פאַרטיפן זיך אין אַ שמועס וועגן קבלה, וועגן רבי שמעון בן יוחאי, וועמען אַ פייער פון הימל האָט אַרומגענומען, ווען ער האָט מיט זיין זון געלערנט די געהיימע סודות פון בריאת העולם. זיי האָבן זיך געהאַט פאַרשמועסט ביז אַ שטיק נאָכמיטאָג.

איצט באַגלייט ער אים אַהיים, אָבער פאַר די אויגן טאַנצט אים אָקעגן די נאַקעטע געשטאַלט פון דער שיינער רחל, די כלה פון זיין חבר שבתי צבי. אויף דער גאַס האָט זיי יעדער אָפּגעטראָטן דעם וועג, פיל מענטשן האָבן זיך טיף גע־בוקט פאַר שבתי צבי, אויף וועלכן זיי האָבן געקוקט ווי אויף דעם צוקונפ־טיקן דערלייזער. שבתי צבי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן לייוונטענעם כאַלאַט, וואָס האָט געפּעכלט פון ריינקייט, און פון זיין לייב האָט געשמעקט מיט אַ ריח גן־עדן. טייל יונגע פרויען האָבן זיך צו אים דערנענטערט, אָנגערירט ביים אַרבל און אַ קוש געטאָן זיך אין דער האַנט. זיי האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ סגולה צו האָבן אַזעלכע שיינע קינדער ווי עס איז שבתי צבי, און אויך אַזעלכע צדיקים; און ווער עס האָט זוכה געווען, אַז דער יונגער מקובל זאָל וואַרפן אויף איר אַ בליק מיט זיינע גרינע פאַספאָר־אויגן, איז זי געלאָפן מיט פרייד אַהיים אָנזאָגן דעם מאַן די גרויסע בשורה, און זי האָט אים גערייצט און געלאָקט, ער זאָל הייַנטיקע נאַכט זי באַזיצן און אַזוי אַרום ברענגען אויף דער וועלט, אַ זון אַ צדיק, וואָס זאָל פאַרשיינען זייער הויז...

אין דער לופט האָט זיך געפּילט אַן אָנגעגליטע תאווה. יונגע בחורים־לעך און מיידלעך האָבן מיט פאַרמאַכטע אויגן אויף זייערע געלעגערס געחלומט וועגןליידנשאַפטלעכן גענוס. עלטערע מענטשן, מענער און פרויען, זענען ווי ייִנגער געוואָרן און האָבן אַרויסגעוויזן גלוסטיקייט איינע צו די אַנדערע. עס האָט אויסגעזען, ווי דער יצר הרע וואָלט אויפן הייַנטיקן טאָג איבערגענומען די ממשלה. ער האָט אַרומגעשמייעט איבער די שטובן און יעדן מאַן און יעדער פרוי איינגערוימט זינדיקע געדאַנקען.

— און אפשר איז עס נישט דער יצר־הרע... — האָט געשעפּטשעט איין

בחורל דעם צווייטן אין בית־המדרש, ווען זיי זענען געזעסן איבער עפּעס אַ געהיים ספרל און מיט צעפּלאַמטע אויגן פון דאָרט אַרויסגעלייענט ציג־דנדיקער ווערטער — שטייט דען נישט אין דער תורה: פרו ורבו, פּרוכפּערט זיך און מערט זיך... האָט דען נישט אונדזער פאָטער אברהם געשיקט אליעזרן צו ברענגען אַ ווייב פאַר זיין זון יצחק און יענער האָט אים געבראַכט די שיינע רבקה, די טאָכטער פון בתואל... האָט דען אונדזער פאָטער יעקב נישט געקושט רחלען, ווען ער האָט זי אָנגעטראָפן ביים ברונעם, און דער חשק צו איר האָט אין אים אַזוי פיל קראַפט אַריינגעגעבן, אַז ער האָט דעם ריזיקן שטיין אַראָפּגעקאָלערט פון מויל פון דעם ברונעם און געהאָלפן אָנטרינקען רחלס שעפּסן...

די זון האָט זיך שוין געהאַט אַ בייג־געטאָן צו מערב. און אָנגעצונדן די פענצטער פון פיל הייזער. דער הימל האָט באַקומען די קאָליר פון בלאַסע פּערל, געמישט מיט פּורפּור און בלוי... צו די אויערן האָבן זיך דערטראָגן די טענער פון טראָמפּייטן און פידלען. דאָס האָבן די קלעזמערס געשפּילט אין הויז פון דער שיינער כלה רחל.

אין ווייסע זיידענע חופּה־קליידער איז זי געזעסן ביי זיך אין צימער און צענדליקער חברטעס אַרום איר האָבן ביי איר די צעפּ פונאַנדערגע־פלאָכטן און דערביי פאַרשטיקט געשעפּטשעט איר אין אויער פאַרשייטע ווערטער, פון וועלכע דאָס יונגע מיידל איז צונטער־רויט געוואָרן. די יונגע ברוסטן האָבן געצאַפּלט, די שוואַרצע גליאיקע אויגן האָבן גע־פלאַקערט און אַ גלוסטיקייט האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן איבער אירע גלי־דער. עס האָבן געברענט אין דעם צימער פיל וואַקסענע ליכט, וואָס האָבן פאַרשפּרייט אַן עיפּושדיקן ריח, פון וועלכן דער כלה איז נישט גוט געוואָרן. זי איז געוואָרן בלאַס און געווען נאָענט פון חלשן. פאַרשטיקטע מיידלשע געלעכטערס האָבן מיט סודותפולער ליידנשאַפט אַלעמען אָנגעפּילט.

דורך די פענצטער האָט מען געזען אין דעם פּורפּור־בלוילעכן דרויסן פיל פּנימער. דאָס האָבן יונגע יינגלעך און מיידלעך געשטופּט זייערע אויגן צו די שויבן און געוואָלט אָנקוקן די כלה, וואָס דאַרף די נאַכט באַשלאָפן ווערן דורך דעם יונגן שבתי צבי. די יינגלעך האָבן, קוקנדיק אויף די פיל אויסגעשלייערטע מיידלעך אין דער כלהס שטוב, די סליבע געשלונגען און די פּנימער האָבן ביי זיי געגליט.

און ווען דער אָוונט איז צוגעפאַלן, פון דער זון איז שוין קיין זכר נישט געהאַט פאַרבליבן, דער ים איז געלעגן אַ פאַרלאָשענער און די גאַסן זענען גאָר שוואַך באַלויכטן געווען פון די ליכט אין די הייזער — האָט עפּעס אַ געהיימע שטילשווייגעניש געהויערט אין יעדן ווינקעלע.

אָפּגעשלאָסן אין זיין צימער איז איצט שבתי צבי געזעסן אַ פאַרציטערטער פון דערוואַרטונג. ער איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסע זיידענע קליידער, מיט אַ גרינעם גאַרטל אַרומגענומען, אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ הימל־בלויען שאַל. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אויפגעריסן פון זיין אָרט און אָנגעהויבן אַרומשפּרייזן איבערן חדר, וואָס איז געווען שוואַך באַלויכטן. איבער די פענצטער איז אַ געדיכטער פאָרהאַנג געווען אַראָפּגעהאַנגען און האָט קיינעמס בליק נישט צוגעלאָזן פון דרויסן. די אויגן האָבן ביי אים געפייערט און דאָס פנים האָט געפלאַמט פון אויפרעגונג. מיטאַמאָל האָט ער אָנגעהויבן מורמלען מיט אַ וויינענדיקער שטים אַ פסוק פון תהילים:

„מיין האַרץ צאַפּלט אין מיר און אַ טויט־שרעק איז אָנגעפאַלן אויף מיר. אַ מורא און אַ ציטערניש קומט אויף מיר און אַ שוידער האָט מיך באַדעקט, און איך זאָג: ווער גיט מיר פליגל ווי ביי אַ טויב און איך וואָלט אַוועקגעפליגן און גערוט. איך וואָלט אַוועקגעוואָגלט ווייט, איך וואָלט אַוועק אין דער מדבר אויף אייביק”...

אַ קלאַפּ אין טיר האָט אים פון די העכסטע הויכן אויף דער זינדיקער ערד אַראָפּגעבראַכט און דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן האַסטיקער צו שלאָגן...

— מזל־טוב, חתן, מזל־טוב! דאָס מזל זאָל דיר שיינען אויף דיין גאַנץ לעבן, פונקט ווי עס שיינט דאָס פנים פון דער כלה — האָבן ביי אַ צענדליק מענטשן אויסגערופן מיט טומל, אַריינשטופנדיק זיך אין צימער, וווּ שבתי צבי איז געשטאַנען אַ בלאַסער און געקוקט צעשטרייט אויף דער אַריינגעקומענער ווילדער חברה.

— איצט, אין אַזאַ געהויבענעם מאָמענט פאַר דיר, זיצסטו נאָך אַלץ פאַרטראַכט איבער דיינע ספרימלעך, שבתי צבי — האָט איינער אַ יונגערמאַן צו אים אויסגערופן מיט צופיל חוצפה אין זיין טאָן.

שבתי צבי האָט אָבער אפילו נישט געהערט דעם יונגנמאַנס פּראַגע. ער האָט אַ צעטומלטער אָנגעהויבן קוקן אַרום זיך, פינטלען מיט די אויגן און נישט געוווּסט וואָס דאָ טוט זיך.

פון דרויסן הינטערן פענצטער האָבן זיך אַריינגעריסן אָפּגעריסענע קולות, יונגע און קוויטשיקע, עלטערע און באַסאָווע. מ'האָט דאָרט געלאַכט און געכאַכאַטשעט און מ'האָט זיך איינע די אַנדערע געמאַכט פּרעכע באַמערקונגען אויף עמעצנס חשבון. טיילמאָל האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען וועט מיט דעם געשטופּעריי און געדראַנג אינדרויסן די שויבן אויסזעצן.

שבתי צבין האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז פון ערגעץ אַ הויכער שיינער וועלט אַראָפּגעפאַלן אין אַן עולם התוהו. אָט דאַכט זיך אים אויס אַז ערשט נאָר־וואָס איז ער פאַרנאַכט צוריקגעקומען פון טבילה, און ער האָט זיך דערנאָך אַוועקגעזעצט ביים ספר דניאל, וואָס האָט אים שטענדיק אַזוי צוגעצויגן, און ער האָט אַרויסגעלייענט פון אים:

„איך האָב געזען, טראָנען האָט מען אויפגעשטעלט, און אַן אַלטער אין יאָרן האָט זיך אויף אים אַרויפגעזעצט; זיין מלבוש איז געווען ווי ווייסער שניי, און די האָר פון זיין קאָפּ ווי לויטערע וואָל; זיין טראָן איז געווען פלאַקערדיק פייער, די רעדער פון טראָן — גליענדיקער פלאַם. אַ טייך פון פייער האָט אַרויסגעשטראָמט און איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר אים; טויזנט מאָל טויזנט האָבן אים באַדינט און צען טויזנט מאָל טויזנט זענען פאַר אים געשטאַנען; אַ בית־דין איז געזעסן, און ביכער זענען געווען געעפנט".

און ער, שבתי צבי, האָט דאָס אַלץ אַזוי באַשיינפּערלעך געזען. עס האָט אים נאָך פאַר די אויגן געבלענדט דאָס פייער פונעם געטלעכן טראָן, ער האָט נאָך אין זיינע אויערן פאַרנומען דעם געפּאָך פון די מלאכימס פליגל. און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז נישט געלייענט האָט ער וועגן דעם אין ספר דניאל, נאָר דאָס איז ער אַליין אַרויפגענומען געוואָרן אין די הימלען צוליב זיין פיל מאָל גיין צו טבילה און צוליב דער פייניקונג פון זיין לייב. ער פאַסט שוין דעם צווייטן טאָג. זינט נעכטן פאַרטאָג האָט ער אין זיין מויל קיין טראָפּן וואַסער נישט געהאַט. ער פילט זיך עפּעס אַזוי לייכט, ווי ער וואָלט אויף אומגעזעענע פליגל געטראָגן געוואָרן ערגעץ אין ווייטע, ברייטע הימלישע רוימען. צו זיינע אויערן גרייכן אַזאַ זיסע מוזיק, גלייך מלאכים וואָלטן פאַר אים געזונגען שירה...

אַ ציטער פון התלהבות איז איבער זיין אויסגעפייניקטן קערפּער אַדורך, אין די אויגן האָט זיך אים אָנגעצונדן אַ פלאַם, וואָס האָט אים אַ ברײ־געטאָן, ווי ער וואָלט לעבן אַ ברענענדיקן קאַלך־אויוון געשטאַנען.

און — דאָ האָט מען אים פּלוצלינג פון אַלע הויכע הימלען אַראָפּגע־צויגן, און אָנשטאָט די אומזעבאַרע מלאכים־געשטאַלטן, וואָס האָבן נישט קיין שאָטן פון אַ גוף, האָט ער ווידער דערזען אַרום זיך גראָבע מענטשלעכע געשטאַלטן, הוילע גשמיות; און ווידער הערט ער זייערע רויע און פּרעכע רייד, וואָס גרילצן אים אין די אויערן.

ער האָט אַ קרעכץ־געטאָן און אויסגערופן מיט אַ שטיל קול: „רבונא דעלמא כולא״, האַר פון דער גאַנצער וועלט...

ער האָט זיך געלאָזט אָנגעמען אונטער די אָרעמס און אַרויספירן פון זיין אָפּגעזונדערטן צימער. ער איז מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ ים מיט ליכט, אַז ער האָט אויף אַ רגע געמוזט פאַרמאַכן די אויגן. צענדליקער מעשענע מנורות און הענגלײַכטער האָבן מיט זייערע הונדערטער וואַקסענע ליכט פאַרגאָסן די ריזיקע שטוב מיט העלן שיין. עס זענען דאָרט געווען פאַר־זאַמלט אַ סך געסט אָנגעטאָן אין ווייסע און אין העל־קאָלירטע זיידענע קליידער. מענער זענען געווען אָפּגעטיילט פון די פרויען מיט אַ גרויסן דורכזיכטיקן פאָרהאַנג.

שבתי צביס בליק איז נישט־ווילנדיק געפאַלן אין דער זייט, וווּ עס זענען געזעסן די פרויען און ער האָט באַמערקט פון אויבנאָן זיין כלה. זי איז געזעסן אין אַ שוימיק־ווייסן קלייד, מיט אַ שלייער איבער איר פּנים אַריבערגעצויגן, אַזוי אַז ער האָט איר געזיכט נישט געקאָנט אָנקוקן. אַרום איר זענען צופּוסנס געזעסן אירע חברטאָרינס.

ווען דער חתן איז אונטער די אָרעמס אַריינגעפירט געוואָרן אין דעם ריזיקן צימער מיט די פאַרזאַמלטע געסט, האָט זיך אויפגעהויבן אַ גע־הודזשעריי און אַ גערעדעריי, אַז מ'האָט קיין וואָרט דערפון נישט געקאָנט אונטערשיידן. דער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן: „ברוך הבא!״ זיינע חברים, מיט משה פינהייראָ און יצחק סילווייראָ אין דער שפּיץ, זענען אים אַנטקעגנגעגאַנגען, האָבן אים אַרומגערינגלט און צוגעפירט אויבנאָן.

דער פאָטער זיינער, מרדכי צבי, האָט געשיינט פון נחת און מיט שטאָלץ געקוקט אויף זיין מחותן, דעם רייכן סמירנער איינוווינער, ר׳ אהרן. דורך דעם

פאַרהאַנג האָט אַפּערגעשטעקט דעם קאָפּ, אין אַ ווייסער זיידענער טוך איינ־געהילט, שבתי צביס מוטער, אסתר. פון די פאַרוויינטע אויגן האָבן גערונען טרערן איבער די צעקנייטשטע באַקן, טרערן פון גרויס פרייד און נחת, וואָס זי האָט צו אַזעלכע דערלעבט.

די קלעזמערס האָבן אָנגעהויבן שפּילן אַ טרויעריקן ניגון, כדי אין דער דאָזיקער גרויסער פרייד צו דערמאָנען אין חורבן בית־המקדש און אין גלות.

צווישן די פיל געסט אין דעם ריזיקן חתונה־זאַל זענען אויך געווען צוויי פרעמדע פּוילישע יידן, אַנטלאָפענע פון די שרעקלעכע כמיעלניצקי־שחיטות. זיי האָבן געהאַלטן די קעפּ טרויעריק אַראָפּגעלאָזט.

אָט ערשט ניט לאַנג, מיט עטלעכע חדשים צוריק, זענען זיי נאָך געווען חשובע באַלעבאַטים אין זייער קהילה אין טולטשין, מיט זייערע פרויען און קינדער ביי די יומטובדיקע טישן געזעסן, און איצט זענען זיי עלנטע אורחים ביי אַ פרעמדן טיש. די ווייבער מיט די קינדער זענען גע־וואָרן אויסגעהרגעט דורך די היידאַמאַקישע רוצחים און זיי אַליין איז ווי דורך אַ נס געלונגען זייערע נפשות צו ראַטעווען. אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן, אַז זיי האָבן דאָס טייערסטע פאַרלוירן.

און די דאָזיקע שטימונג האָט זיך צו שבתי צבין איבערגעגעבן, ווייל ער האָט קיין בליק פון זיי ניט אַראָפּגענומען, זינט ער איז אַריינ־געבראַכט געוואָרן פון זיין אָפּגעזונדערטן צימער. ער האָט מיט באַוווּנ־דערונג געקוקט אויף די פרעמדע יידן, אין וועמענס עלנט ער האָט גע־זען דעם עלנט פון גאַנצן יידישן פאָלק. דאָס האַרץ האָט אין אים אַ צאַפּל געטאָן, ווען ער האָט באַמערקט זייערע קעפּ, אַראָפּגעלאָזענע, אין טרויער. זיי זענען ביי אים אין די אויגן פאַרגעקומען ווי ניט דאָ־וועלטיקע מענטשן. עס האָט זיך אים ניט געקאָנט גלייבן, אַז מערדער קאָנען אויפ־שניידן די בייכער ביי פרויען און צערייסן קליינע קינדערלעך אויף דער העלפט ביי זייערע פיסלעך. און דאָס האָבן דאָך די דאָזיקע יידן אַליין דער־ציילט אין בית־המדרש.

די קלעזמערס האָבן ניט אויפגעהערט אַרויסצוברענגען טענער פון טרויער און פון יידישן אומעט. די ווייבער האָבן געשלוכצט אין זייערע פאַרטעכער אַריין, און איינע האָט אַפילו אַ פאַרוואָרף־געטאָן דעם קאָפּ און געחלשט.

אין דער גרויסער שטוב איז געוואָרן אַ טומל און אַ סומאַטאָכע. צווישן פאַרזאַמלטן עולם האָט זיך אַ דאָקטער אויסגעפונען, דאָס איז געווען איינער פון די קריסטלעכע פאַרבעטענע געסט. ער האָט צוגעלייגט צו דער פרויס נאָז אַ פלעשעלע מיט טראָפּנס און זי איז צו זיך געקומען.

— פּרעכטיקע ווייבער האָבן זיי, די יידן... — האָט דער דאָקטער שפּעטער אויפן אויער איינגערוימט זיין פריינד — עס איז פאַראַן ביי זיי עפּעס אַזוינס, וואָס ביי אונדזערע פרויען זעט מען דאָס נישט... בכלל, זענען די יידן אַן אויסטערליש פאָלק, עס שטעקט אין זיי עפּעס נביאיש. קוקט אָן, למשל, דעם חתן. האָט איר ווען עס איז געזען ביי אונדזערס אַ מאַן פון יונגן עלטער אַזאַ טרוימערישן בליק? ער געפינט זיך דאָך גאָרנישט מיט אונדז דאָביים טיש, ער שוועבט גאָר ערגעץ אין די הויכע אויסגעשטערנטע וועלטן...

— וואָס פאַרשטייסטו נישט, געאָרגי... — האָט אים זיין פריינד, אַ קאַפּיטאַן פון אַ גריכישער שיף, מיט אַ ציניש שמייכל צוריקגעשעפּטשעט — אַז מען וועט אונדזערן אַ יונגנמאַן געבן אַזאַ הערלעכע כלה, וועט ער אויך שוועבן אין דער לופטן... ער איז איצט מיטן געדאַנק ביי זיין כלה אין בעט, כע־כע־כע...

— יאָ, די כלה איז באמת אַ זעלטן וועזן... — האָט דער דאָקטער מיט ערנסט געענטפערט — זי איז אַ מלאכישע שיינהייט... אָבער נישט צוליב דעם שוועבט איצט דער יונגער שבתי צבי אין די העכערע וועלטן. זיי זענען מיסטיקער, די יידן... נישט אומזיסט האָבן מיר ביי זיי אַ גאָט געמוזט נעמען... עס זעט אויס, גלייך ווי אָט דער יונגערמאַן וואָלט גאָר מיט קיין מענטשלעכע וועזנס נישט געהאַט צו טאָן.

— אין עטלעכע שעה אַרום, ביי זיין יונגער כלה אין בעט, וועט ער שוין גאָר קיין מלאך נישט זיין...

ער האָט זיך באַלעקט און די אייגעלעך האָבן ביי אים אָנגעהויבן צו גלאַנצן, נעמענדיק צום וויפלטן מאָל אַ פריש גלעזל בראָנפן. ער האָט פאַרקרימט דאָס פנים און שטיקנדיק זיך מיט דעם בראָנפן, אַרויסגעשטאַמלט:

— ווי איך בין שוין נישט קיין יונגערמאַן, וואָלט איך זיך פון אָט דער יידישקע נישט אָפּגעזאָגט... עס איז זיי אָבער שווער איבערצורעדן, די יידישקעס. מיט אונדזערע איז עס אַ ביסל לייכטער...

— אָט וואָס איך זאָג... — האָט דער דאָקטער געענטפערט — זיי

זענען גאָר אַן אַנדער פאָלק, אַזוי די מאַנסלייט און אַזוי זייערע ווייבער... גייסטיקע מענטשן, דאָס קערפּערלעכע שפּילט נישט ביי זיי די הויפּט־ראָלע...

— דערפאַר האָט מען זיי פיינט — האָט דער קאַפּיטאַן, שוין אַ ביסל שיכורלעך, אויסגערופן.

— פאַר קנאה... — האָט דער דאָקטער אַריינגעוואָרפן.

— איך וויל נישט וויסן פאַרוואָס. מ'האָט זיי פיינט, און דאָס אַלץ... די קאָזאַקן פונעם אַטאַמאַן כמיעלניצקי שעכטן זיי ווי די שאָף, און י נער נעמט זיך פאַר זיי נישט אָן... מענטשן דאַרפן זיין מענטשן, נישט קיין מלאכים... — האָט דער גריכישער קאַפּיטאַן געפּלאָנטערט מיט דער שיכורער צונג.

— נו, אויב דו רופסט די קאָזאַקן דערפאַר אָן מענטשן, האב איך וועגן דעם מער גאָרנישט וואָס צו זאָגן — האָט דער דאָקטער בייזלעך געענטפערט.

— דו מוזט אוודאי שטאַמען פון זייעריקע... — האָט דער קאַפּיטאַן מיט עטוואָס חוזק אין זיין שטימע אַ זאָג געטאָן — אויב דו נעמסט זיך אַזוי שטאַרק אָן פאַר זיי.

עפּעס אַ געררודער איז אַנטשטאַנען ביים מענערישן טיש. קיינער האָט אויפן ערשטן מאָמענט נישט געוווּסט וואָס עס איז געשען, אָבער באַלד האָט זיך דערזען די טונקעלע געשטאַלט פון יצחק סילווייראַ. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און נאָך אים האָבן זיך א״פּ־געשטעלט אַלע בחורים אַרום חתן און מיט זיי אַלע געסט.

אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען די אימפּאָזאַנטע געשטאַלט פון רב יוסף אישקאַפּא, דער רבי פון שבתי צבי. אַ הויכער ייד מיט אַ שניי־ווייסער באָרד און מיט פינקלדיקע אויגן, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּחד. אין זיינע ווייסע זיידענע קליידער און אין דעם בלויען שאַרף, מיט וועלכן זיין קאָפּ איז געווען אַרומגענומען, האָט ער אויסגעזען ווי אַ געטלעכע געשטאַלט. ער איז אַזוי אַ ווייל געשטאַנען, אַרומגענומען מיט זיין שאַרפן בליק אַלע אָנוועזנדיקע געסט און אָפּגעשטעלט זיין אויג אויפן תלמיד זיינעם, אויף שבתי צבין. ער האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן מאַכן שנעלע שפּרייזן און זיך דערנענטערט צום פּלאַץ, ווו דער חתן איז געזעסן.

שבתי צבי האָט מיט דרך ארץ זיך אויפגעשטעלט, ווי וועלנדיק אָפּ־טרעטן זיין שטול דעם רבין. אָבער דער אַלטער ר׳ יוסף אישקפּא האָט אַ באַוועג־געטאָן מיט זיין ציטערדיקער האַנט און שטיל געזאָגט:

— חתן דומה למלך... דאַרפסט מיר דיין פּלאַץ בישט אָפּגעבן. עס וועט פאַר מיר זיין אַ גרויסער זכות, אַז דו וועסט מיר דערלויבן צו זיצן לעבן דיר...

— ער זעט אויס ווי אַ משיח... — האָט דער שיכורער קאַפּיטאַן זיך אָנגערופן צום דאָקטער, וועלנדיק אים איבערבעטן פאַר די פריערדיקע פרעכע רייד. — אַזוי האָט געמוזט אוודאי אויסזען דער אַפּאָסטאָל פּעטער, וואָס איז דאָך אויך אַ זייעריקער...

— האָב איך דאָך פריער געזאָגט — האָט דער דאָקטער מיט טריאומף געענטפערט — אַז וואָס מיר האָבן שיינס און דערהויבנס איז עס פון די יידן...

דער קאַפּיטאַן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי ער וואָלט זיך מיאש געווען פון דאָקטער. „ער וועט נאָך אָנגעמען זייער גלויבן״... האָט ער געטראַכט.

מען האָט אָנגעהויבן אַריינדערלאַנגען די ווינען און שאַרפע משקאות. באַדינער האָבן אָנגעהויבן אַריינברענגען כלערליי קרייטעכצער און סאַלאַטן, עס האָבן קאָנקורירט צווישן זיך די פאַרשידנסטע פאַרבן: גרין און רויט, בלוי און געל. עס זענען געשטאַנען גרויסע שיסלען מיט טונקל־גרינע איילבערטן און העל־גרינע סאַלאַטן, רויטער פעפער פון אונגאַרן און געזאָטענע געלע קיילעכדיקע אַרבעס. די פאַרשידענע געווירצן האָבן פאַרשמעקט די ריזיקע שטוב און דערוועקט גרויס אַפּעטיט ביי די געסט. בלויז שבתי צבי איז געזעסן און זיך נישט צוגערירט צו קיין איינער פון די געשמאַקע מאכלים אויפן טיש. ער האָט איצט געטראַכט וועגן זיין דרשה, וואָס ער וועט דאַרפן זאָגן פאַרן פאַרזאַמלטן עולם. ער האָט זיך געשראָקן פאַרן רבין, ר׳ יוסף אישקפּא, וועלכער איז געווען אַ שטרענגער מענטש און פון זיינע תלמידים געפאָדערט דאָס העכסטע...

פלוצלינג האָט זיך דער רבי געגעבן אַ שטעל־אויף און אויסגערופן:

— צו דער חופּה!...

די מוזיק האָט אויפגעשפּילט אַ מאַרש, און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן אויפשטעלן פון הינטער די טישן.

עטלעכע הונדערט מענטשן האָבן מיטאַמאָל זיך געוואָלט אַרויסבאַקומען אין דרויסן. דערפֿון איז אַרויסגעקומען אַ געדראַנג און אַ געשטופּעניש, און דאָס האָט פֿאַרהאַלטן די חופּה אויף אַ שיינע פּאָר מינוטן.

עס איז געווען אַ וואַרעמע אָב־נאַכט, צוויי טעג נאָך חמשה עשר באָב. אַ רויטע לבֿנה האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון דעם האָריזאָנט הינטער די בערג און באַגאָסן מיט פּורפּור־שיין די בײַנאַכטיקע וועלט. די הײַזער האָבן אויפֿגעטויכט פֿון דער פֿינצטערניש אַרויס, ווי פֿון ערגעץ אַן אומגעזעענעם אָפּגרונט און האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין בלוי און גרין, געמישט מיט פּורפּור, ווי עפּעס פֿאַנטאַסטישע באַשעפֿענישן וואָלטן אומבאַוועגלעך געהויערט אין דער נאָך טונקעלער לופֿט.

ביסלעכווײַז איז ליכטיקער געוואָרן אינדרויסן, די לבֿנה האָט אַלץ בלאַסער און בלאַסער געזייעט איר בלוי און גרין איבער דעם האָפֿן, איבער די שטיל־שטייענדיקע זעגלשיפֿן, איבער די הײַזער פֿון דער שטאָט, די פּראָצעסיע פֿון געסט, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פֿון דעם חתונה־הויז, האָט זיך געצויגן אין אַ לאַנגער ריי ביז צום הויף פֿון דער שול, וווּ די חופּה איז שוין געהאַט אויפֿגעשטעלט געוואָרן און בלויז געוואַרט אויף חתן־כּלה, כּדי זיי צו פֿאַראייניקן אויף אייביק.

די שטערן, וואָס האָבן פֿריער אַזוי געדיכט געהאַט באַלייגט דעם טונקל־בלויען הימל, האָבן זיך געלאָשן איינע נאָך די אַנדערע, אַזוי שנעל ווי די לבֿנה איז העלער און העלער געוואָרן און איז שוין איצט געשווומען ווי אַ זילבערנע שיסל אינמיטן פֿון אַ טונקעלער בלויקייט.

דער גאַנצער עולם איז שוין געווען פֿאַרזאַמלט אַרום דער חופּה. מ'האָט שוין צוגעפֿירט חתן־כּלה, נאָך וועלכע אַ מחנה פֿון אָפּגעריסענע ייִנגלעך זענען נאָכגעלאָפֿן און געשריגן עפּעס אומפֿאַרשטענדלעכע רייד און מ'האָט נישט געוווּסט, צי דאָס איז געזידלט אָדער גאָר גוט־געווונטשן...

אַ ים מיט ליכט האָט געלויכטן אַרום דער חופּה, איטלעכער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ ליכט און צוגעלויכטן חתן־כּלה צו זייער אייביקן וועג פֿון גליק און הצלחה, אויך די קרישטאָלעכע געסט, וואָס די מחותּנים האָבן אײַנגעלאַדן, זענען נישט אָפּגעשטאַנען פֿון דעם דאָזיקן מנהג, זיי האָבן זיך געשטופּט נענטער צו דער חופּה, כּדי גוט צו קאָנען אָנקוקן דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק.

דער קרישטלעכער דאָקטער האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן

פון דעם יידישן יונגן פאַרפאַלק און ער האָט זיין פריינד, דעם גריכישן קאַפּיטאַן, כסדר אויף זיי אָנגעוויזן:

— וואָס פאַר אַ קעניגלעכע פּראַכט איז אויף זיי אויסגעגאָסן... אָט ווו עס ליגט דער סוד פון יידישן פאָלק: דאָרט, אין צפון, שעכט זיי אַן אומברחמנותדיקער מערדער, און דאָ, אין טערקיי, לעבן זיי ווי ביי זיך אַמאָל אין אומאָפּהענגיקן יהודה. איך גלייב זייער שטאַרק אין זייער צוקונפט. אַזאַ פאָלק קאָן מען נישט אונטערברענגען...

— נו, איך זע שוין, אַז דו ביסט אַ קאַנדידאַט זיך מגייר צו זיין. איך אַליין וואָלט עס שוין געטאָן, ווען מען זאָגט מיר צו אַזאַ יידישקע ווי די דאָזיקע כלה איז... — האָט דער קאַפּיטאַן פון דער גריכישער שיף גע־האַלטן אין איין חכמהנען זיך.

— ביסט אַ ציניקער!... — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

און דאָ האָבן זיך דערהערט די ברכות, וואָס דער מסדר־קידושין, ר׳ יוסף אישקפאַ, האָט אָנגעהויבן זאָגן.

אַ הייליקע שטילקייט האָט געהערשט אינדרויסן. די כלה איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך. דאָס פּנים אירס האָט מען נישט אַרויסגעזען, ווייל עס איז געווען פאַרהילט מיט דעם שלייער. מ׳האָט בלויז געזען, ווי אירע יונגע ברוסטן באַוועגן זיך אַראָפּ און אַרויף. פון צייט צו צייט האָט זי אַ ציטער געטאָן מיט די אַקסלען און אָנגעשפּאַרט זיך אויף איר צוקונפטיקן מאַן.

און ווען ר׳ יוסף אישקפאַ האָט שבתי צבין באַפוילן צו נעמען דער כלהס פינגער און זי מקדש זיין, האָט דאָס יינגע מיידל שנעל אַ הייב געטאָן איר האַנט צום חתן. מען האָט געקאָנט אַרויספילן פון איר האַס־טיקן אָטעמען, אַז זי איז די גליקלעכסטע אויף דער וועלט, וואָס איר איז באַשערט געווען צו נעמען פאַר אַ מאַן דעם שענסטן און געלערנטסטן בחור פון סמירנע. דורכן וואַל האָט זי געקוקט אין זיינע גרינע פאַספאַר־אויגן, וואָס זענען נאָך גרינער געווען ווי די שטערן אין הימל. זי האָט אויפגעכאַפּט זייער גלאַנץ און אַ פחד איז זי באַפאַלן. זי האָט דערזען לעבן זיך נישט קיין ערדיש וועזן, נאָר עפּעס אַ געשטאַלט פון ערגעץ אין די הימ־לען וואָלט געקומען אַראָפּצושוועבן.

אַ טרער האָט אויפגעבלישטשעט אין איר אויג. אָבער קיינער האָט איר טרער נישט געזען און נישט געפילט. איז דאָס געווען אַ טרער פון גליק אָדער פון ווייטיק?... ווער האָט עס געקאָנט וויסן. אָט שטייט לעבן

איר איר שענסטער טרוים און איר האַרץ האָט אים נאָך אַלץ נישט דערפילט. ער איז צו איר איצט אונטער דער חופה געבליבן פּונקט אַזוי פרעמד, ווי די גאַנצע צייט פון זייער זיין חתן־כלה...

אָבער דער גרויסער עולם ווייסט גאָרנישט וואָס אונטער דער חופה טוט זיך אָפּ. די ליכט ברענען העל, קיין ווינטל בייגט זיי נישט אַהער אָדער אַהין. עס איז אַ וואַרעמע נאַכט, אַלע זענען פריילעך און אויפגעלייגט. נאָכדעם ווי דער חתן איז מקדש די כלה, הייבט דער עולם אָן צו פּאַטשן מיט די הענט און זינגען.

די כלה קריגט אַ זופּ צו טאָן פון כוס וויין, דערנאָך דער חתן. דאָס איז דער ערשטער טראָפּן, וואָס שבתי צבי נעמט איצט אויף די ליפּן נאָך צוויי טעג פאַסטן. די מוזיק שפּילט ווידער אויף און די פריילעכע פּראָצעסיע קערט זיך אום אין שטוב, וווּ עס איז צוגעגרייט אַ סעודה פון כל טוב. די מחותנתטעס צעקושן זיך מיט דער כלה, און ווען זיי דערהערן פון אונטערן ווואַל אַ שטיל געוויין, נעמען זיי עס אָן פאַר אַ געוויין פון צופיל גליק...

חתן־כלה קערן זיך אום צוזאַמען אין שטוב אַריין, הינטער זיי — די קלעזמערס מיט די פיל הונדערטער געסט. עס שלאָגט זיי אַקעגן די גרעלע ליכט אין די אויגן אַריין. דער גאַנצער חלל טונקט זיך אין שיין און אין גלאַנץ פון גאָלד און זילבער. די ווענט זענען באַהאָנגען מיט די טייערסטע גאָבעלינען און שטיקערייען, אויסגעהאַפטן פון גאָלדענע און זילבערנע פעדעם דורכגעוואָרפן מיט טייערע איידלשטיינער, וואָס פינקלען און פאַרבלענדן דאָס אויג. די מאכלים אויף די טישן פאַרשמעקן די שטוב. די געבראָטענע פליישן, די ריחות פון די געפּרעגלטע פיש און געשמאַקע זופּן רייצן דעם אַפּעטיט. דער עולם כאַפּט זיך צו דעם אַלעם מיט גיריקייט, אָבער חתן כלה זענען דאָ איצט נישטאָ, זיי זענען איצט אין זייער חדר־מיוחד, ווו זיי לעבען אונטער זייערע הערצער נאָכן לאַנגן תענית.

פון צייט צו צייט כאַפּט זיך צו אַ לץ צו דער טיר, הינטער וועל־כער עס זענען אָפּגעשלאָסן חתן־כלה. ער קוקט דורכן שליסל־לאָך און וויל עפּעס זען, כדי צו האָבן צו דערציילן פאַר די איבעריקע חברה, אָבער גאָרנישט הערט זיך אָדער זעט זיך פון דאָרטן. עס איז דאָרט שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. חתן־כלה רעדט נישט צווישן זיך אויס קיין וואָרט.

מיטאַמאָל פּראַלט מען אויף די טיר, און מיט אויסגעשריי: „מזל־טוב, מזל־טוב", פּירט מען זיי צוריק אַריין אין דער שטוב און מען באַזעצט זיי אויבנאָן.

אין דער גרויסער חתונה־שטוב איז נאָך ליכטיקער געוואָרן. דאָס פּנים פון דער כלה איז אַזוי שיין געווען, אַז ווען זי האָט אַראָפּגענומען דעם וואָל, האָט זי פאַרלויכטן דעם גאַנצן טיש, און סיי מענער און סיי פרויען האָבן נישט געקאָנט אַראָפּנעמען פון איר די אויגן.

— אַ יידישע פּרינצעסין!... — האָט ווער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט און מענטשן האָבן זיך אומגעקוקט צו זען, ווער עס האָט דעם שיינעם פאַר־גלייך געמאַכט.

דאָס איז געווען דער קריסטלעכער דאָקטער געאָרגי פון אַטען, וועלכער איז דאָ אויף דער חתונה פאַרבעטן געוואָרן דורך דער כלהס פאָטער. ער האָט צופעליק געוויילט אין סמירנע צוליב עפּעס אַ געהיימנישפולן ענין, וועגן וועלכן בלויז ר' אהרן, דער פאָטער פון דער כלה, האָט געוווסט.

אויך די צוויי פרעמדע פּוילישע יידן, וועלכע האָבן זייער לעבן געראַ־טעוועט פון די קאָזאַקישע שחיטות, האָבן געקוקט מיט תענוג אויף דער כלהס פּנים. איינער פון זיי האָט זיך דערמאָנט אָן זיין שיינער טאָכטער שרה, אַ קליין מיידל נאָך, וואָס — ווער ווייסט, צי עס איז איר געלונגען זיך צו ראַטעווען פון די רוצחימס הענט. ווארום אַלע איבעריקע פון דער פאַמיליע זענען זיכער אומגעקומען.

די שמחה האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. אָבער דער דאָזיקער פּוילישער ייד, וועלכער האָט זיך אין זיין שיין טעכטערל דערמאָנט, איז שוין רואיק די נאַכט נישט פאַרבליבן.

— טרייסט אייך, ר' וואָלף, וואָס איר געפינט זיך כאָטש צווישן יידן, און אויף יידישע שמחות!... — האָט דער צווייטער געפּרוווט דעם ייד באַרואיקן.

אינדרויסן איז איצט געווען שטאַרק פינצטער. די לבנה איז שוין געהאַט פאַרשווונדן און די שטערן האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבערן טונקל־בלויען הימל, אַ סך מער ווי אין אָנהייב נאַכט.

די שטאָט איז געווען ווי אויסגעשטאָרבן. פון אַלע הייזער האָט גע־שלאָגן אַ פינצטערע בלינדקייט. בלויז פון דעם איינעם הויז ביים רייכן ר' אהרן, ווו עס איז פאַרגעקומען די רוישיקע חתונה פון דער שיינער רחל

און דעם יונגל מקובל שבתי צבי, האָט זיך אַרויסגעגאָסן ליכט אויף די אַרומיקע גאַסן, דאָס שאַלן פון פידלען מיט פלייטן, דאָס ברומען פון פויקן.

אַזוי ווי אַ באַלויכטענע שפּאַציר־שיף איבערן פינצטערן ים, אַזוי האָט דאָס באַלויכטענע הויז אויסגעזען אין דער פינצטערניש פון דער גאָר שפּעטער נאַכט. פון צייט צו צייט, ווען עמעץ האָט די טיר געעפנט, האָט זיך אַ ריס אַרויס געטאָן אַ געטומל און אַ גערעדעריי מיט אַ געלעכטער אויסגעמישט.

מען האָט געטרונקען, געגעסן פון די בעסטע מאכלים; דורך די פענצטער האָט מען געזען צעהיצטע פּנימער פון טאַנצנדיקע פּאָרלעך. עס האָבן זיך געפרייט די עלטערן פון חתן־כלה, עס האָבן זיך מיטגעפרייט די געסט, אַז מ׳האָט נישט געדענקט אויף וועלכער וועלט מ׳איז.

— מיינסטו, ר׳ מעכל, אַז יידן מעגן זיך אַזוי זאָרגלאָז פרייען, ווען ערגעץ־ווו אַנדערש גיסט זיך יידיש בלוט? — האָט געפרעגט דער נישט געטרייסטער ר׳ וואָלף פון דער פוילישער שטאָט טולטשין.

איצט, אין דער שפּעטער נאַכט האָבן זיי זיך אַרויסגעשלייכט פון דעם חתונה־הויז, נישט וועלנדיק די געסט שטערן מיט זייער פאַרזעגלעכן טרויער. זיי האָבן שפּאַצירט אונטערן צודעק פון דער פינצטערניש, איינזאַפּנדיק אין זיך די שמעקנדיקע לופט פון דער וואַרעמער אָב־נאַכט.

— אַזוי זענען זיי, די מענטשלעכע באַשעפענישן, — האָט אים ר׳ מעכל געענטפערט — אויב עס רירט נאָר נישט אָן זייער אייגענעם גוף, גייט זיי אַפילו דער נאָענטסטער נישט אָן. אַזוי זענען זיי, אַזוי ביסטו און אַזוי בין איך... אַזוי איז געווען אין סדום און אַזוי איז אומעטום. מיר לעבן אין אַזאַ וועלט. דעריבער רופט מען דאָך טאַקע די וועלט „עולם השקר”... אַלץ איז ליגנט, אַלץ איז פאַלש, פון אָנהייב ביזן סוף. זענען מיר ביידע דען נישט צופרידן, וואָס מיר האָבן אונזערע נפשות אָפּגעראַטעוועט פון רוצחס הענט, כאָטש אונזערע ווייבער און קינדער זענען אויף אַ שוידערלעכן אופן אומגעקומען?...

— וואָס רעדסטו, ר׳ מעכל? — האָט אים ר׳ וואָלף טולטשינער אָנגעכאַפּט ביי די הענט — ביסט חלילה חסר־דעה צי וואָס?... איך בין צופרידן, ווילסטו מיר איינרעדן, וואָס איך דריי זיך נאָך אַרום אויפן עולם־השקר און מיינע נאָענטסטע ליגן ערגעץ געשאָכטענע?!

— יאָ, יאָ, ביסט צופרידן. אַנישט וואָלסטו היינט אָוונט נישט גע־

זעסן און געטרונקען לחיים, געגעסן די גוטע מאכלים, כ׳האָב אַפילו ביי דיר אַ שמייכל אויף די ליפּן באַמערקט, אַ מין צופרידנקייט... אָבער איך מיין נישט דיר דערמיט ווי צו טאָן. אויך איך אַליין האָב געגעסן און געטרונקען, געשמייכלט און אפשר צופיל געקוקט אויף דער שיינער כלה... אַזוי זענען מיר, זינדיקע מענטשן. אַנדערש וועט אָבער זיין, ווען משיח וועט קומען.. דעמאָלט, ווען אַלע תאוות וועלן זיך אָפּטאָן פון מענטש־לעכן גוף, מען וועט זיין אַריינגעטאָן אין לערנען תורה און נהנה זיין מזיו השכינה. אַ, ווען משיח וועט קומען...

אַזוי האָט זיך ר׳ מעכל פונאַנדערגערעדט מיט היץ און די ווערטער ווי אַרויסגעקייכט, נישט וועלנדיק שטערן די שטילקייט פון דער נאַכט. זיי זענען איצט געגאַנגען הין און צוריק איבער דער שטילער פינצטערער גאַס און געשוויגן אַ לענגערע צייט, יעדער פאַרטיפט אין זיינע אייגענע מחשבות. עס איז געווען אַזוי שטיל אינדרויסן, אַז מ׳האָט געהערט דעם אייגענעם אָטעם און דאָס קלאַפּן פונעם האַרץ. בלויז דאָס גערויש פון דעם חתונה־הויז האָט פון צייט צו צייט זיך אַרויסגעריסן פון אינעווייניק אין דער שטילשווייגעניש פון דער נאַכט.

זיי האָבן איצט געטראַכט וועגן די נישט לאַנג פאַרגאַנגענע טעג, ווען עס איז זיי ווי דורך אַ נס געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון די גרענעצן פון פוילן, וווּ עס בושעוועט דער מלאך־המות. אין זייערע אויערן קלינגען נאָך אָפּ די ווילדע, שיכורע געשרייען פון די הידאַמאַקעס, וואָס חוזקן אָפּ פון דער יידישער שוואַכקייט און פון יידישן אוממעכטיקן גאָט, וועלכער שטייט זיי נישט ביי אין דער צייט פון סכנה.

— און די פּוילישע פּריצים האָבן פּאָר אַ פּאָר גוטע ווערטער, אַ פּאָר פאַלשע צוזאָגן מצד דעם היידאַמאַקישן העטמאַן כמיעלניצקי. פאַרראַטן זייערע אַלטע יידישע מיטאייגנווויגער פון לאַנד, מיט וועלכע מ׳האָט נאָר־וואָס געטרונקען מעד און בראָנפן אויף גוט־ברודערשאַפט. יעדער איז נאָר אויסן געווען זיין אייגענע פעל צו ראַטעווען. אַזוי האָבן זיי געטאָן אין טולטשין, אַזוי אין נעמיראָוו און אַזוי אומעטום, וווּ די יידן האָבן זיך העלדיש אַנטקעגנגעשטעלט און צוזאַמען מיט די פּאַליאַקן פאַרטיידיקט די שטעט און פעסטונגען... — האָט ר׳ וואָלף ווי צו זיך אַליין גערעדט, ווי ער וואָלט בלויז געוואָלט פעסטשטעלן אַ פאַקט: אַזוי איז עס געווען, און קיין שום שפּעטערדיקע שיינע רייד זאָלן עס נישט וואָגן אָפּצולייקענען!

ר׳ מעכל האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי געבנדיק גערעכט זייַן אַלטן פרייַנד, מיט וועמען ער איז כמעט אויפגעצויגן געוואָרן, געגאַנגען צוזאַמען אין חדר און בשתיקה אויך אַרייַנגעקוקט אין אַ קבלה־ספרל פון ר׳ חיים וויטאַל, דעם תלמיד פון אר״י הקדוש.

זיי האָבן דאָרט כמעט אַרויסגעלייענט אַלץ, וואָס עס איז שפּעטער געשען: „און עס וועט קומען די מלחמה פון גוג ומגוג, בעת וועלכער אַ גרויסער טייל פון דער יידישער אומה וועט אומגעבראַכט ווערן, און ערשט דעמאָלט וועלן דערהערט ווערן די טריט פון משיח, די גאולה וועט קומען און דאָס יידישע פאָלק וועט זיך אומקערן אין דעם לאַנד פון זייַנע אבות. עס וועלן אין די דאָזיקע טעג אַ סך גויים ציִען אין לאַנד פון ישראל און וועלן פאַרלאַנגען אַרונטערגענומען צו ווערן אונטער די פליגל פון יידישן גאָט, זיי וועלן ענדלעך פאַרשטיין די ריכטיקע לערע פון אַן אייַנציקן גאָט, וועלכער האָט באַשאַפן די וועלט, די מענטשן און אַלע חיות און עופות״.

— אָבער פאַרוואָס האָבן מייַן ווייַב און קינדער נישט דערלעבט צו דער דאָזיקער גליקלעכער צייַט?... — האָט ר׳ וואָלף די הענט פאַרבראָכן און זיי געהויבן צום טונקעלן הימל מיט אַ טענה צו גאָט.

ר׳ מעכל האָט אים אויף זייַן טענה קעגן גאָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט געוווסט, אַז זייַן בעסטער פרייַנד ר׳ וואָלף באַגייט דאָ אַ זינד. מען טאָר ביי גאָט קיין קשיות נישט פרעגן. אויף אַלץ דאַרף מען אים געבן גערעכט. ווער ווייסט דען זייַנע פאַרהוילענע וועגן? אָט זענען זיי מיט עטלעכע וואָכן צוריק געווען אינמיטן פייער, אינמיטן דער שרעקלעכער שחיטה, און אָט דרייען זיי זיך דאָ אַרום זיכערע און לעבעדיקע. עס דראָט זיי נישט קיין שום שלעכטס. קאָן מען דאָס פאַרשטיין?

מיטאַמאָל זענען זיי ביידע געבליבן שטיין ווי פאַרצאַפּלט און האָבן אָנגעשטרענגט די אויערן. דאָס האָט זיך פון איין הויז אַרויס דערהערט אַ שטיל געוויין, ווי דאָס וואָיען פון אַ וועלפיכע, ביי וועמען מען האָט די נייַ־געבוירענע קינדער צוגענומען.

— ווו קאָן דאָס זייַן? און ווער קאָן דאָס ווייַנען אַזוי שפּעט ביינאַכט? דאָס קול זעט אויס צו זייַן פון אַ יונגפרוי...

— דאָס געוויין קומט פון דעם קליינעם הייזל, לעבן דעם צעהוליעטן חתונה־הויז — האָט ר׳ וואָלף אָנגעוויזן אויף דער קליינער געביידע, ווו די פענצטער זענען געווען שוואַרץ און בלינד.

זיי האָבן זיך געלאָזט צוגיין נענטער, צוגעלייגט אַן אויער צום שוואַרצן פענצטער. דאָס געוויין האָט זיך איצט קלאָרער געהערט. עס האָט זיך געצויגן כסדר און אָן אויפהער, ווי עס וואָלט זיך נישט געקאָנט אָפּשטעלן. עס איז געווען אַן איינגעהאַלטן געהויל פון אַ באַליידיקטער פּרוי, פּאָר וועלכער עס איז גאָר קיין טרייסט נישטאָ און עס פּרוווט זי אַפילו קיינער נישט טרייסטן. מען הערט נישט, עס זאָל עמעצער זי וועלן איינגעמען.

ביידע האָבן זיי זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און געעפנט די טיר אין דעם צעהוליעטן הויז. ווו די חתונה איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען. די מוזיק האָט געשפּילט, יונגע און עלטערע פּאַרלעך האָבן געטאַנצט און זיך משמח געווען צוליב דער חתונה פון צוויי יונגע מענטשן, וועלכע זענען געווען ווייט פון דער שמחה...

אַ ריח פון ווײַן האָט זיי אַ שלאָג־געטאָן אין די פּנימער אַריין. דער גרעסטער טייל פון עולם איז שוין געווען שיכור, מ'האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס און געקאַרקלט מיט די צונגען. עס זענען שוין גערעדט געוואָרן רייד, וואָס מ'וואָלט זיי אין אַ ניכטערן צושטאַנד נישט אַרויסגערעדט.

עס איז שוין אַפילו נישט געווען ווער עס זאָל זיי איינצוימען אין די אומווירדיקע רייד. דער אַלטער ר' יוסף אישקפאַ איז שוין לאַנג געהאַט אַוועק פון דאַנען. שבתי צביס חברים זענען איצט געווען אָפּגעזונדערט אין אַ געהיים חדרל, האָבן געלערנט קבלה און צווישן זיך איבערגעשמועסט אַלע געשעענישן פון לעצטן טאָג. עס איז ביי זיי געהאַט געווען באַשטימט תיכף נאָך זיין חתונה אים אויסצורופן פאַרן מלך המשיח, וואָרים אַלע סמנים און רמזים פון די געהיימע ספרימלעך האָבן געוויזן, אַז דער קץ איז נאָענט און קיינער פון די אַלע ווילגעלערנטע מענער איז נישט אַזוי ראוי צו דער דאָזיקער הייליקער הויך, ווי שבתי צבי, וועלכער ציט זיין יחוס פון מלכות בית דוד.

ר' וואָלף און ר' מעכל זענען געבליבן שטיין ווי פאַרשטמיעלעטע דערפון, וואָס זיי האָבן געהערט און געזען אין דער דאָזיקער שטוב, וואָס איז אַ ווייל פריער געווען פול מיט הייליקייט. בלויז וואָכעדיקייט איז איצט געווען אין דעם דאָזיקן הויז. וואָכעדיקייט און שיכרות. פון די קריסטלעכע געסט זענען בלויז פאַרבליבן דער דאָקטער און דער גריכישער קאַפּיטאַן, וועלכער איז שוין געווען שיכור ווי לוט.

דער דאָקטער האָט געוואָלט אַהיימגיין ווען ר׳ אהרן זיין פריינד, דער פאָטער פון דער כלה, האָט זיך מיט זיין ווייב פאַרנומען אַהיים. אָבער דער קאַפּיטאַן האָט אים באַין אופן נישט אַוועקגעלאָזט. פון איין זייט האָט ער פון אים אָפּגעחוזקט, אַז אָט גייט ער ווערן אַ ייד, און פון דער צווייטער זייט, האָט ער זיך אין אים געקלאַמערט.

— גיי נישט, דאָקטער, ווייל אויב דו וועסט מיך איבערלאָזן צווישן בלויז יידן, וועל איך בטל ווערן צווישן זיי. זיי האָבן אַ כוח, די יידעלעך... אויב זיי האָבן אין אַ באַנדע געצונדינער, ווי עס זענען געווען די רוימער, געקאָנט אַריינפּאָמפּעווען אַ טראָפּן יידישקייט, וואָס עס איז אייגנטלעך דאָס קריסטנטום, איז מיט זיי אַ מורא צו האָבן צו טאָן... איך האָב שוין געגנוג מיין חלק יידישקייט, וואָס איך האָב אַריינגעקראָגן דורך ישוס אַפּאָס־טאָלן, פּעטער און פּאָול... מער וויל איך נישט האָבן, איך דאַנק זיי פאַר דעם דאָזיקן טייל אויך...

— דו ביסט געגנוג שיכור... — האָט דער דאָקטער געשמייכלט אויף די אויפריכטיקע רייד פון זיין גריכישן פריינד, דעם שיפס־קאַפּיטאַן.

— רעד איך אַזוי אומזיניק ?... — האָט דער קאַפּיטאַן געקאָרקלט מיט זיין צונג. — וואָס אַן אמת, וואָלט מיך גאָרנישט געאַרט, ווען מיינע גריכן בלייבן ביי זייערע געטשקעס. איך שעפּ נאָך היינט תענוג, ווען איך כאַפּ זיך אַרויף אויפן אַקראָפּאָליס און שמועס זיך דורך מיט די סקולפּטורן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אונדזערע אַלטע גריכישע געטער און געטנס...

— רעדסט אומזיניקייטן, לעסטערסט גאָטס נאָמען, דו, פרומער קריסט...

— האָט אים דער דאָקטאָר געוואָלט באַרואיקן און איינשטילן, ער זאָל אַזוי פיל נישט רעדן. — עס וועלן דאָס דערהערן די מאַכמעדאַנער און זיי וועלן האָבן הנאה פון דיינע אומזיניקע רייד. עס איז אַ משוגעת אַזוי צו רעדן !...

— נו, איז דען נישט די היינטיקע כלה קיין גריכישע געטין ? האָט זי נישט אויסגעזען ווי אַפראָדיטע, ביי וועמען די הייליקע מאַריע קאָן זיין אַ דינסט־מיידל ?... יעדער גליד אירס איז דאָך ווערט אויסצוקושן, ביסט אַ מבין אויף אירע ליפּן ? אויף אירע אויגן ? און דאָס פּנימל אירס איז ווי פון אַ מייסטער־האַנט געשניצט !... אָ, ווען איך וואָלט געווען אויפן פּלאַץ פון דעם. ווי הייסט ער דאָרט ?... ער וועט דאָך גאָרנישט וויסן וואָס מיט איר צו טאָן...

— דו רעדסט שוין פאַר פייער און וואַסער. נאַ, נעם בעסער אַ גלעזל בראַנפן... — האָט אים דער דאָקטער געשטופּט אַ גלעזל משקה צו די ליפּן.

די צוויי אַנגעווייטיקטע פּוילישע יידן האָבן דעם קאַפּיטאַנס גריכישע לשון נישט פאַרשטאַנען, אָבער זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן לויט זיינע פּרעכע מינעס, אַז ער רעדט שוין נישט קיין גאָר שיינע רייד. זיי האָבן געזען, אַז דער דאָזיקער גוי איז שוין אַזוי שיכור, אַז ער קאָן מער נישט זיין פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר קיין שום זאַך.

— מען ווייגט דאָ ערגעץ... — האָט ר׳ וואָלף איבערגעריסן דאָס גע־שפּרעך פון די צוויי קריסטן.

דער דאָקטער האָט זיך אויפגעריסן פון זיין פּלאַץ.

— ווו ווייגט מען, ווער ווייגט ?... — האָט ער געפרעגט, ווי מ׳וואָלט אים פון בעסטן שלאָף איבערגעוועקט.

— מיר האָבן דאָ ביידע שפּאַצירט אינדרויסן, אויף דער פרישער לופט, — האָט ר׳ מעכל אַרויסגעהאָלפן זיין פריינד אין דער טערקישער שפּראַך. ער פלעגט פירן מסחרים צווישן פּוילן און טערקיי נאָך איידער די מלחמה צווישן די היידאַמאַקעס און פּאָליאַקן איז אויסגעבראָכן און דערפאַר האָט מען אים געקאָנט אַ ביסל פאַרשטיין, — און מיר האָבן פּלוצלינג דערהערט אַ שטיל געיאָמער, גלייך ווי אַ פּרויענצימער וואָלט געוויינט. דאָס איז, דאַכט זיך, אין דעם שכנותדיקן הויז.

— ביי דעם יונגן פאַרפאַלק קומט דאָס פאַר! — האָט דער שיכורער קאַפּיטאַן זיך אַריינגעמישט — קעץ, ווען זיי פּאָרן זיך, וויינען אויך...

— שווייג שוין, דו שיכור איינער! — האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס דער דאָקטער — ביסט שיכור און קאָנסט שוין נישט רעדן ווי קיין מענטש. גיי לייג זיך אין אַ רינשטאָק!

דערווייל איז צווישן די נישט פיל פאַרבליבענע געסט געוואָרן אַ סומאַ־טאָכע. אַלע האָבן זיך דערנענטערט צו די צוויי פרעמדע פּוילישע יידן און געוואָלט געוואָר ווערן וואָס עס איז געשען:

— ווער וויינט ?... ווו וויינט מען ?...

— מיר וויסן אויך נישט — האָט ר׳ וואָלף געענטפערט, הויבנדיק מיט די פּלייצעס.

דער עולם איז אַרויס אינדרויסן. די שטילע נאַכט איז מיטאַמאָל אויפ־געוואַכט געוואָרן. עס האָט זיך דערהערט דאָס רעדן פון אַ גאַנצן עולם.

דער דאָקטער האָט אַלעמען צוריק אַרייַנגעטריבן אין דער חתונה־שטוב און געבליבן אַליין מיט די צוויי פּוילישע יידן; אפילו דעם קאַפּיטאַן האָט ער געהייסן צוריק אַרייַנגיין אין שטוב.

— ווו האָט איר געהערט דאָס געוויין ?... — האָט דער דאָקטער שטיל געפרעגט ביי די צוויי יידן.

— אָט דאָרט, אין דעם הייזל...

— איז עס דאָך ביי דעם יונגן פּאָרפאָלק... — האָט ער ערנסט אַ זאָג געטאָן...

זיי האָבן זיך שטיל דערנענטערט צו דער טיר פון הייזל, צוגע־לייגט אַן אויער און אַ ווייל זיך איינגעהערט. דאָס שטילע געוויין איז ווייטער אָנגעגאַנגען ווי פריער, אָבער שוין אַ ביסל פאַרמאַטערט. מ'האָט ממש געפילט, אַז דאָס יונגע מיידל האָט מער נישט קיין כוחות צו וויינען.

— וואָס האָט דאָרט געקאָנט געשען ? — האָט דער דאָקטער געהויבן די פלייצעס פון פאַרוואונדערונג. — פאַרוואָס זאָל זי וויינען ?

ער האָט געקוקט אויף די צוויי פרעמדע יידן, ווי ער וואָלט פון זיי דערוואַרט אַ תשובה אויף זיין פראַגע.

אָבער אויך די צוויי פּוילישע יידן זענען געווען שטאַרק פאַרוואונדערט פון דער דאָזיקער אויסטערלישער געשעעניש. זיי האָבן דעם דאָקטער גאָר־נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. וואָס ווייסן זיי אין דער דאָזיקער גאַנצער אָנגעלעגנהייט ? זיי זענען דאָך דאָ פרעמדע. אפשר האָט איין צד פון זיי נישט געוואָלט דעם שידוך ? אָבער פאַרוואָס ?... סיי דער בחור און סיי די כלה זענען צוויי פּרעכטיקע קינדער, פון רייכע אָנגעזעענע משפחות. פון אירע אויגן האָט מען געקאָנט אַרויסלייענען אומגעוויינלעכן גליק. דער בחור ווידער, — ווער פון די אַנדערע בחורים אין שטאָט וואָלט זיך דען נישט געוועזן געפילט גליקלעך צו קריגן דאָס דאָזיקע מיידל פאַר אַ ווייב ?...

דער דאָקטער האָט געפּרוווט אָנקלאַפּן אין דער טיר. קיינער האָט נישט געענטפערט. מ'האָט איצט, אַ חוץ דעם וויינען, אויך געהערט אַ שטיל וואָרקען ווי פון אַ טויב.

דער דאָקטאָר האָט אַ קוועטש געטאָן ביי דער קליאַמקע און די טיר האָט זיך געעפנט.

אַ פאַרוואונדערטער איז ער געבליבן שטיין, מיט אויפגעפּראַלטע אויגן. אַזוי אויך זיינע צוויי באַגלייטער, די פרעמדע פּוילישע יידן.

אין איין זייט פון צימער איז געשטאַנען אַן אויסגעשלייערט טאָפּל־בעט, פול מיט בלומען, און אין בעט איז אין אַ ווייס־זיידן העמד געלעגן די פּרעכטיקע כלה. די ברוינע האָר זענען געווען פונאַנדערגעלאָזט איבערן פּעכלדיק־ווייסן קישן, ווי צעלאָזענער קופּער. זי איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף, טרערן האָבן זיך איר געגאָסן פון די בלויע אויגן. אַ שטיל געוויין, ווי פון אַ באַליידיקט קינד, האָט זיך געצויגן פון אירע טיפענישן.

אין אַ צווייטן ווינקל, אָפּגעטיילט בלויז מיט אַ לייכט ווייס פאָרהענגל, איז דער חתן געזעסן אין זיין פּריערדיקן לבוש, אין דעם ווייס־זיידענעם כאַלאַט, לעבן אַ קליין טישל, ביי אַ דין וואַקסן ליכטל; און ער האָט זיך געשאָקלט איבער אַ ספרל. דאָס קול איז מאָנאָטאָן געפלאָסן איבערן האַלב־טונקעלן צימער, זיך אָנגעשלאָגן אין די ווענט, און סוף־כל־סוף אין די פאַר־שטעלטע שויבן מיטן שוואַרצן טוך.

ער האָט אַפילו נישט געהערט ווי די טיר האָט זיך געעפנט און עטלעכע פרעמדע מענטשן זענען אַריינגעקומען אין צימער. ער האָט כסדר און אָן אָן אויפהער געהאַלטן אין איין איבערחזרן אַ מימרא, וואָס אין אָנהייב איז געווען שווער זי תופס צו זיין, אָבער דערנאָך האָבן די צוויי פּוילישע יידן אויפגעכאַפּט איר זין: „ווען עס וועט זיך דערנענטערן די צייט פון דער גאולה, וועט אויסברעכן די מלחמה גוג ומגוג, און אַ גרויסער טייל פון דער יידישער אומה וועט אומגעבערענגט ווערן...״

אָט דאָס האָט ער אָן אויפהער איבערגעחזרט. די אויגן האָבן ביי אים געפלאַמט און די הענט האָבן זיך געצויגן ערגעץ־ווו אין דער הויך, צום הימל־אַרויף.

אַ שפּאָרע ווילע זענען די דריי פּערזאָן, די צוויי יידן און דער קריסט־לעכער דאָקטער געשטאַנען און זיי האָבן באַטראַכט די דאָזיקע אויסטערלישע סצענע.

ערשט ווען דאָס יונגע מיידל האָט דערזען די דריי מאַנסבילן אויף דער שוועל פון איר צימער, האָט זי זיך פאַרשעמט און אַריבערגעצויגן די זיידענע דעק איבער איר פּנים, און איר געוויין איז פאַרשטיקט געוואָרן.

ווען ר׳ וואָלף האָט דער ערשטער זיך דערנענטערט צו שבתי־צבין און אים אָנגערירט ביים אַקסל, האָט דער יונגערמאַן, אַ דערשראָקענער זיך אויפגעריסן פון זיין פּלאַץ און אויסגערופן:

— ריר מיך נישט אָן, בן־אדם, ווייל וועסט אַרומגעכאַפּט ווערן מיט

אַ פלאַם־פייער, וואָס קומט פון אונטערן כסא־הכבוד... ווי האָסטו געקאָנט דאָ אַריינקומען און נישט געשאָדנט ווערן?... גיך גיי אַרויס און זאָג אָן, מען זאָל מיר נישט שטערן אין מיין התבודדות, ווייל אַ גרויסע בשורה ברענג איך דער יידישער אומה, וואָס איז שוין געגוג אָפּגעקומען די שטראָף פּאַר ווידערשפּעניקן גאָטס וואָרט... הייס אויך אַרויסנעמען דאָרט די בתולה פון מיין צימער, ווייל איר זיין דאָ שטערט מיינע מחשבות צו פאַרטיפן זיך אין די ריכטיקע שמות, וואָס איך דאַרף אַרויסזאָגן בעת איך האָב עלית הנשמה...

שבתי צבי האָט גערעדט ווי אַ באַזעסענער. בעת דאָס מויל האָט אַרויס־געברענגט די רייד, האָט ער געהאַלטן די אויגן געשלאָסן, בלויז פון צייט־צו־צייט האָט ער זיי געעפנט און געקוקט מיט אַ צעשטרייטן בליק...

ר׳ וואָלף האָט זיך אויף אַן אמת דערשראָקן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט פאַר זיך אַ געטלעכן מלאך, און נישט קיין געוויינלעכן ילוד־אשה. פון שבתי צביס מויל, האָט זיך אים אויסגעוויזן, שפּריצן פייערדיקע פונקען. ער האָט ממש פאַרלוירן דאָס לשון פאַר פּחד און זיין שרעק האָט זיך אויך איבערגעגעבן צו ר׳ מעכלען און צום קריסטלעכן דאָקטער, וועלכער איז געוואָרן בלאַס און זיינע ליפּן האָבן געציטערט.

אַלע דריי האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן הינטערוויילעכטס פון דעם אָפּגעזונדערטן צימער און זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס.

אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. דאָס וואַסער פון ים האָט זיך אָנגעהויבן רויטלען און בלויען, און אַ קיל ווינטל האָט אַ צי־געטאָן און געגלעט זייערע צעהיצטע פּנימער. פון דעם חתונה־הויז האָבן זיך נאָך געטראָגן קולות, אָבער שוין אָפּגעשוואַכטע, ווי נאָך אַ רוישיקן יאַריד. ביסלעכווייז האָט דער עולם זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצוגיין. יעדעס מאָל האָט זיך די טיר אַן עפן געגעבן, מיטברענגענדיק מיט זיך אַ שוואַכן פאַס ליכט און אַ הילכיקן געריש פון מענטשלעכע רייד, און אַ מאַן, צי אַ פרוי, האָט פאַרלאָזט דאָס הויז מיט אַ ברייטן געגעניץ....

די דריי צעטומלטע מענער האָבן נישט געוווּסט וואָס אָנצוהייבן טאָן, צו ווּעמען זאָלן זיי גיין דערציילן דאָס, וואָס זיי האָבן געזען, און צי מעג מען בכלל דערציילן...

— ער איז אַ געטלעכער מאַן... — האָט ר׳ וואָלף דער ערשטער איבער־געריסן די פאַרטאָגיקע שטילקייט, און זיין שטים האָט אָפּגעקלונגען אַזוי

רוי און ווי נישט אַריינגעפּאַסט אין דער דאָזיקער אַטמאָספער פון נייַ־געבוירענעם טאָג.

— ער איז אפשר דער לאַנג־דערוואַרטער משיח ביי יידן ?... — האָט דער קריסטלעכער דאָקטער אויסגערופן און זיינע אויגן האָבן געקוקט פאַר־טראַכט אין דער ווייטקייט.

די צוויי פוילישע יידן האָבן מיט שטוינונג אָנגעקוקט דעם קריסט, וואָס רעדט וועגן יידישן משיח און זיי האָבן זיך געוווּנדערט פון אים אַזעלכע רייד צו הערן.

דער דאָקטער האָט אויפגעכאַפּט זייער חידושדיקן בליק. ער האָט טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אָפּגעזיפצט.

— מיין זיידע, ר׳ אברהם אַבולעפיא, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין ערשטן יאָר פון אלף השישי, אין יאָר ה׳ אלפים (1240) — האָט דער דאָקטער פלוצלינג אָנגעהויבן צו דערציילן, גלייך עס וואָלט אים עמעצער ביי דער צונג געצויגן און אים געצוווּנגען אַראָפּצורעדן זיך פון האַרץ, — האָט געזאָגט אויף זיך, ער איז משיח... און אפשר איז ער טאַקע געווען, נאָר די יידן האָבן אים נישט געוואָלט אָנערקענען... ער האָט כמעט געטאָן דאָס זעלבע, וואָס אָט דער יונגערמאַן, שבתי צבי. ער האָט געפּרעדיקט, אַז דער מענטש דאַרף זיך אָפּזאָגן פון די תענוגים פון דער וועלט און לעבן אין אָפּ־געזונדערטקייט, נישט זיין מיט קיין פרוי, פאַסטן תעניתים און גיין טבילה, פראַווען התבודדות... יאָ, אפשר איז ער טאַקע דער לאַנג־דערוואַרטער משיח ביי די יידן ?...

די צוויי יידן האָבן מיט התפעלות געקוקט אויפן קריסט, און עס איז ביי זיי אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט געדויערט דאָס שטילשווייגן. דערווייל איז אין דרויסן אַלץ ליכטיקער געוואָרן. די פינצטערניש איז ווי ערגעץ איינגעזונקען אין ים.

— ביסטו אַן אוראייניקל פון דעם פאַלשן משיח ר׳ אברהם אבולעפיא פון סאַראַגאָסאַ ?... — איז ר׳ וואָלף, פריער פאַרזיכטיק און דערנאָך אַלץ דרייסטער און דרייסטער, צוגעשטאַנען צום קריסטלעכן דאָקטער...

— אויף אַלעמען זאָגט איר פאַלשער משיח... — האָט דער דאָקטער מיט ווייטיק אַרויסגעזאָגט די עטלעכע ווערטער — טאָ ווי ווײַט מען וויסן, ווער עס איז דער אמתער משיח ?...

— דריי טעג איידער משיח וועט קומען וועט אליהו הנביא זיך באַ־ווייזן און וועט אויסרופן פאַר דער וועלט און אָנזאָגן ביאת המשיח... — האָט ר׳ מעכל זיך אָנגערופן.

— און פון וואַנען וועט איר זיכער זיין אַז דאָס איז דער ריכטיקער אליהו הנביא און נישט קיין פאַלשער ?... — האָט דער דאָקטער געפרעגט.

די צוויי יידן האָבן געשוויגן. זיי האָבן טאַקע אויפן אָרט נישט געהאַט קיין ענטפער. פון וואַנען וועט מען טאַקע וויסן, אַז דער אליהו הנביא, וואָס וועט זיך באַווייזן, כדי אָנצוזאָגן די גרויסע בשורה פון אויסלייזונג, איז דער ריכטיקער ?...

פון דער גרויסער חתונה־שטוב האָט זיך געעפנט די טיר און עס האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעקייקלט דאָס שיכורע געשטאַלט פון דעם קאַפּיטאַן. ער האָט גערעדט עפּעס צו זיך אַליין און פון מויל האָט אים געגאָסן. ער האָט נישט באַמערקט די דריי שטייענדיקע מענער און ער איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג, וואַקלענדיק זיך ווי נאָר אַנידערצופאַלן אויף דער ערד.

— אָט דאָ האָט איר דעם קלאָרן ביישפּיל, וואָס אַ מענטש דאַרף נישט זיין, און דאָרט אין דעם אָפּגעזונדערטן חדרל פון שבתי צבי האָט איר געזען דעם ביישפּיל, וואָס אַ מענטש דאַרף יאָ זיין... די זעלבע רייד, וואָס עס האָט געזאָגט מיין עלטער־עלטער־זיידע ר׳ אברהם אבולעפיא... — האָט דער דאָקטער ווי צו זיך אַליין גערעדט.

ר׳ וואָלף האָט אָנגעקוקט דעם דאָקטער און ווי געעאַמפּערט זיך אין געדאַנק אים עפּעס צו פרעגן. דער קריסט האָט עס אויפגעכאַפּט, און אַ שמייכל טוענדיק צו זיך אַליין, האָט ער אים אַרויסגעהאָלפן:

— ווי איך זע, ווילט איר מיך פרעגן וועגן מיין פאַרגאַנגענהייט. עס וואונדערן אייך פיל זאַכן, אָבער איר וואָגט נישט צו פרעגן. עס איז גאַנץ פּשוט: מיט איבער דריי הונדערט יאָר פריער, נאָכדעם ווי עס האָט דאָרט געלעבט מיין עלטער־עלטער־זיידע ר׳ אברהם אבולעפיא אין שפּאַניע, דאָס לאַנד ווו מיינע אור־עלטערן זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן, האָבן אַ טייל פון דער משפחה אבולעפיא נישט אויסגעהאַלטן די רדיפות פון די קריסטן און זיי האָבן זיך געשמדט, און פון אָט דעם טייל משפחה שטאַם איך אָפּ... איצט אָבער, ווען איך האָב מיט מיין געפיל און מיט די זעאונגען,

וואָס איך האָב לעצטנס געהאַט, דערשפּירט די נאָענטע טעג פון דער יידישער גאולה, ווייל איך זיך אומקערן צום גאָט פון מיינע אָבות.

די צווייי יידן, ווען זיי האָבן דערהערט די דאָזיקע רייד פון אַ קריסטלעכן מויל, האָבן דערין אויך געזען אַ געטלעכן סימן. אויב אַ קריסט וויל זיך אומ־קערן צום יידישן גלויבן, איז דאָך שוין זיכער נאָענט דער קץ. אין דער הייב־טיקער פּאַרטאָגיקער סצענע מיט שבתי צבי האָבן זיי געזען אַ צייכן, אַז די טעג ביז דער גאולה זענען געציילטע. עס זענען טאַקע אמת די רייד, וואָס זיי האָבן שוין דאָ געהערט אין סמירנע, אַז אין הויז פון ר׳ מרדכי צבי וואַקסט אויס משיח בן דוד, און זיין אַנטפּלעקונג וועט קומען אין די גאָר נאָענטסטע טעג...

זיי האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיטן דאָקטער און זיי זענען גלייך אַוועק אין בית־המדרש, ווו זיי האָבן שוין געטראָפן אַ מנין יידן דאַווענען שחרית. זיי האָבן זיך איינגעהילט אין זייערע טליתים, געלייגט תפילין און פרום געדאַוונט, מכוון זייענדיק יעדעס וואָרט.

אין בית־המדרש, נאָכן דאַווענען, נישט צו וויסן פון וואַן און פון וואַנען, איז שוין באַוווּסט געווען די געשיכטע, אַז שבתי צבי האָט זיך אין זיין ערשטער חתונה־נאַכט נישט צוגערירט צו זיין כלה און זי איבער־געלאָזט אַ בתולה. דאָס מיידל האָט פאַר גרויס עגמת נפש און בושה שטאַרק געוויינט און זי איז אַנטלאָפן צו איר פאָטער אין הויז.

מ׳האָט די דאָזיקע זאַך דערקלערט אויף פאַרשידנערליי אופנים. די יונגע בחורים האָבן עס פאַרענטפערט מיט דעם, אַז שבתי צבי איז אַ פּרוש און ער האָט צו טאָן מיט הייליקע ענינים, דעריבער האָט ער באַשלאָסן זיך נישט צו דערנענטערן צו קיין שום פרוי. זיי זעען אים יעדן טאָג גיין צום ים נעמען טבילה.

די עלטערע מענטשן אין בית־המדרש האָבן עס אויסגעטייטשט ווי אַ משוגעת. די היינטיקע יונגעלייט האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין קבלה, און דאָס איז נישט פאַר זייערע מוחות. קבלה פאַר אַזאַ שטייגער יונגנמאַן, איז פּונקט ווי בראַנפן פאַר אַ שיכור, וואָס קאָן נישט טרינקען.

דערווייל איז די מעשה פון מינוט צו מינוט נאָך מער פאַרפּלאָנטערט געוואָרן. מען האָט שוין צוגעגעבן נישט געשטויגענע און נישט־געפלויגענע געשיכטעס. מ׳האָט דאָ פאַרמישט דעם דאָקטאָר געאָרגי, אויף וועלכן מ׳האָט געמורמלט, אַז ער איז גאָר געקומען אָפּשמדן יידישע יונגעלייט. ער אַליין שטאַמט גאָר פון שפּאַניע, פון אַ משפחה גלחים, און ער האָט אויף זיך

גענומען אַ מיסיע אויסצושמדן דאָס יידישע פאָלק, וועלן זיי פּטור ווערן פון אַלע צרות...

די צוויי פּוילישע יידן האָבן געשטויגט, צוהערנדיק, ווי אַ ליגן קאָן זיך פאַרשפּרייטן, וואָרעם ווער נאָך מער פון זיי ווייסט דעם ריכטיקן אמת וועגן דעם דאָקטער, דאָס אייניקל פון אַ שפּאַנישן אנוס, וואָס האָט זיי היינט דערציילט דעם גאַנצן אמת וועגן זיך.

שפּעטער האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז וועגן דעם ענין, צו ווערן צוריק אַ ייד, איז ער טאַקע געקומען צו ר׳ אהרן, זיין אַלטן פריינד, וועלכער האָט אים צוגעזאָגט צו העלפן דעריין.

אָבער איצט איז ר׳ אהרן אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן דערפון, וואָס עס איז די לעצטע נאַכט געשען מיט זיין טאָכטער, דער שיינער רחל. ער האָט באַשלאָסן די זאַך צו ברענגען פאַר בית־דין און דער פּוסק אחרון זאָל זיין דער גרויסער תלמיד־חכם ר׳ יוסף אישקפא, שבתי צביס רבי.

די גאַנצע זאַך האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן רעש אין שטאָט. שבתי צביס חברים, משה פינהיירא און יצחק סילווירא, האָבן דעם גאַנצן ענין נאָך מער מפורסם געמאַכט און אָנגעהויבן דערציילן גרויסע וווּנדער פון זייער על־טערן חבר.

זיי האָבן געמלעך דערציילט, אַז איינמאָל ביינאַכט, דאָס איז געוועזן חמשה עשר באב, ווען זיי זענען געזעסן אין בית־המדרש און זיי האָבן געלערנט קבלה, איז פּלוצלינג שבתי צבי נעלם געוואָרן פון צווישן זיי. עס איז געווען שפּעט ביינאַכט, און דאָס איז געשען אַזוי אומגעריכט, אַז זיי האָבן גאָרנישט באַמערקט ווי אַזוי ער איז פאַרשוווּנדן.

מיטאַמאָל איז אין בית־המדרש זייער שטאַרק ליכטיק געוואָרן, פונקט ווי בייטאָג. אַ לויטערער זייל פון פייער איז געבליבן שטיין אינמיטן בית־המדרש און פון דעם זייל פייער האָט זיך געהערט אַ באַקאַנטע שטימע, וואָס האָט אַלעמען געמאַכט אויפצוציטערן ביז די טיפסטע טיפענישן פון זייערע נשמות.

— עס איז דאָך די שטים פון שבתי צבי... — האָט פינהיירא אַ שעפּ־טשע געטאָן צו זיין חבר, וועלכער איז געזעסן לעבן אים, — עס איז דאָך אונדזער חבר, שבתי צבי.

אָבער מיטאַמאָל איז דער זייל פייער פאַרשוווּנדן און שבתי צבי איז

ווידער געזעסן צווישן זיי און ווי קיינמאָל גאָרנישט ממשיך געווען דאָס לערנען:

„ווען עס וועלן זיין די לעצטע טעג איידער משיח וועט קומען, וועלן פאַרשידענע צייכנס געוויזן ווערן דער וועלט. אויפן הימל וועט אַ נייער שטערן זיך באַווייזן, וואָס וועט אויסזען ווי אַ לאַנגע פייערדיקע רוט. דאָס וועט זיין אַ סימן, אַז די רוט וועט שטראָפן די, וואָס קערן זיך נאָך אַלץ נישט אָפּ פון זינד"...

די חברים האָבן אַרומגערינגלט שבתי צבי און מיט ציטערניש האָבן זיי אָנגעהויבן אויספרעגן, ווו ער איז געווען אין דער צייט, וואָס זיי האָבן אים צווישן זיך נישט געזען, אָבער ער האָט פון גאָרנישט אָנגעהויבן צו וויסן.

— איך בין כסדר מיט אייך צוזאַמען... — האָט ער מיט אַן אומשולדיקן טאָן אין זיין שטימע געענטפערט.

— אָבער מיר האָבן דיך אַ לאַנגע ווײַלע צווישן אונדז נישט געזען, שבתי צבי — האָט משה פינהייראָ מיט שרעק אויסגערופן.

שבתי צבי האָט אַ הייב געטאָן מיט די פלייצעס און אין אַ ווײַלע אַרום געענטפערט:

— עס האָט זיך מיר עפּעס אינמיטן לערנען געחלומט, אַז איך בין אַרויפגעפלויגן אין הימל און איך בין געווען נאָענט פון כסא הכבוד, אָבער דאָס איז דאָך בלויז געווען אַ חלום!...

די חברים זיינע האָבן פון דער נאַכט אָן אָנגעהויבן פאַר אים מורא קריגן און האָבן אים אָפּגעגעבן אַ סך כבוד.

— דאָס האָט מען אים אין דעם זייל פייער אַרויפגענומען אין הימל אַריין און דערנאָך צוריקגעברענגט... — האָבן די חברים צווישן זיך די דאָזיקע געשעעניש אויסגעטייטשט.

ווען די עלטערע יידן זענען פון דער דאָזיקער מעשה געוואָר געוואָרן, האָבן זיי אָנגעשריגן אויף די יונגעלייטלעך און זיי פאַרבאָטן ווייטער ממשיך צו זיין מיטן לערנען קבלה.

— איר וועט נאָך פון זינען אַראָפּגיין, קינדער... קבלה לערנען איז גע־מאַכט געוואָרן פאַר עלטערע מענטשן און גרויסע תלמידי־חכמים. איר וועט נאָך פאַרפירט ווערן, חלילה, פון שטן... גייט נישט אין די דאָזיקע פאַרפלאָנטערטע וועגן, ווייל איר וועט געשטרויכלט ווערן.

אַזוי האָבן זיי טאַקע געזאָגט צו די יונגעלייט, אָבער צווישן זיך האָבן זיי גערעדט מיט גרויס דרך־ארץ וועגן די דאָזיקע יונגעלייט, איבערהויפּט וועגן שבתי צבי.

— פון דעם דאָזיקן יונגנמאַנס אויגן קוקט אַרויס אַ געטלעכער פונק...

— האָבן זיי צווישן זיך גערעדט בין מנחה׳ למעריב — אַ גרויסער מאַן וועט פון אים אַרויסוואַקסן.

אָבער הייַנט, דערהערנדיק, וואָס עס איז פאַרגעקומען צווישן אים און זיין יונג ווייבל, האָבן אַלע געהויבן מיט די פּלייצעס.

— די קבלה וועט אים אַראָפּפירן פון גלייכן וועג...

— דאָס איז נישט קיין גאַנג פאַר אַ יונגן בחור...

— אַ רחמנות אויף דעם מיידל...

אַזוי האָט מען גערעדט אין אַלע שטובן, אין בית־המדרש, אויף דער גאַס. אין דער גאַנצער שטאָט האָט זיך געקאָכט מיט דער דאָזיקער געשיכטע.

אַלע האָבן שוין געהאַט צו דערציילן פאַרשידענע ווונדערלעכע מעשיות, וואָס ביז איצט האָט זיי קיינער פאַרן מויל נישט גענומען. אייך מעשה איז געווען אויסטערלישער פון דער צווייטער, גלייך ווי מ׳וואָלט זיך באַמיט איינער דעם אַנדערן איבערצושטייגן אין וואָס מער אומגלויבלעכקייט.

— איך האָב שבתי צבין אַנומלט געטראָפן זיצן פאַרטאָג ביים ברעג פון ים און עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז ער זיצט מיט אַ נעץ אין דער האַנט און ער כאַפּט פיש — האָט איינער אַן עלטערער ייד פאַמעלעך דער־ציילט און בשעת־מעשה געפּיפּקעט זיין לאַנגן ליולקע־ציביק און בלויע קייקעלעך רויך האָבן זיך געקרייזט אין דער לופטן איבער זיין קאָפּ, די איבעריקע צוהערער זיינע האָבן זיך נענטער אַרומגעזעצט לעבן אים און זיך איינגעהאָרכט מיט דער גרעסטער נייגעריקייט. זייערע אויגן האָבן געגלאַנצט און זיי האָבן אַלע געפיבערט שוין צו הערן דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט, ווייל געלעכצט האָבן זייערע הערצער צו פאַרנעמען אַ וואָרט פון טרייסט, וואָס זאָל זיי אָנזאָגן, אַז די גאולה איז נאָענט.

— האָב איך געזען, ווי ער פאַרוואַרפט איין מאָל און אַ צווייטן מאָל די נעץ אין וואַסער אַריין... — האָט דער אַלטער ייד געצויגן די געשיכטע — און איך האָב געוואַרט, ער זאָל אַרויסציען דעם גרויסן פיש, אָבער נבהל ונשתומם ביך איך געוואָרן, ווען איך האָב דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס

האָט מיך געמאַכט אויפציטערן און איך האָב פאַר שרעק נישט אַוועק־געחלשט...

— וואָס אַזוינס האָט ער געפאַנגען ?... — האָט מען אים פון אַלע זייטן געפרעגט, און די אויגן האָבן געפלאַמט פון נייגעריקייט.

— עס איז לחלוטין נישט געווען קיין פיש, נאָר עפעס אַזוינס, וואָס איז בלויז ענלעך האַלב צו אַ פיש און האַלב צו אַ מענטש... און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט ער געפאַנגען דעם שטן, ימח שמו... וואָרעם נישט אומזיסט וועט אַזאַ יונגערמאַן ווי אונזער שבתי צבי פאַרטאָג זיך מטריח זיין צום ים אַרויס און כאַפּן פיש...

— אָוואַ, אָוואַ... — האָבן די צוהערער געסמאַטשקעט מיט זייערע ליפּן און מיט גרויס באַוווּנדערונג די אויגן צום הימל אויפגעהויבן.

— ער איז אַ גרויסער צדיק, אונדזער שבתי צבי... — האָט זיך עמעץ פון דער עדה יידן אָנגערופן און טרערן פון פרייד זענען אים אַזש גע־קומען אין די אויגן אַריין.

— דו ספקסט נאָך, ר׳ עזריאל ?... — האָט אים אַ צווייטער געמאַכט אַ פאַרוווּרף — איך ווייס שוין פון לאַנג, אַז ער איז אַ גרויסער בעל־מקובל און ער קאָן דורך געוויסע שמות, וואָס מיר קענען זיי גאָרנישט, אַרויסרופן נישט נאָר דעם שטן, נאָר — להבדיל — אויך מלאכים, און זיי באַפעלן צו טאָן זיין ווילן...

— ער האָט אין זיך אַ ניצוץ פון רב שמעון בן יוחאי... — האָט אַ צווייטער צוגעגעבן.

— און איך זאָג אייך, אַז ער איז נאָך פיל גרעסער. מיט רבי שמעון בן יוחאין און זיין זון איז בלויז איין מאָל געשען דער נס, אַז ווען זיי האָבן גערעדט וועגן הימלישע ענינים, האָט אַ פלאַם־פייער אַראָפּגענידערט פון אונטערן כסא הכבוד און זיי אַרומגעהילט, כדי רוימישע שונאים זאָלן זיי נישט באַמערקן. אָבער מיט שבתי צבי געשעט עס אַ סך מאָל אין טאָג, ווען ער האָט עלית הנשמה... — האָט אַ דריטער זיך אַריינגעמישט אין דעם געהיימנישפולן געשפּרעך.

אַלע האָבן מיט נייגעריקייט אָפּגעוואַרט דעם טאָג, ווען עס איז פאַר־געקומען דער משפט צווישן אים און זיין כלה, דער שיינער רחל, ווע־מען ער האָט פאַרשעמט בפני כל עם ועדה.

— וואָס קאָן מען אים דערפאַר טאָן?... — האָט זיך איינער פאַר אים אָנגענומען — איז ער דען בײַ זיך אין די הענט? טוט ער דען דאָס, וואָס ער וויל? מן הסתם באַפעלט מען אים אַזוי פון הימל...

— אָבער אַפילו אַ מלאך, ווען ער קומט אַראָפּ אויף דער ערד, מוז ער זיך אַזוי פירן ווי מען פירט זיך בײַ מענטשן. די מלאכים, וועלכע זענען אַראָפּגעקומען צו אונדזער פאָטער אברהם, האָבן זיך געטאָן מאַכן עסן, ווייל אַזוי איז דער שטייגער בײַ מענטשן־קינדער. אזעלכע מלאכים, ווען זיי זענען געקומען אויף דער ערד, האָבן אַפילו חתונה געהאַט מיט פרויען און געהאַט קינדער... מען טאָר נישט גיין קעגן דער טבע פון דער וועלט...

— איז עמעץ פון די צוהערער אַרויסגעטראָטן ווי אַ קטיגור קעגן שבתי צבי. — ער איז טאַקע אַ הייליקער מאַן, אַ מלאך אלהים, אָבער ווען ער געפינט זיך מיט אונדז אויף דער ערד, דאַרף ער זיך פירן כאחד מבני האדם...

די צוויי פרעמדע פוילישע יידן זענען אויך געזעסן אַרום דער דאָזיקער עדה און האָבן זיך צוגעהערט צו די געשפּרעכן וועגן שבתי צבי. זיי זענען מיטגעריסן געוואָרן מיט די אויסטערלישע דערציילונגען וועגן אים, און זיי האָבן געגלייבט, אַז יעדעס וואָרט, וואָס מען זאָגט וועגן דעם דאָזיקן יונגן מקובל, איז אמת און הייליק.

ווייל נאָך איידער עס זענען אויסגעבראָכן די שחיטות אין פוילן, האָט מען שוין אין די דאָרטיקע בתי־מדרשים גערעדט וועגן דעם אַז עס דער־נענטערן זיך די טעג פון אויסלייזונג. סימנים האָט מען דערויף געפונען אין פאַרשידענע ספרים, און אויף דעם יאָר ת״ח איז דאָרט אָנגעוויזן געוואָרן אַז דעמאָלט וועט קומען משיח. ווען די מחנות פון באַגדאַן כמיעל־ניצקי האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער די מזרח־טיילן פון פוילן און אָנגע־הויבן דורכצופירן זייערע רציחות, האָט מען דעמאָלט געזאָגט, אַז דאָס איז מלחמת גוג ומגוג, וואָס דאַרף קומען אַלס צייכן פאַר דער גאולה...

איצט, זעען זיי איין, אַז די רייד, וואָס זענען דאָרט אין פוילן גערעדט געוואָרן, זענען אמת ויציב... אָט דאָ, אין דער דאָזיקער טערקישער האַפן־שטאָט סמירנע, איז געבוירן געוואָרן משיח, און דאָס איז בלי שום ספק דער יונגער שבתי צבי. אַלע צייכנס ווייזן דערויף אָן...

און ווען עס איז שוין אין בית־המדרש גוט פינצטער געוואָרן און קיין ליכט האָט מען נאָך נישט געהאַט אָנגעצונדן, האָט פּלוצלינג ר׳ וואָלף, אַ באַגייסטערטער פון די אַלע רייד, וואָס ער האָט זיך דאָ אָנגעהערט וועגן

שבתי צבי, זיך אויפגעריסן פון זיין פלאַץ און אויסגערופן מיט אַ פייער־לעך קול:

— הערט מיך אויס, רבותי... — און ער האָט זיך פון גרויס התלהבות אַזש פאַרהאַקט ביי די ערשטע ווערטער, אַ שטראָם מיט טרערן האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן אין האַלדז — הערט מיך אויס, מיינע טייערע ברידער. איך גלויב באמונה שלימה, אַז דער יונגער שבתי צבי איז דער מלך המשיח, אויף וועלכן מיר וואַרטן שוין אַזוי לאַנג און מיר האָפן יעדן טאָג, אַז ער וועט קומען... סימנים דערויף זענען פאַראַן אַ סך, און דער ערשטער סימן איז, אַז די מלחמת גוג ומגוג האָט זיך שוין אָנגעהויבן און מיר פּוי־לישע יידן זענען געבראַנגט געוואָרן אויפן מזבח אַלס די ערשטע היי־ליקע קרבנות. אונדז ביידע, מיר און מיין פריינד, ר׳ מעכל, איז באַ־שערט געווען צו דערלעבן די גאולה, זענען מיר ניצול געוואָרן ווי דורך אַ נס, כדי עדות צו זאָגן, אַז עס הערן זיך שוין טריט פון משיח. ער גייט, ער קומט, ער איז שוין דאָ!... און ווייל דעם דור, וואָס האָט דערלעבט און ווייל איז אייך, וואָס פון אייער מיטן קומט ער אַרויס, דער משיח בן־דוד...

מער האָט ער נישט געקאָנט אויסרעדן. ער איז אַנידערגעפאַלן אַ פאַר־חלשטער אויף דער ערד. מ׳האָט אָנגעצונדן ליכט אין בית־המדרש און גענומען ראַטעווען דעם פרעמדן מיט שפּריצן אויף אים קאַלט וואַסער פון כיור.

— ר׳ וואָלף, ר׳ וואָלף!... — האָט זיין פריינד, דער צווייטער פּליט פון פוילן, זיך געבעטן ביי אים און געמינטערט, ביז יענער האָט די אויגן געעפנט און זיך פאַרחידושט אומגעקוקט אויף די אַרומיקע מענטשן.

— מעריב! — האָט עמעץ אַ געשריי געטאָן.

און ווי בינשטאָקן וואָלטן זיך צעזשומעט, אַזוי האָט זיך דערהערט דאָס דאַווענען און די הויך פאַרענדיקטע תפילות פון חזן.

ווען זיי האָבן זיך אויסגערוקט נאָך שמונה עשרה, איז ר׳ וואָלף גע־בליבן שטיין מיט אַ פאָר אויסגעסטאַרטשעטע אויגן. ער האָט זיך נישט צוגעגלייבט, אַז ער זעט דאָס באַשיינפערלעך: אויף דער שוועל פון דער טיר איז געשטאַנען דער קריסטלעכער דאָקטער מיט אַ סידורל אין האַנט און ער האָט פרום זיך געשאָקלט איבער די תפילות. ר׳ וואָלף האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אויסגערופן בפני כל עם ועדה:

— אַט האָט איר נאָך אַ סימן, אַז עס איז די צייט פון ביאת המשיח. עס וועט מקוים ווערן דער פסוק פון ישעיה: והיה באחרית הימים נכון יהיה הר בית ה׳ בראש ההרים ונשא מגבעות ונהרו אליו כל הגויים... — און עס וועט זיין אין סוף פון די טעג, וועט שטיין פעסט דער באַרג פון גאָטס הויז אויבן אָן פון די בערג און דערהויבן איבער די הייכן; און אַלע פעל־קער וועלן צו אים שטראָמען. אָט זעט און קוקט: דער ערשטער פון די „גויים" איז שוין געקומען צו אונדז, ער איז געקומען בעטן מיט אונדז צו־זאַמען: „ולירושלים עירך ברחמים תשוב..." און זאָלסט זיך מיט דערבאַ־רעמדיקייט אומקערן אין דיין שטאָט ירושלים... זאָל דעריבער געבענטשט זיין גאָטס נאָמען, און דערהויבן זאָל ווערן דער נאָמען פון זיין משיח, שבתי צבי!...

אַ גרויסער רעש איז אַנטשטאַנען אין בית־המדרש. דער עולם איז אַריינגעפאַלן אין אַן אומבאַשרייבלעכער התלהבות. מ׳האָט אָנגעהויבן טאַנצן אין אַ גרויס ראָד, אַריינציענדיק די צוויי פרעמדע פּוילישע יידן, דעם קריסטלעכן דאָקטער, וועלכער איז צוריקגעקומען אין דער יידישער עדה. דער טאַנץ איז פון רגע צו רגע געוואָרן אַלץ מער פייערדיקער און וויר־בלדיקער, ביז מ׳האָט שוין קיין פּנים פון אַן איינצלנעם מענטש נישט אַרויסגעזען, נאָר עס איז געווען איין צונויפגעדרענגטע מאַסע און וואָס האָט געשריגן מיט אַזעלכע קולות, וואָס האָבן געקאָנט הימלען שפּאַלטן: „ה׳ הוא אלהים!"

קאַפּיטל צוויי

שבתי צבי׳ס קינדהייט

אַ וואַרעמע בלוי־זילבערנע נאַכט איז דעמאָלט געווען. יידן זענען גיך געלאָפן אין שול און אין בית־המדרש, איילנדיק זיך צו די קינות. עס איז געווען תשעה באָב פון יאָר ה׳שפ״ו (1626) אין סמירנע האָט זיך גע־פילט עפּעס אַן אומהיימלעכע אימה. איבער די העל־באַלויכטענע גאַסן האָבן געצויגן מחנות סאָלדאַטן, באַלאָדענע מיט פּעק אויף די פּלייצעס, דאָס זענען זיי געגאַנגען צום האַפן, כדי אויפגעלאָדנט צו ווערן אויף שיפן,

וואָס זאָלן זיי אָפּפירן אין די וואַסערן פון אַדריאַטישן ים, ווו זיי וועלן דאַרפן פירן קריג מיט די סאָלדאַטן פון דער מדינה ווענעדיג.

די זעלנער זענען געווען שיכור און האָבן געפראַוועט ווו־נישט־ווו אַנ־פּאַלן און רויבן יידישע שטובן. יעדע פּאָר מינוט האָבן זיך פון ערגעץ אַנדערש געהערט געשרייען און געוואַלטן פון יידישע מענער און פרויען.

— אוי, ווען וועט מען שוין פּטור ווערן פון פאַרשאָלטענעם גלות ?...

— האָבן יידן זיצנדיק אויף דער ערד אין שול, געקרעכצט און אָפּגערעדט זיך די הערצער — יעדער גוי האָט איבער אונדז די ממשלה, יעדער שיכור טשעפּעט זיך צו אונדז און האָט איבער אונדז די מאַכט. אוי, ווי לאַנג נאָך וועט אַזוי זיין ? !...

און אין אָט די דאָזיקע קרעכצענישן האָט זיך אַריינגעמישט דאָס קול פון בעל־תפילה : „בכו תבכה בלילה ודמעתה על לחיה ; אין לה מנחם מכל אהביה, כל רעיה בגדו־בה היתה לה לאויבים״... וויינען טוט זי וויינען ביינאַכט און איר טרער איז אויף אירע באַקן ; זי האָט נישט קיין טרייס־טער פון אַלע אירע ליבהאָבער ; אַלע אירע גוטע פריינד האָבן געפעלשט אין איר, זיי זענען איר שונאים געוואָרן״...

אַ שטיל געוויין האָט זיך דערהערט פון צווישן די ווייבער, וואָס זענען געווען מיט אַ פאַרהאַנג אָפּגעטיילט פון די מענער, און אויך ביי די מאַנס־בילן האָט זיך דאָ און דאָרט דערהערט אַ טיפער זיפץ און אַ טרער האָט אַ שטיק געטאָן אין האַלדז. אָבער נאָך טרויעריקער איז היינטיקן תשעה באב געווען ר׳ מרדכי צבי, דער אָרעמער עופות־הענדלער. טרערן האָבן זיך גע‍גאָסן איבער זיינע באַקן און ער האָט באַגלייט מיט כוונה די ווערטער פון בעל־תפילה : „בכו תבכה בלילה״... אין אָט דער נאַכט איז זיין ווייב אסתר געגאַנגען צו קינד און זי האָט געהאַט אַ שווער האָבן.

— זיי געטרייסט, מיין פריינד — האָט ר׳ מרדכי פּלוצלינג דערהערט הינטער זיך אַ שטימע — וואָס דיין ווייב גייט צו קינד גראָד אין תשעה באב, ווייל אין אָט דעם טאָג דאַרף געבוירן ווערן משיח... עס קאָן באַ־שערט זיין, אַז משיח זאָל ביי דיר געבוירן ווערן. דו שטאַמסט דאָך פון מלכות בית דוד...

ביי ר׳ מרדכין איז דאָס פּנים צעשטראַלט געוואָרן פון די דאָזיקע ווערטער. ער האָט זיך אויף אַן אמת געטרייסט מיט די דאָזיקע רייד און אַ פונק פון האָפענונג האָט אויפגעטליעט אין זיין האַרץ. ער איז געווען

אַ מקובל, ער האָט געוווסט זייער פיל שמות און פסוקים און ער האָט זיי אָנגעהויבן שטיל פאַר זיך איבערצוחזרן. געבעטן האָט ער קודם־כל אויף אַ בן־זכר און דערנאָך, אַז דער דאָזיקער בן־זכר זאָל זיין ראוי צו ווערן דער אויסלייזער פון יידישן פאָלק.

און ער האָט מיט אַ שטיל קול געזאָגט די טרייסט־ווערטער פון נביא ירמיהו: „כי לא יזנח לעולם אדני"... ווארעם נישט אויף אייביק פאַרלאָזט גאָט; אויב ער האָט פאַראומערט, דערבאַרעמט ער זיך אָבער לויט זיינע גרויסע חסדים. ווארעם נישט פון זיין האַרצן פייניקט ער און פאַראומערט די מענטשנקינדער...

און אפשר וועט ער זיך היינט ביינאַכט דערבאַרעמען אויפן יידישן פאָלק און וועט ברענגען אויף דער וועלט זיין דערלייזער? ער האָט זיך איצט אין דער רגע דערמאָנט, וואָס עס האָט אים אַמולט געזאָגט איינער אַ סוחר פון גרויס־בריטאַניע, וועלכער האָט זיך אין יענע טעג געפונען גראָד אין סמירנע. ער האָט אים דערציילט, אַז צווישן די קריסטן גייט אַרום אַ גרויס גערייד, אַז אין היינטיקן יאָר דאַרף געבוירן ווערן דער יידישער משיח, ווייל דאָס יאָר איז פונקט 1626 און די לעצטע ציפער 26 באַטרעפן אַזוי פיל ווי דער שם המפורש, דער נאָמען פון יידישן גאָט...

די דאָזיקע רייד פון דעם קריסט און די טרייסט־ווערטער, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט פון זיין פריינד, האָבן אַרויסגערופן גרויס האָפענונג ביים אָרעמען עופות־הענדלער... און ער איז געוואָרן האָפערדיק, גאָר־נישט ווי אין תשעה באָב, אַזוי אַז עטלעכע יידן אַרום האָבן אים געמאַכט אַ פאַרוואורף:

— דיין פנים שטראַלט אַזוי, ר' מרדכי, ווי עס וואָלט געווען שמחת תורה...

— עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט, און תשעה באָב וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין שמחת־תורה... — האָט ר' מרדכי אויפן אָרט זיי געענטפערט — דאָס וועט זיין ווען משיח וועט קומען!

— הלוואי, רבונו של עולם... — האָבן די יידן פרום פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל — אָבער דערווייל איז נאָך נישטאָ וואָס זיך צו פרייען. עס זענען קיין שום סימנים דערויף נישטאָ...

— מיר האָפן יעדן טאָג, אַז משיח וועט קומען — האָט ר' מרדכי

געענטפערט — און ווי איר ווייסט דאַרף דאָך משיח געבוירן ווערן אין תשעה באָב, איז אפשר וועט ער היי־יאָר געבוירן ווערן...

אין דער רגע איז געקומען צו לויפן אַ שליח אין בית־המדרש און קוים וואָס ער האָט געקאָנט די ווערטער פון זיין מויל אַרויסברענגען:

— מזל־טוב, ר' מרדכי, אייער ווייב האָט געבוירן אַ יינגל!...

ר' מרדכי האָט דערין געזען גאָטס פינגער... גראָד האָט ער גערעדט דערפון, אַז היי־יאָר קאָן געבוירן ווערן משיח און אין דער זעלבער רגע איז אים אָנגעזאָגט געוואָרן די גרויסע בשורה...

ער איז גיך אַהיימגעלאָפן און צוקומענדיק צו דער אָפענער טיר, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַ גרויס ליכט שיינט אַרויס פון זיין שטוב, און איבער דעם בעט ווו די קימפעטאָריך איז געלעגן, האָט ווי אַ זייל פייער געלויכטן. ווען ער איז אַריבערגעטראָטן די שוועל, איז דאָס אַלץ פאַר־שווונדן געוואָרן. ער האָט שפּעטער אַ סך וועגן דעם נאָכגעטראַכט, אָבער קיינעם וועגן דעם גאָרנישט דערציילט.

ווי אָרעם ר' מרדכי צבי איז נישט געווען, האָט ער געמאַכט אַ גרויסע סעודה, צו וועלכער ער האָט פאַרבעטן די וויכטיקסטע מענטשן פון שטאָט. צווישן די חשובע געסט איז אויך געווען דער גרויסער מקובל ר' יוסף איש־קפּא, וואָס האָט געהאַלטן אַ גרויסע דרשה וועגן דעם ענין פון געבוירן ווערן אין תשעה־באָב. כאָטש ער האָט בפירוש נישט אַרויסגעזאָגט די האָפענונג, אַז דער ניי־געבוירענער קאָן אַמאָל זיין משיח, האָט דער אָרעמער עופות־הענדלער זיך שוין אַליין אויסגעטייטשט, אַז דאָס האָט דער גרויסער מקובל געמיינט זיין זון, וועמען ער האָט אַ נאָמען געגעבן: שבתי צבי.

די אָרעמעלייט אין סמירנע און פון דער אומגעגנט האָבן לאַנג געדענקט די דאָזיקע סעודה, און זיי האָבן דעם בעל־ברית אָנגעוווּנטשן, אַז אויף דער חתונה פון דעם זון זאָל ער זיין אַ גרויסער נגיד, און פאַר אָרעמעלייט זאָל צעטיילט ווערן טויזנט מאָל מער ווי עס איז צעטיילט געוואָרן אויף דעם ברית.

— אמן!... — האָט ר' מרדכי געענטפערט.

און וווּנדערלעך — ר' מרדכין האָט אָנגעהויבן גיין פון טאָג צו טאָג אַלץ בעסער און בעסער. עס איז דעמאָלט אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן טערקיי און דער קליינער איטאַליענישער מלוכה פון ווענעדיג. ר' מרדכי האָט אָנגעהויבן פאַרקויפן מער עופות און אייער. באַלד האָבן זיך באַוויזן

עטלעכע רייכע סוחרים פון גרויס־בריטאַניע, צווישן זיי איז אויך געווען דער קריסט, וועלכער האָט אים געהאַט אַמאָל דערציילט, אַז ביי זיי אין גרויס־בריטאַניע שמועסט מען שטאַרק, אַז משיח דאַרף געבוירן ווערן ביי יידן. זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט דעם עופות־הענדלער ר׳ מרדכי צבי און ער איז געוואָרן דער צושטעלער פון עופות און אייער קיין גרויס־בריטאַניע.

די מלחמה האָט זיך געצויגן עטלעכע יאָר און דער האַנדל האָט זיך איבערגעטראָגן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין סמירנע, וווּהין די פיינטלעכע שיפן איז געווען שווער צוצוקומען. ר׳ מרדכי איז רייך געוואָרן און ער האָט שוין געטראַכט וועגן קויפן זיך אַן אַנדער הויז, אַ גרעסערס. שבתי צבי איז שוין אַלט געווען פינף יאָר און די מלמדים האָבן אים גערימט, אַז ער האָט אַ גאוניש קעפּל. מיט זיינע קשיות שטעלט ער זיי אין אַ פאַרלעגנהייט.

ר׳ מרדכי איז געווען איבערצייגט, אַז זיין גאַנץ עשירות איז צו אים געקומען נאָר אַ דאַנק דעם יינגסטן זון שבתי. אין זיין זכות האָט אים אָנגעהויבן צו גיין גוט אין די געשעפטן און ער האָט געפונען חן אין די אויגן פון די בריטאַניער. ער האָט דעם קליינעם שבתי שטאַרק ליב געהאַט און פאַרבאַהאַלטערנערהייט האָט ער געלייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען.

דאָס קליינע יינגעלע איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטס. מ׳האָט אים אָפט געפונען אין באַהאַלטענע ווינקעלעך פון הויז, ווו ער איז געזעסן און גערעדט צו זיך אַליין.

— שבתילע, וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס האָסטו שטענדיק ליב צו זיצן איינער אַליין און דו שפּילסט זיך גאָרנישט מיט די קינדער? — פלעגט די מוטער אים פרעגן און דערביי פלעגט איר פּנים שיינען פון נחת, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז איר יינגעלע וואַקסט אַ גרויסער מענטש.

דאָס פינף־יעריקע יינגעלע פלעגט ברייט עפענען די גרינע פאָספאָר־אייגעלעך און אַ קוק־טאָן אויף דער מוטער מיט אַזאַ פאַרשטענדיקייט, אַז זי האָט שוין כמעט נישט געדאַרפט האָבן זיין תשובה.

— איך בין געווען אין הימל, מאַמע... — פלעגט ער פּלוצלינג אַ זאָג טאָן...

— וואָס רעדסטו פאַר אַ נאַרישקייטן, קינד מיינס! — האָט די מוטער זיך אויף אַן אמת דערשראָקן — וואָס הייסט ביסט געווען אין הימל? אין

הימל געפינט זיך בלויז גאָט און זיינע מלאכים... אַ מענטש האָט זיין אָרט אויף דער ערד. זאָגסטו דען נישט אין הלל יעדן ראש חודש און יום־טוב: „השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם" — די הימלען זענען די הימלען פון גאָט, אָבער די ערד האָט ער געגעבן צו די מענטשנקינדער... און דו ביסט דאָך אַ מענטשנקינד, גלייך ווי מיר אַלע...

— מאַמע, איך בין נישט גלייך ווי אַלע... — האָט ער געגעבן אַן ענט־פער ווי אַ דערוואַקסענער און מיט אַזאַ ערנסטקייט אויפן יונגן פּנימל, אַז דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דער מוטער.

ווען זי האָט וועגן דעם דאַזיקן געשפּרעך מיט שבתילען איבערגעגעבן איר מאַן, ר׳ מרדכי צבי, האָט ער באַדייטונגספול געשמייכלט און די אויגן האָבן ביי אים געשיינט ווי צוויי זונען.

— אונדזער שבתי וואַקסט גאָר אַ גרויסער מענטש. רעד בעסער נישט וועגן דעם מיט קיינעם, וויל מ׳קאָן אים נאָך געבן אַ שלעכט אויג, חס וחלילה...

— זאָל בעסער מיר געשען עפּעס שלעכטס איידער אים!... — האָט די מוטער אויסגערופן מיט פּחד.

מער האָט זי וועגן קינדס חכמות נישט גערעדט און נישט איבער־דערציילט דעם פאָטער,ביידע עלטערן האָבן אָבער שטילערהייט, יעדער פאַר זיך, געשעפּט נחת און געוואַרט מיט אומגעדולד אויף שבתיס ווייַ־טערדיקער אַנטוויקלונג.

טייַלמאָל, ווען זי זיצט איינע אַליין אין אַ בין־השמשות, דערמאָנט זי זיך וואָס דאָס קינד האָט געזאָגט, ווען ער האָט צו דריי יאָר אָנגעהויבן לערנען חומש. אַ ציטער גייט איר נאָך איצט אַדורך איבערן לייב, ווען זי הערט זיך איין אין די ווערטער, וואָס ער האָט דעמאָלט אַ זאָג געטאָן און זיי האָבן אַריינגעברענגט אין פאַרגאַפונג אַלע פאַרזאַמלטע געסט און אויך דעם מלמד. דאָס איז געווען ווען מ׳האָט מיט אים אָנגעהויבן די פּרשה „ויקרא".

מ׳האָט אים געלערנט: „אויב אַ בראַנדאָפּפער איז זיין קרבן, פון רינ־דער, זאָל ער אים ברענגען אַ זכר, אָן אַ פעלער, צום איינגאַנג פון אהל מועד זאָל ער אים ברענגען, כדי ער זאָל באַוויליקט ווערן פון גאָט"...

„איך וויל זיין אַ בראַנדאָפּפער פאַר גאָט"... — האָט דער קליינער דריי־יעריקער שבתי, צו אַלעמענס שטוינונג, אויסגערופן.

אַלע יינגעלעך, וואָס זענען געווען אויף דער סעודה, האָבן זיך צעלאַכט פון דעם קליינעם שבתיס פּאַרלאַנג. אָבער ער אַליין, דער בעל־שמחה, האָט זיך שרעקלעך פונאַנדערגעוויינט. דאָס פּנימל האָט זיך צעגליט און פון זיינע אייגעלעך זענען געגאָסן פּערל־טרערן. ער איז דעמאָלט קראַנק געוואָרן, באַקומען פיבער, און אין דער היץ האָט ער עטלעכע מאָל דערמאָנט, אַז ער וויל זיין אַ קרבן־עולה צו גאָט.

ר׳ מרדכי איז דעמאָלט געלאָפן צו ר׳ יוסף אישקפּא און אים דער־ציילט וועגן זיין קינדס איינפאַל.

— ער איז דאָך מיר קראַנק געוואָרן דערפון — האָט ער געוויינט פאַר דעם גרויסן רבין — וואָס טוט מען מיט דעם קינד ?...

— רוף צו אים אַ דאָקטער און טייטש נישט אַריין קיין שום איבערנאַ־טירלעכקייטן — האָט אים דער רבי אויסגעמוסרט, וויסנדיק, אַז ר׳ מרדכי צבי איז אַ מקובל און ער קאָן, ווער ווייס וואָס, אַריינטייטשן אין דעם קליינעם קינדס רייד...

דעם פאָטער האָט ער טאַקע אויסגעמוסרט, אָבער אַליין האָט ער לאַנג נאָכגעטראַכט וועגן דער דאָזיקער געשעעניש. אין בית־המדרש האָבן זיך מענטשן וועגן דעם בסוד־סודות איבערגעשמועסט און געקומען צום באַ־שלוס, אַז פון דעם קליינעם שבתי צבי איז צו דערוואַרטן גאָר גרויסע זאַכן.

— ער איז דאָך געבוירן געוואָרן אין תשעה־באָב... — האָט עמעץ געמאַכט אַ באַמערקונג און מער גאָרנישט צוגעגעבן.

דער עולם האָט שוין געוווּסט, וואָס ער מיינט דערמיט צו זאָגן.

אַ גרויסע האָפענונג איז געוואַקסן אין דער יידישער עדה פון סמירנע.

שבתי צבי איז שוין איצט אַלט פינף יאָר. ער לערנט שוין גמרא, ער כאַפּט זיך שוין צו מפרשים. צום מערסטן אָבער האָט ער ליב צו לערנען מסכתא ברכות, ווו עס געפינען זיך אַ סך אגדתות. בעת ער האָט געלערנט די פאַרשידענע אגדות, האָט דער קליינער ממש געשוועבט אין די הימלען. די בעקעלעך האָבן זיך געראָיטלט און זיינע אויגן האָבן געפינקלט ווי די גרויסע גרינגע שטערן. ווען ער האָט געלערנט וועגן די פיר תנאים וואָס זענען אַריינגעגאַנגען אין „פּרדס", און טייל זענען געשטרויכלט געוואָרן, האָט ער נישט אָפּגעלאָזט דעם מלמד און געהאַלטן אין איין פרעגן קשיות. ער האָט געוואָלט וויסן גענוי, וואָס די דאָזיקע תנאים האָבן אַזעלכעס

דערזען אין דעם דאָזיקן „גאָרטן" און וואָס פאַר אַ גאָרטן איז דאָס — וואָס פאַר אַ פּרוכטן וואַקסן אין דעם דאָזיקן גאָרטן?...

דער מלמד האָט זיך מיט דעם קליינעם תלמיד נישט געקאָנט קיין עצה געבן. וואָס פאַר אַן ענטפער ער זאָל אים נישט האָבן געגעבן, האָט ער געפונען צען אַנדערע קשיות צו פרעגן.

איינמאָל איז שבתי צבי נישט געקומען אין חדר אַריין. דער מלמד איז געגאַנגען געוואָרן ווערן אַהיים, פאַרוואָס זיין תלמיד איז נישט געקומען. דאָרט האָט ער צו זיין גרויסער שטוינונג און צו דער שטוינונג פון די עלטערן זיך דערוווסט, אַז שבתי איז אַוועק פון דער היים אינדערפרי, פונקט ווי יעדן טאָג.

די עלטערן, צוזאַמען מיטן מלמד, זענען זענען אַוועק זוכן דאָס קינד איבער דער גאַנצער שטאָט. מען האָט אים געזוכט ביים האַפן, טראַכטנדיק, אַז אפשר איז געשען אַן אומגליק. אפשר האָט אים עמעץ פון די דורכפאַרנדיקע קאַפּיטאַנען מיטגענומען אויף זיין שיף. עס זענען שוין געשען אַזעלכע געשיכטעס, אַז מ'האָט אויפגעכאַפּט יונגע קינדער און זיי אַוועקגעפירט אין די ווייטע לענדער.

די מוטער האָט זיך געבראָכן די הענט און געוויינט. דער פאָטער האָט נישט געוויינט, אָבער זיין האַרץ איז געווען פאַרקלעמט פון ווייטיק, אַז ער האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן.

מיטאַמאָל זענען זיי אויפגעציטערט געוואָרן. נישט ווייט פון ברעג ים, אונטער אַ ברייט־פאַרצווייגטן בוים, איז געזעסן דער קליינער שבתי צבי און געדרימלט.

זיי האָבן זיך צו אים דערנענטערט מיט שטילע טריט, כדי אים נישט אויפצוּוועקן פון שלאָף. זיי האָבן באַטראַכט דאָס קליינע ייִנגל. ער איז געשלאָפן אַ אַ שמייכלענדיקער און געאָטעמט רואיק. טיילמאָל האָט ער באַוועגט מיט די ליפּעלעך, גלייך ער וואָלט זיך מיט עמעצן אויסגעטענהט.

די עלטערן זענען געווען גליקלעך אים צו טרעפן אַ לעבעדיקן, אָבער דאָס האַרץ האָט זיי געשראָקן פאַר דער אויסטערלישקייט פון זייער קינד. וואָס טוט זיך מיט אים? פאַרוואָס איז ער דאָ אַהערגעקומען? ווי אַזוי האָט ער נישט מורא געהאַט אײנער אַליין צו קומען צום ים?

אָבער אָט האָט ער געעפנט זיינע אייגעלעך און פאַרוואונדערט זיך אומ־

געקוקט אויף אַלע זייטן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זענען עפּעס זיינע טאַטע־מאַמע און דער מלמד דאָ אַהערגעקומען...

— טייערער — איז די מוטער צו אים צוגעפאַלן, אים אָנגעהויבן קושן און באַנעצט אים דאָס פּנימל מיט אירע הייסע טרערן.

דער פאָטער האָט גאָרנישט גערעדט. ער איז בלויז געשטאַנען און אין האַרץ געשעפּטשעט אַ שטילע תּפילה צו גאָט, אַז ער זאָל דעם זון אָפּהיטן פון אַלעם שלעכטס און פירן אים אויפן ריכטיקן וועג.

— איך האָב געהאַט אַ שיינעם חלום... — האָט דער קליינער שבתי צבי מיט פרייד אין זיינע גרינע אייגעלעך אויסגערופן — איך בין פּלוצלינג אויפגעהויבן געוואָרן איבער די בלויע וואָלקנס אַזוי הויך, אַז איך האָב מער די ערד נישט געקאָנט זען. איך האָב געזען אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן. מיט־אַמאָל האָב איך דערהערט אַ שטים פון ערגעץ און איך בין פאַרציטערט גע־וואָרן. עס איז געווען די זעלבע שטים, וואָס האָט גערעדט צו משה רבנו ביים ברענענדיקן דאָרן, ווען גאָט האָט אים געהייסן גיין צו פּרעהן, ער זאָל באַפרייען די יידן פון מצרים...

— וואָס טוט זיך מיט דיר?... פאַרוואָס רעדסטו אַזעלכע רייד, מיין זון?... — האָט די מוטער זיך געטרייסלט פון שרעק. איר קינד האָט גע־הערט די שטים פון גאָט, און ער איז נישט געניזוקט געוואָרן...

— זאָג מיר, שבתי, וואָס פאַר אַ סדרה האָסטו די וואָך געלערנט? — האָט דער פאָטער אים געפרעגט.

— די וואָך האָב איך געלערנט די סדרה „שמות"... — האָט ער גע־ענטפערט מיט אַן ערנסטער שטים.

— האָסטו נישט געלערנט, ווי גאָט האָט גערופן צו משהן, ווען ער האָט געפּיטערט די שאָף אין דער מדבר ביים באַרג חורב, ווו ער האָט זיך צו אים באַוויזן אין אַ פלאַם־פייער פון אַ דאָרן?...

— יאָ, טאַטע... — האָט שבתי געענטפערט און ער האָט זיך פאַרשעמט.

— גלייבסטו, אַז אויך דיך האָט גאָט גערופן אויסצולייזן די יידן?... — האָט דער פאָטער געפרעגט דעם קליינעם שבתי.

— יאָ... — האָט דער פינף־יאָריקער בחור געענטפערט דרייסט און אַ בליק־געטאָן מיט זיינע גרינע פאָספאָר־אייגעלעך אויף זיין פאָטער — איך האָב געזען אַ לויטערן פלאַם־פייער, וואָס האָט געלויכטן פון דער

ערד ביזן הימל, און גערעדט האָט גאָט צו מיר פון דעם פייער אַרויס, בעת איך בין געפלויגן אויף דעם בלויען וואָלקן.

און ווען שבתי צבי האָט דאָס געזאָגט, זענען קרישטאָל־ריינע טרערן געפלאָסן פון זיינע אויגן איבער די באַקן. ער האָט זיך געטוליעט צו זיינע עלטערן, און ווען זיי האָבן אים אָנגענומען ביים הענטל און געפירט אַהיים, איז ער נאָכגעגאַנגען געהאָרכזאַם און אויפן וועג גאָרנישט גערעדט.

פון דעם טאָג אָן האָט אים די מוטער שוין נישט געלאָזט גיין איינעם אַליין אין חדר. זי האָט מורא געהאַט, אַז צוליב זיין פאַרטראַכטקייט קאָן אים נאָך טרעפן אַן אומגליק. זי האָט אים יעדן טאָג געפירט אין חדר און געקומען אים אָפּנעמען. דער מלמד האָט איר שטענדיק געהאַט עפּעס וואָס צו דערציילן וועגן איר זון.

שבתי צבי איז געוואַקסן אַ הויכער און שיינער בחור. ער האָט פאַר־מאָגט אין זיך אַ קראַפט אַזאַ צוציענדיקע ווען ער איז נאָך צען יאָר אַלט געווען, אַז מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין גאַס, ווען ער איז פאַר־בייגעגאַנגען און אים לאַנג, לאַנג נאָכגעקוקט. יונגע מיידלעך האָבן זיך פאַרשעמט, ווען ער האָט אויף זיי זיין גרינעם בליק אויפגעהויבן און זיי זענען רויט געוואָרן. אַפילו יונגע ווייבלעך האָבן נישט געקאָנט אויסהאַלטן זיין פאַרכישופנדיקן בליק. ביי צען יאָר האָט ער אויסגעזען ווי אַ בחור׳ל פון זיבעצן... ער איז געווען הויך און שלאַנק. דאָס פּנים זיינס איז געווען ווי דורכזיכטיקער אַלבאַסטער און די גרינע פאָספאָר־אויגן האָבן געלויכטן ווי ליכטיקע שטערן.

— וויל ווערט זיין דעם מיידל, וואָס וועט אים קריגן פאַר אַ מאַן... — האָבן ווייבלעך אין די פאַרנאַכטן פאַר זייערע הייזער צווישן זיך געשמועסט.

— ער קוקט דאָך אָבער נישט אויף קיין מיידלעך... — האָט איינע אַ יונג ווייבעלע זיך אָנגערופן און זיך פאַררויטלט.

— ער האָט נאָך צייט... — האָט אים אַ צווייטע פאַרענטפערט — דו פאַרגעסט, אַז ער איז קוים צען יאָר אַלט געוואָרן.

— ער רעדט שוין אָבער ווי אַ דערוואַקסענער מענטש.

— וויפל דערוואַקסענע מענטשן קאָנען דאָס רעדן אַזוי קלוג און פאַר־שטענדיק ווי דער יונגער שבתי צבי?... — האָט אַ דריטע זיך אָנגערופן.

— מען זאָגט, אַז ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אין תשעה באָב, קאָן

אַמאָל מעגלעך זיין, אַז ער איז משיח... די לעגענדע זאָגט, אַז משיח דאַרף געבוירן ווערן אין תשעה באָב.

אָט אַזעלכע רייד זענען אָנגעגאַנגען אין דער שטאָט, אַזוי צווישן ווייבער ווי צווישן מאַנסבילן. וועגן וואָס מען זאָל נישט האָבן אָנגעהויבן שמועסן, איז מען אַרויפגעקומען אויף שבתי צבי.

אין דעם דאָזיקן עלטער האָט שוין שבתי צבי זיך צוגעקליבן עטלעכע געטרייע חברים, וואָס אַן זיי האָט מען אים קיינמאָל נישט געטראָפן. שטענדיק האָט מען זיי געזען הינטער דער שטאָט שפּאַצירן און פירן געשפּרעכן. וועגן וואָס די דאָזיקע יונגע קינדער רעדן — האָט מען נישט געוווּסט.

איינמאָל האָט עמעץ צופעליק אונטערגעהערט זייערס אַ שמועס. דאָס איז געווען אין אַ תשעה באָב, ווען שבתי צבי איז אַלט געוואָרן עלף יאָר. זיינע חברים זענען געווען פון זעלבן עלטער כמעט וואָס ער, און דאָס זענען געווען משה פּינהייראָ און יצחק סילווייראָ. זיי האָבן אים געפאָלגט אין אַלץ, וואָס ער האָט זיי נאָר געזאָגט. זיי האָבן בלינד אים געהאָרכט און זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, ווי מען הערט זיך צו צו די רייד פון א רבין.

אין דעם דאָזיקן תשעה באָב האָבן אָט די דריי חברים זיך אַוועקגעלאָזט ווייט הינטער דער שטאָט, נאָענט פון ים־ברעג, נישט באַמערקנדיק, ווי הינטער אַ בוים איז געזעסן עמעץ, וואָס האָט זיך אָפּגערוט פון אַ לאַנגן וועג.

דער דאָזיקער וואַנדערער, אַן איינוואוינער פון סמירנע, האָט די יינגלעך געקענט און ער איז בייגעריק געווען צו הערן וועגן וואָס עס קאָנען אַזעלכע יונגע קינדער רעדן. ער האָט אָנגעשטרענגט זיין געהער און צו זיין אויער האָט דערגרייכט פאָלגנדיקער געשפּרעך:

— עס איז גוט, וואָס מיר שפּאַצירן שטענדיק אין דרייען... — האָט שבתי צבי אויסגערופן צו זיינע חברים.

— פאַרוואָס? — האָט אים משה פּינהייראָ געפרעגט.

— ווייל איך האָב אָנומלט געלערנט וועגן ר' מאירן, וועלכער האָט געזאָגט: אויב איין מענטש גייט אַרויס אויפן וועג שפּאַצירן, פלעגט ער צו אים אויסרופן: גיי אין פרידן, דו שטערבלעכער; אויב ער האָט געזען, אַז צוויי מענטשן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין, האָט ער צו זיי געזאָגט: גייט אין פרידן, איר בעלי־מחלוקת; אויב ער האָט גע־

זען דריי מענטשן זיך לאָזן אין וועג אַריין, האָט ער צו זיי געזאָגט: גייט אין פרידן, איר ליבהאָבער פון שלום...

— האָסט גוט געזאָגט, שבתי... — האָט משה פינהייראָ מיט התלהבות אויסגערופן צו זיין גוטן חבר.

— און נאָך וויל איך אייך עפּעס זאָגן וועגן איינשאַפן זיך גוטע חברים; שלמה המלך האָט געזאָגט אין משלי: ווער עס גייט מיט חכמים, ווערט ער אַליין אויך קלוג... צו וואָס איז די זאַך געגליכן — צו אַ מאַן, וועלכער קומט אַריין אין אַ קראָם פון בשמים. אפילו ווען ער האַנדלט נישט דער־מיט, זאַפּט ער אין זיך אָבער איין דעם אַנגענעמען ריח און מען פילט פון אים אַ גאַנצן טאָג אַ גוטן געשמאַק... און ווער עס האָט צו טאָן מיט נאַראָנים, ווערט ער אַליין אויך נאַריש. צו וואָס איז דאָס געגליכן? צו איינעם, וואָס גייט אַריין אין אַ פּלאַץ, וווּ מען גאַרבט־אויס לעדער; איז כאָטש ער האַנדלט נישט דערמיט, זאַפּט ער אין זיך איין דעם שלעכטן ריח און מען פילט פון אים אַ גאַנצן טאָג...

— קלוגע רייד הערן מיר היינט פון דיר, שבתי... — האָט יצחק סיל־ווייראָ אַ גלעט געטאָן זיין וווילגעלערנטן חבר איבערן אַקסל.

— ביסט אָנגעברייט, שבתי צבי, צו זיין אונדזער וועגווייזער... — האָט משה פינהייראָ אויסגערופן מיט גרויס באַגייסטערונג.

— ווער בין איך און וואָס בין איך, אַז איך זאָל זיין אייער וועגווייזער? אונדזער וועגווייזער איז די תורה, און אין איר דאַרפן מיר זיך האַלטן... — האָט שבתי צבי געענטפערט מיט באַשיידנקייט.

— האָסט דאָך אָבער אונדז אַנומלט דערציילט וועגן דיין חלום, שבתי, און דאָס באַווייזט דאָך, אַז מיר זענען גערעכט... — האָט משה פינהייראָ ווייטער געזאָגט.

— אונדזערע חכמים האָבן געהייסן נישט גלייבן אין חלומות. אַ חלום דאַרף מען קאָנען באַשיידן און אַ נישט־באַשיידענער חלום איז ווי אַ נישט געליינעטער בריוו... — האָט שבתי צבי געענטפערט.

— וואָס פאַר אַ חלום, פינהייראָ? — האָט דער צווייטער חבר מיט גרויס נייגעריקייט געפרעגט — מיר האָסטו דעם חלום קיינמאָל נישט דערציילט.

— עס האָט זיך געחלומט אונדזער חבר שבתי צבי, אַז ער איז גע־גאַנגען איבער די סטעזשקעס פון גן־עדן און ער האָט אָנגעטראָפן אויף זיין

אַלטן זיידע, דוד המלך, האָט דוד המלך צו אים געזאָגט: ביסט אָנגעברייט, שבתי צבי, אַמאָל צו פאַרנעמען מיין טראָן און הערשן איבערן יידישן פאָלק. וואָס טוסטו דערצו, אַז זאָלסט ראוי זיין צו פאַרנעמען מיין שטול ?...

„איך לערן תורה"... — האָט שבתי צבי געענטפערט מיט גרויס ציטער־ניש. — „דאָס איז נאָך ווייניק, וואָס דו לערנסט תורה, אַ סך יידן לערנען תורה און דאָך וועלן זיי מיין טראָן נישט באַשטייגן"... — „איך דאַרף טאָן מצוות, אָבער איך בין נאָך צו יונג, איך בין נאָך נישט קיין בר־מצווה" — האָט שבתי צבי געענטפערט. — „אויב דו ווילסט נאָך טאָן מצוות, איז דאָס אַליין אַ גרויסע מצווה" — האָט דוד המלך אים געענטפערט און שבתי צבי אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

ווען שבתי צבי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף, האָט ער נאָך געפילט די צאַרטע האַנט פון דוד המלך, און שבתי צבי האָט דעמאָלט גע־זאָגט מיט די רייד פון תהילים:

„לייטזעליק מיך, גאָט,
וואָרעם צו דיר רוף איך אַ גאַנצן טאָג.
דערפריי די זעל פון דיין קנעכט,
וואָרעם צו דיר, גאָט, הייב איך אויף מיין זעל.
וואָרעם דו, גאָט, ביסט גוט און פאַרגעביק,
און פיל גענאַדיק צו די אַלע וואָס רופן דיך.
פאַרנעם, גאָט, מיין תפילה
און האָרך זיך צו צום קול פון מיינע געבעטן.
אין טאָג פון נויט רוף איך דיך,
וואָרעם דו וועסט מיר ענטפערן.
נישטאָ אַזאַ ווי דו, אדני, צווישן די געטער,
און נישטאָ אַזוי ווי דיינע מעשים.
אַלע פעלקער וואָס דו האָסט געמאַכט,
וועלן קומען און זיך בוקן פאַר דיר, גאָט,
און געבן כבוד צו דיין נאָמען.
וואָרעם גרויס ביסטו און טוסט וואונדער,
דו גאָט אַליין"...

דער דאָזיקער חלום האָט געמאַכט אַן אומגעהייערן איינדרוק אויף יצחק סילוויירא און פאַר באַגייסטערונג האָבן זיך אים אַזש טרערן גע־שטעלט אין די אויגן. ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ און ער האָט געבעטן אַז אויך זיינע צוויי חברים זאָלן זיך אויפשטעלן און אַלע דריי צוזאַ־מען האָבן זיי אָנגעהויבן טאַנצן אין אַ ראָד, וואָס אַמאָל גיכער און גיכער, ביז זייער טאַנץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווירבל־ווינט.

אויך דער איינזאַמער וואַנדערער, וועלכער האָט זיך צוגעקוקט און צוגעהערט צו דער דאָזיקער אויסטערלישער סצענע, וואָלט אויך אַנדערש נישט געטראַכט וועגן זיי. אָבער אויסהערנדיק פון הינטערן בוים זייער גאַנצן געשפּרעך, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן, אַז דאָס זענען הייליקע יונגעלייט, מלאכים אין דער געשטאַלט פון מענטשן. שבתי צבי איז ביי אים אויסגע־וואַקסן צו אַזאַ הויך, אַז ער האָט מורא געהאַט צו קוקן אין זיין פּנים אַריין, ווייל ער וואָלט געקאָנט געניזוקט ווערן...

די דאָזיקע געשיכטע וועגן דעם עלף־יאָריקן שבתי צבי און זיינע צוויי חברים איז באַלד באַוווּסט געוואָרן אין שטאָט, און עס האָט זיך אָנ־געהויבן אַ געררעדעריי און אַ געפּאַמפּעריי. טייל זענען געווען פאַר דעם, אַז מען זאָל זיי אויסמוסרן און וואַרענען, אַז עס איז נישט פאַר זיי, פאַר אַזעלכע יונגע קינדער, אַריינצולאָזן זיך אין פאַרבאָרגענע ענינים; אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף מיט די דריי יינגלעך גאָרנישט רעדן וועגן דעם און לאָזן די זאַך גיין ווי עס גייט.

אין די זעלבע טעג האָט שבתי צבי אָנגעהויבן לערנען ביים גרעסטן תלמיד־חכם פון יענער צייט, ביי יוסף אישקפא. ער האָט געלערנט ביי אים תלמוד און תנ״ך. שבתי צבי האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט דעם דאָזיקן לימוד און האָט אין געהיים אויך געכאַפּט אַ בליק אין די קבלה־ספרים, וואָס ער האָט געפונען ביי זיין פאָטער אין הויז און וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפט ביי באַקאַנטע.

מיט יעדן טאָג איז שבתי צבי אַלץ מער געוואָרן פאַרזונקען אין מחשבות. מ׳האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז זיין בליק בלאָנדזשעט ערגעץ־ווו אין די העכערע וועלטן. ער האָט זיך אַפילו אויף אַ געוויסער צייט אָפּגעשיידט פון זיינע נאָענטסטע חברים. מ׳האָט אים אין ערגעץ נישט געזען. ער איז גע־זעסן גאַנצע טעג ביי זיך אין צימערל אַן אָפּגעזונדערטער, און אויב די מוטער וואָלט אים נישט אַריינגעבראַכט קיין עסן, וואָלט ער נישט געמאָנט.

די מוטער האָט אָנגעהויבן מורא קריגן, אַז דאָס קינד זאָל חלילה נישט קראַנק ווערן. זיין גוף איז געוואָרן אָפּגעמאָגערטער, דאָס פּנים אויסגעצויגע־נער און די אויגן פלאַקערדיקער. זי האָט זיך אויף אַן אמת איבערגעשראָקן און זיך געעצהט מיט איר מאַן. אפשר גיין מיטן קינד צו אַ דאָקטער? ער האָט אָנגעוווירן דעם אַפּעטיט צום עסן. מ׳זעט קיינמאָל נישט קיין שמייכל אויף זיין פּנים.

דער פֿאָטער האָט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט:

— זאָרג נישט, אסתר, מיר וועלן נאָך האָבן פֿיל נחת פֿון אונדזער זון — האָט ער זיין ווייב באַרואיקט — דאָס איז ער אַריינגעטאָן אין די ספרימלעך. ער לערנט צופֿיל, דאָס איז אמת. אָבער וואָס קאָן מען מיט אים מאַכן, אַז ער האָט ליב צו גריבלען זיך אין די ספרים. איך האָב אַנומלט געפֿונען ביי אים אויפֿן טיש אַ ספרל פֿון ר׳ חיים וויטאַל, דער תלמיד פֿון אר״י הקדוש... ער האָט דאָרט זיך פֿאַרטיפֿט אין דעם שטייגער התנהגות פֿון דעם גרויסן בעל־מקובל. איך האָב דאָרט אין זיין אָפּוועזנהייט איבער־געליינט אַ מעשה, ווי אַזוי דער אר״י הקדוש האָט אויסגעהיילט אַ יונג מיידל, אין וועלכן עס איז אַריין אַ רוח. ער אַליין האָט דאָס נישט געוואָלט טאָן, נאָר די זאַך איבערגעגעבן צו זיין בעסטן תלמיד, ר׳ חיים וויטאַל, ער זאָל דעם שלעכטן גייסט פֿאַרטרייבן פֿון דעם מיידל און ער האָט אים דערביי איבערגעגעבן די אַלע נייטיקע השבעות.

און עס ווערט אין דעם ספרל פֿון ר׳ חיים וויטאַל דערציילט, ווי אַזוי ער האָט זיך דערנענטערט צום מיידל און אַ געשריי־געטאָן, אַז דער רוח זאָל אַרויס פֿון דעם מיידלס קערפּער. אין דעם מאָמענט האָט דאָס מיידל אָוועקגעדרייט איר פּנים פֿון גרויסן רבין. „פֿאַרוואָס האָסטו אָוועקגעדרייט דיין פּנים?״ — האָט ר׳ חיים וויטאַל אַ געשריי געטאָן. „ווייל איך קאָן נישט קוקן אין דיין הייליקן פּנים״... האָט דער רוח געענטפֿערט. דעמאָלט האָט ר׳ חיים גוזר געווען אויפֿן רוח, אַז ער זאָל תיכף פֿאַרלאָזן דעם מיידלס גוף. ער האָט אים געהאָרכט, אָבער דער שלעכטער גייסט האָט זיך עטלעכע מאָל אין די שפּעטע נעכט אומגעקערט צום מיידל און זי געשראָקן. דער רבי האָט געהייסן איבערקוקן די מזוזות און אויסגעפֿונען, אַז איינע פֿון זיי איז פּסול...

— אפשר זאָלן מיר אויך איבערקוקן די מזוזות?... — האָט אסתר געפֿרעגט ביים מאַן, קוקנדיק צו אים מיט געבעט אין אירע אויגן, אַז ער זאָל העלפֿן ראַטעווען דעם זון פֿון קראַנק ווערן.

— גלייבסטו דען, אַז אין אונדזער זון געפֿינט זיך אַ רוח?... — האָט ר׳ מרדכי אויסגעשריגן מיט כעס. — אין אים געפֿינט זיך אַ רוח קודש, אַ הייליקער גייסט און איך וויל אים גאָרנישט פֿאַרטרייבן פֿון אים...

אָט אַזעלכע געשפּרעכן זענען אָנגעגאַנגען אין הויז פֿון ר׳ מרדכי צבי, דעם פֿאָטער פֿון יונגן מקובל שבתי צבי.

טײלמאָל אין די נעכט, װען עס האָט זיך נאָך געלויכטן אַ קלײן ליכטל בײַ איר זון אין צימער, איז די מוטער שטיל אַראָפּגעגאַנגען פֿון איר בעט, זיך דערנענטערט צו דער טיר און אָפּגעשפּאַרט זי אַ ביסל.

אַ שרעק איז זי באַפֿאַלן. איר זון איז אַרומגעלאָפֿן איבערן חדרל און געצויגן מיט די הענט אין דער הויך, װי ער װאָלט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג צו פֿליען אין די הימלען. און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן מיטאַמאָל, אַז דאָס איז גאָרנישט איר זון, נאָר עפּעס אַ פֿרעמד װעזן, אַ נישט דאָ־װעלטיק באַשעפֿעניש. פֿון די אויגן האָבן אים געשפּריצט פֿונקען פֿײַער און זײַן גאַנצער קערפּער איז געװען װי אַ דורכזיכטיקער װײַסער װאָלקן, װאָס מען קאָן גאָרנישט מיט דער האַנט אָנטאַפּן.

אײנמאָל אין אַ שפּעטער נאַכט האָט זיך דער מוטער אויסגעוויזן, אַז נאָך עמעץ געפֿינט זיך בײַ איר זון אין צימער און זי האָט זיך שטאַרק געװונדערט דערויף. זי איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון איר בעט און האָט זיך אויף די שפּיץ־נעגל צוגעשאַרט צו דער טיר, װאָס איז געװען אַ ביסל אָפּגעעפֿנט און האָט אַרײַנגעקוקט.

זי האָט קײנעם אַ חוץ שבתי צבין נישט געזען. זי האָט אָבער דאָך געהערט נאָך עמעצן רעדן...

מיטאַמאָל האָט שבתי צבי אָנגעהויבן אויף דעם „עמעצן" צו שרײַען און רעדן צו אים האַרבע רייד, געשאָלטן אים מיט די װערטער פֿון דער תוכחה, פֿאַרמאָסטן זיך אַפֿילו מיט דער האַנט, װי ער װאָלט געװאָלט דעם עמעצן שלאָגן. די מוטער איז פֿאַרצאַפּלט געװאָרן. פֿון גרויס פּחד איז בײַ איר דאָס לשון אָפּגענומען געװאָרן און זי האָט אַפֿילו נישט געקאָנט קײן װאָרט אַרויסרעדן.

ענדלעך האָט זי אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געװײן. זי האָט אַזוי הויך געשלוכצט, אַז עס איז דערגאַנגען צו שבתי צבין, און ער האָט זיך אומגעקוקט.

װען ער האָט דערזען, אַז דאָס איז זײַן מוטער, האָט ער זיך דערנענטערט צו איר און מיט אַ װײכער שטים זיך צו איר געװענדט:

— מאַמע, װאָס איז מיט דיר געשען, פֿאַרװאָס װײנסטו עפּעס?...

— איך האָב אַזוי מורא... — האָט זי, אײַנגאַנצן טרײסלענדיק זיך פֿאַר שרעק, צו אים זיך געטוליעט — איך האָב אַזוי מורא...

— פֿאַר װעמען האָסטו מורא, עס זענען חלילה נישטאָ אין הויז קײן

גזלנים... עס האָט זיך דיר געמוזט אוודאי חלומען אַ שלעכטער חלום. דערציייל מיר און איך וועל אים דיר באַשיידן...

— עס האָט זיך מיר גאָרנישט געחלומט, איך האָב בלויז געהערט, ווי דו רעדסט צו עמעצן, בין איך אַראָפּ פון בעט, כדי צו זען צו וועמען דו רעדסט, און איצט זע איך קיינעם נישט ביי דיר אין צימער... איך שרעק זיך אַזוי פאַר דיר, מיין זון...

— קיינער איז דאָ נישט געווען און איך האָב צו קיינעם גאָרנישט גערעדט, עס האָט זיך דיר בלויז אַזוי אויסגעוויזן. קוק איבער די מזוזות, מאַמע... — האָט ער צו איר געזאָגט מיטן לשון, וואָס ער האָט אַנומלט געלייענט אין חיים וויטאַלס ספרל.

די מוטער האָט אַ באַרואיקטע זיך אומגעקערט אין בעט, אָבער זי איז שוין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און יעדעס מאָל, וואָס עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט עפּעס אַ שאָרך, האָט זי אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַנגעשטרענגט איינגעהאָרכט.

דאָס הויז ביי ר׳ מרדכי צבי איז געוואָרן פון דעמאָלט אָן איבערגע־דרייט. עס האָט אויסגעזען, ווי דאָ וואָלטן זיך אין די שפּעטע נעכט פאַר־זאַמלט עפּעס געהיימנישפולע באַשעפענישן.

— קיין שדים קומען זיכער נישט אין מיין הויז... — פלעגט ר׳ מרדכי באַרואיקן זיין ווייב — זענען עס דאָך נאָר מלאכים... נו, דאַרפסטו עס האַלטן פאַר אַ גרויסע זכיה...

שבתי צביס נאָמען האָט דערוויייל זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער אומגעגנט. מען האָט אומעטום גערעדט וועגן דעם יונגן בחורל, צו וועמען עס קומען אויף אסיפות מלאכים פון הימל. זיי קומען זיך ביי אים פרעגן עצות... אַזוי האָבן זיינע חברים צווישן זיך גערעדט און די דאָזיקע רייד זענען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן דער יידישער עדה און אַפילו צווישן גויים...

די דאָזיקע מעשיות האָבן אויך דערגרייכט צו די אויערן פון זיין רבין, ר׳ יוסף אישקפא, און ער האָט אים איינמאָל אַריינגערופן אין אַ חדר מיוחד און אים אויסגעמוסרט פאַר די דאָזיקע זאַכן.

— דו ביסט צו יונג אַריינצוקוקן אין די ספרימלעך פון ר׳ חיים וויטאַל. דער קאָפּ וועט זיך דיר פאַרמישן און וועסט מער נישט וויסן וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. דו דאַרפסט לערנען וואָס מער תלמוד און

מפרשים. ווייל נישט דערגרייכן צו הויך, ווייל טאָמער פאַלט עמעץ אַראָפּ פון צו הויך קאָן ער געניזוקט ווערן — האָט אים דער רבי געזאָגט בדרך משל.

שבתי צבי האָט אויסגעהערט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ די מוסרדיקע רייד פון זיין רבין און גאָרנישט געזאָגט. ער האָט געשוויגן עקשנותדיק און אַ טרער האָט זיך אים באַוויזן אין אויג.

ר' יוסף אישקפאַ האָט רחמנות געקריגן אויף דעם ייִנגל און ער האָט אים צום סוף, נאָכן אויסמוסרן, אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און געזאָגט:

— גיי אַהיים, מיין זון, און נעם זיך שטאַרקער צו לערנען גמרא, משניות. מעגסט אויך אַריינקוקן אין תנ"ך.

שבתי צבי איז אַהיימגעקומען אַ טרויעריקער. ווען דער פאָטער האָט ביי אים געפרעגט, וואָס דער רבי האָט מיט אים גערעדט, האָט דער זון גאָרנישט געענטפערט.

ער איז טרויעריקער געוואָרן און מער איינגעשלאָסן אין זיך. ער האָט אויסגעמיטן צו בלייבן איינער אַליין ביי זיך אין צימער, ווייניק זיך געזען מיט זיינע חברים. די עלטערן האָבן מורא געהאַט, אַז זייער זון זאָל נישט קראַנק ווערן. ער איז געוואָרן איינגעדאַרט פון טאָג צו טאָג, דאָס פּנים טונקעלער און די אויגן האָבן געגליט.

מיטאָמאָל האָט ער אויפגעהערט צו עסן. ער האָט קוים עפּעס טועם געווען פון דעם מאַלצייט, וואָס מ'האָט אים דערלאַנגט. עטלעכע מאָל אין טאָג איז ער פאַרשווונדן פון דער היים, און ווען די מוטער איז אים איינ־מאָל נאָכגעגאַנגען, האָט זי באַמערקט אַז ער גייט צום ים, ווו ער איז זיך דאָרטן טובל זיבן מאָל נאָכאַנאַנד. אינמיטן דער נאַכט האָט זי איינמאָל באַמערקט, אַז ער שלאָפט נישט אויפן בעטגעוואַנט, וואָס זי האָט פאַר אים אויסגעשפּרייט אויפן געלעגער, נאָר אויף די נאַקעטע ברעטער. ער האָט געפּייניקט זיין גוף.

— פאַרוואָס טוסטו דאָס, מיין קינד? — האָט די מוטער צומאָרגנס אים פאַרגעוואָרפן.

— ווייל מיר זענען אין גלות, דאָס בית־המקדש איז חרוב, מיר האָבן פאַרלוירן אונדזער אומאָפּהענגיקייט, טאָ ווי קאָנען מיר זיך פרייען און אָנטאָן דעם גוף כלערליי תענוגים?...

— אָבער דו ביסט דאָך נאָך אַ ייִנגל, שבתי — האָט די מוטער ביי

אים זיך געבעטן מיט טרערן אין די אויגן — דערוואַקסענע מענטשן דאַרפֿן טרויערן, אָבער דו ביסט דאָך נאָך אַ קינד!...

— האָבן דען די קינדער נישט געליטן, ווען דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן — האָט שבתי צבי געפֿרעגט — האָט מען דען יונגע קינ־דער נישט פֿאַרשלעפּט אין די ווייטע לענדער און זיי פֿאַרקויפֿט פֿאַר שקלאַפֿן?... און וויפֿל פֿון זיי זענען פֿאַר די אויגן פֿון זייערע פֿאָטער און מוטער געשאָכטן געוואָרן?...

וואָס האָט די אָרעמע מאַמע געהאַט צו ענטפֿערן אויף די גערעכטע רייד פֿון איר געלערנטן זון. זי האָט בלויז צעוויינט זיך פֿון גרויס רחמנות אויף יענע קינדער, וועלכע זענען מיט אַזויפֿיל הונדערטער יאָרן צוריק געפּייניקט געוואָרן דורך דעם שונא, און זי האָט געבעטן ביי גאָט, אַז ער זאָל איר יונג קינד אָפּהיטן פֿון שלעכטס און ער זאָל נישט קראַנק ווערן.

*

עס איז געווען אין אַ ווינטער־נאַכט, אַ קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן פֿון ים. אַ האָגל האָט פֿון שוואַרץ־פֿאַרוואָלקנטן הימל זיך אַ שאָט־געטאָן ווי די גרויסע אַרבעס און אָן אַ שיעור שויבן אין די הייזער אויסגעגע־האַקט. די תבואה, וואָס האָט קוים געהאַט אַרויסגעשפּראָצט אויף די פֿעל־דער איז קאַליע געוואָרן. די פּרוכטן־ביימער האָבן פֿאַרלוירן די אַרויס־שפּראָצנדיקע בליאונג־בלעטלעך. עס האָט געדראָט מיט אַ הונגער אין לאַנד, בפֿרט, אַז מענטשן האָבן פֿאָראויסגעזאָגט אויף זומער אַ טריקעניש.

יידן זענען געלאָפֿן אין בית־המדרש און אין שול, זיי האָבן הייס מתפּלל געווען צו גאָט, אַז דאָס גערעטעניש היי־יאָר זאָל זיין מיט שפע, אַנישט וועלן יונגע קינדער מוזן גיין פֿון דער וועלט. אויך קריסטן האָבן געבעטן אין זייערע קירכעס, און מאַכמעדאַנער אין זייערע מעטשעטן.

פֿון דער גרויסער מהומה, וואָס איז אַנגעפֿאַלן אויף די מענטשן, האָט מען זיך געווענדעט צו יעדן כישוף־מאַכער, וואָס מען האָט באַר אויסגעפֿונען, ער זאָל זען, אַז דאָס גערעטעניש אויף די פֿעלדער זאָל זיין אַ גוטס און מענטשן זאָלן נישט דאַרפֿן שטאַרבן פֿון הונגער.

פֿיל יידן האָבן אָפּגעקלאַפּט די טירן ביי ר׳ מרדכי צבי און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן, אַז זייער זון זאָל זיך פֿאַר זיי איינשטעלן אין הימל און בעטן גאָט, ער זאָל רחמנות האָבן, אויב נישט אויף די דערוואַקסענע, איז כאָטש אויף די יונגע קינדערלעך.

— וואָס ווילט איר פון מיין זון ?... — האָט זיך די מוטער ביי זיי געּ בעטן — ער איז דאָך נאָך אַ יונג יינגל, גייט צו די גרויסע רביים, פאַסט טעניתים, רייניקט אייך פון אייערע זינד און גאָט וועט העלפן.

אָבער דער יונגער שבתי צבי האָט זיך זייער שטאַרק צום האַרץ גענומען דאָס דאָזיקע געשעעניש. און ער האָט זיך אָפּגעשלאָסן מיט זיינע חברים ביי זיך אין צימער און זיי האָבן אינאיינעם אָנגעהויבן זאָגן קאַפּיטלעך תהילים און לערנען זהר. זיי האָבן געמאַכט פאַרשידענע השבעות און חרמות, אַרויסגערעדט שמות פון מלאכים. זיי האָבן גערופן צום שר פון גשם, אַז ער זאָל זומער געבן אין אַ גענוגנדיקער מאָס רעגן, כדי די אָפּגעראַטעוועטע תבואה נאָכן האָגל זאָל געדייען.

איינגעהערנדיק זיך הינטער דער טיר, האָט די מוטער געקאָנט אויפּכאַפּן וואָס שבתי צבי לערנט מיט זיינע חברים: „אמר ר׳ שמעון בן יוחאי, האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט, דריי זאַכן זענען פאַראַן אויף דער וועלט, וואָס זיי זענען פון גלייכן ווערט, און דאָס זענען: ערד, מענטש און רעגן (ארץ, אָדם, גשם). האָט ר׳ לוי בר־חיא דערויף געזאָגט: און אַלע דריי ווערטער שטעלן זיך צונויף פון דריי אותיות. דאָס מיינט: אויב עס איז נישטאָ קיין ערד, איז נישטאָ קיין רעגן; אויב עס איז נישטאָ קיין רעגן, איז נישטאָ קיין ערד; אויב עס איז נישטאָ קיין ערד און נישט קיין רעגן, איז נישטאָ קיין מענטש״...

דער מוטערס פנים האָט געשיינט פון נחת, וואָס איר זון לערנט מיט זיינע חברים אַזעלכע קלוגע רייד. און זי האָט זיך ווייטער אונטערגעהערט:

„אמר ר׳ תנחום בר־חיא, האָט ר׳ תנחום בר־חיא געזאָגט: „דאָס פאַלן פון רעגן איז גרעסער פון מתן־תורה, ווארעם מתן־תורה איז בלויז אַ פרייד פאַר יידן און דאָס פאַלן פון אַ רעגן איז אַ פרייד פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר בהמות, חיות און עופות״...

ר׳ חיא בר־אבא האָט געזאָגט: „די קראַפט פון רעגן איז פיל שטאַרקער פון תחית־המתים, ווארים תחית המתים איז נאָר פאַרן מענטש און רעגן איז פאַרן מענטש און פאַר דער בהמה; תחית־המתים איז בלויז פאַר יידן און רעגן איז סיי פאַר יידן און סיי פאַר גויים״...

— אויב מיין זון ווייסט אַזוי פיל וועגן כוח פון רעגן, וועט ער שוין אויסבעטן ביי גאָט, אַז רעגן זאָל זיין צו דער מאָס און מענטשן זאָלן נישט

דאַרפֿן אומקומען פֿון הונגער — האָט ביי זיך אָפּגעפּסקנט די מוטער און זי איז אַ גליקלעכע אַוועקגעגאַנגען פֿון היגטער דער טיר.

אַ קורצע צייט נאָך דער דאָזיקער געשעעניש האָט די זון ווידער געטאָן אַ שיין־אויף און דער הימל איז געווען בלוי ווי תכלת, אָן אַ פּיצל וואָלקן צו באַמערקן. דער ים איז געווען גלאַטיק און אָפּגעשפּיגלט אין זיך די גלעטנ־דיקע בלויקייט פֿון הימל. די ביימער זענען באַדעקט געוואָרן מיט ווייס בליעכץ און די פֿעלדער האָבן זיך צעגרינט.

אַ וואַרעם ווינטל האָט איצט געבלאָזן פֿון ים און די מענטשן האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט. אַ פֿריילעכקייט איז געווען צו זען אויף זייערע פּנימער, די אויגן האָבן געפֿינקלט מיט פֿרילינג. עס איז געווען חודש אדר. דער לייכטער ווינטער אין טערקישן לאַנד האָט אָנגעהויבן אָפּטרעטן זיין פּלאַץ פֿאַרן אָנקומענדיקן זומער.

די מוטער פֿון שבתי צבי האָט וועגן איר אונטערגעהערטן לערנען פֿון איר זון מיט זיינע חברים דערציילט איר מאַן. דער מאַן האָט עס בסוד דערציילט אין בית־המדרש צו אייניקע פֿון זיינע נאָענטסטע פֿריינד און די זאַך איז באַלד באַקאַנט געוואָרן צו דער גאַנצער שטאָט, צום גאַנצן לאַנד: דער יונגער שבתי צבי האָט מיטן כוח פֿון זיין קבלה־לערנען אויסגעבעטן אַ גוט וועטער און עס וועט מער נישט האָגלען, עס וועט רעגענען מיט אַ מאָס און די שפע פֿון הייגטיקן יאָר וועט זיין לרוב.

און די מענטשן האָבן טאַקע געזען די גרויסע ענדערונג פֿון דער טבע...

שבתי צביס נאָמען איז געוואַקסן און געוואָרן באַרימט. מענטשן האָבן זיך געבענטשט מיט אים און געוווּנטשן, אַז מען זאָל נאָך דערלעבן ביאת המשיח, און יעדער האָט אין זינען געהאַט אַז דאָס וועט נישט זיין קיין אַנדערער, נאָר שבתי צבי, וואָס ציט זיין יחוס פֿון מלכות בית דוד.

אויך שבתי צביס רבי, ר׳ יוסף אישקפֿא, האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, וואָס זיין יונגער תלמיד לערנט מיט זיינע חברים און ער האָט זיך אויסגעדריקט אין בית־המדרש, אַז אייגנטלעך לערנט זיין תלמיד גאָרנישט, נאָר ער דערמאָנט זיך בלויז וואָס ער האָט געקענט איידער ער איז אויף דער וועלט געקומען. ער האָט דערביי זייער שטאַרק געלויבט דעם כוח זיינעם פֿון פֿאַרשטיין די שווערסטע ענינים. „ער איז אַ מבין דבר מתוך דבר״... — האָט ער מיט אַ גליקלעכן שמייכל איינמאָל אַ זאָג געטאָן צו שבתי צביס פֿאָטער.

אַ צווייט מאָל האָט ר׳ יוסף אישקפּא געזאָגט וועגן זיין יונגן תּלמיד, אַז ער שלינגט ספרים, פּונקט ווי דער לויתן פאַרשלינגט מיט איין זופּ דעם גאַנצן ירדן.

דער פאָטער איז געווען גליקלעך צו הערן וועגן זיין געראָטענעם זון און צו אַזעלכע לויב־רייד און ער האָט זיין זון נאָך מער בכבוד געהאַלטן.

אין איינעם אַ הייסן טאָג איז אין שטאָט פּלוצלינג אויסגעבראָכן אַ געוואַלט, אַז דאָס בית־המדרש ברענט. עס איז געוואָרן אַ געלויף פון אַלע זייטן, מען האָט געברענגט פעסער מיט וואַסער, געטראָגן וואַסער אין די עמערס און געפּרוּווט איינלעשן די שרפה. דאָס פייער האָט זיך אָבער פון רגע צו רגע אַלץ מער אויסגעשפּרייט און אַרומגעכאַפּט מער טיילן פון דעם בנין. אַלע זענען געווען פאַרצווייפלט און מ׳האָט ממש פאַרלוירן די קעפּ. אין בית־המדרש האָבן זיך געפונען אַ סך ספרי־תורות און עס איז געווען פשוט אַ סכנה אינעווייניק אַריינצוגיין און זיי אַרויסצוראַטעווען.

מיטאַמאָל איז צווישן פאַרזאַמלטן עולם געוואָרן אַ רעש און אַ געדרייי: שבתי צבי מיט זיינע חברים זענען אָנגעקומען אין גרויס איילעניש און האָבן גענומען לעשן דאָס בושעווענדיקע פייער. זיי האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן, זיך אַריינגעוואָרפן אין די פלאַמען און איינע נאָך די אַנדערע אַרויסגעטראָגן די ספרי־תורות.

דער עולם האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַ גרויסן נס. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, און דער קלאַנג איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַקט, אַז שבתי צבי איז אַריין אין דעם ברענענדיקן בית־המדרש אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט געהאַלטן ביי זיך אַ שם המפורש, אָנגעשריבן אויף אַ פּאַרמעט. דעריבער האָט דאָס פייער נישט געהאַט קיין שליטה אויף אים און ער איז אַרויס גאַנץ. נאָך מער — ער האָט צוזאַמען מיט זיינע חברים די שריפה אינגאַנצן איינגעלאָשן...

אין שטאָט האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן, אַז שבתי צבי איז אַן איבערנאַטירלעכער מענטש, ער קאָן באַווייזן גרויסע נסים, און עס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים מחנות מענטשן, יעדער מיט זיין אומגליק און מיט זיינע זאָרגן און געבעטן, ער זאָל זיי העלפן.

ער איז דעמאָלט אַלט געווען פופצן יאָר. ער איז געווען הויך געוואַקסן, געהאַט אַ שלאַנקן קערפּער, שיינענדיקע אויגן און אַן אַסקעטיש דין פּנים. ווען ער האָט אויף עמעצן אַ קוק געטאָן, האָט יענער נישט געקאָנט אויס־

האַלטן זיין בליק און געמוזט אַראָפּלאָזן די אויגן. אין שטאָט האָט מען גע־וווסט, אַז שבתי צבי פאַסט תעניתים עטלעכע מאָל אין וואָך. ער שטייט אויף פון שלאָף, ווען עס איז נאָך פינצטער און מען ווייסט קיינמאָל נישט ווען ער לייגט זיך שלאָפן, ווייל תמיד ווען מען גייט פאַרביי זיין צימער, זעט מען ברענען אַ ליכט אין פענצטער און אַ לאַנגער שאָטן שפּרייזט הין און צוריק.

מ׳האָט אויף אים געזאָגט אַ ווערטל, אַז ער לערנט פינף און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, ווייל ער הייבט זיך אויף איין שעה איידער עס ווערט טאָג... ביי זיינע יונגע יאָרן האָט ער שוין געהאַט אַ סך אַנהענגער, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז עס איז פאַראַן אַ סך צו דערוואַרטן פון אים. אין די הערצער פון די יידן אין סמירנע האָט זיך אַנגעצונדן אַ האָפענונג, אַז אויב אין זייער דור לעבט אַזאַ יונגערמאַן ווי שבתי צבי, וועט מסתמא די גאולה פאַרט קומען.

צו יענער צייט פלעגן אָפט קומען צו ר׳ מרדכי צבי סוחרים פון גרויס־בריטאַניע, און געוואָר ווערנדיק ביי אים, אַז ער האָט אַזאַ אויסטערלישן זון, וואָס באַווייזט גרויסע וווּנדער, זענען אַלע געווען דערשטוינט.

זיי האָבן געפּרוּווט פאַרבינדן אַ שמועס מיט יונגן בחורל און זיי האָבן באַוווּנדערט זיין חכמה. ער האָט גערעדט צו זיי אַזעלכע רייד, וואָס זיי האָבן נאָך קיינמאָל אפילו ביי אַ דערוואַקסענעם נישט געהערט.

— גאָט האָט זיך דערמאָנט אין זיין פאַרזינדיקט פאָלק, וואָס האָט שוין געגנוג אויף דער וועלט געליטן און גאָר אינגיכן וועט עס אויסגעלייזט ווערן פון גלות... — האָט ער געזאָגט צו די גרויס־בריטאַניער — און גרויס וועט זיין די נקמה פון גאָט אין די פעלקער, וועלכע האָבן די קינדער פון ישראל געפּייניקט. ער וועט אָבער געדענקען די יעניקע, וועלכע האָבן שטענדיק געהאַט אין זינען, אַז די יידישע אומה איז הייליק און זענען די קינדער פון גאָט.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ, מיין זון ?... — האָט אים איינער פון די בריטישע סוחרים געפרעגט מיט נייגעריקייט און באַוווּנדערט די רייד פון דעם יונגן בחור, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט גרויס אויטאָריטעט און מיט אַ נביאישן טאָן.

— איך ווייס עס, ווייל איך האָב געלערנט די רייד פון אונזער נביא יחזקאל — האָט דער יונגער שבתי צבי געענטפערט — און דער נביא

יחזקאל האָט נביאות געזאָגט: „ווי אַ פּאַסטעך זוכט נאָך זיין סטאַדע אין דעם טאָג, וואָס ער איז צווישן זיינע שאָף די צעשפּרייטע, אַזוי וועל איך נאָכזוכן מיינע שאָף; און איך וועל זיי מציל זיין פון אַלע ערטער, וואָס זיי זענען צעשפּרייט געוואָרן דאָרט אַהין אין דעם טאָג פון וואָלקן און נעפּל. און איך וועל זיי אַרויסציען פון צווישן די פעלקער און וועל זיי איינזאַמלען פון די לענדער, און וועל זיי ברענגען אויף זייער ערד"...

— וווּנדערבאַר זענען די רייד פון דעם נביא... — האָט דער בריטישער סוחר געזאָגט — און כ'וועל נישט בלאָנדזשען מיט מיינע רייד, אויב איך וועל זאָגן, אַז דו, יונגערמאַן, וועסט זיין דער, וועלכער וועט די שאָף איינזאַמלען...

שבתי צבי איז רויט געוואָרן און די אויגן האָבן ביי אים אָנגעהויבן פלאַקערן און גליען, און ער האָט ווי אין באַוווּסטלאָזיקייט ווייטער גע־פּליסטערט מיט די ליפּן: „די פאַרלוירענע וועל איך אויפזוכן, און די פאַרשטויסענע וועל איך אומקערן, און די צעבראָכענע וועל איך אַרומ־בינדן, און די קראַנקע וועל איך שטאַרקן, און די פעטע און שטאַרקע וועל איך פאַרטיליקן; מיט גערעכטיקייט וועל איך זיי פיטערן..."

שפּעטער האָבן די בריטישע סוחרים גערעדט מיט זייער יידישן פאַר־שטייער פון סמירנע, ר' מרדכי צבי, און שטאַרק געלויבט זיין זון, זיי האָבן אים געזאָגט, אַז אויך צווישן די קריסטן אין גרויס־בריטאַניע איז פאַר־שפּרייט דער געדאַנק, אַז עס זענען אָנגעקומען די צייטן פון משיח, אָבער די קריסטן מיינען, אַז דאָס וועט צוריקקומען ישו הנוצרי און ער וועט ברענ־גען אויסלייזונג אויף דער וועלט, און אַלע מענטשן, סיי מאַכמעדאַנער און סיי יידן וועלן איינזען אין זיין אמת...

ווען שבתי צבי איז געוואָר געוואָרן, וואָס די קריסטן האָבן צו זיין פאָטער געזאָגט, האָט ער זיי צוזאַמענגערופן באַליידיקט און געשטראָפט מיט פייערדיקע רייד: „איר, רשעים, וואָס איר שטייט שוין ביי די טירן פון גיהנום, ווילט נאָך נישט מודה זיין, אַז איר זענט אומגערעכט, אַז ישו הנוצרי איז געווען אַ פאַלשער משיח..."

די קריסטן האָבן זיך פאַרשעמט פאַר דעם יונגן בחור און האָבן מיט קיין וואָרט נישט געענטפערט.

די דאָזיקע פּאַסירונג האָט שפּעטער אַרויסגערופן לויב פאַר שבתי

צבי און מ׳האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער האָט מקדש השם געווען דער־מיט, וואָס ער האָט די גויים געזאָגט דעם ריינעם אמת...

— ער וועט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר גאָרנישט אין דער וועלט צוליב דעם אמת — האָט דערנאָך אויף אים געזאָגט ר׳ יוסף אישקפּא, זיין רבי, ווען ער איז געוואָר געוואָרן וועגן דעם וויכוח צווישן שבתי צבי מיט די בריטישע סוחרים.

שבתי צבי איז נאָך מער אויסגעוואַקסן אין די אויגן פון זיינע אָנהענ־גער, וועלכע האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג.

— ווו ער וועט אונז פירן, וועלן מיר אים נאָכגיין — האָבן זיינע אָנהענגער געזאָגט מיט פייערלעכקייט — ווייל גאָט האָט אין דעם יונגן בחור אַריינגעבלאָזן אַ רוח נבואה. וואָס ער רעדט, רעדט ער אין נאָמען פון גאָט...

און עס איז געווען איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, ווען שבתי צבי איז געגאַנגען, ווי זיין שטייגער איז געווען, צום ים זיך טובל זיין און איז נישט אַזוי גיך צוריקגעקומען, זענען די עלטערן זיינע אים געגאַנגען זוכן.

זיי האָבן אים נישט געפונען. אַ טרויער איז געפאַלן אויף דער שטוב פון זיינע עלטערן, און כאָטש זיי האָבן געוווסט, אַז ער איז אין ערגעץ נישט אַנטלאָפן, אַז מן־הסתם האָט ער געמוזט ערגעץ־ווו אַוועקגיין, האָבן זיי דערפון געהאַט גרויס עגמת נפש און זיי זענען אַוועק אין בית־המדרש צו זיין רבין, ר׳ יוסף אישקפּא, ער זאָל זיי זאָגן, אפשר ווייסט ער ווו זייער זון קאָן זיך געפינען.

די גאַנצע שטאָט מענטשן האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַלע וועגן, אין אַלע אַרומיקע וועלדער און פעלדער, אין די בערג און האָבן אַרומגעזוכט דעם יונגן בחור.

— אפשר איז מיט אים אַן אומגליק געשען?... — איז אַ שוואַרצער געדאַנק דורכגעפלויגן שבתי צביס מוטער דורכן קאָפּ — אפשר האָבן די קריסטן געגומען אין אים נקמה פאַר זיינע דרייסטע רייד קעגן ישו הנוצרי...

אָבער אויפן דריטן טאָג איז שבתי צבי אַליין צוריקגעקומען אין הויז פון זיינע עלטערן און אויף אַלע זייערע שאלות און געבעטן, האָט ער קיין וואָרט נישט געענטפערט. עס האָבן נישט געהאָלפן די געוויינען פון זיין מוטער און די בקשות פון זיין פאָטער, פון זיינע חברים. שבתי צבי האָט פאַרביסן געשוויגן. מ׳האָט בלויז אויף זיין פנים באַמערקט אַן אָפּגע־

צערטקייט, גלייך ווי ער וואָלט די גאַנצע דריי טעג נישט געגעסן און נישט געטרונקען.

— ווו ביסטו געווען מיין זון?... — האָט שוין צום וויפלטן מאָל די מוטער אים געפרעגט — פּאַרוואָס פּייניקסטו אונדז?

שבתי צבים אויגן זענען געווען אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד און ער האָט עקשנותדיק געשוויגן.

עס האָבן אויך געשוויגן זיינע חברים, וואָס האָבן יאָ עפּעס געוווּסט, ווייל זייער עלטערער חבר האָט אַמאָל געלאָזט פאַלן פאַר זיי אַ פּיל־באַדייטנדיק וואָרט און זיי האָבן דערפון פאַרשטאַנען, אַז צוליב גאָר אַ גרויסן ענין איז שבתי צבי פאַרשוווּנדן פון דער היים, אָבער עס מוז נאָך דערווייל בלייבן אַ סוד פאַר דער וועלט...

עס האָט אויך געפאָרשט ביי שבתי צבי זיין רבי, ר׳ יוסף אישקפּא. ער האָט צו אים גערעדט אין דער אָנוועזנהייט פון נאָך תלמידים, און ער האָט גערעדט צו אים ביחידות, אָבער אָן דערפאָלג. דער יונגער בחור האָט גע־שוויגן, דערביי האָט דאָס פּנים ביי אים געגליט און אין די אויגן איז גע־לעגן אַ תהום מיט סודותדיקייט.

מ׳האָט וועגן דעם איבערגערעדט אין בית־המדרש בין מנחה למעריב און אַרויסגעזאָגט פאַרשידענע מיינונגען. עס זענען געווען אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן אים חושד געווען אין גאָר נישט קיין שיינע זאַכן.

— איך האָב אים אַמאָל געזען שפּאַצירן אין דער ריכטונג צום וועלדל, וואָס געפינט זיך הינטער דער שטאָט און תיכף נאָך אים איז גע־גאַנגען אַ יונג מיידל... — האָט איינער דערציילט אַ מעשה און דערביי צו־געוווּנקען מיט אַן אויג.

אָבער דאָס רוב מענטשן האָבן די דאָזיקע השערה אָפּגעוואָרפן און זיי האָבן דעם ייד, וואָס האָט דאָס אַרויסגעבערענגט, גוט אָנגעזידלט פאַרן חושד זיין דעם יונגן בחור אין אַזעלכע זינד.

ערשט אין עטלעכע וואָכן אַרום איז די זאַך אַרויס אין דער עפנט־לעכקייט. דעם סוד האָט אויסגעפּויקט איינער פון זיינע ייִנגערע חברים, וועלכער האָט די געהיימניש נישט געקאָנט ביי זיך איינהאַלטן.

שבתי צבי האָט נעמלעך געהאַט צונויפגערופן אַלע זיינע חברים, די אָנהענגער זיינע, אין שול אַריין. דאָס איז געווען נאָך האַלבער נאַכט. בלויז אַ קליין ליכטל האָט געברענט. די גאַנצע שטאָט איז שוין געווען

פאַרזונקען אין שלאָף. זיינע עלטערן האָבן אַפילו נישט געוווּסט, אַז זייער זון שבתי, איז נישטאָ אינדערהיים. ער האָט זיך שטיל אַרויסגעגליטשט פון הויז, ווען אַלע זענען שוין געשלאָפן.

ביסלעכווייז זענען אַלע בחורימלעך אָנגעקומען אין שול אַריין. אויף זייערע פּנימער איז געלעגן אויסגעגאָסן אַ געהיימנישפולקייט.

אַ שטילקייט האָט געהערשט אין שול, ווען אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט און עפּעס אַ פּחד איז געלעגן אויף די ווענט. לאַנגע שאָטנס האָבן זיך באַוועגט אויפן סופיט, אויף די ווענט, אויפן דיל, און פון דרויסן איז דורך די לאַנגע פענצטער אַריינגעדרונגען חשכות.

— הערט אויס, חברים מיינע, וואָס איך גיי אייך היינט ביינאַכט איבערענטפערן. דאָס וואָס איך וועל אייך דאָ זאָגן, דאַרף בלייבן אַ גרויסער סוד; דאָס אויסגעבן דעם סוד פאַר די מענטשן אין שטאָט קאָן די גאַנצע זאַך צו נישט מאַכן און פאַרהאַלטן די גאולה ווער ווייסט אויף וויפל יאָר...
— האָט שבתי צבי אָנגעהויבן מיט אַ ציטערדיקער שטים.

שוין דער רמז אַליין, אַז אין דעם לאַנג־דערוואַרטן סוד איז פאַר־מישט אַזאַ גרויסער ענין, וואָס האָט צו טאָן מיט גאולה, האָט אַלעמען געמאַכט אויפציטערן און די פאַנטאַזיע ביי די יונגע יינגלעך האָט זיך צע־שפּילט ביז גאָר. עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן אויסדאַכטן, אַז עפּעס אַ גע־פּאַך פון אומגעזעענע פליגל שוועבט אַרום אין שול, און אַ פּחד איז אַדורך איבער זייערע לייבער.

אַ טיף שטילשווייגן איז געווען דער ענטפער אויף שבתי צביס גע־היימנישפולע רייד. קיינער האָט נישט געוואָגט צו פרעגן עפּעס אָדער ענט־פערן אַפילו, אַז ער וועט די געהיימניש אָפּהיטן. אַלע האָבן איינגעהאַלטן דאָס אָטעמען, גלייך זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז מיט דעם אָטעם וועלן זיי אַרויסגעבן דעם סוד.

שבתי צבי האָט געוואָרפן אַ באַדייטונגספולן בליק אויף אַלע פאַר־זאַמלטע, ביי אַן ערך צוויי צענדליק יונגעלייטלעך, ער האָט דורכגעדר.נגען זייערע הערצער און נשמות ביז די טיפסטע טיפענישן. ער האָט אָפּגעזיפצט און אָנגעהויבן רעדן מיט אַ שטיל קול, וואָס האָט אין דער ליידיקער טונ־קעלער שול אָפּגעקלונגען דייטלעך און קלאָר:

„איך האָב אַנומלט אויף מיין געלעגער דערהערט אַ שטים צו מיר רעדן. אין אָנהייב בין איך געוואָרן פאַרציטערט און איך האָב נישט

געוווסט פון וואַנען די דאָזיקע שטים איז צו מיר געקומען. איך האָב נאָר וואָס געהאַט פאַרמאַכט דאָס ספר׳ל פון דעם גרויסן מקובל ר׳ חיים וויטאַל און געהאַט איבערגעלייענט אין אַ צווייט ספר׳ל פאַרשידענע השבעות און באַשווערונגען, פאַרשידענע שמות פון מלאכים. אין די אויערן האָבן מיר נאָך אָפּגעקלונגען זייערע נעמען. איך האָב זיך אויפגעזעצט אויף מיין געלעגער. איך האָב געדענקט, אַז איך האָב געהאַט פאַרלאָשן דאָס ליכטל אויפן טיש, אָבער דאָ האָב איך גאָר באַמערקט אַ ליכטיקייט אין צימער...״

שבתי צבי האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט, ער האָט שווער געאָטעמט און איינמאָל אַפילו זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ. עס האָט אַזוי געדויערט בלויז אַ פּאָר רגעס און ער האָט ווייטער פאָרגעזעצט:

„איך האָב זיך איינגעהאָרכט אין דער דאָזיקער שטים, אָבער איך האָב מער גאָרנישט געהערט, גלייך ווי זי וואָלט מיטאַמאָל אָפּגעשניטן געוואָרן. איך האָב זיך צוריקגעלייגט אויף מיין געלעגער, צוגעמאַכט די אויגן און געפּרוווט איינשלאָפן, אָבער ווידער האָט מיך די זעלבע שטים אויפגעוועקט און איך בין אַ דערשראָקענער אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער, כ׳האָב זיך געוואַשן די הענט און אָנגעהויבן שפּאַצירן איבער דער שטוב. דאָס ליכטל אויפן טיש האָט נישט געברענט, אָבער אין שטוב איז געווען ליכטיק, גלייך אַ געטלעך ליכט וואָלט זיך אין איר אָנגעצונדן. און איך האָב שוין דייטלעך געהערט די שטים, וואָס האָט צו מיר געזאָגט: גיי, שבתי, און שייד זיך אָפּ פון מענטשן אויף דריי טעג און הייליק זיך, פאַסט תעניתים און זיי זיך טובל, פייניק דיין גוף, און איך וועל דיר איבערענטפערן אַ גרויסע שליחות דורכצופירן...

„אַ שרעק האָט מיך אַרומגענומען, דערהערנדיק די געטלעכע שטים. וואָרעם ווער בין איך, אַז מיר זאָל איבערגעגעבן ווערן אַ וויכטיקע שליחות. אַזאַ זאַך איז בלויז געשען איין מאָל און דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען גאָט האָט גערעדט צו משהן דורכן ברענענדיקן דאָרן. דאָס לשון איז מיר אָפּגענומען געוואָרן און איך האָב אַפילו נישט געקאָנט עפענען דאָס מויל צו פרעגן פאַרוואָס בין איך דאָס אויסגעקליבן געוואָרן, און וווהין זאָל איך גיין, כדי צו זיין אָפּגעשיידט פון אַלעמען...

„איך בין אַנידערגעפאַלן אויף מיין געלעגער און צוגעמאַכט די אויגן, שעפּטשענדיק אַ תפילה צו גאָט, ער זאָל מיר ביישטיין אין מיין שווערער שעה, ער זאָל מיך פירן אין דעם ריכטיקן וועג און איך זאָל נישט אַוועק־

בלאַנדזשען נישט אויף רעכטס און נישט אויף לינקס. ווען איך האָב גע־עפנט מיינע אויגן, איז אין שטוב געווען פינצטער און איך בין איינגעשלאָפן.

„ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען ליכטיק אין שטוב. די זון האָט געשיינט און גאָלדענע שטראַלן האָבן געשפּילט אויף די ווענט פון מיין צימער, גלייך זיי וואָלטן גאָלדענע קרוינען אויסגעשפּינט איבער מיין קאָפּ. איך האָב דערפילט ווי אין מיין גוף שטייגט אויף אַ גרויסע קראַפט, וואָס טרייבט מיך אַרויס פון שטוב און צווינגט מיך איך זאָל אויספאָלגן די שטים, וואָס האָט צו מיר גערעדט די נאַכט.

„איך האָב מיינע עלטערן גאַרנישט געזאָגט דערפון און בין אַוועק אויף דריי טעג אין וואַלד הינטער דער שטאָט. איך האָב געפאַסט, געטובלט זיך, געפּייניקט מיין לייב, און איך האָב מיטאַמאָל דערפילט, ווי איך וואָלט באַקומען פליגל פון אַ מלאך און איך האָב זיך אויפגעהויבן הויך איבער די וואָלקנס און איך האָב געזען דעם כסא הכבוד... איך גיב אייך איבער היינט ביינאַכט דעם דאָזיקן גרויסן סוד. האַלט אים אין זיך. ווען די צייט פון נתגלה ווערן וועט קומען, וועל איך אייך רופן, איר זאָלט שטיין ביי מיין זייט. שווערט מיר דאָ צו, אַז אַלץ וואָס איך האָב אייך דאָ מוסר געווען, וועט נישט אַנטפּלעקט ווערן פאַר קיינעם, און מיר וועלן דער־לעבן בקרוב ביאת המשיח...״

— זאָל לעבן אונדזער משיח בן דוד! — האָט עמעץ אויסגערופן.

— זאָל לעבן אונדזער קעניג משיח בן דוד!... — האָבן אַנדערע איבער־געריסן די ביז איצט טויטע שטילקייט.

און אַלעמען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַ פייערזייל האָט אַראָפּגעני־דערט אינמיטן פון דער שול און איינגעהילט שבתי צבין און פון דעם פייערזייל אַרויס האָט זיך געהערט זיין שטים:

— איך, שבתי צבי, דער זון פון מרדכי צבי בר אליהו בר שבתאי, בין באַפוילן געוואָרן פון גאָט אויסצולייזן דאָס יידישע פאָלק פון גלות און צוריקפירן עס אין צוגעזאָגטן לאַנד פון אונזערע אבות...

אַזוי האָט זיך אַלעמען אויסגעדאַכט. און זיי זענען געפאַלן אויף זייערע פנימער און האָבן אָפּגעגעבן אַ שבח צום רבונו של עולם פאַר דעם גרויסן נס, וואָס ער האָט זיי דאָ באַוויזן און זיי האָבן זוכה געווען דאָס צו זען מיט זייערע אייגענע אויגן.

שבתי צבי איז דעמאָלט אַלט געווען אַכצן יאָר.

קאַפּיטל דריי

איך בין משיח בן־דוד

מיט גרויס נייגעריקייט האָט די גאַנצע שטאָט אָפּגעוואַרט די דין־תורה צווישן דעם רייכן סמירנער סוחר, ר׳ אהרן, און זיין איידעם שבתי צבי, וועלכער האָט בפני כל עם ועדה פאַרשעמט זיין טאָכטער, די פּרעכטיקע רחל, און נישט צוגערירט זיך צו איר נאָך דער חופּה... די דין־תורה האָט געזאָלט פאָרקומען פאַר שבתי צביס רבין, ר׳ יוסף אישקפא און פאַר נאָך עטלעכע רבנים.

אין דעם טאָג זענען געקומען צו פאָרן אַ סך מענטשן פון דער גאַנצער אומגעגנט, כדי בייצוווינען אַזאַ אינטערעסאַנטע געשעעניש. אין שטאָט האָבן זיך שוין געהאַט געשאַפן צוויי צדדים. איין צד האָט געהאַלטן מיט שבתי צבי. דער דאָזיקער צד האָט געטענהט, אַז ער איז נישט קיין געוויינלעכער בשר ודם, צו וועמען מען דאַרף צוגיין מיט דער זעלבער מאָס ווי צו אַ פּשוטן ילוד אשה. „ער איז אַ מלאך־אלהים״... — האָבן זיי געטענהט, און מ׳האָט אים נישט געדאַרפט צווינגען צו באַהעפטן זיך מיט אַ פרוי...

דער צווייטער צד האָט געזאָגט, אַז אפילו אַ מלאך, ווען ער קומט אַראָפּ אויף דער ערד, דאַרף ער אויך אויף זיך נעמען די מנהגים פון דער וועלט, אויב נישט — זאָל ער בלייבן זיצן אין די הימלען. די ערד איז געגעבן געוואָרן פאַר מענטשן... און אויב ער האָט פאַרשעמט אַ יידישע טאָכטער, דאַרף ער קריגן אַ פּסק דערפאַר. „ווער עס פאַרשעמט זיין חבר אין דער עפנטלעכקייט, פאַרלירט ער עולם הבא״... — האָבן זיי געבראַכט אַ מאמר פון דער גמרא, — „און עס איז גלייך ווי ער וואָלט פאַרגאָסן זיין בלוט...״

באַלד פון אינדערפרי אָן האָבן מענטשן געצויגן צום בית־דין שטוב, ווו די דין־תורה האָט געדאַרפט פאָרקומען. עס איז געווען אַ הייסער טאָג. די זון האָט באַלד פון פרימאָרגן אָן אַ גלי געטאָן איבער דער וועלט, ווי זי וואָלט געוואָלט וואָרענען, אַז עס איז פאַראַן אַ גיהנום, אין וועלכן רשעים ווערן געמשפּט... דער הימל איז אַזש געווען בלייך פון דער גרויסער היץ. די ביימער זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך, קיין בלעטל האָט זיך נישט קיין באַוועג־געטאָן. אַלץ איז געלעגן ווי פאַרחלשט.

די שענסטע באַלעבאַטים האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין הויז פֿון ר׳ יוסף אישקפּא, אַלע זענען זיי געווען אָנגעטאָן אין די יומטובדיקע קליידער, און זיי האָבן געוואַרט אויף דעם גרויסן מאָמענט. דערווייל איז אָנגעגאַנגען אַ גע־שפּרעך, מ׳האָט זיך געאַמפּערט און מתווכח געווען, איינער האָט געוואָלט איבערשפּאַרן דעם צווייטן.

אָט איז שוין געקומען איין צד: ר׳ אהרן, דער פֿאָטער פֿון דער כלה. די ברייטע, גרויע באָרד איז געלעגן אויסגעשפּרייט איבער דער ברוסט און אויף זיין פּנים איז געלעגן אַ גדלותדיקער שמייכל. אין די אויגן האָט געבליצט אַ פֿייערל פֿון עקשנות. ער האָט פֿאַרלאַנגט אַ גרויסן קנס פֿון חתנס צד, אויב דער חתן וועט נישט באַשטיין צו גיין וווינען מיט זיין יונג ווייבל, מיט וועלכער ער איז געשטאַנען אונטער דער חופּה. און האָט זי מקדש געווען כדת משה וישראל...

ר׳ מרדכי צבי און זיין זון שבתי האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען, כאָטש מ׳האָט שוין געהאַט געשיקט שליחים נאָך זיי. שבתי צבי האָט זיך איינגעשפּאַרט און באין אופן נישט געוואָלט גיין צום משפּט. וויפֿל זיין פֿאָטער און מוטער האָבן נישט געפּרוּווט ווירקן אויף אים, אַז ער זאָל פֿאָלגן דעם באַפֿעל פֿון זיין רבין, האָט עס נישט געהאָלפֿן.

— איך האָב זי נישט פֿאַרשעמט בפני כל עם ועדה — האָט ער גע־טענהט — איך האָב זיך נישט צוגערירט צו דער בתולה, ווייל דאָס איז געווען קעגן מיין רצון. איך האָב באַשלאָסן מיין גאַנץ לעבן צו זיין אָפּ־געשיידט פֿון פֿרויען. די גאַנצע זאַך איז מפֿורסם געוואָרן דורך ר׳ אהרן אַליין. ער האָט די זאַך דערציילט פֿאַר דער גאַנצער שטאָט. דעריבער טראָגט ער אַליין די שולד דערפֿאַר.

— וועסט דאָס זעלבע זאָגן פֿאַר בית־דין... — האָט דער פֿאָטער זיך געבעטן ביי אים, — און זיי וועלן זיכער איינזען אין דיין גערעכטער טענה, און זיי וועלן דיך נישט באַשטראָפֿן...

שבתי צבי איז געבליבן איינגעשפּאַרט. ער איז געזעסן ביי אַ ספֿרל און אַ פֿאַרטראַכטער זיך געשאָקלט איבער אים, מורמלענדיק עפּעס מיט די ליפּן. דאָס פּנים איז ביי אים געווען פֿינצטער, פֿאַרכמורעט, און די אויגן ווי נישט אויסגעשלאָפֿן. עס האָט אויסגעזען, ווי ער פֿירט אַ שווערן קאַמף מיט זיך.

— מיין טייערער זון, עס זענען שוין געווען עטלעכע שליחים אין הויז,

— האָט דער פּאַטער זיך געבעטן ביי אים. — וואָס ווילסטו, אַז ר׳ יוסף אישקפּא, דיין רבי, זאָל זיך בכבודו ובעצמו מטריח זיין? דאָס וועט הייסן פּוגע בכבוד געווען אין רבין, און ווער עס פאַרשוועכט דעם כבוד פון זיין רבין, איז גלייך ווי ער וואָלט פאַרשוועכט דעם כבוד פון גאָט...

שבתי צבי האָט ענדלעך אויפגעהויבן זיין קאָפּ און געוואָרפן אַ בליק אויפן פּאַטער. ער האָט זיך געפילט באַזיגט. ניין, דעם רבין זיינעם, וועמען ער האָט אַזוי פיל צו פאַרדאַנקען זיין קענטעניש אין קבלה, וויל ער נישט פּוגע בכבוד זיין. ער האָט צופיל אָפּשיי פאַר אים און ער האָט אים ליב.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, פאַרמאַכט דאָס ספרל, אַ קוש טוענדיק די טאָוולען, אַרויפגעצויגן אויף זיך דאָס שענסטע ווייסע זיידענע מלבוש אויף זיך און אויסגערופן צום פּאַטער:

— איך בין גרייט צו נעמען אויף זיך דעם פּסק־דין, וואָס מ׳וועט אויף מיר אַרויסטראָגן. עס טוט מיר בלויז ווי דאָס האַרץ פאַר דער אומשולדי־קער בתולה, וועמען איך האָב בשום אופן נישט געוואָלט שלעכטס טאָן אָדער פאַרשעמען...

דער פּאַטער האָט געפּרוווט נאָך ווירקן אויף אים, ער זאָל זיך איבער־בעטן מיט איר און דורכפירן זיין מענטשלעכן און יידישן חוב.

— האָט דער אר״י הקדוש דען נישט געהאַט קיין ווייב?... האָט דען ר׳ חיים וויטאַל נישט געפירט אַ לעבן ווי יעדער אַנדערער מענטש?... שבתי, פאַרשעם מיך נישט. דו לעבסט אויף ד ע ר וועלט און באַדאַרפסט זיך פירן כאחד מבני האדם... צעברעכסט מיר און דיין מוטער דאָס האַרץ...

— האָט דער פּאַטער מיט טרערן אין די אויגן צו אים גערעדט.

שבתיס אויגן האָבן בלויז אַ גלי געטאָן און אויף זיין פּנים איז געווען צו דערקענען, אַז וואָס שייך דעם — איז ער נישט גרייט נאָכצוגעבן... אַלע רייד זענען אַרויסגעוואָרפן. האָט ער דען אומזיסט, זינט ער איז געוואָרן צוועלף יאָר, אָנגעהויבן פאַסטן תעניתים, און פייניקן דאָס לייב, כדי איצט, ווען ער שטייט שוין נאָענט צו זיין ציל, אַראָפּצונידערן אין די טיפענישן פון הבל־הבלים?

ער האָט אָבער דעם פּאַטער גאָרנישט געזאָגט. פאַר ר׳ מרדכי צבי איז איז שוין גענוג געווען דער דאָזיקער גליענדיקער בליק און ער האָט מער גאָרנישט פאַרלאַנגט. זיי זענעןביידע אַוועק אין הויז פון ר׳ יוסף אישקפּא.

ווען שבתי צבי איז צוגעקומען נאָענט צום בית־דין שטוב, האָבן שוין

דאָרט אויף אים געוואָרט הונדערטער מענטשן, וועלכע האָבן מיט דער גרעסטער נייגעריקייט זיך צוגעקוקט צו אים. ער האָט די אויגן נישט אויפגעהויבן, מ'האָט באַשיינפערלעך געזען, אַז די גאַנצע זאַך גייט אים גאַנץ קנאַפּ אָן.

צווישן פאַרזאַמלטן המון זענען געווען אויך פיל פרויען און מיידלעך, וועלכע האָבן פאַרשעמט און זייטיק אויף אים געקוקט, וויסנדיק אין וואָס דאָ האַנדלט זיך... זיי האָבן באַוואונדערט זיין שיינקייט און איינע האָט דער אַנדערער שטיל אין אויער איינגערוימט:

— איך וואָלט זיין אָנרעדונג נישט געקאָנט ביישטיין... — האָט אַ יונג מיידל, באַגיסנדיק זיך מיט אַ פּורפּור־רויטקייט איבערן גאַנצן פּנים, אַ שעפּש געטאָן צו איר חברטע.

— אַ כישוף ליגט אין זיינע גרינע אויגן, זיי בויערן דיך דורך ווי מיט שאַרפע שפּיזן... — האָט די צווייטע געענטפערט.

— ער איז דאָך אָבער נישט קיין מאַנסביל... — האָט אַ דריטע חברטע זיך אַריינגעמישט מיט אַ געלעכטערל.

— ער איז אַ מלאך...

— זאָל ער חתונה האָבן מיט אַ מלאכטע... — האָט אַ דערוואַקסן מיידל בייז אַ זאָג געטאָן.

שבתי צבי האָט אָבער די אַלע רייד אויף זיין חשבון גאָרנישט גע־הערט און זיי האָבן אים אויך נישט אינטערעסירט.

נאָענט ביים אַריינגאַנג צום רבין אין הויז, האָט אַ גרופּע פון זיינע חברים אים אויפגענומען מיט רעשיקע קולות און אויסרופן פון באַגייס־טערונג און התלהבות.

שבתי צבי האָט אויפגעהויבן די האַנט ווי אַ צייכן, אַז זיי זאָלן בלייבן שטיל. זיי האָבן אויסגעפאָלגט זיין פאַרלאַנג און עס איז שטיל געוואָרן. אויך די צוויי פּוילישע יידן זענען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג און זיך צו־געקוקט צו דער דאָזיקער געשעעניש מיט דער גרעסטער נייגעריקייט און באַוואונדערונג.

ער איז ביי זיי אין די אויגן אויסגעוואַקסן צו אַ נישט־דאָאיק וועזן. און זיי האָבן אויך די דאָזיקע מיינונג אויסגעדריקט פאַר מענטשן לעבן דער טיר פון בית־דין שטוב.

אינעווייניק זענען אויך געווען פאַרזאַמלט פיל מענטשן, אַזוי פיל וויפל די שטוב האָט געקאָנט אין זיך אַריינגעמען. אויבנאָן איז געזעסן ר׳ יוסף אישקפא, מיט זיין לאַנגער ווייסער באָרד איבער דער ברוסט ביזן גאַרטל. אויף זיינע שניי־ווייסע האָר איז געלעגן אַ הויך קאַפּל און די לאַנגע ווייסע ברעמען זענען אַראָפּגעהאָנגען איבער די אויגן און האָבן זיי פאַר־דעקט. אָבער יעדעס מאָל, ווען ער האָט אַ הייב־אויף געטאָן די ברעמען, האָבן די אויגן אַ לייכט געגעבן מיט אַ העליש פייער און אַ ציטער איז אַדורכגעגאַנגען איבער אַלע אַנוועזנדיקע מענטשן. רעכט און לינקס פון אים זענען געזעסן אַנדערע אַנגעזעענע רבנים, טייל פון סמירנע און אַנ־דערע פון דער אומגעגנט, וועלכע זענען פאַרבעטן געוואָרן דורך ר׳ יוסף אישקפא אָנטיילצונעמען אין דער דאָזיקער זעלטענער דין־תורה.

שבתי צביס דערשיינען אין שטוב האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. נישט ווילנדיק האָבן זיך אַלע געגעבן אַ שטעל־אויף, כאָטש ער איז נאָך געווען אַזוי יונג אין יאָרן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, נישט ווייט פון די רבנים, קעגנאיבער זיין שווער, דעם רייכן סמירנער סוחר, ר׳ אהרן.

ער האָט אויף קיינעם נישט אַפילו קיין קוק געטאָן. ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ כסדר אַראָפּגעלאָזט און עפּעס געשעפּטשעט מיט די ליפּן. מעג־לעך, אַז ער האָט געזאָגט אַ תפילה אָדער אפשר גאָר אַ מיסטעריעזן שפּרוך, אַז ער זאָל אַרויס ריין און אומשולדיק, ווער ווייסט ?...

די צוויי פוילישע יידן, ר׳ וואָלף און ר׳ מעכל, זענען צוגעלאָזן געוואָרן אַלס עדות צום משפּט. עס איז אויך שפּעטער אַריינגעקומען דער קריסט־לעכער דאָקטער, דאָס אור־אייניקל פון ר׳ אברהם אַבולעפיא, וועלכער האָט איצט געוואָלט צוריק זיך אומקערן אין שויס פון דער יידישער אמונה.

ווען ער איז אַריינגעקומען, האָבן אַלע אויגן זיך צו אים אַ ווענד־געטאָן. פאַר פיל פון די אַנוועזנדיקע איז געווען אַ געוואַלטיקע איבערראַשונג וואָס אַ קריסט ווערט אַרויסגערופן ווי אַן עדות צו אַ יידישן משפּט.

אַ ווייל איז געווען שטיל, אָבער באַלד האָט ר׳ יוסף אישקפא, דער יושב־ראש פון בית־דין, זיך געווענדט אין דער זייט, ווו שבתי צבי איז געזעסן, און נישט אויפהייבנדיק צו אים די אויגן, געפרעגט:

— צי ווייסטו, שבתי, אַז ווען אַ יונגערמאַן האָט נישט חתונה צו אַכצן

יאָר, ווערט ער פאַרשאָלטן דורך גאָט, אז זיינע ביינער זאָלן פאַרפוילט ווערן ?... האָסט דאָך דאָס געלערנט אין תלמוד, נישט אמת ?...

— אמת, רבי... — האָט שבתי צבי געענטפערט מיט אַ שטיל קול.

— טאָ פאַרוואָס ווייכסטו אָפּ פון דעם וועג, אין וועלכן דיינע עלטערן זענען געגאַנגען און אין וועלכן עס גייען אַלע יידן ?...

— איך האָב באַשלאָסן צו ווערן אַ פרוש... איך האָב זיך געווידמעט איינגאַנצן צו לערנען תורה און נישט הנאה צו האָבן פון עולם הזה... — האָט שבתי צבי געענטפערט.

— דאָס איז נישט דער וועג פון אַ יידישן מענטש. ביסט דערמיט עובר אויף איינער פון די תרי״ג מצוות. עס שטייט געשריבן אין דער תורה: פרו ורבו, פרוכפערט זיך און מערט זיך. אויב אַלע יידישע יונגעלייט זאָלן אויסקלייבן דיין וועג, וועט עס אומברענגען די יידישע אומה, חלילה וחס...

— אַ שטים פון גאָט האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל אַזוי טאָן... — האָט שבתי צבי, שטיקנדיק זיך מיט די אייגענע רייד, שטיל אַרויסגע־מורמלט.

— עס איז נישט אמת!... — האָט ר׳ יוסף אישקפא מיט כעס אויס־גערופן. — זינט די נביאים, רעדט נישט גאָט צו אַ פשוטן בשר ודם... דאָס איז בלויז אַן איינריידעניש פון דיין זייט, שבתי...

— ער איז נישט קיין פשוטער בשר ודם!... — האָט עמעץ פון צווישן די צוהערער זיך פלוצלינג אָנגערופן.

— ווער האָט עס געהאַט די חוצפה מיר איבערצורייסן ? — האָט ר׳ יוסף אישקפא אַ געשריי געטאָן און איז אויפגעשפרונגען פון זיין פלאַץ.

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן.

— גיכער זאָל זיך אָנרופן דער, וועלכער האָט די דאָזיקע ווערטער געזאָגט! — האָט דער יושב ראש מיט שטרענגקייט אין זיין שטים אויס־גערופן.

עס האָט זיך אויפגעשטעלט שבתי צביס חבר, משה פינהיירא. דאָס פנים האָט ביי אים געפלאַמט און די אויגן האָבן נישט געקוקט גלייך אין רבינס פנים אַריין, נאָר ער האָט זיך געווענדט צו אַלעמען אין שטוב און ער האָט געזאָגט:

— זייט וויסן, רבותי, מיין חבר שבתי צבי איז נישט עפּעס איינער פון די אַלע מענטשנקינדער, ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פון גאָט צו זיין דער

דערלייזער פון דער יידישער אומה. גאָט באַוויזט זיך צו אים, פונקט ווי ער האָט זיך באַוויזן צו משהן אין דער מדבר חורב, און אים האָט ער באַפוילן זיך אָפּצושיידן פון פרויען און זיין צוגעגרייט צו דער גרויסער און הייליקער שליחות, וואָס לאו כל אדם זוכה... איך האָב אַליין געהאַט די זכיה בייצו־ווינען, ווי אַ זייל מיט פייער האָט זיך איינמאָל אין אַ מיטנאַכט אַראָפּ־געלאָזט אין בית־המדרש און איינגעהילט שבתי צבי און איך האָב געהערט אַ בת־קול פון דאָרט אַרויסקומען...

— שוויינ! — האָט ר׳ יוסף אישקפּא ווי נישט מיט זיין קול אויס־געשריען — ווי וואַגסטו אין דיין אומוויסנקייט צו פאַרגלייכן אָט דעם ילוד־אשה צו משה רבנו, וועלכער איז דער איינציקער צווישן די לעבע־דיקע מענטשן, וואָס גאָט האָט זיך צו אים באַוויזן אין מדבר חורב אין פלאַ־קערדיקן דאָרן. עס איז נאָך נישט אויפגעשטאַנען אַזאַ מענטש ווי משה. אויב דו וועסט דאָס היינטיקע יאָר אויסלעבן, וועסטו דאַרפן דאַנקען און לויבן דעם רבונו של עולם פאַר דעם גרויסן חסד. אויב וועסט שטאַרבן ביסטו אַליין דער מתחייב בנפשך...

אין דער שטוב, ווו דער משפט איז פאָרגעקומען, איז געוואָרן אַ טומל. אַ סך מענטשן אויף אַמאָל האָבן אָנגעהויבן רעדן, טייל האָבן זיך אָנגע־נומען די עוולה פון משה פינהייראַ און אַנדערע האָבן געשריגן קעגן און האָבן אים געשאָלטן מיט די קללות פון דער תוכחה...

— מיין חבר משה פינהייראַ איז גערעכט... — האָט זיך דערהערט אַ צווייטע שטימע פון אַ ווינקל אַרויס.

דאָס מאָל האָט זיך יענער באַלד אויפגעשטעלט און מיט דרייסטקייט אויסגערופן, אַז אַלץ, וואָס משה פינהייראַ האָט דאָ געזאָגט, איז אמת ווי דער טאָג איז אמת און ווי די תורה איז אמת...

דער דאָזיקער יונגערמאַן איז געווען יצחק סילוויירא, דער צווייטער נאָענטסטער חבר פון שבתי צבי.

— צי הערט איר נישט אין די רייד פון שבתי צבי די שטים פון גאָט?... — האָט ער געפרעגט מיט גרויס פאַרוואונדערונג. — אויב איר הערט נישט, זענט איר געשלאָגן מיט טויבקייט און אויב איר זעט נישט אין אים די אָפּשפּיגלונג פון משיח, זענט איר אויך געשלאָגן מיט בלינדקייט... נישט איר זענט ראוי צו משפטן דעם דאָזיקן מלאך אלהים... איר באַגייט אַ גרויסע זינד, און גאָט וועט עס אייך קיינמאָל נישט מוחל זיין....

— לאָזט מיך זאָגן אַ פּאָר ווערטער. איך בעט אַ דערלויבעניש פון אונדזער גרויסן רבין, ר׳ יוסף אישקפּאַ... — האָט מיטאַמאָל זיך אָנגערופן דער פּוילישער ייִד ר׳ וואָלף, דער פּליט פון כמיעלניצקיס שחיטות אין טולטשין, אין נעמיראָוו און אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון מדינת פּוילן.

— איך גיב דיר רשות צו רעדן... האָט ר׳ יוסף אישקפּאַ געזאָגט און זיין פּנים איז געווען בלאַס פון אויפרעגונג. ער האָט געציטערט אינגאַנצן פון כעס און פון ביטערניש.

— איך בין געווען ביי דער חופּה פון שבתי צבי... — האָט ר׳ וואָלף אָנגעהויבן. — איך האָב אויך בייגעווויינט די סעודה פון דער חתונה און איך בין אויך געווען איינער פון די, וועלכע האָבן פון די ערשטע דערהערט דאָס געוויין פון דער כלה, אין יחוד־צימער. איך האָב געזען, ווי שבתי צבי איז געזעסן אין אַ ווינקל אין זיין חדר און עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך זע אַ ברענענדיקן מלאך... ער איז נישט קיין פּשוטער ילוד אשה. ס׳איז אַ גרויס רחמנות אויף דער כלה, אָבער דאָס איז מער די שולד פון איר פֿאָטער, וועלכער האָט די גאַנצע זאַך צוליב איבערגעטריבענעם שטאָלץ און גיריקייט נאָך כבוד, דערפירט צו דער חתונה צווישן זיין טאָכטער און דעם יונגן מקובל... ווי כ׳האָב געהערט, האָט שבתי צבי אַלעמאָל געזאָגט, אַז ער פּייניקט זיין גוף, ער פאַסט תעניתים און וויל זיין אויף אייביק אָפּגעשיידט פון פרויען.

— אויך איך קאָן עדות־זאָגן, — האָט פּלוצלינג דער קריסטלעכער דאָקטער זיך אַריינגעמישט. — איך בין געווען צוזאַמען מיט ר׳ וואָלפן און ר׳ מעכלען ביי דעם יונגן פּאָרפּאָלק אין צימער און איך בין געבליבן אַ פּאַרציטערטער, דערזעענדיק דאָס געטלעכע פּנים פון שבתי צבי. ער איז נישט קיין ערדישע פּערזאָן און ער דאַרף נישט געמשפּט ווערן דורך מענטשלעכע ווערנס. נישט מיר זענען באַרופן אַרויסצוטראָגן אַ פּסק־דין, צי ער איז גערעכט צי אומגערעכט. דאָס איז אַ העכערער ענין, וואָס נאָר גאָט אַליין קאָן אַרויסטראָגן אַ משפּט וועגן דעם...

— מיר דאַרפן אויסהערן אויך דעם אַנדערן צד... — האָט ר׳ יוסף אישקפּאַ מיט אַ קרעכץ אויסגערופן און ער האָט געבעטן ר׳ אהרן, ער זאָל זיך דערנעענטערן צו אים.

ר׳ אהרן האָט גביריש־מעסיק אָפּגעהוסט אַ ביסל און מיט אַ בכבודי־קער מינע זיך אונטערגעהויבן פון זיין פּלאַץ, ווו ער איז ביז איצט געזעסן אַ שטילשווייגנדיקער און נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון די רבנים, וועלכע האָבן דאָ געזאָלט אַרויסטראָגן אַ פּסק־דין וועגן דעם אומגליק פון זיין טאָכטער.

אַלע האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויערן, כדי נישט צו פאַרלירן קיין איינציק וואָרט, וואָס דאָ וועט אַרויסגערעדט ווערן.

ר׳ אהרן האָט מיט לאַנגזאַמע טריט זיך דערנענטערט צום אָרט, ווו עס זענען געזעסן די רבנים, און מיט חשיבות, נישט קוקנדיק אויף קיינעם, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ ליידיקער שטול, וואָס מ׳האָט פאַר אים צוגעגרייט.

— חשובע רבנים... — האָט ער אָנגעהויבן נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן און ווי ער וואָלט נאָכגעדענקט וואָס אַזוינס צו זאָגן, אַז עס זאָל מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק — רחל איז מיין איינציקע טאָכטער... איך און מיין ווייב האָבן דאָס גאַנצע לעבן געציטערט איבער איר און זי אָפּ־געהיט פון יעדער שלעכטס, מען האָט זיך דערצויגן אַזוי ווי מען דאַרף דערציען אַ יידישע טאָכטער. זי האָט קיינמאָל אויף קיין פרעמדן מאַנסביל נישט געקוקט, זי האָט געוווסט, אַז בלויז צו איר באַשערטן, ווען זי וועט צו אים פאַרקנסט ווערן, וועט זי געהערן.

ער האָט זיך אַ ווייל אָפּגערוט, געכאַפּט דעם אָטעם, וואַרפנדיק דער־ווייל אַ בליק איבער דער שטוב און נאָכגעפאָרשט מיט די אויגן, וואָס פאַר אַן איינדרוק ער מאַכט מיט זיינע רייד אויף די רבנים און אויף די פאַר־זאַמלטע מענטשן.

דערנאָך האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט:

— מיין טאָכטער איז נאָך פאַרקנסט געוואָרן צו שבתי צבי, ווען ער איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר... אין שטאָט האָט מען שוין געשמועסט וועגן זיינע וווּנדערלעכע מעשים. איך בין געווען גליקלעך צו האָבן דעם דאָזיקן בחור אַלס מאַן פון מיין איינציקער טאָכטער. די גאַנצע צייט פון זייער חתן־כלה־שאַפט האָט שבתי צבי קיין איין מאָל נישט געזען און נישט גערעדט צו מיין טאָכטער. איך האָב דאָס אָנגענומען פאַר אַ סימן, אַז ער איז זייער אַ פרומער בחור און וויל נישט רעדן צו אַן אשה... מיר האָבן זיך גע־גרייסט מיט אים, און מיין טאָכטער האָט גאַנצע טעג און נעכט וועגן אים

גערעדט און געחלומט. זי האָט פאַר אים אויסגעהאָפטן די שענסטע זאַכן, זי האָט איר נשמה אַריינגעלייגט אין די דאָזיקע מיידלשע אַרבעטן. אירע חברטאָריגס האָבן זי מקנא געווען מיט דעם דאָזיקן גליק. איך האָב אָפּ־געשטויסן יעדן פּרווו, וואָס מענטשן האָבן געמאַכט, מיך אָפּצורעדן פון שבתי צבי... עס זענען געווען פיל מענטשן, וועלכע האָבן אויף אים גערעדט לשון הרע און דערציילט נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע גע־שיכטעס, איך האָב זיך צו דעם אַלעם נישט צוגעהערט. איך האָב צוגעגרייט פאַר אים די טייערסטע מלבושים און באַשטימט ביי מיר, אַז דאָס גאַנצע לעבן וועט ער ווינען מיט אונדז און ער וועט נישט דאַרפן טראַכטן וועגן פרנסה. ער וועט זיצן און לערנען און צוגרייטן פאַר אונדז עולם הבא...

אַ טרער האָט אויפגעפינקלט אין זיין אויג. דאָס פּנים איז געווען צע־פלאַמט און ער אינגאַנצן געציטערט.

— די לעצטע טעג פאַר דער חתונה זענען געווען די גליקלעכסטע אין מיין לעבן. איך האָב אויך באַמערקט, ווי מיין טאָכטער צאַפּלט אינגאַנצן ביים דער־מאָנען דעם נאָמען פון איר חתן, שבתי צבי... איצט, ווען זי איז פאַרשעמט געוואָרן דורך אים, האָב איך פּשוט מורא פאַר איר לעבן. מיין טאָכטער, וועל־כע מ'האָט געהאַלטן פאַר די שענסטע אין שטאָט און אפשר אין גאַנצן לאַנד, איז איצט נישט צו דערקענען. זי ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ מאָגערער און דאָס שיינע פּנים פאַלט איר איין... איך פאַרלאַנג, אַז דאָס בית־דין זאָל גוזר זיין אויף שבתי צבי, מיין איידעם, ער זאָל טאָן זיין חוב. ער האָט מיין טאָכטער מקדש געווען כדת משה וישראל, זי איז זיין ווייב און ער דאַרף מקיים זיין דאָס, צו וואָס ער האָט זיך מתחייב געווען ווי אַ ייד און ווי אַ מענטש...

ווען ער האָט פאַרענדיקט, איז אין אָנהויב געפאַלן אַ שטילקייט אין שטוב, אַז מ'האָט געקאָנט הערן אַ פליג דורכפליען אין דער לופט, אָבער באַלד איז אַנטשטאַנען אַ רעש וואָס האָט די אויערן דורכגעלעכערט. אַלע האָבן גערעדט צוזאַמען און אַלע האָבן געוואָלט מען זאָל זיי אויסהערן, וואָס זיי האָבן צו זאָגן אין דעם ענין.

שבתי איז געזעסן אין אַ ווינקל און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער ווייסט גאָרנישט וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט זיך איצט געפונען גאָר אין אַן אַנדערער וועלט. ער האָט געהאַלטן אָפן זיינע אויגן, אָבער ער האָט קיינעם נישט געזען און קיינעם נישט געהערט. ער האָט אפילו נישט גע־

דענקט צוליב וואָס ער געפינט זיך דאָ אין דער שטוב און ווער עס זענען די מענטשן, וואָס רעשן אַזוי.

ווען ר׳ אהרן האָט אויפגעהערט רעדן און עס איז אויף אַ ווײַלע שטיל געוואָרן, האָט די שטילקייט אים אויפגעוועקט פון זײַנע מחשבות, און ער האָט זיך פאַרחידושט אומגעקוקט אויף אַלע זײַטן, ווי נישט פאַרשטייענדיק וואָס דאָ איז פּלוצלונג געשען.

ווען ר׳ יוסף אישקפא האָט זיך צו אים נאָך אַ ווײַלע געווענדט, ער זאָל זאָגן זײַן ענדגילטיקן באַשלוס, צי וויל ער גיין ווײַנען מיט דער בתולה מרת רחל בת אהרן כדת וכדין, האָט ער אויפגעעפנט מויל און אויערן און און געקוקט אויף זײַן רבין מיט אַ בליק פון אַ נישט דאָ־וועלטיקן...

— איך ווייס גאָרנישט... — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט די דרײַ ווערטער און אַ פּיר געמאַן איבערן פאַרזאַמלטן עולם מיט אַ בלאָנדזשענדיקן בליק, ווי ער וואָלט געפרעגט: וואָס וויל מען פון מיר און פאַרוואָס מאַטערט מען מיך אומזיסט און אומנישט...

— ביסט, הייסט עס, נישט מרוצה צו גיין ווײַנען מיט דײַן כלה, צו וועלכער דו ביסט מיטן הסכם פון דײַנע עלטערן פון דער כלה אַנטשפּויזט געוואָרן, און וועמען דו האָסט מקדש געווען ווי דער יידישער דין איז?...

— האָט ר׳ יוסף אישקפא געפרעגט.

אין זײַן שטים האָט זיך געפילט אַ ווייכקייט און רחמנות צו דעם יונגן מענטש. ער האָט גאַנץ גוט געזען אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד שבתי צבי געפינט זיך, און ער האָט זיך אַליין מוסר געזאָגט, פאַרוואָס ער האָט אים דערלויבט אַזוי פרי אָנצוהייבן לערנען די פאַרבאָרגענע לערע פון קבלה און זוהר. פון הײַנט אָן וועט ער קיינעם נישט דערלויבן לערנען קבלה, ביז ער וועט נישט האָבן חתונה געהאַט — האָט ער ביי זיך באַשלאָסן.

ער האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער פון שבתי צבי, אָבער קיין ענטפער איז נישט געקומען.

אַנשטאָט אים האָט זיך אויפגעשטעלט זײַן פאָטער, ר׳ מרדכי צבי, און מיט טרערן אין די אויגן זיך געווענדט צום בית־דין:

— איך בעט אײַך, גרויסע רבנים, גדולי הדור, נעמט אין אַכט דעם צושטאַנד, אין וועלכן מײַן זון געפינט זיך. ער איז קראַנק, ער ווייסט נישט וואָס מיט אים קומט פאָר. לאָזט אים צורו אַ שטיקל צײַט, אפשר וועט ער צו זיך קומען און ער וועט צוריקקריגן זײַן גלײַכגעוויכט. מען טאָר

קיין קראַנקן נישט משפטן. ער ווייסט אפילו נישט וואָס פאַר אַ זינד ער איז באַגאַנגען קעגן דער יידישער טאָכטער. איך בין גרייט צו באַצאָלן דעם גרעסטן קנס, וואָס דאָס בית־דין וועט אויף מיר אַרויפלייגן, אָבער אים לאָזט צורו... מיין האַרץ ווערט מיר סיי ווי צעריסן אויף שטיקער צוליב דער דאָזיקער אומגעוויינטלעכער געשיכטע, פונקט ווי מיין מחותן, ר׳ אהרן, אַזוי האָב איך זיך אויך געפילט גליקלעך, וואָס די שענסטע טאָכטער אין אונדזער שטאָט ווערט דאָס ווייב פון מיין זון. אַזוי האָט אויך געטראַכט מיין ווייב אסתר. איצט וויינט זי טעג און נעכט. מיין זון, שבתי צבי, ווי איר זעט אַליין מיט אייערע אייגענע אויגן, איז נישט ביים בעסטן געזונט... לייגט אָפּ דעם פסק־דין אויף אַן אַנדערש מאָל.

נאָך די דאָזיקע רייד פון ר׳ מרדכי צבי האָט זיך אויפגעשטעלט ר׳ אהרן, זיין מחותן, ער איז צוגעגאַנגען צו אים און אויסשטרעקנדיק זיין האַנט, האָט ער אויסגערופן:

— איך בין דיר מוחל במחילה גמורה און איך בין אויך מוחל דיין זון, שבתי צבי. איך ציִ צוריק מיין טענה. איך באַדויער בלויז מיט מיין גאַנצן האַרץ פאַרוואָס עס איז אַזוי געשען...

די דאָזיקע עטלעכע ווערטער האָבן געמאַכט דעם גרעסטן רושם אויף די פאַרזאַמלטע און אויך אויף די רבנים. מען האָט געפילט, אַז אַלע זענען צופרידן פון דעם דאָזיקן אויסגאַנג. נאָך צופרידענער איז געווען ר׳ יוסף אישקפא, דער יושב־ראש פון דעם בית־דין, ווייל ער האָט קיין האַרץ נישט געהאַט זיין בעסטן תלמיד צו באַשטראָפן.

ווען דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערגיין, איז שבתי צבי נאָך אַלץ געזעסן ווי צוגעשמידט צו זיין פלאַץ. ערשט ווען דער פאָטער האָט אים אָנגענומען ביים אָקסל, האָט ער אַ פאַרוואונדערטער אויפגעעפנט זיינע אויגן, אים אָנגעקוקט אַ ווייל, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען, וואָס דאָ איז געשען. ער האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן, אויפגעשטעלט זיך און נאָכגעגאַנגען דעם פאָטער אויפן וועג אַהיים.

די זון האָט זיך שוין געהאַט געזעגנט. דער הימל איז געווען רויט צע־גליט. אַ לייכט ווינטל האָט אַ ציִ געטאָן פון ים און געגלעט די צעהיצטע פנימער. שבתי צביס חברים זענען אים נאָכגעגאַנגען ביז אַהיים. דאָרט האָבן זיי זיך געזעגנט און מיט יראת הכבוד זיך פאַרנייגט פאַר זייער יונגן רבין.

צומאָרגנס האָט אַ גרופּע פון שבתי צביס חברים זיך פאַרזאַמלט אויף

אַ געהיים אָרט ווייט הינטער דער שטאָט; שבתי צבי איז מיט זיי נישט געווען. ער איז איצט אינגאַנצן פאַרזונקען געווען אין מחשבות און מ׳האָט צו אים קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן.

דער אָנפירער פון דער דאָזיקער גרופּע איז געווען משה פינהייראַ, אַ נידעריקער און קרעפּטיקער בחור, מיט אַ קיילעכדיק פּנים, וואָס איז באַוואַקסן געווען מיט אַ געדיכט שוואַרץ בערדל. ער האָט נישט ליב געהאַט אַ סך צו רעדן, אָבער מיט זיין שטילשווייגן האָט ער מער געזאָגט ווי אַנ־דערע מיט רייד. ער האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער גרופּע פון שבתי צביס אָנהענגער, ווייל וואָס פאַר אַ געדאַנק ער זאָל נישט האָבן אַרויסגעזאָגט, האָט ער עס געמיינט מיט דער גרעסטער ערלעכקייט און אָנטשלאָסנקייט.

ווען אַלע זענען שוין געווען פאַרזאַמלט, אַן ערך אַ פופצן יונגעלייט, טייל שוין חתונה געהאַטע און טייל נאָך בחורים, האָט ער זיי דורכגענומען מיט זיינע טיפע שוואַרצע אויגן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן און ווער עס זענען זיינע מיטגייערס.

אַריינקוקנדיק זיי טיף אין די אויגן און דורכדרינגענדיק זייערע הערצער און נשמות, האָט ער אַ לייכטן שמייכל געטאָן, ווי ער וואָלט דערמיט אויסגעדריקט צופרידנקייט און ער האָט אָנגעהויבן:

— מיינע טייערע חברים, מיר לעבן איצט אין אַ צייט, וואָס וועט אויף אייביק בלייבן אין דער יידישער געשיכטע, אַ נייער תנ״ך וועט גע־שריבן פאַר אונדזערע אויגן און צווישן אונדז שטייגט אויף אַ גרויסער נביא, וואָס וועט נישט פאַרשעמען אונדזערע אַמאָליקע הייליקע נביאים. זינט משה רבנו האָט נאָך קיין מענטשנקינד ניט גערעדט מיט גאָט, אַזוי ווי עס רעדט אַ מאַן צו זיין חבר... מיר זענען עדות, אַז שבתי צבי איז נישט קיין געוויינלעכער בשר ודם ווי מיר דאָ אַלע. ער איז טאַקע געבוירן געוואָרן פון דער טראַכט פון אַ פרוי, אָבער דער אייבערשטער האָט אים דערהויבן צו אַ מלאך אלהים. פונקט ווי אַ מלאך, ווען ער קומט אַראָפּ אויף דער ערד, ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ מענטש, אַזוי ווערט אַ מענטש, וואָס קומט אין באַרירונג מיט די הימלען, פאַרוואַנדלט אין אַ מלאך...

ער האָט זיך אָפּגערוט אַ ווייל, נאָכאַמאָל אָפּמעסטנדיק מיט זיין שאַרפן בליק די פאַרזאַמלטע חברים און פאָרשנדיק זייער באַנעמונג, ווי אַזוי עס ווירקן זיינע רייד, האָט ער פאָרגעזעצט:

— איצט איז געקומען די ריכטיקע צייט, אַז שבתי צבי זאָל נתגלה ווערן פאַר דער וועלט, נישט פאַר אונדז, וועלכע גלייבן אין אים באמונה שלימה, אַז ער איז דער לאַנג־דערוואַרטער משיח בן־דוד... קאָן דען ווער פון אונדז, מענטשנקינדער, פאַרשטיין מיטן שכל, אַז אַ יונגערמאַן, וועל־כער זעט אַזוי אויס ווי מיר, איז אַזוי געזונט ווי מיר אַלע און האָט די זעלבע אייגנשאַפטן וואָס יעדער מענטש, זאָל זיך אָפּזאָגן צו באַרירן אַ יונגע בתולה, וועלכע איז די שענסטע יונגפרוי אין שטאָט און אפשר אין גאַנצן לאַנד? און געטאָן האָט ער דאָס, ווייל ער איז אינגאַנצן איבערגעגעבן דער געטלעכער זאַך פון אויסלייזן דאָס פאָלק ישראל פון גלות. ער איז דורך דער דאָזיקער טאָט מקודש געוואָרן צו גאָט און ער איז זיין געזאָלבטער...

בעת ער האָט גערעדט וועגן שבתי צביס כלה, האָט משה פינהייראָ ווידער לעבעדיק זיך פאָרגעשטעלט איר נאַקעטקייט, ווי ער האָט זי אַנומלט געזען אין חלום, אין טאָג פון זיין חברס חופה־טאָג... ער האָט אויפגעפלאַמט אינגאַנצן און טרערן זענען אים געקומען אין די אויגן. ער האָט זיך דאָ אויפן אָרט געוואָלט לאָזן שלאָגן מלקות און צעפּאַסעווען זיין לייב מיט אַ לעדערנעם רימען. ער האָט אַראָפּגעשלונגען די פייכטקייט אין זיין מויל און געשטיקט זיך אַ ווייל מיט זיינע רייד, נישט קאָנענדיק אַרויסברענגען קיין קלאַנג פון זיין האַלדז.

ער האָט ביי זיך אין געדאַנק באַשלאָסן, אַז ווי נאָר ער וועט אַהיימ־קומען צו זיך אין צימער, וועט ער זיך אויסטאָן נאַקעט און מיט אַ רימען זיך שלאָגן איבערן לייב. ער וועט פאַסטן דריי טעג, דערנאָך וועט ער גיין טבילה און זאָגן גאַנץ תהילים עטלעכע מאָל איבערן טאָג... ער האָט זיך נישט געקאָנט שענקען, פאַרוואָס ער קאָן נישט אַרויסווייזן אַזאַ שטאַר־קייט ווי שבתי צבי, זיין חבר. ווי אַזוי קאָן ער גאָר שטיין אין זיינע די אמות? ער קאָן נאָך, חלילה, געניזוקט ווערן פון זיין געטלעכן פייער. אָ, פאַרוואָס קאָן ער נישט ביישטיין דעם יצר־הרע און נישט טראַכטן מער וועגן דער שיינער רחל...

באַלד האָט ער אַליין געפונען פאַר זיך אַ פאַרענטפערונג און געזאָגט צו זיך: שבתי צבי איז זי דאָך נישט באַזעסן, איז זי דאָך נישט זיין ווייב, טאָ פאַרוואָס טאָר ער, אַ פשוטער בן־אדם, נישט טראַכטן וועגן איר? ער איז דאָך נישט עובר אויף „לא תחמוד“... זי איז דאָך נישט זיין חברס ווייב...

די פאַרזאַמלטע חברים זענען געזעסן און געוואַרט, ביז משה פינהייראָ וועט אויפוואַכן פון זיינע מחשבות, אין וועלכע ער איז פּלוצלינג פאַרזונקען געוואָרן.

עס איז געווען אַ בלויער זוניקער פרימאָרגן, פּונקט ווי אין יענעם טאָג, ווען ער האָט דאָ שפּאַצירט מיט שבתי צבי אין טאָג פון זיין חתונה... און אַלץ אַרום האָט אים ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל דערמאָנט אין דער זעאונג פון יענעם אויפדערנאַכט. דער ים איז געלעגן רואיק און בלוי פאַר־טראַכט. מ׳האָט בלויז יעדע פּאָר רגעס געהערט אַ שטילן געשעפּטש פון די כוואַליעס, וואָס האָבן געוואַשן דעם זאַמדיקן ברעג און ווייס געשוימט זיך, ווי זיי וואָלטן זיך געשפּילט מיט דער זאַמדיקער יבשה...

ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט צונויפנעמען זיינע געדאַנקען און ווייטער רעדן פאַר די חברים. פאַר זיינע אויגן האָט ווי לילית געטאַנצט די נאַקעטע שיינע רחל, געוויזן אים אירע שיינע געטאָקטע גלידער און ווי געדרייצט זיך מיט אים. ער האָט בפירוש געזען, ווי זי שעפּטשעט מיט אירע פּורפּור־ליפּן, אַז זי איז פריי צו אים, זי איז מער נישט געבונדן צו שבתי צבי... און ער האָט פּלוצלונג אָנגענומען אַ באַשלוס...

אויף זיין פּנים איז געקומען אַן אויסגעלייטערטקייט, די אויגן האָבן זיך גליאיק צעשפּילט, גלייך ווי די שטראַלן פון דער זון וואָלטן זיך אין זיי אָפּגעשפּיגלט. די בלויקייט פון ים האָט אים געדרייצט און פריילעכער גע־מאַכט. ער האָט איצט חשק געהאַט אַריינצושפּרינגען אין די קילע וואַסערן פון ים. ער האָט זיך באַהערשט און ווייטער גערעדט צו זיינע חברים. אין זיינע ווערטער האָט זיך דערפילט אַ הייטערקייט און אַן אויפגעלעבטקייט...

— הערט אויס, מיינע טייערע חברים, משיח איז געקומען!... — האָט ער מיטאַמאָל ווי נישט מיט זיין קול אויסגערופן און אין זיין שטים איז געווען אַזוי פיל פרייד און אויפריכטיקייט, אַז ער האָט אַלעמען אָנ־געשטעקט.

— שבתי צבי איז דער מלך המשיח, ער שטאַמט־אָפּ פון מלכות בית־דוד. זיינע עלטערן האָבן געלעבט די גאַנצע צייט אין מדינת ספרד, ביז זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן דורך די קריסטלעכע אכזרים צוזאַמען מיט אַלע גולי־שפּאַניע. זיין משפּחה האָט אָפּגעהיט די בלוט־ריינקייט פון זייער יחוס. נישט קיין אַנדערער איז ראוי צו פאַרנעמען אָט די דאָזיקע הייליקע שליחות, ווי נאָר שבתי צבי, וועלכער איז דערצו אויסגעוויילט געוואָרן

פון גאָט. קומענדיקן שבת דאַרפן מיר דאָס בקול רם אויסרופן פאַר דער גאַנצער עדה אין סמירנע, ווען מיר וועלן זיך פאַרזאַמלען אין שול צו קריאת התורה.

אַן אויסגעשריי פון באַגייסטערונג איז אויסגעבראָכן נאָך די רייד פון משה פינהיירא. אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן טאַנצן אין אַ גרויס ראָד, פאַרלייגנדיק הענט אויף אַקסלען און פאַרוואַרפנדיק די קעפּ אויף אַ זייט, גלייך ווי זיי וואָלטן שיכור געווען פון שטאַרקן וויין, אָבער שיכור זענען זיי געווען פון גרויס התלהבות.

נאָכדעם ווי זיי האָבן אַזוי אָפּגעטאַנצט אַ לענגערע ווייל, האָט זיך אויפגעשטעלט דער צווייטער נאָענטער חבר סון שבתי צבי, יצחק סילווייראָ און געזאָגט:

— אַ גרויסן סוד האָט מיר שבתי צבי, אונדזער משיח, איבערגעגעבן און איך האָב פון אים די דערלויבעניש דאָס אייך צו דערציילן, אָבער די געהיימניש מוז בלייבן צווישן אייך ביז דער לעצטער מינוט...

אַ גרויסע נייגעריקייט האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. מויל און אויערן זענען אָנגעשטעלט געוואָרן און געוואַרט צו דערהערן די גרויסע בשורה.

— דעם קומענדיקן שבת האָט שבתי צבי באַשלאָסן צו נעמען חופּה וקדושין מיט דער תורה. ער וועט זי מקדש זיין כדת וישראל און ער וועט זיך אויסרופן אַלס משיח!...

די דאָזיקע בשורה האָט אַלעמען ווי וואַנזיניק געמאַכט. אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן און פּנימער זענען צעפלאַמט געוואָרן; באַגייסטערטע געשרייען האָבן אָנגעפילט דעם אַרום.

זייערע געשרייען זענען געגאַנגען עד לב השמים, און פון זייערע מיילער איז אויפגעגאַנגען אַ געזאַנג און אַ שבח צום רבונו של עולם. און ווי עמיץ וואָלט פריער פאַר זיי אַ ליד אָנגעשריבן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו זינגען:

„דו ביסט פאַרכטיק, דו ביסט גרויס,\
משיח, ביסט געקומען שוין;\
דו וועסט אויפשטעלן צוריק גאָטס הויז\
און וועסט אָנטאָן אַ קעניגלעכע קרוין...“

זיי האָבן די דאָזיקע ווערטער איבערגעזונגען צענדליקער מאָל, ביז זיי זענען הייזעריק געוואָרן. דערנאָך האָבן אַלע זיך אויסגעטאָן די קליידער,

זענען אַרײַנגעשפּרונגען אין די קילע כוואַליעס פון ים און האָבן גענומען טבילה זיבן מאָל, כדי זיך צו רייניקן צו דעם גרויסן טאָג.

ווען די גרופּע איז שפּעט נאָכמיטאָג צוריקגעקומען פון ים־ברעג אין בית־המדרש, האָט זיי געהאַט פאַראייניקט איין גרויסער סוד. אין די אויגן האָט ביי זיי געשפּילט אַ געהיים פייערל. זיי האָבן זיך געשטעלט דאַווענען מנחה גדולה און מיט גרויס כוונה געזאָגט: ולירושלים עירך ברחמים תשוב. זיי האָבן דערביי פאַרגלאָצט די אויגן און מכוון געווען, אַז זייער חבר שבתי צבי וועט דאָס זיין דער יעניקער, וועלכער וועט זיי פירן קיין ירושלים בימנו...

די דאָזיקע אויפפירונג פון די יונגעלייט האָט אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט ביי די עלטערע יידן, זיי האָבן נאָך נישט געזען דאַווענען אַזוי ערנסט און מיט אַזאַ ברען און התלהבות.

— טאָקע משיחס צייטן... — האָט איינער פון די עלטערע יידן זיך אָנגערופן צו אַ גרופּע מתפּללים — עס שטייט ערגעץ געשריבן, אַז משיח וועט קומען ווען אַלע זיינען אָדער כולו זכאי אָדער כולו חייב. עס וועלן זיין בלויז צדיקים אָדער בלויז רשעים. אָט זע, ווי אונדזערע יונגעלייטלעך דאַווענען פרום און זענען זיך מתכוון אין דער שמונה עשרה. עס וועט זיין כולו זכאי...

דער טאָג האָט זיך אַ בויג געטאָן צו זיין ענד. די זון איז שוין געשטאַנען זייער נידעריק, כמעט ביים ראַנד פון ים און מיט אַ גרויס פלאַמיק אויג נאָך געוואָרפן אַ פייערדיקן בליק אויף דער וועלט.

אין בית־המדרש האָבן זיך איצט געהאַט פאַרזאַמלט אַ סך מענטשן. טייל האָבן געדאַוונט אַ פאַרשפּעטיקטע מנחה, אַנדערע האָבן געפירט געשפּרעכן וועגן פאַרשידענע ענינים, מען האָט זיך דערציילט מעשיות וועגן דער טערקישער מלחמה מיט ווענעדיג, וועגן די שחיטות אין פוילן און וועגן די גרוילן, וואָס די היידאַמאַקעס טוען דאָרט אָפּ מיט די יידן.. פון דער טונקלקייט האָט זיך אַרויסגעהערט אַ שווערער זיפץ, באַגלייט מיט אַ „רבונא דעלמא כולא״...

אויך די יונגעלייטלעך, די יונגע מקובלים, האָבן פון צייט צו צייט זיך אַריינגעמישט אינעם שמועס פון די עלטערע.

— שוין נישט לאַנג וועט אונדז יידן אויסקומען צו ליידן... — האָט

זיך אָנגערופן איינער פון די יונגעלייטלעך, ווען מען האָט מ'האָט צוליב דער טונקלקייט פון בין־השמשות נישט אַרויסגעזען.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס אַזוי זיכער, אַז שוין נישט לאַנג? — האָט עמעץ פון די עלטערע געפרעגט.

— אַלע סמנים זאָגן עדות דערויף... — האָט די זעלבע שטים פון דער פינצטער אַרויס געענטפערט און מ'האָט געפילט, אַז ער וויל נישט אויסזאָגן עפּעס אַ סוד, וועגן וועלכן ער אַליין ווייסט יאָ.

— מ'הערט שוין די טריט פון משיח... — האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופן.

— איך הער נישט... — האָט אַן עלטערער ייד זיך געוויצלט.

— אויף אייך איז געזאָגט געוואָרן: ער האָט אויערן און הערט נישט, ער האָט אויגן און זעט נישט, האָט אַ מויל און רעדט נישט... — האָט איינער פון די יונגעלייטלעך חוזק געמאַכט פון דעם וויצלער.

— ווען ער וואָלט אפילו געהערט, וועט ער אויך זאָגן, אַז ער הערט נישט — האָט אַ צווייטער יונגערמאַן זיך אַריינגעמישט. — דאָס זענען אומגלייביקע יידן... ווען זיי זעען שוין באַשיינפּערלעך, קערן זיי זיך אָפּ און ווילן נישט זען...

אָט אַזוי זענען אָנגעגאַנגען די רייד מיט אָנצוהערענישן און סודות־פולע רמזים, אָבער קלאָר האָט קיינער נישט אַרויסגעזאָגט, וואָס מ'האָט צו דערוואַרטן דעם קומענדיקן שבת. אפשר, ווען מ'וואָלט געווען געזען זייערע פּנימער, וואָלט מען געווען זיך געכאַפּט, אַז די יונגעלייטלעך טראָגן זיך אַרום מיט אַ סוד, אַז זיי באַהאַלטן עפּעס. אין דער פינצטערניש האָט מען אָבער גאָרנישט געקאָנט חושד זיין.

באַלד האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען מעריב. עטלעכע ליכטלעך האָבן אויפגעבליצלט און פאַרשפּרייט אַ ביסל שיין איבער די ווענט פון בית־המדרש, און ווען דער מעריב איז געווען פאַרענדיקט, זענען אַלע זיך פונאַנדערגעגאַנגען יעדער צו זיין היים צו עסן דאָס צוגעגרייטע נאַכטמאָל.

גאָר שפּעט ביינאַכט זענען עטלעכע יונגעלייטלעך צוריקגעקומען אין בית־המדרש און אַנידערגעזעצט זיך לערנען אַ שיעור. משה פינהייראָ איז געווען דער עלטסטער צווישן זיי. ער האָט דער ערשטער מפרש געווען די סוגיא און די איבעריקע האָבן מיטגעלערנט. וואָס עס איז נישט פאַרשטאַנען געוואָרן, האָט ער דערקלערט אויף שפּאַניש.

זיי האָבן איצט געלערנט אַן אגדה וועגן די טעג ווען משיח וועט קומען. זיי האָבן געלערנט וועגן די גרויסע צרות, וואָס זענען אָנגעגרייט פאַר יידן אויסצושטיין און אויך וועגן די שפּעטערדיקע ישועות:

„אמר ר׳ ישמעאל, האָט רבי ישמעאל געזאָגט: ווען איך בין אַרויפ־געגאַנגען אין הימל, האָט צו מיר דער שר הפּנים אויסגערופן: מיין פריינד, זעץ זיך אויף מיין שויס און איך וועל דיר זאָגן, וואָס עס וועט זיין מיט דעם הייליקן פאָלק ישראל.

„איך האָב זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין שויס און ער האָט זיך אין מיר איינגעקוקט. מיטאַמאָל האָט ער אָנגעהויבן צו וויינען. זיינע טרערן זענען געראָנען פון די אויגן און געפאַלן אויף מיר. האָב איך צו אים געזאָגט: מיין לויטערער מלאך, פאַרוואָס וויינסטו? האָט ער מיר געענטפערט: מיין פריינד, קום, איך וועל דיך אַריינפירן אין די וויי־טערדיקע חדרים, אין די געהיימנישפולע צימערן.

„ער האָט מיך אָנגענומען און דאָרט אַריינגעפירט. ער האָט גענומען די ביכער און זיי פאַר מיר געעפנט און ער האָט מיר געוויזן אַ סך פאַרשרי־בענע בלעטלעך, אויף וועלכע עס זענען פאַרצייכנט געוועזן פאַרשידענע צרות, וואָס מענטשן וועלן דאַרפן אויסשטיין. פאַר וועמען זענען די דאָזיקע צרות אָנגעגרייט? — האָב איך אים געפרעגט. האָט מיר דער שר הפּנים געענטפערט: פאַר די יידן. האָב איך אים געפרעגט: צי וועלן עס די יידן קאָנען אויסהאַלטן? האָט ער מיך געזאָגט: קום צו מיר מאָרגן און איך וועל דיר וויזן נאָך גרעסערע צרות...

„צומאָרגנס האָט ער מיך אַריינגעבראַכט אין אַ פאַרבאָרגן צימער און ער האָט מיר געוויזן אַזעלכע צרות, וואָס זענען נאָך געווען אַ סך ערגער ווי די נעכטיקע. וועמען עס איז באַשערט צו פאַלן טויט דורך דער שווערד; וועמען ס׳איז באַשערט אומצוקומען דורך הונגער און וועמען ס׳איז באַשערט פאַרקויפט צו ווערן אַלס שקלאַף...

„האָב איך געפרעגט: זאָג מיר, לויטערער מלאך, צי האָבן דען בלויז די יידן געזינדיקט? האָט מיר דער מלאך געענטפערט: יעדן טאָג קומען אָן אַלץ נייע און נאָך גרעסערע צרות, און נאָר דערפאַר, וואָס יעדן טאָג גייען די יידן אין בית־המדרש און ענטפערן „אמן" אויף די אַרויסגעזאָגטע ברכות, לאָזן מיר די צרות נישט אַרויסקומען פון זייערע באַהעלטענישן.

„נאָכדעם ווי איך האָב געהאַט געזען די אַלע בייזע צרות, וואָס זענען אָנגעגרייט פאַר יידן, בין איך געפאַלן אין חלשות, איז געקומען דער שר הדרניאל, האָט מיך צוריק אויפגעשטעלט אויף די פיס און צו מיר געזאָגט: קום און איך וועל דיך אַריינפירן אין חדר, וווּ עס געפינען זיך די ישועות און נחמות.

„איך בין אַריינגעקומען אין דעם פאַרבאָרגענעם צימער און איך האָב געזען אָן אַ שיעור מלאכים זיצן און וועבן טייערע קליידער און זיי מאַכן קרוינען, אין וועלכע זיי פאַסן איין טייערע שטיינער און פערל און זיי גרייטן צו טייערע בשמים, שפייז און די בעסטע וויינען. האָב איך אַ פרעג געטאָן: לויטערער מלאך, פאַר וועמען איז דאָס אַלץ? האָט מיר דער מלאך געענטפערט: פאַר דעם פאָלק ישראל.

„און איך האָב געזען איין קרוין, וואָס אַזעלכעס האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געזען. אין דער קרוין זענען געווען איינגעפאַסט די זון, די לבנה און די צוועלף מזלות. האָב איך ביים מלאך געפרעגט: פאַר ווע־מען איז די דאָזיקע קרוין אָנגעגרייט? האָט מיר דער מלאך געענטפערט: די דאָזיקע קרוין איז אָנגעגרייט פאַר דוד מלך ישראל. האָב איך צו אים געזאָגט: ווייז מיר ווי מען גיט אָפּ כבוד צו דוד מלך ישראל. האָט מיר דער מלאך געענטפערט: וואַרט־צו דריי שעה, ביז דוד המלך וועט קומען, וועל איך דיר ווייזן.

„ער האָט מיך גענומען און אַוועקגעזעצט אויף זיין שויס און ער האָט מיך געפרעגט: וואָס זעסטו? האָב איך אים געזאָגט: איך זע זיבן בליצן, וואָס לויפן ווי איינער. האָט מיר דער מלאך געזאָגט: מאַך־צו די אויגן, מיין זון, כדי זאָלסט נישט פאַרציטערט ווערן. דאָס גייען די בליצן אַנטקעגן דעם מלך דוד. און באַלד האָט זיך געהערט אַ גערויש און אַ שטורעם. דאָס האָבן די רעדער פון דער מרכבה, און אַלע ברענענדיקע מלאכים, און די הייליקע חיות, און די וואָלקנס אַזוי געַרעשט און געפילדערט, און זיי האָבן געזאָגט: „למנצח מזמור לדוד, פאַר דעם געזאַנגמייסטער, אַ מזמור פון דודן, די הימלען דערציילן דעם כבוד פון גאָט...” און איך האָב דער־הערט אַ רעשיק קול פון גן־עדן אַרויסקומען, וואָס האָט אויסגערופן: „גאָט וועט קיניגן אויף תמיד און אייביק”...

ווען משה פינהייראָ האָט פאַרענדיקט לערנען די דאָזיקע אגדה, זענען אַלע געבליבן זיצן ווי געפּלעפט און פאַר זייערע אויגן האָבן זיי קלאָר

געזען די מלאכים און דוד המלך, און אין זייערע אויערן האָט נאָך אָפּגע־קלונגען דאָס זיסע געזאַנג פון דער מלאכישער שירה.

לאַנג האָבן זיי זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם שטאַרקן איינדרוק, וואָס די דאָזיקע שיינע דערציילונג פון רבי ישמעאל האָט אויף זיי געמאַכט. און פלוצלינג האָט משה פינהייראָ אויסגערופן:

— און דאָס אַלץ האָט אויך געזען אונדזער חבר משיח בן דוד, שבתי צבי, ווען ער האָט אַנומלט געהאַט עלית הנשמה... די אַלע געטלעכע גע־זאַנגען, די אַלע קרוינען און דער גרויסער כבוד, וואָס איז געווען צוגעגרייט פאַר זיין גרויסן זיידן, דוד המלך, איז אויך צוגעגרייט פאַר אים...

עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט, ווען די יונגעלייט האָבן זיך אומ־געקערט אַהיים. אַ פינצטערניש האָט געהערשט איבער דער וועלט און שטיל איז געווען ווי פאַר ששת ימי בראשית. אַ לענגערע צייט זענען זיי געגאַנגען צוזאַמען, נישט אויסרעדנדיק צווישן זיך קיין איינציק וואָרט, אָבער ביס־לעכווייז האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צעשיידן.

דער לעצטער אַליין אַהיימצוגיין איז געווען משה פינהייראָ. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך אומרואיק. דורכן קאָפּ זענען אים אַדורך די אַלע איבערלעבונגען פון היינטיקן טאָג. זיי זענען געווען אַזוי פיל, אַז דער קאָפּ האָט אים אַזש אָנגעהויבן ווייטאָן פון די אָן אַ צאָל מחשבות, וואָס האָבן זיך געשטופּט אין זיין מוח איינע איבער דער אַנדערער.

אָבער איין בילד האָט פאַר אים אַ לייכט געטאָן, אַז אפילו אין דער געדיכטער פינצטערניש האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עס איז אים ליכטיק געוואָרן דער וועג. אַ גליענדיקער שטראָם איז אים דורך איבער די אָדערן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און נישט געקאָנט ווייטער גיין.

ער האָט געזוכט אין חושך ואפלה ערגעץ־ווו זיך אַנידערצוזעצן, ווייל די פיס האָבן זיך אים אָפּגעזאָגט ווייטער צו טראָגן. ער האָט דערזען אין זיין געדאַנק די שיינע רחל, דאָס הערלעכע מיידל, וואָס האָט געזאָלט ווערן באַהאָפטן מיט זיין חבר שבתי צבי און איצט איז זי געבליבן פריי...

אַלע אַנדערע מחשבות זענען אים אויסגערונען פון קאָפּ. ער האָט מער וועגן עפּעס אַנדערש נישט געקאָנט טראַכטן. און וואָס מער ער האָט וועגן דעם מיידל געטראַכט, אַלץ מער צעפלאַמט איז זיין נשמה געוואָרן. ער האָט נישט געקאָנט איינזיצן. דאָ האָט ער זיך אונטערגעהויבן און גע־

פרוווט ווייטער גיין, דאָ האָט ער זיך ווידער אַנידערגעזעצט אויף אַ שטיין, אויף וועלכן ער האָט מיטן פוס זיך אָנגעשלאָגן אין גאַס.

משה פינהייראָ איז געווען צעטראָגן. עס האָבן געקעמפּט אין אים צוויי כוחות, און ביידע — מיט דער זעלבער קראַפט און צודרינגלעכקייט. איין כוח האָט אים אָנגערעדט, אַז ער זאָל ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיך זען מיט דער שיינער רחל און איר זאָגן, וואָס ער פילט צו איר, אַז ער איז גרייט מוסר נפש צו זיין זיך פאַר איר; ער איז גרייט איר צו פאַר־גיטיקן פאַר די שווערע איבערלעבונגען אירע; ער וועט איר זאָגן, אַז ער האָט זי ליב ווי קיין שום מענטש נאָך האָט ליב אַ פרוי...

ווען דעם דאָזיקן כוח האָט משה פינהייראָ ביי זיך אין האַרץ גע־טראַכט, אַז דאָס איז דער יצר־הרע, וואָס רעדט אים אָן צו זינד. דאַקעגן דער יצר־טוב האָט צו אים גערעדט מיט אַ בעטנדיקן טאָן: „גיי נישט אין פייער אַריין, וואָס איז נאָך גליאיקער ווי דאָס פייער פון גיהנום. די דאָזיקע יונגפרוי איז געווען אָנגעגרייט פאַר דיין בעסטן חבר שבתי צבי, וועלכער איז אַ הייליקער מאַן, טאָר זי מער נישט צו דיר געהערן... אויב וועסט דיך נישט צוהערן צו דעם, וואָס איך זאָג דיר, וועסטו קיינמאָל פון גיהנום נישט אַרויס. צו באַזיצן דאָס נאָך נישט אָפּגעגטע ווייב פון דיין חבר איז גלייך ווי דו וואָלסט געטריבן זנות...

אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַגאָסן ביים דאָזיקן געדאַנק. ער האָט אָנגעהויבן ציטערן און טרייסלען זיך פון שרעק. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און ווידער האָט אָנגעהויבן טאַנצן פאַר אים די ליכטיקע נאַקעטקייט פון דעם פרעכטיקן מיידל. דער יצר־הרע האָט אים געלאַכט אין פנים אַריין.

— דאָס איז אַ נאַרישקייט, וואָס דו ציטערסט אַזוי און דו רעדסט זיך איין, אַז דאָס איז זינד — האָט דער שטן געקייכט אים אין אויער אַריין — כל־זמן דיין חבר איז נישט געווען נאָענט מיטן מיידל, איז זי נישט זיין ווייב און איז מותר צו יעדן איינציקן, און דעריבער אויך צו דיר... נעם, וואָס דיר איז באַשערט, ווייל וועסט חרטה האָבן, ווען אַן אַנדערער וועט זי ביי דיר אויסכאַפּן...

דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס האָט זיך משה פינהייראָן געדאַכט צו פאַר־נעמען, האָט אים איינגאַנצן צעבראָכן. עס איז אים הייס געוואָרן אין אַלע גלידער און אין די אויגן האָבן זיך אים געשטופּט טרערן און ווען ער שעמט זיך נישט פאַר דער וועלט, וואָלט ער זיך אָט־דאָ אין דער פינצטערער נאַכט אויפן מאַרק פונאַנדערגעוויינט.

אַ גרויס רחמנות האָט אים אַרומגענומען צו זיך אַליין. ער האָט מיט אַלע זיינע אברים געפילט, אַז די לעצטע רייד, וואָס אַן אומגעזעענער גייסט האָט אים אַריינגעהויכט אין אויער אַריין, זענען גערעכט און דער דאָזיקער אומגעזעענער איז אים אַ גוטער פריינד.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון דעם שטיין, אויף וועלכן ער איז געזעסן און זיך געלאָזט בלאָנדזשען אין דער פינצטערניש. ער האָט אַליין נישט געוווּסט, ווו ער ווענדט זיינע טריט. ער האָט סתם אָן אַ ציל און אָן אַ צוועק געשפּרייזט איבער דער הושכדיקער גאַס. און מיטאַמאָל האָט ער אויפגעשווידערט: ער איז געבליבן שטיין ווי צוגענאָגלט צום פּלאַץ און קיין וואָרט פון דערשטוינונג אַפילו נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון זיין מויל.

ער איז געשטאַנען פאַרן הויז פון דעם רייכן ר׳ אַהרן. אַ פלעמעלע האָט אַרויסגעשיינט פון איין פענצטער און דאָס דאָזיקע רויטלעכע פלעמעלע האָט אים געברענט און געבראָטן דאָס לייב ווי אַ צעגליטער אייזן. דאָס איז דאָך דאָס פענצטער פון דעם צימער, ווו עס שלאָפט די שיינע רחל... נישט איינמאָל איז ער דאָ פאַרבייגעגאַנגען אין די שמעקנדיקע פאַרנאַכטן. ווי דער יצר־הרע וואָלט אים שווין פון לאַנג אָן אָנגערעדט צו זינד, ווייל שטענדיק האָט ער ליב געהאַט איינער אַליין צו שפּאַצירן אויף אָט דער גאַס און פאַרבייגיין דאָס דאָזיקע הויז...

ער האָט זיך קיינמאָל נישט געוואָלט מודה זיין. ער האָט זיך אַליין געוואָלט אָפּנאַרן, אַז ער שפּאַצירט דאָ, ווייל אויף דער דאָזיקער גאַס איז שיין, שמעקנדיקע בלומען פאַרכישופן דאָ יעדן איינעם און די צעגרינטעביימער וואַרפן פון זיך אַזעלכע געהיימנישפולע שאָטנס. דאָ איז אים שטענדיק גוט געווען.

איינאיינציק מאָל האָט ער זי געזען. עס איז געווען אַזאַ כישופדיקער פאַרנאַכט, די זון איז נאָר־וואָס געהאַט פאַרגאַנגען און אירע רויטע שטראַלן האָבן נאָך אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די שפּיצן ביימער, אַ בלענד־געטאָן אין אַ שויב פון אַ פענצטער. ער האָט זיך געהאַט אָוועקגענאַרט פון זיין חבר שבתי צבי, וועלכער האָט באַין אופן נישט געוואָלט גיין איבער דער דאָזיקער גאַס. ער האָט דאָס דעמאָלט נישט געקאָנט פאַרשטיין... די פיס האָבן אים גלייך געפירט צום הויז פון ר׳ אהרן.

דעמאָלט האָט ער זי געזען. זי איז געזעסן אין אַ ווייס קלייד. די קויל־שוואַרצע האָר זענען געווען פונאַנדערגעלאָזן איבער אירע אַקסלען און דאָס פּנימל האָט געשיינט ווי די אויפגייענדיקע לבנה... זי האָט אויף אים, געדענקט ער, אַ בליק־געטאָן מיט אירע גרינלעך ־בלויע אויגן און זיי באַלד צוריקגעכאַפּט.

אַ ציטערניש איז דעמאָלט אַריבער זיינע גלידער. ער האָט שוין אין יענעם פאַרנאַכט געפילט, אַז ער באַגייט דערמיט אַ גרויסע עבירה, וואָס ער קוקט אויף איר. ער איז עובר אויף „לא תחמוד”... ער האָט זיך באַלד אָפּגעקערט פון דעם הויז און איז ווי אַ געיאָגטער אַנטלאָפן פון דער דאָזיקער גאַס.

פון דעמאָלט אָן האָט דאָס בילד פון דעם מיידל אויף שריט און טריט נישט אויפגעהערט אים צו פאַרפאָלגן. פאַר שבתי צבי האָט ער זיך געשעמט וועגן דעם צו דערציילן. ער האָט אים אָבער אָן אַ שיעור מקנא געווען, און נישט איין נאַכט איז ער אויף זיין געלעגער געווען וואַך און געחלומט אויף דער וואָר וועגן דאָזיקן מיידל.

איינמאָל האָט ער אפילו געווײנט אויף זיין געלעגער און בשום אופן נישט געקאָנט איינשלאָפן. ווען די עלטערן זיינע האָבן אים געפרעגט וואָס עס איז דער מער מיט אים, האָט ער נישט געוווסט זיי וואָס צו ענטפערן. ער איז בלויז רויט געוואָרן פון בושה.

און אָט שטייט ער ווידער איצט הינטער איר פענצטער. דאָס ליכטל איז שוין פאַרלאָשן. זי האָט זיך ערשט איצט, ווייזט אויס, געלייגט אין בעט.

אַ שטים האָט אים איינגערוימט אין אויער ער זאָל אָנקלאַפּן צו איר אין פענצטער... די האַנט האָט זיך שוין אַ הויב געטאָן, זי האָט אין דער פינצטער אַ בלענד געטאָן אויף דער שוואַרצקייט פון דער שויב, אָבער ווי אַן אָפּגעבריטער האָט ער די האַנט צוריקגעכאַפּט פון פענצטער און געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטער בלויז פון געדאַנק, וואָס ער איז דאָ געגאַנגען אָפּטאָן.

אַ היץ האָט אים באַשלאָגן און באַלד האָט אַ קעלט דורכגענומען זיינע ביינער.

פּלוצלינג האָבן זיך דערהערט דראָבנע טריט און אין דער שוואַרצער שויב האָט זיך באַוויזן אַ שאָטן.

דאָס איז געווען זי...

משה פינהייראָ איז געווען נאָענט פון חלשות. ער איז אַזוי איבערגעגנר־מען געוואָרן, אַז דאָס גאַנצע בלוט האָט אים אַ שלאָג געגעבן אין קאָפּ אַריין.

אַ ליכטל האָט ווידער אויפגעבלינצלט אין פענצטער, און איידער ער האָט באַוויזן איבערצוטראַכטן, וואָס דאָ איז געשען, האָט ער דערזען דאָס מיידל לעבן זיך.

— איך האָב דיך דערקענט דורכן פענצטער, כאָטש עס איז אַזאַ חשכות אינדרויסן, — האָט רחל מיט אַ פליסטערנדיק קול צו אים געזאָגט, — איך האָב דיך אַ סך מאָל געזען גיין צוזאַמען מיט מיין חתן שבתי צבי און דעריבער האָב איך אין דער באַוועגונג פון דיין געשטאַלט דיך דערקענט. וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט אויף דער גאַס?...

משה פינהייראָ האָט איר נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט זיך געשעמט צו דערציילן דעם גאַנצן אמת, אַז ער איז דאָ אַהערגעקומען צוליב איר... אַז ער קאָן אָן איר נישט לעבן, אַז זי פאַרנעמט אינגאַנצן זיינע מחשבות סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט; סיי ווען ער זיצט און לערנט און ווען ער שפּרייזט אַ פאַרטראַכטער איבער דער שטוב.

— איך קום איצט פון בית־המדרש... — האָט ער אַ ווייל שפּעטער אַרויסגעשטאַמלט.

— אַזוי שפּעט! — האָט זי טרויעריק אַ שעפּטשע געטאָן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז איר אומגליק שטאַמט טאַקע דערפון, וואָס איר חתן פלעגט גאַנצע נעכט אָפּזיצן אין בית־המדרש צוזאַמען מיט זיינע חברים און דאָרט אַריינטראַכטן וועגן זאַכן, וואָס זענען נישט פאַר דעם מענטש־לעכן שכל.

— רחל... — האָט ער נאָך אַ לענגערן שטילשווייגן אַ פליסטער געטאָן.

זי האָט אַ צאַפּל געטאָן. איר נאָמען איז דורך אים אַרויסגעשעפּטשעט געוואָרן מיט אַזויפיל צאַרטקייט, אַז עס האָט זי אַזש גערירט ביים האַרץ. זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזויפיל ליבע אַריינלייגן אין איר נאָמען. שבתי צבי האָט זי קיינמאָל אפילו ביים נאָמען נישט אָנגערופן; ער איז צו איר קיינמאָל אַזוי נאָענט נישט געווען.

זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן צום הימל. די שטערן האָבן גרין געפינקלט אין דעם טונקעלן הימל־געוועב. אַ קיל ווינטל האָט געגלעט איר צעגליט פּנים. משה פינהייראָ איז ווי צעמישט געוואָרן פון איר נאָענט־

קייט, ער האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן אויף די פיס און ווי וועלנדיק זיך אָנ־כאַפּן אָן עפּעס, האָט ער באַרירט רחלס אָרעם. אַ גליאיקער שטראָם פייער איז פונאַנדערגעגאַנגען איבער זיינע גלידער. זי האָט זיך פון אים נישט אָפּגערוקט, נאָר אים אונטערגעשפּאַרט, העלפנדיק אים זיך דערהאַלטן אויף די פיס.

ער האָט דערפילט איר הייסן אָטעם לעבן זיינע ליפּן. ער האָט פאַר־מאַכט די אויגן פון גרויס תענוג, אָבער ער האָט נישט געוואַגט זיך מער צו איר צו דערנענטערן.

— רחל... — האָט ער נאָך אַ לענגערער ווײַלע ווידער אויסגערופן שטיל.

— גיי אַהיים... — האָט רחל פּלוצלינג, ווי זי וואָלט עפּעס אין זיך בייגעקומען, אויסגערופן מיט פעסטקייט אין איר קול.

זי האָט זיך געשטיקט מיט די עטלעכע ווערטער, וואָס זי האָט גיך אַרויסגעזאָגט, כדי זי זאָל נישט קיין חרטה האָבן אויף זיי.

— וועל איך דיך קאָנען קומען זען מאָרגן ביינאַכט?... — האָט משה פינהייראָ געפרעגט.

— צו וואָס?... — האָט זי געפרעגט — איך בין דאָך אַנטשפּויזט צו שבתי צבי און איך וואַרט יעדן טאָג, אַז ער זאָל חרטה האָבן אויף זיין טאַט. איך וועל אים אַלץ מוחל זיין, אויב ער וועט צוריקקומען...

— ער וועט נישט חרטה האָבן... — האָט מיט אַ ציטערדיקער שטים אויסגערופן משה פינהייראָ — שבתי צבי איז אַ געטלעכער מאַן, וועלכע האָט מיט דאָ־וועלטיקע זאַכן גאָרנישט צו טאָן... וואַרט נישט אויף אים, רחל...

דאָס מיידל האָט זיך שטיל צעכליפּעט, צוהאַלטנדיק זיך מיט דער האַנט דאָס מויל, דערשטיקנדיק דאָס געוויין, עס זאָל נישט אַרויסקומען פון איר האַלדז. משה פינהייראָ האָט איר אַ גלעט געטאָן איבערן שוואַרצן קאָפּ האָר און זי האָט אויפגעציטערט.

— זאָל איך מאָרגן קומען דיך זען, רחל?... — האָט ער ווידער זי געפרעגט.

— איך ווייס נישט... — האָט זי ווידער געהעשעט אין איר האַנט אַריין און האָט זיך צוריקגעצויגן צו זיך אין צימער. זי האָט פאַרלאָשן דאָס ליכטל און עס איז אינעווייניק שטיל געוואָרן.

משה פינהייראָ איז נאָך אַ לאַנגע ווײַלע געשטאַנען הינטערן פינצטערן פענצטער. מיטאַמאָל האָט ער אָנגעהויבן צו שפּרײַזן צו זיך אַהיים.

— זי וועט מיך נישט אָפּשטויסן... — האָט ער צו זיך געמורמלט.

אויף מזרח האָט אָנגעהויבן זיך העלן. אַ רויטלעכקייט, געמישט מיט בלוי, האָט זיך אויפגעלייזט ווײַט אויפן האָריזאָנט און איז איבערגעגאַנגען אין אַ פּערל־קאָליר. אַ נײַער טאָג איז אויפגעגאַנגען איבער דער וועלט.

עס איז געווען פרײַטיק.

ווו־נישט־ווו האָט זיך שוין באַוויזן אַ מענטש אין אײַלעניש. עס איז געווען ערב שבת און מ'דאַרף זיך צוגרייטן צום הייליקן טאָג. אויך ער, משה פינהייראָ, האָט זיך געדאַרפט צוגרייטן אויף דעם, גרויסן מאָרגנדיקן טאָג, ווען שבתי צבי דאַרף מקדש זײַן די תורה און אויסרופן זיך דערבײַ אַלס משיח בן־דוד.

ער איז אָבער אַזוי מיד געווען, אַז קוים ער האָט זיך אויף די פיס געהאַלטן. די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט צום שלאָפן. ער איז אויף דער גאַס געגאַנגען ווי אַ שיכורער, געוואַקלט זיך אויף אַלע זײַטן און עטלעכע מאָל שיִער נישט אומגעפאַלן.

די פרײַ־אויפגעשטאַנענע מענטשן, מערסטנטיילס קרעמער, וואָס האָבן זיך געגרייט צום פרײַטיקדיקן טאָג, האָבן זיך שטאַרק געוווּנדערט אויף משה פינהייראָ, וואָס ער איז אַזוי פרי אויף דער גאַס. איינער האָט אים אפילו אָפּגעשטעלט און מיט שפּאַס געפרעגט:

— וואָס ביסטו הײַנט אַזוי פרי אויפגעשטאַנען? גייסט אָקעגן משיחן?

— וואָס שפּאַסטו אַזוי וועגן משיחן? — האָט אים משה פינהייראָ צוריקגעפרעגט — זאָגסט דען נישט יעדן טאָג ביים דאַווענען, אַז דו גלייבסט באמונה שלימה אין דעם קומען פון משיח?...

— מײַן משיח וועט קומען רײַטן אויף אַ ווײַס פערדל און דײַנער גייט צופוס... — האָט דער ייִד, וועלכער איז הפנים געווען גוט אויפגעלייגט, זיך געוויצלט.

משה פינהייראָ האָט אַ פאַרמאַטערטער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַוועקגעגאַנגען, זאָגנדיק צו אים:

— אין אַ פּאָר טעג אַרום וועסטו אַנדערש רעדן... מען וועט פון דיר חוזק מאַכן, וואָס דו ביסט אַזאַ נישט גלויביקער. אַלע סמנים זאָגן, אַז די טעג פון ביאת המשיח זענען געציילטע.

— הלוואי!... — האָט דער ייִד אויפגעהויבן די אויגן צו הימל.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ שיינער און גאָלדיקער. אויף דער גאַס האָבן זיך שוין געהאַט געעפנט די קראָמען, מענטשן זענען געקומען פון דער אומגעגנט איינקויפן שפּייז און סחורה אָדער גאָר פאַרקויפן זייערע סחורות.

פון האַפן זענען אָנגעקומען עטלעכע מאַטראָזן, וועלכע האָבן געזוכט אַ שענק, ווו אַריינצוגיין אויסטרינקען אַ גלעזל בראָנפן אָדער מעד.

משה פינהייראָ איז איצט געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. ווען ער איז אַהיימגעקומען, זענען זיינע עלטערן נאָך געשלאָפן און זיי האָבן אַפילו נישט געהערט, אַז זייער זון איז אַזוי שפּעט געקומען.

עפּעס אַזעלכע מאָדנע חלומות האָט ער געהאַט. אָט שטייט שבתי צבי אויפן באַלעמער און רופט אויס אין גאָטס נאָמען. אַלע זיינע אָנהענגער דערקלערן אים פאַר משיח, און ר׳ יוסף אישקפא, שבתי צביס רבי, בענטשט אים, אַרויפלייגנדיק די הענט אויף זיין קאָפּ.

און אָט איז רחל... זי דערנעענטערט זיך צו אים, נישט צו שבתי צבי... „בלויז דיך האָב איך ליב, משה פינהייראָ...“ — הערט ער, ווי זי שעפּטשעט אים אין אויער אַריין.

ער נעמט זי אָן ביי ביידע הענט. שבתי צבי רופט זיי צו זיך און ער גיט זיי זיין ברכה...

משה פינהייראָ כאַפּט זיך אויף אַ גליקלעכער. ער רייבט זיך די אויגן. אין שטוב איז פול מיט זון און פון אָפענעם פענצטער בלאָזט אַ קילבלעך ווינטל. ער שפּרינגט אַראָפּ פון געלעגער. עס איז שוין צייט צו גיין זיך טובל זיין אין מקווה. באַלד וועט מען דאַרפן גיין צו קבלת־שבת.

אין בית־המדרש צו מנחה טרעפט ער זיך מיט זיינע חברים. אויך שבתי צבי איז דאָ צווישן זיי. אַלע מיט אויפגעהייטערטע פּנימער. שבתי צבי איז אָנגעטאָן אין ווייס זיידנס. דאָס ברוינע בערדל ראָמט אַרום זיין שמאָל פּנים און די גרינע פּאָספאָר־אויגן לייכטן אויסטערליש שיין. עס שיינט אַרויס פון זיי אַ ים מיט גרינעם ליכט און אויפן פּנים ליגט אויס־געגאָסן פרייד און התלהבות.

פיל מענטשן זענען דאָ צום דאַווענען. דער חזן זינגט אַ טייל תפילות און אַלע העלפן אים צו. מער פון אַלע זינגט שבתי צבי אַליין. ער האָט אַן אָנגענעם־זיסע שטימע, אַז די וועלכע הערן אים, ווערן פאַרכישופט.

— גלייך מלאכים וואָלטן פון אים שירה אַרויסגעזונגען... — האָבן מענטשן צווישן זיך געמורמלט מיט באַגייסטערונג.

דעם גאַנצן פרייטאָג־צונאַכטס איז שבתי צבי געווען אויסערגעוויינלעך פריילעך און גוט אויפגעלייגט. דאָס פּנים זיינס האָט געשיינט און די אויגן האָבן געפלאַקערט ווי צוויי גריגע דימענטן. דער פאָטער און די מוטער האָבן זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן פון זייער געראָטן קינד. זינט דעם טאָג פון זייער זונס חתונה איז קיין שמייכל אויף זייערע פּנימער נישט געקומען. די פּאַסירונג אין דער חופּה־נאַכט האָט זיי אינגאַנצן צעבראָכן. זייער האָפענונג, וואָס זיי האָבן געלייגט אויף שבתין, איז צונישט געוואָרן אין דער דאָזיקער נאַכט.

אָבער היינטיקן פרייטאָג־צונאַכטס זענען זיי ווידער גליקלעך. דאָס האָט אַרויסגערופן שבתיס פריילעכקייט. צום שבתדיקן מאָלצייט זענען געווען פאַרבעטן זיינע נאָענטסטע פריינד און חברים, צווישן זיי אויך משה פינהיירא און יצחק סילווייראַ. זיי האָבן געזונגען די זמירות „אזמר בשבחין", וואָס דער גרויסער מקובל, דער אר"י הקדוש, האָט פאַרפאַסט. זיי האָבן זיך אַזוי צעזונגען מיט די ווערטער פון זייער גרויסן רבין, אַז זיי זענען כמעט ווי וואַנזיניק געוואָרן פון פרייד.

צום סוף האָבן זיי זיך אויפגעריסן פון זייערע ערטער, פאַרלייגט הענט אויף אַקסלען און אָנגעהויבן טאַנצן אַרום טיש, אַריינציענדיק אויך ר' מרדכי צבי, דעם גרויסן חברס פאָטער.

עפּעס אַ גרויסער סוד איז געלעגן אין זייער פרייד, ער האָט אַרויס־געקוקט פון זייערע אויגן, ער איז פאַרוועבט געווען אין זייער זינגען, אין זייערע טענץ. ר' מרדכי צבי איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער דאָזיקער פרייד, אנענדיק אפשר, אַז עס גייט געשען אַ גרויסע זאַך, פון וועלכער ער וועט נישט ווילנדיק זיין אַן עדות. זיין ווייב אסתר האָט געשיינט פון גליק. זי האָט מיט איר מוטערלעך האַרץ געפילט, אַז איר זון געפינט זיך אויף דער שוועל פון גאָר אַ וויכטיקער געשעעניש, וואָס וועט אויפרודערן די וועלט.

מיטאַמאָל האָט זיך דערווירבלענדיקער טאַנץ אָפּגעשטעלט און אַלע האָבן זיך אַוועקגעזעצט צום טיש. אַ שווייס האָט זיך אַרויסגעזעצט אויף זייערע שטערנס, די אויגן האָבן געגליט און די פּנימער האָבן געפלאַמט. אַלעמענס בליקן זענען געווען אָנגעשטעלט אויף שבתי צבי, וועלכע איז

אַצינד געזעסן אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. דער שטערן זײַנער האָט זיך געקנייטשט און מ׳האָט געקאָנט זען, אַז ער טראַכט איצט וועגן זייער אַן ערנסטן ענין.

אויך דער פֿאָטער האָט געקוקט מיט ערנסט אויף זיין זון און אָפּגעוואַרט, וואָס דאָ וועט זיין.

שבתי צבי האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אים צוזאַמען האָבן זיך אויך אויפגעשטעלט אַלע אַנוועזנדיקע געסט. מיט גרויס דערוואַרטונג האָבן זיי אים געקוקט אין מויל אַריין. ער האָט געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט, און אַלע האָבן זיך צוריק אַנידערגעזעצט אויף זייערע ערטער.

אַ ווייל איז געווען שטיל אין שטוב. די ליכט אויפן טיש האָבן געפלעמלט און זיך אויך ווי צוגעהערט צו דעם, וואָס דאַרף דאָ געזאָגט ווערן.

— איצט, אין דעם הייליקן טאָג פון שבת, ווען מיר האָבן באַגריסט די שבת־מלכתא, און מיר האָבן געזונגען די הייליקע זמירות פון אר״י הקדוש — האָט שבתי צבי אָנגעהויבן מיט אַ פייערלעכער שטימע און ער האָט מיט זיין גליאיקן בליק אַלעמען אַרומגענומען, — גיב איך אייך איבער דעם גרויסן סוד, מיט וועלכן איך טראָג זיך שוין אַרום אַ לאַנגע צייט און וואָס מ׳האָט ביז איצט נישט געטאָרט מגלה זיין. אַ בת־קול האָט צו מיר גערופן, ווען איך בין איינמאָל ביינאַכט געלעגן אויף מיין געלעגער, אַז איך זאָל אויסלייזן דאָס פאָלק ישראל פון זיין לאַנגן גלות. די צייכנס פון דער גאולה האָבן זיך שוין לאַנג באַוויזן. עס קומט פאַר די מלחמה פון גוג ומגוג, די ליידן און יסורים פון אונדזערע יידישע ברידער האָבן שוין דערגרייכט זייער העכסטן שפּיץ. דאָס געטלעכע קול האָט מיר באַפוילן, פונקט ווי עס האָט אַמאָל באַפוילן דעם פאַסטעך משה ביים באַרג פון חורב, אַז איך זאָל מאַכן אַ סוף צו די יידישע פורעניות. מאָרגן ביים לייענען די תורה וועל איך וועגן דער דאָזיקער שליחות איבערגעבן אַלעמען, און פון מאָרגן, שבת, הייבט זיך אָן צוילן די דאָטע פון דער יידישער גאולה!...

— יחי משיח צדקנו!... — האָט דער עולם אויסגערופן מיט גרויס התלהבות — זאָל לעבן אונדזער גערעכטער משיח.

— משיח בן דוד איז געקומען! — האָט מיט אַ הויך און פייערלעך קול אויסגערופן משה פינהייראַ.

ר׳ מרדכי צבי האָט פון גרויס גערירטקייט זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד און מיט אים אויך זיין ווייב, אסתר. שבתי צבי האָט זיך צו זיי דער־

נענטערט און אָפּגעגעבן גרויס כבוד צו זיינע עלטערן. ער האָט זיי איינ־גענומען און באַרויִקט, געגלעט זיי און געקושט.

עס איז געווען אַ ליל־שימורים. קיינער איז נישט געגאַנגען שלאָפן. שבתי צבי האָט געהאַלטן אַ דרשה וועגן דער הייליקייט פון שבת. ער האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון רבי שמעון בן יוחאי עטלעכע געדאַנקען:

„רבי שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט, אַז אַלע מצוות האָט דער אייבערש־טער געגעבן עפנטלעך פאַר אַלעמען, נאָר די מצווה פון שבת האָט ער גע־געבן פאַרבאָרגענערהייט, ווי עס שטייט געשריבן: ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם — צווישן מיר און די יידן איז עס אַ צייכן אויף אייביק.

„און נאָך האָט ר׳ שמעון יוחאי געזאָגט: דער שבת האָט זיך געקלאָגט פאַרן אייבערשטן: רבונון של עולם, אַלעמען האָסטו צוגעגעבן אַ זיווג און איך האָב נישט צו מיר קיין זיווג... האָט דער אייבערשטער געענטפערט: די כנסת ישראל איז דיין זיווג, איז דעריבער, ווען די יידן זענען געשטאַנעןביים באַרג סיני, האָט צו זיי גאָט געזאָגט: געדענקט וואָס איך האָב צום שבת געזאָגט — די כנסת ישראל איז דיין זיווג, און אַזוי שטייט געשריבן: זכור את יום השבת לקדשו, געדענק דעם שבת, כדי אים צו הייליקן"...

און ווייטער האָט שבתי צבי געצויגן זיינע רייד:

„רבי חייא בר רבא האָט געזאָגט, שבת איז געגעבן געוואָרן בלויז צוליב תענוג; רבי חגי האָט אין נאָמען פון רבי שמואל געזאָגט, אַז דער שבת איז געגעבן געוואָרן, כדי צו לערנען תורה... און איך גיב צו", האָט שבתי מיט פייערלעכקייט אויסגערופן, „אַז שבת איז געגעבן געוואָרן אויף אָנצוזאָגן גוטע בשורות פאַר יידן!..."

אַ גרויסע פרייד איז אויסגעבראָכן צווישן די אָנוועזנדיקע. זיי האָבן אַרומגערינגלט שבתי צבין און אָנגעהויבן טאַנצן אַרום אים, זינגען פריי־לעכע ניגונים. ער האָט איצט אין זיינע ווייסע זיידענע קליידער אויסגעזען ווי אַ געטלעכער מלאך. פאַר די אויגן האָבן אים געשפריצט פייערדיקע פונקען און זיין פּנים איז געווען צעפלאַמט.

מ'האָט גאָרנישט געהאַט באַמערקט, ווי הינטער די פענצטער פון ר׳ מרדכי צביס הויז זענען שוין געווען פאַרזאַמלט הונדערטער מענטשן, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט צו די פריילעכע שבתדיקע געזאַנגען. זיי האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס ביי ר׳ מרדכין אין הויז איז היינטיקן אָונט אַזוי טומלדיק און פריילעך.

— זע נאַר, ווי אַ מלאך זעט ער דאָך אויס!... — האָט איינער אָנגעוויזן דורכן פענצטער אויף שבתי צבי — ער איז אַ הייליקער מאַן...

— און ווי שיין ער איז, גאָרנישט קיין דאָ־וועלטיקע שיינקייט — האָט אַ יונגע פרוי אויסגערופן און האָט זיך פאַרשעמט פאַר איר באַמערקונג.

— און ער וויל נישט חתונה האָבן... — האָט עמעץ אַ וואָרף געטאָן צווישן עולם זיינס אַ וואָרט.

— ווייל ער איז אַ צדיק!... — האָט אים איינער געענטפערט.

— ער טוט דאָס לויט אַ געטלעכן באַפעל... — האָט פון דער פינצטער זיך עמעץ אָנגערופן.

— ווער איז ער דען, אַז גאָט זאָל מיט אים רעדן?... האָט איינער אַ חצוף אַ זאָג געטאָן.

עס האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער פּאַטש און אַ געוואַלט פון עטלעכע קולות מיטאַמאָל. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג צווישן עטלעכע, וועלכע האָבן נישט געהאַלטן פון שבתי צביס הייליקייט און דעם רוב, וועלכע האָבן אים יאָ פאַרהייליקט.

עס זענען אַרויסגעלאָפן פון ר' מרדכי צביס הויז עטלעכע מענטשן און האָבן דאָס געשלעג איינגעשטילט. אויסמוסרנדיק זיי, אַז שבת דאַרף הערשן רו און שלווה, און נאָך דערצו מאַכן זיי דעם טומל פאַר דער טיר פון שבתי צבי, איינעם פון די הייליקסטע מענטשן אין שטאָט.

— אַ גרויסע שטראָף דערוואַרט אייך פאַר דער דאָזיקער אומווירדיקער טאָט, — האָט זיי איינער פון שבתי צביס חברים געדראָט — איר זענט באַגאַנגען אַ גרויסן חטא, פאַרוואַנדלענדיק דעם הייליקן שבת אין וואָכע־דיקייט.

קיינער פון די אינדרויסן שטייענדיקע האָט נישט געוואַגט זיך אַנט־קעגנצושטעלן אָדער ענטפערן מיט עפּעס אַ וואָרט. פאַרשעמטע האָבן זיך אַלע אָפּגעטראָגן שנעל פון הינטערן פענצטער און ס'איז ווידער שטיל געוואָרן.

ביי שבתי צבי אין הויז איז אָבער נישט שטילער געוואָרן. עס האָבן זיך ווייטער דערטראָגן דורך די אָפענע פענצטער קולות, געזאַנגען און טענץ.

מיטאַמאָל האָט עמיץ פון די חברים פון שבתי צבי אויסגערופן מיט דערשטוינונג:

— ווּ איז משה פּינהייראַ?...

דער נאָענטסטער חבר פון דעם יונגן מקובל איז פאַרשווּנדן געוואָרן בעתן פריערדיקן געטומל. מ'האָט אים געזוכט אינדרויסן און אַרום דעם הויז און מ'האָט אים נישט געקאָנט געפונען.

— מן הסתם איז ער אַוועק צו זיך אַהיים לערנען... — האָט שבתי צבי פאַרענטפערט זיין חבר. — ער האָט אַ גרויסע נשמה...

משה פינהייראַ האָט איצט ווי אַ געשפּענסט געשפּריזט איבער די פינצטערע גאַסן פון סמירנע. צו זיין אויער האָבן נאָך דערגרייכט די אָפּ־הילכן פון די געזאַנגען ביי זיין חבר שבתי צבי אין הויז. אַ טיפער אומרו האָט אַרומגענומען זיין נשמה. ער האָט זיך געשעמט פאַר דער דאָזיקער אומווירדיקער טאַט, וואָס ער טראַכט צו טאָן, אָבער די קראַפט פון יצר־הרע איז געווען אומגעהייער שטאַרקער. ווי מיט אייזערנע שטריק איז ער גע־צויגן געוואָרן פון הויז אַרויס און ער איז געגאַנגען, אַן מינדסטן ווילן זיך אַנטקעגנצושטעלן.

דאָס בלוט האָט שטאַרקער אָנגעהויבן צו ריזלען אין זיינע אָדערן און יעדעס מאָל אַ שלאָג געטאָן אים אין קאָפּ, ער איז שיער נישט אומגעפאַלן. דער אָטעם ביי אים איז פאַרהאַקט געוואָרן און אַ ווייל האָט נישט געקאָנט אפילו אָננעמען אַ ביסל לופט. ער איז געווען נאָענט פון חלשות.

ווו־נישט־ווו האָבן זיך נאָך געהערט שטימען אויף דער גאַס, אָבער ער האָט זיך כסדר פון די דאָזיקע שטימען דערווייטערט און אָפּגעווענדט זיינע טריט פון זיי. ער האָט זיך געוואָלט אויסמישן מיט דער פינצטערניש, פאַרשווינדן ווערן אין דער חושכדיקער לופט, אבי פון קיינעם נישט געזען צו ווערן.

וואָס נענטער ער איז געקומען צום ציל, אַלץ שווערער איז אים גע־וואָרן אויפן האַרץ. עס איז אים הייס געוואָרן אין אַלע גלידער און ער האָט שווער געאָטעמט.

— וואָס וואָלט מיין חבר שבתי צבי געזאָגט, ווען ער ווייסט ווּהין איך גיי איצט?... — האָט ער זיך געמאַכט שווערע פאַרוואורפן — גאָט, באַשירעם מיך פון שווערע זינד, האָב רחמנות אויף מיין אָרעמען און שוואַכן גוף, ראַטעווע מיך פון דעם אָפּגרונט, ווּהין אַן אומבאַוווסטע שטאַרקע קראַפט ציט מיך מיט אַלע געהיימע כוחות!...

ער האָט דאָס אַלץ איין אומבאַוווסטזיין געשעפּטשעט מיט זיינע ליפּן, אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט ער געשפּרייזט נענטער און נענטער צום אָרט, וואָס קאָן באַלד פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גיהנום. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז פון ערגעץ־ווו הערט ער אַ קייכנדיק גיפטיק געלעכטער. אַ מורא באַפאַלט אים פּלוצלינג און ער בלייבט שטיין אויף אַן אָרט, אומ־קוקנדיק זיך אין דער פינצטער. ער זעט פאַר זיך און הינטער זיך גאָרנישט. בלויז אין דער הייך צאַפּלען מילי־מיליאָסן גרינע שטערנדלעך אויפן טונקל־בלויען הימל. עס הערשט אַן אָפּשרעקנדיקע שטילקייט אַרום.

אָט דערטראָגן זיך צו זיין אויער די רייד פון זיין גרויסן חבר: „שבת איז געגעבן געוואָרן בלויז צוליב תענוג...” איז דען זינד באַגיין אַ תענוג?... — פרעגט ער זיך אַליין...

„יאָ... אַ גרויסער תענוג”... — ענטפערט אים אַ געהיימנישפולע שטימע. — וואָס כּיכּיקעט דערביי אים אין אויער און מאַכט חוזק פון אים.

דער גאַנצער קערפּער זיינער ווערט אָנגעשטייפט, די אָדערן אָנגע־פילט מיט הייסן בלוט, וואָס בריט אים ווי אַ גיהנומדיק פייער. עס פאַר־מישט זיך אים אין קאָפּ און ער כאַפּט זיך שנעל אָן אין אַ וואַנט פון אַ הויז, אַז ער זאָל נישט אומפאַלן.

עס האָט זיך דערהערט אַ קריי פון אַ האָן.

— עס איז האַלבע נאַכט... — האָט משה פינהייראָ אַ שעפּטשע געטאָן צו זיך אַליין.

און ער האָט אָנגעהויבן צוויילן זיינע טריט.

ענדלעך האָט ער אין דער פינצטער דערקענט דאָס הויז פון דעם רייכסטן ייד אין סמירנע, ר׳ אהרן. ער האָט דערפילט דעם ריח פון די שמעקנדיקע רויזן הינטער דעם פענצטער. אַ קליין ליכטל האָט אַרויסגעבלינצלט פון דאָרט און אין האַרץ האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן.

— זי וואַרט אויף מיר... — האָט ער געטראַכט.

און אַ פרייד האָט זיך אויסגעגאָסן איבער זיין גאַנץ וועזן. די עטלעכע טריט האָט ער שוין נישט געהאַט קיין געדולד צוצושפּרייזן, נאָר ער איז צוגעשפּרונגען מיט אַזאַ פלינקייט, אַז ער איז שיער נישט אויף דער שויב אַרויפגעפאַלן. ער האָט בלויז מיט די שפּיצן פינגער זי באַרירט. ער האָט באַמערקט איבעוויינִיק, ווי רחל האָט אויפגעשוידערט און אַ צאַפּל געטאָן.

זי האָט, זעט אויס, אָפּגעוואָרט דעם דאָזיקן מאָמענט מיטן זעלבן אומגעדולד וואָס ער.

זי איז אויף די שפּיץ נעגל צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי געעפנט. אַ בלאַס־רויטלעכע שיין האָט זיך אַ ציִ אויס געטאָן אויף דער גאַס. זי האָט גאָרנישט געזאָגט, זי איז בלויז אַ ווייל געשטאַנען אויף דער שוועל, ווי דאָס וואָלט געווען אַ צייכן פאַר משה פינהייראָן, ער זאָל זיך דערנענטערן.

מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם האָט ער געמאַכט עטלעכע טריט צו איר און געבליבן שטיין, נישט וואַגנדיק אַרייַנצוגיין אין איר צימער. ווי שטאַרק ער איז נישט דורכן יצר־הרע געצויגן געוואָרן, איז דאָך זיין גרויסע פרומ־קייט און מורא פאַר גאָט געווען שטאַרקער... אַ רגע האָט דאָס בלויז גע־דויערט. ער האָט דערהערט אַ שעפּטש פון דעם מיידל, וואָס ער האָט אפילו נישט פאַרשטאַנען, אָבער דער גרויסער באַגער צו איר האָט אים פאַר־טייטשט איר שטילן פליסטער און ער איז אַריין.

— דיינע עלטערן וועלן נאָך דערהערן... — האָט ער מיט אַ פאַר־שטיקטן פליסטער צו איר מער אויפן וואונק ווי מיט די ליפּן אויסגערופן.

— זיי שלאָפן אין אַ וויטן צימער... — האָט זי צוריקגעפליסטערט — אָבער פאַרוואָס ביסטו געקומען?

— האָסטו דען נישט איינגעשטימט, אַז איך זאָל דיך קומען זען, טייַ־ערע?... — האָט מיט ציטערניש אין זיין קול משה פינהייראָ אויסגערופן.

— עס איז אַ גרויסע זינד... איך האָב מורא... — האָט דאָס מיידל מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו פליסטערן.

— עס איז אַזוי דער ווילן פון דער השגחה... — האָט משה פינהייראָ אַרויסגעקייכט. — זעט אויס, אַז פערציק טעג פאַר דיין געבוירן ווערן איז אויסגערופן געוואָרן, אַז דו ביסט מיין זיווג. אויב נישט, ווי אַזוי וואָלט איך געקומען צו דיר?... אַ געהיימע שטימע האָט מיך געהייסן דאָס טאָן.

רחל האָט זיך שטיל צעוויינט. זי איז געווען אָנגעצונדן מיט אַ ליידנ־שאַפטלעך פייער, אָבער טיף אין זיך האָט זי געפילט, אַז זי באַגייט אַ גרויסע זינד, וואָס זי איז איינע אַליין מיט אַ פרעמדן מאַנסביל. זי איז דאָך נאָך סוף־כל־סוף נישט צעשיידט געוואָרן פון שבתי צבי.

דערמאָנענדיק בלויז אין געדאַנק דעם דאָזיקן נאָמען, האָט זי אויפגע־ציטערט פון גרויסן באַגער צו אים. זי האָט אים געזען ווי לעבעדיק פאַר

אירע אויגן. זיינע גרינע פֿאַספֿאָר־אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין איר און זי דורכגענומען ביז די טיפֿסטע טיפֿענישן.

— ניין, משה פינהייראָ... איך קאָן נישט, עס איז אַ זינד, וואָס גאָט וועט מיר קיינמאָל נישט פֿאַרגעבן. גיי אַהיים און קער זיך מער קיינמאָל נישט צוריק צו מיר... —— האָט זי געבעטן ביי אים, אָבער טיף אין אונ־טערבאַוווסטזיין האָט זי געבעטן, אַז ער זאָל זי נישט פֿאָלגן.

— שניידסטו פֿאַר מיר אָפּ אַלע האָפֿענונגען, רחל?... — האָט דער פֿאַרצווייפֿלטער בחור געמורמלט און אַ טרער האָט אויפֿגעפֿינקלט ביי אים אין אויג.

— ניין, דאָס זאָג איך נישט, משה פינהייראָ... — האָט זי, רויט ווערנ־דיק געזאָגט. — צו האָפֿן איז נישט קיין זינד...

ער האָט זיך אַנידערגעוואָרפֿן פֿאַר איר אויף דער ערד און אָנגעהויבן קושן דעם זוים פֿון איר קלייד:

— דערבאַרעם זיך אויף מיר, רחל, איינציקע האָפֿענונג מיינע... זאָג מיר איין גוט וואָרט און איך וועל דיך בענטשן. פֿילסט דען נישט, ווי מיין האַרץ בלוטיקט און ווייטאָגט צוליב דיר... און דער ווייטאָג, וואָס דו פֿאַרשאַפֿסט מיר, איז דאָך אַן אומזיסטער... ווייל קיינמאָל וועט שבתי צבי זיך נישט פֿאַרבינדן מיט אַ פֿרוי, ער איז ווייט פֿון ערדישן פֿאַרגעניגן...

דאָס מיידל האָט זיך שטיל צעכליפּעט און טרערן זענען געפֿלאָסן איבער אירע באַקן. זי איז איצט איינגאַנצן געווען אונטערטעניק צו משה פינהייראָ, און זיינס אַ באַריר וואָלט זי איצט פֿולשטענדיק באַזיגט.

אָבער אין דער רגע האָט זיך דער בחור אויפֿגעשטעלט. מ׳האָט גע־קאָנט זען אין זיינע אויגן אַ פֿעסטן באַשלוס. אַ פֿלעמל האָט אויפֿגעלויכטן אין זיין בליק, און דאָס פּנים זיינס איז געוואָרן שטרענג, ממש אומדער־באַרעמדיק. ער האָט נישט געקוקט אויף איר, נאָר מיט אַ האַרטער שטימע צו איר אויסגערופֿן:

— מאָרגן וועסטו געוויר ווערן, אַז מיינע רייד צו דיר זענען געווען ערלעך, און אַז איך בין דיך נישט געקומען סתם אָפּנאַרן.

דאָס מיידל האָט אים עפּעס געוואָלט ענטפֿערן, זי האָט אויסגעצויגן אירע הענט אין זיין זייט אַריין, אָבער דאָס האָט ער שוין נישט געזען. ער איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר, און אַוועקגעשפּרייזט אין דער

פינצטער גיך, ווי עס וואָלט אים עמעצער געיאָגט. ער האָט זיך קיין איין מאָל נישט אומגעקוקט.

ווען ער איז שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ שפּאַר שטיק וועג, האָט ער זיך ענדלעך אומגעדרייט און נאָך דערזען דאָס שוואַכן רויטע ליכטל בלינצלען אין פענצטער, און דאָס האַרץ האָט אים ווי געטאָן אויף דעם מיידל.

ער איז אין שטוב נישט אַריינגעגאַנגען. ער האָט געווענדט זיינע טריט צום ים. קיין לעבעדיק נפש איז נישט צו זען. די שטאָט איז געווען פאַרזונקען אין דעם חושך ואפלה, וואָס האָט געהערשט איבער דער וועלט. אַ לאַנגע ווײַלע איז ער געשטאַנען ביים ברעג און זיך צוגעקוקט צו די ווייסע כוואַליעס, וואָס האָבן פון דער פינצטערניש אַרויס געוואַשן דעם באָרטן פון ים און געפינקלט מיט דער שוימיקער ווייסקייט.

ער האָט זיך דערמאָנט אין יענעם פרימאָרגן, ווען ער איז דאָ געווען מיט שבתי צבי אין טאָג פון זיין חתונה. שוין דעמאָלט האָט זיין חבר ווי דורך אַ נעפּלדיקער אַנצוהערעניש אים געגעבן צו פילן וועגן דעם, וואָס עס דאַרף געשען מאָרגן, שבת אינדערפרי. ער איז איצט דורכגענומען געוואָרן מיט דער דערוואַרטונג; ער האָט אינגאַנצן געטרייסלט זיך פון אויפרעגונג.

אין געדאַנק האָט ער זיך אויסגעמוסרט, וואָס ער קאָן נישט דערגרייכן די זעלבע הייך וואָס זיין חבר שבתי צבי. ער איז נאָך פול מיט זינדיקע פאַרלאַנגען און די הנאה פון גוף שטייט נאָך אַלץ ביי אים העכער ווי די הנאה פון גייסט. ער איז גרייט געווען איצט צו קאַטעווען זיין לייב מיט אַ לעדערנעם רימען און אַנצוהויבן פאַסטן תעניתים. ער איז גאָרנישט ראוי צו שטיין אין די ד׳ אמות פון דעם הייליקן מאַן, וואָס דאַרף מאָרגן אויסגערופן ווערן פאַר משיח בן דוד.

— אויך זי, רחל, איז אַ הייליקע נשמה... — האָט ער געמורמלט מיט די ליפּן, איר כוח פון ווידערשטאַנד האָט אים פאַרשעמט און צעבראָכן.

און ער האָט באַשלאָסן אָט איצט, אין דער פינצטערניש, ווען דאָס וואַסער איז אייז־קאַלט, זיך אַריינצוואַרפן אין זיינע כוואַליעס און זיך טובל זיין, אפשר וועלן אַזוי אַרום אָפּגעוואַשן ווערן זיינע זינד.

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער. אַ ציטער איז אַדורך איבער זיין קערפּער און אַ קילקייט האָט אים דורכגענומען. ער איז אַריינגעשפרונגען אין וואַסער און זיך אונטערגעטונקט זיבן מאָל. עפּעס אַ לייכט־

קייט האָט ער דערפילט אויף דער נשמה, גלייך ווי ער וואָלט פון זיך אַראָפּ־געוואָרפן גאַנצע משאות מיט זינד. ער האָט איצט געהאַט אַ באַדערפעניש, אויסצוגיסן זיין האַרץ אין אַ שטראָם פון תפילות. ער האָט זיך דערמאָנט דאָס קאַפּיטל תהלים: „תפילה לעני כי יעטוף — אַ תפילה פאַר דעם געדריקטן ווען ער פאַרגייט זיך און ער גיסט אויס פאַר גאָט זיין קלאָג. גאָט, הער־צו מיין תפילה, און מיין געשריי זאָל קומען פאַר דיר. זאָלסט נישט פאַרבאָרגן דיין פּנים פון מיר, אין טאָג פון מיין נויט בייג דיין אויער צו מיר, אין טאָג וואָס איך רוף, ענטפער מיר גיך. וואָרעם אַזוי ווי רויך פאַרגייען מיינע טעג און מיינע ביינער זענען ווי אַן אויוון צעברענט"...

זיינע ביינער האָבן טאַקע איצט געברענט און געגליט ווי אַן אויוון, ער איז איצט אַזוי לייכט געווען און ער האָט געפילט אַז ווי נאָר ער וועט אַרויסזאָגן דעם שם־המפורש, וועט ער אַוועקפליען אין די הויכע פינצ־טערע רוימען. דאָרט ווו די שטערן גלימערן אין די טונקל־בלויע הימלען.

ער האָט זיך צוריק אָנגעטאָן. די פייכטקייט האָט אים געמאַכט איצט אויפשוידערן דאָס לייב. ער האָט זיך אומגעקוקט און מיטאַמאָל דערזען, ווי נישטיק און קליין ער איז אין פאַרגלייך מיט דעם אוניווערז; אַ פּיצעלע פליגעלע איז ער אויף דער ערד, וואָס איז ער און ווער איז ער, וואָס ער טראַכט וועגן פליען אין די הימלען? קאָן ער זיך דען פאַרגלייכן מיט זיין חבר שבתי צבי, וועלכער רעדט מיט גאָט כאשר ידבר איש אל רעהו, ווי אַ מענטש רעדט צו זיין חבר...

ער איז אַ זינדיקער בן־אדם, וועלכער גלוסט צו אַ פרויענצימער, וועלכער קאָן זיך נישט אויסטאָן פון די ערדישע תענוגים. ער האָט אַ צע־בראָכענער זיך אונטערגעגעבן זיין גורל און מיט פאַמעלעכע טריט אָנ־געהויבן גיין צוריק אין שטאָט אַריין.

די פינצטערניש איז נאָך שטאַרקער געוואָרן, עס איז שוין געווען נאָענט פון ווערן טאָג. פּלוצלינג האָט ער דערהערט טריט. ער האָט אויפ־געצאַפּלט און געבליבן שטיין, זיך איינהאָרכנדיק אין די אָפּקלינגנדיקע טעמפּע טריט אויפן זאַמד ביים ים־ברעג.

וויפל ער האָט נישט באַמיט אָנצושטרענגען זיינע אויגן, האָט ער גאָרנישט געקאָנט זען. ערשט ווען ער האָט זיך כמעט אָנגעשלאָגן פּנים־אל־פּנים מיט דעם אומבאַקאַנטן מענטש, האָט ער פון ריח בלויז דערפילט, אַז דאָס איז שבתי צבי.

— ווער איז עס אַזוי שפּעט אין דער נאַכט?... — האָט שבתי צבי געפרעגט מיט אַ דערשראָקענער שטימע.

— דאָס בין איך, דיין חבר משה פינהייראָ... — האָט אָפּגעקלונגען אין דער פינצטער אַן ענטפער.

— גוט האָסטו געטאָן, מיין חבר, וואָס האָסטו זיך גערייניקט צום מאָרגנדיקן טאָג — האָט שבתי צבי אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף משה פינהייראָס אַקסל — גיי איצט אַהיים, לאָז מיך איבער אַליין...

משה פינהייראָ האָט זיך שנעל דערווייטערט פון דעם אָרט, אָבער ער איז אַהיים נישט געגאַנגען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נישט ווייט פון ברעג און זיך צוגעקוקט וואָס דאָ וועט ווייטער פּאַרקומען. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך נייגעריק, וואָס זיין רבי טוט דאָ אַזוי שפּעט ביינאַכט, ווען דער טאָג וועט באַלד אַ שפּראָץ טאָן איבער דער וועלט.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט אַ שפּריץ פון וואַסער. אַ לאַנגע ווייל איז געווען טויט־שטיל, דערנאָך נאָך אַ שפּריץ און נאָך אַ שפּריץ. ער האָט אָפּגעציילט זיבן מאָל... שפּעטער האָט ער דערהערט קלעפּ ווי מיט אַ רימען איבער אַ נאַקעט לייב און מענטשלעכע קרעכצן.

— דאָס פּייניקט ער זיין לייב צו דעם גרויסן טאָג... האָט משה פינ־ הייראָ אַ מורמל געטאָן מיט די ליפּן און ער האָט רחמנות געקראָגן אויף זיין גרויסן רבין.

אָבער מיטאַמאָל איז ער געבליבן שטיין אַ פאַרצאַפּלטער. עס האָט זיך אים ממש אויסגעדאַכט צו זען מיט זיין אויג אַ פייערדיקן זייל פייער, וואָס האָט געגרייכט פון דער ערד ביזן הימל. עס איז געווען אַ לויטער ווייס פייער, אַזוי ווי פון אַ בליץ.

צי איז דאָס געווען אין דער ווירקלעכקייט... — דאָס האָט משה פינהייראָ זיך נישט געקאָנט איצט און אויך שפּעטער אָפּגעבן אַ דין־ וחשבון. זיין אויג האָט עס בפירוש איצט געזען און ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן.

— אַזוי האָט געמוזט אויסזען דאָס פייער אין דעם סנה, ווען גאָט האָט זיך באַוויזן צו משהן אין חורב... — האָט ער געטראַכט.

אַ פּחד איז אים באַפאַלן צוליב דער דאָזיקער זעאונג. ער האָט שוין חרטה געהאַט, פאַרוואָס ער האָט נישט אויסגעפאָלגט דעם באַפעל פון זיין רבין. ווער ווייסט צי ער וועט בלייבן לעבן, נאָכדעם ווי ער האָט גע־

זען אַ געטלעך פייער, וואָס קומט זיכער פון אונטערן כסא הכבוד. ער האָט זיך געוואָרפן אויף דער ערד מיטן פנים אַראָפּ און אָנגעהויבן מתפלל זיין מיט רייד, וואָס זענען אים געקומען אויפן געדאַנק. דאָס איז געווען אַן אויסגוס פון התנצלות פאַר גאָט דעם באַשעפער פון דער וועלט, ער זאָל אים מוחל זיין און לאָזן לעבן...

ווען ער האָט געעפנט די אויגן, איז געווען פינצטער אַרום פונקט ווי פריער, קיין זכר נישט פון דעם זייל פייער. ער האָט דערהערט שוואַכע טריט ווי פון אַ מענטש, וואָס איז חרוב־קראַנק... ער האָט זיך אָפּגערוקט אַן אַ זייט. ער האָט נישט געוואָלט, אַז שבתי צבי זאָל אים ווידער באַ־געגענען. ער האָט בלויז געהערט לעבן זיך שוואַכע טריט און אַ שטיל קרעכצן ווי פון פיין און יסורים.

מיט איינמאָל האָט אַ שפּראָץ אַרויס געטאָן די זון און באַגאָסן מיט אַ פּורפּור־ליכט די וועלט. אַלץ איז איינגעהילט געוואָרן אין גינגאָלדענער פאַרב. דער ים האָט געפלאַקערט, די שפּיצן ביימער האָבן זיך אָנגעצונדן ווי שטורקאַצן און די דעכער פון די הייזער זענען אָפּגעטונקען געווען מיט גאָלד און פייער. אַ גליקזעליקייט האָט אַראָפּגענידערט איבער דער וועלט און אַ רואיקייט האָט אַלץ אַרומגענומען. בלומען האָבן זיך געעפנט און אָנ־געטרונקען זיך מיט טוי. די בלעטער פון די פּרוכטן־ביימער זענען גע־וואָרן מער גרין, און אויך אין דעם יונגנמאַן, וועלכער האָט איצט אַהיימ־געשפּרייזט פון אַ גאַנצער נאַכט אַרומוואַנדלען ווי אַ געשפּענסט, האָט אויפגעלעבט אַ נייע נשמה.

ער האָט מיט געוואַלדיקער פרייד אויסגערופן, אויפהייבנדיק די הענט צום הימל: „הודו לה׳ כי־טוב כי לעולם חסדו״... — גיט אַ דאַנק צו גאָט, וואָרים ער איז גוט, וואָרים אייביק איז זיין חסד...

ווי אויף פליגל איז ער געטראָגן געוואָרן צוריק אין שטאָט אַריין. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַלץ פרייט זיך מיט אים, אַלע באַגריסן אים. אָט איז אַ פייגעלע איבער זיין קאָפּ אַרומגעלאָפן און אַ טריל געטאָן מיט אַ ליבע־געזאַנג.

— איך דאַנק דיר, גאָט, וואָס האָסט מיך מזכה געווען צו זען אַן אָפּ־שטראַל פון דיין כבוד און לייטזעליקייט!... — האָט משה פינהייראָ פאַר־פאַסט אַ תפילה.

און ער איז אַ פֿריילעכער גלייך אַוועק אין בית המדרש, ווו אַ גרויסע עדה יידן זענען שוין געווען פֿאַרזאַמלט. מיט טליתים איבער זייערע קעפּ אַרומגעהילט — האָבן זיי אָפּגעגעבן צו גאָט אַ לויב.

ווו־נישט־ווו האָט עמעץ מיט גרויס כוונה געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים און אָפּגעגעבן אַ שבח דעם אויבערשטן פֿאַר אָפּהיטן אים איבערנאַכט און אים צוריקגעבן זיין נשמה, וואָס ער האָט אים געהאַט אָנפֿאַרטרויט.

משה פּינהיירא איז געווען גליקלעך און האָט געגליט פֿון גרויס דערוואַרטונג.

ענדלעך איז געקומען די אויסגעחלומטע שעה. ווען אַלע זענען געשטאַנען מיט אַריבערגעצויגענע טליתים איבער די קעפּ און פֿאַרטיפֿט געווען אין זייערע תפילות, האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ געמורמל און אַ גערויש, ווי עטלעכע וואַסערמילן וואָלטן געלאָזט זייערע רעדער אין גאַנג.

איינער נאָכן אַנדערן האָבן די מתפּללים אָפּגעדעקט זייערע טליתים אין גרויס פֿאַרווונדערונג, צו זען וואָס עס איז געשען. און דאָ האָבן זיי דערזען שבתי צבין, אַרומגערינגלט מיט זייערע אָנהענגער, אַריינגיין אין בית המדרש. ער איז נאָר־וואָס געהאַט צוריקגעקומען פֿון ים, ווו ער האָט זיך טובל געווען. די האָר זענען אים נאָך פֿייכט געווען און קלאָרע טראָפּנס וואַסער זענען אים אַראָפּגערונען אויפֿן פּנים. ער איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסן, אויך דער הוט אויפֿן קאָפּ איז געווען פֿון ווייסן זייד געמאַכט. ער האָט זיך באַלד איינגעהילט אין אַ טלית און מיט כוונה געזאָגט די ברכה „להתעטף בציצית”.

עס האָט זיך געפֿילט אין דער לופֿט, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכס גרייט זיך, ווייל אַ סך פֿון זיינע אָנהענגער זענען דאָס מאָל מיטגעקומען. אַלע האָבן אים אַרומגערינגלט מיט גרויס יראת הכבוד און זיך מיט ערנסט צוגעהערט צו יעדן שעפּטש זיינעם.

אויבנאָן, אין מזרח, איז געזעסן זיין רבי, ר׳ יוסף אישקפּא מיט נאָך אַנדערע רבנים און אָנגעזעענע באַלעבאַטים פֿון שטאָט. עס איז אויך געזעסן דער רייכער סמירנער סוחר ר׳ אהרן, שבתי צבים שווער. הינטער אַ פֿאָרהאַנג אָפּגעזונדערט זענען געווען די ווייבער, צווישן זיי אויך די שיינע רחל מיט איר מוטער. ווען שבתי צבי איז אַריינגעקומען אין בית המדרש, האָט זי אויפֿגעצאַפּלט און איינגעגעסן זיך מיט איר בליק אין איר חתן.

טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן און זי האָט פאַרביסן די ליפּן, איינהאַלטנדיק זיך פון אַרויספּלאַצן אין אַ געוויין.

מיטאַמאָל האָט עמעץ אַ קלאַפּ געטאָן אין באַלעמער און עס איז געוואָרן שטיל ווי אין אַן אויער. אַלע האָבן אַנגעשטעלט זייערע בליקן צום פּלאַץ, וווהין שבתי צבי האָט מיט עטלעכע טריט זיך דערנענטערט, דעם טלית האָט ער געהאַט פאַרוואָרפן טיף איבערן קאָפּ און הינטער אים זענען געגאַנגען זיינע נאָענטסטע חברים מיט משה פּינהייראָ און יצחק סילוויירא אין דער שפּיץ.

אויך ר׳ יוסף אישקפּא האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעשטרענגט די אויגן אין פאַרווונדערונג. די לאַנגע ווייסע ברעמען האָבן זיך פאַרשאַרצט און זיין בליק האָט זיך איינגעשטאָכן אין זיין יונגן תלמיד.

שבתי צבי איז געבליבן שטיין אויפן באַלעמער. אַ ווײַלע האָט ער מיט זיין פייערדיקן בליק אַרומגענומען אַלע מתפּללים, ווי ער וואָלט געזוכט דאָס פּאַסיקע וואָרט זיי צו זאָגן.

ענדלעך האָט ער אַרויסגערעדט דאָס ערשטע וואָרט:

— עפנט אויף דעם ארון־קודש און נעמט אַרויס אַ ספר־תורה, באַפּוצט זי מיט די זילבערנע און גאָלדענע חפצים, מיט דעם אויסגעהאַפּטענעם מענטעלע און ברענגט אַרויף די תורה צו מיר, וואָס איך וועל מקדש זיין, ווי אַ מאַן איז מקדש אַ פרויענצימער...

אַ געזשום ווי פון הונדערטער בינשטאָקן איז אַנטשטאַנען. אַ געמורמל פון אומצופרידנקייט און פּראָטעסט איז געקומען פון איין טייל מתפּללים און אויסרופן פון איינשטימיקייט און צוטרוי זענען געקומען פון אַ גרעסערן טייל, דער עיקר פון דער יוגנט — זיינע אָנהענגער.

ר׳ יוסף אישקפּא איז אויפגעשפּרונגען אויף זיינע פיס, אָבער גאָרנישט געזאָגט. ער האָט געוואַרט וואָס דאָ וועט ווייטער געשען.

משה פּינהייראָ און יצחק סילוויירא האָבן זיך דערנעענטערט צום ארון־קודש, אַרויפגעשטיגן אויף די עטלעכע טרעפּלעך, פונאַנדערגעצויגן דאָס בלויע מיט זילבער אויסגעהאַפּטענע פּרוכת און געעפנט די טירלעך. עס האָט אַ ווייע געטאָן מיט הייליקייט אין בית המדרש, אַזוי, אַז אפילו די קעגנער האָבן שטילגעשוויגן און האָבן אָפּגעוואַרט צו זען דעם סוף פון דער דאָזיקער געשעעניש.

אַרויסנעמענדיק פון ארון קודש די גרעסטע ספר־תורה, האָבן די צוויי חברים פון שבתי צבי, מיט פייערלעכע פּנימער און גליאיקע אויגן, אָנגעהויבן שפּרייזן צום באַלעמער. זיי זענען אַרויפגעשטיגן אויף די טרעפּלעך, גע־בליבן שטיין פּאָר זייער רבין מיט ערפורכט און געוואַרט אויף זיין וואָרט.

שבתי צבי האָט מיט אַ באַוועג פון זיין האַנט צונויפגערופן אַלע זיינע אָנהענגער און פּאַרערער. אַלע זענען זיי אַרויפגעקומען פון ביידע זייטן פון באַלעמער און האָבן אים אַרומגערינגלט.

שבתי צבי האָט איבערגענומען די ספר תורה פון די הענט פון משה פּינהייראָ, געהאַלטן זי אַ ווײַלע אין שטומען שטילשוויַיגן, ווי ער וואָלט עפּעס מכוון געווען. ער האָט צוגעשלאָסן זיינע אויגן און זיך געשאָקלט מיט גרויס פרומקייט, דערנאָך האָט ער מיט אַ ציטערדיק קול אויסגערופן:
„את מקודשת לי כדת משה וישראל"...

— מזל טוב! מזל טוב! — האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען פון זיינע אָנהענגער און זיי זענען אַלע אַראָפּ פון באַלעמער, מיטרייסנדיק מיט זיך שבתי צבי מיט דער ספר־תורה אין דער האַנט. זיי האָבן אַרום אים אָנגעהויבן טאַנצן מיט אַזאַ ווילדער התלהבות, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, אַז זיי זענען אַראָפּ פון זינען.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַן אויסטערליש געשריי פון דער ווייבערישער אָפּטיילונג און אַ הויך־קלינגענדיק געוויין האָט איבער־געשטיגן די קולות פון די טאַנצנדיקע. אַ רגע זענען אַלע שטיל געבליבן. דאָס געוויין האָט אַלעמען דורכגענומען. קיינער האָט אין ערשטן מאָמענט נישט געוווּסט, וואָס דאָ איז געשען און ווער עס וויינט.

— די כלה... די כלה... — איז געוואָרן אַ געמורמל אין בית המדרש און עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ רעש און אַ געטומל. אַלע זענען געלאָפן אַהין זען וואָס עס איז געשען אין דער ווייבערשער אָפּטיילונג פון בית המדרש.

— די כלה, די שיינע רחל, האָט געחלשט!... — האָט מען זיך איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן.

— זי האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם גרויסן ווייטאָג און די חרפּה, ווען איר חתן האָט אַרויסגעזאָגט די זעלבע ווערטער, וואָס ער האָט איר אַנומלט געזאָגט... און האָט זי איבערגעלאָזט אַ פּאַרשעמטע און אַן עגונה...

עטלעכע מענטשן, מיט ר׳ אהרן, איר פאָטער, אין דער שפּיץ, האָבן די כלה געגומען אונטער די אָרעמס און אַהיימגעפירט.

שבתי צבי איז געבליבן שטיין אַ פאַרשטיינערטער. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז שיער נישט אומגעפאַלן. אָבער זיינע חברים האָבן אים אונטערגעכאַפּט און צוגעהאַלטן.

ער איז צוריק אַרויף אויפן באַלעמער מיטן ספר אין די הענט און מיט אַ ציטערנדיקער שטים האָט ער אָנגעהויבן רעדן ביי אַ געוואַלדיקער שטיל־קייט אין בית המדרש:

— רבותי, מיינע טייערע ברידער יידן!...

אַ שטראָם מיט טרערן זענען אים געקומען אין האַלדז אַריין און ער האָט ווייטער נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט.

— שאַ, שאַ!... איז געוואָרן אַ גערופעריי, ווייל עס איז אַנטשטאַנען אַ גרויסער טומל און איינער האָט דעם אַנדערן געוואַלט איבערשרייען.

ענדלעך איז שבתי צבי צו זיך געקומען און ער האָט איבערגעחזרט:

— רבותי, מיינע טייערע ברידער יידן! גאָט האָט זיך צו מיר באַוויזן אין אַ זייל פון פייער און האָט מיר איבערגעגעבן די שליחות צו גיין אויס־לייזן דאָס יידישע פאָלק פון גלות. ער האָט מיך עטלעכע מאָל גערופן און איך האָב זיך נישט געקאָנט גלויבן, אַז איך, שבתי צבי, דער זון פון מרדכי און אסתר, אַ ילוד־אשה, זאָל האָבן זוכה געווען צו אַזאַ אויסערגעוויינלעכער שליחות, וואָס נאָר אַן איינציקער ילוד־אשה האָט זוכה געווען, און דאָס איז געווען אונדזער גרויסער רבי, משה בן עמרם... אָבער דאָס קול פון גאָט האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט און געפאָדערט פון מיר, אַז איך זאָל דאָס טאָן. איך האָב דעריבער געפאַסט פיל תעניתים, געפייניקט מיין לייב, שלאָגנדיק זיך מיט לעדערנע רימענס דעם גוף, כ׳בין געגאַנגען פיל מאָל אין טאָג טבילה און איך האָב, לויט אַ געטלעכן באַפעל, זיך אָפּגעשיידט פון דער פרוי, וועלכע איך האָב מקדש געווען, און איצט קום איך צו אייך בדחילו ורחימו און גיב אייך איבער די רייד פון אונדזער באַשעפער...

און דאָ האָט ער צו דער דערשטוינונג פון אַלעמען אויסגערופן דעם שם המפורש. וואָס דאָס איז דערלויבט געווען בלויז דעם כהן גדול אין יום־כיפור, ווען דאָס בית המקדש האָט עקזיסטירט. ער האָט געזאָגט, אַז גאָט, — און דאָ האָט ער אויסגערופן די פיר אותיות, וואָס זענען פאַר־

באַטן פּאָר יעדן איינעם זיי צו דערמאָנען — האָט אים דאָס דערלויבט און דערביי האָט ער הויך אויפן קול אויסגערופן:

— איך בין משיח בן דוד, דער געזאַלבטער פון גאָט, וועלכער האָט זיך צו מיר באַוויזן נעכטן, בעת איך האָב גענומען טבילה. ער האָט מיך געהייסן גיין צו אייך, צום עם קדוש, און איבערגעבן זיינע רייד...

אַן אומבאַשרייבלעכער טומל האָט זיך אויפגעהויבן בעת ער האָט אַרויסגערעדט דעם שם המפורש. די אָנהענגער זיינע האָבן ביז הייזעריק ווערן געשריגן:

— יחי משיח צדקנו! משיח בן דוד איז געקומען! צוריק וועט אויפגעבויט ווערן די הייליקע שטאָט ירושלים, און עס וועט אויפגעשטעלט ווערן דאָס בית המקדש! לויבט און גיט אָפּ כבוד דעם געזאַלבטן פון גאָט, אונדזער מלך המשיח!...

ר׳ יוסף אישקפּא האָט זיך אויפגעריסן פון זיין פּלאַץ. ער האָט געציטערט אינגאַנצן פון אויפרעגונג און צאָרן. יעדעס הערעלע פון זיין ווייסער באָרד האָט זיך געטרייסלט, דאָס פּנים איז אים רויט געוואָרן, גלייך דאָס גאַנצע בלוט פון זיין קערפּער וואָלט דאָרט אָנגעפּלאָסן. ער האָט געוואָלט שרייען, אָבער נישט געקאָנט. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם טלית. דאָס קאַפּל פון קאָפּ איז אים אַראָפּגעפאַלן, און עמעץ האָט עס אים נאָכגעטראָגן פון הינטן און צוריק אָנגעטאָן.

ער איז צוגעקומען נאָענט צו זיין תלמיד שבתי צבי און אָנשטרענגענדיק זיך מיט אַלע כוחות, האָט ער אים אין פּנים אַריינגעשריגן:

— אפּיקורס!... אַרויס פון בית המדרש! שוין זאָלסטו פאַרלאָזן דעם הייליקן מקום! דו פאַלשער משיח... איך וועל דיך לייגן אין חרם אַריין פאַר אַרויסזאָגן דעם שם המפורש, ווער האָט דיר דערצו אָנגערעדט, דו רשע מרושע!?...

און ער האָט זיך יאָמערלעך צעוויינט.

קאפיטל פיר

שבתי צבי אנטלויפט פון סמירנע

א בלאַסער איז שבתי צבי געשטאַנען פאַר זיין רבין, מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ האָט ער אויפגענומען די האַרבע רייד, וואָס זענען געפאַלן אויף אים. דאָס געוויין פון זיין רבין האָט אים גערירט ביז די טיפסטע טי־פענישן פון זיין נשמה.

דער עולם אַרום האָט צוליב גרויס דרך ארץ פאַר זייער גרויסן רבין געשוויגן מיט אַ טויט שטילשווייגן. עטלעכע זענען צוגעגאַנגען צום אַל־טיטשקן ר׳ יוסף אישקפא און אים געטרייסט, געפּרוווט באַרואיקן און גלייך געמאַכט אויף אים דעם טלית, וואָס האָט זיך געהאַט אַראָפּגעגליטשט פון זיינע אַקסל.

ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין אַ קריגערישער פּאָזע און זיינע טרערנפולע אויגן האָבן געשאָסן מיט פייער אויף דעם ווידערשפּעניקן בעסטן תלמיד זיינעם. ענדלעך האָט ער זיך מיט דער הילף פון זיינע פריינד אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק און אַ שווער קרעכצן האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט.

— מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינדיקט, אַז איך זאָל האָבן אַרויסגע־געבן אַזאַ תלמיד?... — האָט ער שטיל געמורמלט.

פּלוצלינג האָט ער זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, געריסן פון אים די מילך־ווייסע האָר און אָנגעהויבן ווייטער שרייען מיט אַ יאָ־מערלעכער שטימע:

— טו תשובה, כל זמן עס איז נאָך נישט צו שפּעט! צי צוריק דיינע אומווירדיקע רייד און זיי זיך מודה, אַז דאָס האָט דיך דער שטן, ימח שמו, אָנגערעדט דערצו. ווער האָט דיר דאָס איינגערעדט, אַז גאָט האָט זיך צו דיר באַוויזן? דאָס זענען בלויז ביינזע חלומות. אויך איך בין אַריינגעטאָן אין קבלה, אויך איך פאַרער דעם אר״י הקדוש און איך האַלט, אַז ר׳ חיים וויטאַל איז געווען אַ גרויסער צדיק, אָבער פונדעסטוועגן האָט זיך גאָט צו מיר קיינמאָל נישט באַוויזן. איך האָב בלויז גאָט אין האַרצן, און דאָס איז פאַר אַ ייד גאַנץ גענוג... צו דיר האָט זיך „גאָט יאָ באַוויזן", אָבער דו האָסט נישט גאָט אין האַרץ!...

דער אַלטער רבי איז בלאַס געווען. עמעץ האָט אים צוגעטראָגן צו די ליפּן אַ ביסל שטאַרקן בראַנפן, וואָס ער האָט טועם געווען, און אַ רויט־לעכער פלעק האָט זיך באַוויזן אויף זיינע באַקן.

ענדלעך האָט שבתי צבי געעפנט זיין מויל און געזאָגט:

— גרויסער רבי מיינער!... אומזיסט האָסטו איצט אויסגעגאָסן אויף מיר דיינע שטראָף־רייד און אַרויסגעוואָרפן אויף מיר די קללות פון דער תוכחה. נישט דער שטן האָט מיך אָנגערעדט דערצו, ווייל דער שטן קאָן צו מיר קיין צוטריט נישט האָבן. איך גיי טבילה יעדן טאָג זינט איך בין אַלט געוואָרן פופצן יאָר, איך פּייניק מיין לייב און פאַסט תעניתים צוויי מאָל אין דער וואָך. טאָ ווי קאָן דער שטן האָבן צו מיר אַ צוטריט?... עס זענען אמת מיינע רייד, אַז איך האָב געהערט אַ בת־קול פון אַ פלאַם־פייער אַרויס. איך אַליין ווייס נישט פאַרוואָס גאָט האָט אויסגעקליבן גראָד מיך פאַר דער דאָזיקער שליחות. צי האָט משה בן עמרם זיך נישט געוווּנדערט אויף דעם, וואָס גאָט האָט זיך צו אים באַוויזן אין דאָרן אין מדבר חורב?...

— שווייג!... — האָט ר׳ יוסף אישקפּא, זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ שטעל־אויף. — ווי האָסטו די חוצפּה זיך צו פאַרגלייכן צו משה רבנו!? דו ביסט אַ בעל־העזה. דיין חוצפּה שטייגט איבער דיינע קענטעונישן. האָסט זיך איינ־גערעדט אָדער עמעץ פון דיינע חברים האָט דיר איינגערעדט, אַז דו רעדסט מיט גאָט. עס איז בלויז אַ פאַרבלענדעניש. קיין שום בן־אדם קאָן מיט גאָט נישט רעדן און אים נישט זען. אפילו משה רבנו האָט נישט געקאָנט זען גאָט; ער האָט אים געזען פון הינטן, בלויז דעם קנופּ פון זיין של־ראש. לייג זיך שוין דאָ אַנידער אויף דעם דיל און מען וועט דיר געבן 39 מלקות, וואָס דו האָסט פאַרדינט. אויב נישט, וועט מען דיך אַריינלייגן אין חרם און וועסט קיינמאָל נישט קאָנען קומען אין קהל ישראל, וועסט פאַרשניטן ווערן פון ד ע ר וועלט און פון י ע נ ע ר וועלט!

— עס קומט מיר נישט קיין מלקות, — האָט שבתי צבי צוריקגעוווּנען זיין דרייסטקייט און ער האָט אויפגעהויבן זיין שטים. — איך בין משיח בן דוד, און די וואָס גלויבן נישט דעריין, זענען פאַרלייקענער פון גאָטס וואָרט...

דאָ האָט דער עולם זיך שוין נישט געקאָנט מער איינהאַלטן. ער האָט מיט די דאָזיקע רייד פּשוט באַליידיקט דעם אַלטן רבין זייבעם און אים אָנגערופן פאַרשטעלטערהייט, אַז ע ר איז גאָר דער אפּיקורס... דאָס איז שוין געווען צופיל. עס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. עס האָבן זיך אַפילו

געפונען עטלעכע, וואָס האָבן געפּרוּווט אויפהייבן אַ האַנט קעגן שבתי צבי. אָבער דאָ האָבן זיך אַריינגעמישט זיינע אָנהענגער, וועלכע זענען געווען אין אַ פּיל גרעסערער צאָל און עס איז אַנטשטאַנען אַ געשלעג. מען האָט דערזען די ערשטע טראָפּנס בלוט אויף אַ טלית.

— גאָט, — דערבאַרעם זיך אויף אונדז!... — האָט ר׳ יוסף אישקפּא אויסגערופן. — בלוט אין אַ מקום קדוש!...

דאָס געשלעג האָט זיך איצט פֿאַרוואַנדלט ממש אין אַ שחיטה. עטלעכע מענטשן זענען שוין געלעגן אויפן דיל אויסגעשמירט אין בלוט און האָבן געקרעכצט. פון דרויסן זענען אָנגעקומען נאָך מענטשן און דאָס געשלעג איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער בלוטיקער מהומה.

— שבת היום! — האָט ר׳ יוסף אישקפּא ווי נישט מיט זיין קול אַ גע־שריי געטאָן און באַלד איז ער שטיל געוואָרן, ווייל מער האָט ער קיין קלאַנג נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון זיין האַלדז. ער האָט פֿאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַהינטער און די אויגן זענען אים פֿאַרגלייזט געוואָרן.

דער רבי האָט געחלשט.

— וואַסער, יידן! וואַסער! דער רבי איז פֿאַרביי... — האָט זיך דער־הערט אַ פֿאַרצווייפלטע שטימע.

שבתי צבי אַליין איז צוגעלאָפן און אָנגעהויבן העלפן ראַטעווען דעם אַלטן ר׳ יוסף אישקפּא.

ווען דער אַלטיטשקער רבי האָט געעפנט זיינע אויגן און דערזען שבתי צבי לעבן זיך, האָט ער מיט אַ שוואַך קול אויסגערופן:

— נעמט־צו פון דאַנען דעם אפיקורס. איך וויל נישט, אַז זיין טמא האַנט זאָל מיך באַרירן...

— אַוועק! אַוועק! — האָבן זיך תיכף דערהערט קולות און עס איז געווען אַ מורא, אַז דאָס געשלעג, וואָס האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט צוליב דעם רבינס חלשות, זאָל זיך נישט ווידער באַנייען.

אָבער דאָ האָט שבתי צבי הויך אויסגערופן צו זיינע אָנהענגער:

— מי לה׳ אלי!... — ער האָט אָנגעהויבן שפּרייזן צו דער טיר, און נאָך אים — אַלע זיינע אָנהענגער.

אין בית־המדרש איז געוואָרן שטיל, ווי אויף אַ בית־הקברות... מען האָט אָנגעהויבן אויפקלויבן די פֿאַרוווּנדעטע און אונטער די אָרעמס האָט מען זיי אָפּגעפירט אַהיים. טייל לייכטערע פֿאַרוווּנדעטע האָבן זיך אַליין

אויפגעשטעלט און אין זייערע פאַרבלוטיקטע טליתים געלאָזט זיך אַרויס איבער דער גאַס.

די שטאָט האָט געקאָכט צוליב דער דאָזיקער געשעעניש. עס האָבן זיך באַלד געשאַפן צוויי צדדים. גאָר אַ גרויסער טייל האָט געהאַלטן מיט דעם יונגן מקובל שבתי צבי, אין וועמען זיי האָבן געזען זייער דערלייזער. צווישן די אָנהענגער, וועלכע האָבן אָפן און בקול רם געפּרעדיקט, אַז שבתי צבי איז משיח בן דוד, זענען אויך געווען די צוויי פּוילישע יידן, ר׳ וואָלף און ר׳ מעכעל און דער גריכישער דאָקטאָר גרעגאָרי, וועמען ר׳ יוסף אישקפּא האָט מיט אַ שטיקל צייט צוריק מגייר געווען און ער האָט באַקומען דעם נאָמען ר׳ אברהם אבולעפיא, נאָך זיין גרויסן עלטער־עלטערזיידן, דעם מקובל פון סאַראַגאָסאַ...

— איך האָב אַליין געליינט אין אַ ספרל — האָט ר׳ וואָלף געשריגן אין גאַס און פיל מענטשן האָבן זיך צוגעהערט — אַז אין יאָר ת״ח וועט אויס־ברעכן די מלחמה פון גוג ומגוג און אין דעם זעלבן יאָר וועט קומען משיח בן דוד, וואָס דאַרף האָבן געבוירן געוואָרן אין תשעה באב, דעם טאָג, ווען דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן. די דאָזיקע אַלע זאַכן זעען מיר היינט באַשיימפּערלעך מיט אונדזערע אויגן, און בלינד זענען די יעניקע, וועלכע זעען דאָס נישט און טויב זענען די יעניקע, וועלכע הערן נישט די טריט פון משיח... אַלע צייכנס, וואָס איך האָב געלייענט אין דעם ספרל, זענען מקוים געוואָרן. אין היינטיקן יאָר איז אויסגעבראָכן די מלחמה פון גוג ומגוג און דאָס יידישע פאָלק האָט געבראַכט זיין הייליקן קרבן. שבתי צבי איז געבוירן געוואָרן אין תשעה באב, און ער ציט זיין יחוס פון מלכות בית דוד... דאַרף מען נאָך גרעסערע סמנים?!...

און ר׳ וואָלף האָט ווייטער געצויגן:

— איך האָב אַליין מיט מיינע אויגן געזען, ווי שבתי צבי איז געווען איינגעהילט אין אַ זייל פון פייער און איז נישט פאַרברענט געוואָרן... איך האָב אים געזען אין טאָג פון זיין חופה, ווען ער האָט זיך נישט צוגע־רירט צו זיין כלה, דער בתולה מרת רחל. איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ פּשוטער בן־אדם זאָל אַזעלכעס ביישטיין?... גרויס איז די תאווה פון באַהעפטן זיך מיט אַן אשה... אפילו מלאכים, ווען זיי זענען אַראָפּגעקומען אויף דער ערד, האָבן זיך באַהאָפטן מיט נשים און געהאַט מיט זיי קינדער און מ׳האָט זיי גערופן „נפילים״... — אַראָפּגעפאַלענע פון הימל, אָבער שבתי

צבי איז נאָך גרעסער פון אַ מלאך, ער האָט זיך צו דער בתולה נישט צוגערירט, ווייל אַזוי האָט אים אַ געטלעך קול געהייסן טאָן.

— איך בין צוריקגעקומען צום יידישן פאָלק, ווייל איך האָב געזען, אַז די גאולה איז נאָענט — האָט דער דאָקטאָר אברהם אבולעפיא אויסגערופן מיט גרויס פייער אין זיין שטים — מיין גרויסער זיידע איז מיר געקומען צו חלום און האָט מיך געהייסן זיך אומקערן אין שויס פון דער יידישער אמונה, ווייל די צייט פון אויסלייזונג קומט־אָן און עס וועט מקויים ווערן דאָס, וואָס ער האָט מיט הונדערטער יאָרן צוריק נביאות געזאָגט...

— געלויבט איז דער השם־יתברך, וואָס איך האָב דערלעבט די דאָזיקע רגע — האָט ר׳ וואָלף פרום אויפגעהויבן די אויגן צום הימל. — אַלע צרות און פּורעניות, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען, זענען ווערט געווען פאַר דער דאָזיקער איינציקער גליקלעכער רגע!...

— ר׳ וואָלף, האָסט דאָך דיין גאַנצע משפחה פאַרלוירן אין די היידאַמאַקישע שחיטות — האָט ר׳ מעכעל געקרעכצט, דערמאָנענדיק זיך אויך אין זיינע בלוטיקע צרות — פאַרוואָס דערמאָנסטו זיי אפילו נישט, בעת דו פרייסט זיך מיט ביאת המשיח?...

— איך גלייב באמונה שלימה, אַז מיין טעכטערל שרה איז געבליבן לעבן... — האָט ר׳ וואָלף מיט אַ שיינענדיק פּנים אַ זאָג געטאָן צו זיין פריינד, טרייסטנדיק זיך אַזוי אַרום פון דעם גרויסן פאַרלוסט פון זיין פרוי און קינדער — איך האָב זי היינט געזען אין חלום, זי האָט געשמייכלט צו מיר, געגלעט מיר דאָס פּנים און געזאָגט: „איך וועל זיין דאָס ווייב פון משיח...״

— רעדסט שוין נאַרישקייטן, ר׳ וואָלף... — האָט אים דער פריינד געמוסרט — האָסט זיך שוין אָנגעזאַפּט מיט דער לערע פון קבלה, איך האָב דיך נעכטן געזען זיצן אַ גאַנצע נאַכט איבער אַ ספרל און האָסט אפילו נישט געהערט, ווען איך האָב זיך דערנעענטערט צו דיר און אַריינגעקוקט אין דעם ספרל צו זען וואָס דו לייענסט.

— און וואָס האָסטו געזען, ר׳ מעכל? — האָט אים ר׳ וואָלף מיט אַן איראָניש שמייכעלע געפרעגט, ווייל זיין פריינד איז נישט געווען אַזוי בקי אין די קליינע אותיותלעך...

— איך האָב געזען, אַז דו וועסט אין קורצן ווערן אַ מקורב פון שבתי צבי, ווייל דו לאָזסט זיך אין זיינע וועגן. מיינסט, אַז איך האָב נישט באַ־

מערקט, ווי דו לויפסט פֿאַרטאָג צו טבילה? מיינסט, איך האָב נישט געזען, ווי דו האָסט אַנומלט זיך געפּאַסעוועט דאָס לייב מיט אַ לעדערנעם רימען?...

ר׳ וואָלף איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן און האָט געענטפערט:

— אַלע מוזן מיר זיין ריין אין דער צייט פֿון דער גאולה. משה רבנו האָט באַפוילן די יידן, אַז זיי זאָלן אויף דריי טעג זיך אָפּשיידן פֿון זייערע ווייבער איידער מ׳האָט אויפן באַרג סיני געגעבן די תורה, ווי עס שטייט געשריבן: „היו נכונים לשלושת ימים אל תגשו אל אשה״ — זייט אָנגעגרייט אויפן דריטן טאָג, איר זאָלט נישט גענענען צו אַ פֿרוי.

— איז דאָך דאָס געווען אַ רייניקונג פֿאַר מתן־תורה!... — האָט ר׳ מעכל זיך נישט געלאָזט.

— ביאת חמשיח איז אַזוי גרויס ווי מתן תורה — האָט ר׳ וואָלף מיט גרויס פֿרומקייט אויסגערופֿן און פֿאַרגלאָצט די אויגן צום הימל.

ר׳ מעכל האָט שוין מער גאָרנישט געפֿרעגט, נאָר ער האָט אויסגעטאָן די שיך און איז געבליבן שטיין באָרוועס אויפֿן דיל לעבן זיין פֿריינד און דערביי געזאָגט:

— ר׳ וואָלף, דאָס אָרט וווּ דו שטייסט איז הייליק און איך האָב דערריבער אויסגעטאָן מיינע שיך...

און ער איז געוואָרן אין איין דעה מיט ר׳ וואָלפֿן.

גאַנץ סמירנע איז געווען צעטומלט דעם דאָזיקן שבת. מ׳האָט נישט אויפֿגעהערט צו רעדן אין די שטובן, אין די גאַסן, אויף די ברעגעס ביים ים וועגן דער אויסערגעוויינלעכער געשעעניש אין בית־המדרש. מ׳האָט זיך דערציילט, אַז די שיינע רחל איז געפֿערלעך קראַנק געוואָרן פֿון גרויס עגמת־נפש, וואָס איר „מאַן״ האָט מקדש געווען די תורה; מיט דער תורה האָט ער זיך מתיחד געווען און זי האָט ער איבערגעלאָזט אַן עגונה. זי האָט גערעדט פֿון היץ. זי האָט גערעדט אַזעלכע רייד, אַז די עלטערן האָבן זיך פֿאַרשעמט.

ווען עס זענען געווען פֿאַרזאַמלט פֿיל מענטשן, וועלכע זענען זי געקומען מבקר־חולה זיין, האָט זי אָנגעהויבן שרייען, אַז זי וויל שוין די רגע איר חתן זאָל קומען און זי באַמאַנען... זי האָט געביסן אירע פֿינגער ביז בלוט פֿון גרויס ליידנשאַפֿט. זי האָט אָפּגעדעקט איר נאַקעט לייב, אירע

יונגע ברוסטן און האָט געזאָגט: „זאָל ער קומען, מיין טייערער שבתי, און זאָל ער זען ווי גלוסטנדיק איך בין, איך לעכץ נאָך זיין קערפּערלעכער באַרירונג..."

אין איין מאָמענט האָט זי גאָר, צו אַלעמענס דערשטוינונג, אויסגערופן דעם נאָמען פון משה פינהייראָ, שבתי צביס חבר: זי האָט געזאָגט, אַז ער איז אַנומלט געווען ביי איר ביינאַכט און געוואָלט זי באַשלאָפן...

— וואָס רעדסטו, טאָכטער מיינע?... — האָט, אַן אָפּגעגאָסענע מיט רויטקייט, די מוטער צו איר אויסגערופן — זי רעדט דאָך פון היץ!...

זי האָט פאַרבראַכן די הענט און אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין.

דער פאָטער האָט דעמאָלט באַשלאָסן מער קיינעם נישט אַריינצולאָזן צו איר אין צימער, וואָרעם ער האָט זיך געשעמט צוליב אירע רייד.

ווען משה פינהייראָ איז געוואָר געוואָרן, וואָס די שיינע רחל האָט וועגן אים גערעדט פון היץ, האָט ער זיך שטאַרק פאַרשעמט, אָבער פון דער צווייטער זייט איז ער געווען גליקלעך.

„אויב זי רעדט וועגן מיר אין היץ, האָט זי מיך, ווייזט אויס, אין זי־נען..." — און עס איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַ האָפענונג.

דערווייל זענען פאָרגעקומען אין הויז פון שבתי צבי פּייערלעכע פאַר־זאַמלונגען. מען האָט געפּלאַנט פאַרשידענע זאַכן. עס איז באַשטימט גע־וואָרן, אַז שבתי צבי זאָל איבערנעמען דאָס רבנות פון דער שטאָט סמירנע און מען זאָל אַראָפּזעצן ר' יוסף אישקפא, זיין רבין.

לאַנג האָט מען געמוזט מיט אים איינטענהן, אַז מען זאָל אַזוי באַ־שליסן. צוליב דרך־ארץ פאַר זיין רבין האָט שבתי צבי נישט געוואָלט הערן פון אַזאַ זאַך.

— רבי אליעזר בן שמוע האָט געזאָגט, — האָט ער געבראַכט פאַר אַ ראיה, — יהי כבוד תלמידך חביב עליך כשלך, וכבוד חברך כמורא רבך, ומורא רבך כמורא שמים — זאָל דער כבוד פון דיין תלמיד זיין דיר אַזוי טייער ווי דיין אייגענער כבוד, און דער כבוד פון דיין חבר, זאָל זיין ווי דער כבוד פון דיין רבין און דער כבוד פון דיין רבין זאָל דיר זיין טייער ווי דער כבוד פון גאָט...

— זיי וועלן דיך אָבער רודפן עד חרמה, — האָבן די אָנהענגער זיינע צו אים געטענהט, — און זיי וועלן אויף דיר קיין חס נישט האָבן... דאָ גייט נישט בלויז אין דיר, נאָר אויך אין כבוד פון גאַנצן יידישן פאָלק,

אין זייער פרייהייט, אין דעם צוריק אויפבויען פון דער יידישער אומאָפּ־הענגיקייט און צוריקברענגען דאָס פאַרטריבענע פאָלק אין לאַנד פון זיי־ערע אבות.

שבתי צבי האָט זיי אויסגעהערט, טרערן זענען אים גערונען פון די אויגן און ער האָט מער גאָרנישט געענטפערט.

— מאָרגן זאָל דאָס געשען!... — האָט ער ענדלעך נאָכגעגעבן.

ווי נאָר ער האָט די דאָזיקע ווערטער אַרויסגעזאָגט, האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן טאַנצן פון גרויס פרייד, זיי האָבן אָנגע־הויבן זינגען לידער, די זמירות פון אר״י הקדוש און פון אַנדערע מקובלים.

„משיח איז שוין געקומען! משיח איז שוין דאָ!... זאָגט אָן דער וועלט וועגן דער גרויסער בשורה!...״

אָט אַזעלכע אויסגעשרייען האָבן זיך געהערט אין די שטובן, אויף די גאַסן. די אָנהענגער פון שבתי צבי האָבן איינגעאָרדנט אַ גרויסע הילולא. מען האָט געשאָכטן שעפּסן, געבראָכט פעסלעך מיט וויין און אַ סעודה איז געגעבן געוואָרן פאַר אַלעמען. „כל דכפין ייתי ויכול!״... — האָבן זיי געשריגן אויף די העכסטע קולות.

— מיר זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון גלות. שבתי צבי וועט בקרוב איבערנעמען די ממשלה פון סולטאַן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ער וועט איבער־נעמען די ממשלה איבער דער גאַנצער וועלט! — האָבן זיינע חסידים גע־שריגן אין גרויס התלהבות.

פון די אויגן האָט געשפּריצט פייער, פּנימער האָבן געגליט פון וויין טרינקען, און רייד האָבן זיך געהערט, אַז ניכטערנערהייט וואָלטן זיי זיך זיכער פאַרשעמט, ווען מען חזרט פאַר זיי דאָס איבער.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן הונדערטער מענטשן געטאַנצט אין אַ ריזיקן ראָד, אונטערן אויסגעשטערנטן הימל. שפּעטער איז די לבנה אַרויסגע־שווומען פון הינטערן האָריזאָנט און האָט אָפּגעגאָסן די טונקעלע וועלט מיט אַ פּורפּור־שיין. די טאַנצנדיקע יידן האָבן אויסגעזען ווי פייערדיקע געשפּענסטער פון עפּעס אַ פאַנטאַסטישער נישט־דאָאיקער וועלט.

אָבער אויך די רבנים זענען די נאַכט נישט געשלאָפן. זיי האָבן גערופן אַן אסיפה מיט ר׳ יוסף אישקפא און זיי האָבן אַריינגעטראַכט אין דער הייג־טיקער אויסטערלישער פּאַסירונג.

— עס חזרט זיך איבער, האָב איך מורא, די געשיכטע פון מיט איבער הונדערט יאָר צוריק. דאָס מיין איך די מעשה מיט דעם פאַלשן משיח דוד הראובני ... — האָט ר׳ יוסף אישקפא מיט אַ שוואַך קול אויסגערופן.

— אַ גרויסע מתנה האָט ער שוין הינטער זיך, אָט דער פאַלשער משיח שבתי צבי!... — האָט אַ צווייטער רב פון סמירנע מיט צאָרן אין זיינע רייד אויסגערופן. — אויב מען וועט נישט אָננעמען קיין מיטלען, וועט ער נאָך, חלילה וחס, ברענגען אַן אומגליק אויף אונדזערע קעפּ. איך האָב שוין היינט געהערט אין גאַס, ווי זיינע אָנהענגער באַרימען זיך, אַז שבתי צבי וועט באַלד איבערנעמען די הערשאַפט פון טערקישן סולטאַן. אַ מערכה קיינער פון די גויים האָט דאָס נישט געהערט, אָבער עס קאָן דאָך דערגיין צו זייערע אויערן.

— טאָ וואָס איז דיין עצה, ר׳ עוזר?... — האָט מען אים געפרעגט.

— חרם!... — האָט ער מיט איין שרעקלעך וואָרט אַלעמען אַריינגע־ברענגט אין ציטערניש.

צום ערשטן האָט ר׳ יוסף אישקפא דערפון נישט געוואָלט הערן. ער האָט געברענגט דעם זעלבן מאמר, וואָס זיין תלמיד שבתי צבי האָט פאַר זיינע חברים דערמאָנט:

— יהי כבוד תלמידך חביב עליך כשלך... — זאָל דער כבוד פון דיין תלמיד זיין דיר אַזוי טייער ווי דיין אייגענער כבוד...

אָבער די איבעריקע רבנים, די גרעסטע קנאים, האָבן נישט אויפגעהערט צו האַמערן אויף דעם איינעם פונקט: „ער איז אַ פאַלשער משיח, ער וועט פאַרפירן דאָס אַזוי אויך צעווייטיקטע יידישע פאָלק מיט פוסטע חלומות, ווי עס האָט עס געטאָן זיין פאָרגייער, דער פאַלשער משיח דוד הראובני...״

— דוד הראובני האָט געהאַט אַ גרויסע נשמה... — האָט ר׳ יוסף איש־קפאָ אויסגערופן, איבערהאַקנדיק די רייד פון דעם קנאי.

— ער איז אָבער פאַרפירט געוואָרן און האָט פאַרפירט אַנדערע, ער איז געווען אַ חוטא ומחטיא את הרבים... — האָט יענער רב נישט נאָכ־געגעבן.

— אייגנטלעך, אין וואָס איז עס באַשטאַנען די גרויסע זינד פון דוד הראובני? — האָט ר׳ יוסף אישקפאָ געפרעגט — ווייל ער האָט געוואָלט פאַרטרייבן דעם טערק און צוריק אויפשטעלן די יידישע מלוכה?...

— זיין זינד איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט פונקט ווי די בני אפרים געוואָלט צוהיילן די גאולה, און די גאולה טאָר מען נישט צואיילן, זי וועט קומען, ווען גאָט וועט וועלן. שבתי צבי גייט אָבער נאָך ווייטער: ער האָט אַרויסגערעדט דעם שם המפורש. בלויז דעם כהן גדול איז עס דערלויבט געווען איין טאָג אין יאָר, אין יום־כיפור, און דאָס — אין קדשי־קדשים!... — האָט דער קנאי זיך נישט אָפּגעשטעלט.

ר׳ יוסף אישקפא האָט געשוויגן. דער קנאי האָט אים מנצח געווען און ער האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. עס איז דאָך טאַקע אמת, ער האָט אַרויסגערעדט דעם שם המפורש, ער האָט זיך אויסגערופן אַלס משיח בן דוד אין דער צייט, ווען ער האָט געהאַלטן די ספר־תורה אין דער האַנט. ער האָט מחלל געווען גאָטס נאָמען... געדענקט ער דאָך אַליין, ווי הייבט אינדערפרי איז ער אַזוי אין כעס געוואָרן, אַז ער האָט אים געשאָלטן מיט די ווערטער פון דער תוכחה און גערופן אים „אַפּיקורס״...

— ער איז טאַקע אַ חוצפּהדיקער יונגערמאַן, אָבער חרם איז אַ צו האַרבע שטראָף פאַר אים... — האָט דער רבי זיך געוועדט מיט אַלע כוחות.

אַ גאַנצע נאַכט זענען די רבנים געזעסן ביי ר׳ יוסף אישקפא אין בית־דין־שטוב. ערשט ווען עס האָט אָנגעהויבן אַרייננבלויען דער נייער טאָג, איז זיי געלונגען דעם אַלטן רבין גובר צו זיין און איבערצייגן אים, אַז שבתי צבי מוז געלייגט ווערן אין חרם. אויב נישט, קאָן ער, חלילה, ברענגען אומגליק אויף יידישע קעפּ. נאָר אַזוי אַרום וועט מען אים צווינגען אויפצו־געבן זיין משוגעת, אַז ער איז משיח בן דוד.

די החלטה איז געפאַלן, און דער עולם האָט זיך געשטעלט דאַווענען, אַריבערוואַרפנדיק איבער די קעפּ די טליתים און אָנקניפּנדיק אויף דער האַנט און אויפן קאָפּ די תפילין.

*

אַ הייסער טאָג איז דעמאָלט געווען. די זון האָט אומברחמנותדיק געגליט און געשאָטן פייער אויף די קעפּ פון די דורכגייער. דער הימל איז געווען ווייס, ווי מיט אַ דינעם וואָלקן באַדעקט.

שליחים זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן איבער די גאַסן. מען האָט גע־רופן אַלע יידישע איינוווינער צו קומען אין בית־המדרש; אַ וויכטיק גע־שעניש וועט פאָרקומען און קיינער טאָר נישט פעלן.

אַזוי האָבן די שלוחים פון ר׳ יוסף אישקפּא אויסגערופן אין די גאַסן און הינטער יעדנס פענצטער:

— מאַן, ווייב און קינד, אַלע מוזן קומען אין בית־המדרש, און ווער עס וועט נישט קאָנען אַריינקומען אינעווייניק, וועט בלייבן שטיין אינ־דרויסן, אָבער קומען מוזן אַלע.

עס איז געוואָרן אַ בהלה. מען האָט נישט געוווּסט, וואָס עס איז פּלוצ־לינג געשען. זענען די מענטשן חלילה משוגע געוואָרן? נעכטן אַזאַ אויפ־רודערונג און היינט ווידער אַזאַ משונהדיקער באַפעל.

אויך צו שבתי צבי און זיינע אָנהענגער איז די זאַך דערגאַנגען און זיי האָבן זיך געוווּנדערט דערויף.

— דאָס האָט צו טאָן מיט דיין נעכטיקן דערקלערן זיך פאַר אַ משיח בן דוד — האָט משה פינהיירא געזאָגט, אַריינקומענדיק צו זיין חבר שבתי צבי אין הויז באַלד אינדערפרי. — די רבנים וועלן אַזוי לייכט נישט אַרויס־לאָזן זייער מאַכט פון די הענט...

שבתי צבי האָט געגעבן אַ באַפעל אַלע זיינע מענטשן צו גיין אין בית־המדרש. אַליין איז ער פריער, אין דער באַגלייטונג פון משה פינהיירא, אַוועק צום ים און זיין האָבן ביידע גענומען טבילה, און נישט טועם זייענ־דיק גאָרנישט, זענען זיי אַוועק גלייך אין בית־המדרש.

הונדערטער און הונדערטער מענטשן, מענער, ווייבער און קינדער זענען שוין דאָרט געווען פאַרזאַמלט. יעדער האָט אַרויסגעזאָגט זיין השערה, צוליב וואָס מען האָט דאָ אַלע היינט צוזאַמענגערופן.

ווען שבתי צבי איז אָנגעקומען אין דער באַגלייטונג פון זיינע אָנ־הענגער, האָט זיך דאָס געראַיערײ אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט. מיט דרך־ארץ האָט מען געקוקט אויף דעם יונגן מקובל, אויף משיח בן דוד. און אַ מורא און ציטערניש איז אַדורך איבער אַלעמענס לייבער. ער האָט איצט אויסגע־קוקט ווי אַ מלאך ה׳. ער איז געגאַנגען מיט באַזאַכטע טריט, פאַרטראַכט אין טיפע מחשבות, די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. דאָס ווייסע קלייד איז געווען לאַנג ביז צו דער ערד און האָט פאַרדעקט זיינע פיס. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ הויכן הוט, פון פאָרנט פאַרבויגן אַרויף. ער האָט עפּעס געשעפּטשעט מיט די ליפּן און פון צייט צו צייט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ זיפץ פון זיין ברוסט.

— ער זעט אויס ווי דער אויסלייזער פון יידישן פאָלק... — האָט איי־נער שטיל אַ זאָג געטאָן צו זיין שכן, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים — עס ווייעט מיט הייליקייט פון אים. ער איז אַ גרויסער צדיק...

— ער קומט ערשט איצט פון טבילה, זע — די פאות זענען אים נאָך פייכט און דאָס פנים איז בלאַס ביי אים פון פאַסטן תעניתים און פון פיי־ניקן דאָס לייב... — האָט אַ צווייטער באַמערקט.

שבתי צבי איז אַריין אין בית־המדרש, וואָס איז שוין געווען אָנגע־פראָפט פול, אָבער פאַר אים האָט דער עולם געמאַכט אַ וואַרע, צונויפגע־געדריקט זיך און אים דורכגעלאָזט, צוזאַמען מיט עטלעכע פון זיינע באַגלייטער.

ער האָט זיך דערנענטערט צו מזרח־זייט, איז צוגעגאַנגען צום עמוד, וווּ עס האָבן געפלעמלט אין דער ליכטיקייט פון טאָג צוויי וואַקסענע ליכט. ער האָט אָנגעהויבן זאָגן פריער שטיל און דערנאָך העכער: „מה טובו אוהליך יעקב, משכנותיך ישראל"... ער האָט די תפילה געזאָגט מיט אַזאַ פרומקייט און מיט אַזאַ כוונה, אַז עס האָט אַלעמען גערירט ביי די הערצער.

— מען פילט ממש, ווי מלאכים שוועבן אַרום אים... — האָט עמעץ אַ שעפטשע געטאָן — און זיי זינגען צוזאַמען מיט אים שירה צו גאָט דעם באַשעפער.

— עס איז ליכטיקער געוואָרן אין בית־המדרש, ווען ער איז אַריינגע־קומען — האָט אַ צווייטער מיט אַ שטיל קול אַ פליסטער געטאָן.

— גאָסט כבוד גייט־מיט מיט אים און די שטראַלן פון אונטערן כסא הכבוד באַקרוינען זיין קאָפּ... — האָט אַ דריטער מיט הייליקייט אין זיין ציטערנדיקן קול אַ פרעפל געטאָן.

— משיח!...

— משיח בן דוד...

— דער אויסלייזער, אויף וועלכן מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט, האָט זיך ענדלעך צו אונדז באַוויזן.

— געלויבט זאָל זיין דער דאָזיקער טאָג און זאָל ער אויף אייביק פאַרבלייבן אין געדעכעניש פון אונדזער פאָלק.

פלוצלונג איז געוואָרן ביי דער טיר פון בית־המדרש אַ גערודער.

— וואָס איז געשען?... — האָט מען זיך דאָ, אין דער טיף פון בית־המדרש, געפרעגט איינער ביים אַנדערן.

— איך ווייס נישט... — האָט מען געענטפערט — עפּעס קומט עמעצער אָן...

— ר׳ יוסף אישקפּא און די איבעריקע רבנים פון בית־דין...

— אַלע אין שוואַרצן אָנגעטאָן...

— שוואַרצע ליכט טראָגן זיי אין די הענט...

— איינער האַלט אַ שופר אין דער האַנט.

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן?...

— כ׳ווייס נישט...

— חרם... — האָט עמעץ געלאָזט פאַלן דאָס שרעקלעכע וואָרט.

— ווער „חרם״? וועמען גייט מען לייגן אין חרם?...

— שבתי צבי...

— פאַר ארויסרעדן דעם שם המפורש...

— היה לא תהיה... — האָט עמעץ אַ געשריי געטאָן אויפן קול, און די מהומה האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט.

ענדלעך איז ר׳ יוסף אישקפּא מיט זיינע באַגלייטער געלונגען זיך דורכצושטופּן דעם געדיכטן עולם און צוקומען צום באַלעמער.

אַ שוואַרץ טוך איז אויסגעשפּרייט איבערן שולחן, און די רבנים, אין טליתים איינגעהילט, האָבן זיך אַרומגעשטעלט. עס זענען אָנגעצונדן געוואָרן שוואַרצע ליכט. אַ פּחד איז אויף אַלעמען אָנגעפאַלן. עס האָט זיך דערהערט דאָס קול פון שופר און באַלד דערנאָך אַ קלאַפּ אין טיש, איין מאָל, אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל. אַ טויטע שטילקייט איז אַריינ־טראָטן.

— הער אויס, שבתי צבי, דער זון פון מרדכי צבי בר אליהו, בר שבתאי, — האָט ר׳ יוסף אישקפּא אָנגעהויבן מיט אַ שטיל קול, און וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער האָט ער אויפגעהויבן די שטים. דאָס פּנים זיינס איז געוואָרן שטרענגער און די אויגן האָבן געגליט און געשאָטן מיט פייער־דיקע פונקען. — דיין זינד איז אַזוי גרויס, אַז יעדע שטראָף איז נישטיק פאַר דיר. דיין שטראָף דאַרף זיין נאָך גרעסער, ווייל דו ווייסט וויל אין וואָס דיין זינד באַשטייט. דו ביסט געגנוג געלערנט, כדי תופס צו זיין, וואָס דו האָסט דאָ אָפּגעטאָן. האָסט געהאָט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט צייט איבערצוטראַכטן דיין באַגאַנגענע זינד און קומען צו אונדז זיך מודה זיין דערויף און תשובה טאָן. דאָס האָסטו נישט געטאָן, נאָר ווי מיר האָבן

געהערט, גרייסטסטו זיך גאָר איבערצונעמען פון מיר די כסא־רבנות. דע־ריבער האָבן מיר באַשלאָסן דיך צו לייגן אין חרם אַריין...

ווען די דאָזיקע דריי אותיות זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ רעש און טומל, אַז מ׳האָט די אייגענע ווערטער נישט גע־קאָנט הערן. עס האָבן זיך דערטראָגן רייד פון צושטימונג און אויך ווער־כער פון צאָרן קעגן דעם באַשלוס פון די רבנים.

שבתי צבי אַליין איז געשטאַנען אויף זיין אָרט, אַרומגערינגלט מיט זיינע חברים און אָנהענגער. דאָס פּנים זיינס איז געווען בלייך, ווי דאָס גאַנצע בלוט וואָלט אָפּגעפלאָסן. די ליפּן האָבן ביי אים געציטערט פון אויפרעגונג. די אויגן זיינע האָבן געגליט, ווי נאָר אויפצופלאַמען און אַלע־מען פאַרברענען מיט זייער פייער.

— האָסט געהערט שבתי צבי, וואָס מיר, די רבנים פון סמירנע, מיט דיין רבין בראש, האָבן באַשלאָסן?... — האָט ר׳ יוסף אישקפא געפרעגט מיט אַ נישט קיין וויניקער בלאָסן פּנים ווי ביי זיין תלמיד.

קיין שום ענטפער איז נישט געקומען. שבתי צבי האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן, ווי ער וואָלט זיך געמאָסטן מיט די בליקן. מ׳האָט גע־קאָנט באַמערקן אַ באַוועג פון די ליפּן זיינע. ער האָט, זעט אויס, געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט זיך גיך מישב געווען און ווייטער פאַרעקשנט געשוויגן.

— איך גיב דיר צייט נאָך אַ ווײַלע אויף חרטה האָבן, אַרויפקומען דאָ צו מיר, אָפּן פאַר אַלעמען זיך מודה זיין צו דער זינד און עס וועט דיר פאַרגעבן ווערן, — האָט ר׳ יוסף אישקפא כמעט זיך געבעטן ביי זיין תלמיד, נישט ווענדיק אים וויי־טאָן, ווייל טיף אין האַרץ האָט ער אים נאָך אַלץ ליב געהאַט.

און ווען אַ סך רגעס זענען אַוועק און קיין ענטפער איז פון שבתי צבי נישט געקומען, האָט ר׳ יוסף אישקפא אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אויפן שולחן.

דורך די הויכע פענצטער פון בית־המדרש האָבן ווי גאָלדענע שפּיזן זיך אַרייַנגעריסן די שטראַלן פון דער גליענדיקער זון און געשטאָכן אין די אויגן, געקראָכן אויפן דיל, אַרויפגעכאַפּט זיך אויפן שולחן און אָפּגעלייגט זיך אויפן שוואַרצן טישטעך, פאַרטונקלט די שיין פון די שוואַרצע וואַקסענע

ליכט. איינער אַזאַ שטראַל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן פּנים פון שבתי צבי און אים באַלויכטן.

— ווי אַ מלאך ה׳ זעט ער אויס אין דער רגע... — האָט עמעץ אַ שעפּ־טשע געטאָן אין אויער פון זיין שכן.

— און איך גלייב באמונה שלימה, — האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופן,

— אַז ווען זיי וועלן אים לייגן אין חרם אַריין, וועט אַ פלאַם־פייער פון הימל אַראָפּקומען און זיי אַלע פאַרברענען...

— שאַ!... — האָט זיך דערהערט פון באַלעמער אַראָפּ, ווען דאָס שעפּ־טשען האָט זיך אַהין דערטראָגן און אַ קלאַפּ אין שולחן אַריין האָט באַגלייט די וואָרענונג.

ר׳ יוסף אישקפא האָט אָפּגעהוסט, אָפּגעמאָסטן מיט אַ בייזן בליק שבתי צבי, וועלכער איז אַלץ אַזוי געשטאַנען אומבאַוועגלעך, שטילשווייגנדיק און געקוקט אים אין די אויגן אַריין.

— שבתי צבי בן מרדכי צבי בר אליהו בר שבתאי, — האָט ר׳ יוסף אישקפא מיט אַן ערנסטקייט און אַנטשלאָסנקייט אין זיין שטים דאָס מאָל אויסגערופן, — האָסט אין דער לעצטער רגע קיין תשובה נישט געטאָן, דעריבער זאָל פאַרשאָלטן ווערן דיין געביין, זאָלסט פאַרשאָלטן ווערן פון דער וועלט און פון יענער וועלט, זאָל רוען די קללה פון גאָט אויף דיר אויף אייביק ביז אַלע דורות. אַלע קללות פון דער תוכחה זאָלן פאַלן אויף דיין קאָפּ, זאָל דיין געדעכעניש פאַרשניטן ווערן פון צווישן אונדזער פאָלק און דיין נאָמען זאָל בלייבן צו שאַנד און צו שפּאָט. פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער טאָג, ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן; פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין בייטאָג און פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין ביינאַכט; פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין, ווען דו לייגסט זיך שלאָפן און פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין, ווען דו הייבסט זיך אויף. פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין ווען דו גייסט אַוועק און פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין ווען דו קומסט צוריק. זאָל דיר גאָט קיינמאָל נישט מוחל זיין. ער זאָל אָנהאַלטן זיין צאָרן אויף דיר אויף די אייביקע טעג. קיין שום מענטש זאָל אין דיינע ד׳ אמות נישט קומען, נישט רעדן צו דיר און נישט שרייבן צו דיר. קיינער טאָר דיך אונטער זיין דאַך נישט ארונטערלאָזן און קיינער טאָר נישט לייענען, וואָס דיין האַנט וועט אָנשרייבן...

אַ גרויס געוויין איז אויסגעבראָכן אין בית־המדרש. דאָס האָבן געוויינט די מענטשן, וועלכע האָבן פאַרגעטערט שבתי צבי, אָבער זיי האָבן נישט

געוואָלט, אָדער מורא געהאַט, אַנטקעגנצושטעלן זיך די רייד פון די רבנים.

מ׳האָט אויך געקאָנט באַמערקן טרערן אויפפינקלען אין די אויגן פון ר׳ יוסף אישקפא, וועלכער האָט באַהאַלטערנערהייט זיי אויסגעווישט. אויך עטלעכע פון די רבנים האָבן טרויעריק אַראָפּגעלאָזט זייערע קעפּ און נישט געקאָנט קוקן שבתי צבי אין די אויגן אַריין.

שבתי צבי אַליין איז ווייטער געשטאַנען אומבאַוועגלעך, דאָס פּנים זיינס איז געוואָרן נאָך בלאַסער און ער האָט געציטערט אויף זיין גאַנצן קערפּער. אַרום אים האָבן זיך אַרומגעשטעלט זיינע נאָענטסטע חברים, וועלכע האָבן אים געטרייסט און האָבן אין בית־המדרש געשווירן, אַז זיי וועלן אים נישט פאַרלאָזן.

שבתי צבי האָט זיי איינעם נאָכן אַנדערן אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און געקושט אין קאָפּ אַריין. ער האָט אַרויפגעלייגט זיינעביידע הענט אויף זייערע קעפּ און געבענטשט, זאָגנדיק:

— אין אַלע צייטן פון מענטשלעכן לעבן וועלן זיך געפינען אומ־גלויביקע, וואָס וועלן אין זייער פאַרבלענדעניש נישט וועלן נאָכגיין דעם וועג, וואָס גאָט האָט זיי דורך זיינע שליחים אָנגעוויזן. האָבן דען דתן ואבירם נאָכגעפאָלגט משה רבנו און האָבן זיי זיך דען נישט געקריגט מיט אים און צוזאַמען מיט קורח בן יצהר אַנטקעגנגעשטעלט זיך דעם, וועלכער האָט זיי אויסגעלייזט פון די הענט פון פרעה?...

— לעבן זאָל אונדזער משיח בן־דוד!... איז געקומען אַן אויסגעשריי פון זיינע אָנהענגער, ווי אַן ענטפער אויף דעם חרם, וואָס איז באַר־וואָס אויסגערופן געוואָרן קעגן אויסלייזער פון פאָלק ישראל, שבתי צבי.

— בלינד זענען זיי און זעען נישט, טויב זענען זיי און הערן נישט!...

-- האָבן פויסטן זיך געביילט קעגן די רבנים.

— איר אומגלויביקע, איר זינדיקע און וואָס מאַכן זינדיקן אַנדערע!...

— ווי האָט איר געוואַגט צו עפענען אייערע מיילער און אַרויסזאָגן די קללות קעגן אַזאַ הייליקן מאַן ווי עס איז שבתי צבי? אויב איר וועט דעם טאָג אויסלעבן, וועט עס זיין אַ גרויס וואונדער, און אויב איר וועט בלייבן לעבן אויף דער ערד, האָט איר געוויס אייערע לעבנס שוין אָנ־געווירן אויף יענער וועלט... — האָבן זיך געהערט קולות פון אַלע זייטן.

— זאָל דער נאַר־וואָס אַרויסגעגעבענער חרם פאַלן אויף אייערע קעפּ, גאָט־לעסטערער און זינדיקער!...

דערהערנדיק אַזעלכע ביטערע רייד קעגן זיך, האָט ר׳ יוסף אישקפּא מער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און ביטער זיך פונאַנדערגעוויינט.

— ווי׳ איז צו מײנע אויערן, וואָס הערן דאָס און ווי׳ איז צו אייערע מײלער, וואָס האָבן די אומווירדיקע רייד אַרויסגערעדט. אין אייער אומ־וויסנקייט זאָגט איר דאָס, און דעריבער בין איך אייך מוחל... באַדענקט אייך, וואָס איר טוט און גאָט וועט אייך מוחל זיין. שבתי צבי איז איצט אין חרם און איר מוזט אייך אָפּשיידן פון אים, ווייל אויך אויף אייך וועט דער דאָזיקער חרם גילטן, אויב איר וועט אים נישט אויספאָלגן... — האָט ער געביטערט מיט אַ וויינענדיקער שטימע.

דער ענטפער אויף זיינע רייד איז געווען אַ הויכדיקער געלעכטער און זידלערייען.

עס איז דעם טאָג געקומען צו אַ ריס צווישן צוויי טיילן פון די יידישע איינוווינער פון סמירנע, און דער דאָזיקער ריס האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ פייער איבערן גאַנצן לאַנד. אַ מלחמה אויף טויט און אויף לעבן האָט זיך צעפלאַקערט.

שבתי צבי מיט זיינע חברים האָבן פאַרלאָזט דאָס בית־המדרש און גע־לאָזט זיך גיין צו אים אַהיים. הונדערטער מענטשן האָבן זיי באַגלייט, ווער מיט קללות אויף זייערע ליפּן און ווער מיט בענטשונג אין זייערע מײלער.

ווען שבתי צבי איז אַריינגעקומען צו זיינע עלטערן אין שטוב, איז ער געבליבן שטיין דערשטוינט. דער פאָטער איז געזעסן אויף אַ נידעריק פוסנבענקעלע, ווי ער וואָלט געזעסן שבעה און די מוטער האָט געהאַט רויטע אויגן פון וויינען. זי איז געזעסן נישט ווייט פון פאָטער אין אַ ווייכער שטול, זי האָט געהאַלטן די הענט פאַרבראָכן און פון צייט צו צייט האָט זי אַרויסגעהעשעט מיט אַ פאַרשטיקט געוויין.

דער פאָטער האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף זיין זון און אין זיין בליק איז געווען רחמנות און פאַרגעבונג צו אים.

— טאַטע, וואָס איז געשען מיט דיר?... — האָט שבתי צבי געפרעגט.

— איך בין אַ ייד, און איך מוז זיך בייגן פאַרן ווילן פון די רבנים. דו ביסט מיין זון, מיין בלוט און פלייש, איך האָב דיך ליב ווי מיין אייגן לעבן, אָבער איך האָב מורא פאַר גאָט. אַ חרם פון די רבנים איז אַ שרעקלעכע זאַך

און אַ גרויסע שטראָף וועט טרעפן יענעם, וואָס וועט דעם חרם נישט אָפּ־היטן. האָרך מיך, מיין טייערער זון, פאַרלאָז תיכף ומיד די שטאָט אויף אַ לענגערער צייט. אפשר וועט דער כעס אַריבער און זיי וועלן פון דיר די קללות אַראָפּנעמען...

אַ ציטער איז אַריבער איבער שבתי צבים פּנים. ער איז בלאָס גע־וואָרן און אין די אויגן האָט אויפגעפלעמלט אַ בייז פייערל.

— נישט נאָר מיך האָבן זיי באַשטראָפט, נאָר אויך מיינע עלטערן, די מאַמע, וועלכע האָט מיך געברענגט אויף דער וועלט און דעם טאַטן, וועל־כער האָט מיך אויפגעצויגן, האָבן זיי אַזוי האַרט באַשטראָפט... ניין, איך וועל זיי נישט שענקען אַזאַ רשעות!... — האָט ער אויסגערופן מיט צאָרן.

ער האָט אָנגעהויבן שפּרייזן איבער דער שטוב הין און צוריק און געמורמלט צו זיך אַליין, אַרויסברענגענדיק פון זיין מויל די שרעקלעכסטע רייד קעגן זיינע באַשטראָפער. ער האָט נישט געשוינט אפילו זיין רבין, וועלכן ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. ער איז געווען אָנגעפילט מיט שנאה צו דער גאַנצער וועלט. אַ פייער האָט געפלאַקערט אין זיין אינגעווייד. ער האָט געוואָרפן אַ בליק דאָ אויפן פאָטער, דאָ אויף דער מוטער, און עס האָט אים אַ שניט געטאָן אין האַרץ.

ער האָט געוווּסט ווי גרויס עס איז די ליבע פון זיינע עלטערן צו אים, און איצט ווערן זיי ממש געצוווּנגען אים צו פאַרטרייבן פון זייער הויז. ער האָט געפילט וויפל יסורים זיי לעבן איצט אַדורך פון דעם, וואָס עס איז געשען צו זייער אייגן בלוט און פלייש.

זיין מוח האָט אָנגעשטרענגט געטראַכט און געזוכט פאַרשידענע תחבולות ווי אַזוי אַרויסצוקומען פון דער דאָזיקער ענגער נעץ און ווי אַזוי צו באַ־פרייען זיין טאַטע־מאַמע פון דער אומזיסטער פּיין, וואָס זיי גייען איצט אַדורך. בלויע אָדערלעך זענען אַרויסגעקומען אויף זיין הויכן שטערן; ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און רויטע פייערן האָבן אָנגעהויבן קרייזן פאַר זיי.

ער האָט ווידער דערהערט דעם טאַטנס שעפּטשנדיקע ווערטער: „שבתי, פאַרלאָז די שטאָט אויף אַ צייט, זאָל זיך ביי זיי דאָס בייזע בלוט אָפּקילן און דאַן וועסטו צוריקקומען“.

„אויך דער פאָטער זיינער, הייסט עס, גלייבט נישט אין זיין אויס־דערוויילקייט און אויסגעלייטערטקייט. דאָס דאַרף ערשט קומען מיט דער צייט...“ — האָט ער געטראַכט, און ער איז טרויעריק געוואָרן.

ער האָט דאָ איצט קיינעם נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו באַראָטן. די חברים זיינע האָבן אים באַגלייט ביז דער טיר און זיי זענען זיך פונאַנ־דערגעגאַנגען יעדער צו זיך אַהיים.

פלוצלינג איז ער געבליבן שטיין אינמיטן צימער, ווי באַטראַכטנדיק עפּעס, און אַ ליכט איז אויפגעגאַנגען אין זיינע אויגן, אויסגעשפּרייט זיך איבער זיין פּנים.

— יאָ, איך וועל פאָלגן וואָס מיין פאָטער הייסט מיר טאָן, — האָט ער אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס און ער האָט זיך אומגעקערט צום אַלטן ר׳ מרדכי צבי — טאַטע, איך פאָר נאָך היינט אָפּ קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. איך ווייס, אַז היינט בייגאַכט גייט אָפּ אַ שיף אין דער דאָזיקער ריכטונג...

ר׳ מרדכי צבי האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף, האָסטיק דערנענטערט זיך צום זון, און שטיל מיט אַ פאָטערלעכער שטימע, צו אים געמורמלט:

— זאָל זיין דיין באַשלוס אין אַ מזלדיקער שעה און זאָלסט מצליח זיין וווּ נאָר דו וועסט זיך ווענדן.

די שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז געווען פאַר די יידן אין די מזרח־לענדער, פונקט ווי פאַרן גאַנצן מזרח, די הויפּטשטאָט פון דער טערקישער אימפּעריע, און זיי האָבן אויך געהאַט גרויס אָפּשיי און דרך־ארץ פאַר די באַפעלן פון די דאָרטיקע רבנים. וואָס מ׳האָט באַשלאָסן אין דער טערקישער הויפּטשטאָט, איז פאַר די יידן אין גאַנצן מזרח געווען הייליק. דאָרט, האָט שבתי צבי געהאַט ביי זיך באַשלאָסן, וועט ער זיך ווענדן צו די געלערנטע, תלמידי חכמים און צו די רייכע יידן און ער וועט געוויס געווינען זייער צוטרוי.

אַ פריילעכקייט האָט אים מיטאַמאָל אַרומגענומען און ער האָט אַזש אָנגעהויבן צו זינגען און צו טאַנצן פאַר פרייד, אַז די עלטערן זיינע האָבן זיך אין אָנפאַנג דערשראָקן, זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען.

אָבער זעענדיק זיין צעשטראַלט פּנים, האָט דער קלוגער ר׳ מרדכי צבי פאַרשטאַנען זיין זון און ער איז פון אים אָנגעשטעקט געוואָרן מיט גרויס חדווה. ער האָט מיט אים צוזאַמען אָנגעהויבן זינגען די לידער פון אר״י הקדוש, אין וועלכע עס איז אויסגעדריקט געוואָרן די גרויסע ליבע צו גאָט.

שבתי צבי האָט תיכף געלאָזט שיקן נאָך זיינע נאָענטע חברים משה

פינהייראַ און יצחק סילוויירא, זיי זענען געקומען אויפן רוף פון זייער רבין און זיי האָבן אויך מיטגעבראַכט אַ נייעם אָנהענגער מיטן נאָמען שמואל פרימאָ.

ווען שבתי צבי האָט אים דערזען, איז אים אויפגעגאַנגען אַ ליכט אין די אויגן. ער האָט אין אים געזען אַן אָפּשפּיגלונג פון זיך אַליין. ער האָט אים געקענט, אָבער יענער איז קיינמאָל נישט געקומען אין זייער מסיבה און ער האָט דעריבער מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט זיך צו אים צוגעקוקט.

— איך בין געווען אין בית־המדרש, ווען די רבנים, מיט ר׳ יוסף איש־קפא האָבן דיך געלייגט אין חרם... — האָט ער אָנגעהויבן. — איך האָב באַנומען די גרויסע אומרעכט, וואָס ווערט קעגן דיר באַגאַנגען, און אויב קעגן דיר, איז עס אויך קעגן גאַנצן יידישן פאָלק. זיי, די רבנים, האָבן מיך אָוועקגעשטעלט אין דיינע רייען, גרויסער רבי און לערער; דו ביסט משיח און דו וועסט ברענגען די גאולה אויף דער וועלט. איך שליס מיך אָן אין דער צאָל פון דיינע אָנהענגער און וועל ביז מיין לעצטן אָטעמצוג דיר נאָכגיין און וועל טיילן מיט דיר די ליידן און פריידן, וואָס דיר איז באַשערט אויסצושטיין...

שבתי צבי האָט אים אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך, געגלעט אים איבערן אַקסל און געפּליסטערט מיט די ליפּן קוים וואָס מ׳האָט געהערט:

— געבענטשט זאָלסטו זיין פאַר דיין גוטער טאַט, מיין נייער חבר...

די הויכע געשטאַלט פון שמואל פרימאָ האָט זיך אַ ביסל געדאַרפט אַראָפּבייגן צו שבתי צבי און זיינע הימל־בלויע אויגן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן, זיין קליין בלאָנד בערדל האָט זיך געקרייזלט אַרום זיינע פולע באַקן, וואָס האָבן זיך כסדר גערויטלט, ווען שבתי צבי האָט צו אים גערעדט.

— איך האָב אייך אַהערגערופן, כדי אייך צו מעלדן וועגן מיין אָנגענו־מענעם באַשלוס, וואָס איך וויל נאָך היינט ביינאַכט אויספירן — האָט שבתי צבי מיט אַן ערנסטן טאָן אָנגעהויבן.

די חברים זיינע האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו זייער רבינס רייד, כדי נישט דורכצולאָזן קיין איין קלאַנג.

— היינט ביינאַכט גייט אָפּ אַ שיף קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און מיר פאָרן אַלע מיט דער דאָזיקער שיף אַוועק פון דאַנען. איך האָב באַשלאָסן

אויף אַ געוויסער צייט צו פאַרלאָזן סמירנע. איר האָט אַ רעכט זיך אָפּ־צוזאָגן פון דער דאָזיקער נסיעה, אָבער איך וואָלט געווען גליקלעך, ווען איר באַגלייט מיך דאָרט אַהין. איך גלייב, אַז אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל וועלן מיר געפינען אויערן פאַר אונדזערע רייד, און מוחות וואָס וועלן באַגרייפן די גרויסקייט פון דער היינטיקער צייט... — האָט שבתי צבי צו זיי גע־רעדט מיט פאָטערלעכע רייד.

— נעשה ונשמה!... — האָט יצחק סילווייראַ אויסגערופן אַ צעפלאַמ־טער, — וווּ דו וועסט גיין, וועלן מיר נאָכגיין, וווּ דו וועסט באַשליסן צו פאַרבלייבן, וועלן מיר אויך פאַרבלייבן.

אַלע האָבן נאָכגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, בלויז איין משה פינהייראַ האָט געשוויגן. ער האָט זיך געררויטלט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד, איבערגעשטעלט די פיס פון איין אָרט אויפן צווייטן. עס האָט אים באַ־הערשט אַן אומרואיקייט. ער האָט עטלעכע מאָל געעפנט דאָס מויל, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט.

— וואָס איז מיט דיר, מיין בעסטער חבר, משה פינהייראַ? — האָט שבתי צבי אים געפרעגט.

משה פינהייראַ האָט אַ ווײַלע זיך געקווענקלט, ער האָט געזוכט די ריכטיקע רייד, ווי אַזוי זיך צו פאַרענטפערן פאַר זיין רבין און עלטערן חבר.

— איך וועל שטענדיק זיין מיט דיר, מיין רבי... — האָט ער ענדלעך אַרויסגעבראָכן די עטלעכע ווערטער פון זיין מויל — נאָר...

— נאָר וואָס?... — האָט שבתי צבי מיט אומרואיקייט אין זיין שטים געפרעגט.

— נאָר איך בין נאָך נישט גרייט. דיין באַפעל איז פאַר מיר געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז איך ווייס נישט וואָס צו טאָן. איך האָב נאָך פיל זאַכן דאָ צו דערלעדיקן. דערלויב מיר, רבי, און איך וועל מיט דער קומענדיקער שיף נאָכקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זיי רואיק, איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. דיין ציל איז מיין ציל און דיין וועג איז מיין וועג...

שבתי צבי האָט אים טיף אַריינגעקוקט אין די אויגן, און מיטאַמאָל האָט אַ קלוגער שמייכל זיך צעשפּילט אויף זיינע ליפּן.

— ווי עס זעט אויס, האָט נאָך דער יצר־הרע אַ שליטה איבער דיר, מיין חבר... — האָט ער אויסגערופן מיט שפּאַס צו משה פינהייראַ — אָבער איך גלייב, אַז דו וועסט אים סוף־כל־סוף מנצח זיין...

משה פינהייראַ איז רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן. ער האָט זיך געפילט אומבאַקוועם, וואָס שבתי צבי האָט געזען זיינע געדאַנקען. שבתי צבי האָט, וואָס אַן אמת, עפּעס געהערט וועגן זיין חברס געפילן צו זיין געוועזענער כלה. עס האָט אים עמעצער וועגן דעם געלאָזט פאַלן אַ וואָרט. פונדעסטוועגן האָט אים עפּעס געאַרט פאַרוואָס זיין נאָענטער חבר שדכנט זיך צו דער שיינער רחל.

אַ ווײַלע האָט געדויערט אַ שטילשוויַיגן צווישן זיי, אָבער מיטאַמאָל האָט משה פינהייראַ, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסזאָגן שנעל דאָס, וואָס ער האָט אויפן זינען, אויסגערופן אַ שטאַמלענדיקער צו שבתי צבי:

— איידער דו פאַרלאָזט סמירנע, וואָלסטו געדאַרפט טאָן אַ וויכטי־קע זאַך...

— וואָס פאַר אַ וויכטיקע זאַך, משה פינהייראַ?... האָט שבתי צבי אַ פאַרוווּנדערטער געפרעגט.

— איבערצולאָזן אַ גט פאַר דער שיינער רחל, דער טאָכטער פון ר׳ אהרן... — האָט משה פינהייראַ, שטיקנדיק זיך מיט די רייד, געזאָגט.

שבתי צבי איז געוואָרן ערנסט. ער האָט אויפגעהויבן זיין בליק אויף משה פינהייראַ, אים אָנגעקוקט אַ ווײַלע און דערנאָך אויסגערופן:

— איך וועל עס שוין טאָן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. איך וועל דעם גט דיר שיקן, און דו וועסט זיין דער שליח אים איבערצוגעבן...

משה פינהייראַס פּנים האָט אויפגעשטראַלט. ער איז גרייט געווען צו פאַלן שבתי צבי צו די פיס און קושן דעם זוים פון זיין קלייד פאַר דער ליַיטזעליקייט, וואָס ער ווייזט אים אַרויס.

— דו טוסט אַ גוטע זאַך, מיין חבר, — האָט זיך משה פינהייראַ צע־לאָזט מיט שבחים פאַר שבתי צבי — אַנדערש, וואָלט דאָס מיידל געבליבן אַן עגונה און אירע יסורים וואָלטן געווען געפאַלן אויף דיין קאָפּ. גרויס איז די עבירה פון פּייניקן אַ נפש, און נאָך גרעסער איז די עבירה פון פּייניקן אַ יונפרוי, ווען מען פאַרמיידט פון איר די נאַטירלעכע הנאה. עס שטייט געשריבן „שארה כסותה ועונתה לא יגרע״ — ער זאָל איר שפּייז, איר קליידונג און איר וויַיב־רעכט נישט מינערן... און מיט דיין איבערלאָזן זי אַן עגונה וואָלסטו פון איר פאַרמינערט די אַלע דריי זאַכן, וואָס די תורה האָט פאַרבאָטן נישט צוצונעמען פון דער פרוי...

— האָסט גוט געדרשנט, משה פינהייראָ... — האָט שבתי צבי אים אַ גלעט געטאָן איבערן אַקסל — דיין בקשה וועט דערפילט ווערן.

שבתי צבי האָט זיך אָנגעהויבן באַראָטן מיט זיינע אָנהענגער וועגן איינאָרדענען די נסיעה. אינמיטן דער אסיפה זענען אַריינגעקומען די צוויי פוילישע יידן, ר׳ וואָלף און ר׳ מעכל. אויך זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען קעגן דעם חרם, וואָס מ׳האָט אַרויפגעלייגט אויף שבתי צבי און אַז זיי זענען גרייט מיטצופאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל צו טיילן מיט אים דעם אַרויפגעצוווּנגענעם גלות. עס איז געקומען דער גריכישער דאָקטער, דער גר אברהם אבולעפיא און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער חברותא פון שבתי צבי מיטצופאָרן אין דער טערקישער הויפּטשטאָט.

דער טאָג האָט זיך שוין געהאַט אַוועקגענויגט. די זון האָט רויט געפלאַמט, ווען זי איז אונטערגעגאַנגען און פאַרזונקען געוואָרן אין ים. דורך די שויבן האָט אַריינגעפלאַקערט דאָס גליאיקע פייער פון די איבערגעבליבענע שטראַלן אויפן הימל. עפּעס אַזאַ אומעטיקייט האָט אַלעמען אַרומגענומען. מ׳האָט נישט געקאָנט וויסן, צי איז דאָס צוליב דער צעשיידונג מיט שבתי צבי, צי סתם אזוי צוליב דעם פאַרגיין פון אַ טאָג, וואָס וועט זיך שוין מער קיינמאָל נישט אומקערן.

שבתי צביס מוטער האָט געוויינט אין אַ ווינקל. טרערן האָבן זיך איר געגאָסן פון די אויגן, אָבער זי האָט מיטביידע הענט צוגעהאַלטן דאָס מויל, כדי איר געוויין נישט אַרויסצוברענגען פאַר די אויערן פון איר זון. זי האָט אים נישט געוואָלט טרויעריק מאַכן. אויך דער פאָטער האָט קוים איינגעהאַלטן די טרערן.

— זייט נישט טרויעריק, ר׳ מרדכי צבי!... — האָט אויף זיין אַקסל עמעץ אַרויפגעלייגט די האַנט.

דער פאָטער האָט זיך אומגעקוקט און פאַר אים איז געשטאַנען ר׳ וואָלף.

— עצבות איז נישט ליב דעם רבונו של עולם, טרויעריקייט מאַכט קראַנק דעם מענטש. איר דאַרפט זיין פריילעך. אייער זון גייט אין דעם ריכטיקן וועג. פון דאָרט, פון דער גרויסער שטאָט, וועט קומען די גאולה. אויך דאָ אין סמירנע וועלן זיך די רבנים איבערצייגן אין זייער טעות און זיי וועלן תשובה טאָן. — וואָס זאָל איך נאָך זאָגן, אַז איך האָב מיין גאַנצע משפחה פאַרלוירן און וועל זי שוין מער קיינמאָל נישט זען? כ׳האָב

בלויז אַ שוואַכע האָפענונג, אַז מיין קליין טעכטערל שרה לעבט. ווער ווייסט אָבער ווו זי איז און ווער עס פאַרנעמט זיך מיט איר...

ר׳ מרדכי צבי האָט אַ שוואַכן שמייכל געטאָן, ער האָט זיך געלאָזט טרייסטן און ער האָט דעם פוילישן ייִד, וועלכער האָט צו אים אַזוי וואַרעם און ברידערלעך גערעדט, געדריקט די האַנט און געבענטשט אים אויף זיין וועג.

— זאָל דער אייבערשטער אייך נעמען אין זיין שוץ, ר׳ וואָלף... איר טוט אַ גרויסע זאַך, וואָס איר באַגלייט מיין זון אין דעם וייטן וועג. איך האָף פון אייך בקרוב צו הערן גוטע בשורות. איך פיל מיט מיין גאַנץ וועזן, אַז גאָר גרויסע זאַכן וועלן אינגיכן געשען, זאַכן, וואָס וועלן מאַכן אַ סוף צו די ליידן און יסורים פון דער יידישער אומה...

— אמן !... — האָט ר׳ וואָלף פרום אָפגעענטפערט.

די עלטערן זענען צו דער שיף ניט מיטגעגאַנגען. אַזוי האָט פון זיי פאַרלאַנגט שבתי צבי. עס איז שוין געווען גוט טונקל. ערגעץ־ווו האָט נאָך אַ פורפורנער פאַס זיך געשלענגלט אויפן הימל־האָריזאָנט, און עס האָט שוין אָנגעהויבן אויפטויכן אַ שטערנדל נאָך אַ שטערנדל. ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט.

הונדערטער מענטשן האָבן באַגלייט שבתי צבין מיט זיינע חברים צו דער זעגלשיף, וואָס האָט געאַנקערט ביים סמירנער האַפן. דאָס איז געווען אַ טערקישע שיף, אויף וועלכער עס האָט געפלאַטערט די גרינע פאָן פון איסלאַם. די ווייסע זעגלען זענען שוין געווען אָנגעבלאָזן פון דעם לייכטן ווינטל, וואָס האָט געצויגן פון מערב. אַ סך מענטשן זענען שוין געווען אויפן דעק. מ׳האָט געהערט די שפראַכן פון צענדליקער פעלקער. דאָס זענען געווען סוחרים פון ענגלאַנד, פון אינדיע, פון פראַנקרייך און פון פוילן.

שבתי צבים באַגלייטער האָבן זייער שפראַך אַריינגעבראַכט ווי אַ טייל פון דער גרויסער לשונות־סימפאָניע. מ׳האָט געוויינט און מ׳האָט געלאַכט. שבתי צבי האָט שטום און מיט אַן ערנסט פנים געענטפערט אַלעמען מיט אַ באַוועג פון דער האַנט.

פון די קעגנער איז קיינער ביי דער שיף נישט געווען, קיינער פון זיי האָט פונדעסטוועגן נישט געוואָלט מיטשיקן שבתי צבין אַ קללה אויפן

וועג, ביי יעדן פון זיי האָט זיך ערגעץ־ווו טיף אין דער נשמה פאַרגנבעט אַ צווייפל: „אפשר?...״

— ווער קאָן וויסן, ווער עס איז גערעכט... — האָט עמעץ אין בית־המדרש געפאַלן אַ וואָרט. ער האָט בישט קיין מורא געהאַט איינצושטעלן, ווייל עס איז נאָך געווען פינצטער, עס איז געווען בין השמשות, צווישן מנחה און מערב.

אָבער דער דאָזיקער „עמעצער״ איז נישט געווען איינער, וואָס האָט אַזוי געטראַכט. עס זענען געווען אַ סך אַזעלכע, ווייל קיינער האָט זיינע רייד נישט דערווידערט. עפּעס אַ וואָרט פון צושטימונג האָט זיך פון אַ זייט געלאָזט הערן:

— אַ גרויסער מענטש איז ער דאָך, נאָך אַלעמען...

— אַ גרויסער עולם האָט אים באַגלייט צו דער שיף... — האָט ווידער עמעץ אַ זאָג געטאָן גלאַט אין דער וועלט אַריין.

— ער האָט גוט געטאָן, וואָס ער פאָרט אַוועק... זאָל זיך די זאַך אָפּקילן...

און איינער האָט זיך דאָך נישט איינגעהאַלטן און האָט אין דער פינצטער זיך אַרויסגעגנבעט פון טונקעלן בית־המדרש. ער איז געלאָפן צום האַפן זען, וואָס עס קומט דאָרט פאָר.

ווען ער איז דאָרט צוגעקומען, האָט ער געטראָפן שטיין שבתי צבי אויפן דעק פון דער זעגלשיף אַ טרויעריקן, אַן אומעטיקן און אַ פאַרטראַכטן.

— זיי זענען אומגערעכט געווען מיט לייגן אים אין חרם אַריין... — האָט דער דאָזיקער מענטש געשעפּטשעט צו זיך אַליין, און אַ צווייפל האָט זיך אויך אין אים אַריינגעגנבעט אין האַרץ, און דעם דאָזיקן צווייפל האָט ער צוריקגעבראַכט אין בית־המדרש.

די עטלעכע טעג אויף דער שיף אויפן וועג קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל זענען געווען טעג פון איין גרויסן יום־טוב. די ערשטע נאַכט האָט קיינער קיין אויג נישט צוגעטאָן, מ׳האָט געטאַנצט און געזונגען אויפן דעק פון דער שיף, וואָס האָט זיך געגליטשט אין דעם פינצטערן אין־סוף. שוואַרץ איז געווען אַרום און דאָס וואַסער האָט געפּליעסקעט, ווי צוגעפּאַטשט צום טאַקט פון די טענץ. בלויז פון צייט צו צייט האָט אַ ווייסע שוימיקע כוואַליע אַ וואַש

געטאָן די ווענט פון דער שיף און די ווייסע אָנגעבלאָזענע זעגלען האָבן אַרויסגעלויכטן פון דער פינצטערניש.

שבתי איז געווען אויסערגעוויינלעך פריילעך און ער האָט מיט זיין פרייד אויך אָנגעשטעקט די איבעריקע באַגלייטער זיינע. אַפילו די גוים, קריסטן און מאַכמעדאַנער, וועלכע זענען אויף דער שיף געפאָרן, זענען געוואָרן אָנגעשטעקט מיט דער פרייד און זיי האָבן באַוווּנדערט דעם יונגן ר׳בין, וועלכער זעט אויס ווי אַ געטלעכער מלאך...

— אין היינטיקן יאָר ענדיקט זיך דער מילעניום, די טויזנט יאָר, נאָך וועלכע ישו הנוצרי דאַרף זיך ווידער באַווייזן אויף דער ערד... — האָט איין קריסט זיך שטיל אָנגערופן צו זיין שכן — ווער ווייסט, צי...

— דער דאָזיקער איז דאָך אָבער אַ ייד!... — האָט אים דער צווייטער קריסט איבערגעשלאָגן אינמיטן די רייד.

— און ישו הנוצרי איז דען נישט געווען קיין ייד?... — האָט אים דער ערשטער צוריקגעענטפערט מיט אַ זיגערישן בליק.

— אפשר... — האָט יענער רעזיגנירט און צווישן די קריסטלעכע פּאַסאַזשירן אויף דער שיף איז דער דרך־ארץ צו שבתי צבי געוואַקסן פון רגע צו רגע. זיי האָבן פּלוצלונג אָנגעהויבן זען אין אים געטלעכע דער־שיינונגען.

— ווען ער רעדט, דאַכט זיך מיר, אַז פונקען שפּריצן פון זיין מויל — האָט איינער פּלוצלינג געלאָזט פאַלן אַ וואָרט.

די דאָזיקע רייד האָבן אויך דערגרייכט צו די יידישע רייזנדיקע און זייער גלויבן אין שבתי צבי איז נאָך מער געוואַקסן.

— אפילו גוים גלייבן אין אים... — האָט שמואל פּרימאָ מיט ער־פורכט אויסגערופן צו עטלעכע פון שבתי צביס אָנהענגער, וועלכע האָבן צווישן זיך שטיל גערעדט אויף אַ ווינקל פון דער שיף.

— עס קומט די צייט, ווען די גוים וועלן זיך אומקערן צו אונדז און אָנערקענען גאָטס נאָמען און וועלן לערנען זיין תורה... — האָט יצחק סילוויירא געזאָגט און דערביי אָנגעוויזן אויף דעם גריכישן דאָקטער אברהם אבולעפיא, וועלכער האָט געמאַכט דעם אָנהייב און אָנגענומען דעם יידישן גלויבן.

פּלוצלינג האָט איינער פון שבתי צביס מיטרייזנדיקע אויסגערופן מיט אַ הויכער שטים:

— מעריב!...

דער גאַנצער עולם איז אויסגעטאָן געוואָרן פון דער וועלט. זיי האָבן הויך אויפן קול אויסגערופן „שמע ישראל”, און די תפילה פון מעריב איז דורך אַלעמען מיט גרויס כוונה אָפגעריכט געוואָרן. די קריסטן האָבן פון ווייטן זיך צוגעקוקט און געגאַפט.

— די יידן זענען נענטער צו גאָט ווי ווער אַנדערש פון די איבעריקע פעלקער... — האָט איין קריסט אויסגערופן מיט קנאה.

— זיי זענען דאָך אַן אויסדערוויילט פאָלק... — האָט אַ צווייטער געפונען אַ תירוץ.

— טאָ פאַרוואָס ווערן זיי אַזוי דורך די איבעריקע פעלקער פאַרפאָלגט, גערודפט און געפייניקט?... — האָט עמעץ צווישן די קריסטן געפרעגט.

— איז דען דאָס נישט קיין שטראָף, פאַר דערמאָרדן אונדזער גאָט?... האָט אַן אַנדערער געפרעגט.

— זעסטו דאָך, אַז די יידן זענען געווען גערעכט מיט זייער באַהויפּטונג, אַז משיח איז נאָך נישט געקומען... אָט זעען מיר דאָך באַשיינפּערלעך מיט אונדזערע אייגענע אויגן, אַז זייער משיח קומט איצט צו זיי, אָט איז ער ז'אָך מיט אונדז און קיינער וועט דאָך נישט פאַרלייקענען, אַז ער איז אַ געטלעכער מאַן. נאָט זעט, קוקט אים אָן! זעט אַזוי" אויס אַ געוויינלעכער מענטש?... — האָט איין קריסט געפרעגט, אָנווייזנדיק אויף שבתי צבי, ווי ער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון דער שיף, אַרומגערינגלט פון זיינע אַנהענגער, און איז געווען פאַרטיפט אין זיין געבעט.

— ווי אַ מלאך זעט ער דאָך אויס, נישט ווי קיין שטערבלעכער מענטש...

— און אפשר באַוויייזט זיך קריסטוס אין זיין געשטאַלט?... — האָט עמעץ פלוצלינג אַ פרעג־געטאָן.

דערווייל האָט זיך דערטראָגן צו זייערע אויערן דער אויסרוף „א־ח־ד”!

— זייער גאָט איז דער איינציקער און זייער משיח איז איינציק... — איז פון אַן אַנדערן געקומען דער ענטפער.

נאָך דער תפילה פון מעריב, האָבן די אַנהענגער פון שבתי צבי געגרייט אַ טיש און אַלע האָבן זיך געזעצט צום טיש און געגעסן בציבור, זינגענדיק דערביי פאַרשידענע לידער.

דאָס אַלץ האָט איבערגעלאָזן אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די קריסטן. און אפשר האָט זיך טאַקע ביי עמעצן פון זיי אַריינגעכאַפּט אַ צווייפל אין

דער נשמה? אפשר זענען די יידן געררעכט אין זייער באַנעם וועגן איינאיינ־ציקן גאָט?

נאָך דער נאַכט־סעודה האָבן זיי זיך אַלע אַרומגענומען און אין אַ גרויס ראָד אָנגעהויבן צו טאַנצן. וווּ־נישט־ווו האָט אויפן דעק געלויכטן אַ לאַמ־טערן און געוואָרפן אַ רויטלעכע שיין אויף די טאַנצנדיקע געשטאַלטן. די שוואַכע רויטקייט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין טינט־שוואַרצן ים און באַ־לויכטן די ווייס־שוימיקע כוואַליעס, וואָס האָבן געוואַשן די שיף פון אַלע זייטן. זיי זענען גאַרנישט מיד געוואָרן צו טאַנצן. פאַרקערט, וואָס אַמאָל איז דער טאַנץ געוואָרן אַלץ שטאַרקער און מעכטיקער און זייערע קולות האָבן זיך אָפּגעטראָגן ווייט איבערן פינצטערן ים, און הויך, צום אויס־געשטערנטן הימל.

ווען די ערשטע בלאַסקייט האָט זיך אָנגעהויבן צייכענען דאָרט ווייט, וווּ הימל און וואַסער גיסן זיך צוזאַמען, האָט דער עולם זיך געלאָזט גיין צו זייערע געלעגערס. מידע און אָפּגעמאַטערטע זענען זיי תיכף אַריינגע־פאַלן אין אַ טיפן שלאָף און געזען וווּנדערלעכע חלומות.

שבתי צבי אָבער האָט אַזוי גיך נישט געקאָנט איינשלאָפן. ערשט איצט, איינער אַליין אויף זיין געלעגער, האָט ער רויִק געקאָנט באַטראַכטן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אין די לעצטע צוויי טעג דורכגעלעבט.

ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס די רבנים רודפן אים אַזוי אומברחמנותדיק. אפילו זיין געליבטער רבי, ר׳ יוסף איש־קפא, איז אויף זייער זייט...

— פאַרוואָס? פאַרוואָס?... — האָט ער זיך אפשר צום הונדערטסטן מאָל געפרעגט. איז ער, שבתי צבי, דען נישט קיין פרומער ייד ווי זיי אַלע? האָט ער זיך נישט געפייניקט צוליב דעם, כדי צו ברענגען די גאולה פאַר דעם יידישן פאָלק? האָבן דען די יידן נאָך אַלץ ווייניק געליטן אין גלות?... פאַרוואָס האָבן זיי צו אים אַרויסגעוויזן אַזאַ שנאה?...

ער האָט קיין ענטפער אויף די אַלע פראַגעס נישט געקאָנט געפינען, און דאָס האָט אים שטאַרק וויי געטאָן.

ער האָט זיך דערמאָנט אין זיינע עלטערן, ווי טרויעריק זיי זענען געווען, ווען ער האָט פאַרלאָזט זייער הויז... ער האָט זיך אויך דערמאָנט אין דער שיינער רחל, זיין כלה... פאַרוואָס איז אַזוי אויסגעפאַלן דער גורל, אַז ער זאָל זיין דער שולדיקער אין אירע יסורים?

פלוצלינג האָט אַ מידער שמייכל זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין חבר משה פינהייראַ...

— ער האָט זי ליב... יאָ, אפשר איז עס טאַקע אַ זיווג מן השמים?... — האָט ער צו זיך גערעדט אויפן געלעגער.

אַ בלווילעכע ליכטיקייט האָט אָנגעהויבן אַריינקומען דורך די ביז־איצט שוואַרצע שויבן. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן צו קלעפּן. ווירק־לעכקייט און טרוים האָבן זיך אָנגעהויבן צו מישן ביז ער האָט שוין נישט געקאָנט אונטערשיידן חלום פון וואָר.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געשטאַנען אַ זוניקער טאָג. די שיף האָט זיך זייער שטאַרק געוואַקלט. אַ ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן פון צפון. אָבער דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט, און ווידער האָט זיך די שיף געגליטשט ווי אויף אַ גלאַטן שפּיגל.

אַ קלאַפּ אין טיר האָט איבערגעריסן זיין געדאַנק. ער האָט זיך אויפ־געזעצט אויפן בעט.

עס איז אַריינגעקומען יצחק סילווייראַ און האָט אים איבערגעגעבן אַן אויסערגעוויינלעכע געשיכטע:

אַ גרופּע קריסטן זענען צו אים צוגעקומען אויף דער שיף און האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי געבן אָנווייזונגען ווי אַזוי זיי קאָנען זיך מגייר זיין... צוקוקנדיק זיך צו דער פירונג פון די יידן, האָבן זיי איינגעזען אין דער אמתדיקייט פון אייגאיינציקן גאָט און זיי ווילן אָננעמען די יידישע אמונה.

שבתי צביס פּנים האָט אויפגעלויכטן. ער האָט דערין געזען אַ גוטן צייכן פאַר זיך.

— דאָס גליק פּאַרט מיר נאָך און איך גלייב באמונה שלימה, אַז אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל וועלן מיינע ברידער מיך בעסער פאַרשטיין. אין נביא בעירו... אין זיין אייגענער שטאָט ווערט קיינער נישט אָנערקענט אַלס אַ נביא... — האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

ווען די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט אין האַפן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט ווי אַ ווילד פייער זיך פונאַנדערגעטראָגן די ידיעה, אַז עס איז גע־קומען אַ גרויסער מאַן אין שטאָט אַריין. דער נאָמען פון שבתי צבי איז שוין דאָרט געווען גוט באַקאַנט, ווייל פון סמירנע זענען סוחרים אָפט גע־

פאָרן אין דער טערקישער הויפּטשטאָט און צווישן יידן אין בית־המדרש אָדער אין שול האָט מען זיך דערציילט פאַרשעדענע מעשיות. פון דער ווייטנס זענען די געשיכטעס וועגן שבתי צבי נאָך מער פאַרגרעסערט גע־וואָרן און די רייכע יידן מיט די רבנים אין דער שפּיץ האָבן צוגעגרייט פאַר אים אַן אויסערגעוויינלעכן קבלת־פּנים.

שבתי צבי אַליין האָט זיך נישט געריכט, אַז אַזוי פיל מענטשן וועלן אים קומען מקבל־פּנים זיין ביים האַפן. עס איז געווען שוואַרץ פון מענטשן, מען איז געקומען מיט ספרי־תורהס און אונטער אַ חופּה פון בלויען סאַמעט, געשטיקט מיט זילבער און גאָלד, האָט מען אים געפירט אין שטאָט אַריין.

אפילו מאַכמעדאַנער און קריסטן האָבן זיך מיט גרויס דרך־ארץ אָפּ־געשטעלט אין די גאַסן און איינער ביים אַנדערן האָט געפרעגט:

„ווער איז דאָס דער געטלעכער מאַן, וועמען אַזוי פיל יידן זענען אַנט־קעגנגעגאַנגען און פירן אים מיט אַזוי פיל כבוד אין שטאָט אַריין?...”

די קריסטן, וועלכע זענען געקומען מיט שבתי צבי אויף דער זעלבער שיף, האָבן געהאָלפן פאַרשפּרייטן זיין נאָמען צווישן די גויים.

— דאָס איז דער יידישער משיח... — האָבן זיי יעדן איינציקן, וועל־כער איז נאָר געווען נייגעריק צו הערן, איינגערוימט אין אויער מיט גרויס יראת־הכבוד.

איינגעשטאַנען איז שבתי צבי ביי איינעם פון די גרעסטע גבירים אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, מ'האָט אים דאָרט אָפּגעגעבן אַ באַזונדערע דירה פון עטלעכע צימערן, אויסגעשטאָט מיט פּרעכטיקע מעבל. און אַ ווייך בעט האָט מען אים צוגעגרייט, ער זאָל זיך ווי געהעריק אויסרוען נאָך דער לאַנגער נסיעה.

הונדערטער מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט ארום דעם הויז, ווו שבתי צבי איז איינגעשטאַנען און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן: „לאָזט אונדז כאָטש וואַרפן אַן איינאיינציקן בליק אויף דעם הייליקסטן פון די הייליקע”...

אָבער זיי זענען אָפּגעטריבן געוואָרן דורך די שומרים, וועלכע האָבן זיך אַליין פאַר אַזעלכע באַשטימט, קיינער האָט זיי דאָ נישט אַוועקגע־שטעלט, נאָר אַליין האָבן זיי אויף זיך גענומען די דאָזיקע עובדה.

— גייט אַוועק! דער רבי איז מיד, ער איז אָפּגעמאַטערט פון דער רייזע איבערן ים... לאָזט דעם רבין זיך אַביסל אויסרוען, מאָרגן וועט ער

אייך אויפנעמען, מאָרגן וועט איר אים קאָנען זען... — האָבן די וועכטערס געטריבן די נייגעריקע הונדערטער און הונדערטער מענטשן.

שבתי צבי איז באמת מיד געווען. ער איז געזעסן ביי זיך אין אָפּגעזונדערטן צימער און געדאַוונט מנחה. רויטלעכע שטראַלן האָבן נאָך אַריינגעשיינט דורך די פענצטער און אָפּגעגאָסן זיין פּנים מיט פּורפּור־פאַרב. די מענטשן, וועלכע האָבן זיך געשטופּט אַרום די פענצטער, האָבן איינער דעם אַנדערן אָנגעוויזן אויף שבתי צבי, וועלכער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און געזאָגט שטילערהייט די שמונה עשרה.

— אָט דאָס איז דער משיח אונדזערער, ער וועט אונדז אויסלייזן פון לאַנגן גלות. ער וועט צוריק אויפבויען דאָס בית־המקדש און צוריק אויפשטעלן די יידישע מדינה... — האָבן זיי איינער דעם אַנדערן געזאָגט און באַוואונדערט זיין יונגקייט.

— זעט נאָר, ווי יונג ער איז, אפשר צוואָנציק יאָר אַלט!...

— ער איז שוין 22 יאָר...

— וואָס פאַר אַ נפקא מינה, ער איז נאָך אַלץ יונג, און שוין אַזאַ גרויסער מאַן ביי יידן!...

— כ׳וואָלט געוואָלט מיין ווייב צו אים ברענגען, ער זאָל זי בענטשן, זי זאָל מער קיין עקרה נישט זיין... — האָט עמעץ ערנסט גערעדט ווי צו זיך אַליין.

— און איך וואָלט אים מיין טאָכטער פאַר אַ ווייב געגעבן... — האָט אַן עלטערער ייד ווי געפּליסטערט מיט זיינע ליפּן.

— פאַרוואָס זאָל ער גראָד דיין טאָכטער יאָ וועלן נעמען, נאָך דעם ווי ער האָט נישט געוואָלט זיך צורירן צו דעם שענסטן מיידל פון לאַנד?...

— האָט עמעץ ביי אים געפרעגט.

דער ייד האָט זיך פאַרשעמט און גאָרנישט געענטפערט.

עס איז אַרויסגעקומען איינער פון שבתי צביס לייבוועכטער און אָוועקגעטריבן די מענטשן פון הינטער די פענצטער.

— איר לאָזט נישט דעם רבין זיין אַ רגע אַליין!... — האָבן זיי געשריגן צו זיי.

דער עולם איז זיך פונאַנדערגעלאָפן, אָבער אין אַ ווײַלע אַרום איז ווידער שוואַרץ געווען פון נאָך אַ גרעסערן המון הינטער שבתי צביס פענצטער.

עס איז צוגעפאַלן דער אָונט, די פענצטער זענען פאַרהאָנגען געוואָרן

מיט דיקע קאַטאַרן און מ׳האָט שוין מער קיינעם נישט געזען אינעווייניק. ערשט דעמאָלט זענען די מענטשן זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

שבתי צבי איז געווען דאָס געשפּרעך פון אַלע יידן אין שטאָט. אַלע געשעפטן זענען פאַרגעסן געוואָרן, אַלע קריגערייען צווישן מענטש און מענטש זענען אָפּגעשטופּט געוואָרן אין אַ זייט. אַלעמען האָט באַהערשט לייטזעליקייט און שלום. מען האָט בלויז גערעדט וועגן דער גרויסער גע־שעעניש, וועגן דעם אָנקומען פון שבתי צבי קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

— מען שמועסט, אַז דער סולטאַן אַליין וועט אָפּטרעטן פון טראָן און וועט זיין קרוין איבערגעבן דעם מלך המשיח... — האָט מען אין בית־המדרש בין מנחה למעריב גערעדט.

— עס זענען שוין באַשטימט געוואָרן שליחים, וועלכע זאָלן רעדן מיט שבתי צבי, אַז ער זאָל אייבוויליקן די קרוין פון טערקיי אָנצונעמען...

— גרויס איז דער נס, וואָס האָט זיך צו אונדז באַוויזן...

— און אין פּוילן פּירט מען יידישע קינדער צו דער שחיטה... — האָט עמעץ אַ זיפץ געטאָן.

— עס ווערט נישט ליכטיק, ביז עס ווערט נישט פריער גוט פינצטער...

— שטייט דאָך געשריבן אין די קבלה־ספרים, אַז איידער משיח וועט קומען, וועט אונדזער פאָלק געשטעלט ווערן צו אַ נסיון, פּונקט ווי אונדזער פאָטער אַברהם איז געשטעלט געוואָרן פאַרן נסיון צו פירן זיין זון צו דער עקדה...

— אָבער דעמאָלט האָט דאָך דער מלאך אָנטקעגעשטויסן אברהמס האַנט, ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַ פיר טאָן מיטן מעסער איבערן האַלדז פון זיין זון, און דאָ זענען שוין אַזוי פיל יידן אויסגעשאָכטן געוואָרן אָן רחמנות... קיין שום מלאך נעמט זיך נישט אָן זייער עוולה...

— און דאָס קומען פון משיח איז ביי דיר גאָרנישט ?!... — האָט עמעץ מיט געבייזער אַ זאָג געטאָן.

— אָבער ער האָט דאָך נאָך די גרויליקע שחיטות נישט אָפּגעשטעלט !... מיט יעדן טאָג קומען אָן אַלץ שרעקלעכערע בשורות, יידן אַנטלויפן וווהין די אויגן טראָגן זיי, אויב זיי קאָנען נאָך אַנטלויפן...

— דאָס זענען שוין די לעצטע טעג פון די שחיטות... — האָט עמעץ זיך אָנגערופן.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?... — האָט מען ביי אים געפרעגט.

— אַ שליח איז היינט געקומען פון פוילן און האָט איבערגעגעבן, אַז דער פוילישער קעניג יאַן קאַזימיר פירט אונטערהאַנדלונגען מיט באָגדאַן כמיעלניצקי אָפּצושטעלן די בלוטיקע מלחמה.

— אַ גרויסע ישועה!... אויב מען פירט נישט דעם מערדער כמעל־ניצקין אויף אַ קייט צו דער תליה, וואָס פאַר אַ טרייסט איז דאָס?... אויב אַ קעניג פירט מיט אים אונטערהאַנדלונגען איז ער דאָך דערמיט אַליין שוין פאַררעכנט ווי אַ גרויסער שר.

— זיין מפלה איז שוין סיווי אָנגעצייכנט, זי וועט קומען פון דער האַנט פון מלך המשיח... ער וועט נקמה נעמען פאַר אונדזערע ביז איצטיקע עוולות, ער וועט אויפמאָנען דאָס אומשולדיק־פאַרגאָסענע יידישע בלוט...
— האָט מען זיך געטרייסט איינער דעם אַנדערן.

אַ ווייל איז אַריינגעטראָטן אַ שטילשווייגן. אין בית־המדרש איז געווען טונקל און מען האָט שוין קיין פנימער נישט אַרויסגעזען. בלויז דאָס קלאַפּן פון יידישע הערצער האָט זיך געהערט דאָס שווערע זיפצן, וואָס האָט זיך פון צייט צו צייט פון עמעצנס אַ ברוסט אַרויסגעריסן.

— מיט שבתי צבי זענען מיטגעקומען צוויי פוילישע יידן, וועלכע האָבן זיך קוים געראַטעוועט פון די שחיטות — האָט עמעץ פלוצלינג ווידער אָנגעהויבן דעם שמועס.

— זיי זענען געוואָרן שבתי צביס געטרייסטע אָנהענגער... — האָט עמעץ אַריינגעוואָרפן.

— און איך בין נאָך נישט אַזוי זיכער, אַז דאָס זענען די לעצטע טעג פאַר משיחס קומען און איך גלויב אויך נישט, אַז משיח איז שוין געקור־מען... — האָט איין יונגערמאַן פלוצלונג ווי אַ דונער אינמיטן העלן טאָג אַריינגעוואָרפן זיינע ספקות.

— וואָס הייסט?... ווי וואַגסטו, קלוגימוס, אַזוי צו זאָגן, ווען אַ גאַנ־צע וועלט מיט יידן גלייבן שוין אין אים?...

— ערשטנס, דאַרף משיח קומען צו רייטן אויף אַן אייזל, עס שטייט: „הוא עני ורוכב על החמור...” אַזוי האָט דער נביא זכריה פאָרויסגעזאָגט... און שבתי צבי זעט גאָרנישט אויס ווי אַן אָרעמאַן, און געקומען איז ער אויף אַ שיף...

— דער נביא זכריה האָט עס בלויז געזאָגט בתור משל... און דו נעמסט עס פונקט אַזוי ווי עס שטייט געשריבן... — האָט איינער אַ יונגערמאַן אים געענטפערט.

— און איך זאָג אייך, אַז ער איז משיח בן דוד!... האָט זיך פון דער פינצטער אַרויסגעהערט דאָס קול פון אַ באַקאַנטן מאַן אין שטאָט.

אַלע זענען אויף דעם דאָזיקן אויסרוף שטיל געוואָרן און יענער האָט פאַרגעזעצט:

— און איך זאָג אייך, אַז שבתי צבי איז געשיקט געוואָרן פון גאָט אויסצולייזן אונדז פון גלות און צוריק אויפצושטעלן דאָס געצעלט פון דוד...

— דאָס איז אברהם היכיני... — איז געוואָרן אַ געמורמל צווישן עולם.

און ווען מען האָט אָנגעצונדן אַ ליכט צו מעריב, איז שוין אברהם היכיני נישט געווען.

קאַפּיטל פינף

די שטים פון גאָט

— אויב אברהם היכיני זאָגט אויף אים, אַז ער איז משיח, דאַרף שוין ביי קיינעם מער קיין ספק נישט זיין, אַז עס איז אמת... — האָט אַ צעפלאָמטער יונגערמאַן באַלד נאָך מעריב אויסגערופן צו אַ גרופּע יידן, וועלכע זענען נאָך געבליבן אין בית־המדרש.

— אָבער פאַרוואָס איז ער אַזוי גיך פאַרשוווּנדן? מיר וואָלטן אים איבערגעפרעגט, ער זאָל אונדז עפּעס מער דערקלערן וועגן שבתי צבי... האָט אַ ייד זיך געהיצט. — איך האָב געהערט שבת נחמו אַ דרשה פון אברהם היכיני וועגן ביאת המשיח, האָט ער מיר די עצמות אַרויסגעצויגן. איך האָב געגאָסן מיט טייכן טרערן, אַזוי שיין האָט ער גערעדט.

— דו זאָגסט דאָס, גרשון, איך האָב אַמאָל געהערט אַברהם היכיני רעדן, האָב איך עטלעכע נעכט כסדר נישט געקאָנט שלאָפן. עס האָט זיך מיר נאָר געחלומט, אַז ער רעדט און רעדט, און מיר איז דאָס חיות אויסגעגאַנגען פון תענוג. איי, איי, קאָן ער דרשענען!...

— ער איז אודאי אַװעקגעגאַנגען צו שבתי צבי... — האָט עמעץ אַרױסגעזאָגט זײַן מײנונג. — אױב שבתי צבי איז משיח, איז אברהם היכיני זײַן אליהו הנביא... ער זאָגט אָן די גאולה, װי עס שטײט געשריבן אין די ספרים, אַז אײדער משיח װעט קומען, װעט אליהו הנביא אַרױפשטײַגן אױף די בערג, בלאָזן שופר און אָנזאָגן דעם טאָג פון גאולה...

— ער איז אַ גרױסער געלערנטער, אַן אױסערגעװײנלעכער בעל־מקובל... איך האָב אים אַנומלט געטראָפן אײנעם אַלײן צװישן די בערג אַרומבלאָנדזשען אַ פאַרטראַכטן, ער האָט מיך נישט באַמערקט... — האָט גרשון, װעלכער האָט אַזױ באַװונדערט אברהם היכיניס שײן רעדן, דער־צײלט — איך האָב זיך פשוט דערשראָקן פאַר זײַן געטלעכן אױסזען. איך האָב געמײנט, אַז איך װעל פאַרברענט װערן אין זײַן פײַער...

דער עולם האָט געשװיגן בעת גרשון האָט דערצײלט די דאָזיקע גע־שיכטע. עס האָט אַלעמען אַרומגענומען אַ מורא און גלײַכצײַטיק האָט אַ נײַגעריקײט יעדן באַהערשט.

— איך װאָלט איצט אַהינגעגאַנגען צום הױז װוּ שבתי צבי שטײט אײַן, איך װאָלט װיפיל געגעבן, אַז איך זאָל קאָנען װאַרפן אױף אים כאָטש אײן בליק... — האָט אײנער פון זײ אױסגערופן.

— מען זאָגט, אַז קומענדיקן שבת װעט ער האַלטן אין שול אַ דרשה, עס װעט אױך רעדן אברהם היכיני.

— פון װאַנען װײסטו דאָס, ער איז דאָך ערשט הײַנט געקומען ?...

— אין שטאָט האָט מען שױן װעגן דעם גערעדט.

— לאָמיר, עטלעכע מאַן, אַהינגײן און זען װאָס דאָרט קומט פאָר...

— האָט גרשון אױסגערופן.

אינדרױסן איז שױן געװען גוט פינצטער. אױף די גאַסן האָבן װוּ־נישט־װוּ געברענט אײל־לעמפלעך, געװאָרפן נאָר אַ שװאַכע שײַן און עס איז שװער געװען צו גײן. די עטלעכע מענטשן זענען געגאַנגען טריט בײַ טריט, כדי נישט צו פאַלן ערגעץ־װוּ איבער אַ שטרױכלונג. הינטער שבתי צביס פענצטער איז שױן קײנער נישט געשטאַנען. אַ שװערע פאָרהאַנג איז געװען אַראָפּגעלאָזט, און מען האָט בלױז געהערט פון דאָרט אָפּגעהאַקטע שטימען.

— שאַט! אַט רעדט דאָרט אברהם היכיני, איך דערקען זיין קול... — האָט גרשון זיך אָפּגערופן און געמאַכט אַ צייכן מיט דער האַנט, אַז מען זאָל זיך צוהערן.

דאָס קול איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער און שאַרפער. מ'האָט שוין געקאָנט אונטערשיידן וועגן וואָס ער רעדט.

— שוין לאַנג ווי מיר וואַרטן אויף אייך, רבי!.. — האָט זיך פון אינע־וויניק דערטראָגן דאָס קול פון אברהם היכיני — מיר האָבן וועגן אייך אַ סך געהערט און מיט גרויס תשוקה האָבן מיר אויסגעקוקט אויף אייער אָנקומען אין דער הויפּטשטאָט פון טערקיי. מיר האָבן אויך געהערט וועגן אייערע איבערלעבונגען אין סמירנע, און מיר פאַרשטייען, אַז דאָס זענען די חבלי־משיח... געבענטשט זאָל דערייבער זיין די רגע ווען איר האָט אַרויפגעטרעטן אויף אונדזער ערד; אַז וויל איז אונדזער דור, וואָס האָט דערלעבט די דאָזיקע טעג. עס איז אַ גרויסער זכות צו האָבן אייך דאָ צווישן אונדז, און מיר ווייסן עס ווי אָפּצושאַצן!

און דאָן האָט מען אינדרויסן געהערט שבתי צביס ענטפער, וואָס איז געקומען מיט אַ שטיל וויברירנדיק קול, ווי עס וואָלט געווען דורכגענומען מיט טרערן און געריטקייט:

— ווי עס זעט אויס, האָט גאָט מיך גענומען אין זיין שוץ און געפירט מיך אויף דעם ריכטיקן וועג ווען איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל. איך דאַנק דעם אייבערשטן, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט דיך, אברהם היכיני, וואָס גייסט אין מיינע טריט און איך פיל ווי דיין האַרץ איז אָנגעקניפּט אין מיין האַרץ. הלוואי זאָל גאָט געבן, אַז מיר זאָלן קיינ־מאָל נישט צעשיידט ווערן און אונדזערע טריט זאָלן תמיד און אייביק גיין צוזאַמען, אמן!

— עס גלוסט זיך מיר צו וויינען... — האָט היגטערן פענצטער שטיל אויסגערופן דער מאַן מיטן נאָמען גרשון — ער רעדט אַזוי זיס, יעדעס וואָרט זיינס איז הייליק און געטלעך...

— מיר האָבן אַ גרויסע זכיה וואָס מיר זענען געווען די ערשטע צו הערן זייער געשפּרעך — האָט אַ צווייטער אים געענטפערט.

— לאָמיר אַהיימגיין צו אונדזערע ווייבער און הייסן מאַכן אַ יום טובדיקע סעודה צוליב אָט דער געשעעניש — האָט גרשון אויסגערופן — דער הייַנטיקער אָונט וועט אייביק בלייבן אין אונדזער זכרון. און מיר טאָרן

וועגן דעם קיינעם נישט דערציילן, ווייל טאָמער וויל גאָרנישט שבתי צבי, אַז זיינע רייד זאָלן באַוווסט ווערן צו אַלעמען אין שטאָט...

און זיי זענען זיך פונאנדערגעגאַנגען גליקלעכע און דערפרייטע, וואָס זיי איז באַשערט געווען צו זיין עדות פון דעם הייליקן געשפּרעך.

צומאָרגנס איז אין דער גאַנצער שטאָט באַוווסט געוואָרן, אַז דעם קומענדיקן שבת וועט שבתי צבי רעדן אין שול בעתן דאַווענען. אַ גרויסע פרייד איז אויף יידן געקומען. מען האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דער געוואַלדיקער געשעעניש. ביז איצט איז דאָ אַלץ געווען פאַרגליווערט. דאָס לעבן פון איין טאָג איז געווען ענלעך צום צווייטן ווי צוויי טראָפּן וואַסער, קיין שום נייעס האָט קיינמאָל נישט אויפגערודערט די געמיטער און אויפגעהייטערט די נשמה. שוין לאַנג האָט מען אין דער טערקישער הויפּטשטאָט צווישן דער יידישער עדה אַזוינס נישט געפילט.

אין די אַלע טעג ביז שבת איז שבתי צבי נישט אַרויסגעקומען אין גאַס. ער איז געווען אָפּגעשלאָסן בחדרי־חדרים און האָט עוסק געווען אין קבלה. מען האָט זיך איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן אויפן אויער, אַז אין זיין שטוב זענען יעדן טאָג פאַראַן מלאכים, וועלכע קומען אַראָפּ פון הימל אויף בלויע וואָלקנס צו רייטן און אין זיילן פייער איינגעהילט, און אויך ער אַליין, שבתי צבי זעט אויס ווי אַ מלאך ה׳...

אַזוי האָט דערציילט איינער אין בית המדרש. ער האָט אַלעמען פאַר־זיכערט, אַז ער האָט דאָס אַליין געזען דורכן שליסל־לאָך, ווען ער איז גראָד געווען אין שליחות ביים גביר אין הויז.

דער עולם האָט געשטוינט פון גרויס באַוווּנדערונג און טייל פון זיי האָבן יענעם, וואָס האָט די מעשה דערציילט, געוואָרנט, אַז ער זאָל אויף להבא זיך היטן אַזעלכעס צו זען, ווייל ער קאָן געניזוקט ווערן פון געטלעכן פייער. דאָס מאָל איז אים טאַקע גלאַטיק דורכגעגאַנגען, אָבער אַ צווייט מאָל קאָן ער נכשול ווערן...

אַ פּחד איז באַפאַלן דעם יונגערמאַן, און ער איז פאַר שרעק שיער נישט קראַנק געוואָרן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ צעשטרייטער און דאָס פּנים איז אים איינגעפאַלן.

די פריינד זיינע האָבן צווישן זיך געשמועסט, אַז דאָס איז אים געקומען ווי אַ שטראָף פאַר אונטערהערן זיך צו אַ שמועס מיט מלאכים און קוקן אין זייער פייער, וואָס קומט פון אונטערן כסא הכבוד.

אויך די גויים האָבן גערעדט וועגן דעם מאָדנעם מאַן, וואָס איז געקומען צו די יידן. זיי האָבן איבערגעחזרט דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן געהערט פון זייערע יידישע שכנים, און זיי האָבן נאָך די רייד פאַרפילפאַכט און צוגעבן גוזמאות. איינער אַ מאַכמעדאַנער האָט געוווסט צו דערציילן, אַז ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז פון יידישן גביר, ווו דער מאָדנער יונגערמאַן שטייט־איין, האָט ער געזען דורכן קוימען אויפגיין אַ פלאַסייער ביזן הימל. פריער האָט ער געמיינט, אַז אפשר ברענט ביים ייד און ער איז אַריינגעלאָפן אים וואָרענען. אָבער דאָרט האָט מען אים אויסגעלאַכט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער קיך ברענט אפילו גאָרנישט קיין פייער, עס איז נישט געווען די צייט פון קאָכן מאכלים.

„האָב איך ערשט דעמאָלט פאַרשטאַנען — האָט דער גוי פאַרענדיקט זיין מעשה — אַז דאָס האָט דורכן קוימען אַ זייל פייער אַרויסגעשטורעמט, און מיט אים זענען אוודאי די מלאכים צוריק אַרויף אין הימל!...”

אַ שרעק איז געפאַלן אויף די גויים פון דער טערקישער הויפּטשטאָט. זיי האָבן איינגעזען, אַז די אַלע געשיכטעס וואָס מען דערציילט וועגן דעם יידישן הייליקן זענען אמת. זיי האָבן מתפלל געווען אין זייערע מעטשעטן און געבעטן זייער נביא מאַכמעד, ער זאָל זיי מוחל זיין די זינד פאַרוואָס זיי האָבן ביז איצט אויסגעלאַכט די יידן און אָפּגעשפּעט פון זיי...

און ענדלעך איז דער גרויסער שבת געקומען.

עס איז געווען אַ ליכטיקער טאָג. די זון האָט אינדערפרי מיט איין מאָל אַ שיין געטאָן און אָפּגעגאָסן מיט אַ פורפורנער רויטקייט דעם ים און די ביימער הינטער דער שטאָט, וואָס האָבן געגרינט לענגאויס דעם באָספּאָרוס. שפּעטער איז די זון פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזיקן פייערדיקגאָלדענעם קיילעך, וואָס האָט געטריפט מיט גאָלדענעם פלאַקער איבער די קעפּ פון די מענטשן, איבער די דעכער פון די הייזער, איבער די גרינע גערטנער און אַריינגעגאָסן פרייד אין די מענטשלעכע הערצער, זיי אָנגעפילט מיט האָפענונג אויף בעסערע צייטן.

הונדערטער און הונדערטער מענטשן האָבן געצויגן צו דער גרויסער שול. זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין אַ געמיש פון פאַרבן און קאָלירן, אַז ס'האָט אזש געבלענדט אין די אויגן. עס זענען געגאַנגען מענער און פרויען, עס זענען געגאַנגען בחורים, מיידלעך און קינדער. אַלע האָבן געהאַט איין באַגער און איין ציל: אָנצוקוקן דעם מלך המשיח, אָנזאַפּן זיך מיט דער

הייליקייט פון זיין געשטאַלט, צו הערן זיין זיסע שטים. מ׳האָט זיך איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן, אַז דאָס קול פון שבתי צבי איז פונקט ווי דאָס קול פון אָרגלען. ווער עס הערט אים רעדן אָדער זינגען, ווערט אַזוי פאַר־כּישופט, אַז עס איז זיך שווער אָפּצורייסן. מען גייט נאָך זיינע געדאַנקען און מען ווערט געפירט פון זיינע רייד.

די שול איז אין איין אויגנבליק אָנגעפּאַקט געוואָרן. מען איז געשטאַ־נען קעפּ אויף קעפּ. מען האָט איינגעהאַלטן די אָטעמס און מען איז געווען נייגעריק צו הערן דאָס וואָרט פון מלך המשיח...

אַפילו קריסטן און מאַכמעדאַנער זענען געקומען אים הערן. זיי האָבן אים בלויז אָפּגעוואַרט, כּדי אַ קוק צו טאָן אין פּנים פון דעם מאַן, וועלכער דאַרף ברענגען אויסלייזונג אויף דער וועלט.

עס איז שוין געווען אין שפּעטן פרימאָרגן, ווען אַ גערויש האָט זיך פּלוצלינג דערהערט פון גאַס. אַלעמענס אויערן זענען אָנגעשפּיצט געוואָרן און אַלעמענס בליקן האָבן זיך מיטאַמאָל אַ ווענד־געטאָן אין דער זייט, פון וואַנען דאָס גערויש איז געקומען.

— שבתי צבי גייט!... — האָט עמעץ געלאָזט פאַלן אַ וואָרט.

אַ געזשום פון הונדערטער שטימען האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן. אויסרופן פון באַגייסטערונג האָבן פון ברוסטן אַרויסגעשאַלט.

ער גייט, ער איז שוין נאָענט, מען זעט אים שוין... ער שפּרייזט אין דער באַגלייטונג פון זיינע אָנהענגער און חברים, וועלכע זענען מיט אים מיטגעקומען פון סמירנע. ביי זיין רעכטע האַנט גייט אברהם היכיני, פון זיין לינקער האַנט איז שמואל פּרימאָ, פון הינטן — אַ גרויסע צאָל אָנ־הענגער און פאָרויס פון אים — דער גביר ר׳ יחזקאל, ביי וועמען שבתי צבי שטייט איין. ער איז אָנגעטאָן אין די יומטובדיקע מלבושים, מיט אַ הויכן שוואַרצן הוט אויף זיין קאָפּ, און פון צו גרויס התלהבות קאָן ער קיין וואָרט פון מויל נישט אַרויסברענגען.

— מאַכט אַ וואַרע — דערהערט זיך פּלוצלינג אַ געשריי פון דעם שמש פון שול, וועלכער איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען.

דער ריזיקער עולם האָט זיך פונאַנדערגעשטופּט און געמאַכט אַ פּלאַץ. שבתי צבי, וועלכער איז געגאַנגען הינטער דעם גאַסטגעבער זיינעם און אונטערגעהאַלטן געווען אונטער די אָרעמס דורך אברהם היכיני און שמואל פּרימאָ, איז געווען בלאַס. דאָס פּנים זיינס, אַרומגעראַמט מיט אַ ברוין

קליין בערדל, האָט אויסגעדריקט טרויער און זײַנע פּאָספּאָר־אויגן האָבן געגליט ווי צוויי גרינע פֿײַערן, אַז זיי האָבן אַזש אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק אויף די אַרומשטייענדיקע מאַסע מענטשן.

ער איז געגאַנגען געלאָסן, ווי ער וואָלט איבערגעחשבונט יעדן טריט, וואָס ער שטעלט. פֿון צײַט צו צײַט האָט ער אויפֿגעהויבן זײַן פֿײַערדיקן בליק און אַ ציטער האָט אַלעמען דורכגענומען. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן ווײַס־זײַדענעם כאַלאַט, אַרומגענומען מיט אַ גרינעם זײַדענעם גאַרטל, און דער קאָפּ זײַנער איז געווען אַרומגעהילט מיט אַ זײַדענער טוך.

— איך שרעק זיך פֿאַר אים... — האָט איין מיידל אויסגערופֿן. איר פּנים איז בלאַס געוואָרן און זי איז געווען נאָענט פֿון פֿאַלן אין אָנמאַכט.

— פֿאַרוואָס שרעקסטו זיך, מײַן קינד, — האָט איר די דערלעבן־שטייענדיקע מוטער געזאָגט, — דאָס איז דאָך אונדזער אויסלייזער. ער ברענגט די גאולה פֿאַר ייִדן און אויך פֿאַר דער גאַנצער וועלט... פֿרייען דאַרפֿסטו זיך און נישט זײַן אין שרעק...

— ער האָט מיך אָפּגעבריט מיט זײַן גרינעם בליק... — האָט דאָס מיידל געמורמלט מיט אירע ציטערנדיקע ליפּן.

— דאָס וועט זײַן אַ היילונג פֿאַר דײַן גוף און פֿאַר דײַן נשמה... — האָט זי די מוטער געטרייסט און געגלעט איבערן פּנים.

דאָס מיידל איז באַלד אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון אַ גאַנצער חברה מיידלעך, וועלכע האָבן מיט קנאה זי אויסגעפֿרעגט, וואָס זי האָט געפֿילט, ווען שבתי צבי האָט אויף איר געוואָרפֿן זײַן בליק.

— איך האָב געפֿילט ווי אַ היץ וואָלט מיך באַשלאָגן און אַ פֿײַערדיקער פֿונק וואָלט איבער מײַנע אַלע גלידער אַדורכגעלאָפֿן... — האָט זי, נאָך אַלץ אַ ציטערנדיקע איבערן גאַנצן לײַב, געענטפֿערט.

— ש... ש.. ש... — האָט דער שמש אײַנגעשטילט דעם עולם, וועלכער האָט זיך געדרענגט אינדרויסן פֿאַר דער שול און נישט אויפֿגעהערט צו רעדן און צו באַוואונדערן דעם גרויסן מאַן, וועלכער איז געקומען צו זיי פֿון סמירנע.

אַ שטילקייט איז באַלד געוואָרן, אַז מען האָט אַזש געהערט דאָס אָטעמען פֿון דער פֿיל הונדערט־קעפּיקער מאַסע. אַלע האָבן זיך אײַנגע־הערט, וואָס עס קומט פֿאָר אין שול. די טירן זענען ברייט געעפֿנט געוואָרן, אַז אַלע זאָלן קאָנען זען, וואָס אינעווייניק קומט פֿאָר.

שבתי צבי איז צוגעפירט געוואָרן אויבנאָן, צו דער מזרח־זייט. ער האָט זיך איינגעהילט אין זיין טלית און איז אַ ווייל געשטאַנען אַן איבער־געדעקטער איבערן קאָפּ, שעפּטשענדיק אַ תפילה. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעדעקט און מ׳האָט געזען ווי זיינע אויגן גלאַנצן מיט פערלדיקע טרערן.

דאָס דאַוונען האָט זיך אָנגעהויבן, און דער גרויסער עולם אין שול האָט אויפן הויכן קול נאָכגעזאָגט דעם חזן זיינע תפילות מיט אַזאַ ערנסט און כוונה, אַז ס׳איז יעדן דורכגעגאַנגען אַ מאָדנע וואַרעמקייט איבער די גלידער און ס׳איז אַלעמען לייכט געוואָרן אויף דער נשמה, גלייך אַ שווערע זינד וואָלט פון זיי אַראָפּגענומען געוואָרן.

פון די הויכע קאָלירטע פענצטער האָט אַריינגעשיינט אַ רעגנבויגנדיקע זון און די שטראַלן האָבן ווי גאָלדענע און בלוי־גרינער שטויב זיך גע־כוואַליעט אין אַ זייל איבער דעם חלל פון דער שול, און אָפּגעגאָסן אַ טייל פון די מתפללים מיט זייער מיסטישער שיין. אַ ציטער פון הייליקייט האָט אַלעמען באַזעלט.

און ווען דער חזן איז אין דער הויכער שמונה־עשרה צוגעקומען צום פסוק: „תקע בשופר גדול לחרותנו, ושא נס לקבץ גליותינו, וקבצנו יחד מארבע כנפות הארץ — בלאָז אין דעם גרויסן שופר צו אונדזער באַפרייאונג, און הייב אויף די פאָן איינצוזאַמלען די פאַרטריבענע אין גלות און זאַמל אונדז איין פון אַלע פיר עקן פון דער וועלט״ — האָבן זיך אַלע אויגן אַ ווענד געטאָן אין דער זייט פון שבתי צבי, וועלכער איז געשטאַנען אַן איינגעהילטער אין זיין לאַנגן טלית, פרום זיך געשאָקלט און מיט כוונה אַרויסגעזאָגט יעדעס וואָרט, ציילנדיק יעדעס אות באַזונדער. זיי האָבן געוואַרט פון אים עפּעס אַ צייכן, אַז דאָס אַלץ ווערט שוין היינט מקוים...

שבתי צבי איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ התלהבות, נאָכזאָגנדיק דעם חזן די דאָזיקע ווערטער, אַז ער האָט זיך שיער נישט צוזאַמענגעבראָכן. פלאַמען פייער זענען פון זיין מויל אַרויסגעפלויגן, און עס האָט זיך געדאַכט ממש, אַז מען הערט דאָס פאָכען פון פליגלען, גלייך ווי מלאכים וואָלטן זיך דאָ פאַרזאַמלט אין דער שול, נאָר דער עולם האָט נישט געהאַט די זכיה זיי צו זען...

אַן אויפרודערונג איז געווען אין דער שול, אַ סך מענטשן האָבן פון גערירטקייט זיך צעוויינט און פון זייערע אויגן האָבן אַרויסגעשיינט פרייד און גליק.

ווען עס איז געקומען צום אַרויסנעמען דאָס ספר פון ארון־קודש, איז אַרייַנגעטראָטן אַ הייליקע שטילקייט. מיט פּאַמעלעכע טריט האָבן דער חזן, און נאָך אים — די חשובסטע באַלעבאַטים פון דער עדה, זיך דערנענ־טערט צום הייליקן פּלאַץ, אויפגערוקט דאָס זילבער־געשטיקטע בלויע סאַמעטענע פּרוכת און אַרויסגענומען די הייליקייט פון דאָרט.

שבתי צבי האָט זיך פאַרבויגן פאַר דער ספר־תורה, צוגענענט און אַ קוש געטאָן אין דעם פּרעכטיקן מענטעלע, אין וועלכן דאָס ספר איז געווען איינגעהילט. דאָס האָבן נאָכגעטאָן אַ גרויסע צאָל יידן. יעדער האָט גע־וואָלט אַ קוש טאָן אויפן זעלבן אָרט, ווו עס האָט געקושט דער הייליקער מאַן פון סמירנע.

ווען מ'האָט שבתי צבין אויפגערופן צו מפטיר, איז אַ געזשום דורכ־געגאַנגען איבער דער שול פון איין עק ביזן אַנדערן,ביים איינהערן זיך אין זיינע ברכות. ווען עס איז געקומען צו דער הפטורה, האָט שבתי געזאָגט מיט אַ פעסטער שטים, אַז אַלע זאָלן הערן:

— איך וועל לייענען אַ קאַפּיטל פון נביא מיכה המרשתי און הערט אייך גוט איין אין די הייליקע און נביאותדיקע רייד, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן מיט אַזוי פיל הונדערטער יאָרן צוריק און פּאַסן זיך צו דער היינטיקער צייט.

ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ שטיל קול, דערנאָך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אויפגעהויבן זיין שטים, דאָס פנים האָט זיך ביי אים צעפלאַקערט און פון די אויגן האָבן געשפּריצט פונקען. עס האָט אויסגעזען, ווי דאָ אויפן באַלעמער וואָלט געשטאַנען דער נביא אַליין און געזאָגט זיינע אַלטע רייד, וואָס זענען איצט אַזוי ניי און רירנדיק.

„והיה באחרית הימים... און עס וועט זיין אין סוף פון די טעג, וועט שטיין פעסט דער באַרג פון גאָטס הויז, אויבנאָן פון די בערג, און ער וועט זיך דערהויבן איבער די הייכן, און אומות וועלן צו אים שטראָמען און פיל פעלקער וועלן גיין און וועלן זאָגן: קומט און לאָמיר אַרויפגיין צום באַרג פון ה׳, און צו דעם הויז פון יעקב, און ער וועט אונדז לערנען פון זיינע וועגן, און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן; וואָרעם פון ציון וועט אַרויסגיין די תורה, און גאָטס וואָרט פון ירושלים...״

דער גאַנצער עולם האָט שטילערהייט נאָכגעמורמלט די דערהויבענע ווערטער פון נביא מיכה המרשתי, טרערן פון פרייד און האָפענונג האָבן זיך געגאָסן איבער די באַקן און זענען אַראָפּגערונען אין די בערד אַריין.

די ווערטער פון שבתי צבי האָבן קלאָר אָפּגעקלונגען אין דער שול און האָבן זיך אויפגעהויבן צום הויכן געוועלב, אָפּגעשלאָגן זיך ברייט און לאַנג אָן די ווענט, זיך דורכגעריסן דורך די קאָלירטע פענצטער און אויסגעמישט זיך מיט דעם גרינלעך־גאָלדענעם שטראַלן־שטויב, וואָס האָט געקרייזלט זיך אין דעם חלל פון דער גרויסער שול, און צענדליקער ווידער־קולות זענען צוריקגעקומען און ווי איבערגעחזרט די דערהויבענע רייד פון נביא.

„און ער וועט משפטן צווישן פיל אומות, און אַנטשיידן איבער מעכטיקע פעלקער ביז אין דער ווייט; און זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס, און זייערע שפּיזן אויף צווייגמעסערס; אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט נישט הייבן קיין שווערד און מען וועט נישט מער לערנען קיין מלחמה. און זיי וועלן זיצן איטלעכער אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים, און קיינער וועט נישט שרעקן; וואָרעם דאָס מויל פון גאָט פון צבאות האָט גערעדט"...

אַזוי האָט שבתי צבי ווייטער געלייענט די הפטורה פון מיכה, און דער עולם האָט נאָכגעזאָגט פון זייערע ספרימלעך אַרויס. אַ געוויש ווי פון טויזנטער בינשטאָקן האָט זיך געהערט אין שול, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פאָכן אַזוי מיט זייערע פליגל די מלאכים פון הימל, וועלכע זענען געקומען מקבל־פּנים זיין דעם געזאַלבטן פון גאָט, דעם משיח צדק שבתי צבי.

ווען ער האָט פאַרענדיקט זאָגן די הפטורה האָט אַזאַ שטילקייט גע־הערשט אין דער שול, אַז מען האָט געהערט דאָס זשומען פון אַ פליג ערגעץ ביים פענצטער. אין די אויערן האָט נאָך אָפּגעקלונגען דאָס זיסע קול, וואָס האָט אַזוי געגלעט און געצערטלט די נשמה.

ענדלעך האָבן זיי אויפגעוואַכט ווי פון אַ טיפן שלאָף, ווו זיי האָבן געזען אַזאַ פרעכטיקן חלום. זיי האָבן אין זייער דמיון שוין געזען די ציענ־דיקע ריזיקע מחנות פון יידן, וועלכע ווערן איינגעזאַמלט פון איבער דער גאַנצער וועלט, און ווי די גויים בוקן זיך צום מלך המשיח און שליסן זיך אָן אין די רייען פון די יידישע מחנות. פיל פאָנען פון אַלערליי קאָלירן פלאַטערן איבער זייערע קעפ, און געזאַנג און טאַנץ פאַרהילכן די לופט.

פלוצלינג דערגייט ווידער צו זייערע אויערן דאָס זיסע קול פון שבתי צבי, וואָס וואַרעמט און גלעט זיי: „על כסאו לא ישב זר... אויף זיין שטול וועט נישט זיצן קיין פרעמדער... כי בשם קדשך נשבעת לו, מיט דיין הייליקן נאָמען האָסטו אים צוגעשווירן; שלא יכבה נרו לעולם ועד, אַז זיין ליכט וועט אויף אייביק נישט אויסגעלאָשן ווערן; ברוך אתה ה׳ מגן דוד, געלויבט זאָלסטו זיין, גאָט, דער באַשיצער פון הויז פון דוד...״

אַ קלאַפּ אין שולחן האָט אויפגעוועקט פון די טרוימען און אַלעמענס אויערן זענען געוואָרן אָנגעשפּיצט צום דעם, וואָס גייט דאָ באַלד געשען.

שבתי צבי האָט אָפּגעדעקט אַ ביסל דעם טלית פון זיין קאָפּ און זיינע אויגן האָבן אַרומגענומען דעם גאַנצן עולם. ער האָט אָנגעהויבן זיין דרשה:

— טייערע ברידער און שוועסטער, הייליקע קינדער פון אייבּאָונאייבּ־ציקן גאָט, איך רעד צו אייך איצט, ווי איינער פון אייך, וואָס איז בלוט פון אייער בלוט און פלייש פון אייער פלייש. אַלע יאָרן פון מיין יונג לעבן האָב איך געחלומט וועגן דער דאָזיקער רגע, און איך האָב אייך שטענדיק געזען פאַר מיינע אויגן סיי אין טרוים און סיי אין דער וואָר. איך האָב געבלוטיקט פאַר אייך און געפּייניקט מיין לייב, געפאַסט תעניתים, אַבי צו קאָנען אייך ברענגען די גרויסע בשורה פון גאָט, געהייליקט זאָל זיין זיין נאָמען...

אַ ווילד געשריי פון פרייד און גליק האָט איבערגעריסן זיינע רייד:

— זאָל לעבן אונדזער משיח, דער געזאַלבטער פון גאָט! זאָל די שכינה זיך קיינמאָל נישט אָפּטאָן פון דיר און זאָל דיך די לויטערקייט פון כסא הכבוד שטענדיק באַגלייטן ווו דו וועסט נאָר ווענדן דיינע טריט!...

דער גאַנצער עולם האָט ווי איינער זיך אויסגעשפּרייט אויפן דיל און מיט די פּנימער די ערד אָנגערירט. זיי האָבן געקושט די הייליקע ערד פון דער שול און מיט טרערן אויסגענעצט זי און געוויינט פון גרויס שמחה, וואָס זיי האָבן דערלעבט צו הערן גאָטס וואָרט אַזוי נאָענט און אויפנעמען די טרייסט, וואָס זיין שליח האָט זיי געבּרענגט.

שבתי צבי האָט זיך מיט אַ ווייסן טוך אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים. ער איז געווען בלייך פון צופיל אויפגערעגטקייט און באַגייסטערונג.

— מיינע טייערע ברידער... — האָט ער ווידער אָנגעהויבן — שווער איז דער וועג צו באַפרייאונג. ער פירט דורך דערנער און שפּיציקע שטיי־נער, פיל שטרויכלונגען זענען פאַר די פיס אויסגעשפּרייט, און פיל שטרויכ־

לונגען שפרייטן אויס פאַר דיר דיינע אייגענע ברידער אין זייער אומ־וויסנקייט און פאַרבלענדעניש... לאַנג האָט געדויערט דער וועג, איידער איך בין צו אייך געקומען, אָבער ווען איך בין שוין געקומען, וועל איך אייך מער ניט פאַרלאָזן... אין אַ לויטערן פייערזייל האָט זיך גאָט ברוך הוא צו מיר באַוויזן און געהייסן מיך גיין אייך אַרויסנעמען פון גלות, פון צווישן פעלקער, ווו איר זענט אַזוי פיל הונדערטער און הונדערטער יאָרן געווען געפאַנגען. איר האָט אָבער אייער האָפענונג קיינמאָל נישט אָנגע־ווירן. דאָס איז געווען דער כוח פון דעם גלויבן, וואָס איר האָט געהאַט אין ביאת־המשיח. איר האָט אייער גלויבן נישט אויפגעגעבן אין די האָפנונגס־לאָזסטע צייטן. אפילו ווען דער חלף איז שוין געלעגן אויפן האַלדז, האָט איר נאָך אַלץ געזאָגט אין אייערע תפילות: „בידו אפקיד רוחי, בעת אישן ואעירה״ — אין זיין האַנט טרוי איך מיין נשמה, בעת איך שלאָף און בעת איך בין וואַך... אָט דער דאָזיקער שטאַרקער און אומאויפהערלעכער גלויבן האָט אייך געראַטעוועט פון אונטערגאַנג.

— זאָל לעבן אונדזער משיח, זאָל לעבן אונדזער קעניג, דער געזאַלב־טער פון גאָט! — איז געקומען אַן אויסגעשריי פון הונדערטער און הונ־דערטער העלדזער, און אַ געיאָמער איז אויסגעבראָכן אין שול. דאָס איז געווען אַ געיאָמער, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן דורות־לאַנג אין יידישן מענטש און איצט האָט ער אַרויסגעשטראָמט ווי אַ קוואַל, וואָס מ׳האָט אים געהאַלטן פאַרשטאָפּט אַזוי פיל יאָרן פון פיין, יסורים און באַליידיקונגען.

— גייט איצטער אַלע אַהיים, — האָט ער ווייטער גערעדט, ווען דער רעש האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט, — פייערט דעם יום־טוב פון באַ־פרייאונג מיט אַלעם בעסטן וואָס איר פאַרמאָגט. פון היינט מאָל אָן זענט איר בני־חורין. גאָט האָט זיך מרחם געווען אויף זיין געפּלאָגט פאָלק, וואָס האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין הייליק און אויסדערוויילט אין זיינע אויגן. אויפן היינטיקן טאָג האָט דער נביא מיכה נביאות געזאָגט: „והיה באחרית הימים״. די טעג פון גלות זענען שוין געציילטע, באַלד וועט זיך אָנהייבן דער קיבוץ גליות און די צעשפּרייטע און צעזייטע קינדער פון ישראל וועלן אויפגיין אין צוגעזאָגטן לאַנד פון זייערע אבות. גייט אַהיים צו אייערע ווייבער און קינדער און דערציילט זיי וועגן דער גרוי־סער פרייד, וועגן דעם אויסערגעוויינלעכן נס, וואָס איז אין אונדזערע טעג געשען.

שבתי צבי האָט שוין מער נישט געקאָנט רעדן. ער האָט זיך מיט זיין רעכטער האַנט אָנגעכאַפּט ביי דער ברוסט; ער האָט כמעט נישט גע־קאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון צופיל אָפּגעמאַטערטקייט. ער האָט בלויז אויפגעהויבן זיין האַנט, ווי אַ צייכן, אַז דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט די היינטיקע צערעמאָניע און זיי זענען פריי צו גיין.

דאָס פנים זיינס האָט געלויכטן מיט אַ הימלישן ליכט, געווען ווי דורכ־זיכטיק, און ער אינגאַנצן האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ נישט ערדישן וועזן. די אויגן זיינע האָבן נאָך מער געפלאַמט ווי שטענדיק, רעגנבויגנ־דיקע קאָלירן האָבן פון זיי אַרויסגעשיינט און אָפּגעבריט יעדן מיט זיין געטלעכן פייער.

אַלע אין שול זענען געפאַלן אויף זייערע פנימער און געבוקט זיך צו זייער משיח און אויסלייזער, און הינטערווײלעכטס, ווי פאַר אַ הייליק וועזן, האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן פון דעם מקום קדוש.

אברהם היכיני און שמואל פרימאָ האָבן שבתי צבין אַרויסגעפירט פון שול.

די גאַסן פון יידישן קוואַרטאַל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל זענען געווען שוואַרץ פון מענטשן. אין די טויזנטער זענען זיי געווען. אַלע האָבן זיי גערעדט וועגן דער היינטיקער דרשה פון שבתי צבי און יעדער האָט עפּעס אַנדערש אין איר אויסגעפונען. מ'האָט אַריינגעלייגט פאַרשידענע רמזים אין זיינע רייד, אויסגעטייטשט יעדע באַוועגונג זיינע, יעדן בליץ פון זיינע אויגן.

— ער איז געווען אין שול אַרומגערינגלט פון מלאכים און די שכינה האָט איבער זיין קאָפּ גערוט — האָבן מענטשן מיט גרויס באַגייסטערונג גערעדט צווישן זיך.

— איך האָב בפירוש געזען אַ שיינענדיק ליכט איבער זיין קאָפּ... — האָט איינער מיט דער גרעסטער זיכערקייט אויסגערופן.

— דאָס איז דער שענסטער טאָג אין אונדזער לעבן אין גלות! — האָט אַן אַנדערער פאַרזיכערט.

— די גויים וועלן איצט פאַר אונדז באַקומען דרך־ארץ. זיי וועלן איינזען, אַז מיר זענען מער נישט אַליין...

די פרייד פון דעם שבת איז געווען אין לשער. אַ נייער גייסט איז אַריינגעגאָסן געוואָרן אין די יידן פון טערקיי. אין דער טערקישער הויפּט־

שטאָט האָבן גוישע שכנים נישט דערקענט די ייִדן. זיי האָבן אָנגעהויבן גיין איבער די גאַסן מיט אויפגעהויבענע קעפּ, שטאָלץ, ווי עס פּאַסט פאַרן אויסדערוויילטן פאָלק. אַ לעבעדיקער גלאַנץ האָט אַרויסגעשיינט פון די ביז־איצט טרויעריקע ייִדישן אויגן. זיי האָבן גערעדט העכער, מוטיקער און ווי גלייכע מיט גלייכע.

און ווען שבתי צבי איז אַדורכגעגאַנגען די גאַס, האָבן אַלע מענטשן, סיי ייִדן און סיי גויים, זיך פאַר אים געבוקט ביז דער ערד. די מועדזינען אין די מאָשעען האָבן געפּרעדיקט, אַז גאָט האָט זיך ענדלעך דערבאַרעמט אויף זיין אויסדערווילט פאָלק און האָט זיי געשיקט זייער אויסלייזער, פּונקט ווי מאַכמעד איז געשיקט געוואָרן צו זיי...

אברהם היכיני האָט יעדן שבת געדרשנט וועגן שבתי צבי, דעם אויס־לייזער פון ייִדישן פאָלק, דעם משיח, וואָס איז געזאַלבט פון גאָט צו זיין דער מלך ביי ייִדן, ווי נאָר עס וועט אויפגעשטעלט ווערן דאָס מלכות ישראל. ער האָט גערעדט מיט אַזאַ געקליבענער שפּראַך, מיט אַזעלכע שיינע ווערטער, אַז מענטשן זענען נאָך זיינע דרשות געבליבן זיצן ווי פאַרכישופט.

אברהם היכיני איז געווען אַ שיינער מאַנסביל, אַ הויכער און ברייט־פּלייציקער, מיט ברוינע געקרייזלטע האָר און אַ קיילעכדיק בערדל. די אויגן האָבן ביי אים געפלאַקערט און זייערע פאַרבן האָבן זיך געמיניעט פון בלוי אין גרין און טיילמאָל האָט זיך גאָר אויסגעוויזן, אַז זיי זענען ברוין אָדער גרוי. אַ פּראַכט האָט פון זיי אַרויסגעקוקט, און פרויען האָבן נישט געקאָנט ביישטיין זייער צויבער. ווען ער האָט גערעדט, האָבן די פרויען, וועלכע זענען געקומען אים הערן, נישט געוווסט וואָס פריער צו טאָן, צי זאָלן זיי באַוווּנדערן זיין שיינקייט אָדער גאָר זיין זיסע שטים.

אברהם היכיני האָט גוט געוווסט וועגן זיין באַצויבערנדיקער ווירקונג בכלל און אויף פרויען בפרט, און ער האָט עס גוט אויסגענוצט. ער איז בטבע געווען אַ כיטרער מענטש. ווי געלערנט ער איז געווען, אַזוי האָט ער די דאָזיקע געלערנטקייט שטענדיק אויסגענוצט פאַר זיך. ער האָט עס אָבער געמאַכט פאַרזיכטיק, אַז מען האָט זיך נישט געקאָנט כאַפּן דערויף.

איצט, ווען שבתי צבי איז אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט אברהם היכיני ביי זיך תיכף באַשלאָסן אים אויסצונוצן פאַר זיך. ער האָט אין שבתי צבי באַלד דערקענט אַן איש תם וישר, וואָס מיינט ערלעך דאָס,

וואָס ער טראַכט. און אַזאַ מענטש איז זייער לייכט צו נעמען אין צוים. מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי און ביי וואָס פאַר אַ געלעגנהייט.

ער איז פון שבתי צבי נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין טראָט, מורא האָבנ־דיק, אַז אויב נישט ער, וועט עמעץ אַנדערש אים אַרונטערנעמען אונטער זיינע פליגל. ער האָט זיך פשוט אַריינגעצויגן צו אים אין דער דירה, וואָס דער גביר האָט אים איבערגעגעבן און שוין כסדר געוווינט מיט אים צו־זאַמען. שבתי צבי איז אינגאַנצן אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין איינפלוס, געקוקט אים אין מויל אַריין, און וואָס אברהם היכיני האָט געזאָגט, איז ביי אים געווען הייליק.

אברהם היכיני איז געוואָרן שבתי צביס רעכטע האַנט, אָן אים האָט ער זיך נישט אַ ריר געגעבן. שבתי צבי האָט געהאַלטן זיינע דרשות ווען אברהם היכיני האָט געוואָלט, און ער האָט געפאָלגט זיינע עצות, וואָס און ווי אַזוי צו רעדן, כדי דער עולם זאָל זיך מער צוהערן און זאָל ווערן געשפּאַנט.

גאָר אין קורצן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ידיעות פון סמירנע וועגן דעם חרם, וואָס די רבנים האָבן אויסגערופן קעגן שבתי צבי. די ערשטע ידיעה, אַז מ׳האָט אים געלייגט אין חרם האָט געבראַנגט אַ סוחר פון סמירנע, אָבער ער איז נישט געווען שטאַרק באַגלויבט. קיינער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַזאַ גרויסער מאַן, וועלכער זאָגט נביאות, ווי איינער פון די פאַרצייטיקע נביאים, זאָל קאָנען אַריינגעלייגט ווערן אין חרם. מ׳האָט דעם דאָזיקן סמירנער אויסגעלאַכט.

אָבער מיט דער צייט האָבן מער מענטשן פון סמירנע געבראַנגט די זעלבע נייעס, דאָס האָט שוין געמאַכט אַ רושם אויף די היגע רבנים און זיי האָבן גערופן וועגן דעם אַן אסיפה.

איבער דער שטאָט האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט די דאָזיקע ידיעה און מ׳האָט וועגן דעם אָנגעהויבן רעדן אין אַלע הייזער, אין בית־המדרש און שול. די נייעס האָט אַלעמען געטראָפן ווי אַ דונער אינמיטן העלן טאָג.

— שבתי צבי אין חרם!...

אויך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבן זיך באַלד געשאַפן צוויי צדדים און עס האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערייען, ביז עס איז געקומען צו געשלעגן.

שבתי צבי האָט נאָך וועגן דעם נישט געוווּסט. מ׳האָט די דאָזיקע נייעס צו אים נישט צוגעלאָזן. דערפאַר האָט שוין געזאָרגט אברהם היכיני.

אָבער שבתי צבי האָט אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז ווען ער קומט אין שול דאַוונען, איז שוין נישטאָ יענע באַציאונג צו אים ווי אין אָנהייב. מענטשן האָבן זיך נישט געבויגן פאַר אים און נישט געבוקט זיך צו דער ערד ביי זיין אָנבליק. דאָס האָט אויף אים שטאַרק געווירקט און ער איז טרויעריק געוואָרן.

— וואָס איז געשען מיט די היגע מענטשן ?... — האָט איינמאָל שבתי צבי געפרעגט ביי אברהם היכיני — פאַרוואָס מיידן מיך די מענטשן אויס ?...

— שרעק זיך נישט מיין גרויסער האַר, — האָט אברהם היכיני אים באַרואיקט, — דער עולם האָט פאַר דיר דעם זעלבן דרך־ארץ וואָס שטענדיק, זיי וואַרטן בלויז אויף דעם טאָג פון דער גאולה, וואָס האָסט זיי צוגעזאָגט, און אין וועלכן איך גלייב, אַז ער וועט איינגיכן קומען.

שבתי צבי האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, אָבער אין האַרץ האָט אים עפּעס געפּייניקט.

אברהם היכיני האָט מורא געהאַט, אַז דער גרויסער כבוד און דאָס געלט, וואָס ער האָט דערוואָרבן אַ דאַנק שבתי צבי, זאָל זיך נישט אַרויס־גליטשן פון אים אַזוי שנעל ווי דאָס איז געקומען.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט שבתי צבי לאַנג געוואַרט אויפן אָנקומען פון זיין באַעקנטן מענטש אברהם היכיני און ער איז נישט געקומען. שבתי צבי האָט זיך שטאַרק געזאָרגט פאַר זיין בעסטן פריינד. ער האָט געשיקט רופן שמואל פרימאָ און יצחק סילווייראָ און אויסגעדריקט פאַר זיי זיין גרויסן צער.

— ווו איז ער אַהינגעקומען ?... איך האָב גרויס עגמת נפש, ער איז געוואָרן ממש מיין רעכטע האַנט, — האָט שבתי צבי געקלאָגט פאַר זיי, — און איך קאָן זיך אָן אים נישט באַגיין.

עס זענען אָבער אַוועק עטלעכע טעג און אברהם היכיני איז פאַר־שוווּנדן ווי אין וואַסער. מ'האָט נישט געהערט פון אים און מ'האָט אים אין ערגעץ נישט געזען. שבתי צבי איז געווען אויסער זיך. ער איז שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן צו אים. עס האָט אים געגלעט אין אויער זיין זיס קול. די שיינע רייד, מיט וועלכע ער האָט אים כסדר געלויבט און געזונגען שבחים, האָבן אים איצט אויסגעפעלט. ער האָט זיך דערפילט איינזאַם אין דער דאָזיקער גרויסער שטאָט.

נאָך מער האָט צוגעהאָלפן צו זיין עצבות אַ צווייטע ידיעה: אַז זייך

נאָענטסטער חבר, משה פינהיירא, האָט חתונה געהאַט מיט דער שיינער רחל, זיין געוועזענע כלה...

דערהערנדיק די דאָזיקע נייעס, האָט שבתי צבי זיך אָפּגעשלאָסן אויף עטלעכע שעה אין אַן אָפּגעזונדערטן צימער און קיינעם צו זיך נישט צוגעלאָזט. אַפילו נישט שמואל פּרימאָ און יצחק סילווייראָ, זיינע נאָענטסטע חברים. פון הינטער דער טיר האָט מען בלויז געהערט זיינע טריט, ווי ער האָט געשפּרייזט הין און צוריק איבערן צימער און גערעדט צו זיך אַליין...

שפּעטער, ווען ער איז ענדלעך אַרויסגעקומען פון זיין אָפּגעשלאָסענעם צימער, האָט ער מיט פרייִדיקע אויגן אויסגערופן צו זיינע חברים, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט געוואַרט אויף אים מיט דער גרעסטער אומגעדולד:

— געלויבט איז זיין גרויסער נאָמען, וואָס זי האָט ענדלעך געקריגן אַ תיקון... אַ גרויסע נשמה האָט זי, אָבער זי איז נישט געווען מיין זיווג.

אָבער אין טאָן פון זיין רעדן איז געווען מער טרויער ווי פרייד. ער האָט זיך אַ ווייל־פאַרטראַכט, ווי וועלנדיק פאַר זיך לעבעדיק מאַכן איר בילד. און ווען ער האָט אויף אַ רגע דערזען דאָס בילד פון דער שיינער רחל פאַר זיינע אויגן, האָט אַ וואָלקן אַ שווער־געטאָן איבער זיין פּנים און אין די אויגן האָט אויפגעגלאַנצט אַ טרער.

ווען זיינע צוויי חברים האָבן אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערטע, נישט וויסנדיק וועמען ער מיינט מיט זיינע רייד, האָט ער קלאָרער אַרויסגערעדט זיינע געדאַנקען:

— איך האָב געקראָגן אַ בריוול פון משה פינהיירא...

און אַלץ איז פאַר זיי קלאָר געוואָרן.

עטלעכע טעג איז שבתי צבי נישט אַרויסגעקומען פון זיין שטוב. ער האָט געלערנט קבלה אָדער געזאָגט תהילים. ביז איינמאָל אין אַ פרימאָרגן האָט פּלוצלינג זיך אַן עפן געטאָן די טיר און אויף דער שוועל איז מיט אַ שיינענדיק פּנים געבליבן שטיין אברהם היכיני.

שבתי צבי האָט נישט געקאָנט קיין וואָרט אויסרעדן, אַזוי איבערראַשט איז ער געוואָרן פון זיין דערשיינען. אַ לענגערע ווייל איז ער געשטאַנען קעגנאיבער אברהם היכיני און אים אָנגעקוקט מיט זיין צעשטראַלטן בליק. ענדלעך איז ער אים געפאַלן אויפן האַלדז און געקושט אים אויף ביידע באַקן, און ווי נישט מיט זיין קול האָט ער אויסגערופן:

— ווו ביסטו געווען, מיין טייערער חבר, מיין איינציקער פריינד...
איך האָב געהאַט גרויס עגמת נפש פון דיין פאַרשווונדן ווערן. איך האָב די אַלע נעכט, וואָס דו ביסט נישט געווען, פאַרברענגט אין שלאָפלאָזי־קייט. איך האָב עפּעס געפילט, אַז איך בין שולדיק אין דיין פאַרשווונדן ווערן. ווו ביסטו געווען, זאָג גיכער, ווו ביסטו געווען?...

— דיין עגמת נפש, וואָס האָסט געהאַט, וועט דיר אָפּגעצאָלט ווערן מיט פילפאַכיקער פרייד, גרויסער האַר מיינער!... — האָט אברהם היכיני אויס־גערופן מיט אַ צעשטראַלט פנים און די אויגן האָט ער דערביי אַזוי שעמעוו־דיק געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט נישט געוואַגט אים צו קוקן אָפן אין זיין געזיכט.

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן, מיין חבר און פריינד? — האָט שבתי צבי מיט גרויס נייגעריקייט אים געפרעגט און אים אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערטע אויגן.

— איך מיין צו זאָגן, מיין גרויסער האַר, אַז אַ גרויסע בשורה ברענג איך דיר; אַ בשורה, וואָס וועט אויפרודערן די גאַנצע וועלט און וועט שטעלן אין גרויס פאַרלעגנהייט די רבנים מיט דיין רבין ר' יוסף אישקפּא פון סמירנע אין דער שפּיץ... — האָט אברהם היכיני געענטפערט מיט מער דרייסטקייט.

— וואָס אַזעלכעס האָט פּאַסירט? — האָט שבתי צבי געעפנט זיינע אויגן אין פאַרגאַפטקייט.

— איך האָב געפונען אַ באַשטעטיקונג אַז דו ביסט דער מלך המשיח, דער לאַנג אויסגעחלומטער יידישער דערלייזער, אַז דו ביסט געשיקט גע־וואָרן פון גאָט אויף דער וועלט פאַר דעם גרויסן און דערהויבענעם צוועק, און איך בין דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט, וואָס אין מיין גורל איז אויסגעפאַלן צו זיין דיין באַגלייטער און דער, וועלכער האָט גע־ברענגט די דאָזיקע געטלעכע בשורה.

שבתי צבי איז בלאַס געוואָרן. ער האָט געציטערט מיט אַלע זיינע אברים און נישט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסרעדן.

אברהם היכיני האָט אים פון אַ זייט גוט אָבסערווירט, און אַ דין שמייכעלע האָט זיך אויסגעלייגט אויף זיינע ליפּן. די ברוינע אויגן זיינע האָבן געגלאַנצט, דאָס פנים איז געוואָרן ביי אים ערנסט און ער האָט זיך אַליין שטאַרק איבערגענומען דערמיט, וואָס ער גייט דאָ אַרויסברענגען מיט

זיינע ליפּן. אויף אייביק וועלן די דאָזיקע ווערטער אַריינגיין אין דער געשיכטע. די דאָזיקע ווערטער וועלן אָנפירן דעם גאַנצן ענין אויף נייע וועגן, און ווער ווייסט וואָס דער סוף דערפון וועט זיין.

ענדלעך איז שבתי צבי געקומען צו זיך, ער האָט אַ שטאַרקן צי אַריין געטאָן אין זיך די פרישע לופט, וואָס איז געקומען פון אָפענעם פענצטער און געזאָגט צו אברהם היכיני:

— דו מאַכסט אויפצאַפּלען מיין נשמה, מיין גאַנץ וועזן האָסטו אויפגערודערט מיט דיינע רייד און איך ווייס נאָך אַלץ נישט וואָס די גרויסע בשורה איז. פאַרוואָס פייניקסטו מיך אַזוי פיל?...

ביי די רייד האָט אברהם היכיני אַרויסגעצויגן פון זיין בוזעם־טאַש אַן אַלט שטיק פּאַרמעט, וואָס איז ערטערווייז געווען איינגעקאַרבט פון די פיל הונדערטער אָדער טויזנטער יאָרן ליגן פאַרגראָבן טיף אין דער ערד. די אותיות זענען געווען אַזוי שוואַרץ און קלאָר, גלייך זיי וואָלטן נאָר־וואָס געשריבן געוואָרן. „דאָס איז דער כוח פון הייליקע אותיות"... — האָט שבתי צבי אַ טראַכט געטאָן אַ רגע און גענומען אין זיין האַנט אַריין דאָס שטיק פּאַרמעט, וואָס אברהם היכיני האָט אים דערלאַנגט מיט אַ באַזונדערער פייערלעכקייט.

— לייען!... — האָט ער אויסגערופן צו שבתי צבי.

און שבתי צבי האָט מיט אַ ציטערדיקער שטים אָנגעהויבן לייענען די לשון קודשדיקע ווערטער, וואָס ער האָט זיך באַלד אַליין איבערגעזעצט אויף שפּאַניאָליש:

„איך, אברהם, וועלכער איז געווען איינגעשלאָסן אין אַ קעלער פערציק יאָר צייט און איך האָב זיך שטאַרק געוווּנדערט פאַרוואָס קומט נאָך נישט אָן די צייט פון נסים, האָב מיטאַמאָל דערהערט אַ בת־קול, — דאָס איז געווען די שטים פון גאָט, וואָס האָט געזאָגט: אין דעם יאָר השפ"ו וועט ביי מרדכי צבי אין תשעה באב געבוירן ווערן אַ זון, וועמען מען וועט אַ נאָמען געבן שבתי צבי, און ער וועט אומוואַרפן דעם טראָן פון דעם גיפטיקן שלאַנג, דעם נחש הקדמוני און וועט אים דערהרגענען. און ער, שבתי, וועט זיין דער געזאַלבטער פון גאָט און ער וועט זיצן אויף מיין טראָן. זיין קעניגרייך וועט דויערן לעולם ועד און ער, נישט קיין אַנדערער, וועט זיין דער אויסלייזער פון מיין פאָלק ישראל"...

איבער אָט די ווערטער איז געווען אַן איבערשריפט: „די גרויסע חכמה פון שלמה המלך".

ווען שבתי צבי האָט געענדיקט דאָס לייענען פון דער דאָזיקער מיס־טעריעזער שריפט, האָבן אים די הענט אָנגעהויבן ציטערן און זיין גאַנ־צער קערפּער האָט זיך אָנגעהויבן וואָרפן, גלייך עפּעס אַ געהיימנישפולע מעכטיקע קראַפט וואָלט אים אַרומגענומען. דאָס פּנים האָט אים געגליט און די צונג איז אים צוגעקלעפּט געוואָרן צום גומען.

ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז שיער נישט אומגעפאַלן אויף דער ערד, אָבער אברהם היכיני האָט אים אונטערגעכאַפּט, אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס און געשעפּטשעט אים אין אויער:

— באַרואיק זיך, מיין האַר, מלך המשיח... אַזוי איז דיין גורל און נעם אים אויף מיט שטאַרקייט, ווייל אַזוי איז דער ווילן פון גאָט...

ענדלעך האָט שבתי צבי צוריקבאַקומען דאָס לשון און ער האָט מיט קלאַפּנדיקע ציין געפרעגט:

— אָבער ווי אַזוי איז דאָס געשען? ווי אַזוי איז דאָס דאָזיקע שטיק פּאַרמעט געקומען אין דיינע הענט אַריין? זאָג מיר דעם גאַנצן אמת, ווייל איך בין אומרואיק, אַזוי אומרואיק, ווי ווען איך האָב צום ערשטן מאָל נאָך פיל תעניתים און סיגופים דערזען דעם פלאַם־פייער ביי מיר אין שטוב און דערהערט גאָטס שטים...

אברהם היכיני האָט שבתי צבי אָנגענומען ביים אָרעם, צוגעפירט אים צו זיין בעט און אים פאָרזיכטיק אַנידערגעלייגט. ער האָט אים איינגעהילט אין אַ צודעק, ווייל כאָטש אינדרויסן איז געווען הייס, האָט שבתי צבי געציטערט, ווי עס וואָלט געווען די גרעסטע קעלט.

— איצט ליג רואיק און איך וועל דיר דערציילן די גאַנצע זאַך, ווי אַזוי זי איז מיט מיר פאָרגעקומען און ווי אַזוי איך האָב געפונען דעם דאָזיקן פּאַרמעט מיט דעם וווּנדערלעכן אויפשריפט... — האָט ער געזאָגט מיט אַ פייערלעכער שטים.

און אברהם היכיני האָט מיט אַ שטיל קול, וואָס האָט געקלונגען גע־היימנישפול, אָנגעהויבן צו דערציילן:

— גרויסער האַר, איך האָב געזען לעצטנס דיין דערשלאָגנקייט און אומעטיקייט. איך האָב דערפילט דיין איינזאַמקייט אין דער דאָזיקער גוישער וועלט. דער רעש און טומל איז פאַרביי, און אַלץ האָט ווידער געהויערט

אין שטילשווייגן, ווי עס וואַלט גאַרנישט געשען. דאָס האַרץ האָט מיר ווי געטאָן, צוזעענדיק דיין געבראָכענעם גייסטיקן צושטאַנד. איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו אַנטרינען פון דיר, דערווייטערן זיך אויף אַ לענגערע צייט און פאַרברענגען אין תפילות, אין תעניתים, אין פייניקן מיין גוף און אין לערנען די הייליקע ספרים, כדי ענדלעך צו דערגיין דעם סוד פון ביאת המשיח, ווען עס וועט קומען דער קץ. איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט ליידן דערפון, וואָס איך וועל פלוצלינג פון דיר אַוועקגיין. איך האָב אָבער אַנדערש נישט געקאָנט.

דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ ווייל, אַ שלונג טוענדיק די סלינע אין מויל און געוואָרפן אַ בליק אויף שבתי צבי, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכן אויף אים זיינע רייד. ווען ער האָט געזען, אַז שבתי צבי הערט אים אויס מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, האָט ער ווייטער ממשיך געווען:

— איך בין אַוועק אין די ווייטע וועלדער אויף יענער זייט פון באָספאָרוס. איך האָב דאָרט פאַרברענגט אין פאַסטן, אין תפילה טאָן און מיט פרישע אָפּגעשניטענע צווייגן פון די בוימער האָב איך געשמיסן מיין לייב...

דאָ האָט ער אַנטבלויזט זיין לייב און געוויזן שבתי צבי די צייכנס. שבתי צבי האָט געעפנט די אויגן און טרערן האָבן אָנגעהויבן צו פליסן פון זיי שטראָמענווייז, ווען ער האָט דערזען די ברוין־בלויע סימנים פון די שמיץ אויף אברהמס קערפּער. ער האָט זיך פאַרשטעלט די אויגן, נישט קאָנענדיק קוקן אויף זיי. מחמת ער האָט פאַרשטאַנען וויפל יסורים דאָס האָט אים פאַרשאַפט. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ער זאָל ווייטער דערציילן און ער האָט ווידער זיך איינגעהערט אין אברהם היכיניס רייד, וואָס זענען געפלאָסן ווי אַ לעבעדיקער קוואַל פון אַ באַרג אַרויס:

— ביז איינמאָל איז מיר ווי ליכטיק געוואָרן אין די אויגן און איך האָב אָנגעהויבן זען אַזעלכע זאַכן, וואָס איך האָב פריער אין מיין לעבן קיינמאָל נישט געקאָנט זען. איך האָב, למשל, געזען ווי די זון באַוועגט זיך אין הימל בייטאָג און איך האָב געזען, ווי די שטערן קומען אַרויס ביינאַכט איינע נאָך די אַנדערע און ווי זיי באַוועגן זיך אויף זייער ריזיקן שטח פון הימל־געוועלב. איך האָב געהערט דאָס וואַקסן פון גראָז, באַמערקט ווי די ביימער באַדעקן זיך מיט גרין. כ'האָב געהערט ווי די ווערעם פּאָרען זיך און עס באַשאַפן זיך שלאַנגען. איך האָב פאַרשטאַנען די שפּראַך פון די פייגל, פון די חיות און אפילו די שפּראַך פון געוויקסן האָב איך

אַנגעהויבן צו פֿאַרגעמען. איך האָב דערפֿילט, אַז איך בין אַרויס פֿון דער בחינה מענטש און אַריינגעטראָטן אין דער בחינה פֿון אויבערמענטש, אָדער פֿון אַ מלאך...

— און וואָס איז דעמאָלט געשען?... — האָט שבתי צבי מיט גרויס נייגעריקייט געפֿרעגט.

— דעמאָלט, ווען איך האָב דערפֿילט אַן איבערמענטשלעכן כוח, האָב איך אָנגעהויבן טאַנצן פֿון פֿרייד און געלויבט גאָט פֿאַר זיין חסד, וואָס ער טוט צו מיר און איך האָב נאָך מער ווי פֿריער אָנגעהויבן תּפֿילה צו טאָן, פֿאַסטן און פּייניקן מיין גוף. אַזוי לאַנג האָב איך דאָס געטאָן, ביז איך האָב גאָרנישט געפֿילט מער אַז איך האָב אַ גוף ווי יעדער איינער בן־אדם. איך האָב דערפֿילט אין מיר אַזאַ לייכטקייט, גלייך איך וואָלט באַ־קומען פֿליגל. איך בין אויסגעטאָן געוואָרן פֿון מיין קערפּערלעכן לבוש און איך האָב זיך געפֿילט בלויז רוחניות, גייסטיקייט.

איך בין ווי אַ גליקלעך באַשעפֿעניש אַרומגעשפּרונגען איבער פֿעלדער, איבער וועלדער, איבער בערג און איבער טאָלן. בייטאָג האָב איך זיך גע־באָדן אין די קרישטאָל־רייכע וואַסערן, וואָס האָבן אַרויסגעשטראָמט פֿון די הויכע בערג און ביינאַכט האָב איך זיך געשפּיגלט אין גרינעם שיין פֿון די שטערן און איך האָב זיך באַטראַכט ווי איינער פֿון זיי.

איינמאָל אין אַ פֿרימאָרגן, האָט די זון אָפּגעשפּראָצט פֿון הינטערן האָריזאָנט און אָפּגעגאָסן די וועלט מיט אַ פּורפּור־שיין. עס האָבן זיך גע־רויטלט די גראָזן אין פֿעלד, עס האָט זיך גערויטלט דער לויטערער קוואַל צופּיסנס פֿון באַרג, דיביימער שפּיצן האָבן געפֿלאַקערט ווי אָנגעצונדענע הבדלות און אין מיין האַרץ האָט זיך באַזעצט אַזאַ פֿרייד־געפֿיל, וואָס איך האָב עס נאָך קיינמאָל נישט דורכגעלעבט. איך האָב געזונגען צו גאָט אַ לויבגעזאַנג, וואָס ער האָט אַריינגעגעבן אַזאַ קראַפֿט אין מיר און איך האָב געטאַנצט פֿאַר גרויס שמחה. פֿייגל זענען איבער מיין קאָפּ געפֿלויגן און האָבן געזונגען שירה. איך האָב פֿאַרשטאַנען יעדן פּישטש זייערן און איך האָב ערשט דעמאָלט באַגריפֿן ווי הינטערשטעליק מיר זענען אין אָפּ־געבן גאָט אַ שבח, ווייל די פֿייגל האָבן מער געפֿיל פֿונעם מענטש...

פּלוצלינג האָב איך אינמיטן גרינעם מיט פּורפּור־פֿאַרב באַגאָסענעם פֿעלד דערזען אַ פֿייערדיקן זייל אַראָפּנידערן פֿון הימל, דער זייל האָט גע־שטראַלט מיט אַזעלכע פֿאַרשידנפֿאַרביקע קאָלירן, וואָס מיינע אויגן האָבן

עס נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען. איך בין געבליבן פאַרבליפט פון דער דאָזיקער געטלעכער שיינקייט און איך האָב זיך אָנגעהויבן דערנענ־טערן צו דעם פייער־זייל.

אָבער דאָ האָב איך מיטאַמאָל דערהערט אַ קול פון דעם פייערדיקן זייל. אין אָנהייב איז דאָס קול געווען ענלעך צום פישטשען פון אַ פויגל און דערנאָך איז דאָס קול איבערגעגאַנגען אין אַזאַ קלאַנג, וואָס מיינע אויערן האָבן עס נאָך קיינמאָל ביז דעמאָלט נישט געהאַט געהערט. ווי טויזנטער אָרגלען האָט די שטים געריידט צו מיר און איך האָב אין אָנהייב גאָרנישט פאַרשטאַנען, אָבער ביסלעכווייז, ווען איך בין צו זיך געקומען פון דער ערשטער איבערראַשונג, האָב איך שוין שאַרף געהערט די וואָרענונג:

„טו אויס, בן־אדם, די שיך פון דיינע פיס, ווייל דאָס אָרט, אויף וועלכן דו שטייסט איז הייליק. דאָ, אויף דעם אָרט איז איינגעגראָבן און אויפגעהיטן זיבנט טויזנטער יאָרן די בשורה פון באַפרייאונג פון מיינע קינדער, דאָס פאָלק ישראל.

איך בין פאַרציטערט געוואָרן, און יעדער גליד האָט זיך אָנגעהויבן טרייסלען אין מיר, ווי לייכט איך האָב זיך שוין געהאַט פריער געפילט, ווי כ׳וואָלט אינגאַנצן קיין גוף נישט געהאַט, אַזוי שווער ווי מיט בליי זענען איצט אָנגעגאָסן געוואָרן מיינע פיס. איך האָב זיך פון אָרט נישט געקאָנט רירן.

איך האָב געמיינט, אַז עס איז אַ חלום, עפּעס אַ נישט קלאָרע זעאונג, אָבער ווען איך האָב דערפילט די היץ פונעם פייער אויף מיין לייב, האָב איך געוווּסט, אַז עס איז נישט קיין חלום, אַז עס איז די וואָר...

אין איין ציטערניש האָב איך געוואַרט אויף די ווייטערדיקע רייד, אָבער איך האָב מער גאָרנישט געהערט, און דער פייערדיקער זייל איז אַזוי פּלוצלינג ווי ער איז געקומען — פאַרשוווּנדן געוואָרן, און צוריק איז דאָס פעלד געווען גרין, באַפּאַרבט פון דער זון מיט פורפור־שטראַלן, וואָס זענען ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין גאָלד.

— און וואָס ווייטער?... — האָט שבתי צבי, אַ צעגליטער פון גרויס נייגעריקייט, געפרעגט.

— ווען איך בין נאָך אַ שפּאָרער ווײַלע צו זיך געקומען פון דער גרייסער איבערראַשונג, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מ׳האָט מיר פון הימל אָנגעזאָגט אַ וויכטיקע זאַך. און איך האָב מיט נאַקעטע הענט אָנגעהויבן

גראָבן די ערד, ווו איך בין געשטאַנען, ווייל קיין שום גראָבאייזן האָב איך מיט זיך נישט געהאַט. בלוט איז מיר גערונען פון די פינגער. שווער איז געווען צו גראָבן מיט די בלויזע הענט אין דער ערד, און איך האָב זייער טיף געגראָבן. מיטאַמאָל האָב איך אָנגעטאַפּט אַ האַרטע זאַך. עס האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ.

איך האָב אַרומגעגראָבן די האַרטע זאַך און מיט אַלע כוחות האָב איך זי אַרויסגעצויגן פון דער ערד. דאָס איז געווען אַן ערדערן קעסטעלע, פאַר־מאַכט פון אַלע זייטן. איך האָב עס צעבראָכן און עס איז אַרויסגעפאַלן פון אים אָט די פאַרמעטענע מגילה, וואָס דו האַלטסט איצט אין האַנט...

ווען איך האָב איבערגעלייענט דעם אינהאַלט פון דער דאָזיקער מגילה, איז אַ ליכט אויפגעגאַנגען אין מיינע אויגן און איך האָב ערשט דעמאָלט פאַרשטאַנען, וואָס עס האָט מיך אַזוי געיאָגט פון דיין הויז. דאָס האָט אַ געט־לעכער געדאַנק אין מיין מוח זיך באַוועצט און געהייסן מיך גיין נע־ונד. איך האָב עס געטאָן, ווייל אַן אינערלעך קול האָט מיר אַזוי געהייסן טאָן. קיין שום מענטש טוט גאָרנישט אָן דעם, אַז אַ העכערע קראַפט זאָל אים נישט הייסן דאָס טאָן...

ווי אַן אינד אין פעלד בין איך שנעל געלאָפן דיר אָנזאָגן די בשורה. זייער ווייט בין איך געווען פון דער טערקישער הויפּטשטאָט. איך בין געווען אויף די הויכע בערג פון אררט. פון דאָרט צו גיין דאָ אַהער איז אַ מהלך רב, אָבער עס איז געשען, גלייך איך וואָלט פליגל באַקומען און בין אַהער געקומען צו דיר אַ שעה נאָכדעם ווי איך האָב דעם פאַרמעט מיט דער געטלעכער בשורה געפינען...

— וווּנדערלעך, וווּנדערלעך זענען גאָטס וועגן... — האָט שבתי צבי אַרויסגעקרעכצט און מיט דער האַנט זיך פאַרשטעלט די אויגן. די אַקסלען האָבן אים געצוקט ווי אין ספּאַזמאַטישן געוויין, אָבער קיין שום קול האָט מען נישט געהערט. ווען ער האָט מיט עטלעכע מינוט שפּעטער אַוועקגע־נומען זיין האַנט פון די אויגן זענען זיי געווען רויט פון וויינען און די באַקן זענען פייכט געווען פון זיינע טרערן.

ער האָט שטום, אָן אַ וואָרט אויסצורעדן, אַרומגענומען אברהם היכיני, צוגעדריקט אים צו זיך מיטן גאַנצן כוח, געקושט אים אויפן שטערן און געזאָגט:

— אויב איך בין פון גאָט באַשטימט צו זיין דער משיח, דער אויס־לייזער פון זיין אויסדערוויילטן פאָלק, ביסטו אליהו הנביא, וועלכער האָט אָנגעזאָגט די גרויסע בשורה פאַר דער וועלט... גיי און רוף צום האַרטנעקיקן פאָלק פון ישראל, וועק זיי אויף פון זייער האַרטן שלאָף און זאָג זיי אָן די בשורה פון גאָט און גיב זיי איבער די רייד פון „והיה באחרית הימים"...

אברהם היכיני האָט די זאַך נישט אָפּגעלייגט. באַלד איז ער אַוועק אין שול, עס איז שוין געווען מנחה־צייט. יידן זענען געווען פאַרזאַמלט צו מנחה און מעריב. די לעצטע רויטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדי־קער זון זענען געקראָכן אויף די ווענט, אויפן דיל, אַ בליץ־געטאָן אויפן פּרוכת און זענען אויסגעגאַנגען אין לעצטן שיין. עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט.

ער איז אַריינגעקומען צו דער הויכער שמונה עשרה פון מנחה־דאַווענען. ער האָט זיך אויך אַוועקגעשטעלט גלייך מיט די יידן און געענטפערט „ברוך הוא וברוך שמו" און „אמן". און ווען דער בעל־תפילה האָט זיך אויסגע־רוקט און פאַרענדיקט מיט „עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו, ועל כל ישראל, ואמרו אמן"... — האָט זיך אברהם היכיני געגעבן אַ שטעל אויף און אויפן קול אויסגערופן:

— ענדלעך איז געקומען דער אויסגעבענקטער טאָג; נאָך טויזנטער יאָרן האָפן און וואַרטן, האָט גאָט געמאַכט שלום אויבן אין די הימלען און ער האָט אויך געברענגט שלום אויף אונדז און אויף אַלע יידן, און זאָגט נאָך „אמן"..

די עדה יידן זענען געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף ווייטערדיקע רייד פון אברהם היכיני, וועלכן זיי האָבן ליב געהאַט צו הערן אָן אַן אויפהער.

אברהם היכיני האָט זיי געלאָזט וואַרטן אַ שפּאַרע ווײַלע אין גרויס דערוואַרטונג, דערנאָך האָט ער מיט אַ הויכער און פייערלעכער שטים צו דעם איבעראַשטן עולם אויסגערופן:

— זייט גרייט אויסצוהערן די גרויסע בשורה, וואָס איך האָב אייך היינט דאָ געברענגט. דאָס איז אַ בשורה, אויף וועלכער מיר וואַרטן שוין אַזוי לאַנג, זינט דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, זינט מיר האָבן אָנגעװוירן אונדזער אומאָפּהענגיקייט, — איבער די 15 הונדערט יאָר ווי מיר געפינען זיך אין גלות, פאַרשפּרייט צווישן פעלקער און לענדער, געיאָגט

און געפלאָגט פון יעדן נישטיקן גוי און אומגלויביקן. היינט האָב איך צו אייך געבראַכט די בשורה, וואָס גאָט האָט מיר אָנפאַרטרויט אייך איבער־צוגעבן.

ער האָט זיך אָפגערוט אַ ביסל, כדי די צוהערער אַרייַנצוברענגען אין אַ גרעסערער שפּאַנונג. ווען ער האָט שוין געזען פון דער טונקלקייט פון דער שול אַרויס, אַז זייערע אויגן זענען אָנגעצונדן, האָט ער געעפנט דאָס מויל און געזאָגט:

— ווי איר ווייסט, בין איך עטלעכע טעג נישט געווען אין אונדזער שטאָט. ווו־זשע בין איך געווען?...

— מיר ווייסן נישט... — איז געקומען אַן ענטפער פון אַלעמען.

— וועל איך אייך זאָגן ווו איך בין געווען, איר זענט עס ווערט צו וויסן, ווייל איר זענט די געליבטע קינדער פון גאָט, וועלכע ער גייט באַלד איינזאַמלען פון די גלות־לענדער און צוריקברענגען אין הייליקן לאַנד פון אונדזערע אבות... איך בין געווען אין זייער אַ ווייטן לאַנד, וווהין אַ געט־לעכע שטימע האָט מיך געהייסן גיין. דאָרט האָב איך פאַרברענגט אין תעניתים און אין פייניקן מיין לייב, גענומען טבילה אין דעם שטראָמיקן וואַסער, וואָס ריזלט פון די בערג און איך האָב פאַרנומען גאָטס שטימע.

אַ ציטער איז אַדורך איבער דער גאַנצער שול און אַלע האָבן איינ־געהאַלטן זייערע אָטעמס, וועלנדיק ווייטער הערן די רייד פון זייער באַ־רימטן בעל־דרשן, אברהם היכיני. זיי האָבן אים געקוקט אין מויל אַריין, זיי האָבן געזען אין זיינע אויגן אַזאַ ליכט, אַז עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, עס איז ליכטיקער געוואָרן אין שול.

אברהם היכיני האָט אַ ביסל לענגער געהאַלטן זיין בליק אָנגעשטעלט אויף דעם פאַרזאַמלטן עולם, וואָס האָט זיך שוין געטוקט אין דער טונקל־קייט פון צופאַלנדיקן אָוונט. ביסלעכווייז זענען זיי פאַרזונקען געוואָרן אין דער פינצטערניש און מ'האָט שוין קיין פּנימער מער נישט אַרויסגעזען. עס האָט אויפגעבליצלט אַ ליכט און נאָך איינס, וואָס האָט געוואָרפן אַ רויט־לעכע שיין איבער דער ריזיקער שול, און די מענטשן האָבן צוריק גענומען אויפטויכן פון דער פריערדיקער פינצטערניש. די אויגן זייערע האָבן שאַר־פער אויפגעפינקלט פון אונטן אַרויף צום באַלעמער, ווו דער בעל־דרשן איז געשטאַנען אַ צעשטורעמטער, גרייט ווידער אַ פלייץ צו טאָן מיט אַ ים פון גליענדיקע רייד.

— איך האָב פאַרנומען גאָטס שטימע, וועלכע האָט מיר געזאָגט: גיי צו די יידן פון דיין שטאָט און פאַרשפּרייט צווישן די יידן איבער דער גאַנצער וועלט די בשורה פון אויסלייזונג, — האָט אברהם היכיני ווייטער פאָרגעזעצט. — און דאָ האָט זיך דערהערט ווי דאָס בת־קול האָט צו מיר גערעדט פון אַ פלאַם־פייער אַרויס און געזאָגט, ווו איך האָב צו גראָבן און צו געפינען אַ שריפט, אין וועלכער די בשורה איז פאַרשריבן געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

— אָ!... — האָט דער עולם אַ קרעכץ געטאָן פון גרויסער באַגייס־טערונג.

—און אָט איז דער פאַרמעט, וואָס איך האָב אויסגעגראָבן פון דער טיפעניש פון דער ערד! — האָט אברהם היכיני אויסגערופן מיט פייער־לעכקייט.

און ער האָט פאַר זיי אָנגעהויבן לייענען דעם אינהאַלט פון דער שריפט, און וואָס מער ער האָט געלייענט, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער רעש אין שול, די התלהבות איז געוואַקסן פון רגע צו רגע און באַלד איז די שול געווען ווי אַ בינשטאָק.

און אַז אברהם היכיני האָט פאַרענדיקט רעדן, איז געוואָרן אַ געשריי:

— זאָל לעבן שבתי צבי, דער מלך המשיח!...

— לאַנג לעבן זאָל זיין שליח, אליהו הנביא!...

און אַ געזאַנג פון הונדערטער און הונדערטער העלדזער האָט זיך געריסן צום הויכן אויסגעוועלבטן סופיט פון דער שול, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די ווענט וועלן פּלאַצן און די קולות וועלן זיך אַרויסרייסן איבער־דרויסן, זיך אויסשפּרייטן פון איין עק וועלט ביזן צווייטן און פון דער ערד ביזן הימל אַרויף און וועלן דערגרייכן צום כסא הכבוד, ווו גאָט ברוך הוא זיצט איצט און שעפּט נחת פון זיין געליבט פאָלק.

אברהם היכיני איז געשטאַנען איינגעהילט אין טלית און די אויגן זיינע האָבן געבליצט אין דער האַלבער טונקלקייט. ער האָט שווייגנדיקערהייט זיך צוגעהערט צום זינגען פון דעם באַגייסטערטן עולם און אַ פריידן איז אויפגעגאַנגען אין זיין נשמה. ער אַליין האָט אָנגעהויבן גלייבן אין דער אמתדיקייט פון דער שריפט אויף דעם „געפונענעם“ פאַרמעט. „עס וואָלט אַזוי גוט געווען, עס זאָל זיין אמת...“ — האָט ער געטראַכט און ער האָט זיך פאַרקלערט אַ ווײַלע.

אָבער דער צעזונגענער עולם האָט אים נישט געלאָזט לאַנג טראַכטן. ביי אַ צענדליק מענער זענען אַרויף צו אים אויפן באַלעמער, אַראָפּגעצויגן אונטן און האָבן אָנגעהויבן מיט אים טאַנצן אין אַ ווירוואַר גיכער און גיכער, ביז עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט דרייט זיך אַרום אים: דער הימל, די שטערן אין דער הייך, אַלע כוכבים ומזלות. עס האָט זיך אויסגעמישט דער גאַנצער וועלט־באַשאַף, אונטן און אויבן איז געוואָרן איינס...

פּלוצלינג האָט עמעץ אַ געשריי געטאָן:

— שבתי צבי!...

און אַ ציטער איז אַדורך איבערן גאַנצן עולם.

אויף דער טונקעלער שוועל ביים איינגאַנג פון דער שול איז גע־שטאַנען די הויכע און שלאַנקע געשטאַלט פון דעם פאַרהייליקטן מאַן. ער האָט זיך שוין געהאַט פון אַ שפּאַרער ווײַלע צוגעהערט צו דעם באַ־גייסטערטן געזאַנג פון עולם, ביז מ'האָט אים באַמערקט.

ווען ער האָט דערזען זיין נאָענטסטן פריינד אברהם היכיני אינמיטן פון די טאַנצנדיקע, האָט זיך אַ גליקלעכער שמייכל צעשפּרייט אויף זיינע ליפּן. זיין אויסגעמאָגערט פּנים האָט זיך צום ערשטן מאָל נאָך אַזאַ לאַנגע צייט, זינט ער איז פאַרטריבן געוואָרן פון סמירנע, צעשיינט. ער האָט געשעפּטשעט אַ תפילה צו גאָט פאַר דעם גרויסן חסד, וואָס ער טוט מיט אים און געבעטן, ער זאָל מוחל זיין די רבנים אין זיין געבוירן־שטאָט פאַר זייער בלאָנדזשען אין דער פינצטער און נישט זען דעם ריכטיקן וועג, וואָס גאָט אַליין האָט פאַר זיי אויסגעשפּרייט.

מער ליכט זענען אָנגעצונדן געוואָרן אין שול. מ'האָט זיך געשטעלט דאַווענען מעריב און די תפילות זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ כוונה, אַז די ווענט האָבן אַזש געציטערט פון די הויכע געשרייען. ווען עס איז געקומען אין דער שמונה עשרה צו די ברכות וועגן אויפבויען ירושלים, האָט זיך דערהערט אַזאַ אויסגעשריי פון התלהבות, אַז פיל זענען אַנידערגעפאַלן חלשות, און מ'האָט זיי געמוזט ראַטעווען.

— קום גיכער אַהיים, מיין האַר!... — האָט אברהם היכיני שטיל אויסגערופן צו שבתי צבי. — זיי זענען וואַנזיניק פון צופיל גליק, לאָז זיי זיך אויסטאַנצן און אָפּפרייען און מיר וועלן גיין צו דיר אין דער אכסניה, ווייל אַ סך איז נאָך דאָ דורכצורעדן.

— צי מעג מען אזוי טאָן?... — האָב שבתי צבי אין זיין תמימות זיך געפרעגט — צי קאָן איך פאַרלאָזן מיינע שאָף, ווען זיי נייטיקן זיך אַזוי שטאַרק אין אַ פאַסטעך?...

— אַ הייליקער מאַן דאַרף נישט צופיל זיין מיט דעם פשוטן המון, זיי פאַרשטייען נישט און וועלן דיך אָננעמען פאַר זייערס גלייכן... — האָט אברהם היכיני אָנגעהויבן איבערנעמען די פירערשאַפט איבער זיין האַר.

— דער המון, ער איז דאָך דער גוי קדוש. ווען נישט אָט דער המון, דאַרף מען דאָך אינגאַנצן נישט קיין משיח, קיין אויסלייזער... וואָס, וואָס רעדסטו, מיין חבר און פריינד?... — האָט שבתי צבי אָנגעהויבן אַזש שטאַמלען.

אברהם היכיני האָט פאַרביסן די ליפּן. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער איז צו ווייט פאַרגאַנגען מיט דעם דאָזיקן איש תם וישר. ער גלייבט דאָך טאַקע דעם פאַרמעט מיט דער „הייליקער" אויפשריפט, אַז ער איז משיח... און ער האָט זיך פאַרענטפערט:

— מיין גרויסער האַר און געביטער. דיין וואָרט איז פאַר מיר הייליק, פונקט ווי עס איז פאַר מיר הייליק דאָס געבאָט פון גאָט... די ביסט גע־רעכט און איך האָב געגרייזט. פאַרגיב מיר מיין מאָמענטאַלע שוואַכקייט. איך האָב געמיינט דיין טובה. ביסט מיד און אָפּגעמאַטערט און מיר מוזן נאָך וועגן אַ סך ענינים דורכרעדן... — זיי מוחל, געזאַלבטער פון גאָט!...

און שבתי צבי האָט אים מוחל געווען, ער האָט אים אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך, שעפּטשענדיק צו אים:

— ניין, מיין חבר, איך צאַרן נישט אויף דיר. איך פאַרשטיי, עס איז אַ מענטשלעכע שוואַכקייט און איך בין דיר מוחל במחילה גמורה. אָבער מען מוז שטענדיק אין זינען האָבן דאָס פאָלק, זיי זענען דאָס זאַלץ פון דעם גרויסן געטלעכן באַשאַף.

אין דער זעלבער צייט האָט דער גרויסער עולם נישט אויפגעהערט צו טאַנצן און מאַכן אויסרופן לכבוד שבתי צבי און זיין „אליהו הנביא"...

ביז שבתי צבי האָט זיך אויסגעדרייט צום עולם און מיט אַ צייכן פון זיין האַנט זיי איינגעשטילט, ווי ווען ער וואָלט זיי עפּעס זאָגן.

עס איז שטיל געוואָרן מיטאַמאָל ווי אין אַן אויער.

— מיינע טייערע — האָט שבתי צבי אָנגעהויבן — איך פאַרשטיי אייערע געפילן. איר מוזט אָבער אויך אין זינען האָבן אייערע ווייבער

און קינדער, גייט אַהיים און טיילט זיך מיט זיי אין אייער פרייד, איך בין מיט אייך שטענדיק און וועל זיין מיט אייך ביז דעם סוף פון מיינע טעג...

— זאָל דיר גאָט געבן אייביקע טעג!... — האָבן זיך דערהערט אויס־געשרייען פון באַגייסטערונג. — דו ביסט זיין געזאַלבטער און אונדזער קעניג, און זאָל אויך געבענטשט זיין אברהם היכיני אויף תמיד און אייביק, אמן...

און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערגיין צו זייערע היימען מיט געזאַנג איבער די גאַסן. עס האָבן מיט זיי מיטגעטאַנצט די שטערן אין דעם טונקל־בלויען הימל, עס האָבן מיטגעזונגען מיט זיי די ביימער אויף די גאַסן, עס האָט געזונגען די גאַנצע וועלט, הימל און ערד און אַלע איינוווינער. עס איז געווען דאָס גרויסע געזאַנג פון פרייהייט און ליבע פון איינעם צום אַנדערן.

שבתי צבי האָט מיט נצחון געקוקט אויף זיין באַגלייטער, וויסנדיק אים, ווי אַזוי מען דאַרף האַנדלען מיט דעם המון... און אברהם היכיני האָט ווי אַ שולדיקער געשוויגן דעם גאַנצן וועג.

ערשט זייענדיק מיט שבתי צבי אַליין אויג אויף אויג, האָט ער אים געזאָגט:

— פונדעסטוועגן עצה איך דיר: ווייז זיך נישט צופיל אין דער עפנט־לעכקייט. הייליקייט טאָר זיך נישט מישן מיט וואָכעדיקייט. עס איז שטענ־דיק דאָ צווישן זיי אַ הבדל, אַ צווישנשייד.

— רוף אַריין שמואל פרימאָ און יצחק סילווייראַ... — האָט שבתי צבי אים באַפוילן, — זיי מוזן שוין דאָ ערגעץ וואַרטן מיט אומגעדולד.

— גוט, מיין האַר — האָט אברהם היכיני מיט אויסדריקלעכער אומ־צופרידנקייט געזאָגט, און ער איז אַרויס פון זיין צימער אויף הינטער־ווייַלעכטס.

ווען שבתי צבי איז פאַרבליבן אַליין אין זיין צימער, האָט ער זיך אַנידערגעוואָרפן אויף זיין געלעגער און פאַרגאָסן אַ ים פון טרערן, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס. ער האָט אוודאי געוויינט פון צופיל גליק, וואָס איז אויף אים געקומען מיט איין מאָל.

— איז עס טאַקע אמת, אַז איך בין באַשטימט פון גאָט צו זיין דער אויסלייזער פון פאָלק? איז עס טאַקע נישט געווען סתם אַן איינגערעדטע זעאונג, וואָס איך האָב געהאַט אין מיין היים, ווען עס האָט זיך מיר עטלעכע

מאָל כסדר אויסגעדאַכט, אַז גאָט האָט זיך צו מיר באַוויזן אין אַ פלאַם־פייער, פונקט ווי ער האָט זיך באַוויזן צו משה בן עמרם אין דער צייט פון דער קנעכטשאַפט אין מצרים ?... איז דאָס טאַקע אמת ?

ער האָט זיך די איין און די זעלבע פראַגע געשטעלט אַן אַ שיעור מאָל. עס האָבן אים געפייניקט אַ ים מיט ספקות. ער האָט זיך אַליין גע־פרעגט: „אויב עס איז אמת, אַז איך בין געשיקט פון גאָט אויסצו־לייזן דאָס יידישע פאָלק און עס איז שוין געקומען די צייט פון ביאת המשיח, פאַרוואָס ווייסן דערפון נישט די רבנים פון סמירנע און מיין גרויסער רבי, דער בעל מקובל, ר׳ יוסף אישקפא ?...״

ער האָט זיך אָבער באַלד די דאָזיקע וויטאָגדיקע פראַגע פאַרענטפערט:

— זענען דען נישט געווען קיין צווייפלער אין דער צייט פון יציאת מצרים ?... זענען דען נישט געווען דעמאָלט קיין מענטשן, וועלכע האָבן בעסער געוואָלט זיצן ביים טאָפ פלייש אונטער דער קנעכטשאַפט ביי פּרעהן, איידער צו זיין פריי אין דער מדבר סיני ?...

שפעטער האָט ער אָנגעהויבן צווייפלען אין דעם פאַרמעט, וואָס אברהם היכיני האָט געפונען ערגעץ־ווו אין אַ הייל.

אָבער דאָ האָט ער זיך שוין שטאַרק אויסגעמוסרט פאַר זיין וואַגן צו צווייפלען אין די רייד פון אַ צדיק...

— ווי קאָן איך נאָך ספקן אין זיינע רייד ? מען זעט דאָ באַשיינפּער־לעך, אַז אַ געטלעכער כוח האָט אים געפירט דאָרט ווייט אַוועק אין דער געגנט פון באַרג אררט, ווו דאָס כתב איז געלעגן טויזנטער יאָרן באַגראָבן. עס איז דאָך מעגלעך, אַז דאָרט, ווו נחס תיבה איז אַמאָל געשטאַנען — און דאָרט איז דאָך געווען דאָס ערשטע אָרט פון אונדזערע אבות — זאָל האָבן באַגראָבן געוואָרן דורך איינעם פון זיי די נביאות פאַר אונדזערע צייטן... האָט דאָך שפעטער יעקב אבינו געוואָלט אנטפּלעקן דעם קץ פאַר זיינע קינדער !... האָט ער דאָך געוווּסט, הייסט עס, פון דעם דאָזיקן פאַרמעט. שטייט דאָך טאַקע געשריבן אין דער תורה: „וזאת אשר דבר להם אביהם, און דאָס האָט זיי געזאָגט זייער פאָטער״...

ער האָט זיך ממש געבאָדן אין אַנגסטן צוליב די דאָזיקע ספקות און פאַרענטפערן.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און אָנגעהויבן שפּרייזן איבער דער שטוב הין און צוריק מיט אַזאַ גיכקייט, גלייך ווי ער וואָלט זיך ערגעץ־

ווי געאײַלט. דאָס האָבן אים די געדאַנקען אַזוי געיאָגט און געטריבן, אַז נישט וויסנדיק וואָס עס טוט זיך מיט אים, האָט ער די דאָזיקע געדאַנקען זײַנע נאָכגעאײַלט מיט זײַן שפּרײַזן איבער דער שטוב.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר.

ער איז געבליבן שטיין אין דער ערשטער רגע ווי דערשטוינט. ווער קאָן דאָס קלאַפּן אין זײַן טיר איצט, אין דער דאָזיקער שפּעטער שעה? ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין אַנונג וואָס פאַר אַ שעה עס איז איצט.

אָבער ביסלעכווײַז האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געשיקט רופן נאָך זײַנע נאָענטסטע פרײַנד, און אַ שמייכל פון צופרידנקייט האָט אַ שפּיל געטאָן אויף זײַנע ליפּן. ער האָט פרײַער אָפּגעאָטעמט, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי געעפנט.

אַ פרייד האָט אים אַרומגעכאַפּט, וואָס אין זײַן איצטיקער אײַנזאַמקייט האָט ער דערזען שמואל פּרימאָ, יצחק סילווייראַ און אברהם היכיני. ער האָט יעדן אײַנציקן פון זיי אַרומגענומען און צוגעדריקט מיט ליבשאַפט צו זיך.

אברהם היכיני האָט מיט זײַן כיטרען בליק דערקענט, אַז זײַן „האַר" לעבט איבער ביטערע מינוטן פון צווייפל. ער האָט עס אַרויסגעלייענט פון זײַנע אויגן. אָבער ער האָט זיך שוין צו דעם געהאַט צוגעגרייט. ער האָט מיט ענטוזיאַזם שוין געהאַט דערציילט וועגן זײַן געפונענעם פאַרמעט די דאָזיקע צוויי סמירנער פרײַנד פון שבתי צבי. ער האָט זיי אַזוי באַאַרבעט, אַז זיי זענען געוואָרן זײַנע גרעסטע מאמינים און זיי האָבן שבתי צבי אין משך פון דעם איצטיקן געשפּרעך אינגאַנצן איבערצײַגט אין דער אמת־דיקייט פון דער דאָזיקער נביאות.

— דאָס איז דאָך וווּנדערלעך!... — האָט שמואל פּרימאָ מיט דער גאַנצער תמימות זײַנער אויסגערופן — אפשר איז טאַקע געווען באַשערט, אַז די סמירנער רבנים זאָלן דיך פאַרטרײַבן פון דײַן געבוירן־שטאָט און זאָלסט קומען אַהער און זיך באַגעגענען מיט אברהם היכינין... יעדע באַ־וועגונג פון אַ מענטש איז פון פריער אָנגעצייכנט דורך גאָט. דו האָסט אברהם היכינין באַשטראַלט מיט דײַן חסד. דו האָסט אים מיט דײַן כוח געצוווּנגען צו גיין אין די ווײַטע לענדער און אויסגעפינען דאָס, וואָס איז דיר באַשערט און אָנגעצייכנט געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק!...

טרערן פון פרייד האָבן געפינקלט אין שבתי צביס אויגן, הערנדיק די זיכערע רייד פון זיין חבר. אויך יצחק סילווייראָ האָט צו אים גערעדט אין דעם זעלבן זין:

— איצט איז געקומען די צייט פון אָנהייבן פאַרשפּרייטן די בשורה איבער דער גאַנצער וועלט. בריוו דאַרפן אַוועקגעשיקט ווערן אין אַלע לענדער, ווו יידישע קהילות געפינען זיך כדי זיי אָנצוזאָגן די גרויסע פרייד, וואָס איז אויף אונדז געקומען. מיין עצה איז, אַז איצט איז געקומען די צייט, מיר זאָלן פאָרן קיין ארץ־ישראל, זיין אין דער שטאָט צפת, די שטאָט פון אר״י הקדוש און ר׳ חיים וויטאַל, קומען אין ירושלים, אונדזער הייליקע שטאָט, און פון דאָרט, פון באַרג המוריה זאָל די בשורה אַרויסגיין איבער דער גאַנצער וועלט.

די רייד פון יצחק סילווייראָ האָבן דאָ געמאַכט אַן אומגעהייערן איינדרוק אויף שבתי צבי, און אויך אברהם היכינין איז די זאַך געפעלן געוואָרן, און ער האָט אָנגעהויבן מיט זיין חיתוך הדיבור צוצורעדן שבתי צבין צו דעם דאָזיקן הייליקן שריט.

— כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים... — האָט ער אויסגערופן מיט פייער אין זיין שטים, און ער האָט אָנגעהויבן מיט זיין פאַרבנרייכער שפּראַך צו רעדן וועגן דער גרויסער מצווה צו טרעטן אויף דער הייליקער ערד פון אונדזערע אבות — דאָרט ווו ער האָבן געטראָטן די טריט פון אברהם, יצחק און יעקב, דאָרט ווו עס האָבן נביאות געזאָגט ישעיהו און ירמיהו — פון דאָרט דאַרף קומען די בשורה דורך אונדזער משיח שבתי צבי!...

ביי שבתי צבי האָט זיך דער קאָפּ פאַרדרייט פון די אַלע רייד און ער האָט, שוין אין שפּעטער נאַכט, געבעטן זיינע חברים אים איבערצולאָזן אַליין.

ווען זיי האָבן אים פאַרלאָזט, איז שבתי צבי אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און מיטן קאָפּ געשלאָגן אין דיל. ער האָט מיט פייכטע ריטער זיך אָנגעהויבן קאַטעווען דאָס לייב, אַז רויטע פרענגעס זענען אַרויסגעקומען. ווען ער איז שוין געווען גוט אָפּגעשוואַכט פון די יסורים און דער ווייטיק האָט אים געפייניקט ביז חלשות, האָט ער זיך מיט די לעצטע כוחות צוגעשלעפּט צום בעט און זיך אַנידערגעלייגט.

ער האָט לאַנג געקרעכצט אין יסורים, מיט די ליפּן האָט ער געמורמלט עפּעס אומפאַרשטענדלעכע רייד, און ווען ער איז אויף אַ מאָמענט געקומען

צו זיך, האָט ער בלויז די דאָזיקע תפילה אַרויסגעברענגט מיט די פאַר־טריקנטע ליפּן:

— גאָט, פיר מיך אין ריכטיקן וועג, איך זאָל נישט בלאָנדזשען נישט אויף רעכטס און נישט אויף לינקס, פיר מיך אין די וועגן פון אונדזערע אבות און זיי מיר בייהילפיק אין מיינע שווערקייטן. איך טו דאָך דאָס אַלץ פון דיין נאָמען וועגן. איך אַליין וויל פאַר זיך גאָרנישט און דאַרף גאָרנישט. איך וויל די באַפרייאונג פון מיין פאָלק און דאָס מקדש זיין דיין הייליקן נאָמען...

און ער איז אַנידערגעפאַלן אויפן קישן מיט אַ לייכטן שמייכל אויף די פאַרחלשטע ליפּן.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געווען אין אַ פרייליכער שטי־מונג. ער איז נאָך געווען אונטערן איינדרוק פון דעם וואונדערלעכן חלום וואָס ער האָט געהאַט, דעם דאָזיקן חלום האָט ער אָנגענומען פאַר דעם גרעסטן אמת, און קיין שום צווייפל איז אין אים שוין מער נישט פאַרבליבן.

עס האָט זיך אים נעמלעך געחלומט, אַז ער שפּרייזט איינער אַליין מיט אַ לאַנגן שטעקן אין דער האַנט אויף די בערג פון יהודה. אונטן, צופוסנס פון די בערג, זענען פאַרזאַמלט מיליאָנען און מיליאָנען יידן, אפשר מיליאַסן, וועלכע האָבן געלעבט אין אַלע דורות, זינט דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן ביז דער לעצטער צייט. אַלע האָבן זיי אַרויפגעשריגן צו אים: „קום אַראָפּ צו אונדז, משיח בן דוד, זעסט דאָך אַז מיר זענען אויפגעשטאַנען תחית המתים און מיר וואַרטן בלויז אויף דיר, זאָלסט אונדז אויסלייזן פון גלות און צוריק אויפבויען דאָס בית־המקדש, און דו איילסט זיך נישט... קום, פאַרזוים זיך נישט, ווייל יעדן טאָג וואָס דו פאַרזוימסט, פאַרגרע־סערסטו די פּיין פון אונדזער הייליקער אומה..."

— איך וועל קומען צו אייך, מיינע הייליקע און געפּייניקטע ברידער פון אַלע דורות... איך וועל מער נישט פאַרזוימען... — האָט ער איצט אַ גליק־לעכער געשעפּטשעט מיט די טרוקענע ליפּן.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין געלעגער, געוואַשן זיך די הענט, געזאָגט די ערשטע ברכות און ער האָט באַשלאָסן היינטיקן טאָג צו פאַר־ברענגען אין תענית און אין לערנען די הייליקע ספרים.

קיינעם האָט ער צו זיך נישט צוגעלאָזט. אַפילו זיינע נאָענטסטע חברים. ערשט אין אָוונט, ווען אברהם היכיני האָט אָנגעקלאַפּט און געזאָגט,

אַז זייער אַ וויכטיקער בריוו איז אָנגעקומען פֿון ירושלים, האָט שבתי צבי דערין געזען אַן אצבע אלהים, און ער האָט אים אַריינגעלאָזט. צוזאַמען מיט אים זענען אויך אַריינגעקומען שמואל פרימאָ און יצחק סילווייראַ. זיי האָבן אים אויך געהאַט אָנצוזאָגן אַ בשורה: משה פינהייראָ איז אָנגעקומען פֿון סמירנאַ, איבערלאָזנדיק זיין ווייבל, די שיינע רחל, ביי אירע עלטערן. ער וויל זיך שטעלן אינגאַנצן אין רשות פֿון משיח בן דוד.

קאַפּיטל זעקס

אויף הייליקער ערד

שבתי צבי איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ הייטערער שטימונג. ער האָט זיך מיט זיינע חברים אַנידערגעזעצט ביים טיש און קודם כל זיך אויסגעפֿרעגט אויף משה פינהייראָ, און ווען זיי האָבן אים געזאָגט, אַז ער וועט באַלד דאָ צוקומען, האָט ער אַזש אָנגעהויבן טאַנצן פֿון פֿרייד.

און ער האָט זיך מיט אַ גלי אין זיינע אויגן געווענדט צו אברהם היכיני און געפֿרעגט:

— וואָס פֿאַר אַ בריוו, האָסטו מיר געזאָגט, איז אָנגעקומען פֿאַר מיר?

אברהם היכיני האָט אים נישט תיכף געענטפֿערט. ער האָט אים געוואָלט צוגרייטן צו דער וויכטיקער געשעעניש, און ער האָט אָנגעהויבן פֿריער צו דערציילן וועגן איינעם אַ גרויסן מקובל, וועלכער וווינט אין ירושלים, אָבער איצט געפֿינט ער זיך צופֿעליק אין דמשק, און פֿון דאָרט האָט ער אַרויסגעשיקט דעם בריוו.

— דער דאָזיקער מקובל איז נתן בנימין פֿון עזה אָדער ווי ער רופֿט זיך: נתן העזתי. ער איז דער זון פֿון אַ ירושלימער משולח, וועלכער פֿאָרט אַרום איבער די מזרחדיקע לענדער און זאַמלט געלט פֿאַר די אָרעמעלייט אין ירושלים, וועלכע זיצן און לערנען און טוען תפילה צו גאָט, אַז ער זאָל וואָס גיכער ברענגען די גאולה. דער דאָזיקער משולח האָט אפֿילו שוין אָנגעשפּאַרט אין פּוילן, כדי צו זאַמלען געלט ביי די דאָרטיקע יידן, נאָר עס האָט אים דאָרט פֿאַרכאַפּט די מלחמה צווישן די פּאָליאַקן און די היידאַמאַקעס און ער האָט זיך קוים מיטן לעבן געראַטעוועט. דער זון זיינער,

נתן בנימין, האָט זיך פון אים אָנגעהערט וועגן די היידאַמאַקישע שחיטות אויף יידן און ער האָט אָנגעהויבן נביאות זאָגן, אַז דאָס זענען די ריכטיקע סימנים וועגן קץ. און אָט פון דעם דאָזיקן נתן בנימין איז עס אָנגעקומען דער בריוו... — האָט אברהם היכיני פאַרענדיקט דאָס פאָרשטעלן פאַר שבתי צבי דעם נייעם אָנהענגער.

און דערביי האָט ער אַרויסגענומען פון בוזעם דעם בריוו, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין פיל פּאַפּירן און מ׳האָט געקאָנט זען, אַז דער בריוו איז געגאַנגען אַ לאַנגן וועג. עס האָט אים געברענגט אַ ספּעציעלער שליח, וועלכער איז געפאָרן מיט אים קיין סמירנע און פון דאָרט, דער־ווייסנדיק זיך, אַז שבתי צבי איז שוין אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט ער אים געברענגט אַהער.

מיט ציטערדיקע הענט האָט שבתי צבי גענומען דעם בריוו און אים געעפנט. „ווער ווייסט, וואָס אין דעם בריוו זאָגט מען מיר פאָר...” — האָט שבתי צבי געטראַכט וועגן די אויסטערלישע פּאַסירונגען, וואָס קומען אויף אים אַזוי פּלוצלינג.

אברהם היכיני האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון אים, בעת שבתי צבי האָט דעם בריוו געלייענט. ער האָט געוואָלט וויסן גענוי, וואָס פאַר אַן איינדרוק ער מאַכט אויף אים. ער האָט בלויז געוווסט, אַז לויטן בריוו איז נתן העזתי אַ דורכגעטריבענער חברהמאַן און ער וועט אים גוט צונוצ־קומען אין זיינע ווייטערדיקע עסקים.

שבתי צבי האָט דעם בריוו געלייענט פאַר זיינע חברים הויך, כדי אַלע זאָלן קאָנען הערן, און וואָס ווייטער ער האָט געלייענט, אַלץ צע־פלאַמטער איז זיין פּנים געוואָרן און ער האָט אַזש געציטערט פון גרויס באַגייסטערונג.

און אָט ווי דער בריוו האָט זיך געלייענט:

„צום משיח, דעם געזאַלבטן פון גאָט, צום מלך ישראל, וועלכער וועט בקרוב צונויפמענקלייבן אַלע פאַרשפּרייטע און צעזייטע יידן פון דער גאַנצער וועלט און וועט זיי צוריקברענגען אונטער די פליגל פון אַלמעכטיקן גאָט פון אונדזערע אבות, אמן.

„דיין הייליקער נאָמען האָט אויך דערגרייכט דאָ צו אונדז אין דעם ווייטן לאַנד, וואָס ליגט אויף דער גרענעץ פון מצרים, און דיינע וווּנדער־לעכע מעשים האָבן געמאַכט אויפציטערן אונדזערע הערצער און אָנגע־

פילט אונדזערע נשמות מיט שטאָלץ, וואָס דו, דער איינציקער איבערגעבלי־
בענער יורש פון מלכות בית דוד, האָסט זיך מיט דער הילף פון גאָט ברוך
הוא באַוויזן צו אונדז און געטאָן לייטזעליקן די קינדער פון ישראל.

„שוין פיל יאָרן, ווי איך בין פאַרטיפט אין די הייליקע רייד פון אונ־
דזער גרויסן צדיק און רבין דעם אר״י הקדוש און איך האָב געפרווט
נאָכגיין אין זיינע וועגן, אָבער נישט פאַר אַזאַ בשר ודם ווי איך זענען די
דאָזיקע וועגן צוגעפּאַסט. ווער בין איך און וואָס בין איך, אַז איך זאָל
זיך לאָזן אין די הייליקע וועגן פון קבלה? איך בין דאָך נישט מער ווי
שטויב אין פאַרגלייך מיט די גרויסע לייט, וועלכע זענען נאָענט מיט גאָט
און רעדן מיט אים כדבר איש אל רעהו.

„עס זענען דערגאַנגען צו מיינע אויערן דיינע מעשים, פון וועלכע
איך האָב אַרויסגעדרונגען, אַז דו ביסט עס טאַקע דער מאַן, וועלכער איז
ראוי געוואָרן פון גאָט איבערצונעמען דעם עול פון די אָוועקגעגאַנגענע
צדיקים און פירן די יידישע אומה צו איר אויסלייזונג. איך טו תפילה צו
גאָט יעדע רגע פון טאָג, אַז איך זאָל דערלעבן דיך אָנצוקוקן און זיך בוקן
אין שטויב צו דיינע פיס און קושן דעם זוים פון דיין קלייד און אָנקוקן
דיין ליכטיק פנים, וואָס האָט זוכה געווען באַשטראַלט צו ווערן פון דעם
זיו השכינה.

„איך גלויב, אַז דו ביסט עס דער, וועמען גאָט ברוך הוא האָט אויס־
דערוויילט צו זיין דער שליח צו די בני ישראל און דו וועסט קומען אַהער
צוריק אויפבויען די הייליקע שטאָט ירושלים, אויפריכטן דאָס בית־המקדש
און איינזאַמלען דאָס גאַנצע פאָלק אונטער די פליגל פון זיין הייליקן נאָמען,
אמן סלה...״

נתן בנימין העזתי.

ווען שבתי צבי האָט געענדיקט לייענען דעם בריוו, האָט ער פאַרוואָרפן
דעם קאָפּ אויף אַהינטער און ער איז געווען נאָענט צון צוזאַמענברעכן
פאַר גערירטקייט.

אַלע סמנים האָבן אים צום ווייפלטן מאָל באַוויזן, אַז ער קאָן גיין אויף
אַ זיכערן וועג, און אַז ער האָט פאַר גאָרנישט זיך צו שרעקן. גאָט האָט
אים צוגעשיקט די ריכטיקע מענטשן, וועלכע שטייען צו זיין הילף. איצט
דאַרף מען נאָר אויפמונטערן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, און דעמאָלט וועט
זיין לייכט צו גיין און אויפפאָדערן דעם טערקישן סולטאַן, ער זאָל איבער־

געבן דאָס לאַנד פון ישראל אין זיינע הענט אַריין — און די גאולה וועט זיין פאַרענדיקט.

נאָכן איבערלייענען דעם בריוו האָט אַ לאַנגע צייט געהערשט שטיל־שווייגן. קיינער האָט נישט געוואַגט דער ערשטער איבערצורייסן די דאָזיקע שטילקייט. אברהם היכיני האָט אָנגעהויבן עפּעס שטאַמלען אונטער דער נאָז, אָבער די בליקן פון די צוויי נאָענטסטע חברים פון שבתי צבי, שמואל פרימאָ און יצחק סילווייראַ, האָבן אים אָפּגעשטעלט און ער האָט פאַרביסן די ליפּן.

אַ קלאַפּ אין דער טיר האָט די שטילקייט איבערגעריסן. אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין משה פינהייראָ.

שבתי צבי איז אַ דערפרייטער אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ. ער האָט אַרומגעכאַפּט זיין חבר, אָנגעלענט זיין קאָפּ אויף יענעמס ברוסט און אַ לאַנגע ווײַלע זענען זיי ביידע געשטאַנען שטומע, אָן אַ וואָרט אויסצו־רעדן. ענדלעך האָט שבתי צבי דער ערשטער צו אים געזאָגט:

— זאָל געבענטשט זיין דיין צוריקקומען. דאָס איז געשען אין דער ריכטיקער מינוט ווען איך דאַרף דיך האָבן. בלויז גאָט אַליין האָט דיר אַריינגעגעבן אַ מחשבה איצט צו קומען דאָ אַהער.

און ער האָט אים אויסגעפרעגט אויף זיינע עלטערן אין סמירנע, אויף ר׳ יוסף אישקפא זיין רבין. משה פינהייראָ האָט אים איבערגעגעבן, אַז דער אלטער רבי האָט חרטה אויף דעם אַלעם, וואָס עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן, און אַז ער איז גענויגט אים איבערצובעטן.

בלויז אויף דער שיינער רחל האָט ער אים נישט געפרעגט, אָבער אין האַרץ ביי אים האָט געפלאַקערט אַ פייער פון בענקעניש און פאַרדראָס, פאַרוואָס ער האָט אַזוי קעגן איר געהאַנדלט. ער האָט אויסגעדריקט זיינע געפילן בלויז דערמיט, וואָס ער האָט שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך זיין געליבטן חבר.

ערשט איצט האָבן אַלע אויפגעלעבט און אַלע האָבן אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם בריוו פון נתן בנימין פון עזה. יעדער האָט דעם בריוו אויסגע־טייטשט אויף זיין אופן. אָבער אַלע זענען געווען אין דער זעלבער דעה, אַז שבתי צבי דאַרף פאָרן קיין ירושלים, און פון דאָרט רעדן צום גאַנצן פאָלק. פון דער הייליקער שטאָט וועט זיין וואָרט האָבן מער געוויכט און וועט איבערצייגן יענע, וועלכע צווייפלען נאָך אין זיין געטלעכער שליחות.

צומאָרגנס האָט מען אין דער גאַנצער שטאָט שוין געוווּסט וועגן דעם בריוו פון נתן העזתי. מען האָט אויך גערעדט אין אַלע שטובן און אין אַלע ערטער, ווו נאָר יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט, אין דער שול, אין בית־המדרש — וועגן דעם פאַרמעט, וואָס איז געפונען געוואָרן דורך אברהם היכיני, וואָס זאָגט בפירוש אָן די בשורה, אַז שבתי צבי איז דער געזאַלבטער פון גאָט, משיח בן דוד. און עס איז ביי קיינעם שוין נישט געווען קיין צווייפל, אַז די צייטן פון משיח זענען אָנגעקומען.

ווידער איז שבתי צביס אָנזען געוואַקסן אין די אויגן פון דער יידישער עדה אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. מענטשן האָבן מיט אָפּשיי אים אָפּגעטראָטן דעם וועג אויף די גאַסן, מ׳האָט זיך געבוקט ביז צו דער ערד פאַר אים, און אברהם היכיני האָט יעדן שבת געהאַלטן דרשות וועגן שבתי צבי, דעם מלך המשיח ירום הודו, און דער עולם האָט מיט גרויס התלהבות און גלויבן אויפגענומען יעדעס וואָרט זיינס.

אָבער פון דער אַנדערער זייט האָבן די רבנים פון דער טערקישער הויפּטשטאָט אָנגעהויבן רופן געהיימע אַסיפות און טראַכטן פאַרשידענע תחבולות איינצוצוימען די אָנהענגער פון שבתי צבי. עס איז זיי נישט גע־פעלן געוואָרן דער גרויסער כבוד, וואָס ווערט אָט דעם פרעמדן מקובל פון סמירנע אָפּגעגעבן, אין דער צייט וואָס די דאָרטיקע רבנים, מיט ר׳ יוסף אישקפּא בראש, האָבן אים געלייגט אין חרם.

עס איז צווישן זיי באַשלאָסן געוואָרן צו רופן שבתי צבי, נישט אָנ־מאַכנדיק קיין רעש דערביי, און אים בעטן צו פאַרלאָזן קאָנסטאַנטינאָפּאָל, כדי זיי זאָלן נישט זיין געצוווּנגען אים צו לייגן אין חרם אויך אין דער דאָזיקער שטאָט.

קיינער האָט וועגן דער דאָזיקער החלטה נישט געוווּסט, מען האָט פונ־דעסטוועגן שבתי צבי נישט געוואָלט פאַרשעמען. ער האָט פאָרט געהאַט אַ סך מענטשן הינטער זיך און מ׳האָט זיך דערמיט גערעכנט.

אויך שבתי צבי האָט נישט געוווּסט וואָס די רבנים טראַכטן וועגן אים, ער האָט אויך קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן זייערע אָפּגעהאַלטענע אסיפות. נאָר איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען ער איז גראָד געווען אַליין ביי זיך אין צימער און פאַרטיפט אין אַ קבלה־ספרל, האָט עמעץ אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ פרעמדער מאַן. יענער האָט אים איבערגעגעבן אַ בריוו און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. נאָך איידער שבתי צבי האָט באַוויזן דעם בריוו צו עפענען.

אַ גרויסער כעס האָט אים אַרומגענומען, ווען ער האָט איבערגעלייענט די אויפפאָדערונג פון די רבנים צו קומען תיכף ומיד צו זיי און ענטפערן אויף שאלות, וואָס זיי האָבן אים צו שטעלן. ער איז אין כעס געוואָרן פאַר דעם נישט פריינדלעכן טאָן מיט וועלכן דער בריוו איז געווען געשריבן, זיי האָבן אים נישט אָפּגעגעבן די געהעריקע טיטולן צו וועלכע ער איז שוין צוגעוווינט געווען, מען זאָל צו אים שרייבן.

— מער בין איך נישט פאַר זיי, ווי „שבתי צבי פון סמירנע״?... — האָט ער אַ ברום געטאָן מיט צאָרן. ער איז אַזש רויט געוואָרן פון כעס און די הענט האָבן אים אָנגעהויבן צו ציטערן.

ווען אברהם היכיני איז שפּעטער אַריינגעקומען, האָט אים שבתי צבי געוויזן דעם בריוו פון בית־דין אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער איז אים דורכ־געלאָפן מיט די אויגן, און אַ ביטערער שמייכל האָט זיך אַ שלענגל־געטאָן אויף זיינע ליפּן.

— פאָלג נישט אויס זייער באַפעל, האַר!... — האָט ער קורץ אַ זאָג געטאָן — ווער זענען זיי און וואָס זענען זיי, אַז זיי זאָלן דיר באַפעלן? אויב זיי ווילן מיט דיר רעדן, זאָלן זיי קומען אַהער...

שבתי צבי האָט איינגעשטימט מיט זיין ראַטגעבערס עצה, און ער האָט אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס: נישט גיין.

עס זענען אויך באַלד אַריינגעקומען זיינע חברים, משה פינהיירא, יצחק סילווייראָ און שמואל פרימאָ. זיי זענען געווען פריילעך געשטימט, זיי האָבן געהאַט צוזאַמען שפּאַצירט לענגאויס דעם ברעג פון ים און גערעדט וועגן די באַענטע גליקלעכע טעג, אַז זיי האָבן זיך נישט געקאָנט צוריק־האַלטן און הויך צווישן זיך אויסגעדריקט די גרויסע פרייד צוליב דער נאָענטער ישועה.

זיי האָבן באַשלאָסן צו גיין זען זייער גרויסן חבר שבתי צבי און זיך טיילן מיט זייער פרייד. די גאַסן, דורך וועלכע זיי זענען דורכגעגאַנגען, זענען געווען פול מיט מענטשן, וועלכע האָבן געהאַנדלט און געוואַנדלט, גלייך עס וואָלט גאָרנישט געווען פאַר ביאת המשיח. מ׳האָט געשריגן, מ׳האָט

זיך געזידלט איינע די אַנדערע מיט טויטע קללות, ווייל איינער האָט ביים אַנדערן אויסגעכאַפּט אַ קונה...

„און אָט דאָס דאָזיקע פאָלק דאַרף די גאולה?...״ — האָט משה פינ־היירא געפרעגט מיט ווייטאָג אין האַרץ.

„פּונקט ווי דאָס פאָלק, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, האָט גע־וואָלט די תורה...״ — האָט שמואל פּרימאָ געענטפערט מיט אַ שמייכל — „מ׳האָט אויף זיי אַרויסגעצוווּנגען מיט געוואַלט די צען געבאָט, אַזוי וועט מען אויך מיט געוואַלט אויף זיי אַרויפצווינגען די גאולה...״

ווען זיי זענען אַריבערגעטראָטן די שוועל פון זייער חבר שבתי צבי, האָבן זיי דערקענט, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכס איז געשען.

ווען אברהם היכיני האָט זיי געוויזן דעם בריוו פון די רבנים, אין וועלכן זיי פאָדערן אויף שבתי צבי צו קומען און ענטפערן אויף געוויסע שאלות, האָבן זיי בפה אחד געזאָגט, אַז שבתי צבי דאַרף יאָ גיין.

— מיט דיין גיין און ענטפערן אויף זייערע שאלות, וועסטו גרויס מאַכן גאָטס נאָמען און דו אַליין וועסט אויסוואַקסן אין זייערע אויגן — האָט שמואל פּרימאָ געזאָגט.

שבתי צבי איז געווען צעמישט און נישט געוווּסט וועמענס עצה צו פאָלגן. אברהם היכיני איז אַזש בלאַס געוואָרן פון צאָרן, וואָס אָט די דריי חברה־לייט פון סמירנע שטעלן זיך אים כסדר אין וועג. ער איז בפירוש נישט געווען צופרידן פון דעם.

— אויב אונדזער האַר וועט איין מאָל זיך בייגן פאַר די רבנים, וועלן זיי אים כסדר באַאומרואיקן און רופן צו זיך. מיר מוזן באַשיצן דעם כבוד פון אונדזער רבין — האָט אברהם היכיני פאַרטיידיקט זיין מיינונג.

— מיר טאָרן אָבער אויך נישט אַראָפּנידערן דעם כבוד פון די רבנים אין די אויגן פון פאָלק — האָט יצחק סילווייראָ געזאָגט — פריער וועלן זיי אָנווערן דעם דרך־ארץ צו די רבנים, דערנאָך וועלן זיי אויך פוגע בכבוד זיין אין אונדזער רבין. דער כבוד פון אונדזערע רבנים דאַרף אָפּגע־היטן ווערן פּונקט ווי דער כבוד פון גאָט, האָבן אונדזערע חכמים געדרשנט.

דאָס מאָל האָט אברהם היכיני געמוזט נאָכגעבן. שבתי צבי האָט באַ־שלאָסן אויף צומאָרגנס צו גיין צו די רבנים און הערן וואָס זיי פאַרלאַנגען פון אים.

די נאַכט האָט ער פאַרברענגט אין תפילות און אין לערנען. ער האָט פון צייט צו צייט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן לערנען און זיך פאַרטראַכט, פרעגנדיק זיך אפשר צום הונדערטסטן מאָל: „וואָס ווילן די רבנים פון מיר האָבן?"...

זייער שפּעט בײַנאַכט האָט ער זיך געלייגט שלאָפן. שלעכטע חלומות האָבן זיך אים באַוויזן. יעדעס מאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס און באַלד איז ער אַ מידער ווידער איינגעשלאָפן, כדי ווידעראַמאָל אין אַ ווייל אַרום זיך אויפצוכאַפּן אַ דערשראָקענער.

עס האָט זיך אים געחלומט, אַז אַ גרויסע מחנה פון רבנים, אין פעד־שוואַרצע קליידער, יאָגן זיך נאָך אים און ווילן אים נעמען תפוס, אָבער ער שטעלט זיך אַקעגן, ער לאָזט זיך נישט; ער וויל אַנטלויפן, נאָר ער פילט זיך ווי צוגעשמידט צום אָרט.

אָט זעט ער זיין נאָענטן פריינד אברהם היכיני. אָבער מיט וועמען גייט ער דאָס געשלאָסן אָרעם אין אָרעם?... מיט אַ פרוי, אַ זונה... זי לאַכט צו אים מיט אַ פאַרשייט געלעכטער און ער לאַכט צוריק, קושנדיק זי אויפן מויל בפרהסיה, פאַר אַלעמען אין די אויגן.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער נאָך געהאַט אַ שלעכט געפיל קעגן אברהם היכינין, אָבער ער האָט אים באַלד פאַרענטפערט אין זיין געדאַנק, גלייך דאָס וואָלט פאַרגעקומען אויף דער וואָר: האָט דאָך דער נביא הושע גענומען אַ ווייב אַ זונה...

ווען ער האָט זיך אינדערפרי אויפגעהויבן, איז אים דער קאָפּ געווען שווער ווי בליי און ער האָט זיך קוים געקאָנט אַ ריר טאָן.

ער האָט אָפּגעדאַווענט. ער האָט אָבער באַשלאָסן דעם טאָג צו פאַסטן, ווען ער פאַסט, פילט ער זיך לייכטער און דער קאָפּ איז ביי אים קלאָרער.

ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט איינער אַליין צו גיין צו די רבנים. ער האָט קיינעם וועגן דעם נישט געזאָגט.

ווען ער איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פון בית־דין־שטוב, האָט ער תיכּף חרטה געהאַט פאַרוואָס ער איז געקומען. אַ קאַלטקייט האָט אים באַגעגנט באַלד ביים אַריינקומען: אַנגעברוגזטע פּנימער. שטרענגע בליקן האָבן אים אויפגענומען. ער איז אַזוי איבערראַשט געוואָרן פון דער דאָזיקער אויפנאַמע, אַז אין ערשטן אויגנבליק האָט ער בלויז געזען ווייסע, שוואַרצע און רויטע בערד, בליציקע אויגן, וואָס זענען גרייט אים צו פאַרצוקן.

דער ערשטער געדאַנק זיינער איז געווען: תיכף צוריקצוגיין. ער האָט זיך אָבער באַלד באַדענקט און באַשלאָסן צו פאַרבלייבן, ער וועט שוין אויסטרינקען דעם ביטערן בעכער ביזן סוף.

— ביסטו דאָס שבתי צבי, דער זון פון מרדכי צבי, פון סמירנע? — האָט אים געפרעגט דער עלטסטער פון די רבנים, וועלכער איז געזעסן גרייט, ווי ער וואָלט געווען זיכער, אַז ער וועט קומען.

— יאָ, איך בין עס — האָט שבתי צבי געענטפערט מיט אַ שטיל קול.

— פון וואַנען האָט זיך צו דיר גענומען די חוצפה אויסצורופן זיך פאַר משיח בן דוד און דערמיט אַראָפּפירן אונדזער עדה יידן פון דרך הישר?... עס איז נאָך די צייט נישט געקומען, עס זענען נאָך נישטאָ די סימנים, וואָס זאָלן אָנווייזן אויף משיחס צייטן; און אויב אַפילו יאָ, פון וואַנען ביסטו דאָס זיכער, אַז דו ביסט עס דער אויסדערוויילטער?... — האָט געפרעגט דער־זעלבער רב, אַ הויכער ייד, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, וואָס האָט גע־גרייכט ביז זיינע לענדן און מיט אַ פּאָר גליאיקע שוואַרצע אויגן. דאָס פּנים איז געווען שטרענג, קיין פּיצל רחמים זענען אין זיינע אויגן נישט געווען.

שבתי צבי איז געבליבן פאַרציטערט, דערהערנדיק אַזעלכע רייד. ער איז שוין געווען געוווינט, מען זאָל צו אים רעדן מיט ערפורכט און מיט גרויס דרך־ארץ, און דאָ — אַזעלכע שטרענגע רייד. ער איז אינגאַנצן מבולבל געוואָרן פון דעם „ברוך הבא”. דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין, דערנאָך איז עס מיטאַמאָל אָפּגעפלאָסן און ער איז געוואָרן בלאַס. ער האָט זיך געטרייסלט פון כעס און אויפרעגונג.

ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געענטפערט מיט אַ שטיל קול, וואָס מ׳האָט עס קוים געקאָנט הערן:

— איר האָט מיך גערופן כדי צו שטעלן פאַרשידענע שאלות, און איר ווילט איך זאָל אייך ענטפערן. אָבער אויב איר וועט ווייטער אַזוי רעדן צו מיר אויף דעם אופן, ווי איר האָט אָנגעהויבן, וועל איך אייך אינגאַנצן נישט ענטפערן און איך פאַרלאָז תיכף ומיד אייער הויז.

אָפּגעזאָגט די דאָזיקע טעלעכע ווערטער, האָט ער זיך צוריק אַנידער־געזעצט אויף זיין פּלאַץ, וואָס מ׳האָט פאַר אים געהאַט צוגעגרייט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט בלויז ווען דער עלטסטער רב האָט אים אָנגעהויבן אויספרעגן.

אַ שטילקייט איז אַריינגעטראָטן אויף אַ ווײַלע. דער אַלטער רב האָט זיך פֿאַרמאָסטן מיט זײַן בליק און שבתי צבי האָט דעם בליק אויסגעהאַלטן. די איבעריקע רבנים האָבן מיט גרויס נײַגעריקייט אָנגעשפּיצט זייערע אויערן, וועלנדיק זען דעם אויסגאַנג פֿון דער דאָזיקער ווערטער־שלאַכט.

דער שטרענגער בליק פֿון דעם עלטסטן רב, ר׳ שמואל אברהם, האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט, דער אויסדרוק פֿון פּנים איז אַ ביסל ווייכער געוואָרן און ער האָט זיך אָנגערופֿן:

— עס איז דערגאַנגען צו מײַנע אויערן, אַז דו פֿאַרשפּרייטסט שמועות, אַז דו ביסט משיח בן דוד און דו ביסט באַשטימט פֿון גאָט ברוך הוא אויס־צולייזן דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון גלות. צי ווייסטו, אַז אַזאַ זאַך איז עלול אַרויסצורופֿן דעם צאָרן פֿון סולטאַן, ירום הודו, און עס זאָל זיך פֿאַר די ייִדישע אײַנוווינער פֿון דעם לאַנד גאָר שלעכט אויסלאָזן?...

— נישט איך פֿאַרשפּרייט די דאָזיקע ידיעות... — האָט שבתי צבי פּאַמעלעך, ציילנדיק די ווערטער, געענטפֿערט מיט שטאָלץ און מיט אַ צאַרט קול — דאָס איז איבערגעגעבן געוואָרן מן השמים... מן הסתם איז דערגאַנגען צו דײַנע אויערן, חשובער רב, אַז עס איז געפֿונען געוואָרן אין אַ הייל ערגעץ־ווו אין דער מדינת־טערקיי, נישט ווײַט פֿון די הרי אררט, אַן אַל־טער פּאַרמעט, אין וועלכן מײַן דערשײַנען ווערט אָנגעזאָגט מיט טויזנטער יאָרן צוריק. אַ חוץ דעם האָב איך עטלעכע מאָל געהאַט געטלעכע זעאונגען; אַ בת־קול האָט מיך געהייסן גיין אויסלייזן דאָס פֿאָלק פֿון ישׂראל, עס זענען אָנגעקומען די טעג פֿון ביאת המשיח. אַלע סימנים זאָגן דערויף, אַז די צײַט איז געקומען איך זאָל נתגלה ווערן...

דער אַלטער רב איז בלאַס געוואָרן, ער האָט אָנגעהויבן ציטערן מיט די ליפּן און די הענט האָבן זיך בײַ אים געטרייסלט פֿון גרויס אויפֿרעגונג. אַ שפּאַרע ווײַלע האָט ער קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן. ענדלעך איז ער צו זיך געקומען און זיך געווענדעט צו די איבעריקע רבנים, וועלכע זענען געזעסן צו זײַן רעכטער און לינקער האַנט און ער האָט געזאָגט:

— איר האָט דאָ אַלע געהערט, ווי אָט דער דאָזיקער יונגערמאַן מיטן נאָמען שבתי צבי האָט מחרף ומגדף געווען גאָטס נאָמען, דערציילנדיק די אויסגעטראַכטע מעשה, אַז גאָט ברוך הוא, וועלכער האָט בלויז איין מאָל דורכן ברענענדיקן סנה גערעדט צו משה רבנו, האָט זיך צו אים באַוויזן און אים איבערגעגעבן די זעלבע שליחות, וואָס איז מיט טויזנטער יאָרן

צוריק איבערגעגעבן געוואָרן צו משה בן עמרם... ווער ביסטו דאָס פאַר אײנער, וואָס זאָלסט האָבן זוכה געווען דערצו, אַז גאָט זאָל זיך צו דיר באַווייזן ?...

די לעצטע ווערטער זענען ווידער געווען געווענדט צו שבתי צבי פערזענלעך.

שבתי צבי האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן. ער איז געשטאַנען אַ ווײלע ווי אַ פאַרשולדיקטער קעגנאיבער די רבנים, וועלכע זענען געווען צוועלף אין צאָל. זײנע גרויסע פאָספאָר־אויגן האָבן אָבער באַלד אויפגעבליצט און זיי אַלעמען דורכגענומען מיט זיין שאַרפן בליק, אַז אַ ציטער איז איי־ניקע אַדורך איבער אַלע גלידער. טייל פון די רבנים האָבן אַראָפּגעלאָזט זייערע בליקן צו דער ערד, נישט קאָנענדיק אויסהאַלטן דעם שפּיזלדיקן גרינעם גלאַנץ פון זײנע אויגן.

און ער האָט געזאָגט מיט אַ פעסטער שטים :

— זענען דען אין די צייטן פון יציאת מצרים נישט געווען קיין בכבודיקע לייט, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער שליחות פון אונדזער גרעסטן נביא משה בן עמרם ?... קורח און דתן ואבירם זענען געווען פון די בכבודיקע לייט צווישן די יוצאי מצרים און זיי האָבן געקריגט קעגן זייער אויסלייזער... ווו איז ביי אייך די זיכערקייט, אַז איך בין נישט דער מאַן, וועמען עס איז איבערגעגעבן געוואָרן די דאָזיקע דערהויבענע שליחות ? וואָס נאָך פאַר אַ סימנים ווילט איר, קשה עורף, האָבן פון מיר, אַז איך בין געשיקט פון גאָט ? איר זענט געשלאָגן מיט בלינדקייט און איר זענט פאַרעקשנט אין אייער ווידערשפעניקייט. עס איז אייך גוט דאָ אין דעם גלות מיטן טאָפּ פלייש און די גוטע פיש, נאָך וועלכע עס האָט געבענקט דער ערב־רב, וועמען מ׳האָט אַרויסגענומען פון קנעכטשאַפט ביי פרעה. איר זענט נישט ראוי אויסגעלייזט צו ווערן. איר וועט האָבן דעם זעלבן סוף וואָס דאָס ערב־רב האָט געהאַט — זיי זענען אויסגעשטאָרבן אין מדבר...

וואָס ווייטער שבתי צבי האָט גערעדט, אַלץ שטאַרקער איז זיין שטימע געוואָרן. איצט האָט שוין זיין קול אַזוי געדונערט, אַז מ׳האָט עס געהערט אויף דער גאַס. הונדערטער מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט הינטער די פענצטער און מ׳האָט שוין פאַרנומען דעם אָפּקלאַנג פון זייערע רייד.

עטלעכע פון די בייזיצנדיקע רבנים האָבן מיט זייערע בליקן אויסגעע־דריקט צוטרוי צו שבתי צבי און האָבן זיך געדרייט אויף זייערע ערטער.

אַרויסזאָגן זייער אייגענעם געדאַנק האָבן זיי מורא געהאַט. זיי האָבן געווּסט וועגן חרם, וואָס איז אויסגערופן געוואָרן אויף שבתי צבי אין זיין געבוירן־שטאָט סמירנע. האָבן זיי אומגעדולדיק געוואַרט אויף די ווייטערדיקע רייד פון דעם עלטסטן רב, ר׳ שמואל אברהם, וועלכער איז געזעסן איצט און געביסן דעם שפּיץ פון זיין מילך־ווייסער באָרד און האָט געטראַכט וועגן עפּעס. ענדלעך האָט ער געלאָזט הערן שטים:

— עס איז דערגאַנגען צו אונדז די ידיעה פון דיין געבוירן־שטאָט סמירנע, אַז די דאָרטיקע רבנים, מיט ר׳ יוסף אישקפא בראש, האָבן דיך געלייגט אין חרם פאַר דעם זעלבן חטא, וואָס איך האָב דיר פאָרגעוואָרפן. דיין זינד איז דערמיט נאָך גרעסער, וואָס דו האָסט די חוצפּה צו פאַרגלייכן זיך מיט אונדזער גרעסטן נביא בן עמרם. אויב דו וועסט נישט פאַרלאָזן תיכף ומיד אונדזער שטאָט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וועל איך דיך לייגן אין חרם און וואַרפן אויף דיר אַלע קללות, וואָס זענען אויסגערעכנט אין דער תוכחה. איך גלייב נישט אין דעם אַלטן פּאַרמעט, וועגן וועלכן דו דערציילסט. דאָס האָט דער שווינדלער אברהם היכיני אויסגעטראַכט, כדי דיך צו פאַרפירן און ער זאָל דערפון שעפּן כבוד און געלט...

— דו רעדסט אויף דעם קדוש וטהור אברהם היכיני! — האָט שבתי צבי ווי נישט מיט זיין קול אויסגעשריגן — ווײ איז צו מיינע אויערן, וואָס איך האָב דאָ געהערט! נישט מיך, נאָר דיך דאַרף מען לייגן אין חרם. דו רעדסט לשון הרע קעגן אַ צדיק, אַן איש תמים!...

דאָ האָט זיך אַ פּראַל־אויף געגעבן די טיר און הונדערטער מענטשן האָבן מיט כוח זיך אַריינגעריסן אין דער בית־דין־שטוב. עס איז אַנטשטאַנען אַזאַ טומל, אַז מ׳האָט געקאָנט טויב ווערן. אַלע האָבן גערעדט אויף איין מאָל, אַלע האָבן געשריגן און געמאַכט קולות. דער גרעסטער טייל פון די מענטשן, וועלכע האָבן מיט כוח אויפגעבראָכן די טיר און זיך אַריינגעריסן, זענען געווען אויף דער זייט פון שבתי צבי.

— זאָל לעבן אונדזער מלך המשיח! — האָבן זיי געשריגן — אַ קללה זאָל קומען אויף די קעפּ פון די כופרים, וועלכע ווילן נאָך אַלץ נישט גלייבן, אַז עס זענען שוין משיחס צייטן. איז דען נאָך ווייניק, אַז מ׳האָט צענדליקער טויזנטער יידן אויסגעשאָכטן אין מדינת פּוילן?...

— שלעפּט אים אַראָפּ פון זיין בית־דין־שטול! — האָבן זיך געהערט

קולות — ער האָט באַליידיקט דעם גרעסטן בעל־דרשן פון אונדזער שטאָט, אברהם היכיני, ער האָט מחרף ומגדף געווען אונדזער משיח!

דער אַלטער רב האָט מיט ביידע הענט זיך פאַרשטאָפּט די אויערן, און טרערן זענען גערונען איבער זיינע באַקן.

פּלוצלינג האָט זיך אויף דער שוועל פון דער טיר באַוויזן אברהם היכיני.

אלעמענס בליקן האָבן זיך אַ ווענד־געטאָן צו דער טיר און מיט גרויס נייגעריקייט געוואַרט וואָס דאָ וועט זיין.

ער האָט אָפּגעמאָסטן די רבנים מיט אַ בליק פול מיט פאַראַכטונג, מען האָט אים שוין געהאָט דערציילט וואָס ר׳ שמואל אברהם, דער עלטסטער רב פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט וועגן אים געזאָגט. אברהם היכיני האָט געמאַכט עטלעכע טריט פאָרויס צום טיש, ווו די רבנים זענען געזעסן אין אַ האַלבן עיגול, אויף ביידע זייטן פונעם אַלטן רב.

אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַ ווייל לעבן שבתי צבי, האָט ער אים עפּעס איינגערוימט אין אויער און ער האָט זיך געווענדט צו די רבנים מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

—איך וועל אייך נישט אָפּענטפערן אויף די זידלרייד, וואָס איר האָט קעגן מיר געוואָרפן. זיי אַרן מיך נישט אינגאַנצן, ווייל וואָס פאַר אַ ווערט קאָנען האָבן רייד פון עובר־בטלדיקע מענטשן, וועלכע זענען פאַרגליווערט געוואָרן אין זייערע מחשבות, פונקט ווי עס איז געווען מיט אייערע אור־עלטערן מיט הונדערטער יאָרן צוריק. אויב אייך איז גוט אַזוי אין דער קנעכטשאַפט, בלייבט אין איר ביז אייער טויט. אָבער מיר וועלן נישט דערלאָזן, אַז אייערע פאַרגליווערטע געדאַנקען זאָלן אַרויפגעצווונגען ווערן אויפן גאַנצן פאָלק. דאָס פאָלק וויל פרייהייט און אויסלייזונג!

דער פאַרזאַמלטער עולם, וועלכער האָט זיך אַריינגעריסן אין בית־דין־שוב, האָט אָנגעהויבן מאַכן אויסגעשרייען קעגן די רבנים און זידלען זיי מיט די ערגסטע ווערטער. די שוואַרץ־געקליידטע רבנים האָבן פאַר שרעק אָנגעהויבן ציטערן, די פּנימער זענען בלאָס געוואָרן און מ׳האָט געזען, ווי זיי זוכן אַ געלעגנהייט צו אַנטרינען פון דאַנען מיט גאַנצע ביינער.

שבתי צבי איז באַלד אַרויסגענומען געוואָרן פון בית־דין שטוב דורך זיינע חברים, וועלכע זענען געהאַט אָנגעקומען צוזאַמען מיט אברהם היכיני, נאָר זיי האָבן צוגעוואַרט אין דרויסן.

נאָך דעם ווי אברהם היכיני האָט געענדיקט זיינע מוסר־רייד, האָט ער אויך פאַרלאָזן די רבנים און איז נאָכגעגאַנגען שבתי צבי אין זיין אכסניה אַריין.

די חברים משה פינהייראָ, יצחק סילוויירא און שמואל פרימאָ, צוזאַמען מיט אברהם היכיני, האָבן זיך אָפּגעשלאָסן מיט שבתי צבי אויף אַ גאַנצן טאָג און אָפּגעהאַלטן אַן אסיפה. קיינער איז צו זיי נישט צוגעלאָזט געוואָרן. מ׳האָט געהערט פון הינטער דער טיר שטורמישע רייד. טיילמאָל האָט מען זייער הויך געשריגן און טיילמאָל האָט מען קוים־קוים געהערט אַ שעפּטש פון דאָרט אַרויסקומען. עס האָט זיך, זעט אויס, געהאַנדלט וועגן גאָר וויכטיקע ענינים.

ענדלעך, ווען דער אָוונט איז צוגעפאַלן און די טיר האָט זיך געעפנט, זענען זיי אַלע פינף אַרויס אויף דער גאַס און געלאָזט זיך גיין גלייך אין בית־המדרש צו מנחה־דאַווענען.

אין בית־המדרש זענען געווען אַ סך מתפללים. מען האָט דאָרט איבער־גערעדט די גאַנצע געשעעניש פון הייַנטיקן פרימאָרגן. דער עולם האָט געשטורעמט קעגן די רבנים און שאַרפע רייד זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן קעגן זיי. אויב אפילו עס האָבן זיך געפונען עטלעכע, וואָס האָבן געהאַלטן מיט די רבנים, האָבן זיי מורא געהאַט זייער מיינונג אַרויסצוזאָגן, ווייל די שטימונג איז געווען פאַר שבתי צבי און קעגן די רבנים.

ווען שבתי צבי מיט זיינע באַגלייטערס זענען אַריבערגעטראָטן די שוועל פון בית־המדרש, האָט זיך דער גאַנצער עולם געגעבן אַ שטעל־אויף און אַלע האָבן אָנגעהויבן זינגען מיט גרויס התלהבות פאַרשידענע לידער און מאַכן אויסרופן לכבוד שבתי צבין. די ליכט זענען אָנגעצונדן געוואָרן, כאָטש אינדרויסן האָט נאָך געגרויט די פאַרנאַכטיקע שיין.

ווי דורך אַן אָפּגערעדטן צייכן איז באַלד אַלעמען באַקאַנט געוואָרן די ידיעה, אַז שבתי צבי פאָרט מאָרגן אָפּ קיין ארץ־ישראל.

אברהם היכיני איז אַרויף אויפן באַלעמער און האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש.

— טייערע ברידער מיינע!... — האָט ער אָנגעהויבן און ער איז אַ רגע שטיל געבליבן, כדי אויפצוכאַפּן די שטימונג פון פאַרזאַמלטן עולם. און ווען ער האָט דערפילט, אַז אַלע זענען מיט אים אין איין דעה, האָט זיך זיין פּנים צעלויכטן און די אויגן האָבן זיך צעפינקלט.

— טייערע ברידער מיינע... — האָט ער איבערגעחזרט — איך גיי אייך דאָ אָנזאָגן אַ בשורה, וואָס וועט אָנפּילן אייערע הערצער מיט פרייד און אייערע נשמות מיט געזאַנג. אונדזער משיח בן דוד שבתי צבי, ירום הודו, האָט אָפּגעמאַכט זיין דעה צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אין הייליקן לאַנד פון אונדזערע אבות, ווו זייערע פיס האָבן געטראָטן, וויל ער שטעלן די ערשטע טריט פאַר דער פרייהייט. כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים, פון ציון וועט אַרויסגיין די תורה און גאָטס וואָרט וועט געהערט ווערן פון ירושלים...

ער האָט זיך אַ ווייל אָפּגערוט, כדי צו כאַפּן דעם אָטעם.

דערווייל האָט זיך דערהערט פון ערגעץ אַ שטים:

— פאַרלאָז אונדז נישט, גרויסער נביא, ווייל מיר וועלן דאָ בלייבן ווי שאָף אָן אַ פּאַסטעך...

— דער גרויסער נביא וועט אייך נישט פאַרלאָזן, אפילו ווען ער וועט זיין אין דער אַנדערער עק וועלט — האָט אברהם היכיני געענטפערט דער שטימע פון פאָלק — ער מוז גיין קיין ירושלים, פונקט ווי ער האָט געמוזט קומען אַהער. גאָטס ווילן איז אַזוי!... די הייליקע ערד פון ירושלים רופט דעם אויסדערוויילטן זון פון גאָט, דעם געזאַלבטן קעניג פון ישראל, ער זאָל קומען אין דעם לאַנד, פון וואַנען מיר זענען מיט הונדערטער יאָר צוריק פאַרטריבן געוואָרן דורך טיטוס הרשע. אַ רוף איז געקומען פון דאָרט דורכן מויל פון דעם נביא אין הייליקן לאַנד, נתן העזתי, וועלכער האָט פלוצלונג אָנגעהויבן נביאות זאָגן וועגן ביאת המשיח. אַ געטלעכע זעאונג האָט ער דאָרט געהאַט און מ׳האָט אים אָנגעזאָגט, אַז אונדזער משיח, שבתי צבי, איז אָנגעגרייט די טעג אָנצוקומען אין הייליקן לאַנד אַריין. דאָרט ווו דאָס לאַנד איז חרוב געוואָרן, דאָרט דאַרף עס צוריק אויפגעבויט ווערן. די פרייהייט וועט קומען צו אייך פון באַרג ציון און פון דאָרט וועט צו אייך פליסן דאָס הייליקע וואָרט.

געוואַלטיקע קולות האָבן זיך אויפגעהויבן אין בית־המדרש, וואָס איז איצט אָנגעפילט געווען פון איין עק ביזן צווייטן: אין די שטובן איז מען געוואָר געוואָרן וועגן דער גרויסער געשעעניש, איז מען געקומען מיט די ווייבער און קינדער אין דעם מקום קדוש; אַ סך זענען געבליבן שטיין אין דרויסן, ווייל מ׳האָט שוין מער נישט געקאָנט זיך אַריינבאַקומען אינע־ווייניק.

— מיר ווילן הערן אונדזער משיח!... — האָבן זיך דערהערט קולות, וואָס האָבן געקאָנט פאַרטויבן — מיר ווילן הערן זיין הייליק וואָרט! מיר ווילן זען זיין הייליק פּנים!...

אַ קלאַפּ אין טיש האָט אַלעמען מיטאַמאָל איינגעשטילט, אַז מ'האָט געקאָנט הערן אַ פליג דורכפליען אין דעם אָנגעפּילטן בית־המדרש. אינ־דרויסן איז שוין געווען פינצטער און די ליכטיקייט אין בית־המדרש איז געוואָרן אַנזעעוודיקער. די שאָטנס זענען אַוועק אויפן אָנגערויכטן טונקעלן סופיט און אין די ווינקלען אַריין. מען האָט געהערט דאָס שטאַרקע אָטעמען פון די הונדערטער מענטשן. עס איז געווען אַזוי ענג, אַז מען האָט זיך נישט געקאָנט אפילו אויסדרייען. מען איז געשטאַנען צוגעדריקט איינער צום אַנדערן, פּלייצע צו פּלייצע און ברוסט צו ברוסט, און מ'האָט געדולדיק געוואָרט ביז עס וועט זיך באַווייזן די געשטאַלט פון שבתי צבי.

ענדלעך איז ער מיט פּאַמעלעכע טריט אַרויפגעקומען אויפן באַלעמער. ער האָט געפלאַקערט אינגאַנצן פון גרויס התלהבות און פייערלעכקייט. אַ לענגערע ווײַלע איז געשטאַנען און אָנגעקוקט דעם פאַרזאַמלטן עולם, איבערפירנדיק זיין בליק פון איין עק בית־המדרש ביזן צווייטן.

ער האָט עטלעכע מאָל געפּרוווט עפענען דאָס מויל, אָבער פון צופיל גערירטקייט, האָט ער נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. די ליפּן האָבן געציטערט און זיך באַוויגן אַרויף און אַראָפּ און מיטאַמאָל האָט זיין שטים אַ הילך געטאָן איבערן גאַנצן בית־המדרש ווי דאָס געברום פון אַ לייב.

— טייערע יידן, מיינע!... — האָט ער אָנגעהויבן — די גאולה איז נאָענט, זי שטייט אויף דער שוועל. ווער עס האָט אויערן, דער פאַרנעמט שוין אירע טריט. אַ געטלעכע שטימע האָט מיר געזאָגט: גיי אין הייליקן לאַנד און פון דאָרט, פון דער קודש־קדשימדיקער ערד, זאָלסטו ברענגען די גרויסע בשורה צו מיין פאָלק ישראל... אויפציטערן וועט די גויישע וועלט, פאַלן צו די פיס פון דעם געזאַלבטן יידישן קעניג און בעטן מחילה פאַר די אַלע נגישות און פּורעניות, וואָס זי האָט געברענגט אויף די יידי־שע קעפּ.

— לאַנג לעבן זאָל אונדזער משיח!... האָבן זיך געהערט באַגייסטערטע אויסגעשרייען, באַגלייט מיט אַ געזאַנג, וואָס האָט געמאַכט אויפציטערן די ווענט פון בית־המדרש. די קולות האָבן זיך אַרויסגעריסן ווייט פון בית־המדרש און אָפּגעשטעלט מענטשן, וואָס האָבן מיט פאַרוווּנדערונג גע־

פרעגט: ווער איז די דאָזיקע מאַכט, וואָס ציטערט אויף מיט דער גאַנצער וועלט?... און זיי זענען געפאַלן אויף די קני, אויסגעצויגן זיך אויף דער ערד, מיט די פּנימער אַנגערירט דעם שטויב און געבעטן צו גאָט, ער זאָל זיי שוינען...

די ידיעה, אַז שבתי צבי פאָרט אָפּ קיין ארץ־ישראל, האָט אויך באַרואיקט די געמיטער פון די רבנים און דעם אַלטן רב פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ר׳ שמואל אברהם. ער האָט אויפגעהויבן די הענט צו גאָט און געזאָגט די פאָלגנדיקע תפילה: „געלויבט ביסטו גאָט, וואָס האָסט מיך נישט געשטעלט צו קיין נסיון און איך האָב נישט געדאַרפט לייגן אין חרם שבתי צבי, דעם זון פון מרדכי צבי, ווייל ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ נשמה עס געפינט זיך אין זיין גוף”...

אַ טרויער איז באַפאַלן די יידן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווען שבתי צבי האָט פאַרלאָזט די דאָזיקע שטאָט. עס איז געווען ווי אַ שטילקייט פון פאַר ששת ימי בראשית וואָלט אַראָפּגענידערט איבער אַלע. מ׳האָט נישט הויך גערעדט. מ׳האָט זיך געסודעט און געמורמלט, גלייך אַ שווערער חולה וואָלט געווען אין דער נאָענט.

יידן האָבן געבענקט נאָך זייער משיח, וועלכער האָט אָנגעזאָגט די באַלדיקע גאולה, און איצט איז זי אָפּגערוקט געוואָרן, ווער ווייסט אויף ווי לאַנג... און אַלץ איבער דער שולד פון די רבנים.

מ׳האָט זיך צונויפגעזאַמלט אין געהיימע שטיבלעך און אָפּגעהאַלטן אסיפות. מען האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן די וווּנדערלעכע טעג, ווען שבתי צבי האָט זיך דאָ געפונען. טייל יידן האָבן געריסן קריעה נאָך זיין אַוועקפאָרן, און האָבן אויפגעהערט צו גיין אין בית־המדרש צוליב דער אָנוועזנהייט דאָרט פון די רבנים.

אָבער אין עטלעכע טעג אַרום איז צוריקגעקומען אברהם היכיני, אַלס דער שליח פון שבתי צבי. צוזאַמען מיט אים זענען אויך צוריקגעקומען שבתי צביס דריי חברים, שמואל פרימאָ, יצחק סילווייראָ און משה פּינ־היירא, זיי האָבן געדאַרפט אויפהאַלטן דעם גאולה־גייסט צווישן די יידן. זיי האָבן געהאַלטן דרשות וועגן משיח בן דוד, וועלכער דאַרף זיך באַלד לאָזן הערן פון ירושלים עיר הקדושה.

די רבנים האָבן זיך געמאַכט נישט וויסנדיק פון אברהם היכיניס אָנ־וועזנהייט אין שטאָט. זיי האָבן מורא געהאַט אייַנצורייסן מיט אַן עדה יידן,

וועלכע האָבן אין זייער גרעסטן טייל אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו שבתי צבי. אַפילו צווישן די רבנים זענען געווען עטלעכע, וועלכע האָבן שטילערהייט געהאַלטן, אַז שבתי צבי איז משיח בן דוד, זיי האָבן אָבער מורא געהאַט דאָס אַרויסצוזאָגן אין דער עפנטלעכקייט. אַ לאַנגע צייט האָט געהערשט אַן אומעט אין דער שטאָט, ביז אַלץ איז איינגעשטילט געוואָרן.

אַ לאַנגע צייט האָט מען וועגן שבתי צבי גאָרנישט געהערט. ער איז פאַרשוווּנדן ווי אַ שטיין אין וואַסער. בלויז איינמאָל זענען אין בית־המדרש פלוצלינג דערשינען די צוויי פּוילישע יידן, ר׳ מעכל און ר׳ וואָלף, און זיי האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן באַגלייט שבתי צבי, צוזאַמען מיט אברהם היכיני און שבתי צבים דריי חברים, ביז יפו. זיי האָבן אים אַראָפּגעלאָזט פון דער שיף. זיי אַליין האָט ער באַפוילן צוריקצופאָרן קיין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל, כדי אויפצוהאַלטן דעם גייסט פון אויסלייזונג.

דאָס איז געווען דער ערשטער גרוס פון שבתי צבי נאָך אַ סך וואָכן שטילשווייגן.

— ער איז אַוועק קיין ירושלים, ווו ער האָט זיך געדאַרפט באַגעגענען מיט נתן העזתי. אַזוי האָט ער אונדז געזאָגט — האָט ר׳ וואָלף דערציילט אין בית־המדרש, ווען אַ גרויסע צאָל יידן זענען געווען פאַרזאַמלט ביים שחריתדיקן דאַווענען.

— זייט געדולדיק, — האָט דער צווייטער פּוילישער ייד, ר׳ מעכל, דעם עולם באַרואיקט. — אונדזער משיח וועט זיך גאָר אין קורצן באַווייזן צו אייך, און דאָס וועט שוין זיין אין די טעג, ווען עס וועט זיך אָנהייבן דער קיבוץ־גליות. ער האָט געהייסן נישט פאַרצווייפלען. די צווייפלער, האָט ער געזאָגט, וועלן קומען בעטן ביי אים מחילה פאַר זייער בלינדקייט און פאַר זייער נישט וועלן באַגרייפן די נייע צייט, וואָס איז געקומען פאַרן יידישן פאָלק.

די פאַרזאַמלטע יידן האָבן מיט גרויס נייגעריקייט אויסגעהערט די דאָזיקע גרוסן און דער טרויער איז פאַרשוווּנדן.

דאָס איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג, ווען שבתי צבי האָט אַראָפּגעשטעלט זיין פוס אויף דער הייליקער ערד אין יפו. נישט געקוקט אויפן רעגן, האָט ער זיך אויסגעשפּרייט אויף דער ערד און געקושט דעם שטויב פון הייליקן לאַנד. זיינע טרערן האָבן זיך אויסגעמישט מיט די טראָפּנס רעגן, וואָס זענען געפאַלן

פון הימל. די שווערע בלייערנע וואָלקנס, וואָס זענען געשוועמען איבער זיין קאָפּ, זענען געווען ווי אַ שוואַרצע חופּה איבער אים. ער האָט דאָס אָנגענומען ווי אַ צייכן פון טרויער, פאַרוואָס ער האָט פאַרלאָזט די עדה יידן אין דער גרויסער טערקישער הויפּטשטאָט. נאָכן אָפּליגן אויסגעצויגן אויף דער נאַסער ערד עטלעכע שעה, האָט ער זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, געבליבן שטיין אַ ווײַלע און זיך אומגעקוקט. ער איז געווען איינזאַם. אַרום אים האָבן דורכגעשפּרייזט אַראַבער אין זייערע מזרחדיקע מלבושים. עס איז אים באַפאַלן אַ גרויסער אומעט, אָבער ער האָט דאָס אַלץ גענומען פאַר ליב. ער האָט געוואָלט פייניקן זיין לייב לכבוד דעם אָנקומען אין דעם הייליקן לאַנד.

ווען עס איז שוין געוואָרן פינצטער און דער רעגן האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט, האָט ער אָנגעהויבן שפּרייזן סתם אין דער וועלט אַריין, גלייבנדיק, אַז גאָט וועט אים נישט פאַרלאָזן און וועט אים צושיקן עמעצן, וואָס זאָל אים אַרונטערנעמען אונטער אַ דאַך. ער איז געווען אינגאַנצן דורכגעווייקט, אַזוי אַז ער האָט שוין גאָרנישט געפילט דעם פליוכנדיקן רעגן.

עס איז אים מיטאַמאָל עפּעס אַזוי גוט געוואָרן אויף דער נשמה. ער האָט געשעפּטשעט אַ תפילה צו גאָט, וואָס שטעלט אים פאַר אַ נסיון, ער האָט זיך דערפילט נאָענט מיט דער הייליקער ערד.

דאָ האָבן דאָך געטראָטן די אָבות און אמהות, דאָ האָבן זיי געפירט די מלחמות מיט די כנענים, און די בני ישראל האָבן מנצח געווען דעם שונא. אַ וואַרעמקייט האָט דורכגענומען זיין לייב און עס איז אים פריילעך געוואָרן.

פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ פאַרווונדערטער און אַ גרויסע פרייד האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן איבער זיינע גלידער. ער האָט דערהערט רעדן לשון קודש. ער האָט אין דער פינצטערניש אויך אויסגערופן אַ וואָרט אויף דער הייליקער שפּראַך און עס זענען צו אים צוגעקומען צוויי מענטשן און זיין האַנט אָנגערירט.

— אַ ייד ?...

— אַ ייד — האָט ער געענטפערט — שלום עליכם.

— עליכם שלום.

און זיי האָבן אים גענומען אונטער דער האַנט און אַריינגעפירט אין אַ ליכטיקער שטוב. פון צוגעווינטקייט צו דער פינצטערניש, האָט ער

אין דער ערשטער רגע נישט געקאַנט עפענען די אויגן. ערשט שפּעטער האָט ער פּאַמעלעך געעפנט איין אויג און דערנאָך דאָס צווייטע און דערזען זיך צווישן יידישע מענטשן. אַ שמייכלענדיקע עלטערע פרוי האָט מיט מוטערלעכער פרייד אויף אים געקוקט און געבעטן זיצן.

ער האָט זיך דערפילט היימיש. די צוויי יידן, וועלכע האָבן אים אַריינגעבראַכט פון דרויסן, זענען געווען פאָטער און זון. עס האָט אים אַרומגענומען אַ היימישע וואַרעמקייט. מ׳האָט אַריינגעבראַכט הייסע געטראַנקען, און ער האָט צום ערשטן מאָל זינט אַ לענגערער צייט אַ שמייכל געטאָן.

שבתי צבי האָט זיך פונאַנדערגעשמועסט מיט די צוויי יידן, אויסגעפרעגט זיך אויף נתן בנימין פון דער שטאָט עזה. ווען זיי האָבן דערהערט דעם דאָזיקן נאָמען, האָבן זייערע אויגן אויפגעלויכטן און זיי האָבן אָנגעהויבן דערציילן נסים און נפלאות.

— ער וואַקסט אַ גרויסער מאַן ביי יידן, — האָט דער פאָטער פון דעם הויז אויסגערופן מיט באַגייסטערונג, — ער איז נאָך אַ יונגערמאַן און ער האָט שוין באַוויזן אַרויסצורופן צו זיך גרויס דרך־ארץ פאַר זיינע קענטענישן פון קבלה און תלמוד.

— פון וואַנען שטאַמט ער און ווער זענען זיינע עלטערן? — האָט שבתי צבי געוואָלט וויסן עפּעס נענטערס וועגן זיין צוקונפטיקן נביא.

— דער פאָטער זיינער, אלישע חיים, איז אַ משולח, וועלכער פאָרט אַרום איבער די לענדער פון אייראָפּע און זאַמלט געלט פאַר די אָרעמעלייט אין ארץ־ישראל. צוליב זיין אַרומפאָרן איבער די ווייטע לענדער, איז נישט געווען ווער עס זאָל זיך פאַרנעמען מיט זיין איינציקן זון נתן בנימין, ווייל די מוטער זיינע האָט שוין נישט געלעבט. האָט זיך דערבאַרעמט אויף דעם יינגל דער מקובל ר׳ יעקב חגיז, וועלכער האָט אין ירושלים אָנגעפירט מיט אַ ישיבה, און נתן בנימינען אַריינגענומען צו זיך און אים דערצויגן. דאָס יינגל האָט באַגערט צו לערנען, ער איז אין משך פון אַ קורצער צייט געוואָרן איינער פון די בעסטע תלמידים אין דער ישיבה און ער האָט אָנגעהויבן שמען מיט זיין לומדות און קענטעניש פון קבלה.

זעענדיק, אַז שבתי צבי הערט אים אויס מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, האָט דער באַלעבאָס פון הויז נאָך מיט מער פייער גענומען וועגן אים דערציילן, וואָרעם שבתי צבי — הגם דער באַלעבאָס האָט נישט געוווסט

וועמען ער האָט דאָ פֿאַר זיך — איז אים שטאַרק געפֿעלן געוואָרן און ער האָט געזען אים דערציילט וועגן נתן העזתי.

— וויאַזוי איז ער געקומען קיין עזה, וואָס איז כידוע אַן אַראַביש שטעטל? — האָט שבתי צבי געפֿרעגט מיט נייגעריקייט, וועלנדיק אַלץ וויסן וועגן דעם מאַן, פֿון וועמען ער האָט באַקומען אַזאַ באַגייסטערטן בריוו.

און דער באַלעבאָס האָט אים ווייטער דערציילט וועגן נתן העזתי, אַז איינמאָל איז אַ רייכער ספֿרדישער ייִד געקומען אין ישיבה פֿון ר׳ יעקב חגיז אין ירושלים און נאָכגעפֿרעגט זיך אויפֿן בעסטן בחור, וואָס ער האָט אין דער ישיבה, כּדי אים צו נעמען פֿאַר אַן איידעם. דער נאָמען פֿון דעם דאָזיקן רייכן ייִד איז געווען שמואל ליסבאָנאַ פֿון דער שטאָט עזה. דער דאָזיקער רייכער ייִד האָט געהאַט אַן איינציקע טאָכטער, וועלכע איז געווען זייער אַ שיינע, אָבער בלינד אויף איין אויג. ר׳ יעקב חגיז האָט ר׳ שמואלן אָנגעוויזן אויף דעם יונגן נתן. ער האָט אים פֿאַרהערט אין לערנען, און דער בחור איז אים שטאַרק געפֿעלן געוואָרן.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און נתן בנימין האָט חתונה געהאַט מיט דעם דאָזיקן מיידל און ער האָט זיך אַ נאָמען געגעבן נאָך דער שטאָט, וווהין ער האָט חתונה געהאַט: נתן העזתי, נתן פֿון דער שטאָט עזה.

איצט האָט דער דאָזיקער בחור געהאַט צייט צו לערנען און אָפּגעבן זיך גאַנצע טעג צו לערנען קבלה־ספֿרים, און נאָך עטלעכע יאָר זיין אָפּ־געזונדערט פֿון מענטשן, איז ער אויסגעוואַקסן אַ גרויסער בעל־מקובל, מיט וועלכן דאָס גאַנצע לאַנד האָט געשמט.

— וואָס פֿאַר אַ וווּנדער האָט ער דאָס באַוויזן אייער נתן בנימין? — האָט שבתי צבי געפֿרעגט, כאָטש ער האָט שוין וועגן אים געהאַט געהערט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער האָט אָבער געוואָלט דאָס זעלבע הערן פֿון אַ נעב־טערן מענטש, פֿון אַ מאַן פֿון זעלבן לאַנד.

און דער באַלעבאָס פֿון דעם הויז האָט געזען ווייטער דערציילט:

ווען נתן העזתי איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, איז ער שוין געווען איינער פֿון די געלערנטסטע מענער אין לאַנד. עלטערע תּלמידי־חכמים האָבן זיך נישט געשעמט ביי אים צו פֿרעגן שאלות, און ער האָט אויף יעדער זאַך געענטפֿערט קלאָר און פֿאַרשטענדיק. מען איז צו אים געקומען פֿון גאַנצן לאַנד מיט פֿאַרשידענע האַרבע שאלות. האָט ווער געהאַט עפּעס

אַ שווער האַרץ, איז ער געקומען צו נתן העזתי, ער זאָל אים אויסהערן און לייכטער מאַכן דאָס געמיט.

מען האָט געשמועסט צווישן זיך, אַז נתן העזתי איז אַ העלזעער. מאַסן מענטשן זענען צו אים געקומען, ער זאָל זיי פאָרויסזאָגן זייער צוקונפט. מען פלעגט פאַר אים אויסלייגן ליסטעס מיט נעמען פון מענטשן און ער האָט געזאָגט ווער פון זיי עס איז באַגאַנגען אַ זינד און וואָס פאַר אַ שטראָף ער וועט באַקומען דערפאַר.

כדי אים אויסצופרוּוון, האָט עמעצער, אַ דרייסטער פאַרשוין, אים אונטערגערוקט די נעמען פון אַ פאַרשטאָרבענעם און פון אַ קינד. נתן האָט די ליסטע דורכגעקוקט און ביים נאָמען פון טויטן האָט ער אויפגעשריבן: דער טויט האָט אויסגעקויפט זיינע זינד; און ביי דעם נאָמען פון קינד האָט ער אויפגעשריבן: ער איז פריי פון יעדער זינד.

דער דאָזיקער אויספּרוּוו האָט איבערגעלאָזט אויף די מענטשן אַ שטאַרקן איינדרוק און זיין נאָמען איז נאָך מער פאַרהייליקט געוואָרן צווישן די איינוווינער פון ארץ־ישראל.

די תלמידי־הכמים האָבן אָבער נאָך אַלץ זיך באַצויגן צו די דאָזיקע וווּנדער מיט פאַרדאַכט און אומגלויבן, און איינמאָל האָט אַ גרופּע פון ירושלימער רבנים און געלערנטע אויסגעקליבן פון צווישן זיך עטלעכע שליחים, וואָס זאָלן פאָרן קיין עזה אים אויספּרוּוון און פעסטשטעלן, צי באַזיצט טאַקע אָט דער דאָזיקער יונגערמאַן, דער מקובל נתן העזתי, אַזאַ גרויסן איבערמענטשלעכן כוח.

אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט די דאָזיקע רבנים־שליחים ווערט דערציילט אַזאַ געשיכטע: איינער פון די רבנים איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו נתן העזתי און אים אויפגעפאָדערט, אַז ער זאָל זיי ווייזן זיין קראַפט אין העלזעריי.

נתן העזתי האָט אים דעמאָלט געהייסן גיין אויפן בית־הקברות, ווו ער וועט טרעפן אַן אַלטן מאַן מיט אַ פעל אַרומגענומען די לענדן און ער וועט האַלטן אַן עמער מיט וואַסער אין האַנט. „נעם דעם עמער מיט וואַסער", האָט אים נתן העזתי געזאָגט, „און גיס עס אויס איבער זיינע הענט און זאָג: זיי מוחל די קינדער פון ישראל!"

דער תלמיד חכם האָט אַזוי געטאָן. ער איז אַוועק אויפן בית־הקברות, אָבער ער האָט דאָרט קיינעם נישט געפונען. „דאָרט, אויפן בית־הקברות איז

קיינער נישטאָ״ — האָט ער מיט שפּאָט געזאָגט צום יונגן מקובל. „גיי נאָכ־אַמאָל אַהין״ — האָט אים נתן געענטפערט. דאָס מאָל האָט דער תלמיד חכם טאַקע געפונען אַן אַלטן מאַן, ווי מ׳האָט אים אָפּגעמשלט, און ער האָט געטאָן דאָס, וואָס נתן העזתי האָט אים געהייסן טאָן. ווען ער האָט דעם אַלטן אָפּגעגאָסן די הענט מיטן וואַסער און געזאָגט: „זיי מוחל די קינדער פון ישראל״, האָט דער אַלטער אַ באַוועג געטאָן מיט זיינע ליפּן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי די ליפּן ביי אַ בר־מינן, בלוי און פאַרטריקנט: „זאָל מיין בלוט דיר פאַרגעבן ווערן!״

אומקערנדיק זיך אין הויז פון נתן העזתי, ווו אַלע רבנים האָבן מיט גרויס נייגעריקייט אויף אים געוואַרט, האָט ער דערציילט, וואָס מיט אים איז געשען און וואָס דער אַלטער מאַן האָט געענטפערט.

דעמאָלט האָט דער יונגער מקובל געזאָגט, אַז דער אַלטער מאַן איז געווען זכריה הנביא, ווען די יידן האָבן דערהרגעט, און מיט דעם סימ־באָלישן וואַסער־גיסן האָט ער אָפּגעוואַשן די אַמאָליקע זינד און זי איז די יידן פאַרגעבן געוואָרן...

שבתי צביס אויגן האָבן אויפגעלויכטן, אויסהערנדיק די מעשיות וועגן נתן בנימין פון עזה. אַ צופרידנקייט האָט זיך אויסגעגאָסן איבער זיין פּנים און ער האָט אויסגערופן:

— איך וואָלט געוואָלט זען דעם דאָזיקן מאַן.

— יעדער איינער קאָן אים זען. ער איז נישט קיין פאַרבאָרגענער מאַן און ער האַלט זיך אויך נישט גאווהדיק — האָט דער באַלעבאָס פון הויז געזאָגט מיט גרויס הנאה, וואָס ער פאַרשאַפט פאַרגעניגן אַ פרעמדן דורכ־רייזנדיקן... — איר וואָלט געמעגט צופאָרן קיין עזה, ווו ער וווינט איצט און מיט אים זיך זען.

— וועט ער מיך וועלן זען?... — האָט שבתי צבי געפרעגט, און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן.

— איך ווייס נישט ווער איז זענט, אָבער נתן בנימין פון עזה נעמט אויף יעדן איינעם, ועלכער וויל אים נאָר זען.

שבתי צבי האָט זיך נישט געוואָלט געבן צו דערקענען, ער האָט מורא געהאַט פאַר דער גרויסער איבערראַשונג, וואָס ער פאַרשאַפט מענטשן, ווען מען ווערט געוואָר וועגן אים.

און פלוצלינג האָט ער פון מויל פון באַלעבאָס איז הויז דערהערט זיין נאָמען און ער האָט אויפגעצאַפּלט.

— נתן העזתי שטייט אַפילו איז פאַרבינדונג מיט דעם משיח שבתי צבי... — האָט ער מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן — דאָס אַליין באַווייזט, ווי גרויס אונדזער נתן בנימין איז. ער וועט זיכער זיין איינער פון זיינע נביאים... גאָר אַזעלכע מענטשן ווי נתן העזתי זענען ראוי צו שטיין אין דער נאָענט פון שבתי צבי, ירום הודו.

שבתי צבי האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז באַלד צומאָרגנס, כעלות השחר, פאַרט ער אָפּ קיין עזה. ער מוז צוציען נתן בנימינען צו זיין הייליקער שליחות.

און ער האָט אויסגערופן צום באַלעבאָס און צו זיינע משפּחה־מיטגלידער:

— איך בין שטאַרק אָפּגעמאַטערט פון וועג און באַלד אינדערפרי פאָר איך אָפּ קיין עזה. איך וואָלט געוואָלט זיך צולייגן אַ ביסל.

— וואָס פאַר אַ שאלה — האָט דער באַלעבאָס זיך אויפגעריסן פון פּלאַץ, און באַלד איז ער געבליבן שטיין מיט אויפגעריסענע אויגן, און ער האָט אַרויסגעשטאַמלט: — זייט מיר מוחל, רבי...

און מער האָט ער נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון זיינע ליפּן. ער איז געפאַלן צו די פיס פון שבתי צבי, זיך געשלאָגן מיטן קאָפּ אָן דיל און געבעטן מיטן באַנומענע קולות:

— וואָס פאַר אַ בהמה איך בין! ווי האָב איך נישט באַלד דערקענט, אַז דאָס זענט איר דער הייליקער מאַן! שטראָפט מיך, שלאָגט מיך מיט מלקות, איך האָב עס פאַרדינט, איך האָב עס פאַרדינט...

און ער האָט זיך ביטער פונאַנדערגעוויינט. מיט אים צוזאַמען האָבן די עלטערע פרוי און דער זון אויפן דיל זיך אויסגעשפּרייט, צוגעקראָכן אויף אַלע פיר צו שבתי צבי, געקושט די זוים פון זיין קלייד און געבעטן, ער זאָל זיי מוחל זיין, פאַרוואָס זיי האָבן תיכף נישט דערקענט ווען זיי האָבן אים שטוב.

— שעלט אונדז נישט, רבי, מיר זענען נישט שולדיק...

— פאַרוואָס זאָל איך אייך שעלטן, טייערע ברידער מיינע? — האָט שבתי צבי אַ געריכטער פון זייערע טרערן אויסגערופן, — בענטשן גאָר דאַרף איך אייך, אַז איר זענט צדיקים גמורים. איר האָט אַ פרעמדן ייד אַריינגעבראַכט אין אַ ליכטיקער שטוב, געגעבן אים וואַרעמע משקה צו

טרינקען, איר האָט מיר מיין לעבן געראַטעוועט. ווען נישט איר, וואָלט איך דאָך, חלילה, אויף דעם רעגן אין גאַס געבליבן נעכטיקן... בענטשן דאַרף איך אייך!... אָבער ווי אַזוי האָט איר דערקענט ווער איך בין?...

— איך האָב פּלוצלינג אַ ליכטיקן שטראַל איבער דיין קאָפּ געזען אויפ־גיין, — האָט דער בעלעבאָס מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט, — און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אַ גרויסן מאַן האָט מיר גאָט ברוך הוא צוגעשיקט אין שטוב אַריין, און אַזוי ווי איך האָב גראָד אין דער רגע געדעדט וועגן שבתי צבי, איז מיר ווי אַ ליכט אין מיין מוח אויפגעגאַנגען, און איך האָב פאַרשטאַנען ווער עס שטייט פאַר מיר...

— זיי געבענטשט, טייערער ייד... — האָט שבתי צבי געמורמלט. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן יידס קאָפּ און געזאָגט די ברכות כהנים.

— אַ האַלב פון מיין פאַרמעגן גיב איך אַוועק אויף צדקה! — האָט דער ייד אויסגערופן אין גרויס התפעלות — דערפאַר, וואָס גאָט האָט מיר צו־געשיקט אַזאַ גרויסע מצווה, אויפצונעמען ביי זיך אין הויז משיח בן דוד, דערפאַר וואָס איך בין מיט אַזאַ הייליקן מאַן געווען אונטער איין דאַך... אַ האַלב פון מיין פאַרמעגן גיב איך דיר אַוועק, הייליקער מאַן.

— וועסט עס געבן צו די אָרעמע לייט פון ירושלים... — האָט שבתי צבי אויסגערופן.

דער ייד האָט שבתי צבי אָפּגעגעבן זיין אייגן בעט און אַליין האָט ער מיט זיין ווייב און זון זיך צוריקגעצויגן פון דעם דאָזיקן צימער און עס איבערגעלאָזט אינגאַנצן פאַר אים.

ווען שבתי צבי איז געבליבן איינער אַליין מיט זיך, האָט ער אויפגע־הויבן די הענט צום הימל און געשעפּטשעט מיט די ליפּן: „נאָך אַ סימן, אַז איך בין געשיקט פון גאָט אויסצולייזן מיין פאָלק. איך וועל תפילה טאָן צו דעם וואָס לעבט אייביק, אַז ער זאָל מיך פירן אויפן ריכטיקן וועג און איך זאָל קאָנען דורכפירן מיין שליחות בשלימות".

אַ צעהעלטער בלוי־גאָלדענער טאָג איז אויפגעגאַנגען און מ'האָט גאָר־נישט דערקענט, אַז נעכטן איז דער זעלבער הימל געווען ווי מיט בליי אָנגעגאָסן און עס האָט געפליוכעט אָן אויפהער.

שבתי צבי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין געלעגער, מיט אַ צעזונגענער נשמה האָט ער אָנגעהויבן זאָגן די ברכות און אָפּגעגעבן אַ שבח דעם רבונו

של עולם, געדאַנקט אים, וואָס ער האָט מיט גרויס דערבאַרעמדיקייט אים צוריקגעגעבן די נשמה. ער האָט אָנגעקניפּט די תפילין של ראש און של יד און מיט גרויס פרומקייט געזאָגט: „און איך וועל דיך אַנטשפּויזן צו מיר אויף אייביק, און דיך אַנטשפּויזן צו מיר מיט רעכט און מיט גערעכטיקייט, און מיט גענאָד און מיט באַרמהאַרציקייט; און איך וועל דיך אַנטשפּויזן צו מיר מיט טריישאַפט, און וועסט דערקענען גאָט"...

יעדעס וואָרט האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ גרויסער פרייד, אַז ער האָט געציטערט אינגאַנצן פון אויפגערודערטקייט. די זון האָט ממש גע־פלייצט מיט ליכטיקייט אין שטוב אַריין און אים געבאָדן אין גאָלדענע שטראַלן.

ווען דער באַלעבאָס האָט געעפנט די טיר, כדי שבתי צבי אָנצוזאָגן, אַז איילעץ שטייען גרייט אינעם קאַראַוואַן אַפּצורייטן קיין ירושלים, איז ער אַ געפּלעפטער געבליבן שטיין אויף דער שוועל. נישט אַ מענטש איז געשטאַנען איינגעהילט אינעם טלית, נאָר עפּעס אַ געטלעך וועזן. ער האָט געפלאַקערט ווי אַ פייערדיקער זייל אין די ברענענדיקע זון־שטראַלן, און פון שטערן, האָט זיך דעם באַלעבאָס אויסגעדאַכט, שטייען אָפּ שטראַלנדיקע הערנער, וואָס לייכטן ווי די זון אַליין.

— רבי!... — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט מיט גרויס ציטערניש — רבי, די איילעץ, וואָס זאַמלען זיך אין אַ קאַראַוואַן צו גיין קיין ירושלים, שטייען גרייט און וואַרטן בלויז אויף דיר...

שבתי צבי האָט אים גאָרנישט געענטפערט. ער האָט אפילו נישט גע־הערט זיינע רייד. ער איז געווען פאַרטאָן אין זיינע תפילות, אַלע זיינע אברים האָבן איצט געזונגען אַ דאַנק־ליד צו גאָט, דעם באַשעפער פון דער וועלט. ער האָט אויפגעהויבן די הענט זיינע אין דער הויך און גע־וואָלט מיט זיי גרייכן נאָך העכער, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט זיי אַרויפ־פליען אין הימל אַריין.

— רבי... — האָט דער באַלעבאָס אים אָנגערירט ביים אַרבל, דער־נעענטערנדיק זיך צו אים מיט גרויס יראת הכבוד — דער קאַראַוואַן מיט איילעץ שטייט גרייט דיך אויפצונעמען...

— האַ?... — האָט שבתי צבי זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרטראַכטקייט — וואָס האָסטו געזאָגט ...

— דו ווילסט דאָך, רבי, גיין קיין ירושלים!...

— יאָ, קיין ירושלים, אין דער עיר הקדושה... — האָט שבתי צבי גע־רעדט ווי פון אַ חלום אַרויס.

די אויגן האָבן ערגעץ־ווו געקוקט און דאָס פּנים האָט ביי אים גע־לויכטן פון גרויס דערהויבנקייט, און ער האָט עפּעס געשעפּטשעט מיט די ליפּן, וואָס מ׳האָט נישט געקאָנט דערכאַפּן מיטן אויער.

ענדלעך האָט ער אויסגעטאָן טלית און תפילין און איז געווען גרייט צו פאַרלאָזן דאָס הויז.

— איך האָב פאַר דיר צוגעגרייט אָנבייסן, רבי... — האָט דער באַלע־באָס זיך ביי אים געבעטן.

— אין דעם טאָג, ווען איך פאָר אַריין קיין ירושלים, וויל איך פאַר־ברענגען אין תענית און אין תפילה... — האָט שבתי צבי געענטפערט.

און ער האָט זיך געזעגנט מיט זיינע גאַסטגעבער, אָנווינטשנדיק זיי אַלדאָס גוטס און געדאַנקט זיי פאַר געבן אים אַ דאַך איבערן קאָפּ.

און דער קאַראַוואַן האָט געריררט.

זיין בליק איז צוגעשמידט געוואָרן צו דער אַרומיקער נאַטור. ווען ער איז אַריינגעקומען אין די בערג פון יהודה, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געדאַנקט גאָט פאַרן חסד, וואָס ער האָט אים דערלויבט צו קומען אויף דער הייליקער ערד און צו טרעטן מיט זיינע פיס דעם זעלבן באָדן, ווו עס האָבן געטרעטן די אבות און ווו עס האָבן געפירט מלחמה מיט די כנענים זיינע אור־אורעלטערן אונטער דער אָנפירונג פון יהושע בן־נון, אהוד בן־גראָ און אַנדערע גרויסע העלדן.

טרערן האָבן אים אָנגעהויבן רינען פון די אויגן פאַר גרויס פרייד. ער האָט אַראָפּגענידערט פון דעם אייזל און געקושט דעם שטויב פון די בערג. ער האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף די שטיינער, באַנעצט זיי מיט זיינע טרערן און געדאַנקט פאַר דעם גרויסן נס, וואָס האָט אים געמאַכט אַהערקומען.

די איבעריקע רייזנדיקע אויף די אייזלען מיט דעם זעלבן קאַראַוואַן האָבן באַוואונדערט דעם דאָזיקן יונגנמאַן, ווען ווען זיי האָבן נישט גע־האַט דעם מינדסטן אנונג ווער ער איז.

— ער מוז זיין אַ גרויסער צדיק... — האָט איינער פון זיי זיך אָנ־גערופן.

— אַ גרויסע זכיה האָט אונדז גאָט געגעבן צו פאָרן צוזאַמען מיט אים — האָט אַ צווייטער זיך אַרויסגעזאָגט.

— ווער איז ער? — האָט אַ דריטער געפרעגט.

— מיר קאָנען שוין זיכער זיין, אַז קיין שום שלעכטס וועט אונדז אויפן וועג נישט געשען — האָט דער ערשטער זיך אָנגערופן. — אין זיין זכות וועלן מיר אָנקומען בשלום אין דער הייליקער שטאָט.

— ער מוז זיין אַ מקובל, אַזוי ווי עס איז אונדזער נתן בנימין פון דער שטאָט עזה. ער זעט אויס אויף אַזעלכן... — האָט עמעץ אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג.

און ווען שבתי צבי האָט זיך ענדלעך אויפגעהויבן פון דער ערד און זיך דערנענטערט צו זיין אייזעלע, האָט איינער פון די רייזנדיקע אָנגערופן:

— זאָג אונדז, רבי, ווער דו ביסט. מיר ווילן וויסן מיט וועמען מיר האָבן די זכיה צו פאָרן צוזאַמען קיין ירושלים?...

— איך בין אייערס אַ ברודער, וועלכער לעכצט צו זען די הייליקע שטאָט, פון וואַנען עס דאַרף קומען די גרויסע בשורה פון אויסלייזונג... — האָט שבתי צבי געענטפערט.

— דאָס זעלבע האָט אונדזער נביא, נתן העזתי, אַנומלט געדרשנט אין שול: אַז די צייט פון גאולה איז שוין נאָענט, און דער יונגער מקובל פון סמירנע, שבתי צבי, איז משיח בן דוד און ער דאַרף אינגיכן קומען קיין ירושלים...

— ווער עס האָט אויערן און הערט, דער פאַרנעמט שוין די טריט פון דער אויסלייזונג — האָט שבתי צבי באַדייטונגספול געענטפערט.

און דער קאַראַוואַן האָט זיך גערירט אין ווייטערן וועג אַריין.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער און מען האָט שוין גאָרנישט געפילט, אַז נעכטן האָט אַזוי שטאַרק גערעגנט. בלויז אין די גריבלעך פון די אויסגעגעסענע שטיינער זענען נאָך געשטאַנען צו ביסלעך רעגן־וואַסער, וואָס האָט איצט מיט רעגנבויגנדיקע קאָלירן געפינקלט קעגן דער זון.

צווישן די בערג איז געווען דושנע און שטיקנדיק. מען האָט נישט געזען מער ווי ברוינע פעלדזן און בלויען הימל. ערשט, ווען זיי האָבן זיך אַרויפגעדראַפעט מיט די אייזעלעך אויף די בערג, האָט מען דערזען די פּאַנאָראַמע אַרום און אַרום. פונוווייטנס האָט אַהערגעקוקט דער באַרג

חרמון און אָקעגנאיבער האָט מען שוין געזען די ערשטע שפּיצן פון די ירושלימער הייזער.

מיט זון־פאַרגאַנג זענען זיי אַריינגעריטן אין דער הייליקער שטאָט. די רויטע שטראַלן האָבן אָנגעצונדן די שפּיצן דעכער און זיך צעגליט אין די שויבן פון די פענצטער. דאָ האָבן זיך די רייזנדיקע צעשיידט און יעדער איז געגאַנגען אין זיין זייט אַריין. שבתי צבי האָט די ערשטע שריט זיינע געמאַכט צו אַ שול, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דאָס מתפּלל זיין פון יידן.

קיינער האָט זיך אויף אים אין שול נישט אומגעקוקט, ווייל מ׳איז דאָרט געוויינט געווען צו פאַרשידענע אורחים, וועלכע זענען יעדן טאָג געקומען און אַוועקגעגאַנגען. מ׳האָט נאָר־וואָס געהאַט פאַרענדיקט דאַווענען מנחה און דער עולם האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן נייעס פון דער וועלט.

מ׳האָט זיך דערציילט די שוידערלעכע געשעענישן אין מדינת פּוילן, ווו צענדליקער טויזנטער יידן ווערן אומברחמנותדיק אויסגעשאָכטן און ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען.

— נאָר איין השם יתברך זאָל זיך אויף אונדז מרחם זיין... — האָט אַן עלטערער ייד אַרויסגעקרעצט מיט גרויס צער.

— מען דערציילט, אַז אין דער שטאָט סמירנע האָט זיך באַוויזן אַ מאַן, אויף וועלכן מען זאָגט, אַז ער איז משיח בן דוד און אַז די גאולה איז באַנעם — האָט אַ צווייטער געטרייסט דעם אַלטן מאַן.

— הלוואי וואָלט עס אמת געווען... — האָט ער געזאָגט און ווידער האָט אַ קרעכץ זיך אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט. — אויב מען זאָגט, מוז עס דאָך זיין אמת, מ׳וועט דאָך נישט אויסטראַכטן אַזאַ גרויסן ליגן...

— אָבער אין סמירנע האָבן די רבנים אים געלייגט אין חרם, שמועסט מען — האָט אַ צווייטער צוגעגעבן.

— דאָס זענען דאָך טאַקע די חבלי משיח... אַזוי לייכט וועט די גאולה נישט אָנקומען. אַזוי ווערט געשריבן אין די פאַרשידענע ספרימלעך — האָט דער אַלטער געוואָלט זיין געטרייסט.

— און דאָ האָט דאָך וועגן אים טאַקע, וועגן שבתי צבי, אָנגעהויבן נביאות זאָגן נתן בנימין פון עזה...

— מיר לעבן אין אַ גרויסער צייט, אויף וועלכער מיר האָבן שוין

אַזוי לאַנג געהאַפט און געוואַרט. אַמאָל מוז דאָך נעמען אַן עק צו דעם שלעכטן — האָט אַן אַנדערער ייִד זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך.

שבתי צבי האָט זיך צוגעשאַרט צו דער גרופּע ייִדן, וועלכע האָבן גע־פירט דעם שמועס און זיך איינגעהאָרכט אין זייערע רייד. דאָס האַרץ איז אים געוואַקסן פון פרייד, הערנדיק ווי ייִדן זענען פול מיט האָפענונג און זיי גלויבן אין משיחן, כאָטש זיי האָבן נאָך פון אים קיין וואָרט נישט געהערט.

— זייט באַגריסט, מיינע ברידער... — האָט ער מיטאַמאָל אויסגערופן צו דער גרופּע ייִדן, וועלכע זענען געשטאַנען אין אַ רעדל און אויסגעהערט דעם ראש המדברים, אַ יונגנמאַן, וועלכער האָט גערעדט מיט פייערדיקע רייד וועגן דער צוקונפט.

— שלום עליכם! — האָט מען אויסגעשטרעקט די הענט פון אַלע זייטן.

— עליכם שלום. פרידן זאָל קומען אויף אייך און אויף אַלע ייִדן אין דער גאַנצער וועלט. אמן — האָט שבתי צבי אויסגערופן מיט אויפגעהויבענע אויגן צום הימל.

— פון וואַנען איז אַ ייִד? — האָט דער יונגערמאַן, וועלכער האָט געהאַלטן אין דרשענען פאַר די איבעריקע בייגעריקע צוהערער, געפרעגט.

— משוט בארץ... — האָט שבתי צבי אויסמיידנדיק געענטפערט... — אַט, מען וואַנדערט איבער דער וועלט... און מ׳הערט גוטע בשורות פאַר ייִדן.

— עס איז שוין צייט. וואָרים לויט די ספרים האָט נאָך אין יאָר ת״ח געזאָלט קומען די גאולה; אַ יאָר איז שוין אַדורך, מיר זענען שוין אַריין אין יאָר ת״ט און מיר זעען נישט קיין שום צייכן... — האָט עמעץ אַ צווייפ־לער אַריינגעוואָרפן זיין מיינונג.

— סימנים זענען שוין דווקא יאָ דאָ אַ סך — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט מיט פייער. — אָט האָט זיך באַוויזן שבתי צבי אין דער שטאָט סמירנע, ביי אונדז איז שוין דאָ זיין נביא נתן בנימין העזתי. עפּעס קומט פאַר צווישן אונדז ייִדן, און מען טאָר נישט פאַרצווייפלען. מיר מוזן יעדן טאָג גלייבן, אַז ער וועט קומען. איך הער שוין זיינע טריט און איך פיל שוין זיין אָטעם, וואָס זאָגט אָן פרייהייט און גאולה פאַר דעם פאָלק ישראל...

שבתי צבי האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן און גאָרנישט געזאָגט. ער האָט נאָר דערציילט, אַז ער קומט איצט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און זיין ציל איז צו זען נתן העזתי, ער וויל אים זען מיט זיינע אייגענע אויגן.

— און וואָס זאָגט מען ביי אייך וועגן שבתי צבי?...

— פאַרשידנס... — האָט שבתי צבי געענטפערט. — ער האָט אַ סך אָנ־הענגער, וועלכע גלייבן אין אים אַז ער איז געשיקט פון גאָט אויסצולייזן דאָס יידישע פאָלק, און עס זענען דאָ אַזעלכע, וועלכע גלייבן אין אים נישט; מען האָט אים, ווי איר ווייסט, געלייגט אין חרם...

— די האַנט, וואָס האָט זיך קעגן אים אויפגעהויבן, וועט אָפּגעדאַרט ווערן... — האָט דער יונגערמאַן אויסגערופן מיט היץ. — איך האָב גע־הערט נתן העזתי רעדן וועגן שבתי צבי, און איך גלייב באמונה שלימה אַז ער איז משיח בן דוד. ער איז געשיקט פון גאָט צו מאַכן אַ סוף צו אונ־דזער שקלאַפעריי ביי די אומות העולם, און ווער עס גלייבט נישט דערין, דער לייקנט אין איינעם פון די דרייצן עיקרים, און אַזאַ איינער, ווען ער וועט שטאַרבן, נישט דערלעבנדיק די גאולה, וועט צו קיין תחית המתים נישט אויפשטיין.

— מעריב! — האָט עמעץ אויסגערופן.

און אַ געזשום האָט זיך צעטראָגן איבערן טונקעלן חלל פון דער שול. דער עולם האָט איצט געדאַוונט מיט מער כוונה און התלהבות. עס האָט זיך ממש געפילט אין דער לופט די אָנקומענדיקע אויסלייזונג.

ביינאַכט האָט שבתי צבי אין זיין אכסניה עפּעס טועם געווען נאָכן אָפּפאַסטן. ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן צוליב די געדאַנקען, וואָס האָבן זיך אים געשטופּט אין קאָפּ אַריין. ער האָט זיך אַזוי לאַנג געדרייט אויף זיין געלעגער, ביז ער איז אַראָפּ פון בעט, אַרויסגענומען פון זיין פּעקל אַ ספרל און אַנידערגעזעצט זיך לערנען.

ער איז געווען שיכור פון גליק. הייסט עס, אַז יידן איבער דער גאַנצער וועלט זענען זיכער אין זיין הייליקער שליחות. סיי אין סמירנע, סיי אין דער טערקישער הויפּטשטאָט און סיי אין דער הייליקער שטאָט ירושלים, אומעטום זענען יידן אין איין דעה, אַז עס איז געקומען די צייט פון דער גאולה.

ער האָט אָנגעהויבן הויך אויפן קול צו זאָגן קאַפּיטלעך תהילים, פאַר־געסנדיק אינגאַנצן, אַז ער איז נישט אַליין אין דער דאָזיקער אכסניה, אַז

מענטשן שלאָפֿן נאָך. ער האָט געגלויבט גאָט פֿאַר דעם גרויסן חסד וואָס ער טוט צו אים, ווהין ער וועגדט באָר זיינע טריט.

באַלד זענען געשטאַנען צענדליקער מענטשן הינטער זיין טיר און האָבן זיך צוגעהערט צו די קולות פֿון דעם מאָדנעם פֿרעמדן אורח.

— ווער איז ער ?... — האָבן זיי זיך אײנער ביים אַנדערן געפֿרעגט — עפּעס האָט ער נעכטן ביינאַכט אין שול פֿאַר מיר אויסגעזען ווי אַ רעטעניש...

— לעצטנס איז די וועלט פֿול געוואָרן מיט די דאָזיקע געהיימנישפֿולע מענטשן. פֿון זיינע אויגן קוקן אַרויס אַזעלכע סודותדיקע פֿייערלעך, אַז אַ שרעק נעמט אַזש אַרום...

—— יאָ, איך האָב עס באַמערקט. ווען דער יונגערמאַן האָט נעכטן גערעדט וועגן שבתי צבי, האָט דער עפּעס אַזוי מאָדנע געשמייכלט, אַז עס איז מיר איינגעפֿאַלן בלויז אויף אַ רגע דער געדאַנק: דאָס מוז זיין שבתי צבי אַליין... — האָט עמעץ אויסגעדריקט זיין השערה.

— דיר איז איינגעפֿאַלן אויף אַ רגע, און איך זאָג אייך, אַז דאָס איז טאַקע שבתי צבי... — האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופֿן. — לויט ווי מען האָט אָפּגעמשלט שבתי צבי, זעט ער אַזוי אויס.

— לאָמיר אַריינגיין צו אים און פֿרעגן — האָט אײנער אַ דרייסטע־רער פֿאָרגעשלאָגן.

— איך האָב מורא... פֿון זיינע אויגן שפּריצן פֿונקען... — האָט אַ צוויי־טער געזאָגט.

— און איך וואָלט אַריינגעגאַנגען. וואָס איז דאָ פֿאַראַן מורא צו האָבן ?... ממה נפשך, איז ער עס טאַקע, וועט ער דאָך אונדז אויפֿנעמען מיט חסד און לייטזעליקייט. ער קומט דאָך צו אונדז, יידן, נישט צו די גויים... — האָט אַ דריטער אויסגערופֿן און ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

שבתי צבי האָט מיט שטילע טריט זיך דערנענטערט צו דער טיר און זי געעפֿנט.

ער איז געבליבן שטיין פֿאַרוווּנדערט, ווען ער האָט דערזען אויף דער שוועל אַ צענדליק יידן, וועלכע האָבן נישט דרייסט אויף אים געקוקט און נישט געוואַגט קיין וואָרט אַרויסצוברענגען.

— וואָס פֿאַרלאַנגט איר, טייערע ברידער מיינע ?... — האָט שבתי צבי זיי געפֿרעגט און אויף זיין פּנים איז געלעגן אויסגעגאָסן אַזאַ ווייכקייט

און גוטסקייט, אַז זיי זענען געוואָרן דרייסטער און האָבן אַריבערגעטראָטן די שוועל.

— גרויסער רבי — האָבן זיי אַלע אויף איינמאָל אָנגעהויבן.

שבתי צבי האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופן מיט אַ זאַנפטער שטימע:

— איר קאָנט דאָך נישט רעדן אַלע אויף אַ מאָל... זאָל איינער פון אייך רעדן און איך וועל אייך ענטפערן מיט מיין גאַנץ האַרץ. אָבער פאַר־וואָס עפּעס אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, האָט איר דען נישט געקאָנט צו־וואַרטן מיט אייער שאלה ביז איינדערפרי?...

— מיר זענען נייגעריק, רבי, צו וויסן ווער דו ביסט... דאָס האַרץ זאָגט אונדז, אַז גאָר אַ גרויסער מאַן באַהאַלט זיך אויס אין דיין פּערזאָן, און מיר ווילן וויסן, מיט וואָס האָבן מיר עס זוכה געווען דיך צו האָבן אויף אונדזער הייליקער ערד פון ירושלים. ווער ביסטו, רבי?...

— איך בין אַ ייִד, פּונקט ווי איר אַלע זענט ייִדן... האָט שבתי צבי מיט אַ שמייכל געענטפערט. — אייערע האָפענונגען זענען אויך מיינע האָפענונגען און אייערע דערוואַרטונגען זענען אויך מיינע דערוואַרטונגען... אני מאמין באמונה שלימה בביאות המשיח...

— זאָל לאַנג לעבן שבתי צבי, ירום הודו!... — האָבן די ייִדן אויסגע־רופן מיט גרויס התלהבות און זיי האָבן זיך אויסגעשפּרייט אויפן דיל פון זיין חדר — בענטש אונדז, רבי!

שבתי צבי איז געבליבן שטיין צעטומלט. טרערן זענען אים געקומען אין די אויגן אַריין און ער האָט אין ערשטן מאָמענט נישט געוווסט וואָס זיי צו ענטפערן.

ווען ער איז צו זיך געקומען נאָך אַ ווײַלע, האָט ער אויפגעהויבן די הענט און זיי געבענטשט און געפרעגט זיי, וואָס נאָך איז זייער באַגער, וואָס עס וועט זיין אין זיין יכולת וועט ער זיי העלפן.

איינער פון די ייִדן האָט זיך אַרויסגערוקט און ער האָט גערעדט פאַר די איבעריקע.

— גרויסער רבי, מיר געפינען זיך אין אַ שרעקלעכער מצודה. דער טערקישער מושל פון ירושלים האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט אַ גרויסן צינש, וואָס מיר קאָנען נישט באַצאָלן. ער האָט אונדז געדראָט אַרויסצו־טרייבן פון דער הייליקער שטאָט, אויב מיר וועלן אין משך פון דריי חדשים

נישט צונויפקלייבן דאָס פאַרלאַנגטע געלט און אים אײַנצאָלן. ער איז אַ גרויסער רשע און ער וועט זיין ווארט האַלטן... העלף אונדז, רבי!...

שבתי צביס פנים איז פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ וואָלקן. עס האָט אים וויי געטאָן דאָס הארץ אויף די געפּייניקטע יידן. די גאולה איז שוין אַזוי נאָענט און די פאַרבלענדטע גויים זעען נאָך אַלץ נישט זייער פאַרדינטן סוף; זיי האַלטן נאָך אַלץ אין איין אָנטאָן יסורים דעם פאָלק ישראל.

אַ שפאַרע ווײַלע האָט געדויערט דאָס שטילשווייגן. די יידן האָבן גע־וואַרט מיט דעם גרעסטן יראת הכבוד שבתי צבי זאָל זיי געבן אַן ענטפער.

ענדלעך האָט שבתי צבי זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— גייט, מיינע טייערע ברידער, צוריק צו זיך און פאַרברענגט די רעשט פון דער נאַכט אין תפילות צו גאָט, אונדזער באַשעפער. דעם רשע וועט נישט געלינגען אויסצופירן זיין בייזע גזירה.

די יידן זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט האָפענונג אין זייערע הער־צער. גרויס איז געווען זייער פרייד ווען זיי זענען געוואָר געוואָרן, אַז שבתי צבי, דער באַרימטער צדיק פון סמירנע, געפינט זיך צווישן זיי.

אינדערפרי האָט די גאַנצע שטאָט שוין געקאָכט מיט דער גרויסער בשורה: שבתי צבי געפינט זיך ביי זיי אין שטאָט. אַ ספּעציעלער רייטער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין עזה אָנצוזאָגן וועגן דעם נתן העזתי.

שבתי צבי האָט זיך יענע נאַכט מער נישט געלייגט שלאָפן. ער איז געווען איבערפולט מיט גליק. גאָט גייט פאָרויס פון זיינע טריט און טראָגט די בשורה פון דערלייזונג צום גאַנצן פאָלק.

— זיי געלויבט, גאָט מיין גאָט, פאַר דעם גרויסן נס, וואָס האָסט מיר געטאָן און געברענגט מיך אויף דער הייליקער ערד פון אונדזערע אבות. געלויבט זאָל זיין דיין נאָמען! — האָט ער געשעפּטשעט מיט פרייד.

ק אַ פּ י ט ל ז י ב ן

שבתי צבי אין מצרים

די שטאָט ירושלים איז נישט געווען צו דערקענען. די גאַסן זענען געווען געפּאַקט פול מיט מענטשן, מ'האָט די ענגע געסלעך נישט געקאָנט דורכגיין. אַלע האָבן זיך געשטופּט און געדרענגט, כדי אָנצוקוקן משיח בן דוד, וועלכער איז געקומען אין הייליקן לאַנד אַריין און פון דאַנען וועט ער אויסרופן די גאולה פאַרן יידישן פאָלק.

שבתי צבי האָט זיך געפונען אין דער אַלטער חורבה־שול, אַרומגע־רינגלט מיט עטלעכע פון זיינע חסידים, און נתן העזתי איז געשטאַנען אויפן באַלעמער איינגעהילט אין אַ טלית. צומאָרגנס, נאָכן דערהאַלטן דורך אַ ספּעציעלן רייטער די ידיעה, אַז שבתי צבי געפינט זיך אין ירושלים, איז ער תיכף געקומען אַהין כדי צו באַגריסן זיין גרויסן רבין פון סמירנע. אין דער שול האָבן געקאָנט אַריין נישט מער ווי עטלעכע הונדערט מענטשן, אָבער עס זענען שוין געווען פאַרזאַמלט איבער צוויי טויזנט יידן, לעכצנ־דיקע נאָך אַ טרייסט־וואָרט. זיי זענען אָנגעקומען פון חברון, פון בית לחם, פון צפת, פון שכם און פון אַלע ווינקעלעך פון הייליקן לאַנד, כדי צו הערן גאָטס וואָרט.

נתן העזתי, אַ שלאַנקער יונגערמאַן, מיט אַ לענגלעך פּנים און פאַר־חלומטע אויגן, מיט אַן אויסגעהאַפּטן טוך אויפן קאָפּ, איז געשטאַנען אויפן באַלעמער און געשוויגן. ער האָט נישט געוואָגט פריער אָנצוהויבן צו רעדן, איידער דער רבי שבתי צבי וועט אים געבן רשות.

דער עולם האָט נאָר אַלץ געשטראָמט צו דער אַלטער שול, מען איז געבליבן שטיין אינדרויסן, ווייל אינעווייניק האָט מען שוין נישט געקאָנט אַריינקומען. מיט אומגעדולד האָט מען געוואַרט אויף דער רגע, ווען עס וועט זיך דערהערן דאָס וואָרט פון אויסלייזער.

די אַראַבער אויף די גאַסן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין גרויס פאַר־גאַפטקייט און זיך צוגעקוקט צו דעם שטראָם יידן, וואָס ציט צו דער שול. זיי האָבן געהויבן מיט די אַקסלען, נישט פאַרשטייענדיק וואָס מיט זייערע יידישע שכנים איז פּלוצלינג געשען. און געוויר ווערנדיק, אַז משיח איז

געקומען צו די יידן, ער וועט זיי אויסלייזן פון גלות און ער וועט אָפּנעמען ביים טערק דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו די בני ישראל, איז אַ שרעק אויף זיי אָנגעפאַלן און זיי זענען געלאָפן אין די שטובן, אין די מאָשעען, אויסצופרעגן ביי זייערע גייסטלעכע, וואָס דאָ איז געשען.

ענדלעך האָט שבתי צבי געגעבן אַ צייכן צו נתן העזתי, אַז ער מעג אָנהייבן רעדן.

דער יונגער נביא איז געשטאַנען אַ בלאַסער און האָט באַוויגן עטלעכע מאָל מיט די ליפּן, ביז ער האָט אַרויסגעברענגט אַ וואָרט.

— יידן פון ירושלים, דער הייליקער שטאָט, און יידן פון דער גאַנצער וועלט!... — האָט נתן העזתי אָנגעהויבן זיין דרשה.

עס איז געוואָרן אַ הודזשעריי און אַ טומל אַז מען האָט מער קיין איין וואָרט נישט געקאָנט הערן, וואָס נתן העזתי זאָגט. דאָס האָט מען פון גרויס התלהבות זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און מ׳האָט אַרויסגעבערענגט די געפילן, וואָס האָבן געטליעט אין די הערצער זינט הונדערטער און הונדערטער יאָרן. די פּנימער האָבן זיך אָנגעצונדן, די אויגן האָבן גע־פלאַקערט און מ׳האָט געהאַלטן אָפן די מיילער, ווי וועלנדיק איינשלינגען יעדעס וואָרט, וואָס וועט אַרויסקומען פון דעם נביאס מויל.

נתן העזתי האָט אַ רגע געמוזט אויפהערן צו רעדן. ער האָט אָפּגעוואַרט, ביז עס וועט שטיל ווערן, און ווען עס איז ענדלעך אַריינגעטראָטן אַ שטיל־שוויגן, האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

„יידן פון ירושלים, דער הייליקער שטאָט, און יידן פון דער גאַנצער וועלט... אַ גרויסער טאָג איז אויף אונדז געקומען, אַ טאָג, נאָך וועלכן הונדערטער דורות האָבן געוואַרט און זענען אָפּגעגאַנגען אין זייער בלוט. גאָט האָט אונדז באַשטראָפט פאַר אונדזערע אומפאַרגעבלעכע זינד און פאַרטריבן אונדז פון אונדזער לאַנד, צוגענומען די אומאָפּהענגיקייט, פאַר־ברענט זיין הייליק הויז. דאָס אַלץ איז אויף אונדז געקומען, ווייל מיר האָבן פאַרגעסן אין אים און אין זיינע געבאָטן, און מיר האָבן זיך אויס־געמישט מיט די גויים און אָנגענומען זייערע מנהגים און זייערע געזעצן. מיר האָבן עובר געווען אויפן געבאָט פון דער תורה, מיר האָבן נישט אויסגעפאָלגט גאָטס וואָרענונג: „אם בחקותי תמאסו ואם את משפטי תגאל נפשכם — און אויב מיינע חוקים וועט איר פאַראַכטן און אויב מיינע

געזעצן וועט פֿאַראומווירדיקן אייער זעל..." דאַן וועט קומען די גרויסע שטראָף און אונדזערע שונאים וועלן געוועלטיקן איבער אונדז און מיר וועלן לויפֿן, אפילו ווען מען וועט אונדז נישט יאָגן...

„גאָט האָט זיין וואָרנונג געהאַלטן, ער האָט אויסגעפּירט איבער אונדז די שטראָף בכל חומר הדין, — האָט נתן העזתי געדונערט, — אָבער איצט האָט ער זיך ווידעראַמאָל דערבאַרעמט און געשיקט זיין שליח, וועמען ער האָט געזאַלבט פֿאַר אַ מלך איבער אונדז, און דאָס איז שבתי צבי, דער משיח בן דוד, וועלכער איז געקומען אונדז אויסלייזן פֿון די אַלע שלעק און פּורעניות, וואָס האָבן אונדז פֿאַרפֿאָלגט דורך די אַלע הונדערטער יאָרן.

זייט גרייט אויפֿצונעמען גאָטס וואָרט און זייט גרייט צו ווערן באַפֿרייט פֿון גלות, ווייל באַפֿרייט צו ווערן דאַרף מען האָבן אַ זכיה, מען דאַרף זיין געלייטערט פֿון זינד. ווען איר וועט אָוועקגיין פֿון דאַנען, זאָלט איר פֿאַר־ברענגען אין תפילות און אין תעניתים, רייניקט אייער לייב און שיידט אייך אָפּ פֿון אייערע ווייבער אויף דריי טעג, כדי איר זאָלט ראוי זיין אויס־צוהערן די רייד פֿון אונדזער משיח, וועלכער וועט פֿאַר אייך דרשענען דעם קומענדיקן שבת וועגן דעם דערהויבענעם ציל פֿון פֿרייהייט".

ווען ער האָט פֿאַרענדיקט זיינע רייד, איז געוואָרן אַזאַ געשריי און אַזאַ געטומל אין שול, אַז מען האָט די אייגענע ווערטער נישט געקאָנט הערן. איינער האָט געוואָלט איבערשרייען דעם אַנדערן און איינער האָט געוואָלט זיך אויסצייכענען אין זיינע אויסרופֿן לכבוד שבתי צבי און זיין נביא נתן העזתי, וועלכער איז דורך די יידן אין ירושלים ממש פֿאַרגעטערט געוואָרן.

די שטאָט ירושלים האָט אויפֿגעלעבט. אירע מויערן האָבן שוין לאַנג אַזאַ פֿרייד נישט געזען. זינט יידן האָבן עולה רגל געווען צום בית המקדש איז נאָך אַזאַ גרויסע מחנה אין שטאָט נישט געווען. די גויים האָט מען אויף די גאַסן נישט געזען, זיי האָבן זיך פֿאַרשטעקט אין די לעכער, אַ מורא איז אויף זיי אָנגעפֿאַלן, אַז די יידן וועלן אין זיי נקמה נעמען פֿאַר די אַלע נגישות, וואָס זיי האָבן אָנגעטאָן אין אַלע צייטן. אַן אויפֿריכטונג איז גע־קומען אויף די יידן אין ירושלים. מ׳האָט גאַנצע טעג געזאָגט תהילים אין אַלע שולן פֿון דער הייליקער שטאָט, מ׳האָט געלערנט די דינים פֿון דער עבודה אין בית המקדש. כהנים האָבן זיך צוגעגרייט צו זייער הייליקער

דינסט און לוויים האָבן געגרייט זיך ווידעראַמאָל צו שפּילן אויף זייערע פּייפלעך און שופרות.

אָבער די פרייד האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דער טערקישער מושל פון ירושלים איז געוווירן געוואָרן וועגן דעם גאַנצן געטומל אַרום שבתי צבי, האָט ער געשיקט נאָך אים רופן.

שבתי צבי האָט זיך נישט דערשראָקן פאַר אים. ער איז געווען אינגאַנצן זיכער, אַז גאָט וועט זיין מיט אים און וועט אים אָפּהיטן פון אַלעם שלעכטן. באַגלייט האָט אים צום מושל פון דער שטאָט זיין נביא נתן העזתי.

דער מושל איז אין דער ערשטער רגע געבליבן דערשטוינט און צוריקגעזעצט אין זיין צאָרן. דער אָנבליק פון שבתי צביס זיכערקייט אין זיך און די צעשטראַלטקייט פון זיין פּנים האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אָבער גיך איז ער צו זיך געקומען און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן שטרענגע רייד און געפאָדערט, אַז די יידן אין ירושלים זאָלן תיכּף אַריינטראָגן אַ גרויסע געלט־שטראָף פאַר זייערע פאַרלעגענע שטייערן און אויך פאַר דעם טומל און פאַר די שרעק, וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן מיט זייער משיחס אָנקומען אין שטאָט.

די סומע, וואָס דער מושל האָט אָנגערופן, איז געווען אַ ריזיקע און עס איז געווען פּשוט אוממעגלעך פאַר די יידישע איינוווינער אַזאַ סומע צו דעקן. שבתי צבי האָט אים געבעטן צו געבן אים צייט דריי וואָכן, ביז ער וועט אים איינצאָלן די געלט־שטראָף.

דער מושל איז דערויף איינגעגאַנגען.

שבתי צבי מיט נתן העזתי האָבן זיך אָפּגעשלאָסן אין אַ חדר מיוחד און באַראָטן זיך וואָס צו טאָן, ווייל עס איז גאָר נישט געווען קיין שום אויסזיכט איינצושאַפן ביי די אָרעמע ירושלימער יידן אַזאַ סומע געלט, און דערצו נאָך אין גאָלד.

נתן העזתי האָט דעריבער געמאַכט אַ דרייסטן פאָרשלאַג:

אין קאַירא, אין מצרים, וווינט אַ גרויסער עושר, אַ קרוב למלכות, זיין נאָמען איז רפאל יוסף חלבי (כעלעבי), ער איז דער געלטמינצער פון דער עגיפּטישער רעגירונג און דערפאַר האָט ער געקראָגן דעם טיטל סאַראַף פּאַשאַ. אָט דער דאָזיקער עושר איז אַן איבערגעגעבענער ייד מיט מיט אַ וואַרעם און מענטשלעך האַרץ. ביי דעם חלבי וועט מען קאָנען אַרויסקריגן

אַ גרויסע סומע געלט, וואָס וועט דעקן דעם פּאַרלאַנג פון ירושלימער פּאַשאַ און עס וועט נאָך איבערבלייבן גענוג אויף פאַרשידענע אַנדערע הוצאות.

שבתי צבין איז דער דאָזיקער פּלאַן שטאַרק געפעלן, און ער איז טאַקע אויפן אָרט אויסגעקליבן געוואָרן אַלס שליח צו רפאל יוסף חלבי.

אַ גרויסן יום־טוב האָבן די ירושלימער יידן צוגעגרייט פאַר שבתי צבי צו זיין אָפּפאָר. ווי אָרעם די קהילה איז נישט געווען, האָט מען זיך צו־נויפגעלייגט און מ'האָט איינגעאָרדנט אַ סעודה, וואָס ירושלים האָט שוין לאַנג־לאַנג נישט געזען. הונדערטער און הונדערטער מענטשן האָבן די דאָזיקע סעודה בייגעוווינט. מען האָט געשאָכטן עטלעכע שעפסן, מען האָט געברענגט פעסער מיט וויין. אינדרויסן אויף דער פרייער לופט זענען אָנגעצונדן געוואָרן שטורקאַצן און עס איז ליכטיק געווען ווי בייטאָג.

דער ריח פון געבראָטענעם פלייש האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט, און טייל יידן האָבן געזאָגט, אַז זיי שמעקן שוין דעם ריח פון די קרבנות, וואָס מען וועט ברענגען צו גאָט, ווען דאָס בית המקדש וועט צוריק אויפגעבויט ווערן און מען וועט קומען עולה רגל זיין אין דער הייליקער שטאָט אויף יום־טוב. מען האָט געגעסן צו דער זעט און גע־טרונקען ביז שיכור ווערן. מען האָט געזונגען און געטאַנצט אַ גאַנצע נאַכט, און שבתי צבי האָט פאַר זיי גערעדט וועגן דעם גרויסן טאָג, וואָס קומט אָן.

דאָס לעבן פאַר די יידן אין ארץ־ישראל האָט געקריגן גאָר אַן אַנדערן זין. מען האָט געוווסט, אַז די אַלע צרות, וואָס ווערן נאָך אַלץ פאַרשאַפן דורך די גוים, זענען שוין די לעצטע. נאָך אַ וואָך, נאָך אַ חודש, און ווען אפילו נאָך עטלעכע יאָר — וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט עס קעגן די פאַר־גאַנגענע יאָרן גלות און שקלאַפעריי.

די יידישע פּנימער האָבן געשיינט פון גליק. גאָר אַנדערע אויגן האָבן יידן באַקומען און גאָר אַן אַנדערן שמייכל. ווען עס איז געקומען אַ שבת, האָט געדרשנט אָדער נתן העזתי אָדער שבתי צבי אַליין, און דעמאָלט האָבן אַלע צוהערער ממש געשוועבט אין די הימלען.

מיט אַ געוואַלטיקער שילדערונגס־קראַפט האָט נתן העזתי גערעדט וועגן די קומענדיקע טעג פון באַפרייאונג. יעדער וועט זיצן אונטער זיין ווייַנשטאָק און פייגנבוים און וועט שעפּן תענוג פון זיין נחתדיק לעבן. פעלקער וועלן קומען זיך בוקן צום מלך המשיח און וועלן אויסדריקן חרטה

פאַר די אַלע יאָרן, וואָס זיי האָבן די יידן געפּייניקט און אָנגעטאָן די שרעק־לעכסטע יסורים.

יעדער וועט וווינען אין אַ פּאַלאַץ, מיט גרינע ציפּרעסן און פּאַלמען־ביימער אַרום. פרייד וועט הערשן אין יעדן ווינקעלע, מען וועט זיצן און לערנען תורה, מען וועט גיין אין די שולן און דאַנקען גאָט, תפילה טאָן צו אים און מער פון אים זיך נישט אָפּקערן.

טרערן פון פרייד זענען גערונען. אַלץ, וואָס נתן העזתי האָט געשילדערט, איז אַזוי לעבעדיק געשטאַנען אַלעמען פאַר די אויגן, אַז מען האָט עס אַזש געקאָנט אָנטאַפּן מיט די הענט.

און ווען שבתי צבי איז נאָך אים אַרויפגעגאַנגען אויף דער בימה און אָנגעהויבן שילדערן דאָס גן־עדן לעבן אויף יענער וועלט, ווו מען וועט זיצן מיט די גרעסטע צדיקים און מיט די מלאכים און געניסן פון אַלעם גוטן און פון דער לויטערקייט פון דער שכינה — האָט מען ממש געהערט דאָס פאָכען פון די מלאכים־פליגלען און זייער זינגען שירה.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג, ווען שבתי צבי איז מיט אַן אייזל געריטן צו דער שיף אין עזה אויף זיין וועג קיין קאַירא, אין מצרים.

עס איז געווען אַ שיינער טאָג. קיין פיצל וואָלקן האָט נישט באַדעקט דעם הימל. אויפן וועג האָבן געבליט די מאַנדל־סעדער. די מענטשן האָבן געזונגען לידער, אין וועלכע זיי האָבן אויסגעדריקט זייער שבח צום רבונו של עולם פאַר זיין גרויסן נס, וואָס ענדלעך איז אָנגעקומען דער טאָג, אויף וועלכן מען האָט אַזוי לאַנג געהאָפט.

מיט די ווייבער און קינדער זענען זיי נאָכגעגאַנגען דעם משיח, וועלכער פאָרט איצט אין זייער שליחות קיין מצרים, צו ברענגען די פאַרלאַנגטע סומע גאָלד, כדי ווייך צו מאַכן דאָס האַרץ פון דעם רשעותדיקן פּאַשאַ פון ירושלים.

אָבער ווי לאַנג דען נאָך וועט ער הערשן, דער רשע ?... באַלד וועט ער זיין אַ געפאַנגענער און אַ קנעכט ביים מלך המשיח. ער וועט אָפּצאָלן כפל־כפלים פאַר זיינע רויבערייען ביז איצט. אין דעם איז מען געווען זיכער ווי עס איז זיכער און קלאָר דער שיינער בלוי־גאָלדענער טאָג.

און אָט האָט אַ גלאַנץ געטאָן פון ווייטנס דער ים התיכון. מען איז שוין נישט ווייט פון עזה. דער ים האָט זיך איצט געבאָדן אין אַ פלאַם־פייער.

די זון האָט אַראָפּגעגנידערט צו אים און אָנגעטרונקען מיט איר פייערדיקן גאָלד. די גרינע ביימער ביי די וועגן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פלאַ־קערדיקע הבדלות און די מענטשלעכע פּנימער האָבן זיך געבאָדן אין פּור־פּור־שיין, עס האָט אויסגעזען, ווי דאָס גליק האָט אַראָפּגענידערט אויף דער ערד און די מענטשן פאַרוואַנדלט אין מלאכים.

שבתי צבי אַליין, וועלכער איז געריטן פאָרויס, זייט־ביי־זייט מיט נתן העזתי, איז געווען פאַרטיפט אין מחשבות. ער האָט איצט די גאַנצע פרייד אַרום זיך גאָרנישט געזען. אַ שווערע משא האָט געהויערט אויף זיין גע־מיט. צי האָט ער נישט צופיל געוואָגט?... אין אַזוי פיל מענטשן האָט ער אַריינגעגאָסן ימים מיט פרייד און האָפענונגען, צי איז ער אימשטאַנד דאָס דורכצופירן?...

צי האָט ער טאַקע באַקומען די דאָזיקע שליחות פון גאָט, ער זאָל די יידן אַרויסציען פון גלות, ווי אַמאָל האָט משה אַרויסגעצויגן די יידן פון מצרים?...

עס זענען אים פלוצלינג באַפאַלן מאָדנע ספיקות, וואָס ער האָט זיי נאָך ביז איצט נישט געהאַט. אַ וואָלקן האָט באַדעקט זיין פּנים און די אויגן זיינע האָבן געקוקט ערגעץ ווייט.

זיינע מחשבות האָט ער נישט פאַרטרויט פאַר נתן העזתי. זיין אייפע־ריקער אָנהענגער האָט נישט געהאַט קיין שום ספקות. ער האָט אַלץ געזען אַזוי קלאָר ווי אויף דער האַנט. דער געדאַנק פון באַפרייאונג וועט אַרומ־נעמען אַלע יידן פון דער וועלט. גרויסע מחנות וועלן אָנהייבן עולה זיין אין הייליקן לאַנד, אַזוי, אַז דער טערקישער סולטאַן וועט זיך דערשרעקן און ער וועט אַליין זיך צוריקציען און איבערגעבן די הערשאַפט צו שבתי צבי.

„עס קאָן דאָך אַנדערש נישט זיין!"... — האָט ער געטראַכט.

מיט גרויס פאַרוואונדערונג זענען אין עזה אַרויסגעקומען די אַראַבער פון זייערע הייזער אָנצוקוקן דאָס אויסטערלישע ווונדער: אָט די זעלבע יידן, וועלכע האָבן שטענדיק מורא געהאַט אַרויסצושטעקן די נאָז אויף דער גאַס, און געציטערט פאַר אַ הויך קול פון עמעצן, גייען איצט אַזוי שטאָלץ און מעכטיק איבער די גאַסן און זינגען.

— וואָס איז מיט די יאַהודס געשען? — האָט איינער ביים אַנדערן געפרעגט.

— און ווער איז אָט יענער אויפן אייזעלע? עפּעס אַ פרעמדער מאַן, ער גייט נישט אין זייער הלבשה, און עפּעס קוקט אַרויס פון זיינע אויגן אַזאַ פייער, אַזאַ שטאָלץ, וואָס איז גאָרנישט אייגן פאַר אַ ייד — האָט אַ צווייטער אַראַבער זיך געוווּנדערט.

זיי זענען געשטאַנען אויף די שוועלן פון זייערע ליימענע הייזעלעך און אויסגעדריקט התפעלות איבער דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן געשעעניש.

זיי האָבן וועגן דעם צו וויסן געטאָן דעם מושל פון עזה, און יענער איז אַרויסגעקומען אַנקוקן, וואָס אין זיין שטעטל קומט אַזעלכעס פאָר. דער־זעענדיק דאָס פּנים פון שבתי צבי, און לעבן אים דעם באַקאַנטן איינוווינער פון עזה, נתן בנימין, איז ער געבליבן שטיין אומאַנטשלאָסן. שפּעטער האָט ער זיך דערנענטערט צו נתן העזתי און מיט אַן אונטערטעניק שמייכעלע געפרעגט, וואָס די דאָזיקע פּראָצעסיע האָט צו באַדייטן.

נתן בנימין האָט אים איבערגעגעבן, אַז דאָס איז דער יידישער משיח, וועלכער איז געקומען, אויפן באַפעל פון גאָט, אויסצולייזן דאָס יידישע פאָלק פון גלות און אים צוריק אָפּגעבן זיין לאַנד, וואָס איז מיט פופצן הונדערט יאָר צוריק פון אים צוגערויבט געוואָרן.

— איצט געהערט דאָס דאָך אָבער צום סולטאַן פון טערקיי!... — האָט דער מושל געזאָגט. — צי מיינסטו, אַז דער סולטאַן וועט אייך צוריק אָפּגעבן דאָס דאָזיקע לאַנד?...

— אויב גאָטס ווילן איז אַזוי, קאָן זיך קיינער נישט אַקעגנשטעלן, אַפילו נישט דער טערקישער סולטאַן אַליין... — האָט נתן בנימין געענט־פערט מיט שטאָלץ.

דער מושל האָט זיך דערשראָקן פאַר די דאָזיקע דרייסטע רייד. ווער ווייסט, צי דער דאָזיקער יאַהוד ווייסט נישט נאָך מער, נאָר ער וויל נישט אויסזאָגן. די יידן ווייסן שטענדיק מער פון אַלעמען. איז גלייכער זיך נישט איינצורייסן מיט זיי, נאָר אָפּוואַרטן וואָס ווייטער וועט זיין.

ער האָט געגעבן אַ באַפעל צו עטלעכע פון די שוטרים אין עזה, אַז זיי זאָלן אָפּגעבן כבוד דעם גרויסן מאַן פון די יאַהודס, וועלכער איז אַזש געקומען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, די הויפּטשטאָט פון טערקיי, און זיי האָבן אים מיט טראָמפּייטן־שאַלן באַגלייט ביז צום האַפן, וווּ אַ זעגל־שיף האָט אויפגענומען נאָך פּאַסאַזשירן קיין אַלעקסאַנדריע של מצרים.

די באַגלייטער פון ירושלים האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּווונדערן פון דעם דאָזיקן געשעעניש. איצט זעען זיי שוין איין מיט דער גאַנצער זיכער־קייט, אַז עס איז משיחס צייטן. אויב דער מושל פון עזה, וועלכער איז דער הערשער איבערן לעבן און טויט פון זיינע איינוווינער און איבער־הויפּט פון די יידישע איינוווינער, ווייזט אַרויס אַזאַ דרך ארץ צו שבתי צבי, איז עס דאָך טאַקע אַ גרויסער נס.

און זיי האָבן אָנגעהויבן טאַנצן און זינגען מיט אַזעלכע קולות, אַז די לופט האָט אַזש אויפגעציטערט. די אַראַבער זענען געשטאַנען פון ווייטנס און האָבן געגאַפט. די יידן האָבן זיי אויך אַרייַנגעצויגן אין דעם ריזיקן ראָד און גענומען מיט זיי טאַנצן.

— אויך איר זענט דאָך, פונקט ווי מיר, די אייניקלעך פון זעלבן פאָטער אברהם, מיר זענען דאָך די נאָענטסטע קרובים, און ווען מיר וועלן אויסגע־לייזט ווערן, וועט איר דאָך אויך אויסגעלייזט ווערן און איר וועט אַרונטער־קומען אונטער די פליגל פון אונדזער אמונה, די אמונה פון אייער זיידע אברהם...

— אָבער מאַכמעד איז גאָטס נביא... — האָט איין אַראַבער זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן.

זיינע רייד זענען פאַרטרונקען געוואָרן אין אַ געהילך פון געזאַנג און טענץ.

די נאַכט איז שנעל צוגעפאַלן, און עס האָבן זיך שוין געפונען עטלעכע דרייסטע לייט, וועלכע האָבן אַהער געבראַנגט פעסער מיט סמאָלע און אונ־טערגעצונדן. עס איז ליכטיק געוואָרן ווי בייטאָג. די רויטע שיין האָט באַ־לויכטן אַלעמענס פּנימער. עס האָט זיך געמישט פינצטערניש און ליכטיקייט, ים און יבשה, קולות און געטופּעריי פון די הונדערטער פאָר פיס.

— גייט אַהיים, יידן... — האָט שבתי צבי פון דער שיף אַראָפּגערעדט צו זיינע באַגלייטער. — גייט אַהיים. עס ווערט שפּעט, און ביינאַכט איז אַ סכנה צו גיין איבער די ווּיסטע געגנטן.

— ווען דיין גייסט איז מיט אונדז, האָבן מיר פאַר קיינעם נישט קיין מורא — איז געקומען אַן ענטפער פון הונדערטער העלדזער.

שבתי צבי האָט זיך הייס געקושט מיט נתן העזתי, אָנזאָגנדיק אים, אַז ער זאָל נישט פאַרלאָזן די יידן פון ירושלים, נאָר זיין מיט זיי, טרייסטן און היילן די ווונדן פון די נשמות, זיי צוגרייטן צו דער גאולה.

דעם גאַנצן וועג קיין מצרים האָט שבתי צבי געהאַלטן אין איין תפילה טאָן און בעטן צו גאָט, ער זאָל דאָס האַרץ פון דעם רייכן יידן, יוסף רפאל חלבי ווייך מאַכן און ער זאָל וועלן געבן דאָס נייטיקע געלט.

איינער אַליין איז ער געווען צווישן די פיל גוייִשע פּאַסאַזשערן אויף דער שיף. ער איז געזעסן ביי זיך אין דער קאַיוטע, גאַנצע טעג געפאַסט, און ווען ער האָט עפּעס טועם געווען, איז עס געווען אַ דאַר שטיקל שוואַרץ ברויט מיט זאַלץ.

ער האָט נאָך אַלץ פאַר די אויגן געזען די גרויסע מאַסן באַגייס־טערטע יידן, וועלכע האָבן מיט דעם גרעסטן גלויבן אין אים זיך אומגעקערט אַהיים. ער האָט תפילה געטאָן, אַז זיין שליחות זאָל דורכגעפירט ווערן בשלימות און ער זאָל זיינע ברידער נישט ברענגען קיין אַנטוישונג. דאָס האַרץ האָט אים וויי־געטאָן ביים געדאַנק, אַז זיי זאָלן האָבן פאַרפירט געוואָרן דורך אים. אָבער איז עס דען מעגלעך, אַז ער זאָל זיין פאַרפירן?... האָט זיך דען גאָט נישט באַוויזן צו אים נאָך אין סמירנע ביי זיין טאַטן אין הויז? האָט ער זיך דען נישט באַוויזן צו אים ביים ברעג פון ים? און צי איז דען, חלילה, די שריפט וואָס אברהם היכיני האָט געפונען אין דעם ווייטן לאַנד, אַ ליגן?...

ער האָט זיך געמאַטערט אין די דאָזיקע ספקות און אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַדעקט, ווען ער האָט קיין תשובה נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען.

איינמאָל איז אַ פרימאָרגן, דאָס איז געווען אויפן דריטן טאָג פון זיין ים־רייזע, ווען ער האָט דערזען אַ טונקל שנירל פון יבשה, האָט ער זיך דער־פרייט און מיט אַמאָל זענען ביי אים אַלע ספקות אויסגערונען. עס האָט אים אַקעגנגעשיינט אַ גאָלדענע זון, און צוזאַמען מיט דער גאָלדענער זון — אַ נייער שטראַל פון האָפענונג, אַז עס וועט זיין גוט. עס איז געווען דער האַפן פון אַלעקסאַנדריע.

ווען די שיף האָט זיך ענדלעך אָנגעקלאַפּט רואיק אָן ברעג, האָט ער אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געדאַנקט גאָט פאַר אָפּהיטן אים דעם גאַנצן וועג און אים ברענגען אַהער בשלום.

פון אַלעקסאַנדריע איז ער אויף אַ געדונגען אייזעלע אָפּגעריטן קיין קאַהירע. דער וועג אַהין איז געווען טיילווייז דורך וויסטע זאַמדן פון דער מדבר און טיילווייז דורך בליענדיקע דערפער, דורך וועלכע עס איז דורכ־

געפלאָסן דער נילוס. אַ בלוי־וויאָלעטער, האָט ער זיך געשלענגלט צווישן די הייזער און סעדער און באַפרוכפּערט די פעטע ערד פון מצרים.

דער טייך נילוס האָט אים אַרויפגעפירט אויף פאַרשידענע געדאַנקען. ער האָט זיך דערמאָנט די מעשה פון חומש מיט משהן, ווי בתיה, די טאָכטער פון פרעה, האָט אים אַרויסגעצויגן פון וואַסער, ווו ער איז געלעגן אין אַ קעס־טעלע, אויסגעקלעפּט מיט פּעך.

„און דאָס דאָזיקע געפונענע יינגעלע משה איז דאָס געוועזן דער אויס־לייזער פון דער יידישער אומה. ער האָט אָפּגעשטאַמט פון אַ יידישער שקלאַפן־משפחה, וועלכע האָט געמאַכט ציגל פאַר פרעה מלך מצרים און געהאָלפן בויען פּתום מיט רעמסס. טאָ פאַרוואָס זאָל ער, שבתי צבי, וועלכער איז גע־בוירן געוואָרן ביי אַן אָרעמער משפחה, נישט קאָנען זיין דער אויסלייזער פון דער יידישער אומה?״ — האָט ער געוואָלט פאַרענטפערן מיט כלערליי תירוצים זיינע שטרעבונגען.

די זון האָט אים געבלענדט אין די אויגן, אַז ער האָט אַזש געמוזט פאַר־שטעלן זיי מיט אַ האַנט. ער איז איצט געריטן לענג־אויס דעם טייך נילוס, וועלכער האָט זיך געבלויט און געגאָלדיקט אונטער די שפּיזלדיקע זון־שטראַלן. ערגעץ־ווו האָט אַ שיפל זיך פאַרבייגעגליטשט און עטלעכע מצריים האָבן געררודערט מיט לאַנגע רודערס. איינער אַן אויסגעשלייערטער מצרי, ווייזט אויס דער באַלעבאָס פון דעם שיפל, איז געזעסן ברייט פונאַנדערגע־זעצט און האָט זיי אונטערגעטריבן מיט געשרייען.

„אין אויסגעלייזטן לאַנד פון די בני ישראל וועל איך צו אַזעלכעס נישט דערלאָזן״ האָט ער געטראַכט. „עס וועלן נישט זיין קיין באַלעבאַטים און שקלאַפן. אַלע וועלן זיין די קינדער פון גאָט און צו אים דינען מיט פרייד״.

דאָס אייזעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט פון צייט צו צייט און נישט גע־וואָלט וויטער גיין. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז דאָרשטיק און ער האָט אַראָפּגענידערט פון אים, צוגעפירט עס צום טייך און געלאָזט עס אָנטרינקען.

„דאָס אייזעלע האָט מער פאַרשטאַנד פון מיר״ האָט ער זיך פאַרגע־וואָרפן, „פאַרוואָס האָב איך נישט פאַרשטאַנען דאָ אַראָפּצוגיין און זיך טובל זיין אין דעם זעלבן טייך, ווו דאָס קעסטעלע מיט משה רבנו האָט זיך געטובלט?״...

ער האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פון זיך די קליידער און איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער. אַן אָנגענעמע קילקייט האָט אים אַרומגענומען און ער האָט זיך טובֿל געווען זיבן מאָל. ווען ער איז אַרויסגעשפּרונגען, האָט זיך אים געדאַכט צו פֿאַרנעמען דאָס קול פון ערגעץ־ווו, אַז גוט האָט ער געטאָן, טובֿל צו זיין זיך, איידער ער קומט אַריין אין דער שטאָט פון כּישוף...

ער האָט זיך אומגעקוקט און קיינעם נישט געזען, ער האָט געטראַכט: אפשר האָט דאָס אייזל, פּונקט ווי ביי בלעמען, אָנגעהויבן צו רעדן... ער האָט פון דעם דאָזיקן געדאַנק אַ שמייכל געטאָן, אָבער פֿאַרוווּנדערט איז ער דאָך געווען. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס קול איז געקומען פון זיין אייגענעם געדאַנק...

ער איז אַזוי געריטן אויפן אייזל ביז פֿאַרנאַכט, ווען ער האָט זיך דערזען מיטאַמאָל אין דער פֿאָרשטאָט פון קאַהירע. די גרינע גערטנער האָבן זיך געצויגן און זיי זענען איצט געווען איינגעטונקען אין פּורפּור־שטראַלן פון דער פֿאַרגייענדיקער זון. די ריחות האָבן אים דעם אָטעם פֿאַרכאַפּט און ער האָט געשעפּט אין זיך די מחיהדיקע לופט.

ער איז איצט געווען פול מיט האָפֿענונג און דערוואַרטונג. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי עס וועט אים אויפנעמען דער גרויסער עושר יוסף רפאל חלבי, ווען ער וועט צום ערשטן מאָל באַגעגענען היינט אין אָוונט. ער ווייסט נישט וואָס פֿאַר אַ שטייגער ייד איז דאָס. צי איז ער אַן אָפּגעפרעמדטער פון זיין שטאַם, צי אַ וואַרעמער ייד; אַ גוטהאַרציקער אָדער אַ שלעכטער מענטש.

ער האָט זיך אים געפּרוווט פֿאָרשטעלן אויף אַלע אופנים, און דערביי אָפּגעמאַכט ביי זיך אין דער מחשבה ווי אַזוי צו אים צו רעדן. אָבער אָט רייט ער שוין אויף די גאַסן פון דער גרויסער מצרישער שטאָט. די טונקל־קייט האָט זיך שוין אָפּגעלייגט אין דער לופט און איינצלנע שטערן האָבן זיך שוין באַוויזן.

ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי מענטשן אויפן וווינאָרט פון סאַראַף־פּאַשאַ און מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער איז ער שוין געשטאַנען הינטער דער טיר פון פּאַלאַץ, וואָס איז געווען ארומגערינגלט מיט טונקל־גרינע ציפּריסן און הויכע פּאַלמעס.

דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט. ער וואָלט זייער נישט געוואָלט אָנטרעפֿן אויף אַ האַרטן מענטש, מיט וועמען ער זאָל זיך דאַרפֿן אַמפּערן

און רעדן האַרבע רייד. ער וואָלט געוועז גליקלעך ווען דאָס איז אַ ווייכער מענטש, אַ גוטער און וואַרעמער ייד. ער האָט מיט די ליפּן זיינע, נישט ווייסנדיק אַליין וואָס ער טוט, געשעפּטשעט אַ תּפילה אַז ער זאָל אָנטרעפן אַ מאַן מיט אַ וואַרעמער נשמה.

און ער האָט אויסגעבעטן. ווען ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, איז אַרויסגעקומען אַ שוואַרצע עגיפּטערין, אַ שקלאַפין, זעט אויס. זי האָט אַ בלאַנק געטאָן אויף אים מיט אירע גרויסע, ווייסלעכע אויגן, ווי אָפּ־מעסטנדיק שבתי צבי פון אויבן ביז אַראָפּ, וואָס פאַר אַ שטייגער גאַסט ער איז, און צי איז ער ראוי אַריינגעלאָזט צו ווערן צו איר באַלעבאָס.

ער איז איר, ווייזט אויס, געפעלן געוואָרן, און זי האָט אים אַריינגע־לאָזט אין אַ גרויסן זאַל, וואָס איז געווען טונקל באַלויכטן מיט אייל אין גאָלדענע בעקנס, און גרויסע הענגלייכטער מיט נישט אָנגעצונדענע ליכט זענען געהאָנגען אויפן סופיט. די ווענט זענען געווען באַהאָנגען מיט ביל־דער, וואָס זיינע אויגן האָבן נאָך קיינמאָל ביז איצט אַזעלכע נישט גע־האָט געזען.

ער האָט דערקענט אין די ווענט פון דעם דאָזיקן זאַל, אַז ער איז אין אַ יידישער שטוב און אַז דער באַלעבאָס פון דעם דאָזיקן הויז איז אַ פרו־מער. קודם־כל האָט ער אויף די ביישטידלעך פון די טירן געזען מזוזות, און די געמעלעכצן אויף די ווענט זענען געווען פון אַ יידישן כאַראַקטער: אתרוגים און לולבים, הענגלעך ווייַנטרויבן, קידוש־בעכערס. עס זענען אויך געהאָנגען אייל־געמעלעכע בילדער פון אַלטע בכבודיקע יידן מיט ווייסע בערד — מן־הסתם די זיידעס און עלטער־זיידעס פון סאַראַף־פּאַשאַ. אין הויז האָט געשמעקט מיט די טייערסטע בשמים. דער סופיט איז געווען באַמאָלן מיט די רייכסטע און קאָלירפולסטע פאַרבן, און האָבן פאַרגעשטעלט אַ בלויען הימל מיט די צוועלף מזלות, לייבן, ילעמפּערטן און ווינזלטירן.

זיין געמיט האָט זיך באַרואיקט. ער האָט זיך פאַרטראַכט און אָפּגעמאַכט ביי זיך אַ סימן: ווער דער מאַן, וואָס ווערט זיך דאָ באַלד פאַר אים באַווייזן, שמייכלען צו אים אַזוי זאַנפט ווי עס שמייכלט אָט יענער אַלטער ייד מיט דער קיילעכדיק־ווייסער באָרד דאָרט אויפן בילד, מסתמא אַ זיידע, וועט עס זיין אַ צייכן, אַז זיין שליחות וועט עולה־יפה זיין און ער וועט האָבן הצלחה אין זיינע אונטערנעמונגען.

מיטאַמאָל האָט זיך די טיר געעפֿנט, און אויף דער שוועל איז גע־בליבן שטיין אַ מאַן פֿון אַ יאָר פֿערציק, מיט אַ שוואַרצער, פּוכיקער באָרד און וואָנצעס, צווישן וועלכע עס האָבן אַרויסגעשיינט רויטע פֿרישע ליפּן. די אויגן האָבן געפֿינקלט ווי צוויי שוואַרצע גליאיקע קוילן, באַזוימט פֿון אויבן מיט געדיכטע שוואַרצע ברעמען. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פּאַר־ביקן מזרחדיקן כאַלאַט, אויסגעשטיקט מיט גאָלד און זילבער און מיט בלויע תּכלתדיקע פֿעדים. די ווייסע געזונטע ציין, ווי מילך, האָבן אַ בלאַנק געטאָן אין אַ שמייכל, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן איבערן גאַנצן פּנים, גלייך ווי אַ זון וואָלט אויף אים אַ שיין־געטאָן.

— וואָס ברענגט אייך צו מיר, ליבער אורח מיינער?... — האָט ר׳ יוסף חלבי געפֿרעגט מיט אַ ווייכער שטימע, וואָס האָט דערוואַרעמט שבתי צבֿיס האַרץ און אים אויפֿגעמונטערט.

— מיין נאָמען איז שבתי צבֿי, איך קום איצט פֿון ירושלים...

ער האָט נישט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן דעם זאַץ, ווי דער רייכער סאַראַף־פּאַשאַ איז געפֿאַלן אויף זיינע קני, האָט צוגעבויגן זיך צו שבתי צבֿיס קלייד און עס אַ קוש געטאָן.

— געלויבט איז השם יתברך, וואָס איך האָב זוכה געווען צו האָבן אונטערן דאַך פֿון מיין הויז אַזאַ גרויסן גאַסט. קומט אַריין, רבי, אין מיין צימער... ווער האָט עס אייך געלאָזט אַזוי לאַנג זיצן דאָ אין דעם פֿאָדער־צימער?... זייט מיר מוחל, רבי, פֿאַר דער דאָזיקער חוצפּה...

שבתי צבֿין האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן פֿון גרויס גע־רירטקייט. און ער איז נאָכגעגאַנגען זיין גאַסטגעבער אין זיינע נאָך מער רייכערע צימערן, וואָס האָבן געבלענדט די אויגן מיט זייערע קאָסטבאַרע בילדער אויף די ווענט און דעם פּרעכטיקן מעבל, וואָס ער האָט אַזוינס נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געזען.

חלבי האָט געלאָזט שבתי צבֿין אַ ביסל אָפּרוען פֿון וועג, און אַליין איז ער ערגעץ אַוועק. שבתי צבֿי איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ טיפֿן שלאָף. דער וועג און די אַלע איבערלעבונגען פֿון די לעצטע עטלעכע וואָכן האָבן אים געהאַט אַזוי פֿאַרמאַטערט, אַז ווי נאָר ער האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף דער ווייכער סאָפֿע, איז ער פֿאַרזונקען געוואָרן אין אַ האַרטן שלאָף.

ער האָט געהאַט אין שלאָף שיינע חלומות. ער האָט זיי געזען קלאָר און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער זעט זיי אויף דער וואָר. נאָר

פלוצלינג האָט ער זיך געזען אַרומגערינגלט פון נאַקעטע רייצנדיקע פרויען, וועלכע האָבן געטאַנצט אַרום אים אַ ברוגז־טאַנץ. דאָ האָבן זיי זיך דער־נענטערט צו אים, דאָ האָבן זיי זיך דערווייטערט; דאָ האָבן זיי געשמייכלט, ווי וועלנדיק אים איבערבעטן און דאָ האָבן זיי זיך געברוגזט און געמאַכט צו אים צאָרנדיקע פנימער, אַז עס האָט אים אַ שניט געטאָן אין האַרץ.

ער האָט צווישן זיי געזען זיין געוועזענע כלה, די שיינע רחל. בישט איינע האָט ער זי געזען, נאָר אַ סך רחלס, זיי האָבן זיך געטאָפּלט, גע־דרייפאַכט און פאַרפילפאַכט, גלייך זיי וואָלטן אין אַ ריזיקן שפיגל אָפּ־געשטראַלט זייערע ענלעכקייטן. מיט אַ רגע שפּעטער האָט ער שוין ווידער געזען פאַרשידענע פרויען־געשטאַלטן, איינע שענער פון דער אַנדערער, און יעדע מיט אַן אַנדערן רייץ און שמייכל, אַז דאָס האַרץ איז ביי אים איבערגעגאַנגען פון צופיל געפילן.

איינע פון זיי איז געווען א מלאכישע שיינקייט, מיט גאָלדענע בלאָנדע האָר. די אויגן — אַזעלכע בלויע ווי דער ים־התיכון אָדער ווי דער טייך נילוס, וואָס ער איז פאַרבייגעריטן מיט איין טאָג צוריק. זי האָט זיך צו אים דערנענטערט אַזוי נאָענט, אַז ער האָט געפילט אויף זיך איר שמעקע־דיקן אָטעם. זיינע געבליטן האָבן זיך אָנגעצונדן ווי מיט טויזנטער פייערן. ער האָט אויסגעצויגן צו איר זיינע הענט, און כאָטש זי איז אַזוי נאָענט געווען פון אים, האָט ער זי נישט געקאָנט דערגרייכן.

זי האָט געשעפּטשעט צו אים מיט די ליפּן, וואָס ער האָט קוים מיטן אויער דערכאַפּט.

— איך בין אָנגעברייט צו זיין דיין כלה, — האָט זי געמורמלט מיט די ליפּן... — איך בין אָנגעברייט צו זיין דאָס ווייב פון משיח... שוין יאָרן ווי איך וואַרט אויף דיר, פון קינדווייז אָן וואַרט איך אויף דיר און ביסט נישט געקומען, אָבער ענדלעך האָב איך דיך דערגרייכט, מיין טייערער...

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין חלום. ער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן, אומגעקוקט זיך איבער דער גרויסער שטוב. ער האָט אין אָנהייב נישט געדענקט ווו ער געפינט זיך. אָבער ביסלעכווייז האָבן אָנגעהויבן אין געדאַנק ביי אים אויפטויכן בילדער נאָך בילדער, און ער האָט אַ שמייכל געטאָן. פון אַ וואַנט האָט אַראָפּגעקוקט אויף אים די שיינע געשטאַלט פון סאראַף־פּאַשאַ אין זיינע אָפיציעלע קליידער פון דעם געלט־מינצער פון עגיפּטישן כעדיוו. זיינע רויטע ליפּן האָבן ליידנשאַפטלעך אַרויסגעקוקט

פון צווישן די פוכיק־שוואַרצע וואָנצעס און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט ווי גליענדיקע קוילן.

ער האָט זיך דערמאָנט ווו ער איז. אין דעם גרויסן זאַל איז געווען האַלב טונקל. ערגעץ־ווו ביי אַ וואַנט איז געשטאַנען אַ גאָלדענער בעקן אָנגעפּולט מיט בוימל און אַ קנייטל פון וואָל האָט געפלעמלט און גע־צויגן זיך איינדערהויך און אַראָפּ און באַלויכטן דאָס גרויסע בילד פון סאַראַף־פּאַשאַ, דעם גאַסטגעבער זיינעם ר׳ יוסף רפאל חלבי.

— אָבער פון וואַנען אַזאַ פּלוצלינגער חלום?... — האָט ער זיך גע־פרעגט, שעפּטשענדיק מיט זיינע ליפּן.

מיטאַמאָל האָט אַ שמייכל זיך אויסגעלייגט אויף זיין פּנים. ער האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט. נאָך אין עזה האָט אים זיין נביא נתן בנימין דערציילט, אַז אַ שמועה איז צו אים דערגאַנגען וועגן אַ יונג מיידל וואָס געפינט זיך אין דער הויפּטשטאָט פון האָלאַנד, אין אַמסטערדאַם, שרה איז איר נאָמען. און אָט דאָס דאָזיקע מיידל האָט זיך איינגערעדט, אַז זי איז אָנגעברייט צו זיין דאָס ווייב פון משיח בן דוד.

דעמאָלט, געדענקט ער, ווען נתן העזתי האָט אים די דאָזיקע מעשה דערציילט, האָט ער בלויז אַ שמייכל געטאָן, און קיינמאָל וועגן דעם נישט געטראַכט אַפילו. אָבער דאָס וואָס דאָס מיידל איז אים איצט געקומען אין חלום, איז אַ סימן, אַז עס איז נישט אַזוי פּשוט מיט דער דאָזיקער מעשה...

די זאַך איז אים שוין מער פון קאָפּ נישט אַרויסגעגאַנגען. ער איז געווען גליקלעך. עס איז אים אַזוי גוט געווען אויף דער נשמה. נאָך קיינמאָל האָט ער נישט אַזוי געפילט וועגן אַ פרויענצימער, ווי ער האָט עס געפילט אין חלום. ער האָט פאַרגליכן זיין געפיל צו דעם אומבאַקאַנטן מיידל מיטן נאָמען שרה צו דעם געפיל, וואָס ער האָט געהאַט צו זיין געוועזענער כלה, דער שיינער רחל.

זי איז דאָך אַזוי רייצנדיק געווען. ער געדענקט, אין דער נאַכט פון זייער חופה, ווען מ׳האָט זיי איבערגעלאָזט אַליין אין זייער חדר מיוחד, האָט זי נישט שעמענדיק זיך פאַר אים, זיך אויסגעטאָן נאַקעט. ער האָט נאָך קיינמאָל קיין נאַקעטע פרוי ביז דעמאָלט נישט געהאַט געזען. זי האָט זיך געטוליעט צו אים, געקושט אים אין די ליפּן, זי האָט געגליט ווי דאָס פייער פון גיהנום... אָבער ער האָט בשעת מעשה גאָר געשוועבט אין אַנ־דערע וועלטן. ער האָט זי אינגאַנצן נישט געזען פאַר זיך...

פאַרקערט, ער האָט דעמאָלט געמיינט, אַז ער איז אַ כובש את יצרו, ער האָט זיך געקאָנט אַנטקעגנשטעלן דער לילית, פאַר וועלכער ער האָט זי דעמאָלט אָנגענומען. ער האָט יאָרנלאַנג זיך געגרייט דערצו, צו זיין אָפּגעשיידט פון פרויען, צו פייניקן זיין לייב, כדי צו דערגרייכן שלימות אין זיין אָפּגעזונדערטן לעבן.

און טראַכטנדיק אַזוי, איז ער ווידער איינגעשלאָפן. ער האָט זי ווידער געזען, די שיינע רחל... אפילו די אומבאַקאַנטע שרה האָט איצט אויך אויסגעזען ווי רחל. ער האָט דאָס מאָל געגלוסט צו איר. ער האָט זי געוואָלט אַרומנעמען און צודריקן צו זיך, אָבער ער האָט זי נישט געקאָנט דערגרייכן. זי איז כסדר געווען אויף אַ טפח דערווייטערט פון אים...

— איך וועל דיך דאָס מאָל שוין נישט אָנטקלאָזן, מיין כלה... איך וועל דיך באַמאַנען. ווי איך דאַרף דאָס טאָן לויטן דין. איך האָב דאָך דיך מקדש געווען כדת משה וישראל. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָבער דערמאָנט, אַז ער האָט זי געגט און זי איז איצט דאָס ווייב פון זיין חבר משה פינהייראַ...

אַ שטאַרקער כעס האָט אים אַרומגענומען אויף זיין חבר. ווי אַזוי האָט ער געוואָגט צוצונעמען דאָ, וואָס עס האָט געהערט צו אים?... אָבער מיטאַמאָל איז דאָס בילד פון דער שיינער רחל פאַרשוווּנדן און אויף איר אָרט איז ווידער אַרויסגעשפּרונגען די נאַקעטע געשטאַלט פון דעם אומבאַקאַנטן מיידל, וועגן וועלכער נתן העזתי האָט אים דערציילט. זי איז געווען עזותדיק אין אירע באַוועגונגען. זי האָט אים גערייצט ווי אַ זונה... ער האָט זיך אַזש פאַרשעמט.

מיטאַמאָל האָט ער דערהערט, ווי זי רעדט צו אים מיט שעפּטשענדיקע רייד:

— אָט איז ער, דער משיח בן דוד... איך וואַרט שוין לאַנגע דורות אויף אים, און אָט האָט ער זיך פּלוצלונג באַוויזן אומגעריכט. ער איז געקומען בהיסח הדעת... איצט איז שוין געקומען דער סוף פון גלות... מיט זיין גרויסער ליבע וועט ער באַפרייען אַלע פעלקער פון דער וועלט...

ער האָט ווידער געפרוווט אויסשטרעקן די האַנט צו איר. דאָס מאָל האָבן זיינע שפּיצן פינגער זי אָנגערירט. אָבער דאָ האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. לעבן אים איז געשטאַנען ר׳ יוסף רפאל חלבי, וועלכער האָט געשעפּטשעט מיט זיינע ליפּן און געמורמלט באַגייסטערטע רייד:

— מיט זיין גרויסער ליבע וועט ער אונדז אויסלייזן און באַפרייען די וועלט פון פאַרשקלאַפונג. אַ, רבי!... — האָט ער פלוצלינג זיך געווענדט צו אים, זעענדיק, אַז ער איז שוין וואַך. — פיל געסט האָבן זיך פאַרזאַמלט אין מיין שטוב און זיי ווילן דיך זען... דו ביסט זייער מיד געווען און איך האָב דיך נישט געוואָלט אויפוועקן. ביסט געשלאָפן עטלעכע שעה און עס איז שוין שפּעט ביינאַכט. אָבער דאָס זענען וויכטיקע געסט. ווילסטו זיי זען, רבי?...

שבתי צבי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין ווייכן געלעגער. אַ שמייכל פון גליק איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים. ער האָט נאָך געהאַט דעם חלום פאַר זיינע אויגן ווי לעבעדיק.

ער האָט זיך אָפּגעוואַשן דאָס פּנים מיט אַ מין שמעקעדיקן בלומען־וואַסער, וואָס די שוואַרצע שקלאַפין האָט אים אויפן באַפעל פון חלבי אַריינגעברענגט, און ער האָט זיך דערפילט פריש און מונטער.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין דעם גרויסן עס־זאַל, זענען אַרום אַ לאַנגן טיש, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט מיט בל־טוב געווען אויסגעזעצט ביי אַ צוויי מנינים מענטשן. מענטשן מיט בשבודיקע פּנימער, מיט שוואַרצע, רויטע און בלאָנדע בערד; עטלעכע האָבן שוין געהאַט מילך־ווייסע לאַנגע בערד. עס זענען געווען צווישן זיי רבנים, גרויסע סוחרים, רייכע פינאַנסיסטן און אויך עטלעכע געסט פון אויסלאַנד.

ביים דערשיינען פון שבתי צבי האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט. איינער פון זיי האָט מיט אַ בעכער וויין אין דער האַנט געמאַכט אַ „שהחינו״...

און ווען שבתי צבי האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָבן זיך אַלע אויך אַנידערגעזעצט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס יומטובדיקע מאָלצייט, וואָס איז אין די לעצטע שעה צוגעגרייט געוואָרן.

די ערשטע מינוטן זענען אַדורך שטיל, יעדער איז געווען פאַרטאָן אין זיין עסן. מען האָט געזופּט צוביסלעך וויין, און ווען דער וויין האָט אָנגעהויבן קריכן אין קאָפּ, האָבן זיך די צונגען פונאַנדערגעבונדן און מ׳האָט אָנגעהויבן צו רעדן, פריער מיט אַ שטיל קול, דערנאָך העכער און העכער, ביז די רייד האָבן זיך אָנגעהויבן מישן איינער אין אַנדערן און דער שמועס איז אַוועק אין די הויכע עולמות.

— זאָג אונדז, רבי, ווען וועט שוין ענדלעך אויסשלאָגן די גליקלעכע שעה, ווען מ'וועט זיך אומקערן קיין ארץ־ישראל אונטער דער הערשאַפט פון מלכות דוד? — האָט געפרעגט איינער פון די אויסלענדישע געסט.

שבתי צבי האָט זיך אין אים גוט איינגעקוקט, געוואָלט אַרויסלייענען פון זיין פנים, צי מיינט ער טאַקע ערנסט מיט דער שאלה, צי מיינט ער בלויז אָפּצושפּעטן אין אים סתם פרעגן שאלות.

דער אויסלענדישער ייד איז געווען פון האָלאַנד, אַ רייכער באַנקיר, וועלכער פּירט געשעפטן מיט דער גאַנצער וועלט און דאָ, אין מצרים, איז זיין גרעסטער פאַרטרעטער טאַקע דער באַלעבאָס פון הויז, ר׳ יוסף רפאל הלבי. דאָס פנים פון דעם האָלענדישן ייד איז געווען ווי פון אַ זאַטן מענטש, וועלכער האָט נישט קיין שום זאָרג, אַלץ גייט ביי אים כשורה. אָבער דאָך איז ער געווען פאַראינטערעסירט אין דער באַפרייאונג פון יידישן פאָלק.

שבתי צבי איז דערפון גערירט געוואָרן און האָט זיך געטראַכט: „זע, גאָט, וואָס פאַר אַ פאָלק מיר יידן זענען. אָט דער דאָזיקער רייכער ייד פון האָלאַנד ווייסט נישט פון קיין שום דחקות, ער איז רייך, אפשר דער רייכסטער ייד אין זיין לאַנד און האָט מן הסתם אויך גענוג כבוד פון זיין קהילה, און דאָך בענקט ער נאָך פרייהייט. ווי שטאַרק איז דאָס געפיל פאַר אומאָפּהענגיקייט...״

ער האָט מיט אַ שמייכל אָנגעקוקט דעם דאָזיקן ייד, ר׳ שמואל דון פעדראָ איז געווען זיין נאָמען, אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ מיוחסדיקער שפּאַנישער משפחה, וואָס איז בעת דעם גירוש פון שפּאַניע אַוועק קיין האָלאַנד און זיך דאָרט באַזעצט. ר׳ שמואל איז געווען אַן אוראייניקל פון יענעם אויסוואַנדערער. אויף זיין פנים איז געווען אויסגעגאָסן אַן אצילות און איידלקייט ווי פון דור־דורות אַריסטאָקראַטן. ער האָט געהאַט אַ בלאָנדע באָרד, וואָס האָט אַרומגעראָמט זיין פנים און די אויגן זענען געווען אַ געמיש פון העל־בלוי און טונקל־בלוי. ער איז שוין געווען אַ פאַרוואָרצלטער אין דעם מערבדיקן לאַנד פון העל־בלאָנדע מענטשן. אויף די ליפּן האָט כסדר געשוועבט אַ לייכטער גוטמוטיקער שמייכל.

און שבתי צבי האָט אים געענטפערט:

— די גאולה איז אָפּהענגיק פון אונדז אַליין. מיר דאַרפן בלויז שטאַרק וועלן. און ווען מען וויל שטאַרק, מען איז פאַרעקשנט, פירט מען אַלץ אויס. אַלע סימנים פון דער היינטיקער צייט זאָגן דערויף, אַז דאָס זענען

שוין די טעג פון גאולה. דאָס גאַנצע פאָלק ישראל פון אומעטום דאַרף נאָך דאָס וועלן, און די גאולה קאָן קומען אפילו נאָך היינט.

ווען שבתי צבי האָט פאַרענדיקט זיינע רייד, איז געוואָרן אַ געמורמל ביים טיש. די געסט האָבן איבערגעשמועסט צווישן זיך אין דער שטיל די רייד פונעם גרויסן רבין. מען האָט אויסגעטייטשט אפילו די מחשבות, וואָס ער האָט נישט אַרויסגעזאָגט.

און פלוצלונג האָט דער באַלעבאָס פון הויז, ר׳ יוסף חלבי, גענומען דאָס וואָרט:

— מיינע טייערע ברידער, עס קומט מיר אויס אַ סך מאָל צו זיין אין די אייראָפּעישע לענדער און שמועסן מיט אונדזערע ברידער, וועלכע זענען צעזייט און צעשפּרייט אומעטום. מיט וועמען איך האָב געשמועסט, לעכצט ער נאָך דער צוגעזאָגטער פרייהייט. זיי זענען אַלע גרייט איבערצולאָזן זייערע פאַרמעגנס אין די לענדער, וווּ זיי געפינען זיך איצט און עולה זיין קיין ארץ־ישראל, ווען די שעה וועט אויסשלאָגן... איך דערקלער אייך דאָ אָפן: איך בין דער רייכסטער ייד אין מצרים, עס פעלט מיר נישט פון פויגל־מילך. איך האָב רייכטום און כבוד, סיי פון יידן און סיי פון די מצרים. איך בין אַנגעזען אין פּאַלאַץ פון כעדיוו, ירום הודו... מיין וואָרט איז ביי אים הייליק. ער טוט נישט קיין שום זאַך אָן אָנצופרעגן זיך פריער ביי מיר. און דאָך, טייערע ברידער מיינע, פאַרזיכער איך אייך, אַז איך וואָלט גרייט געווען אַלץ איבערצולאָזן און אַוועקגיין קיין ארץ־ישראל אַר־בעטן אויף דער הייליקער ערד, פלאַנצן ווייַנגערטנער, אַקערן און זייען. אַבי צו פילן, אַז איך בין אין דער היים, אין אונדזער אייגענעם לאַנד, אין דעם לאַנד פון אונדזערע אבות אבותינו...

שבתי צבין האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן פון צופיל גע־רירטקייט. ער האָט אַ ווייל אָנגעקוקט דעם סאראף־פּאַשאַ, דעם העכסטן באַאַמטן אין מצרישן לאַנד, אין וועמענס רשות עס געפינט זיך דאָס גאָלד און טייערע שטיינער. ער האָט אָנגענומען זיין האַנט און לאַנג זי געדריקט. ער האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט און זיך אָנגערופן:

— טייערער ברודער מייַנער, ר׳ יוסף רפאל, דו קאָנסט דיר שוין קויפן איינע פון די גרעסטע מצוות ביי דיין לעבן, און דאָס איז פּדיון שבויים. דער פּאַשאַ פון ירושלים האָט אַרויסגעגעבן אַ וואָרענונג צו די יידן אין דער הייליקער שטאָט, אַז אויב זיי וועלן ביז אַ געוויסן טאָג נישט אַריינטראָגן

אין זיין אוצר אַ גרויסע סומע גאָלד, וועט ער זיי אַלע אַרויסטרייבן פון שטאָט און אָנטאָן אַנדערע נגישות.

סאַראַף־פּאַשאַ האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אויף, זיין פּוכיקע, שוואַרצע באָרד האָט אַזש געציטערט פון אויפרעגונג און ער האָט פייערלעך אויס־גערופן:

— אויב עס וועט אַפילו נויטיק זיין אַ העלפט פון מיין פאַרמעגן, וועל איך עס אַוועקגעבן, כדי צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון מיינע ברידער. מיין געלט־אוצר איז פאַר דיר אָפן, גרויסער רבי. נעם וויפל דיין האַרץ גלוסט און ראַטעווע פון אומקום די יידן פון דער הייליקער שטאָט.

נאָך אים האָבן זיך אויפגעשטעלט כסדר, איינער נאָכן אַנדערן, די פאַרזאַמלטע געסט און אָנגעגעבן גרויסע סומעס געלט פאַר די יידן אין ירושלים. שבתי צבי האָט אַזש אויפגעציטערט פון דעם בליאַסק פון גאָלד, וואָס ער האָט איצט געזען בלויז במחשבה...

זיין פּנים האָט אויסגעדריקט פרייד און גליק, וואָס ער וועט קאָנען ראַטעווען די יידן פון ירושלים. דאָס וועט זיין ביי זיי פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע נסים. ער האָט שוין געזען זייערע גליקלעכע פּנימער פאַר זיך און ער האָט צוזאַמען מיט זיי זיך מיטגעפרייט.

און ווידער האָבן דינער אַריינגעבראַכט פלאַשן מיט רויטן וויין, וואָס האָט אין דעם שיין פון די פיל ליכט אָפּגעפינקלט מיט קאָלירדייכע פאַרבן און זיי האָבן דעם וויין פונאַנדערגעגאָסן אין גאָלדענע בעכערס. דער עולם האָט בנחת געטרונקען און די הערצער זענען געוואָרן אָנגעפילט מיט פרייד. די קעפּ האָבן אָנגעהויבן צו ביסלעך שווער צו ווערן און די נשמות זענען געוואָרן בגילופנדיק.

מיטאַמאָל האָט דער גאַסט פון האָלאַנד, ר׳ שמואל דון פעדראָ, זיך אָנ־גערופן מיט אַ וואָרט, וואָס האָט געמאַכט אין גאַנצן אויפציטערן דאָס האַרץ פון שבתי צבי.

— עס איז ביי אונדז אין אַמסטערדאַם פאַראַן אַ מיידל מיטן נאָמען שרה, אַ פּרעכטיק מיידל, זי האָט אַלע חנען פון אַ יידישער טאָכטער. זי איז ווי דורך אַ נס ניצול געוואָרן פון די שחיטות אין פּוילן. אָט דאָס דאָזיקע מיידל, נאָך זייער אַ יונגע, אפשר פופצן יאָר אַלט, האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז זי איז אָנגעברייט צו זיין די כלה פון משיח בן דוד. ווען עס איז צו אונדז דערגאַנגען די ידיעה וועגן דיר, גרויסער רבי, אַז דו האָסט

זיך באַוויזן אין סמירנע און זאָגסט נביאות וועגן דער נאָענטער גאולה, איז זי ממש פון זינען אַראָפּ. זי וויינט גאַנצע טעג און נעכט, זי פאַרלאַנגט באַלד צו דיר קומען און זיך מיט דיר באַהעפטן...

שבתי צבי איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ פּורפּורנער רויטקייט. די אויגן האָבן זיך ביי אים צעגליט און עס איז אים אַ היץ דורכגעלאָפן דורך אַלע גלידער. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין אויסטערלישן חלום, וואָס ער האָט נאָר וואָס געזען, איידער ער איז אַהער אַריינגעקומען.

— גאָטס וועגן זענען אומפאַרשטענדלעך און אומבאַגרייפלעך... — האָט שבתי צבי אַרויסגעשטאַמלט, און זיין פּנים איז געוואָרן ערנסט. — ווייסט איר כאָטש ווער עס זענען אירע עלטערן און פון וואָס פאַר אַ גזע זי שטאַמט אָפּ?...

— זי האָט אונדז געזאָגט, אַז זי געדענקט די נעמען פון אירע טאַטע־מאַמע, וועלכע זענען, לויט אירע רייד, אומגעקומען פון דער שווערד פון די היידאַמאַקעס. איר מוטער האָט געהייסן מרים. די מוטער, זאָגט זי, האָט זי בפירוש געזען אַ טויט־געשלאָגענע, מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אין אַ קאַלוזשע בלוט. אָבער איר פאָטער, ר' וואָלף, געדענקט זי נישט אויף זיכער, צי ער איז געהרגעט געוואָרן, אָדער ער האָט זיך געראַטעוועט דאָס לעבן. ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון שטוב, אַזוי גיך ווי די היידאַמאַקעס זענען זייער הויז באַפאַלן.

— ר' וואָלף?... — האָט שבתי צבי איבערגעפרעגט און אַ שטוינונג איז אויף זיין פּנים געקומען.

ער האָט זיך דערמאָנט אין די צוויי פּוילישע יידן, ר' וואָלף און ר' מעכל, וועלכע זענען געווען אויף זיין חתונה אין סמירנע, און ער טאַקע, ר' וואָלף, איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אים געטראָפן אין דעם יחוד־שטיבל מיט זיין כלה, בעת ער האָט זיך צו איר נישט צוגערירט.

— זאָל דאָס טאַקע זיין דער זעלבער ר' וואָלף?... — האָט ער שטיל מיט די ליפּן געמורמלט.

ר' וואָלף און ר' מעכל, צוזאַמען מיט דעם גר, ר' אברהם אַבולעפיא, זענען געבליבן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו זיי פאַרשפּרייטן די רייד פון דער גאולה צווישן זייערע ברידער יידן.

— אָ, ווי ער וועט זיך פרייען, ר' וואָלף! — האָט שבתי צבי אויסגערופן אויפן קול.

— וואָס פאַר אַ ר׳ וואָלף? — האָט דער האָלענדישער ייד מיט גרויס פאַרוואונדערונג אויסגערופן און איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ.

— אין סמירנע איז געווען אַ ייד, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט פון די כמעלניצקי־שחיטות אין פּוילן. איצט איז ער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער איז מיט מיר צוזאַמען און מיט נאָך איינעם זיינעם אַ פריינד פון פּוילן גע־קומען אין דער טערקישער הויפּטשטאָט. איך גלייב, אַז דאָס איז דער פאָטער פון דעם דאָזיקן וואונדערלעכן מיידל, וועגן וועלכן דו דערציילסט, ר׳ שמואל דון פּעדראָ... ווארים אָט דער ר׳ וואָלף האָט מיר געהאַט געזאָגט, אַז זיין משפּחה איז אומגעקומען און ער האָט אויך געהאַט אַ טאָכטער פון אַ יאָר דרייצן מיטן נאָמען שרה. ער גלייבט, אַז זי איז אפשר געבליבן לעבן...

— פּלאַי־פּלאָים!... — האָבן אַלע אָנוועזנדיקע געסט אויסגערופן, זע־ענדיק גאָטס פינגער אין דער דאָזיקער געשעעניש.

— גאָט זאָל דיך בענטשן, גרויסער רבי, — האָט ר׳ יוסף חלבי אויס־געשריגן מיט גרויס יראת הכבוד, — וואָס האָט געברענגט אַזאַ גרויסע בשורה צו אונדז... איצט זעען מיר איין, אַז דאָס מיידל שרה וואָס גייט אַרום און זאָגט, אַז זי איז אָנגעברייט צו זיין די כלה פון משיח, רעדט נישט סתם אין דער וועלט אַריין. זי זאָגט דאָס בנבואה.

אַלע האָבן זיך נישט אויפגעהערט צו וואונדערן. ווי קליין די וועלט איז, כאָטש זי איז אַזוי ריזיק־גרויס... אָט איז אַ ייד פון האָלאַנד, און אָט איז אַ ייד פון סמירנע, יענע זענען גאָר פון פּוילן — און אַלע צוזאַמען זענען קינדער פון איין פאָלק.

— דאָס איז נאָך אַ סימן אויף דעם נאָענטן קיבוץ גליות... — האָט ר׳ יוסף רפאל חלבי אויסגערופן און מיט דער האַנט זיך פאַרשטעלט די אויגן, מכוון זייענדיק דערביי צו בענטשן גאָטס נאָמען.

דורך די פאַרהאַנגענע פענצטער האָט זיך דורכגעשלאָגן די בלויקייט פון ניי־געבוירענעם טאָג.

— יידן, הגיע זמן קריאת־שמע של שחרית... — האָט שבתי צבי אויסגערופן.

אַלע האָבן זיך געגעבן אַ שטעל אויף פון הינטערן טיש און אַ גע־מורמל האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבערן גרויסן זאַל. מיט גרויס כוונה האָט ר׳ יוסף רפאל אויסגערופן די ערשטע ברכה: „ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם, אשר נתן לשכוי בינה להבחין בין יום ובין לילה״. (געלויבט

ביסטו גאָט, אונדזער גאָט, וואָס האָסט געגעבן דעם האָן פאַרשטאַנד אונטער־צושיידן צווישן טאָג און נאַכט)...

און עס האָט זיך טאַקע דערטראָגן פון ווייטנס דאָס געקרייעריי פון הענער, וועלכע האָבן אָנגעזאָגט, אַז דער נייער טאָג איז אויפגעשטאַנען און מ׳דאַרף דערפאַר לויבן גאָט, דעם באַשעפער פון מענטש, פון אַלע חיות און עופות און פון אַלע שפּראָצונגען פון דער ערד.

אַלע געסט זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. אין הויז זענען בלויז פאַר־בליבן שבתי צבי און זיין גאַסטגעבער, ר׳ יוסף רפאל חלבי, דער מינץ־מייסטער פון דער עגיפּטישער מדינה. ער האָט אַריינגעבראַכט פון זיין שאַנץ־קאַמער אַ קעסטעלע, עס אַנידערגעשטעלט פאַר שבתי צבי און אויס־גערופן:

— נעם, רבי, וויפל דיין האַרץ גלוסט... עס איז אויף אַ דבר־מצווה.

שבתי צבי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. דאָס פּנים זיינס איז געוואָרן אָנגעשטרענגט. ער האָט נישט געוואָלט זיך צורירן צום געלט, מורא האָבנדיק געשטעלט צו ווערן פאַר אַ נסיון.

ר׳ יוסף חלבי האָט צוגעגעבנט צום קעסטעלע און עס געעפנט. אַ גאָלד־דענער בליאַסק האָט אַ בלענד־געטאָן שבתי צבין אין די אויגן, אַז ער האָט זיי אַזש געמוזט פאַרמאַכן.

און זעענדיק, אַז שבתי צבי רירט זיך נישט צו צום גאָלד, האָט דער באַלעבאָס פון הויז אַליין איינגעפּאַקט דאָס קעסטעלע מיטן גאָלד און אַריינ־געלייגט עס אין דעם פּעקל פון שבתי צבי, זאָגנדיק צו אים:

— דאָס דאָזיקע גאָלד וועט זיין גענוג אויף אָפּצוקויפן די טריפהנע נשמות פון אַ סך נידערטרעכטיקע פּאַשאַס, וואָס ווילן אונדז שלעכטס טאָן. זאָלן די גויים זיך שעמען, וואָס זיי מוזן אָפּגעקויפט ווערן מיט גאָלד, כדי זיי זאָלן אונדזער געפּלאָגט פאָלק נישט רודפן. גאָט האָט אונדז דאָס גאָלד געגעבן, כדי די רשעים צו קאָנען פאַרשטופן די מיילער אין אַן עת־צרה... נעם און פאַרנוץ עס לטובת אונדזערע יידן אין דער הייליקער שטאָט.

שבתי צבי האָט שטילשווייגנדיק זיך דערנעענטערט צו ר׳ יוסף רפאל, אַרומגענומען אים, צוגעבויגן זיינע ליפּן צו זיין קאָפּ און אַ קוש געטאָן אים אין שטערן און געזאָגט:

— זאָל דיך גאָט בענטשן מיט כפל כפלים. דאָס גאָלד איז זיינס און דאָס זילבער געהערט צו אים און וועמען ער וויל, שענקט ער עס אַוועק...

שבתי צבי האָט אויף דער בקשה פון סאַראַף פּאַשאַ געוויילט נאָך אַ גאַנצע וואָך אין קאַיראָ, פאַרברענגענדיק אין פּאַלאַץ צוזאַמען מיט אים ר׳ יוסף רפאל חלבי האָט געלעכצט צו לערנען קבלה פון שבתי צבי און ער איז מיט אים גאַנצע נעכט אויפגעזעסן ביי דער ווונדערלעכער געהיימער לערע.

אין גאַר אַ נייער וועלט האָט זיך איצט דער גרויסער גביר אַריבער־געטראָגן. צוזאַמען מיט שבתי צבי האָט ער געשוועבט אין די הויכע הימלען און ביידע האָבן זיי געזען די לויטערקייט פון דער שכינה. שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע זענען געשלאָפן, האָט אים שבתי צבי דערציילט וועגן די שיינ־קייטן אויף יענער וועלט, ווי עס זעט אויס ביים טיש, וווּ עס זיצן די צדיקים פון אדם הראשונען אָן ביז דער היינטיקער צייט.

— אויך דו, ר׳ יוסף רפאל, ביסט אָנגעגרייט צו פאַרנעמען אַן אָרט צווישן די דאָזיקע צדיקים און אַ גילדערנע קרוין איז שוין אָנגעגרייט פאַר דיר. די דאָזיקע קרוין וועט אויסגעהאַמערט ווערן פון דעם גאָלד, וואָס האָסט געגעבן אויף פדיון שבויים פאַר די יידן פון ירושלים.

טרערן זענען געראָנען פון דעם גבירס אויגן. ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד פאַר שבתי צבי און האָט געקושט זיין קלייד, דעם שטויב פון זיינע פיס און אים געדאַנקט פאַר דער לייטזעליקייט, וואָס ער ווייזט אים אַרויס.

— מיט וואָס האָב איך זיך פאַרדינט אַזאַ גרויסן כבוד?... — האָט ער מיט פייכטע אויגן צו אים געזאָגט, — מיט דעם ביסל גאָלד וואָס איך האָב געשענקט? עס איז סיי־ווי נישט מיין... גאָט האָט עס מיר געגעבן, כדי איך זאָל עס ווייטער אָוועקגעבן. פונקט ווי איך בין דער מינץ־מייסטער ביים עגיפּטישן כעדיוו, דעם בשר־ודם, אַזוי בין איך נאָר בלויז אַ שומר ביים רבונו של עולם, וועלכער האָט מיר אָנגעטרויט דעם דאָזיקן אוצר, וואָס איז דאָס אייגנטום פון גאַנצן יידישן פאָלק...

ווען די וואָך איז אָוועק, און עס איז געקומען דער טאָג פון נעמען אָפּשייד פון ר׳ יוסף רפאל חלבי, האָט שבתי צבי געבעטן צוזאַמענצורופן די אַלע געסט, וועלכע זענען מיט אים געווען די ערשטע נאַכט פון זיין אָנ־קומען. באַזונדערס האָט ער געבעטן, עס זאָל קומען ר׳ שמואל דון פּעדראָ, דער האָלענדישער באַנקיר, מיט וועמען ער האָט עפּעס וויכטיקס דורכ־צושמועסן.

אַ פּרעכטיקע סעודה איז אויף דעם דאָזיקן אָונט צוגעגרייט געוואָרן. ר׳ יוסף האָט אויך איינגעלאַדן כּלי־זמרים, וועלכע האָבן בעת דער סעודה געשפּילט טרויעריקע ניגונים, כּדי נישט צו פאַרגעסן אין חורבן בית־המקדש.

שבתי צבי האָט דעם אָונט געדרשנט וועגן ביאת המשיח און אַרויס־געזאָגט געדאַנקען, פון וועלכע אַלע זענען געבליבן זיצן מיט אָפענע מיי־לער. ער האָט נאָכגעזאָגט אויך קלוגע רייד פון די חכמי התלמוד: „רבי זעירא האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ חנינא: משיח בן דוד וועט נישט פריער קומען, ביז עס וועלן זיך אויסלאָזן אַלע בעלי־גאווהניקעס ביי יידן״. אַנדערע חכמים האָבן געזאָגט, אַז דער מלך־המשיח וועט פריער נישט קומען, ביז אַלע נשמות, וואָס זענען אָנגעגרייט געבוירן צו ווערן, וועלן שוין האָבן געקומען אויף דער וועלט...

„דעריבער״, האָט שבתי צבי צוגעגעבן, „טאָרן יידן נישט זיצן אַליין, נאָר חתונה האָבן און געבוירן קינדער, כּדי אויסצונוצן אַלע נשמות״...

ר׳ יוסף רפאל האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם פון די דאָזיקע רייד, ווייל ער איז שוין עטלעכע יאָר געזעסן אַליין, נאָכדעם ווי זיין ערשט ווייב איז געשטאָרבן... ער האָט זיך דעריבער גענומען אין זינען, אַז גאָר בקרוב וועט ער דורכפירן דאָס, אויף וואָס דער גרויסער רבי שבתי צבי האָט דאָ אָנגעוווּנקען.

שפּעטער, ווען די סעודה האָט זיך שוין געהאַט פאַרענדיקט, האָט שבתי צבי אָנועקגערופן אין אַ זייט שמואל דון פּעדראָ, דעם האָלענדישן באַנקיר, און מיט אים לאַנג־לאַנג איינגעטענהט.

מ׳האָט געקאָנט באַמערקן, ווי דאָס פּנים פון שבתי צבי ענדערט זיך כּסדר: דאָ איז עס פאַררויטלט מיט פאַרשעמטקייט פון אַ יינגל, דאָ ווערט עס בלאַס ווי קרייד; דאָ איז אַ פרייד אויסגעגאָסן איבער זיין גאַנצן פּנים און דאָ צעשפּרייט זיך פּלוצלינג אַ טרויעריקייט איבער אים.

ר׳ שמואל דון פּעדראָ האָט אים געהאַלטן אין איין צוזאָגן און באַ־רויקן, געגלעט אים דעם אָרעם און דערביי האָבן אים די אויגן געלויכטן פון פרייד, וואָס שבתי צבי, דער וואָס איז אָנגעברייט צו ברענגען די גאולה פאַר יידן, טרויט אים אָן אַזאַ וויכטיקע שליחות.

ר׳ שמואל האָט קיינעם וועגן דעם נישט דערציילט. ערשט נאָכדעם ווי שבתי צבי איז שוין געריטן אויף אַן אייזל צוזאַמען מיט אַ גאַנצן קאָר־ראַוואַן, וואָס איז אָפּגעגאַנגען קיין ארץ־ישראל, האָט ער בסוד־סודות דער־

ציילט בלויז פאַר ר׳ יוסף רפאל, אַז שבתי צבי האָט אים אָנפאַרטרויט צו פאַראינטערעסירן זיך מיט דעם מיידל שרה, וועלכע זאָגט, אַז זי איז אָנגעגרייט צו זיין דאָס ווייב פון אויסלייזער.

שבתי צבי האָט אים איבערגעגעבן, האָט שמואל דון פעדראָ דערציילט, דעם וווּנדערלעכן חלום, וואָס ער האָט געזען וועגן דעם דאָזיקן מיידל.

ווען עס איז ליכטיק געוואָרן, האָבן אים אַ טייל פון די איבערגעבליבענע געסט אַרויסבאַגלייט צום קאַראַוואַן. ר׳ יוסף רפאל האָט מיט אים מיטגע־שיקט צוויי דינער, וועלכע האָבן אים באַדאַרפט באַגלייטן ביז נאָך דער גרענעץ. דאָס קעסטעלע מיט גאָלד האָט ער טיף פאַרפּאַקט אין זיין זאַק, כדי נישט אַרויסצורופן ביי קיינעם קיין חשד וואָס פאַר אַ גרויסן אוצר ער פירט, ווייל מ׳קאָן קיינמאָל נישט וויסן, ווער עס זענען די מיטרייזנדיקע פון קאַראַוואַן.

סאַראַף־פּאַשאַ און ר׳ שמואל דון פעדראָ זענען געווען די איינציקע, וועלכע האָבן זוכה געווען שבתי צבין אַרויסצובאַגלייטן פון שטאָט.

שבתי צבי האָט זיי אייגעם נאָכן אַנדערן אַרומגענומען און זיך מיט זיי האַרציק געזעגנט.

פיל מיט רעיונות איז געווען אָנגעפילט שבתי צביס קאָפּ אויפן וועג צוריק קיין ירושלים. געדאַנקען נאָך געדאַנקען זענען אים געקומען אין מוח און עס איז אין זיי אַנטשטאַנען אַזאַ געמיש, אַז טיילמאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ער וועט קיינמאָל פון דעם געפּלאָנטער נישט אַרויסקריכן.

ער האָט געחלומט אויף דער וואָר. ער האָט געזען דאָס אומבאַקאַנטע מיידל שרה פאַר זיינע אויגן אַזוי לעבעדיק, גלייך ער וואָלט זי שוין געהאַט ערגעץ־ווו באַגעגנט. ער האָט געגאַרט זי שוין צו האָבן לעבן זיך. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז זי איז אַ טייל פון אים, און אָן איר איז גלייך עס וואָלט פון אים געווען געהאַט אָפּגעשניטן אַן אבר. אין די נעכט, ווען דער קאַראַוואַן האָט גערוט און ער האָט זיך צוגעלייגט אויפן גראָז לענגאויס דעם טייך נילוס, האָט ער דערפילט אַ געוואַלטיקע גלוסטונג צו דעם דאָזיקן מיידל, אַ געפיל וואָס ער האָט ביז איצט אינגאַנצן נישט געקענט.

און מורא האָבנדיק, אַז דאָס איז אַ גרויסע זינד, האָט ער תפילה געטאָן צו גאָט, ער זאָל אים מוחל זיין פאַר די דאָזיקע אומווירדיקע טראַכטונגען. ער האָט זיך צוגעשוווירן, אַז ער וועט דעם יצר־הרע פאַרטרייבן פון זיך, ווען ער וועט ווידעראַמאָל צו אים קומען. אָבער ווען נאָר דאָס מיידל האָט

זיך אים באַוויזן במחשבה, האָט ער געהאַט אַ גרויסע הנאה און אין זיין הייליקן צוזאָג אײַנגעאָנצן פאַרגעסן...

די מענטשן אין קאַראַוואַן האָבן נישט געוווסט וועד דער דאָזיקער מאָדנער מאַן איז. זיי האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס ער האַלט זיך פון דער־ווייטנס און מורמלט מיט די ליפּן, ווי עפּעס אַ הייליקער. וויפל זיי האָבן נישט געפּרוווט ביי זיינע באַגלייטער וועגן אים עפּעס געוואָרן צו ווערן, האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן ווי אויף אַ שטומער וואַנט.

בייטאָג, ווען די זון האָט אָפּערגעשפּראָצט פון הינטער די זאַמדן פון מדבר, האָט זיך שבתי צבי אויסגעדרייט צו דער זייט פון מזרח און אַנט־קעגן די פייערדיקע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון מתפלל געווען מיט כוונה. ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף די מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. ער איז ממש געשפּרונגען אין דער לופט פון גרויס התלהבות. די אויגן האָבן ביי אים געלויכטן מיט רעגנבויגנדיקע פייערן, אַז ס׳איז אויף די מענטשן אַרום אָנגעפאַלן אַ פחד.

ביינאַכט, ווען די זון איז פאַרגאַנגען און די שטערן האָבן זיך אַ צע־שאָט געגעבן איבערן טונקל־בלויען הימל, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען מעריב. די מיטגייענדיקע אין קאַראַוואַן האָבן זיך דעמאָלט אָפּגע־רוקט אין אַ זייט און מיט ערפּוכטיקן שטילשווייגן זיך צוגעקוקט צו די באַוועגונגען פון דעם אויסטערלישן מאַן. פון גרויס דרך ארץ צו דאָזיקן געהיימנישפולן הייליקן זענען זיי אַלע געפאַלן אויף זייערע פּנימער און האָבן תפילה געטאָן צו זייער נביא מאַכמעד, ער זאָל זיי נעמען אין שוץ, ווייל אַ מורא איז אויף זיי אָנגעפאַלן...

ביי דער גרענעץ פון מצרים און ארץ־ישראל, נישט ווייט שוין פון עזה, האָבן די צוויי באַגלייטער, וואָס סאַראַף־פּאַשאַ האָט מיטגעשיקט מיט שבתי צבי זיך געזעגנט מיט דעם הייליקן מאַן און זיי זענען הינטערוויי־לעכטס אָפּגעטראָטן, ביז שבתי צבי האָט זיי געגעבן אַ צייכן, אַז זיי זענען פריי אַוועקצוגיין.

ווען עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע הייזער־שפּיצן פון דער שטאָט עזה, האָט זיך פון דערווייטנס באַוויזן אַ ריזיקער שטויב ווי אַ וואָלקן צום הימל. מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט מען שוין געקאָנט בפירוש זען אויפ־גיין אַ גרויסע מחנה מענטשן.

דאָס איז געווען בתן העזתי מיט אַ גרויסע מחנה אָנהענגער, וועלכע זענען געוואָר געוואָרן, נישט צו וויסן פון וואַנען און ווי אַזוי, אַז שבתי צבי קומט צוריק אָן קיין עזה. די באַגעגעניש איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך האַרציקע. ביידע מענער האָבן זיך אַרומגענומען און זיך געקושט. די איבער־ריקע האָבן געמאַכט אַזעלכע הויכע אויסרופן, אַז די לופט אַרום האָט אַזש געציטערט פון דעם אויסטערלישן געשריי.

די מיטגלייער פון קאַראַוואַן האָבן ערשט איצט געזען, וואָס פאַר אַ גרויסן מאַן זיי האָבן געהאַט אין זייער מיטן און זיי האָבן געפרעגט ביי די איינ־וווינער פון עזה, ווער ער איז. און ווען זיי זענען געוואָרן געוואָרן, אַז דאָס איז דער יידישער משיח, זיינען זיי פאַר גרויס שרעק געפאַלן אויף זייערע פנימער.

דער ענטוזיאַזם ביי די איינוווינער פון עזה איז געווען אומבאַשרייבלעך. אויף דעם זעלבן אויפדערנאַכט איז אין שול צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ גרוי־סע אסיפה. עס זענען געקומען אַלע מענער, פרויען און אַפילו קינדער. אַלע האָבן אין לאַנגע רייען געצויגן זיך צו דער איינציקער שול אין שטאָט כדי אויסצוהערן די רייד פון הייליקן מאַן.

נתן העזתי איז שוין געהאַט געוואָר געוואָרן פון שבתי צבי, אַז ער פירט אַ קעסטל מיט גאָלד אויף אויסצולייזן די יידן פון ירושלים פון די הענט פון דעם רשעותדיקן פאַשאַ, דעם מושל איבער דער הייליקער שטאָט. זיין פנים איז געוואָרן ווייס און דערנאָך רויט. די אויגן האָבן זיך ביי אים צעפינקלט ווי ביי אַ הונגעריקן וואָלף. דערנאָך, ווען ער איז געבליבן מיט שבתי צבי אָפּגעזונדערט אין דער אכסניה, האָט ער געזאָגט צו אים, אַז ער דאַרף זיין פאַרזיכטיק מיט אַזוי פיל געלט.

— דאָס איז דאָך אַ פאַרמעגן, און לויערער אויף אַזאַ פאַרמעגן זענען דאָ אַ סך. מוז מען דעריבער דאָס קעסטל גאָלד, איידער דו גייסט אָפּ קיין ירושלים, גוט באַהאַלטן און קיינער טאָר וועגן דעם נישט וויסן. דערצייל קיינעם נישט, ווען דו וועסט רעדן היינט ביינאַכט אין שול, אַז דיין שליחות האָט אָפּגעגליקט. דער עולם דאַרף וועגן דעם נישט וויסן.

שבתי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און ער איז דאַנקבאַר געווען זיין „נביא", נתן העזתי, פאַר דער געטרייער עצה. ער האָט איצט איינגעזען, אַז דער דאָזיקער יונגער מקובל איז ראוי צו זיין דער באַעסטער אין זיין אומגעבונג. האָבנדיק אַזעלכע מענטשן ווי ער און אברהם היכיני אין קאָנ־

סטאַנטינאָפּאָל, קאָן ער זײַן רואיק, אַז ער װעט זײַן ציל דערפֿירן ביזן סוף אָן שום מכשול...

די דאָזיקע נאַכט איז געװען אײנע פֿון די גרעסטע דערפֿאָלגן אױפֿן װעג פֿון שבתי צבֿי. דער דערפֿאָלג פֿון זײַן רײזע קײן מצרים און די בשורה װעגן דעם װוּנדערלעכן מײדל שרה האָבן אים אָנגעפֿילט מיט אומזעבאַרע כּוחות און ער האָט זיך דערפֿילט װי אַ שװעבנדיקער אין הויכע װעלטן. ער האָט גערעדט װעגן דער צוקונפֿט פֿון יידישן פֿאָלק מיט אַזאַ פֿײער, אַז מענטשן האָבן געװײנט פֿון גרויס פֿרײד. אויך אים אַלײן זענען גערונען טרערן פֿון די אויגן. ער האָט זיך איבערגענומען מיט זײַנע אײגענע רײד.

אינמיטן זײַן רעדע האָט ער דערפֿילט, אַז זײַן „נבֿיא", נתן העזתי, געפֿינט זיך נישט לעבן אים. אָבער ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מן הסתם װײסט ער װאָס ער טוט. ער געפֿינט זיך איצט אוודאי צװישן דעם ריזיקן עולם און ער באַרואיקט זײ, אַז זײ זאָלן זײַן גרײט צו גאָר גרױסע מעשׂים אין די נאָך־ענטסטע טעג.

שבתי צבֿי האָט גערעדט װעגן דעם גרויסן ציל און גערופֿן אַלע צו תּשובֿה אין אָנגעזיכט פֿון די װוּנדערלעכע טעג, װאָס װעלן באַלד אָנקומען. ער האָט זײ אויך דערציילט, אַז אין מצרים האָט ער געהערט די פֿרײלעכע בשורה, אַז די שחיטות אין מדינת פּוילן האָבן זיך שוין אָפּגעשטעלט, אַז אַ שלום איז געשלאָסן געװאָרן צװישן כמיעלניצקי הרשע מיטן פּוילישן קעניג.

דער עולם האָט אים יעדעס מאָל איבערגעריסן אינמיטן די רײד און געיובלט מיט געװאַלטיקער שׂמחה. זײ האָבן אויך געמאַכט אויסרופֿן לכּבֿוד נתן העזתי, און עס האָבן זיך דערהערט געשרײען פֿון צװישן די פֿאַרזאַמלטע אין שול:

— װוּ איז נתן בנימין, אונדזער נבֿיא?... מיר װילן אים אָנטאָן כּבֿוד, מיר װילן אויף די הענט אים טראָגן, אַ דאַנק אים האָבן מיר צװישן זיך דעם משיח בן דוד, שבתי צבֿי... װוּ איז נתן העזתי?...

אָבער דער „נבֿיא" איז איצט געװען פֿאַרנומען אין צימער בײַ שבתי צבֿי מיט אַראָפּנעמען זיך אַ טײל פֿון דעם גאָלד פֿאַר זײַן שׂכר־טירחא... ער האָט זיך עס, לויטן זײַן מײנונג, כּשר פֿאַרדינט...

װען ער איז בײַם סוף פֿון שבתי צבֿיס דרשה אַרײַנגעקומען אין שול און זיך געהײמניספֿול דורכגעגליטשט צװישן עולם, איז ער גלײַך צוגעקומען

צו שבתי צבי און האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף שוין די דרשה פאַרענדיקן, ווייל אַ גרויסע סעודה איז צוגעגרייט פון זיין כבוד וועגן. די שענסטע באַ־לעבאַטים פון עזה וואַרטן אויף אים מיט פויקן און טאַנצן פאַר דער טיר פון זיין אכסניה.

דער עולם איז זיך לאַנגזאַם פונאַנדערגעגאַנגען פון שול. די שמאָלע געסלעך זענען געווען געפאַקט מיט מענטשן און די לבנה האָט זיי באַגאָסן מיט אַ גרינלעך־בלאַסן שיין. דער עולם האָט געזונגען פאַרשידענע לידער. די גויים האָבן זיך פאַרשטעקט אין זייערע שטובן און צווישן זיך געשעפּ־טשעט: „אַללאַ, העלף אונדז און שטיי אונדז ביי אין אַ גרויסער עת־צרה"...

די גאַנצע נאַכט איז אַוועק מיט עסן און טרינקען. עמעצער האָט אָנגע־צונדן שטורקאַצן דורכגעווייקט אין בוימאייל, און אַ ליכטיקייט האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן און פאַרטונקלט די לבנה, וועלכע האָט קוים געקאָנט זיך דורכשלאָגן דורך דער רויטער שיין פון די פייערן.

מענטשן האָבן זיך פון גרויס פרייד אַ ביסל פאַרגעסן, מענער האָבן זיך אויסגעמישט מיט פרעמדע ווייבער, זיי האָבן שוין נישט געקאָנט אונטער־שיידן וואָס זיי טוען און זיי האָבן זיך דערוויטערט אין די געדיכטע גערטנער.

— פרייהייט און פאַרגעניגן האָט פאַר אונדז דער נביא העזתי גע־ברענגט! זאָל ער לאַנג לעבן, און לאַנג לעבן זאָל אונדזער משיח שבתי צבי!...

נתן העזתי איז שוין אויך געווען שיכורלעך און ער האָט גערעדט צו שבתי צבי רייד, וואָס דער מאַן פון סמירנע האָט נישט אַזוי קלאָר פאַר־שטאַנען. ער האָט גערעדט וועגן דער שפע פון גאָלד, וואָס וועט זיך אַ גיס טאָן אויף זיי יידן. די צייט פון אָרעמקייט און הונגער איז שוין פאַרביי...

— פרייהייט און רייכקייט וועט פון איצט אָן הערשן פאַר די דינער פון גאָט... — האָט ער אין זיין שיכרות געפלאַפּלט, און שבתי צבי, אַ בגלופנ־דיקער פון צופיל טרינקען, האָט געשמייכלט.

נאָכן אָפּפרייען זיך אַ וואָך צייט אין עזה, פאַרברענגענדיק אין טענץ און אין זינגען און אין האַלטן דרשות, אויפמינטערנדיק די ביז איצט פאַר־שמאַכטע יידן, האָט שבתי צבי, אין דער באַגלייטונג פון זיין נביא העזתי, זיך אַוועקגעלאָזט קיין ירושלים, וווּ מ'האָט זיי שוין אָפּגעוואַרט מיטן גרעסטן אומגעדולד.

די גאַנצע שטאָט איז געווען אויסגעפוצט מיט די טייערסטע טעפּיכער, וואָס זענען אַרויסגעהאָנגען געוואָרן פון די פענצטער אין יעדן הויז. עס האָבן געפלאַטערט פענער פון די פאַרשידנפאַרביקסטע קאָלירן, אויף וועלכע עס זענען אויפגעשריבן געוואָרן די נעמען פון אַלע שבטים. די רבנים האָבן זיך אָנגעטאָן אין זייערע שענסטע מלבושים, און אַזוי אויך די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון דער הייליקער שטאָט.

מען איז אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן שבתי צבי מיט ספרי־תורהס אין די הענט.

— די מצווה פון פדיון שבויים איז איינע פון די גרעסטע מצוות, — האָבן די רבנים געדרשנט, — און שבתי צבי גייט אונדז אויסלייזן פון דער גרעסטער געפענגעניש... ער גייט אַרויסנעמען פון גלות...

ווען שבתי צבי איז שוין געווען אַ שעה גאַנג פון ירושלים, זענען אים אַקעגנגעריטן אויף פערד, קעמלען און אייזלען כמעט אַלע יונגעלייט פון ירושלים, האַלטנדיק פענער אין די הענט און זינגענדיק לידער.

דער מושל פון ירושלים, דער רשעותדיקער פּאַשאַ, האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק, וואָס די יידן דערלויבן זיך דאָ מיט דעם פרעמדן מאַן פון סמירנע. ער האָט נעמלעך געוווסט, אַז ער פירט פאַר אים אַ סך געלד.

דער פּאַשאַ האָט שוין געהאַט וועגן אים אַן אָנפראַגע פון קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל. מ'האָט פון דאָרט אים באַפוילן ער זאָל צושטעלן אַ גענויען באַריכט, וואָס דער שבתי צבי פון דער שטאָט סמירנע טוט אין ירושלים און וואָס ער רעדט דאָרט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. וואָרעם עס איז דערגאַנגען אַ שמועה צו די אויערן פון סולטאַן, אַז אַט דער דאָזיקער יונגער ייד טראָגט זיך אַרום מיט מאָדנע געדאַנקען, וואָס קלינגען אַפילו לעכערלעך. ער פאַרשפּרייט צווישן די יידן אַ קלאַנג, אַז ער איז געשיקט פון גאָט, אַז ער איז דער משיח, דער אויסלייזער פון יידישן פאָלק און ער וועט אין קורצן אַוועקנעמען ארץ ישראל פון אונטער זיין הערשאַפט. אַזאַ זאַך דאַרף אונטערדריקט ווערן ביים סאַמע וואָרצל... אַזוי האָט געלויטעט דער באַפעל פון דער רעגירונג אין דער טערקישער הויפּטשטאָט.

דער פּאַשאַ האָט מיט אַ שמייכל דאָס דאָזיקע פּאַפּירל אַוועקגעוואָרפן. ער האָט מיט חוזק געטראַכט וועגן דעם דאָזיקן באַפעל. זיי מיינען מי־יודע וואָס פאַר אַ שטאַרקער מאַן דער דאָזיקער ייד פון סמירנע איז. ער האָט דאָך אים געזען. ער מאַכט אויף אים דעם איינדרוק פון אַ משוגענעם...

און דער נתן העזתי, אַט דער יונגערמאַנטשיק, וואָס שלעפּט זיך אים נאָך, איז אַ פּשוטער שווינדלער...

— מען דאַרף נאָר אַכטונג געבן, אַז אַט דער שווינדלער זאָל נישט אַראָפּנעמען אַ טייל פון גאָלד, וואָס איז באַשטימט פאַר מיר... — האָט דער מושל פון ירושלים געטראַכט ווי אַ ריכטיקער סוחר...

די באַגעגעניש צווישן די איינוווינער פון ירושלים מיט שבתי צבי און נתן העזתי איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע. מענטשן זענען שיעור פון זינען נישט אַראָפּ פון צו־גרויסער התלהבות. די געשרייען און געוואַלדן זענען געגאַנגען עד לב השמים. די בלויע לופט האָט אַזש געציטערט, און עס האָט זיך געדאַכט אַן ערד־ציטערניש איז געקומען אויף דער וועלט.

עס איז געווען אַ פּראַכטפולער טאָג. עס איז נאָך געווען פריער מאָרגן, די זון האָט געשיינט ווי אַן אויסגעוואַשענע און האָט אַזוי ריין געגליט פון הימל, אַז עס האָט זיך אויסגעדאַכט, זי איז היינט פיל ליכטיקער ווי שטענדיק. מענטשן האָבן דאָס אויסגעטייטשט, אַז דאָס האָט די זון זיך אַזוי צעשיינט לכבוד משיח בן דוד...

עטלעכע רבנים, מיט לאַנגע ווייסע בערד ביז די לענדן און מיט לויכ־טנדיקע פנימער, האָבן זיך דערנענטערט בדחילו ורחימא צו שבתי צבי, און מאַכנדיק איבער אים אַ ברכה פון „שהחינו“ האָבן זיי אים איבערגעגעבן אַ ספר־תורה, באַהאַנגען מיט די טייערסטע חפצים פון גאָלד און זילבער. די פּויקן האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן, די טרומייטערס צו בלאָזן, און יידן האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טאַנץ, מאַכנדיק יעדעס מאָל אויסגעשרייען לכבוד שבתי צבי.

שבתי צבי איז געווען גערירט פון גרויסן כבוד. די אויגן זענען אים געוואָרן פייכט און דאָס בלוט איז אים אַוועק פון פּנים. ער איז בלאָס געווען פון צו־גרויס איבערגענומענקייט.

שפּעטער איז צוגעגרייט געוואָרן ביי איינעם פון די בכבודיקסטע לייט אין ירושלים אַ גרויס מאָלצייט, אויף וועלכן עס איז אויך פאַרבעטן געוואָרן דער מושל פון ירושלים. דער פּאַשאַ האָט זיך אויסגעפּוצט אין זיינע שענסטע מיליטערישע מלבושים, מיט אַ זילבערנער שווערד, אויסגעזעצט מיט דימענטן.

ווי גרויס איז געווען דאָס גליק פון די יידישע איינוווינער פון ירושלים, ווען זיי האָבן געזען, אַז אַט דער דאָזיקער רשע און צורר היהודים דריקט

אַזוי פריינדלעך די האַנט פון שבתי צבי און לייגט צו די האַנט זיינע צום האַרץ און צום שטערן.

— אויב דאָס האָט געקאָנט געשען מיט דעם דאַזיקן רשע, איז אַ סימן אַז די צייט פון דער גאולה איז שוין אָנגעקומען... — האָבן יידן צווישן זיך געשמועסט, נישט פאַרשטייענדיק, אַז די דאָזיקע גויישע פריינדלעכקייט איז אָפּגעקויפט געוואָרן מיט אַ ים פון יידיש גאָלד, וואָס דער סאַראַף פּאַשאַ פון קאַזראַ האָט געשיקט...

די סעודה איז זיך אָנגעהויבן פאַרנאַכט מיט זון־פאַרגאַנג. די רויטע שטראַלן האָבן זיך אָפּגעלייגט אויף שבתי צבי, וועלכער איז געזעסן אויבנ־אָן קעגנאיבער דעם גרויסן פענצטער און האָט צוליב דעם אויסגעזען ווי אַ פייערדיק וועזן.

אַפילו אויף דעם פּאַשאַ האָט דאָס געמאַכט אַן איינדרוק. אַ פחד איז אַדורך איבער אַלע זיינע גלידער און ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר איז מען דאָרט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל גערעכט מיט דער מורא פאַר אָט דעם דאָזיקע יידישן יונגנמאַן, וועלכער איז אימשטאַנד צוצונעמען ארץ־ישראל פון טערקישן סולטאַן.

ער האָט זיך אונטערגעוואָרפן דעם גורל און אַרויסגעוויזן חניפה דעם דעם יידישן משיח. ער האָט אויסגעחשבונט ווי אַ סוחר: אפשר וועט דער ייד טאַקע זיגן?

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געגעסן און געטרונקען. דעם וויין האָט מען געטרונקען פון פאַרמאַכטע כלים, כדי דער גוי זאָל אויף דעם וויין נישט קוקן און אים טמא מאַכן... דער פּאַשאַ האָט אָבער פון דעם וויין נישט גע־וואָלט פאַרזוכן. ער האָט זיך געהייסן דערלאַנגען טרויבן־זאַפט, ווייל וויין איז אים פאַרבאָטן פון נביא מאַכמעד... אָבער ער האָט זיך געלאָזט פונ־דעסטוועגן אָנרעדן און גענומען אַ טראָפּן אויף דער צונג.

ווען ער האָט פאַרזוכט דעם ערשטן טראָפּן, האָט אים געצויגן צו אַ צווייטן, און באַלד האָט שוין די צונג זיינע געלאָזט זיך פריי באַוועגן און ער האָט אַרויסגערעדט וועגן דעם באַפעל פון דער טערקישער הויפּטשטאָט אויסצו־פאָרשן די מעשים פון שבתי צבי.

די דאָזיקע נייעס האָט געמאַכט אויף די בגילופנדיקע יידן אַ שטאַרקן איינדרוק, און זיי האָבן באַשלאָסן אויף מאָרגן צו רופן אַן אסיפה פון די נכבדי עיר און עפּעס צו טאָן וועגן דעם.

דערווייל איז די סעודה ווייטער אָנגעגאַנגען. דער פּאַשאַ איז שוין גע־לעגן שיכור אויפן דיל אין זיינע מיט גאָלד און זילבער־באַפּוצטע מלבושים... ער האָט שוין נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט ער איז. איינער פון די רייכע יידן פון שטאָט האָט באַפוילן, און מ׳האָט דעם גוי אַרויפגעלייגט אויף אַ וואָגן און אַהיימגעפירט צו זיך אין פּאַלאַץ.

ווען עס האָט אָנגעהויבן גרויען אויף טאָג, האָט דער פּאַשאַ זיך אויפ־געכאַפּט. ער האָט זיך אומגעקוקט און אין דער ערשטער רגע נישט געוווּסט ווו ער געפינט זיך. אָבער שפּעטער, ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער זיך זייער געשעמט פאַר די יידן, וועלכע האָבן אים געזען אין זיין דערנידעריקונג...

ער האָט זיך שפּעטער עטלעכע וואָכן נישט געוויזן אין גאַס, ער איז געווען אויך פאַרנומען מיטן ציילן דאָס גאָלד פון קעסטעלע, וואָס מ׳האָט אים צומאָרגנס צוגעשיקט דורך אַ ספּעציעלן שליח.

די יידן אין ירושלים זענען געווען צופרידן און האָבן לייכט אָפּגע־אָטעמט. אָבער אַמייינסטן זענען געווען צופרידן צוויי מענטשן, דער פּאַשאַ פון ירושלים און נתן העזתי, דער נביא פון שבתי צבי...

צומאָרגנס נאָך דער גרויסער סעודה איז זיך צונויפגעקומען די אַסיפה, און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַן החלטה, אַז שבתי צבי זאָל זיך תיכף אומקערן קיין קאַירא, ווו ער וועט, אונטער דער שוץ פון ר׳ יוסף רפאל חלבי, דעם סאַראַף פּאַשאַ פון מצרים, קאָנען איבערוואַרטן די שלעכטע צייט.

אויך שבתי צבי האָט געהאַט זיינע געהיימע חשבונות וועגן דעם. ער איז געווען צופרידן צוריקצופאָרן צו דעם רייכן ייד פון מצרים און דאָרט אָפּוואַרטן דעם טאָג, ווען שרה, דאָס וווּנדערלעכע מיידל פון אַמסטערדאַם, וועט אַהינקומען. וועגן די ווייטערדיקע שריט האָט ער נישט געוואָגט אַפילו צו טראַכטן. שבתי צבי איז געווען גליקלעך פון דעם באַשלוס.

צווייטער טייל

קאַפּיטל אַכט

משיחס כלה

אַ שמייכלענדיקע איז שרה געלעגן אויף איר געלעגער און האָט גע־האַלטן פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט זיך נישט געוואָלט עפענען, ווייל עס איז איר גוט געווען אַזוי ווייטער צו שפּינען דעם שיינעם חלום, וואָס זי האָט די נאַכט געזען. דאָס בילד קאָן נישט פאַרשווינדן ווערן פון אירע אויגן. וואָס אַמאָל ווערט דאָס בילד שטאַרקער און צודרינגלעכער. אירע בלוטן ווערן אָנגעצונדן, איר ברוסט הייבט זיך אַרויף און אַראָפּ און זי האָט דאָס געפיל, אַז באַלד וועט פון דער ברוסט דאָס האַרץ איר אַרויסשפּרינגען און זי וועט אויפהערן צו אָטעמען.

די גאַנצע שטאָט אַמסטערדאַם רעדט וועגן אים אַזוי פיל. עס זענען געקומען יידישע סוחרים פון טערקיי און זיי האָבן וועגן דעם יונגנמאַן מיטן נאָמען שבתי צבי דערציילט וואונדערלעכע זאַכן. ער האָט גרינגע פּאַספּאָר־אויגן, האָט זי געהערט וועגן אים זאָגן, זיי פאַרכישופן יעדע פרוי. און זי איז שוין פון אים, כאָטש זי האָט אים נאָך פאַר אירע אויגן נישט געזען, אַזוי פאַרכישופט, אַז זי קאָן גאַנצע נעכט קיין אויג נישט צוטאָן...

הייבטיקע נאַכט האָט זי אים געזען אַזוי לעבעדיק, אַז ביז זי האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט, איז זי געווען זיכער, אַז זי איז מיט אים נאָענט. ער האָט זי אַרומגענומען, צוגעטוליעט צו זיך, געצערטלט און געטרייסט מיט אַזעלכע ליבלעכע רייד. „דיינע יסורים האָבן דיך דערלייטערט פון אַלע זינד, און פון איצט מאָל אָן וועסטו לעבן בלויז אין גליק", האָט ער צו איר גערעדט, און דער גרינער גלאַנץ פון זיינע אויגן האָט זי ממש אָפּגעבריט.

זי האָט געפּילט דאָס פייער פון זיין נאָקעטן לייב, די שטאַרקייט פון זיינע אָרעמס, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אַרומגענומען. זי איז געווען די גליקלעכסטע אין דער וועלט.

אָבער מיטאָמאָל האָט אַ שטראַל פון דער גאָלדענער זון איר אַ לייכט געטאָן אין די אויגן און זי האָט זיך אויפגעכאַפּט.

זי האָט געפילט ווי מ׳וואָלט זי פון די העכסטע הייכן אַראָפּגעשליי־דערט. זי איז געווען אַזוי הויך אין די הימלען, און דאָ האָט מען זי מיט־אַמאָל אַראָפּגעוואָרפן אַזוי טיף אין שאול־תחתיה. די גאָלדענע שטראַלן פון דער זון, וואָס זי פלעגט שטענדיק אַזוי ליב האָבן, האָבן איר איצט אויס־געזען ווי בריענדיקע גראָזן, פון וואָס דאָס לייב ווערט רויט אָנגעצונדן. זי האָט אויף אירע שיינע פּורפּורנע ליפּן אַרויסגעבראַכט אַ קללה קעגן זיי...

זי האָט צוריק פאַרמאַכט די אויגן כדי ווידעראַמאָל אויפצולעבן דאָס בילד, וואָס זי האָט געזען אין חלום, אָבער דאָס איז איר נישט געלונגען. ווי דורך אַ געדיכטן וואָל האָט זי געזען זיין פּנים, זיינע גרינע פאָספאָר־אויגן, אָבער מער נישט ווי דורך אַ וואָל... און אויב עס איז איר געלונגען אויף אַ רגע אין איר מחשבה דאָס בילד זיינס אויפצולעבן, איז זי געווען גליקלעך...

— שרה!... — האָט זיך פּלוצלינג דערהערט די שטים פון דער אייי־דעלער פרוי אסתר, ביי וועמען זי האָט זיך אויפגעהאַלטן, זינט זי איז געקומען פון קליינעם פּוילישן שטעטל קיין אַמסטערדאַם.

זי איז שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פון איר געלעגער. זי האָט זיך אַ נאַקעטע דערזען אין שפּיגל. אין די שטראַלן פון דער זון, וואָס האָבן זיך אַריינגע־ריסן דורך די גרויסע פענצטער און פאַרפלייצט איר ווייס־געמאָלן צימער, האָט איר לייב אויסגעזען ווי דורכזיכטיקער אַלבאַסטער. די יונגע בריסטלעך האָבן ווי פרישע שמעקעדיקע עפל געצאַפּלט און געשטופּט זיך פאָרויס, און די אָנגעדראָלענע וואָרצלען האָבן אויסגעזען ווי רויטע מאַלינעס. זי האָט זיך אַליין איבערגענומען מיט איר שיינקייט, אַז אַ גלוסטיקייט האָט אָנגע־פילט אירע גלידער, און זי האָט אָנגעהויבן צו שפּרינגען ווי אַ יונגע ציג, פריידיק און זאָרגלאָז...

— שרה!... — האָט זיך ווידעראַמאָל דערהערט דאָס קול פון אסתרן, אין וועלכן עס האָט זיך געפילט מאַמישע באַזאָרגטקייט. — שרהלע... עס

איז שוין זייער שפעט. וואָס ביסטו אַזוי פאַרשלאָפן היינט?... איך האָב פאַר דיר אַ גרויסע בשורה, מיין קינד...

שרה איז שנעל אַריינגעשפרונגען אין דער אָנגעפילטער וואַנע מיט וואַסער, וואָס איז פון לויטערקייט אַזש געווען בלוילעך־גרין. אַן אָנגענעם געפיל האָט זי אַרומגענומען, ווען זי האָט דערפילט דאָס לעבלעכע וואַסער אַרומנעמען איר יעדן גליד. זי האָט זיך געפּליושקעט אין וואַסער ווי אַ קליין זאַרגלאָז קינד און פון וואַסער אַרויס האָט זי געענטפערט אסתרן, ווען זי האָט ליב געהאַט ווי איר אייגענע מאַמען:

— שוין, מאַמעלע, קום איך אַרויס... וואָס פאַר אַ בשורה, מאַמעלע?... שוין ווידער אַ רייכער חתן?...

און ווידער האָט זי פאַר אירע פאַרמאַכטע אויגן געזען שבתי צבי, ווען זי האָט, נישט קענענדיק אים, דאָך אַזוי גוט געקענט... זי האָט פון דער וואַנע אַרויס, האַלטנדיק כסדר פאַרמאַכט די אויגן, אויסגעצויגן צו אים די הענט און געמורמלט מיט די ליפּן:

— דו, חתן מיינער, משיח מיינער, אויסלייזער און באַפרייער... איך קוש דיך מיט מיינע ליפּן פון אַזוי ווייט און איך בין זיכער, אַז דו פילסט מיינע קושן...

זי האָט זיך אַזש פונאַנדערגעוויינט פון איבערפולטער ליידנשאַפט און בענקעניש נאָך דעם אומבאַקאַנטן מאַן פון סמירנע, וועמענס רום האָט זיך דערטראָגן ביז אַהער און מ׳האָט וועגן אים אַזוי פיל נסים דערציילט...

ווען זי איז אַרויסגעקומען פון דעם באָד־צימער אין דער לוקסוסדיקער היים פון דעם רייכן האָלענדישן סוחר, אברהם פּראַדאָ, אָנגעטאָן אין דעם לייכסטן באַטיסטענעם געבלימלטן קליידל, האָט זי אויסגעזען ווי אַן אומשולדיק מיידעלע, ביי וועמען די מאַמעס מילך ליגט נאָך אויף די ליפּן, אָבער גלייכצייטיק מיט אַזוי פיל רייץ, אַז בחורים זענען פאַר אָט דעם ווייבלעכן רייץ אירן שיער־נישט משוגע געוואָרן...

— אַ גרויסע בשורה פאַר דיר, שרהלע... — האָט אסתר מיט מאַמישער פרייד אין די אויגן צו איר אויסגערופן, אַרומנעמענדיק זי און געקושט זי אויפן שטערן — אַ שליח איז צו איר געקומען אַזש פון קאַירא, אין מצרים...

— אַ שליח, פון וועמען?... — האָט שרה אויסגערופן מיט איר אָנגענעמער קלינגענדיקער שטים, און זי האָט שוין באַצייטנס אָנגעהויבן שפּרינגען פון גרויס פרייד.

— באַרישע ציג!... — האָט אסתר אויסגערופן מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויף אירע ליפּן. — וואָס שפּרינגסטו שוין, איידער דו ווייסט ווער דער שליח איז געקומען

— איך פּיל, אַז אַ גרויסע בשורה גייסטו מיר אָנזאָגן, מאַמעלע — האָט שרהלע מיט גרויס פריידּ ווייטער געטאַנצט איבער דער שטוב.

— יאָ, באמת אַ גרויסע בשורה.. עס איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע אונדזער פריינד, ר׳ שמואל דון פּעדראָ. ער איז געווען אין קאַיראָ דער גאַסט פון דאָרטיקן רייכסטן ייד און דעם געלט־מינצער פון דער מצרישער מלוכה, ר׳ יוסף רפאל חלבי.

איידער אסתר האָט פאַרענדיקט אירע רייד, האָט אַ וואָלקן באַדעקט דאָס שיינע פּנימל פון שרהן. עס איז איר דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, אַז מען וויל זי פאַרשדכענען צו אָט דעם דאָזיקן רייכן ייד, וועלכער איז שוין אַמאָל דאָ געווען צו גאַסט ביי די פּעדראָס אין הויז... אמת, ער איז זייער אַ שיינער, אָבער ער איז דריי מאָל אַזוי אַלט ווי זי. אמת, ער איז זייער אַ רייכער, אָבער וואָס טויג איר גאָלד און זילבער, אַז זי איז נאָר אָנגעברייט צו זיין די כלה פון מלך המשיח, ווי מ׳האָט איר שוין עטלעכע מאָל אין חלום אָנגעזאָגט...

— וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק געוואָרן, שרהלע?... — האָט אסתר זיך דערשראָקן. — האָסט דאָך נאָך נישט אויסגעהערט מיינע רייד ביזן סוף.

— דערצייל, מאַמע — האָט שרה מיט אַ שטיל, טרויעריק קול געזאָגט, — דערצייל, מאַמע, איך וועל דיך אויסהערן ביזן סוף...

— נו, דערציילט ער, ר׳ שמואל דון פּעדראָ, אַז ער האָט אין הויז פון דעם רייכן ר׳ יוסף רפאל חלבי באַגעגנט נישט קיין אַנדערן, ווי שבתי צבי, דעם משיח פון סמירנע.

אַ געשריי פון איבערגעפּולטן גליק האָט זיך אַרויסגעריסן פון שרהס ברוסט, און זי איז אַריינגעפאַלן אין אסתרס אָרעמס. זי האָט זיך געטוליעט צו איר און געמורמלט אומפאַרשטענדלעכע רייד. זי איז געווען ממש וואַנזיניק פון צופיל פרייד, נישט ווּיסנדיק נאָך אפילו די ווייטערדיקע רייד פון דער גרויסער בשורה...

— שבתי צבי... האָט זי געמורמלט אָן איבעררײַשטע. — מיין חתן... מיין משיח...

און זי האָט זיך צעוויינט פון צו־גרויס גליק.

— ווערסט ערשט וויינען, ווען איך וועל דיר דערציילן ווייטער, וואָס ר׳ שמואל דון פעדראָ האָט איבערגעגעבן מיין מאַן, — האָט אסתר אַ צע־שטראַלטע געזאָגט. — שבתי צבי האָט מיט באַגייסטערונג וועגן דיר גע־רעדט. און ער איז גרייט דיך צו נעמען פאַר אַ ווייב...

דערהערנדיק די דאָזיקע ווערטער, האָט שרה אָנגעהויבן צו שפרינגען און שרייען ווי אַ באַזעסענע. די אויגן זענען ביי איר אַזוי גרויס געוואָרן, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט קריכן זיי אַרויס פון זייערע לעכער. זי האָט זיך געוואָרפן אויפן בעט און באַלד צוריק אַראָפּגעשפּרונגען. זי האָט נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טאָן.

אסתר האָט זיך דערשראָקן פאַר איר. זי איז געווען זיכער, אַז דאָס מיידל איז פון צופיל גליק אַראָפּ פון זינען. זי איז בלאַס געוואָרן, פאַרבראָכן די הענט און אָנגעהויבן רופן איר מאַן, ר׳ אברהם פראַדאָ.

עס האָבן זיך דערהערט פעסטע טריט, און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן איר מאַן, וועלכער איז געווען אין די פריע פערציקער יאָרן, מיט אַ פעך־שוואַרצער באָרד און שוואַרצע גליענדיקע אויגן, מיט דיקלעכע ליפּן, וואָס האָבן אויסגעדריקט ליידנשאַפט און שטאַרקן ווילן.

אסתר האָט אים געוויזן מיט אַ פינגער אויפן שטערן, דאָס הייסט: שרהלע איז עפּעס נישט מיט אַלעמען...

— וואָס איז געשען? — האָט ר׳ אברהם פראַדאָ געפרעגט מיט זיין מעטאַלענער שטים, און זיין הייסער בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם יונגן רייצנדיקן מיידל.

— איך האָב איר דערציילט וועגן שבתי צביס רייד, האָט זי אָנגעהויבן אַזוי שפּרינגען און שרייען, אַז איך שרעק זיך פאַר איר... — האָט אסתר מיט אַ שולדיקייט אין איר שטים איבערגעגעבן דעם מאַן.

אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך שרה אַ וואָרף געטאָן אויפן דיל און אָנגעהויבן ספּאַזמאַטיש צו וויינען, אַז זי האָט דעם אָטעם נישט גע־קאָנט אָפּכאַפּן.

ר׳ אברהם איז צו איר צוגעגאַנגען, אָנגענומען ביים אָרעם און צו איר מיט שטרענגקייט אין זיין קול אויסגערופן:

— עס איז נישט שיין, אַז אַ יונג מיידל זאָל אַרויסווייזן אַזוי פיל נישט צוריקגעהאַלטנקייט אין אירע געפילן. דו דאַרפסט זיך באַהערשן, שרה. גיי

אַריין אין דיין שלאָפצימער און רו זיך אויס, דערנאָך וועלן מיר מיט דיר רעדן...

שרה האָט אויפגעהערט צו וויינען. זי האָט אויפגעהויבן אירע גרינ־לעך־בלויע אויגן, וואָס זענען נאָך פייכט געווען פון די טרערן. זי האָט אַ שיין־געטאָן מיט ליכטיקייט ווי אַן אויפגייענדיקע זון. ר׳ אברהמס האַרץ האָט אַזש אַ צאַפּל געטאָן. עס האָט אים פאַרדריקט אין דער ברוסט, אַז ער האָט נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט.

ער האָט זי אָנגענומען ביים אָרעם, אַריינגעפירט צו איר אין שלאָפ־צימער און איר געשעפּטשעט רייד, וואָס זי האָט זיי קוים פאַרשטאַנען, אָבער זי איז געוואָרן באַרואיקט און האָט זיך אויסגעצויגן אויפן געלעגער. אירע קאַשטאַן־האָר האָבן זיך אויפן ווייסן קישן אויסגעשפּרייט ווי אַ פּרעכ־טיקע קרוין, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעקוקט איר אַלבאַסטער־קלאָר פּנימל. די ליפּן זענען געווען אָנגעדראָלן ווי צייטיקע מאַלינעס און האָבן ווי עפּעס געמאָנט.

אסתרן האָט נישט־ווילנדיק אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ. זי האָט שטאַרק ליב געהאַט איר מאַן און געהאַט צוטרוי צו אים, אָבער דער גלאַנץ אין זיינע אויגן אין דער רגע איז איר נישט געפעלן געוואָרן. זי איז געווען צופרידן, וואָס שרה וועט מסתמא באַלד אָפּפאָרן קיין קאַירא צו איר באַ־שערטן... זי האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן דין וחשבון, פאַרוואָס זי דאַרף זיין אומרואיק, אָבער דאָס האַרץ האָט איר געקלאַפּט און זי האָט אַ ווײַלע נאָכגעקוקט, ווי איר מאַן, אַ קרעפטיקער און שיינער, פירט די יונגע שרה ביים אָרעם אין איר שלאָפצימער, און אַ שאָטן איז דורך איר פּנים אַדורך.

צוויי יאָר געפינט זיך שוין שרה ביי זיי אין הויז. זי איז אָנגעקומען צו זיי אַלס דרייצן־יעריק מיידל. זי איז שוין דעמאָלט געווען שיין ווי אַלע וועלטן. אסתר מיט איר מאַן האָבן זי אַריינגענומען אויף דער בקשה פון אַמסטערדאַמער רב און האָבן באַשלאָסן זי צו דערציען ווי אַן אייגענע טאָכטער, ווייל די פאַמיליע פּראַדאָ האָט קיין קינדער נישט געהאַט.

מיט שרהן איז געווען פאַרבונדן אַן אויסטערלישע געשיכטע, וואָס האָט אין יענער צייט געמאַכט אויפציטערן די הערצער פון די יעניקע, וועלכע האָבן זי געהערט דערציילן. די געשיכטע האָט אויך אויף די משפחה פּראַדאָ

דער עיקר אויף אסתרן, געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק און זי איז געווען די ערשטע וואָס האָט צוגעשטימט שרהן אַריינצונעמען צו זיך אין הויז און ווערן צו איר אַ מאַמע.

שרה האָט אויף אירע יונגע יאָרן שוין אַ סך געהאַט איבערגעלעבט. ווען די שחיטות אויף יידן זענען אויסגעבראָכן אין פוילן, איז זי אַלט געווען צוועלף יאָר. די עלטערן אירע, ר׳ וואָלף און זיין ווייב אסתר, האָבן געוווינט אין טולטשין. זיי זענען געווען רייכע מענטשן, האָבן געהאַלטן אַ שענק, ווו די פוילישע שליאַכטשיצעס פלעגן אָפט אַריינקומען טרינקען מעד און אַנשיכורן זיך.

כאָטש שרה איז מער נישט אַלט געווען ווי צוועלף יאָר, איז זי אָבער געווען אַזוי אַנטוויקלט, אַז די שיכורע גויים פלעגן שוין וואַרפן אויף איר פייערדיקע בליקן. די עלטערן האָבן זיי קיינמאָל נישט אַריינגעלאָזט אין דער שענק, כדי זי זאָל זיך נישט צו פיל וואַרפן אין די אויגן פון די שיכורע פּאַנעס.

מ׳האָט איר שוין דעמאָלט אָנגעהויבן רעדן שידוכים מיט די רייכסטע בחורים אין טולטשין און פון דער אומגעגנט. אָבער די יונגע שרה האָט נישט געוואָלט הערן פון די שידוכים. זי האָט זיך געשעמט, ווען מ׳האָט אָנגעהויבן רעדן צו איר וועגן אַזעלכע ענינים.

ווען די אָנפאַלן פון כמיעלניצקיס הײדאַמאַקעס זענען אויסגעבראָכן און די ערשטע קרבנות זענען געפאַלן, האָט די מוטער קודם כל אויסבאַהאַלטן די יונגיטשקע שרה, זי זאָל חלילה נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון אַ שיכורן הײדאַמאַק. שרה איז געלעגן באַהאַלטן עטלעכע וואָכן אין אַ שאַנק. זי האָט פון דאָרט אַרויסגעהערט די יאָמערלעכע געוואַלדן אויף דער גאַס. דאָס זענען געווען די געוואַלדן פון אירע יידישע ברידער און שוועסטער, וועלכע זענען געשאָכטן געוואָרן אָן רחמנות און איינזעעניש.

איינמאָל האָט זי דערהערט אין זייער אייגענער שטוב אַ שרעקלעך געשריי. דאָס בלוט אין אירע אָדערן איז פאַרקילט געוואָרן. זי האָט דער־קענט דאָס שרייען פון איר מוטער און פון איר עלטערער שוועסטער. זיי האָבן זיך געשאַמפערט מיט די ווילדע קאָזאַקן, דערנאָך איז שטיל געוואָרן און זי האָט בלויז געהערט זייער גסיסה־כאָרכלען.

ווען די מערדער זענען אַוועק פון דער שטוב, איז שרה אַרויסגעקומען פון דער שאַנק, און דערזעענדיק איר מוטער און שוועסטער מיט צעשפּאָל־

טענע קעפ אין אַ קאַלוזשע בלוט, איז זי אַנידערגעפאַלן אין חלשות. ווען זי איז אויפגעקומען מיט אַ ווילדע שפעטער, האָט זי זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, און ווי אַ ווילדע איז זי מיט צעפלאַשעטע האָר אַרויס אין גאַס. זי איז געלאָפן זוכן איר פאָטער, וועלכער איז אין שטוב בעת דער שחיטה גראָד נישט געווען.

אויפן וועג האָט זי באַגעגנט דעם גלח פון שטאָט, וועלכער פלעגט אָפט אַריינקומען צו זיי אין שענק נעמען אַ טרונק בראַנפן. יענער האָט זי אָפּגעשטעלט און מיט שרעק אין די אויגן געכומען צו איר איינטענהן, אַז זי זאָל נישט איינשטעלן איר לעבן, נאָר מיט אים מיטגיין. ער וועט זי אויסבאַהאַלטן אין קלויסטער פון די רוצחישע קאָזאַקן.

אין אָנהויב האָט שרה נישט געוואָלט גיין, זי האָט געיאָמערט און געשריגן, אַז זי וויל אויפזוכן איר פאָטער; אַז אים וויל זי נישט ראַטעווען איר אייגן לעבן. דער גלח איז אָבער באַשטאַנען אויף זיינס און האָט זי ממש געצווונגען מיט האַרבע רייד, זי זאָל מיט אים מיטגיין.

— דיין פאָטער האָט זיך מן הסתם ערגעץ־ווו געראַטעוועט — האָט ער צו איר געטענהט — און ער איז זיכער אַנטלאָפן אין אַן אַנדער שטאָט... ווו וועסטו אים איצט זוכן? וואַרט איבער, ביז די אומרועס וועלן איינגעשטילט ווערן, דעמאָלט וועסטו קאָנען אים גיין זוכן. עס איז מיר אַ רחמנות אויף דיין יונג לעבן...

זי איז מיט אים מיטגעגאַנגען און ער האָט זי איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ מאַנאַשקע, זי זאָל אויף איר אַכטונג געבן און נישט אַרויסלאָזן פון קלויסטער. אַזוי זענען אַוועק וואָכן און חדשים. שרה איז צוגעוווינט געוואָרן צום שטילן קלויסטער־לעבן און ביסלעכוויז אָנגעהויבן פאַרגעסן אין אירע ליידן, דער טרויער נאָך אירע עלטערן איז פאַרפלויגן ערגעץ אין אַ וויסטן העק. זי האָט זיך צוגעוווינט יעדן טאָג צו זאָגן די קאַטוילישע תפילות און קניען פאַרן הייליקן בילד.

דער גלח פלעגט יעדן טאָג קומען צו דער מאַנאַשקע אָפּנעמען אַ באַריכט, ווי עס האַלט מיט דער יונגער יידישקעס נשמה, און זי האָט אים פאַרזיכערט, אַז שרה איז שוין אַ פרומע קאַטוילין... זי געדענקט מער נישט וועגן איריקע. פון צייט צו צייט רייסט זיך נאָך ביי איר אַרויס אַ זיפץ, אַ טרער שטעלט זיך איר אין די אויגן, אָבער מיט דער צייט וועט דאָס אויך פאַרשווונדן.

אַ חוץ אירע טרויעריקע גרינלעך־בלויע אויגן, האָט שרה אויסגעזען ווי אַ קריסטין. אירע רויטע האָר, וואָס האָבן ווי אַ קרוין אַרומגענומען איר שיינעם קאָפּ, האָבן אויסגעזען ווי אויפן בילד פון דער הייליקער מרים.

— מען דאַרף אויך די טרויעריקייט פון אירע אויגן אָפּווישן — האָט איינמאָל דער גלח זיך אָנגערופן צו דער עלטסטער מאַנאַשקע, אונטער וועמענס אויפזיכט שרה איז געווען — די יידן האָבן עפּעס אַזאַ טרויער אין זייערע אויגן, וואָס מען זעט עס נישט ביי קיין שום אומה ולשון...

און איינמאָל איז אַ שפּעטן אָוונט איז דער גלח אַריינגעקומען שטילער־הייט אין דער אָפּגעשלאָסענער צעל, ווו שרה איז שוין געשלאָפן און חלומט אירע שטענדיקע חלומות וועגן דער געשאָכטענער מאַמע און שוועסטער. ער איז געשטאַנען אַ ווייל און ביים שוואַכן פלעמל, וואָס האָט געלויכטן אונטערן הייליקן בילד, האָט ער באַוואונדערט איר זעלטענע שיינקייט.

זי איז געלעגן אַ ביסל אָפּגעדעקט. די יונגע ברוסטן האָבן זיך געהויבן אַראָפּ און אַרויף אין אַ רעגלמעסיקן אָטעמען. די רויטע קופּערנע האָר זענען געלעגן צעשפּרייט איבערן ווייסן קישעלע. די אויגן זענען געווען גע־שלאָסן און די הענט האָט זי געהאַלטן געקרייצט איבער איר ברוסט.

ער האָט זי לייכט באַרירט און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, ווי זי וואָלט עפּעס געזען אַ בייזן חלום.

ער האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײלע, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון איר זיין אָנגע־שטרענגטן בליק. שרה האָט זיך געוואָרפן אין שלאָף, גלייך אַ זלידנע פליג וואָלט זיך אויף איר פנים געהאַט אַנידערגעשטעלט. אַזוי לאַנג האָט זי זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער. איר פנים האָט אין דער שוואַכער שיין פון לעמפּעלע אונטערן בילד פון דער הייליקער מרים אויסגעדריקט ליידן און פּיין. ביז זי האָט זיך ענדלעך אויפגעכאַפּט.

— וואָס איז דיר, מיין קינד ?... — האָט דער גלח מיט אַ ליידנשאַפט־לעך־ציטערדיק קול געפרעגט.

— ווער איז עס ?... — האָט שרה אַ דערשראָקענע זיך געגעבן אַ זעץ־אויף פון איר געלעגער און אויסגעשטעלט אויף דעם גלח אירע גרויסע בלוילעך־גרינע אויגן, וואָס האָבן אים געמאַכט אויפציטערן.

— איך, דיין רעטער — האָט דער גלח שטיל געשעפּטשעט און אַרויפ־געלייגט זיין האַנט אויף איר מויל און געבעטן זי, מער מיט די אויגן ווי

מיט די ליפּן, אַז זי זאָל רעדן אַ ביסל שטילער, ווייל עס קאָן נאָך עמעצער דערהערן.

— וואָס וויל דער הייליקער פּאַטער?... — האָט שרה, זיצנדיק אויף איר געלעגער, געפרעגט מיט אַ ציטערדיקער שטימע און נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים קיין אויג, ווי זי וואָלט געהיטן זיין בליק, ער זאָל נישט זיין צו־דרינגלעך...

— איך האָב געוואָלט עפּעס מיט דיר רעדן... סוף־כל־סוף האָב איך דיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט... — האָט דער גלח, אַן אַנגעצונדענער פון ליידנשאַפט און מיט גלאַנציקע אויגן אָנגעהויבן צו שטאַמלען.

— זיכער האָסטו מיך געראַטעוועט, פּאַטערל — האָט שרה מיט כמעט אַ וויינענדיקע שטימע אים געענטפערט — אָבער איצט איז דאָך שפּעט ביינאַכט און איך בין אַזוי שלעפעריק, די אויגן קלעפּן זיך מיר...

דער גלח האָט איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און מיט דער האַנט אַ פיר געטאָן איבערן סאַמעט־גלאַטיקן פּנימל.. דער גלח איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן אין די פריע דרייסיקער יאָרן, מיט פּעך־שוואַרצע האָר איז ער געווען ענלעך צו אַ ייד. די אויגן האָבן ביי אים געפלאַקערט, די הענט, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעצויגן צו איר, זענען געווען פון אויבן געדיכט באַוואָקסן מיט האָר. ער איז געווען ריזיק געבויט, מיט אַ פליישיקער נאָז איבער זיינע רויטע געשניצטע ליפּן. ער האָט איצט שווער געאָטעמט, און קוים געקאָנט אַרויסברענגען אַ קלאַנג פון זיין מויל.

— שיינע שרהלע — האָט ער זיך געשטיקט מיט די רייד און אַני־דערגעזעצט זיך לעבן איר אויפן בעט — איך האָב נישט געקאָנט איינ־שלאָפן... איך בענק נאָך דיר די אַלע טעג און נעכט, וואָס איך האָב דיך דאָ אַהערגעברענגט... איך ווייס, אַז דו ביסט אַ זינדיקע יידישקע... אָבער איך וויל רייניקן דיין נשמה... איך וויל אויף מיר נעמען דיינע זינד, און דער הייליקער זון וועט דיר מוחל זיין די עבירות פון דיר און דיינע על־טערן פאַר זייער דערמאָרדן אים...

און רעדנדיק צו איר, האָט ער מיט דער האַנט געפירט איבער איר פּנים, איבערן האַלדז, אַראָפּגענידערט טיפער און געגלעט אירע יונגע בריסטן, וואָס האָבן אונטער דעם באַריר פון זיינע פינגער אויפגעצאַפּלט.

שרה האָט אָנגעהויבן שטיל וויינען און מער מיט די אויגן ווי מיט די ליפּן זיך ביי אים געבעטן:

— איך בין נאָך אַזוי יונג... הייליק פאָטערל... איך וועל דיר אייביק זיין דאַנקבאַר, וואָס האָסט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן. איך וועל בעטן צו גאָט פאַר דיר, ער זאָל געדענקען דיין גוטע טאַט און דיר באַצאָלן כפל־כפלים, דיר געבן לאַנגע טעג און...

זי האָט זיך אויפסנײַ צעוויינט, פאַרגראָבנדיק איר קאָפּ אין קישן און עס אויסגענעצט מיט אירע טרערן.

דער גלח האָט זיך איבער איר אָראָפּגעבויגן, אָפּגעווישט די טרערן פון די אויגן און גערעדט צו איר אַזעלכע זיסע רייד, איינגעמענדיק זי און גלעטנדיק איר רעם קאָפּ:

— שרהלע — האָט ער צו איר גערעדט, זי געפּרוווט איינגעמען און טרייסטן — דו ביסט אַ קליינטשיקע יתומה, עס איז נישטאָ קיינער, וועד עס זאָל זיך מיט דיר פאַרנעמען. אַ יידיש קינד איז נישט זיכער מיטן לעבן אין גאָס. זיי מיט מיר, וועסט דו בלייבן לעבן. אויב דו וועסט זיין גוט צו מיר, וועל איך זיין דיין שטענדיקע שוץ. דאַרפסט זיין גליקלעך, וואָס איך האָב זיך מיט דיר פאַראינטערעסירט... נישט איין מיידל וואָלט געווען גליקלעך, ווען איך דערנענטער זיך צו איר...

שרה האָט מער נישט געוויינט. די טרערן אין די אויגן זענען איר געווען אויסגעטריקנט און זי איז געוואָרן גלייכגילטיק צו אַלעם, וואָס עס זאָל נישט געשען מיט איר.

דאָס פלעמל אונטערן הייליקן בילד האָט געצאַנקט, ווי עס וואָלט געוואָלט אָנווייזן, וואָס אירס אַ גלויביקער טוט. אָבער די הייליקע מרים האָט געשוויגן...

דער גלח איז פון דענסטמאָל אָן געוואָרן אַן אָפטער גאַסט ביי דעם אָרעמען יידישן מיידל. אויב ער איז עטלעכע נעכט צו איר נישט געקומען, האָט זי שוין געבענקט נאָך די דאָזיקע ליידנשאַפטלעכע מינוטן. די ערשטע צייט האָט ער צו איר גערעדט זיסע רייד, דערמאָנט עטלעכע מאָל גאָטס זון, דעם משיח, וועלכן יידן ווילן נישט אָנערקענען, נאָר זיי וואַרטן אויף אַן אַנדערן משיח, וואָס וועט קיינמאָל נישט קומען.

— ער וועט יאָ קומען, ער וועט יאָ קומען!... — האָט שרה עקשנות־דיק אים געענטפערט. — מיין טאַטע האָט מיר שטענדיק געזאָגט, אַז מיר דאַרפן וואַרטן יעדן טאָג אויף משיחן.

דער גלח איז אויף איר איינמאָל בייז געוואָרן און איר געגעבן אַ פּאַטש פאַרן עקשנותדיקן אָקעגנרעדן אים...

— דו ביסט אַ זונה! — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן איין אויפדערנאַכט, ווען ער איז געקומען אָפּמאָנען זיין „חוב" פאַר באַשיצן זי.

— אויך זי איז געווען אַ זונה! — האָט שרה איז ספּאַזמאַטישער אויפ־רעגונג אַ ווייז געטאָן מיטן פינגער אויף דער הייליקער מוטער, וועלכע האָט געקוקט פאַרחלומט אין דער שוואַכער שיין פון לעמפּל.

דער גלח איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ שטאַרקן כעס, אַז ער האָט זי אָנ־געהויבן אומדערבאַרעמדיק צו שלאָגן און שרייען דערביי, כאָטש מען האָט געקאָנט דערהערן:

— איר זענט אַ שמוציק פאָלק, איר יידן, מען ראַטעוועט אייך דאָס לעבן און איר זענט דערפאַר נישט דאַנקבאַר. איך וועל דיך הייסן אָפּשליסן און דיר נישט געבן עטלעכע טעג צו עסן און טרינקען. וועסט דאַרפן תשובה טאָן פאַר דיינע אומווירדיקע רייד קעגן דער הייליקער מוטער.

דאָס מיידל האָט זיך צעוויינט. זי האָט זיך דערפילט אַ באַליידיקטע און אַ באַשפּיגענע. זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַנטלויפן פון קלויסטער און פטור ווערן פון דער צודרינגלעכקייט פונעם גלח. „זונה" האָט ער זי גערופן... ער איז אַ הייליקער מאַן, מען איז זיך מתוודה פאַר אים. פאַר וועמען איז ער זיך מתוודה?...

עטלעכע טעג איז דער גלח נישט געקומען צו איר אין דער צעלע. ער האָט שוין געפילט, אַז זי נויטיקט זיך אין אים, אַז זי קאָן זיך שוין נישט באַגיין אָן אים... ער איז, האָט ער געטראַכט, דער באַלעבאָס פון איר קערפּער. אָט די עטלעכע טעג האָט שרה אויסגענוצט, כדי דורכצוטראַכטן גענוי איר פּלאַן פון אַנטלויפן.

דאָס פענצטערל פון איר צעל איז געווען צו הויך צו קאָנען אַרויפ־קלעטערן און אַרויסשפּרינגען אויפן שכנותדיקן יידישן בית־עולם... זי האָט געוווסט, אַז דאָרט הינטערן קלויסטער געפינט זיך דאָס יידישע „גוטע אָרט", ווו איר מאַמע און שוועסטער ליגן.

זי האָט געפּרוּווט צושטעלן איר געלעגער צום פענצטער און אויפן געלעגער אַרויפגעשטעלט די שטול, וואָס האָט זיך געפונען אין איר צעלע, אָבער עס איז נאָך אַלץ נישט גענוג געווען צו דערגרייכן צום קליינעם פענצטערל.

פון פאַרצווייפלונג האָט זי זיך אַנידערגעזעצט אויפן דיל פון דער צעלע און געגאָסן מיט ביטערע טרערן.

נישט איינמאָל האָט זי דורכן פענצטערל, מערסטנס אין די זומער־טעג, ווען עס איז געווען אָפן, געהערט דאָס קלאָגן און יאָמערן פון די מענטשן, וועלכע האָבן באַגלייט זייערע נאָענטע געשטאָרבענע צו דער אייביקער רו. דאָס דאָזיקע וויינען איז איר געווען נאָענט, אַזוי האָבן געוויינט איר מאַמע און שוועסטער, ווען אין שטוב איז געשען אַן אומגליק און איר יונג שוועסטערל איז געשטאָרבן. מיט דעם זעלבן טרויעריקן ניגון האָבן זיי געקלאָגט און געיאָמערט.

אין פרילינג, ווען די ביימער האָבן זיך צעבליט, פלעגן זיי אַריינשמעקן אין דער צעלע. עס האָט זי אָנגענומען אַזאַ בענקשאַפט צו דעם דרויסן, אַז קיין שום שטרויכלונג איז מער נישט גענוג שטאַרק געווען אָפּהאַלטן זי פון וועלן אַנטלויפן.

אָבער די זעלבע נאַכט, ווען זי האָט געהאַט באַשלאָסן אַרויסצובאַקומען זיך אויף דער פריי, איז דער גלח פלוצלינג אַריינגעקומען. ער האָט אַזוי זיס גערעדט צו איר, געגלעט זי, און געקושט, גלייך ווי עס וואָלט גאָר קיינמאָל קיין שלעכטס צווישן זיי נישט פאָרגעקומען.

שׂרה האָט אויסגענוצט זיין כלומרשטע גוטסקייט און זי האָט ביי אים געבעטן אַ קליינע טובה: עס איז הייס אין די זומער־חדשים, זי וויל האָבן ביינאַכט פרישע לופט און פון דעם יידישן בית־עולם שמעקט אַזוי אַריין. זי וויל, ער זאָל איר באַזאָרגן אַ לייטערל און יעדע נאַכט וועט זי אַרויפקלעטערן צום פענצטערל און אָנשעפּן זיך אַ ביסל מיטן פיינעם ריח...

אַ צעפלאָמטער פון ליידנשאַפט צו דעם יונגן מיידל, איז דער גלח באַלד אַרויס ערגעץ, און אין אַ ווײַלע אַרום צוריקגעקומען מיט דעם פאַר־לאַנגטן לייטערל.

צום לעצטן מאָל האָט דאָס יידישע מיידל אָפּגעצאָלט דעם „חוב" דעם „הייליקן" פאָטערל, און זי האָט געשוווירן, אַז ווען זי וועט אַרויס פון דער דאָזיקער „הייליקער" תּפיסה, וועט זי נעמען אויף זיך אַ תשובה פאַר דעם

שענדלעכן לעבן, וואָס זי האָט ביז איצט געצווונגענערהייט געמוזט פירן. זי מוז היינטיקע נאַכט אַוועק פון דאַנען, זי מוז...

ס'איז שוין געווען שפּעט. דער גלח איז געהאַט אַוועק מיט אַ ווײַלע צוריק, און ער האָט איר צוגעזאָגט צו קומען מאָרגן ווידעראַמאָל. ער זעט איין, אַז „זי איז געוואָרן אַ גוט מיידל". שרה האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט איינשטימיק געווען מיט זיינע רייד.

שרה האָט נישט געוואַרט צו לאַנג. זי האָט צוגערוקט דאָס בעטל צום פענצטער, אַרויפגעשטעלט דאָס לייטערל און זי האָט זיך געפונען אויפן פּאַראַפּעט פון פענצטער. אַ כוואַליע פון פרישע און דער עיקר — פרייע לופט האָט אַ ווייע געטאָן איר אין פּנים אַריין. זי האָט מיט דער פולער ברוסט איינגעאָטעמט אין זיך די שמעקעדיקע לופט און זי האָט צובאַקומען מוט אויסצופירן איר פּלאַן.

עס איז געווען געננוג הויך כדי אַראָפּצושפּרינגען פון פענצטער. אָבער זי האָט אויף גאָרנישט געקוקט. זי האָט געוואָלט בעסער שטאַרבן, איידער ווייטער דאָ צו פאַרבלייבן אין דעם אָרט פון זנות און געמיינקייט. פּלוצלינג זענען צו איר אויער דערגאַנגען שטילע געשפּרעכן פון בית־הקברות. עמעצער האָט זיך דאָרט געפּאָרעט צווישן די באַוואָקסענע קברים. זי האָט גאָרנישט געטראַכט מער, נאָר אַ שפּרונג געטאָן.. דער אָפּקלאַנג פון קלאַפּ איז נישט געווען קיין שטאַרקער, ווייל זי איז געפאַלן אויף אַ געדיכטן קוסט באַוואַקסן מיט גראָז. זי האָט זיך אָן אַ צווייגל אַ שניט געטאָן אין פּוס, אָבער זי האָט גאָרנישט געפילט אַפילו, אַזוי אויפגערעגט איז זי געווען.

זי האָט אָנגעהויבן בלאָנדזשען צווישן די קברים, עטלעכע מאָל איז זי שיער נישט אומגעפאַלן, שטרויכלענדיק זיך אין אַ וואָרצל פון אַ ביימל. זי איז געגאַנגען אין דער ריכטונג אַוועק פון קלויסטער. זי האָט גע־דענקט, אַז דאָ נישט ווייט דאַרף זיך געפינען די שול, וווּ איר טאַטע האָט געדאַוונט. זי האָט באַשלאָסן אַזוי ווייט צו גיין, ביז זי וועט אָנטרעפן עמעצן פון די יידן, וואָס פאַרזיצן זיך טיילמאָל שפּעטלעך אין שול.

און ווירקלעך זענען נאָך עטלעכע יידן דאָרט געווען. עס איז געווען די נאַכט פון תשעה־באָב און עטלעכע פרומע יידן האָבן נאָך געזאָגט קינות און געוויינט אויפן חורבן פון בית־המקדש און אויפן חורבן פון זייער שטעטל, פון וועמענס יידישער באַפעלקערונג עס זענען פאַרבליבן איינער פון הונדערט. אַ טרויעריק קול, וואָס האָט געבויערט אין האַרץ און צע־

בראָכן די נשמה, האָט זיך געצויגן פון שול. שרה האָט דערקענט דעם יידישן טרויער אין דעם דאָזיקן קול און זי איז מיט מער האָפערדיקייט אַלץ ווייטער און ווייטער געגאַנגען.

ענדלעך איז זי צוגעקומען צו דער שול. די יונגע לבנה האָט העל באַ־לויכטן דעם פלאַץ. קיינער איז נישט געווען אַרום. דאָס טרויעריקע קול איז געקומען פון אינעווייניק דורך דער ברייט־געעפנטער טיר. אַ שוואַך ליכט האָט אַרויסגעשיינט פון דאָרט. זי האָט זיך דערנענטערט צו דער שוועל און אַריינגעקוקט. זי האָט נישט געפילט קיין שום מורא. פאַרקערט, זי האָט געוווסט, אַז דאָ איז זי געראַטעוועט. זי וועט די יידן זאָגן וועמענס טאָכטער זי איז און מען וועט זי געוויס באַהאַלטן פאַר די אויגן פון דעם שרעקלעכן גלח...

זי איז געשטאַנען אַ לענגערע ווײַלע און זיך איינגעהאָרכט אין דעם טרויעריקן ניגון, וואָס האָט אַזוי מאָנאָטאָן אָפּגעקלונגען אין דעם ברייטן חלל פון דער שול און איז אויפגעגאַנגען ביז דעם הויכן אויסגעוועלבטן סופיט. זי האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט וואָס די יידן זאָגן, אָבער זי האָט געפילט די ווערטער, וועלכע האָבן אויך אויסגעדריקט איר טרויער.

שרה האָט אָנגעהויבן צו וויינען.

איינער פון די יידן, דערהערנדיק אַ געוויין אין אַזאַ שפּעטער נאַכט, האָט פאַרוואונדערט און דערשראָקן אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויפמערקזאַם געמאַכט זיין צווייטן חבר דערויף. זיי האָבן זיך איינגעהאָרכט אין דעם ריזיקן חלל. מיטאַמאָל האָט דער ייד, וועלכער האָט דער ערשטער דער־הערט דאָס געוויין, אויפגעצאַפּלט. ער האָט דערזען עפּעס אַ ווייסע גע־שטאַלט ביי דער טיר פון דער שול. אַ ציטערניש איז דורכגעלאָפן איבער אַלע זיינע גלידער. ער האָט אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צו דער געשטאַלט, מיינענדיק פון אָנהייב, אַז דאָס איז חלילה אַ טויטער...

ערשט ווען ער איז שוין געשטאַנען גאָר נאָענט פון שרהן, האָט ער באַמערקט, אַז דאָס איז אַ לעבעדיק מיידל, זי באַוועגט זיך, זי ציט אויס צו אים אירע הענט, און דאָס געוויין, וואָס ער האָט געהערט, קומט טאַקע פון איר.

— ווער ביסטו, מיידל? — האָט דער ייד אַ פרעג געטאָן און ער איז שוין געשטאַנען לעבן איר אַזוי נאָענט, אַז ער האָט געפילט איר אָטעם אויף זיך.

— איך בין די טאָכטער פון ר' וואָלף און אסתר... — האָט שרה דרייסט אָנגעהויבן רעדן — מיין מאַמע און שוועסטער האָבן די קאָזאַקישע מערדער געשאָכטן, וואָס מיט טאַטן איז געשען, ווייס איך נישט. צי האָט ער זיך געראַטעוועט, אָדער ער איז ערגעץ אומגעקומען מיט די אַנדערע יידן...

— אָבער דאָס איז דאָך שוין איבער צוויי יאָר, מיין קינד... — האָט דער ייד צו איר גערעדט. — ווו ביסטו געווען אַזוי לאַנג, פון וואַנען דער־נעמסטו זיך דאָ אַהער?...

און שרה האָט אים דערציילט איר געשיכטע, ווי זי איז אַריינגעפאַלן אין דעם קלויסטער און מ'האָט איר געשמדט און דערצויגן ווי אַ קריסטין. ענדלעך איז איר נמאס געוואָרן דאָס קלויסטער־לעבן, זי האָט געזען איינמאָל די מוטער אין חלום און זי האָט איר געהייסן אַנטלויפן... נו, האָט זי גע־פאָלגט דער מוטערס רייד. איצט האָט זי מורא, אַז מען וועט פון קלויסטער זי קומען צוריק אָפּנעמען. זי בעט דעריבער, אַז מען זאָל זי באַהאַלטן.

דער ייד האָט זיך צונויפגערעדט מיט זיין צווייטן חבר, וועלכער איז געווען דער שמש פון שול און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, מען זאָל דאָס מיידל דערווייל געבן אַ דאַך איבערן קאָפּ איבער נאַכט און מאָרגן וועט מען, צו־זאַמען מיטן רב פון שטעטל, שוין באַשליסן וואָס צו טאָן.

צומאָרגנס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אסיפה. צווישן די גויים אין שטעטל איז געוואָרן אַ געקאָך. דער גלח האָט גערופן צו זיך דעם רב, און געדראָט, אַז עס וועט זיך טאָן חושך, אויב דאָס מיידל, וועלכע איז שוין אַ קריסטין, וועט נישט צוגעשטעלט ווערן ביז פאַרנאַכט אין קלויסטער אַריין. די יידן ווייסן זיכער, ווו זי איז אַהינגעקומען, ווייל אַן זייער וויסן, וואָלט אַזאַ יונג מיידל נישט געוואָגט אַליין אונטערצונעמען אַזאַ זאַך, ווי צו אַנטלויפן פון קלויסטער.

דער רב האָט אים מיט כל השבועות פאַרזיכערט, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט צו זאָגן. קיינער אין שטאָט האָט אַפילו נישט חושד געווען, אַז אַ יידיש מיידל געפינט זיך אין קלויסטער. מען האָט גערעכנט, אַז די גאַנצע פאַמיליע איז אומגעקומען בעת די שחיטות פון כמיעלניצקי, ימח שמו... דער רב האָט אויף זיך גענומען די עבירה פון שווערן פאַלש. אַ מענטשלעך לעבן איז דאָ געשטאַנען אין סכנה...

דער גלח איז אַוועק מיט גאָרנישט, אָבער ער האָט געגעבן אַ באַפעל צו זיינע מענטשן, אַז מען זאָל גוט היטן אַלע אַרויסגענג פון שטעטל, ווייל

אויב דאָס יידישע מיידל געפינט זיך דאָ, וועט מען זי געוויס אין שטעטל לאַנג נישט האַלטן, נאָר מען וועט זי ערגעץ אַרויספירן. די יידן זענען אחדות־דיק, זיי וועלן איינער פאַרן אַנדערן גיין אין פייער און אין וואַסער, האָט ער געפּרעדיקט אין קלויסטער פאַר די פאַרזאַמלטע גויים.

די אסיפה, וואָס דער רב האָט דעם זעלבן טאָג גערופן, האָט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. פאַרשידענע עצות און פּלענער זענען אַרויס־געזאָגט געוואָרן און ענדלעך איז מען געפאַלן אויף אַ פּלאַן דאָס מיידל אַוועקצושיקן קיין אויסלאַנד, און טאָן דאַרף דאָס געטאָן ווערן אין דער גרעסטער געהיימניש און קלוג, ווייל די גויים רוען זיכער נישט. דער גלח איז מלא חימה. און אויב דאָס וועט נישט אָפּגעטאָן ווערן מיט חכמה, קאָן אַ גרויסע רעה געשען דער יידישער עדה.

זייער שפּעט ביינאַכט איז זיך דער עולם פונאַנדערגעגאַנגען, אַ מורא איז געלעגן אויף אַלעמענס פּנימער. ערשט נישט לאַנג האָט מען איבערגע־לעבט אַזאַ גרויזאַמע שחיטה. ווער האָט כוח נאָכאַמאָל אַזעלכעס דורכצו־לעבן ?

אין שטאָט האָט קיינער אויף קלאָר נישט געוווּסט פון דער גאַנצער מעשה. עפּעס האָט מען גערעדט צווישן יידן, אָבער מען האָט נישט גע־ווּוסט אויף געווּי וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. דאָס וואָס יידן האָבן יאָ גע־ווּוסט, זענען זיי עס געוואָר געוואָרן פון גוי‏ישע שכנים ; עפּעס אַ יידישקע, וועלכע האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעשמדט, איז אַרויסגעגנבעט געוואָרן דורך די יידן און מען וויל זי צוריק מאַכן פאַר אַ יידישקע.

אָבער איינמאָל אין אַ פינצטערער נאַכט, סוף חודש אָב, האָט מען שרהן אַרויסגענומען פון איר באַהעלטעניש, מ'האָט זי איבערגעטאָן אין מאַנסבילשע קליידער, אויפגעזעצט אויף אַ וואָגן, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע פּאַסאַזשירן, און מ'האָט זי אָפּגעפירט צו דער דייטשער גרענעץ.

שרה איז בשלום אַדורך די געפאַר. די גוים פון שטעטל האָבן טאַקע, ווי דער גלח האָט באַפוילן, געהיט די אַרויסגאַנגען, אָבער קיינער האָט שרהן נישט דערקענט. ווייל וועמען פון זיי וואָלט איינגעפאַלן, אַז אָט דאָס יונגע בחורל מיט די לאַנגע פאות, איז עס די יידישקע שרה ?

און אַזוי אַרום איז דאָס מיידל אָנגעקומען מיט פּיל וואָכן שפּעטער קיין אַמסטערדאַם, אין האָלאַנד, ווו יידן האָבן זיך געלעבט פּיל פרייער

ווי אין אַנדערע לענדער. דער דאָרטיקער רב האָט געפּועלט ביי דער רייכער משפּחה פּראַדאָ אַריינצונעמען צו זיך דאָס פּויליש־יידיש מיידל.

שוין דאָס דריטע יאָר געפינט זיך שרה אין הויז פון אברהם פּראַדאָ. אירע אַמאָליקע ליידן זענען אויסגעמעקט געוואָרן פון איר זכרון. זי איז געווען אַ לעבעדיק און פריילעך מיידל, געטאַנצט און געשפּרונגען ווי אַ יונגע ציג. זי האָט זיך שיין אַנטוויקלט. זי האָט אויסגעזען אין אירע שיינע קליידער ווי אַ פּרינצעסין, ווי אַ טאָכטער פון די רייכסטע עלטערן.

פון צייט צו צייט אָבער איז זי אַריינגעפאַלן ווי אין אַ היגערפלעט, זי איז אַרומגעגאַנגען פאַרחלומט, פאַרזונקען אין מחשבות. די אויגן פלעגן דעמאָלט פאַרצויגן ווערן ווי מיט אַ דינעם נעפּל און אַ טרויער פלעגט פאַרציען איר שיין פּנימל. שעהן פלעגט זי זיצן ביי זיך אין צימער און קיינעם צו זיך נישט צולאָזן. וויפל זי האָט נישט ליב געהאָט איר נייע מאַמע, אסתרן, און וויפל רעספּעקט זי האָט נישט געהאַט פאַר ר׳ אברהם פּראַדאָ, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט מיט זיי צו רעדן אין אַזעלכע, ווי זיי האָבן עס אָנגערופן, „משוגענע" מאָמענטן.

פאַר די אויגן זענען איר דעמאָלט געקומען פאַרשידענע בילדער, טרויעריקע און פאַרחושכטע, וואָס האָבן איר פאַרשאַפט אומגעהייערע יסורים. זי האָט אָפטמאָל געזען אין חלום איר מוטער, וועלכע האָט אויך געהייסן אסתר, און דעריבער האָט איר איצטיקע דערציערין זי צופיל אין דער מוטער דערמאָנט. די מוטער פלעגט זיך פאַר איר אָפּט באַווייזן און טיילמאָל טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט איר טאָכטער באַדויערט.

נאָך אַזאַ חלום איז שרה אויפגעשטאַנען מיט אַ קאָפּ־ווייטאָג. זי האָט נישט געגעסן און נישט געטרונקען און מיט קיינעם נישט גערעדט. אַן אַנדערש מאָל האָט זי איר מוטער גאָר געזען אַ געזונטע, אַ פריילעכע און אַ טרייסטנדיקע. זי האָט איר געגלעט איבערן קאָפּ און געזאָגט, אַז עס זענען שוין געקומען משיחס צייטן. באַלד וועלן יידן גיין קיין ארץ־ישראל און די טויטע וועלן אויפשטיין פון זייערע קברים און מיטגיין.

די דאָזיקע חלומות זענען שרהן געקומען אין קאָפּ אַריין צוליב די רייד, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט ביי טאָג פון אירע „עלטערן" און די געסט, וואָס פלעגן צו זיי אָפּט קומען. מען האָט לעצטנס זייער פיל גערעדט וועגן אַ משיח, וואָס האָט זיך באַוויזן אין טערקיי, אין דער האַפן־שטאָט סמירנע. ער באַווייזט גרויסע מופתים און מאַסן מענטשן פאַרערן אים.

מען האָט באַוויזן פאַרשידענע סימנים פון קליינע ספרימלעך אַרויס, אַז עס זענען שוין אָנגעקומען משיחס צייטן. זי האָט אויך געהערט דער־ציילן אַן אויסטערלישע מעשה וועגן אַט דעם דאָזיקן משיח, שבתי צבי איז זיין נאָמען. אַלע האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט איבער דער דאָזיקער גע־שיכטע און זי נישט געקאָנט פאַרשטיין אָדער אויסטייטשן. דאָס איז געווען די מעשה וועגן זיין חתונה מיט דעם שענסטן מיידל פון סמירנע, אַז ער האָט זיך צו זיין כלה נישט צוגערירט. ער האָט געטענהט, אַז ער דאַרף זיין אָפּגעשיידט פון פרויען און דאָס גאַנצע לעבן ווידמען פאַר זיין פאָלק...

דער עולם האָט אויסגעדריקט התפּעלות מיט דער דאָזיקער געשיכטע. מ'האָט אים באַוואונדערט, ווי שטאַרק ער איז, וואָס פאַר אַ „כובש את יצרו" ער דאַרף זיין, אַזוי צו האַנדלען.

שרה האָט אין די נעכט קלאָר זיך פאָרגעשטעלט די דאָזיקע סצענע. די יונגע כלה איז געלעגן אין איר בעט און געוואַרט אויף איר באַשערטן אין דער גרעסטער ליידנשאַפט, אָבער דער יונגערמאַנטשיק איז גאָר געווען פאַרטיפט אין זיינע הימלישע זאַכן און אויף זיין יונגפרוי אַפילו זיך נישט אומגעקוקט.

זי האָט אַזש אויפגעציטערט פון דעם דאָזיקן געפיל, גלייך זי אַליין וואָלט דאָס איבערגעלעבט. דערביי האָט זי זיך דערמאָנט אין אירע זינדיקע נעכט מיטן גלח פון זייער שטעטל, ווען ער פלעגט נאַכט־ביי־נאַכט קומען צו איר אין דער קלויסטער־צעלע. אין אָנהייב איז עס פאַר איר געווען שרעקלעך, אָבער שפּעטער האָט זי שוין געוואַרט אויף דעם מאָמענט אין דער גרעסטער ליידנשאַפט.

און ביסלעכווייז האָט זי זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, אַז זי דאַרף זיין די כלה פון משיח שבתי צבי, איר וואָלט ער זיך נישט געקאָנט אַנט־קעגנשטעלן, ווי ער האָט דאָס געטאָן דעם יונגן ווייב זיינעם אין סמירנע...

זי האָט געטראַכט וועגן דעם בייטאָג און געחלומט וועגן דעם ביינאַכט, זי האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען.

איינמאָל איז זי אויפגעשטאַנען פון איר געלעגער מיט אַ צעשטראַלט פּנים. די זון האָט איר אַנטקעגנגעלאַכט אין די אויגן אַריין, דאָס פּנים איר איז געווען אָפּגעגאָסן פון פּורפּור־שיין, זי האָט געגליט אינגאַנצן און אויס־געזען ווי אַ צעבליטע רויז, אויסגעקושט פון דעם טוי אין דעם בלויען פרימאָרגן.

זי האָט זיך שנעל אָנגעטאָן, איז אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן אויפן ערשטן שטאָק, ווו איר שלאָפצימער האָט זיך געפונען, און מיט אַ געשריי פון אַ וואַנזיניקער איז זי צוגעלאָפן צו אסתרן און זי אָנגעהויבן קושן, האַלדזן און שרייען מיט באַנומענע קולות:

— איך בין משיחס ווייב! איך בין משיחס ווייב!

— שרהלע, וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט? — האָט אסתר אויסגערופן אַ דערשראָקענע און זי איז בלאַס געוואָרן, מיינענדיק, אַז דאָס מיידל איז אַראָפּ פון זינען.

— שבתי צבי איז ביי מיר היינט ביינאַכט געווען, ער האָט מיך באַ־מאַנט... ער איז מיין מאַן פון איצט מאָל אָן... איך פאַר תיכף צו אים אַוועק קיין קאַירע... אַזוי האָט מען מיר באַפוילן פון הימל... איך פאַרלאָז אייך...

און מיטאַמאָל האָט זי אָנגעהויבן שפּרינגען און טאַנצן און זינגען. די אויגן האָבן ביי איר געגלאַנצט ווי ביי אַ וואַנזיניקער, און יעדעס מאָל האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אסתרן אין אירע אָרעמס און צו זיך צוגעדריקט, אַז זי האָט זי שיער נישט דערשטיקט.

— זאָג מיר שוין, וואָס איז מיט דיר, שרהלע? — האָט אסתר אין דער־שטוינונג זי געפרעגט — ווען איז שבתי צבי ביי דיר געווען, ווי האָט ער געקאָנט ביי דיר זיין, אַז ער איז אין קאַירע, אַזוי ווייט פון דאַנען. אַ סך וואָכן מיט אַ שיף דאַרף מען דאָך אַהין פאָרן!...

— ער איז געווען ביי מיר... איך האָב אים געזען, איך האָב געפילט זיינע שטאַרקע אָרעמס, איך פיל נאָך זיינע הייסן קושן אויף מיינע ליפּן, זיין זיס שעפּטשען קלינגט מיר נאָך אין די אויערן...

— אפשר זאָל איך רופן אַ דאָקטאָר?... — האָט אסתר זי געפרעגט און געלייגט איר האַנט צו שרהס שטערן.

זי האָט טאַקע געגליט אינגאַנצן. זי איז געווען איין שטיק פייער. אסתר האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און צוריק אַרויפגעפירט צו איר שלאָפצימער, אַריינגעלייגט אין בעט און זי איבערגעדעקט מיט אַ וואָלענער קאָלדרע.

שרה האָט נאָך אַלץ געשעפּטשעט מיט די ליפּן אין גרויס פיבער: „ער איז געווען ביי מיר, ער האָט מיך באַשלאָפן... ער איז מיין מאַן... לאָזט מיך צו אים, ער איז מיינער אויף אייביק... אַזוי וויל גאָט..."

אסתר איז געווען אויסער זיך פון פאַרדראָס, פאַרוואָס די קליינע, ווי זי האָט זי נאָך אַלץ גערופן, איז אַזוי קראַנק געוואָרן. זי האָט זיך פאַר־שטאָפּט די אויערן, נישט וועלנדיק הערן די פאַרשייטע רייד, וואָס דאָס מיידל רעדט אין איר היץ. זי האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף איר מאַן, ר׳ אבדהם פראַדאָ, ער זאָל שוין אַהיימקומען.

ענדלעך, אַרום פאַרנאַכט־צו איז ר׳ אברהם פראַדאָ אַהיימגעקומען. ער איז געווען אין זייער אַ גוטער שטימונג. ביים אַריינקומען אין שטוב האָט ער אונטערגעזונגען אַ לידל, וואָס דאָס איז גאָר נישט געווען זיין טבע.

אָבער ווען ער האָט דערזען דאָס טרויעריקע פּנים פון זיין ווייב אסתר, איז ער בלאַס געוואָרן און די ליפּן האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן, גלייך אַן אומבאַוווסטער פּחד וואָלט אים פּלוצלינג באַפאַלן.

— וואָס איז געשען, אסתר?... — האָט ער שנעל אַ פרעג געטאָן — איז חלילה עפּעס פאָרגעקומען?...

— יאָ, שרה איז קראַנק... זי האָט גערעדט פון היץ אַזעלכע רייד, פון וועלכע איך אַליין בין רויט געוואָרן פאַר בושה...

ר׳ אברהם איז נאָך מער בלאַס געוואָרן און ער האָט נישט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסרעדן. ער האָט געקוקט אין די אויגן פון זיין ווייב, ער האָט געוואָלט פון זיי אַרויסלייענען, צי זי ווייסט עפּעס פון דעם סוד... פון דעם גרויסן סוד, וואָס די לעצטע נאַכט איז פאָרגעקומען צווישן אים און שרהן... אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט אַרויסקריגן פון איר בליק. זי האָט די אויגן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט, גלייך זי וואָלט זיך געשעמט מיט עפּעס...

ער האָט מער גאָרנישט געפרעגט, נאָר געוואַרט ווי אַ שולדיקער אויף דעם שרעקלעכן פּסק־דין, וואָס וועט יעדע רגע אַרויסקומען פון איר מויל. ער האָט פאַרגעסן אַפילו דעם אויבערמאַנטל אויסצוטאָן. דאָס מויל ביי אים איז געווען אָפן. ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— נו, וואָס שטייסטו, אברהם, — האָט אסתר מיט טרויער אין איר קול אַ פרעג געטאָן, — גיי אַרויף צו איר און גיב אַ קוק, וואָס זי מאַכט. מען דאַרף רופן אַ רופא... זי האָט גרויס היץ... אוי, אברהם, זי האָט גערעדט אַזעלכע רייד, אַז איך האָב מיר די אויערן פאַר בושה פאַרשטאָפּט.

— וואָס אַזוינס?... — האָט ער אַרויסגעקייכט און געשטיקט זיך מיט דער פראַגע.

— זי האָט געזאָגט, אַז שבתי צבי איז ביי איר געווען די נאַכט, ער האָט זי באַשלאָפן און זי איז געוואָרן זיין ווייב. זי האָט געהערט אַ שטים פון הימל, אַז זי דאַרף פאָרן צו אים קיין קאַירא און מיט אים זיך באַהעפטן אויף אייביק...

אַ פורפור־רויטקייט האָט אָפּגעגאָסן ר׳ אברהמען. די אויגן זענען אים אַזש געוואָרן פייכט און די ליפּן האָבן ביי אים געציטערט ווי אין פיבער. ער האָט געוואַרט נאָך עפּעס צו הערן, מער שרעקלעכערס. אָבער מער האָט זיין אסתר גאָרנישט גערעדט. זי האָט בלויז פאַרבראָכן די הענט און טרערן זענען איר געקומען אין די אויגן אַריין.

אַ באַרואיקונג איז געקומען אויף אברהמס געמיט...

— ניין, זי האָט נישט דערציילט... זי האָט נישט געקאָנט דערציילן, זי איז געווען ווי אין אַ היגער־פלעט, ווען ער איז ביי איר געווען נעכטן ביינאַכט...

ער איז שנעל אַרויפגעלאָפן איבער די שטיגן, ווי אַ יונגערמאַנטשיקל פון צוואַנציק יאָר און האָט זיך דערנענטערט צו איר בעט.

שרה איז געלעגן אין אַ גרויסער היץ. די אויגן האָט זי געהאַלטן אָפן, אָבער זי האָט קיינעם נישט געזען אַרום זיך. דער בליק אירער איז געווען אָנגעשטעלט גלייך אויף ר׳ אברהמען, אָבער זי האָט אים נישט באַמערקט. עס האָט געשאָסן פון איר בליק מיט שטאָלענער בלויקייט, וואָס איז טיילמאָל איבערגעגאַנגען אין גרינלעכקייט. איר פּנימל איז געווען צעפלאַקערט.

ר׳ אברהם איז געשטאַנען לעבן איר בעט אַ ווײַלע, דערנאָך האָט ער אָנגענומען איר האַנט אין זיינער. זי האָט געגליט. אַ פּחד האָט אים אַרומגענומען, ער איז געווען אינגאַנצן צעטראָגן און ער האָט זיך געזאָגט אין געדאַנק מוסר פאַרוואָס ער איז אַזוי שוואַך געוואָרן אין איין מאָמענט און ער האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן. ווו איז געווען זיין תמיד־שטאַרקער ווילן? ער איז דאָך שטענדיק געווען אַ „כובש את יצרו״... וואָס איז מיט אים געשען?...

ניין, ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט ביישטיין דעם יצר־הרע, ווען ער האָט זי נעכטן דערזען אַן אויסגעטועבע אין בעט. ווי מיט פייערדיקע צוואַנגען איז ער צוגעצויגן געוואָרן צו איר גלייך ווי אַן אומגעזעענע קראַפט וואָלט אים אַ נעם געטאָן און צוגעטראָגן צו איר ווייסן געלעגער און אים אַנידערגעזעצט אויפן ראַנד פון איר בעט. זי האָט עפּעס גערעדט צו אים

אַזוינע משוגהדיקע רייד, וועגן משיחס ווייב, וועגן באַהעפטן זיך „מיט די הייליקע פונקען פון אונטערן כסא הכבוד". פון וואַנען האָבן זיך צו איר גענומען אַזעלכע מאָדנע רייד? ווו האָט זי זיי געהערט?...

ער האָט דערפילט אין זיך עפּעס אַזאַ אויסטערלישע קראַפט, אַז ער האָט זי מסתמא, מיט זיין שאַרפן בליק פאַרכישופט. ער האָט געוווסט, אַז ער איז אַ שיינער מאַנסביל. פרויען זענען אים שטענדיק נאָכגעלאָפן און אָנגערעדט צו זינד. ער איז אָבער שטענדיק געווען אַ צוריקגעהאַלטענער, אַ שעמעוודיקער. זיי האָבן דערפאַר געלאַכט פון אים און חוזק געמאַכט.

און דאָ איז ער אַזוי גיך געשטרויכלט געוואָרן...

ער האָט זיך איצט אַלץ דערמאָנט, ווי אַזוי עס איז געשען. ווען ער האָט זי דאָס לעצטע מאָל, אויף דער בקשה פון זיין ווייב אסתר, אַרויפגעפירט צו איר שלאָפצימער און געלייגט אין בעט אַריין. ער האָט דעמאָלט נישט ווילנדיק אָנגערירט איר נאַקעטן אָרעם און שרה האָט זיך צו אים, ווען זי איז שוין געווען אין איר שלאָפצימער, אַ ווייל אַ טוליע געטאָן. ער געדענקט איצט, ווי אַ היץ האָט אים באַשלאָגן און ער איז שיער נישט אומגעפאַלן אויף דער ערד. ער האָט זיך גיך באַהערשט און איז שנעל איבער די טרעפּ אַראָפּגעלאָפן. ער געדענקט נאָך אַפילו, ווי זיין ווייבס פנים איז אויף אַ רגע ווי פאַרוואָלקנט געוואָרן. ער האָט דערפילט די סיבה דערפון. און ער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט מער נישט צו בלייבן אַליין מיט דעם דאָזיקן כישופ־דיקן מיידל.

אָבער זי איז אים שוין פון זכרון נישט אַרויס. גלייך דער יצר־הרע וואָלט זיך אויף אים פאַרלייגט, איז ער אָפט יאָ געבליבן מיט איר אַליין. טאַקע נישט מער ווי אַ קליינע ווײַלע, אָבער עס איז גענוג געווען, ער זאָל כלומרשט דורך אַ צופאַל באַרירן איר אָרעם, איר נאַקעטע האַנט, און ער איז געוואָרן אָנגעצונדן.

נישט איינמאָל האָט ער שוין געוואָלט זאָגן דעם רב פון אַמסטערדאַם, אַז ער זאָל פאַר שרהן אויסזוכן אַן אַנדער הויז, ווו צו וווינען. עס האָט אים אָבער נישט געפּאַסט, אַז דער רב זאָל געוואָר ווערן זיינע שוואַכקייטן. ער האָט זיך דעריבער צום ווייפלסטן מאָל פאַרשווווירן, אַז ער זאָל פון איר זיין וואָס מער פון דערווייטנס...

ער האָט זי טייל מאָל נישט געזען גאַנצע טעג. ווען ער איז אַהיימגעקו־מען פון זיינע געשעפטן, האָט ער זיך בלויז אַזוי פון יוצא וועגן אַ פרעג

געטאָן, וואָס עס מאַכט שרה. אסתר האָט אים שטענדיק דערציילט וועגן אירע קלוגע רייד און געלויבט איר שיינקייט. און טיילמאָל האָט זי נאָך געמאַכט דעם מאַן אַ פאָרוואורף, פאַרוואָס ער גיט זיך ווינציק אָפּ מיט איר...

— עס איז דאָך אונדזער טאָכטער... — האָט זי אים געמוסרט. — דו ביסט דאָך פון דער טבע אַ גוטער מענטש. וואָס וועט מען זאָגן אויף דיר, ווען מען וועט באַמערקן דיין קאַלטקייט צו אַן „אייגענער״ טאָכטער?

ר׳ אברהם פלעגט דערויף אַ לייכטן שמייכל טאָן און מבטל זיין אירע מוסר־רייד מיט אַ שפּאַסיק ווערטל, מיט אַ וויץ און זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט.

אָבער ר׳ אברהם האָט אויפגעהערט צו שלאָפן אין די נעכט. שרהס געשטאַלט איז אים ווי אויף להכעיס געקראָכן איך פנים אַריין. וויפל ער ער האָט זיך נישט באַמיט איר געשטאַלט צו פאַרטרייבן פון זיך. ער פלעגט אָנהייבן שעפּטשען פסוקים פון תהילים, אַ קלוג וואָרט פון משלי אָדער קהלת, וואָס ער האָט ליב געהאַט אָפּט פאַר זיך איבערצוחזרן. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. ער האָט ממש געפילט ווי דער יצר־הרע פלעכט אַ שטריק אַרום זיין האַלדז, און די שטריק ווערט אַלץ צודרייגגלעכער און דריקט אים און שטיקט אים. ,

אויך שרה איז צו אים נישט געווען גלייכגילטיק. עס פלעגן איר טיילמאָל באַפאַלן אומבאַוווסטע גלוסטעניש, אַ פייער פלעגט אַדורכלויפן איבער אירע גלידער. זי האָט זיך לכתחילה נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין געגויען דין־וחשבון, אָבער פון צייט צו צייט, ווען זי האָט דערזען ר׳ אברהמען מיט זיין פעך־שוואַרצער באָרד און גליאיקע אויגן, האָט זי אויפגעצאַפּלט ווי עפּעס אַ הייסער פונק וואָלט אַ ריזל געטאָן אַרום איר גאַנצן לייב און ערגעץ־ווו אַ ברי געטאָן.

זי פלעגט אָפּט וואַכעדיקערהייט טראַכטן וועגן אירע פאַרגאַנגענע טעג אין קלויסטער, ווי דער גלח פלעגט צו איר קומען און אָנצינדן איר יונג לייב מיט זיינע קושן, און דערנאָך פלעגט ער זי מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס באַצווינגען און באַהעפטן זיך מיט איר ווי מאַן און ווייב.

שרה איז לעצטנס געווען אין אַ שטענדיק אויפגערייצטער שטימונג. זי פלעגט זיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם צוהערן צו די מעשיות וועגן שבתי צבי. זי האָט געהערט רעדן די מאַנסבילן אַזעלכע רייד, וואָס זי האָט גאָר־

נישט פֿאַרשטאַנען. עפּעס וועגן הייליקע פּונקטן פֿון אונטערן כּסא הכּבֿוד, שכינה... משיח...

די געשיכטע פֿון שבֿתי צבֿיס אָפּזאָגן זיך צו זײַן נאָענט מיט זײַן יונגער שיינער פֿרוי האָט אויף איר איבערגעלאָזט אַן אומגעהייערן אײַנדרוק און זי האָט זיך אָנגעהויבן אײַנרעדן, אַז זי איז די באַשערטע זײַנע. מען פֿלעגט זיך דערציילן אין די אָוונטן בײַ ר׳ אבֿרהם פֿראַדאָ אין הויז פֿאַרשידענע מעשׂיות, מען האָט ציטירט פֿאַרשידענע קבלה־ספֿרים, און צו דעם אַלעם האָט זיך שׂרה צוגעהערט; און אַזוי ווי זי איז געווען אַ טרוימערישע נשמה, האָט זי זיך מיט דעם אַלעם איבערגענומען און איז אַרומגעגאַנגען ווי אויף אַן עולם התּוהו...

און אָט איז עס פֿאַר איר פּלוצלינג געקומען: זי איז אײנמאָל אַראָפּ פֿון איר געלעגער אַ נאַקעטע און איז געשטאַנען אַ שפּאָרע ווײַלע פֿאַרן שפּיגל און געקוויקט זיך מיט איר אַלבאַסטער־ווײַסן לײַב, מיט אירע געשניצטע גלידער און באַטראַכט אירע יונגע ברוסטן. אירע קופּער־רויטע האָר זענען איר אַראָפּגעפֿאַלן איבער די אַקסלען און זי איז אויסגעוואַקסן אין אירע אייגענע אויגן ווי אַ געטין אויף די בילדער, וואָס זי האָט זיך אָנגעזען אין קלויסטער.

זי איז אַזוי שטאַרק געווען אַרײַנגעטאָן אין זיך, אַז זי האָט נישט געהערט די שטילע טריט אויף די שטיגן, וואָס האָבן געפֿירט צו איר שלאָפֿצימער. עס איז שוין געווען אַ שטיק נאָך האַלבער נאַכט דעמאָלט. אַלע אין הויז זענען שוין געהאַט פֿון לאַנג געשלאָפֿן. ווען זי האָט דערזען די פּעך־שוואַרצקייט פֿון אבֿרהם פֿראַדאָס באָרד און זײַנע גליאיקע שוואַרצע אויגן, איז שוין געווען צו שפּעט. ער איז צו איר צוגעפֿאַלן ווי אַ דורשטיקער צו אַ קוואַל וואַסער אין אַ טרוקענער מדבר...

און אויך זי האָט זיך אײַנגעקלאַמערט אין זײַנע אָרעמס. זי האָט אים געוואָלט אָפּשטויסן, אָבער זי ווייסט נישט ווי אַזוי עס איז געווען, אַז זי האָט אים גאָר צו זיך צוגעצויגן מיט אַזאַ גבֿורה, אַז זי האָט באַצווונגען דעם שטאַרקן מאַנסבּיל...

ער האָט געברומט ווי אַ הונגעריקער לייב, ער האָט געזוכט מיט זײַנע רויטע ברענענדיקע ליפּן איר נאַקעט לײַב, ער האָט געבריט איר פּנים, אירע ליפּן, איר ברוסט, ער האָט זיך אײַנגעביסן מיט זײַנע ווײַסע געזונטע ציין אין איר לײַב און זי האָט ווייטיקלעך אָבער פֿול מיט ליידנשאַפֿט אויס־

געשריגן ווי אַ צערייצטע לייביכע. זי האָט צווישן די ציין אַרויסגעמורמלט אומפאַרשטענדלעכע רייד, פון וועלכע ער האָט אינמיטן פון זיין ליידנשאַפט־לעכן אויסברוך געהערט אָפּגעריסענע ווערטער: „מיין משיח, מיין חתן... מיין לייב געהערט צו דיר, נעם עס און פאַרצער...״

*

זי האָט אַפילו נישט געהערט, ווען ער האָט פאַרלאָזט איר בעט. זי איז איינגעשלאָפן מיט אַ מידן שלאָף. און עס האָט זיך איר געחלומט, אַז זי איז געבראַכט געוואָרן קיין קאַהירע, וווּ עס געפינט זיך שבתי צבי. זי האָט זיך פּלוצלונג דערזען אין אַ רייכן פּאַלאַץ, וואָס אַזאַ שיינקייט האָט זי נאָך זינט זי לעבט נישט געזען. די ווענט זענען געווען באַמאָלן מיט אַזעלכע בילדער פון אדם און חוה אין גן־עדן, און בילדער פון פאַרשידענע אויסטערלישע חיות, וואָס זענען העלפט מענטש און העלפט פיש. דערנאָך האָבן איר אין די אויגן אַ בלענד געטאָן אַזעלכע ליכטיקע קאָלירן, אַז עס האָט איר אָנגע־הויבן שטעכן אין די אויגן פון צופיל אָפּשיין.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט. זי האָט געפילט אַ געוואַלטיקע שווערקייט אין קאָפּ, גלייך ער וואָלט אָנגעפילט געוואָרן מיט בליי. זי האָט זיך נישט געקאָנט אונטערהייבן, אַזוי שווער איז דער קאָפּ געווען. אין שטוב איז געווען פינצטער ווי אין אַ גרוב. אין קאָפּ האָט זיך איר עפּעס געמישט, זי האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן דערמאָנען, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען איידער זי איז איינגעשלאָפן. אַ פּחד איז אויף איר אָנגעפאַלן, וואָס וועט זיין, אַז אסתר וועט זיך וועגן דעם דערוויסן? עס איז דאָך שרעקלעך!... מען האָט זי דאָך אַריינגענומען צו דערציען ווי אַן אייגן קינד און זי האָט גאָר צו טאָן מיט אסתרס מאַן, וועלכער איז איצט צו איר ווי אַ פאָטער...

זי האָט זיך פאַר עגמת־נפש אָנגעהויבן שלאָגן מיטן קאָפּ אין דער וואַנט און רייסן דאָס פּנים מיט די נעגל. טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן פון אירע אויגן און האָבן נאָס געמאַכט דאָס קישן. זי האָט דערפילט, אַז אַן אויס־טערלישע היץ באַשלאָגט איר פּנים און פאַרשפּרייט זיך איבער איר גאַנצן קערפּער.

זי געדענקט נישט ווי לאַנג זי איז אַזוי אָפּגעלעגן וואָך אויף איר געלעגער, אָבער דאָך איז זי איינגעשלאָפן. און ווידער האָט זיך שבתי צבי באַוויזן צו איר אין חלום. דאָס מאָל האָט זי אים געזען מער לעבעדיק ווי

שטענדיק. זי האָט אים געזען מיט אַ פעך־שוואַרצער באָרד און גליאיקע שוואַרצע אויגן, אַז זי האָט זיך דערשראָקן פאַר זיי.

זי האָט זיך פאַרשטעלט די אויגן, כדי נישט אָפּגעבריט צו ווערן פון זיין בליק. שבתי צבי האָט זיך אָבער אַלץ נעענטער און נעענטער צוגע־רוקט צו איר געלעגער. זי האָט שוין געפילט זיין הייסן אָטעם אויף זיך. זי האָט אַוועקגענומען די הענט פון די אויגן און זי איז געבליבן ליגן פנים־אל־פנים מיט דעם שוואַרצן ברייענדיקן בליק פון שבתי צבי. מיטאַמאָל האָט זיך איר גאָר אויסגעוויזן, אַז זיינע אויגן זענען פון שוואַרץ פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין פאַספאַר־גרין. זיין פעך־שוואַרצע באָרד איז געוועז גאָר איצט רויט ווי פייער. די הענט האָבן זיך געצויגן צו איר, זי האָט אויפ־געצאַפּלט פון גרויס גלוסטונג און צו אים אויסגעצויגן די הענט.

זי האָט בפירוש איצט געהערט זיין ציטערדיקע שטים: „איך בין דיין חתן, אָנגעברייט פאַר דיר מששת ימי בראשית, איך, שבתי צבי, דער משיח, וואָס וועט באַלד נתגלה ווערן פאַר דער גאַנצער וועלט און אויסלייזן דאָס יידישן פאָלק. אַלע זינדיקע וועלן געררייניקט ווערן און זייערע עבירות וועלן זיי פאַרגעבן ווערן. אויך דיינע זינד, כאָטש זיי זענען רויט ווי פּורפּור, וועלן זיי ווייס ווערן ווי שניי... די ביסט פאַר מיר אָנגעברייט, דו ביסט שוין צו מיר איינמאָל מקודש געוואָרן און דו ביסט מיר מותר...״

זי האָט זיך אים איבערגעגעבן מיטן גאַנצן פלאַם פון איר נשמה. זי האָט געפילט, ווי זי שוועבט אין דער לופטן צוזאַמען מיט אים און זי ווערט צוזאַמען מיט אים דערהויבן אין די העכערע וועלטן...

ניין, אויך דאָס ערשטע מאָל איז עס נישט געווען ר׳ אברהם פראַדאָ, נאָר שבתי צבי... עס האָט זיך איר בלויז געהאַט אַזוי אויסגעדאַכט... פאַר־וואָס האָט זיך איר אַזוי אויסגעדאַכט ?... האָט זי זיך אַליין געפרעגט. אַ גליק האָט אָנגעפילט איר גאַנצן קערפּער און — זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר שלאָף. די זון האָט איר אַנטקעגנגעלאַכט אין די אויגן אַריין און זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון איר געלעגער אַ צעשטראַלטע און גליקלעכע. זי האָט אין שפּיגל דערזען איר צעגליט פנים, וואָס האָבן געפלאַמט ווי אַ רויטע בליענדיקע רויז אָפּגעגאָסן מיט דעם פּורפּור־שיין פון דער אויפגעגאַנגע־נער זון.

ווי אַ וואַנזיניקע איז זי אַראָפּגעלאָפן פון אַלע שטיגן און געשריגן צו איר „מוטער״, אסתרלען מיט באַנומענע קולות:

— איך בין משיחס ווייב!... שבתי צבי איז ביי מיר די נאַכט געווען, ער האָט מיך באַמאַנט... איך בין זיין ווייב און ער איז מיין מאַן...
עס איז קלאָר געווען, אַז שרה רעדט פון היץ...

*

אָט די דאָזיקע גאַנצע געשיכטע איז אויפגעשווומען פאַר אברהם פּראַדאָ איצט, ווען ער איז געשטאַנען פאַר שרהס געלעגער און געקוקט אויף איר פּרעכטיק פּנים, וואָס האָט אינגאַנצן געגליט. ער האָט איצט געהאַט ביי זיך פעסט באַשלאָסן, אַז ווי נאָר שרה וועט געזונט ווערן, וועט ער זען, אַז זי זאָל אַוועק אויף שטענדיק פון זיין הויז. ער טאָר זי מער ביי זיך נישט איבערלאָזן. ער שטעלט זיך אויס אויף דעם גרעסטן נסיון... ער איז שוין איינמאָל געשטרויכלט געוואָרן, אַפילו אַ צווייט מאָל, ווען ער איז די זעלבע נאַכט נאָכאַמאָל צו איר געקומען און גענאַרט זי מיט זיינע רייד, רעדנדיק צו איר, ווען זי איז ווי אין אַ היגערפלעט געלעגן, אַז ער איז שבתי צבי... זי איז שוין דעמאָלט געווען מיט פיבער...

זי האָט אים דעמאָלט געגלייבט, ווייל ער האָט געהערט אירע רייד פון דער היץ אַרויס. זי האָט אים טאָקע אָנגענומען פאַר שבתי צבי. זי האָט געחלומט פון אים... און אַלץ האָט זי אָנגענומען פאַר אַ חלום...

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אינגאַנצן אַ צעבראָכענער אַראָפּגעקומען צו אסתרן און איר געזאָגט, אַז מען דאַרף רופן דעם רופא. שרה איז גוט קראַנק...

אַליין איז ער אַוועק אין בית־המדרש און אַוועקגעזעצט זיך זאָגן תהילים. ער איז געוואָרן ממש אויס מענטש פון גרויס עגמת־נפש און חרטה־געפילן.

אָבער אינמיטן פון זיינע חרטה־געפילן איז ער געוואָרן פאַרטראַכט, און גלייך דער שטן וואָלט זיך פאַר אים אַוועקגעשטעלט און געמאָלן פאַר אים אַ בילד מיט אַ פייערדיקן פּענדזל האָט ער דערזען די באַקעטע געשטאַלט פון שרהן, ווי זי האָט אויסגעזען אַנומלט ביינאַכט, ווען ער איז צו איר געקומען. זי האָט אינגאַנצן געפלאַקערט פאַר אים אין די אויגן. ער איז געוואָרן צעטומלט און אַוועקגעשאַרט דאָס ספר פון זיך, אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויף זיין האַנט, וואָס איז געלעגן אויפן טיש און באַמיט זיך בולטער אַרויסצוברענגען שרהס בילד פאַר זיינע אויגן. ער איז געוואָרן אינגאַנצן אָנגעצונדן, און ווען שרה וואָלט געווען געזונט, וואָלט ער נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און וואָלט ווידעראַמאָל צו איר געקומען... ער

איז געווען ווי אַ שיכור, וואָס דער טרונק בראָנפן האָט אים גענומען אין זיין מאַכט און ער קאָן זיך מער דערפון נישט באַפרייען.

שפּעטער פלעגט ער זיך באַגיסן מיט טרערן און שלאָגן זיך „על חטא‟. נאָך אַזעלכע טעג איז ער אַהיימגעקומען אַן אויסגעמאַטערטער און אַ פאַר־צאָגטער. ווען דאָס ווייב זיינס האָט אים געפרעגט די סיבה פון זיין פאַר־אומערטקייט, האָט ער געענטפערט, אַז שרהס קראַנקהייט איז די סיבה פון זיין עגמת־נפש.

קיין גרויסער ליגן איז דער דאָזיקער ענטפער נישט געווען. אסתר האָט עס גאַנץ גוט געקאָנט פאַרשטיין און עס האָט זיך איר געלייגט אויפן שכל. זי האָט רחמנות געהאַט אויף איר מאַן און אים געטרייסט.

אַזוי זענען אַוועק טעג און נעכט, וואָכן און חדשים, ביז אַ בעסערקייט האָט זיך געוויזן אין שרהס געזונטצושטאַנד. די היץ איז פאַרשוווּנדן און מיט דער היץ איז אויך פאַרשוווּנדן פון איר געדעכעניש דאָס אַלץ, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען מיט אַזוי פיל צייט צוריק.

זי האָט בלויז געדענקט, אַז שבתי צבי וואַרט אויף איר אין קאַירא און זי האָט געהאָפט מיטן גאַנצן פיבער פון איר נשמה, אַז זי וועט אינגיכן פאָרן צו איר באַשערטן. זי האָט געהאַלטן אין איין רעדן וועגן אים און וועבן אין דער וואָך אירע חלומות.

און איינמאָל אין אַ טאָג איז ביי שרהן אין לעבן פאָרגעקומען אַ גע־וואַלטיקע געשעעניש. זי איז שוין געווען פולשטענדיק געזונט. זי האָט אויסגעזען נאָך שענער ווי ווען עס איז, ווי אַ פריי פייגעלע אין פעלד האָט זי אַרומגעשוועבט איבער דער שטוב, און דאָס געזאַנג איז קיינמאָל פון אירע ליפּן נישט אַראָפּ. ר׳ אברהם פּראַדאָ האָט זיך פון דערווייטנס צו איר צוגעקוקט. די אויגן זענען ביי אים גרויס געוואָרן און די ליפּן זענען ביי אים געוואָרן טרוקן פון גרויס לוסט צו דעם דאָזיקן מלאכישן מיידל. ווי אַ בלום האָט זי אויסגעזען, וואָס האָט זיך ערשט צעבליט און די קנאָספּן עפענען זיך קעגן די שטראַלן פון דער זון.

זי האָט אינגאַנצן נישט געדענקט, וואָס ר׳ אברהם האָט איר געטאָן... זי איז געבליבן ביי דער מיינונג, אַז דאָס האָט זי געהאַט דעמאָלט אַ פּרעכ־טיקן חלום וועגן שבתי צבי. בלויז טיילמאָל, אין אַ מאָמענט פון קלאָרקייט און באַטראַכטונג, האָט ווי אַ בליץ־געטאָן זיין פּוכיק־שוואַרצע באָרד און זיינע בלוט־רויטע ליפּן, דער גלאַנץ פון זיינע שוואַרצע, קויליקע אויגן.

זי האָט אָבער נישט געקאָנט צוזאַמענעמען אירע געדאַנקען און זיך אָפּ־געבן אַ קלאָרן דין וחשבון, וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג דאָס דאָזיקע בילד האָט מיט איר...

אין איינעם אַזאַ טאָג איז אַ גרויסער גאַסט פּלוצלינג דערשינען אויף דער שוועל פון דער משפחה פּראַדאָ. דאָס איז געווען ר׳ יוסף רפאל חלבי, דער מינץ־מייסטער פון עגיפּטישן כעדיוו.

ווען שרה האָט אים דערזען, איז זי רויט געוואָרן ווי אָפּגעגאָסן מיט פּורפּור און זי האָט נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טאָן, ווי אַזוי צו האַלטן זיך אין דער קעגנוואַרט פון דעם דאָזיקן רייכן עגיפּטישן ייד.

אויך ר׳ יוסף רפאל חלבי איז געבליבן שטיין דערשטוינט פון איר גע־וואַלטיקער שיינקייט, אַז ער האָט אַ ווייל דאָס מויל זיינס נישט געקאָנט עפענען.

ר׳ אברהם פּראַדאָ און זיין ווייב אסתר זענען צו אים צוגעלאָפן מיט אָפענע אָרעמס און פאַרבעטן אים אין זייער רייכן סאַלאָן. זיי האָבן אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד און אַרויסגעוויזן אומגעהויערע פרייד, וואָס ער האָט זיי אָפּגעשטאַט אַ באַזוך.

— איך בין געקומען צו אייך אין שליחות פון אונדזער גרויסן רבין, שבתי צבי, ירום הודו... — האָט ר׳ יוסף רפאל חלבי אָנגעהויבן מיט אַ פיי־ערלעכער רעדע. זיינע אויגן האָבן געשיינט פון פיל גליק און זיין פּנים איז געווען צעשמייכלט. ער איז געווען געפּלעפּט פון דער איידלקייט, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויף דעם יונגן מיידל. ער האָט נאָך אַזאַ שיין פרויען־פּנים אין זיין לעבן נישט געזען. ער האָט ערשט איצט באַוווּנדערט שבתי צבים וויטן בליק. נישט קענענדיק דאָס מיידל, האָט ער דערפילט, אַז זי איז זיין באַשערטע און ער רעדט וועגן איר ווי וועגן זיין ווייב, וואָס איז פאַר אים אָנגעברייט געוואָרן נאָך איידער זייערע נשמות זענען אויף דער וועלט אַראָפּגעקומען.

אַ גרויסע סעודה איז צוגעגרייט געוואָרן אויף דעם זעלבן אָוונט פאַר דעם גרויסן גאַסט. עס זענען פאַרבעטן געוואָרן פיל געסט, צווישן זיי אויך ר׳ שמואל דון פּעדראָ, די פרייד צווישן אים און ר׳ יוסף רפאל חלבי איז געווען אויסערגעוויינלעך גרויס. מען האָט זיך געהאַט צו דערציילן פיל אינטערעסאַנטע זאַכן.

— עס זענען צוגעקומען קיין קאַיראָ משה פינהיירא, יצחק סילוויירא און שמואל פרימאָ — האָט ר׳ יוסף רפאל דערציילט — און אַרום זיי פיר זאַמלען זיך אַלע יידן פון מצרים. עס קומען כמעט יעדן טאָג יידן פון אַלע לענדער אין אייראָפּע אָנצוקוקן מיט די אייגענע אויגן דעם משיח בן דוד...

אַלע האָבן אויסגעהערט מיט דער גרעסטער נייגעריקייט, וואָס ר׳ יוסף רפאל חלבי האָט איבערצוגעבן. ער האָט גערעדט מיט גרויס חשיבות און יעדעס וואָרט איז געווען וואָגיק ווי אַ גאָלדן רענדל. ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין זענען די געסט געזעסן, און שרה האָט מיט דער גרעסטער נייגעריקייט אויפגענומען יעדעס וואָרט, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שייכות מיט שבתי צבי. די אויגן אירע האָבן געפינקלט ווי די בלוי־גרינלעכע שטערן אין אַ פינצטערער נאַכט. זי האָט געכישופט מיט איר בליק און געררייצט מיט איר חנעוודיקן אויסזען.

ר׳ אברהם פראַדאָ האָט פון איין זייט זיך געפרייט, וואָס ענדלעך וועט שרה אָוועקפאָרן פון זיין הויז און ער וועט שוין נישט זיין אויסגעשטעלט אויף קיין געפערלעכע נסיונות. פון דער צווייטער זייט איז אים באַפאַלן אַ טרויער. ער האָט ממש געפילט, אַז ווען שרה וועט פאַרלאָזן זיין הויז, וועט זיין גלייך ווי די זון וואָלט אונטער אַ וואָלקן אונטערגעגאַנגען...

און אַזוי איז טאַקע געווען. עס איז אָנגעקומען ענדלעך דער טאָג, ווען שרה האָט געדאַרפט פאַרלאָזן אויף אייביק דאָס הויז פון ר׳ אברהם און אסתר פראַדאָ. עס איז געווען אַ טרויעריקער טאָג, גלייך הימל און ערד האָבן זיך די הענט געגעבן און מיטגעפילט דעם גרויסן אומעט. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט און די ערד האָט אויסגעזען גרוי און פוסט. אַלעמענס אויגן זענען געווען פייכט פון טרערן, און שטום אָן ווערטער, האָט מען זיך געפאָרעט אין שטוב ביים שרהס זאַכן.

מער פון אַלע האָט ר׳ אברהם געפאָרעט זיך ביים איינפּאַקן די זאַכן. ער האָט יעדעס קלייד גענומען אין דער האַנט אַריין, געשמעקט דערצו און איינגעאָטעמט אין זיך דעם ריח, כדי ער זאָל אויף אייביק פילן איר געשמאַק. דאָס פנים זיינס איז געווען בלאַס, די שוואַרצע אויגן האָבן נאָך מער געגליט ווי שטענדיק, די רויטע ליפּן האָבן געציטערט און אין האַרץ האָט געקלעמט.

נאָך מער ווי געטאָן האָט אים, וואָס ער האָט זיינע געפילן געמוזט פאַרבאָרגן פון יעדן מענטשלעכן אויג. דער עיקר האָט ער זיך געהיטן פאַר אסתרן און פאַר שרהן אַליין.

איין רגע האָט זיך אברהמען אויסגעדאַכט, אַז שרה אַנט עפּעס... איר בליק בריט אים דורך די קליידער, זי וויל אים עפּעס זאָגן, אָבער זי האָט נישט קיין געלעגנהייט. זי האָט דעם טאָג אויסגעזען ווי אַ בלום, וואָס פאַרמאַכט איר קעלך נאָך זון־אונטערגאַנג. עפּעס סודותפולס איז געלעגן אין איר בליק און אין איר גאַנץ וועזן. ווען זי איז לעבן אים פאַרבייגעגאַנגען, האָט אים אַ ריח אַזש דעם אָטעם פאַרהאַקט און עס האָט אים אָנגעהויבן שטיקן.

— שרהלע... — האָט ער געוואָגט זי אָנצורופן, און שטיל איר דאָס דאַזיקע טייערע וואָרט אַ שעפּטש געטאָן אין אויער אַריין.

זי האָט געוואָרפן אויף אים אַ טרויעריקן בליק און מער ווי מיטגעפיל איז אין דעם דאָזיקן בליק נישט געווען. דאָס האָט אים שרעקלעך ווי געטאָן.

עס איז טונקל געוואָרן און דער בין־השמשות האָט זיך אָפּגעלייגט אין די ווינקלען פון הויז. די זון, וועלכע איז אַ גאַנצן טאָג באַהאַלטן געווען הינטער אַ וואָלקן, האָט מיט איר פּורפּורנער רויטקייט אין דער לעצטער רגע זיך אַרויסגעריסן פון איר געפאַנגענשאַפט, האָט אַ בליאַקס געטאָן אין די שויבן און זיי גליאיק אָנגעצונדן. אין אָט דער רגע האָבן זיי זיך ביידע צוזאַמענגעטראָפן ביי איר אין שלאָפצימער, ביים זוכן די זאַכן צום פאַר־פּאַקן.

— שרהלע... — האָט ער ווידעראַמאָל אַ מורמל געטאָן מיט זיינע ציי־טערנדיקע ליפּן און אַ טרער האָט אַ פינקל־געטאָן אין זיין אויג, וואָס האָט זיך רויט אָפּגעשפּיגלט אין דער פאַרגייענדיקער זון.

— איך ווייס אַלץ... — האָט שרה דערויף געענטפערט. — איך האָב עס מיט וואָכן שפּעטער אָנגעהויבן צו אַנען, אַז נישט שבתי צבי איז עס דעמאָלט ביי מיר געווען, נאָר דו... האָסט מיך פאַרכישופט מיט דיינע שוואַר־צע אויגן. איך האָב געטאָן דיין ווילן, ווייל האָסט מיך מיט אַ געהיימען כוח באַצוווּנגען, אָבער איך האָב נישט קיין חרטה...

— שרהלע... — האָט ער ווידער אַ קרעכץ געטאָן, ווי נאָר אַרויסצור־וויינען און וואָרפן זיך אויף איר האַלדז.

— איך האָב שוין געגוג געזינדיקט, ר׳ אברהם... — האָט זי זיך ביי אים געבעטן. — איך פאָר צו מיין אויסדערוויילטן חתן, צו שבתי צבי, און איך בין גאָר אַ זונה... ווי אַזוי וועל איך מיינע אויגן פאַר אים אויפהייבן ?... איך בין פול מיט זינד...

— אין די זינד וועסטו געלייטערט ווערן... — האָט איר ר׳ אברהם געענטפערט. — מן הסתם איז דיר אַזוי באַשערט געווען. האָט דאָך גאָט געזאָגט צום נביא הושע, אַז „ער זאָל גיין נעמען אַ ווייב אַ זונה״ און ער האָט געהאַט קינדער מיט איר. דאָס אַלץ איז געווען כדי צו ווייזן, אַז דאָס לאַנד איז איינגעטונקען אין זינד און גאָט איז איצט גרייט די דאָזיקע זינד מוחל צו זיין. איצט האָט ער אַראָפּגעשיקט אויף דער וועלט משיח בן דוד אין דער געשטאַלט פון שבתי צבי... דו ביסט נישט קיין זונה, נאָר דורך דיר וויל גאָט אָנזאָגן, אַז די זינד פון זיין אויסדערוויילטן פאָלק זענען פאַרגעבן.

שרה האָט נישט קלאָר פאַרשטאַנען ר׳ אברהמס רייד, אָבער זי האָט זיך געפילט געטרייסט און זי האָט זיך אין האַרץ געטאָן אַ נדר פון איצט אָן זיין ריין, און אָנגעברייט צו זיין דאָס ווייב פון משיח, צו וועמען זי איז אַנטשפּויזט געוואָרן פערציק טעג, איידער איר נשמה איז אַראָפּגעקומען אויף דער זינדיקער וועלט.

ר׳ אברהם האָט זי געפרוווט אַרומנעמען, אָבער זי האָט אים לייכט אָפּגעשטויסן. זי האָט זיך אַ גליטש אַוועקגעטאָן פון אים און ווי אַ ווינט איז זי אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ צום גרויסן זאַל, וווּ ר׳ יוסף רפאל חלבי האָט שוין אויף איר געוואַרט.

דער מצרישער געלט־מינצער ר׳ יוסף רפאל חלבי האָט אויסגעזען אין דעם מאָמענט מאַיעסטעטיש. ער איז געווען הויך און שלאַנק, און כאָטש ער איז געווען פיל עלטער פון שרהן, איז ער איר געפעלן געוואָרן. די זייַדענע־שוואַרצע באָרד האָט זיך געכוואַליעט איבער זיין ברוסט, און דאָס פנים זיינס, אָן אַ שום קנייטשעלע, האָט זיך געברוינט אַן אָפּגעברענטס פון דער עגיפּטישער זון. ער איז געווען רייך אָנגעטאָן אין זיינע אָריענטאַלישע קליידער. די אויגן האָבן סאַמעט־ווייך אויף איר געקוקט און זי דורכגענומען ביז די טיפסטע טיפענישן. שרה האָט דערפילט, אַז זי ווערט שוואַך און פאַלט אַרונטער איינגאַנצן אונטער זיין מאַכט.

ווען ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט זיין תקיפותדיק קול, אַז עס איז שוין שפּעט, אַז די שיף דאַרף שוין באַלד אָפּגיין, האָט זי ווי אַן אונטערטעניקע

שקלאַפֿין זיך געשטעלט ביי זיין זייט. זי איז גרייט געווען מיט דעם מאַן צו גיין אין עק וועלט, ער פֿירט זי דאָך צו איר דערהויבענעם ציל.

דאָס געזעגענען זיך מיט אסתרן און ר׳ אברהם פראַדאָ איז געווען האַרצרייסנדיק. זיי האָבן אַלע געוויינט און פאַרגאָסן ביטערע טרערן. ר׳ אברהם און אסתר האָבן איר צוגעזאָגט, אַז ביי דער ערשטער מעגלעכ־קייט וועלן זיי קומען צו איר קיין קאַירע און זיי וועלן צוזאַמען עולה זיין קיין ארץ־ישראל, ווען די ריכטיקע צייט וועט קומען.

עס איז שוין געווען פֿינצטער אינדרויסן, ווען זיי זענען אַלע צוזאַמען איינגעזעסן אין אַ קאַרעטע מיט פֿיר פֿערד, וואָס האָט זיי אַלעמען געבראַכט צום אַמסטערדאַמער האַפֿן. די שיף האָט שוין געהאַט פֿונאַנדערגעשפּרייט אירע זעגלען. פּאַסאַזשירן האָבן זיך שוין געהאַט אויפגעלאָדן, מ׳האָט בלויז געוואַרט אויף ר׳ יוסף רפאל חלבי אָדער סאראף־פּאַשאַ, ווי ער איז באַ־קאַנט געווען דער האַלענדישער מאַכט. מ׳האָט אים אָפּגעגעבן ביי דער שיף גרויס כבוד. עס זענען אָנוועזנדיק געווען פֿאַרשטייער פֿון דער עגיפּ־טישער מאַכט אין אַמסטערדאַם. עס האָט לכבוד אים אויפגעשפּילט אַן אָרקעסטער, און זיי זענען אויפגעשטיגן אויף דער שיף. פֿאַר שרהן האָט מען באַשטימט אַ באַזונדערע קאַיוטע און לעבן איר צימער איז אויך געווען די קאַיוטע פֿון סאַראַף־פּאַשאַ.

אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער סאַראַף־פּאַשאַ פֿירט דאָ מיט זיך זיינס אַ ווייטע קרובה, וועלכע איז ניצול געוואָרן פֿון די שחיטות אין פּוילן און ער נעמט זי צו זיך קיין קאַירע, וווּ עס וועט איר נישט פֿעלן פֿון קיין פֿויגל־מילך...

נאָכאַמאָל האָבן זיך איבערגעחזרט די געוויינען און די קלאָגרייד פֿון אסתר און ר׳ אברהם פראַדאָ, זיי האָבן איר אָנגעוווּנטשן פֿיל מזל און הצלחה און צוגעזאָגט זיך מיט איר בקרוב צו זען.

די שיף האָט זיך אָפּגעגליטשט פֿון ברעג. די פֿייערלעך פֿון דער דער־ווייטערטער שטאָט האָבן זיך נאָך לאַנג־לאַנג געזען פֿון דער שיף אַראָפּ און האָבן זיך אויסגעמישט מיט די שטערנדלעך אויפֿן הימל, אַז מ׳האָט שוין נישט געקאַנט מער אונטערשיידן, וועלכע עס זענען די ערדישע פֿיי־ערלעך און וועלכע עס זענען די הימלישע...

אַ מידע איז שרה אַראָפּ צו זיך אין דער קאַיוטע און האָט זיך אָוועקגע־לייגט אין די קליידער אויפֿן בעט. די שיף האָט זיך געגליטשט איבער די

פינצטערע וואַסערן און זיך אפילו קיין וואָקל נישט געטאָן. שרה האָט צוגעמאַכט די אויגן און אַלע אירע איבערלעבונגען פון די לעצטע עטלעכע יאָר זענען פאַרבייגעגאַנגען דורך איר געדאַנק. זי האָט זיך געזען אַלס גאָר יונג מיידל אין קלויסטער. אָט פאַרנעמט זי די קעצישע טריט פון דעם ליידנשאַפטלעכן גלח, וועלכער איז געווען דער ערשטער זי צו באַזיצן...

אַ מאָדנע זאַך, זי האָט נישט געפילט צו אים קיין שום האַס. זי האָט אים דערמאָנט אין איר געדאַנק מיט ליבע. זי האָט אַפילו אויף זיין אָנבליק ביי זיך אין דער מחשבה אַ זיסן שמייכל געטאָן.

זי האָט לאַנג זיך אָפּגעשטעלט אויף דער דאָזיקער צייט, ווען זי האָט פאַרברענגט אין קלויסטער און געגאָסן פון דעם גלחס זינדיקער ליבע. אַ געוואַלטיקע הנאה האָט זיך אויסגעשפרייט איבער אירע אַלע גלידער, גלייך זי וואָלט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט דאָס אַלץ אויף דער וואָר...

שפּעטער האָט זי אינגאַנצן אויפגעהערט צו טראַכטן. זי האָט אָנגע־שטעלט איר בליק אויפן סופיט, איינגעהאָרכט זיך אין שטילן פּליעסק פון וואַסער, וואָס האָט זיך רגע נאָך רגע אָנגעשלאָגן אָן דער שיף און האָט זי איינגעוויגט.

מיטאַמאָל איז פאַר איר אויפגעשוווּמען דאָס בילד פון ר׳ אברהם פּראַדאָ. זי האָט אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט אים איצט אַזוי לעבעדיק געזען מיט דער שוואַרץ־פּעכיקער באָרד און זיינע ברענענדיק־פינקלדיקע אויגן. זי האָט אים געזען ווי אין יענער פאַרכישופטער רגע, ווען זי איז געווען ווי אין אַ הינער־פלעט און נישט געוווסט וואָס עס טוט זיך מיט איר. אַ געוואַל־טיקע קראַפט באַזיצט ער, ר׳ אברהם פּראַדאָ... ער האָט איר איינגערעדט סיי מיט זיין בליק און סיי מיט זיינע רייד, אַז ער איז איר באַשערטער חתן שבתי צבי...

זי געדענקט בפירוש, אַז אַזוי האָט ער צו איר גערעדט שטיל־שעפּ־טשענדיק, אָבער מיט אַזאַ עקשנות, אַז זי האָט עס אָנגענומען פאַר אמת. זי האָט זיך אים איבערגעגעבן און געמיינט, אַז זי גיט זיך איבער איר באַשערטן...

„איז שיין אַזוי צו גענאַרן דעם מענטשנס גלויבן?“... האָט זי זיך געפרעגט, און זי האָט דאָס אַליין באַלד פאַרענטפערט: „די הנאה פון באַ־העפטן זיך איז אַזוי גרויס, אַז מען מעג זאָגן ליגנס...“ דעם מענטש איז

אַלץ מותר, אויב ער האָט דערפון שטאַרק הנאה... אַזוי האָט זי פאַרענט־פערט אירע זינדיקע מעשים...

זי האָט זיך דערמאָנט ר׳ אברהמס רייד צו איר וועגן דער זונה, וואָס גאָט האָט באַפוילן דעם נביא, אַז ער זאָל מיט איר חתונה האָבן... עפּעס געהיימנישפולס ליגט אין דעם דאָזיקן ענין, עס איז אַ מיסטישער סוד...

און באַלד איז איר באַפאַלן אַ משוגענער געדאַנק:

— און ווי וועט זיין, אַז דער שיינער און געזונטער ר׳ יוסף רפאל חלבי וועט צו איר צושטיין מיט זיינע פאַרלאַנגען? זאָל זי אים אָפּזאָגן?

ניין, זי וועט אים נישט אָפּזאָגן... עס איז מסתמא אַזוי באַשערט... אַזוי איז עס משֵשת ימי בראשית... אפילו די שלאַנג האָט דאָך געוואָלט באַ־שלאָפן חוהן... די שלאַנג איז טאַקע באַשטראָפט געוואָרן און מוז איצט קריכן אויפן בויך און אַ שנאה הערשט צווישן מענטש און שלאַנג... אָבער אַ מענטש מיט אַ מענטש...

און אַ זיסע הנאה איז זי באַפאַלן און זי איז געוועזן פול מיט דער־וואַרטונג...

מיטאַמאָל האָט זי דערהערט ווי עפּעס שאַרט זיך לעבן איר טיר. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט.

די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט און אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין ר׳ יוסף רפאל חלבי. די אויגן האָבן ביי אים געפינקלט ווי צוויי אָנגעגליטע פייערלעך, די פעך־שוואַרצע באָרד, וואָס האָט אַזוי פוכיק זיך אָפּגעלייגט אויף זיין ברוסט, האָט געציטערט מיט יעדן הערעלע באַזונדער, און זיינע פולע רויטע ליפן האָבן עפּעס אַזוי מאָנענדיק זיך באַוועגט. ער איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך און ווי געוואַרט, אַז זי זאָל אים איינ־לאַדן צוצוקומען בענטער.

שרה האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן בעט, אַראָפּציענדיק דאָס קלייד איבער די פיס, וואָס האָט זיך אַ ביסל געהאַט פאַרשאַרצט און האָט אים צוגערופן:

— מיין האַר, פאַרוואָס שטייט איר ביי דער טיר, קומט און זעצט זיך דאָ אַנידער...

און זי האָט פאַר אים אַרויסגערוקט אַ שטול.

ר׳ יוסף רפאל האָט גנעדיק אַ שמייכל געטאָן און זיך אַנידערגעזעצט. עס האָט אַ ווײַלע צווישן זיי געהערשט אַן אָנגעצויגענע שטילקייט. מ׳האָט

געהערט ווי דאָס וואַסער פּליעסקעט און וואַשט די ווענט פון דער שיף. דאָס ליכטל אויפן טיש האָט זיך געוואַקלט און דאָס פלעמל האָט זיך דאַ אַ צי־געטאָן אין דער הויך און דאַ אַראָפּגענידערט און געשמאָלצן דעם וואַקס.

— שבתי צבי וועט זיין דער גליקלעכסטער מאַן אויף דער וועלט... — האָט ער ענדלעך אַרויסגעשטאַמלט די עטלעכע ווערטער, אַבי אָנצובינדן אַ געשפּרעך מיט דעם דאָזיקן אויסטערלישן מיידל.

שרה איז רויט געוואָרן און אירע אויגן האָבן זיך צעשפּילט אין דעם שוואַכן פלעמל פון ליכטל ווי צוויי רעגנבויגנס. אירע ברוסטן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן אַראָפּ און אַרויף און עס האָט זיך פאַרהאַקט ביי איר דער אָטעם.

— ווייל ער מיך טאַקע נעמען פאַר אַ ווייב ?... — האָט זי אַ פאַרשעמטע געפרעגט און האָט באַלד חרטה געהאַט אויף דער דאָזיקער צו דרייסטער פראַגע.

— דו ביסט זיין ריכטיקער זיווג... — האָט ר׳ יוסף מיט אַ פאָטער־לעכן שמייכל צו איר געזאָגט, — אפשר איז די צייט פון נתגלה ווערן דורך אים אָפּגעלייגט געוואָרן, ווייל ער דאַרף האָבן די פאַראייניקונג פון דיר, דו ביסט אַ פונק פון דעם גרויסן פלאַם, וואָס טליעט אין אים...

— איז דען מיין פונק ראוי מיט אים זיך צו פאַראייניקן ?... — האָט זי מיט אַ שטיל און אויפריכטיק קול געפרעגט. — ער איז אַ הייליקער מאַן, געשיקט פון גאָט אויסצולייזן דאָס יידישע פאָלק, און איך בין אַ זינ־דיקע פרוי...

— מיט וואָס ביסטו זינדיק ?... — האָט ר׳ יוסף רפאל געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג אין זיין שטים. — האָסט אַ סך געליטן אין דיין יונג לעבן... מ׳האָט מיר וועגן דיר אַלץ איבערגעגעבן... און אויב דו האָסט אַמאָל נישט־ווילנדיק געזינדיקט, האָט דיר גאָט שוין לאַנג פאַרגעבן... ביסט אַ גע־פייניקטע יידישע נשמה, און עס איז דיר באַשערט געווען צו ראַטעווען דיין לעבן, כדי דיין פלאַם זאָל זיך באַהעפטן מיט זיינעם און צוזאַמען אויפ־געבלאָזן צו ווערן אין אַ גרויס פייער...

שרה איז גערירט געוואָרן פון זיינע שיינע רייד. ניין, ער האָט נישט די זעלבע כוונות וואָס ר׳ אברהם פראַדאַ... זי האָט געהאַט אַ טעות ביים חושד זיין דעם דאָזיקן בכבודיקן ייד...

— איך בין אַזוי זינדיק... — האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעחזרט און זי האָט זיך פונאַנדערגעוויינט.

— ביסט דאָך נאָך אַזוי יונג, ווען האָסטו שוין באַוויזן אַזוי פיל צו זינדיקן ?... דו רעדסט דיר בלויז איין אַזעלכעס... — האָט ר׳ יוסף רפאל חלבי איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. דיינע זינד זענען קיין זינד נישט, דאָס זענען בלויז פאַנטאַזיעס פון אַ יונג נישט דערפאַרן מיידל. האָסט זיך אָנגעליטן אין דיין לעבן, און יעדע נאַרישקייט ווערט דורך דיר פאַררעכנט פאַר אַ זינד...

שרה האָט אַ ווייל שטילגעשוויגן, זי האָט, זעט אויס, געוואַקלט זיך און איבערגעטראַכט, צי זאָל זי אים אַלץ דערציילן אָדער נישט. ענדלעך האָט זי אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס. זי האָט אַ בליץ־געטאָן מיט איר פיי־ערדיקן בליק, אַ פאַרשאַר געטאָן די רויטע צעכוואַליעטע האָר, זיך נעענטער צוגערוקט צו אים און מיט אַ שטיל קול פון חרטה אָנגעהויבן צו רעדן.

זי האָט אים דערציילט וועגן אירע איבערלעבונגען מיטן גלח אין קלויס־טער, וועגן אירע איבערלעבונגען מיט ר׳ אברהם פראַדאַ. אָבער זיין נאָמען האָט זי נישט דערמאָנט, נישט ווערלנדיק באַפלעקן דעם שם פון אַ בכבודיקן באַלעבאָס אין אַמסטערדאַם, וועלכע אַלע האָבן געהאַלטן פאַר אַ פרומען און ערלעכן מאַן... זי האָט בלויז דערציילט, אַז אַ געוויסער חשובער ייד האָט אויסגענוצט איר צעטראָגענעם צושטאַנד, אירע חלומות וועגן שבתי צבי, איר חתן, און ער איז זי באַזעסן...

— איך בין שוין מער נישט קיין אומשולדיק מיידל... — האָט זי פאַר־ענדיקט און דערביי זיך שטאַרק צעוויינט.

ר׳ יוסף רפאל חלבי האָט מיט שטילונג זיך צוגעהערט צו די רייד פון דעם יונגן מיידל, ער האָט זי דורכגעדרונגען מיט זיין שאַרפן בליק און איינגעזען, אַז זי דערציילט אים דעם ריכטיקן אמת, זי פאַרדעקט גאָרנישט פאַר אים.

ער האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן דעם דאָזיקן יונגן אָבער שוין אַזוי פיל אָנגעזינדיקטן מיידל.

„זי זעט דאָך אויס ווי אַ הייליקע!...״ האָט ער געטראַכט וועגן איר.

„און זי איז אַ הייליקע...״ האָט ער נאָך אַ ווײלע באַשלאָסן וועגן דעם זינדיקן מיידל. דאָס האָט זי געמוזט אַדורכגיין צוליב אַ העכערן צוועק, וואָס מיר פשוטע מענטשן האָבן נישט קיין אַנונג, וואָרום ווער ווייסט

גאָטס וועגן און ווער קאָן אים באַפעלן וואָס צו טאָן? אויך אים איז געקומען אויפן געדאַנק די רייד פון גאָט צום נביא הושע, ווען ער האָט געהייסן נעמען אַ זונה, חתונה האָבן מיט איר און האָבן קינדער... דאָס זעלבע חזרט זיך איצט איבער מיט שבתי צבי...

— עס איז אַ טיפער געדאַנק דערביי, וואָס מיר שטערבלעכע קאָנען דאָס נישט באַגרייפן און פאַרשטיין — האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט.

ער איז געווען אומרואיק. עפּעס האָט אים געקוועלט, וואָס ער האָט דערפאַר קיין ווערטער נישט געקאָנט געפינען. ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן און אַוועקגיין, כדי מער נישט צו זען דאָס מיידל, ביז וואַנען זיי וועלן אָנקומען קיין מצרים. אָבער איר שאַרפער בליק האָט אים צוריק־געהאַלטן. שרה האָט אַרויפגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און געהעשעט. זי האָט געצאַפּלט, דאָס בלוט אין איר האָט געקאָכט און געזאָטן. איר לייב האָט אים דורכגעבריט דורך די קליידער און געמאַכט האַסטיקער ריזלען זיין בלוט אין אָדערן.

— שרה... — האָט ער געשעפּטשעט צו איר מיט אַ קרעכץ און געגלעט איר דאָס פּנים — באַרואיק דיך, דו ביסט אָנגעברייט צו זיין דאָס ווייב פון מלך המשיח...

— איך בין אַ זינדיקע... — האָט זי געמורמלט — און מיין לייב לעכצט נאָך זינד... דו ביסט אַזאַ שיינער מאַן, אַזאַ שטאַרקער... איך וועל שוין סיי־ווי נישט ריין ווערן...

— דו ביסט ריין, ווי אַ טויב... — האָט ר׳ יוסף חלבי געזאָגט — גיי אין דיין בעט און לייג זיך שלאָפן... עס איז שוין שפּעט ביינאַכט. מיר וועלן נאָך פאָרן אַ סך נעכט און טעג אויפן ים... קום מיך נישט זען, ביז די שיף וועט זיך אָפּשטעלן אין אַלעקסאַנדריע... זיץ אין דיין קאַיוטע און טו תפילה צו גאָט, ער זאָל דיר מוחל זיין און ער וועט דיר מוחל זיין און ער וועט דיר זיכער פאַרגעבן דיינע זינד, ווייל זיי זענען דורך אים באַ־שערט געווען. מיר, שטערבלעכע מענטשן, קאָנען דאָס נישט פאַרשטיין...

און ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ, צערטלעך איר אַ גלעט־געטאָן איבערן קאָפּ און איז אַרויס פון שרהס קאַיוטע.

ווי איין שטיק אָנגעגליט פייער האָט זיך שרה געוואָרפן אויף איר גע־לעגער. זי האָט דעם קאָפּ געשלאָגן אין דער וואַנט, געריסן זיך מיט די

נעגל שטיקער פון איר לייב. בלוט האָט אָנגעהויבן רינען איבער איר זייַדענער אַלבאַסטער־ווייסער הויט.

— איך בין זינדיק... איך בין זינדיק — האָט זי געהאַלטן אין איינאיבערחזרן די דאָזיקע דריי ווערטער אָן אַ שיער מאָל.

אויך ר׳ יוסף חלבי האָט נישט געקאָנט איינליגן אויף זיין געלעגער. ער איז אַראָפּ פון בעט און זיך אָנגעטאָן. ער האָט גענומען אַ ספרל אין האַנט און זיך געפּרוווט פאַרטיפן דערין, אָבער דאָס בילד פון דעם אויסטערלישן מיידל האָט געטאַנצט פאַר זיינע אויגן און נישט געגעבן אים קיין רו...

— זי איז משיחס כלה... און איז אסור צו מיר... האָט ער געמורמלט אויפן קול, ווען זיק אַזוי אַרום איבערצייגן דעם יצר־הרע, אַז ער זאָל אים לאָזן צורו — זי איז משיחס כלה...

ער איז אַרויס אויפן דעק. אַ קיל ווינטל האָט אים אַ כאַפּ־אַרום געטאָן ווי מיט אַ פייכטער קאָלדרע. דאָס וואַסער פון ים האָט ווי אַ שפּריי־רעגן אים געשפּריצט אין פּנים אַריין. דאָס האָט אים ווי אָפּגעפרישט און אָפּגעקילט דאָס לייב און דעם חשק...

עס איז געוועזן פינצטער אויף גאָטס וועלט. די שיף האָט זיך שטיל געגליטשט איבערן חושכדיקן וואַסער און אין דער דאָזיקער פינצטערניש האָט מען נישט געזען מער ווי די ווייסע אויפגעבלאָזענע זעגלען. ער האָט זיך דערבענטערט צום באָרטן פון דער שיף און אַראָפּגעקוקט אין תהום...

— ווי גרויס זענען דיינע וואונדער, גאָט... האָט ער געמורמלט — און ווער קאָן פאַרשטיין דיינע מעשים... העלף מיר גאָט ביישטיין דעם גרויסן נסיון, איך גיי דאָך דאָ אין אַ הייליקער שליחות, אפשר וועל איך האָבן אַ חלק אין די גרויסע מעשים פון דיין נביא, דיין געזאַלבטן שבתי צבי...

און ער האָט זיך באַרואיקט. די ליידנשאַפט האָט זיך איינגעשטילט, ער איז אַראָפּ צו זיך אין דער קאַיוטע און ווידער זיך אַריינגעלייגט אין בעט, שעפּטשענדיק צוזאַמען מיט דער קריאת־שמע נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל:

— זי איז משיחס כלה...

קאַפּיטל נײַן

די פּייערלעכע חתונה

אַ טיף־בלויער הימל איז געווען אויסגעשפּרייט איבערן שטילן ים, ווען די שיף איז אַרײַנגעשווומען אין האַפן פון אַלעקסאַנדריע. שטראַלן און גין־גאָלדענע פעדעמלעך האָבן פאַרוועבט דאָס בלויע וואַסער פון מיטל־לענדישן ים. די זון האָט אַ צעשמייכלטע, אַן אָפּשפּיגלענדיקע, זיך געבאָדן אין די פולע וואַסערן און צוזאַמען מיט דער זון אין הימל אָנגעגליט די בלויע לופט.

אין אַ ווײַסן קלייד איז שרה געשטאַנען אויפן דעק פון דער שיף, און לעבן איר, כּמעט אָנרירנדיק איר אָרעם, איז געשטאַנען ר׳ יוסף רפאל חלבי, דער סאַראַף פּאַשאַ און געלט־מינצער פון עגיפּטישן כעדיוו. זײַן קויל־שוואַרצע באָרד האָט זיך נגידיש צעלייגט איבער זײַן ברוסט און די אויגן זײַנע האָבן זיך אײַנגעקוקט אין דעם המון מיט מענטשן, וועלכע האָבן אָפּגעוואַרט די פּאַסאַזשירן בײַם האַפן. אַ צופרידענער שמייכל איז געווען אויסגעגאָסן איבער זײַן קײַלעכדיק פּנים, וואָס איז געווען אָפּגעברוינט פון דער זון.

אַ זיסער ציטער האָט אַרומגעקרייזט אין שרהס בלוט, יעדעס מאָל, ווען זי האָט דערזען אַ פרעמדן מאַן מיט אַן אײַנדרוקספולן געזיכט. האָט זי אויפגעצאַפּלט, מיינענדיק אַז דאָס איז שבתי צבי, איר באַשערטער... זי האָט געפלאַטערט ווי אַ זומער־פייגעלע. די רויטע האָר האָבן איר שיין אָפּ־געברוינט פּנימל אַרומגענומען ווי אַ גאָלדענע קרוין.

זי האָט זיך געטוליעט צום פעסט־געבויטן סאַראַף־פּאַשאַ, ווי זוכנדיק שוץ בײַ זײַן מענלעכער שטאַרקייט. מיט אים האָט זי זיך געפילט זיכער, ניִשט פאַרלוירן אין דער דאָזיקער שיינער וועלט.

אין האַפן האָט געקאָכט און געזאָטן. געשרייען און קללות, געוויינען און געלעכטער האָבן זיך אויסגעמישט. שוואַרצע און ווײַסע שקלאַפן האָבן אין שווייס פון זייערע פּנימער אָנגעהויבן אַראָפּלאָדן די געבראַכטע סחורות. אַן אויפזעער איז געשטאַנען מיט אַ לאַנגער בײַטש אין דער האַנט, יעדעס מאָל האָט אַ פּייף געטאָן אין דער לופט אַ סווישטש פון דער דאָזיקער לע־

דערנער בייטש, אַ געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון עמעצנס ברוסט און די אַרבעט איז ווייטער אָנגעגאַנגען. מיטאַמאָל האָט אַן אָרקעסטער אויפגע־שפּילט אַ מאַרש, און אַ ריי פון רייך־אויסגעשלייערטע מיליטער־אָפּטיילונגען האָבן צוגעמאַרשירט צו דער שיף. עס האָבן זיך געהערט אויסרופן לכבוד סאַראַף־פּאַשאַ. אַ הויכער באַאַמטער פון דער רעגירונג האָט זיך דערנענ־טערט צו אים און צולייגנדיק די האַנט פריער צום שטערן, דערנאָך צו דער ברוסט, האָט ער אים פייערלעך באַגריסט.

שרה האָט די שפּראַך נישט פאַרשטאַנען, אָבער זי האָט אַרויסגעפילט, אַז מען גיט אָפּ גרויס כבוד פאַר ר׳ יוסף רפאל חלבי. ער איז אַ וויכטיקער מאַן, אַ האַר, און זי האָט געקריגן נאָך מער אָפּשיי פאַר אים. ר׳ יוסף רפאל חלבי האָט זי אָנגענומען אונטערן אָרעם, כדי אויך זי זאָל הנאה האָבן פון דעם צוגעטיילטן כבוד. דער זעלבער אָפּיציר האָט זי טאַקע אויך אָנגעג־הויבן באַגריסן אויף דער מצרישער שפּראַך און חניפהדיק געשמייכלט צו איר.

ביים מיידל האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט פון איבערגעפולטער פרייד, די אויגן האָבן געגליט און דאָס פּנים האָט געשיינט. זי וואָלט זיך ביי ר׳ יוסף רפאל געוועט געפרעגט, ווו עס איז שבתי צבי, אָבער זי האָט זיך געשעמט דאָס צו טאָן. זי האָט בלויז געפירט איר בליק דאָ אויף דעם און דאָ אויף יענעם.

מיטאַמאָל זענען עטלעכע יונגעלייט אָנגעקומען צו דער שיף און דער־נענטערט זיך מיט גיכע טריט צו ר׳ יוסף רפאל חלבי. זיי האָבן אים באַ־גריסט אויפן אָריענטאַלישן אופן און דערנאָך אויפן יידישן שטייגער גע־געבן אים די האַנט און געזאָגט „שלום עליכם״.

ער האָט זיי פאָרגעשטעלט שרהן און צו איר האָט ער געזאָגט:

— דאָס זענען שבתי צביס נאָענטסטע פריינד — משה פּינהייראַ, שמואל פרימאָ און יצחק סילוויראַ. שבתי צבי אַליין האָט נישט געקאָנט קומען צו דער שיף, ווייל ער איז פאַרטאָן איצט אין לערנען און מ׳האָט אים נישט געקאָנט שטערן.

שרהס אויגן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן. עס האָט איר פאַר־דריקט ביים האַרץ און זי האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען, זי האָט אַפילו נישט געענטפערט אויף דער באַגריסונג פון שבתי צביס

חברים. אַ שוואַרצער שאָטן האָט אַ שוועב־געטאָן איבער איר פּנים, זי האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן און שיער נישט אומגעפאַלן אויף דער ערד.

אַ רייך־אויסגעפּוצטע קאַרעטע איז פאַרפאָרן פאַר זייערע טריט און אַלע זענען איינגעשטיגן אין איר. די פיר ווייסע פערד האָבן אַ צי געטאָן און ווי אַ ווינט זיך אַ לאָז געגעבן איבער די גאַסן פון אַלעקסאַנדריע, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אין דער שטאָט. דער וועג קיין קאַירא איז פאַר שרהן פאָרגעקומען ווי אַ חלום. די אויגן אירע האָבן נישט געוווּסט ווו פריער צו קוקן. זי האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט דער שיינקייט פון דער אַרומיקער פּאַנאָראַמע. די גרינע גערטנער, איינגעטונקען אין ימים מיט שטראַלן, האָבן זיך געצויגן פאַר אירע אויגן גאַנצע שעהן. אין דעם ים מיט גרינס האָבן אַרויסגעקוקט וווּנדערלעכע פּאַלאַצלעך.

דערנאָך זענען זיי געפאָרן לענגאויס דעם טייך נילוס. די וואַסערן פון טייך זענען געווען פאַנטאַסטיש בלוי און ערטערווייז האָבן זיי זיך געגאָל־דיקט און געזילבערט פון די אָפּגעשפּיגלטע זון־שטראַלן. פּישלעך זענען אַלע מאָל אַרויסגעשפּרונגען פון וואַסער, ווי זיי וואָלטן באַגריסט די אָנ־קומענדיקע מלכה. פייגעלעך האָבן געצוויטשערט צווישן די גרינע צווייגן און געזונגען שירה.

שרה איז געווען פאַרזונקען ווי אין אַ חלום. עס האָט זיך איר אויס־געדאַכט, אַז זי האָט שוין ווען־עס־איז די דאָזיקע שיינקייטן ערגעץ־ווו געזען. אפשר ווען זי האָט געחלומט אין אירע נעכט וועגן איר אויסדער־ווײילטן חתן, דעם משיח בן דוד...

ר׳ יוסף רפאל איז געזעסן לעבן איר און ער האָט זיך באַמיט זיין גע־דאַנק מכוון צו זיין אין אַ תפילה צום רבונו של עולם, אָבער פון צייט צו צייט האָט ער זיך פאַרגעסן און מיטן געדאַנק אַראָפּגעבלאָנדזשעט פון דרך הישר. ער האָט געפילט אויף זיין לייב די ברענענדיקע היץ פון שרהס ריזלדיקן בלוט. אין קאָפּ האָט זיך ביי אים פאַרמישט און ער האָט שיער נישט זיין האַנט אויסגעצויגן צו באַרירן אירע צאַפּלדיקע ברוסטן, אָבער מיט דער גאַנצער גבורה פון זיין שטאַרקן ווילן האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן. ער האָט ממש געפילט מיט אַלע זיינע אברים, אַז דאָס מיידל רייצט אים, זי טוליעט זיך צו אים, זי פאַרלאַנגט זיין באַרירונג. אירע אויגן זענען איצט ווי מיט אַ בלויען הויך פאַרצויגן, אירע געדאַנקען זענען ווי מיט אַ נעפּל איינגעהילט און זי ווייסט גאָרנישט וואָס מיט איר קומט פאָר...

די דריי חברים פון שבתי צבי זענען געזעסן שטיל און קיין וואָרט צווישן זיך נישט אויסגערעדט. פון צייט צו צייט האָבן זיי פאַרשעמטע גע־וואָרפן בליקן אויף זייער משיחס אויסדערוויילטער מטרוניתא. זי איז בײ זיי אין די אויגן אויסגעקומען איבערערדיש, עפּעס אַ מלאכיש וועזן. די אומשולד אַליין האָט פון אירע אויגן אַרויסגעקוקט. איר גרינלעך־בלויער בליק האָט זיי באַצויבערט און פאַרכישופט, אייַנשלעפערנדיק זיי אין אַ פאַנ־טאַסטישן חלום.

— אַ הימלישע פּרינצעסין — האָט משה פינהייראָ אַ שעפּטש געטאָן.

— עפּעס נישט דאָוועלטיקס ליגט אויף איר פּנים אויסגעגאָסן — האָט שמואל פּרימאָ צוגעגעבן.

— ווייל איז אונדז, וואָס מיר לעבן אין דערדאָזיקער צייט. צוויי הייליקע פונקען וועלן זיך באַהעפטן און זיי וועלן אָנצינדן דאָס גרויסע פייער פון באַפרייאונג... האָט יצחק סילוויירא ווי אַ פאַרחלומטער געפּליסטערט מיט די ליפּן.

און ר׳ יוסף רפאל האָט געהאַלטן אין איין שעפּטשען פּסוקים פון תהילים, קלוגע רייד פון משלי קהלת. ער האָט זיך געוואָלט פאַרגעסן ווו ער גע־פינט זיך. „הבל הבלים...״ — האָט ער געמורמלט מיט די ליפּן.

און איר פּייער האָט אים געצונדן די אָדערן. ער האָט נאָך אַזאַ גלי נישט איבערגעלעבט קיינמאָל אין זיין לעבן. דער יצר־הרע האָט אים פעסט אַ נעם געטאָן אין דער האַנט אַריין און איינגערוימט אים אין אויער: „האָב הנאה פון הפקר... זי געהערט נאָך דערווייל קיינעם נישט... אַזוי איז דער ווילן פון דער השגחה... וואָרעם פאַרוואָס האָט מען דיך גראָד אויסגעקליבן זי צו ברענגען? קיין שום זאַך ווערט נישט געטאָן סתם אין דער וועלט אַריין... פאַרוואָס האָט גאָט גראָד געהייסן דעם נביא הושע נעמען אַ זונה?... פאַרוואָס האָט דער צופאַל געוואָלט, אַז אַ מיידל פון פּוילן און אַ בחור פון דעם קליינעם האַפן־שטעטל סמירנע זאָלן זיך באַהעפטן? און פאַרוואָס דווקא אַזאַ מיידל, וואָס איז שוין נישט ריין? זעסטו דאָך, אַז אַזוי איז עס באַ־שטימט געוואָרן פון ששת ימי בראשית...״

אַ זיסער שמייכל האָט זיך איבער זיין פּנים פונאַנדערגעגאָסן. די רייד פון יצר־הרע זענען אים געפעלן געוואָרן, זיי האָבן זיך אים געלייגט אויפן שכל. „און טאַקע... ס׳איז דאָך אמת, וואָס זיינע מחשבות האָבן אים נאָר־וואָס אונטערגעזאָגט...״

און ער האָט זיך שוין געהאַט אונטערגעגעבן דעם יצר־הרע און ער האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז הײַנט, די ערשטע נאַכט, ווען זי איז אָנגעקומען קײַן מצרים, אײדער זי וועט ווערן לויטן דין אַנטשפּויזט צו שבתי צבי, איז זי נאָך פרײַלײדיק און ער וועט נישט האָבן באַגאַנגען קײַן עבירה...

ער האָט מיט זײַנע שפּיצן־פינגער זיך צוגערירט צו איר לײַב און איר געגעבן אָנצוגעהערן אויף דער געהײמער שפּראַך, אַז ער איז מרוצה...

שרהס פּנים איז צעפלאַמט געוואָרן און זי האָט אַ צאַפּל־געטאָן מיט גרויס לײַדנשאַפט און חשק... אירע אויגן האָבן אים אָפּגעגאָסן מיט אַ ים פון בלוי־גרינלעכן ליכט, און ער האָט זיך אין דעם דאָזיקן ליכט געבאָדן. עס איז אים גוט געווען און ער האָט געשעפּטשעט אַ תפילה פון דאַנק און לויב.

וועמען דאַנקט ער דאָ און לויבט? — האָט ער זיך פּלוצלינג אַ כאַפּ געטאָן — דעם שטן? ער וועט דאָך אַלע וועלטן פאַרשפּילן, די וועלט און יענע וועלט... ווי איז אים אײַנגעפאַלן צוצוהערן זיך צו אַזעלכע זינדיקע שעפּטשענישן פון יצר־הרע?

אַ טרער האָט אויפגעשפּילט אין זײַנע אויגן, אַ מורא האָט אים דורכגענומען און ער האָט זיך אָפּגערוקט פון דעם רײצנדיקן מײדל. ער האָט זײַנע אויגן גאָר געווענדט אויף דעם בלויען טײַך נילוס און צוגעקוקט זיך, ווי די פישלעך טאַנצן אַרום אין וואַסער און שטעקן אַלעמאָל אַרויס זײערע קעפּלעך. דאָס רײצן זײ זיך מיט אים און מאַכן חוזק. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי זײ וואָלטן צו אים געזאָגט: „זע, ווי פרײַ מיר זענען אין די בלויע וואַסערן, מיר פּאָרן זיך מיט וועלכן פיש־נקבה מיר ווילן. קײנער פאַרבאָט דאָס אונדז נישט, מיר זענען פרײַ...”

חלבי האָט דערפילט, אַז דער יצר־הרע רײַסט זיך שוין אַרײַן אפילו בעת ער בעט צו גאָט, ער זאָל אים מציל זײַן פון אַ זינד... דער יצר־הרע קריגט מער חוצפה... נײן, ער וועט זיך פון אים נישט לאָזן.

מיטאַמאָל, נישט צו וויסן ווען און ווי אַזוי, איז די זון פאַרגאַנגען. פריער האָט אַ בלוטיקע רויטקײט אָנגעפילט די קאַרעטע, ווי זי וואָלט זיך געצונדן אין אַ העליש פײַער, אָבער באַלד איז פינצטער געוואָרן ווי אין אַ זאַק, און דאָס מײדל האָט פאַר שרעק זיך אָנגעכאַפּט אין אים און זיך צוגעטוליעט. זי האָט פּלוצלינג דערהערט דאָס וואָיען פון די שאַקאַלן און אַנדערע ווילדע חיות אַרום אויף די וועגן.

ר׳ יוסף רפאל חלבי האָט זיך דערפילט ווי אין אַ מצודה. דאָס האָט דער שטן אַזוי פלוצלינג פינצטער געמאַכט. עס איז דאָך ערשט געווען גרויסער טאָג... ווי איז דאָס מעגלעך געווען, אַז עס זאָל שוין זיין אַזוי פינצטער? ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם גרויסן נסיון, אָבער באַלד האָט זיך די קאַרעטע אָפּגעשטעלט. זיי זענען געווען פאַרן פּאַלאַץ פון סאראף פּאַשאַ, אין קאַיראָ.

עס איז שוין געווען שפעט ביינאַכט, ווען זיי זענען אָנגעקומען אויפן אָרט. ר׳ יוסף רפאל חלבי האָט זיך גאָרנישט געקאָנט צוגלויבן, אַז עס איז שוין אַזוי שפעט. אָט ערשט נאָר־וואָס איז דאָך געווען ליכטיקער טאָג, די זון האָט אַזוי העל געלויכטן, ער פילט נאָך ממש דאָס שטעכן פון די זון־שטראַלן אין זיינע אויגן, און דאָ איז שוין פינצטערע נאַכט.

נישט אַנדערש, נאָר עפּעס אַ נס איז מיט אים געשען, אַ גוטער מלאך האָט זיך פאַר אים איינגעשטעלט און צוגעיאָגט די שעהן, כדי ער זאָל נישט באַוויזן טיפער אַריינגעשלעפּט ווערן אין דער נעץ פון שטן, ימח שמו.

אַלע פענצטער פון פּאַלאַץ זענען געווען באַלויכטן מיט פיל וואַקסענע ליכט און אייל־בעקנס. אַלע זענען געווען וואַך און אָפּגעוואַרט דעם גרויסן גאַסט, וואָרים מ׳האָט געוווּסט, אַז די שיף קומט היינט אָן.

אויך שבתי צבי איז אַרויסגעקומען פון זיין אָפּגעזונדערטן חדר, ווו ער איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן און געווען פאַרטיפט אין פאַרשידענע ספרים־לעך, פון וועלכע ער האָט געוואָלט געוואָר ווערן דעם סוד פון זיווג.

ער געדענקט נאָך גוט דעם מאמר, אַז דער זיווג פון מאַן קומט פון גאָט; טיילמאָל גייט דער מאַן צו זיין זיווג און טיילמאָל קומט דער זיווג צו אים.

דאָס מאָל איז דער זיווג געקומען צו אים...

ער האָט דעם דאָזיקן טאָג געפאַסט, און מפשפש במעשיו געווען. ער האָט נאָכגעטראַכט, צי איז ער נישט באַגאַנגען אַ שווערע זינד דעמאָלט, ווען ער האָט נאָך דער חתונה מיט דער שיינער רחל פון סמירנע זיך צו איר נישט צוגערירט. צי הייסט דאָס נישט מבייש געווען אַ מענטשלעך וועזן, וואָס דאָס איז אַ גרויסע עבירה.

אויב עס איז יאָ אַן עבירה, האָט ער מיט טרערן אין די אויגן געבעטן ביי גאָט, ער זאָל אים מוחל זיין די זינד. ער האָט עס דאָך נישט געטאָן, ווייל ער האָט זי געוואָלט פאַרשעמען, נאָר ווייל ער האָט זיך געוואָלט ווידמען צו גאָט און צו זיין תורה. ער האָט איינגעטענהט מיט זיך, גלייך ער

וואָלט געהאַט פֿאַר זיך אַ צווייטע פּערזאָן און ער האָט די דאָזיקע פּערזאָן געוואָלט איבערצייגן, אַז ער האָט געטאָן ווי עס איז געווען באַשערט.

ווען ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון ספר אַוועק, האָט ער פּלוצלינג דערזען, אַז עס איז שוין שפּעט ביינאַכט. אפילו קיין ליכטל האָט ער נישט געהאַט אָנגעצונדן אין זיין חדר. ער האָט אַזוי שעהען גאַנצע געטראַכט איינער אַליין אין דער פֿינצטערניש. אַרום איז געווען שטיל, אַ סימן, אַז סאַראַף פֿאַשאַ איז נאָך נישט אָנגעקומען מיט זיין באַשערטער. דערמאָנענדיק דאָס וואָרט „באַשערט“, האָט ער זיס אויפֿגעציטערט. דאָס בלוט האָט ביי אים אָנגעהויבן שנעלער צו ריזלען אין די אָדערן. ער האָט זיך דערפֿילט שטאַרקער און מוטיקער אין זיין ציל.

ער האָט דאָס אויסגעטייטשט, אַז פֿון הימל וויל מען, אַז ער זאָל נישט זיין אַליין. עס איז אַ גרויסע עבירה צו זיין אָן אַ ווייב. מיט דער הילף פֿון זיין ווייב, וואָס איז אַ זיווג צו אים משׁשת ימי בראשית, וועט ער אַ סך קאָנען מתקן זיין...

און אָט האָט ער מיט איינמאָל דערהערט אַ גערויש אינדרויסן. אין אַלע פֿענצטער האָבן זיך אָנגעצונדן ליכט. אויך צו אים איז עמעץ אַריינגעקומען אויף די שפּיץ נעגל, האָט אָנגעצונדן ליכט און אָנגעזאָגט אים דערביי די גרויסע בשורה:

„סאַראַף־פֿאַשאַ מיט זיין ווייטער קרובה איז אָנגעקומען“. די שטובמענטשן האָבן געדאַרפֿט וויסן, אַז זי איז אַ קרובה...

ער האָט אויף שנעל אָנגעטאָן זיין באַליבט ווייס מלבוש, צוגעגלעט זיין ברוין בערדל און ער איז אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן, פּונקט ווי אונדזער פֿאָטער יצחק איז אַנטקעגנגעגאַנגען דער מוטער רבֿקה.

ווען שׂרה האָט דערזען שבתי צבֿין און אויפֿגעכאַפּט זיין פֿאַספֿאַר־גרינעם בליק, האָט זי שיער נישט געחלשט פֿאַר גרויס איבערראַשונג. ער איז געווען נאָך שענער ווי זי האָט זיך פֿאַרגעשטעלט אין אירע חלומות ביינאַכט און אין די טרוימען בייטאָג. זיין בליק האָט זי אינגאַנצן פֿאַרכישופֿט. הענט און פֿיס האָבן איר אָנגעהויבן ציטערן און זי האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען פֿון איר מויל.

מיטן ערשטן בליק האָט זי זיך געפֿילט צו אים צוגעבונדן, גלייך זי וואָלט געווען מיט אים שוין וויפֿל יאָרן צוזאַמען. אויך אויף שבתי צבֿין האָט שׂרה געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכער

צויבער האָט אַראָפּגעשיינט פון איר פּנים און אירע גרינלעך־בלויע אויגן האָבן אים אַזוי געגלעט, אַז ער האָט ממש געפילט, ווי גאָטס חסד גיסט זיך אויס איבער אים. ער האָט געמאַכט עטלעכע שריט פאָרויס, באַגריסט זיך מיט ר׳ יוסף רפאל חלבי און יענער האָט מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויס־געדופן:

— איך האָב דיר געבראַכט דיין זיווג, און זאָל ער עולה־יפה זיין. מזל־טוב, מזל־טוב...

שרה איז רויט געוואָרן, ווי אַ פלאָם־פייער וואָלט איר פּנים אַרומגע־כאַפּט. זי האָט געמאַכט אַ טריט נענטער צו שבתי צבי, די קני האָבן זיך ביי איר אָזש אַ בויג געטאָן פון שרעק צום טרעפן צום ערשטן מאָל אין איר לעבן מיט אַ מאַן, וועלכער דאַרף מאָרגן אָדער איבערמאָרגן מיט איר זיך באַהעפטן כדת משה וישראל...

זיי האָבן זיך אַרומגענומען. בלויז אַ רגע האָט דאָס געדויערט. קיין איין וואָרט האָבן זיי צווישן זיך נישט אויסגערעדט. זייערע הערצער זענען געווען איבערפולט און מ׳האָט נישט געדאַרפט רעדן.

*

סאראף פּאַשאַ האָט נישט געוואָלט צו לאַנג וואַרטן און ער האָט באַ־פוילן, אַז מען זאָל צוגרייטן אַזאַ חתונה, וואָס אין קאַירע האָט מען נאָך דאָס נישט געזען. ער האָט אויך צוגעגרייט פאַר שרהן אַן אויסערגעוויינלעכן סורפּריז, וועגן וועלכן ער האָט נישט געוואָלט רעדן, אין דער לעצטער רגע דאַרף מען וועגן דעם געוואָר ווערן.

צוויי וואָכן צייט האָט מען זיך געגרייט צו דער חתונה. עס זענען געקומען פיל געסט אַנהענגער פון שבתי צבי, וועלכע האָבן זיך געלאָזט קאָסטן פיל געלט, כדי צו פאַרשפּרייטן די אידעע פון שבתי צביס באַוועגונג.

דער פּאַלאַץ פון סאראף פּאַשאַ, וווּ די חתונה האָט געזאָלט פאָרקומען, איז אויסדעקאָרירט געוואָרן אויפסניי. ער האָט געלאָזט אַראָפּברענגען די גרעסטע קינסטלער, וועלכע האָבן זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט באַצייטנס אָפּגעטיילט אַ גרויסע וווינונג פאַר דעם פאָרפאָלק, וווּ זיי וועלן וווינען אַזוי לאַנג ווי לאַנג עס וועט זיך זיי גלוסטן.

עס זענען איינגעקויפט געוואָרן די בעסטע שטאָף און די טייערסטע וויינען און בוימאיילן. די טייערסטע פּערפומען האָט מען צוגעגרייט פאַר דער כלה. זי איז גאַנצע טעג געווען פאַרנומען מיט אָנפּאַסן די קאָסטבאַרע

קליידער, אויסגעשטיקט מיט גאָלד און זילבער. די אַלע קאָסטן האָט אויף זיך גענומען סאַראַף פּאַשאַ. אוצרות מיט געלט האָט ער דערויף אויסגעגעבן. עס איז צוגעגרייט געוואָרן אַזאַ חתונה, וואָס ביי קעניגן זעט מען נישט אַזעלכעס.

— עס איז דאָך עפּעס פאַרן מלך המשיח!... — האָט ער מיט אַ זאַנפטן שמייכל געזאָגט צו זיינע פריינד, וועלכע האָבן זיך געוווּנדערט אויף דער ברייטקייט, וואָס ער ווייזט אַרויס.

שבתי צבי און שרה זענען אָפּגעשיידט געוואָרן איינע פון די אַנדערע אויף דער גאַנצער צייט פאַר זייער חתונה. אַזוי האָט דער חתן אַליין גע־וואָלט און אַזוי האָט זיך אויך געפּאָדערט לויטן דין... זיי האָבן זיך כמעט נישט געזען. פאַר שרהן איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ באַזונדערע וווינונג אין אַ פליגל פון גרויסן פּאַלאַץ.

אויך שבתי צבי האָט גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם גרויסן סורפּריז, וואָס עס וואַרט אויף איר. בלויז איינמאָל, ווען ער האָט זיך מיט איר באַ־געגנט ביי סאַראַף פּאַשאַ אין הויז, האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל, אַז עס דערוואַרט איר עפּעס אַזוינס, וואָס וועט זיין די גליקלעכסטע בשורה פאַר איר.

— די גליקלעכסטע בשורה ביסטו... — האָט זי אים, רויט ווערנדיק, געענטפערט.

יעדן טאָג זענען געקומען געסט פון אַנדערע לענדער און יעדע שיף האָט עמיצן געבראַכט. עס איז אפילו געקומען דער דאָקטאָר ר׳ אברהם אַבולעפיא, וועמען שבתי צבי האָט דערקענט גלייך ווי ער איז אַריינגע־קומען צו אים אין זיין אָפּגעזונדערטן חדר.

— דו ביסט דאָך שוין איינמאָל געווען אַן עדות פון מיין חתונה. זעט אויס, עס איז נישט געווען קיין זיווג מן השמים... געלויבט איז דער השם יתברך, וואָס איצט ביסטו דאָ ווי איינער, וואָס איז שוין אונטער די פליגל פון דער יידישער אמונה...

ר׳ אברהם אַבולעפיא האָט אים אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך, אַ קוש געטאָן אים אין קאָפּ און אָנגעווונטשן מזל־טוב.

עס זענען געקומען פיל געסט פון סמירנע, אויך זיינע עלטערן זענען געקומען און אַ גרויסע פרייד האָט באַהערשט שבתי צבין. טרערן האָבן זיך

אים געשטעלט אין די אויגן און ער האָט געזאָגט ביים באַגריסן זיין פאָטער און מוטער:

— איר האָט פון מיר געהאַט פיל עגמת נפש, אָבער איך צאָל אייך אָפּ כפל כפלים מיט גליק. איצט איז ביי מיר דער גליקלעכסטער טאָג אין לעבן.

דער גאַסט, וואָס ער האָט געדאַרפט זיין דער סורפּריז פאַר שרהן, איז אָנגעקומען דעם לעצטן טאָג פאַר דער חתונה. דאָס איז געווען איר פאָטער ר׳ וואָלף. ער איז געקומען צוזאַמען מיט זיין פריינד ר׳ מעכל.

אויך ר׳ וואָלף האָט נישט געוווּסט, אַז שבתי צביס כלה איז זיין טאָכ־טער... עס איז פאַר אים אַליין אויך געווען אַ סורפּריז. ער איז בלויז געקומען אויף דער חתונה פון זיין גרויסן רבין, אָבער צו טרעפן דאָ זיין טאָכטער, וועלכע איז אָנגעברייט צו ווערן דאָס ווייב פון שבתי צבי, האָט ער זיך נישט געריכט.

ערשט אויפדערנאַכט איז געקומען די גרויסע שמחה. עס זענען שוין געווען פאַרזאַמלט הונדערטער געסט אין פּאַלאַץ פון סאַראַף־פּאַשאַ. עס האָבן געלויכטן הונדערטער ליכט און גאָלדענע בעקנס מיט בוימאייל. די טישן זענען געווען אויסגעשטעלט מיט די פאַרשידנסטע געשמאַקפולע שפּייזן. געבראָטענע רויטע לאַקסן מיט פרישע גרינע סאַלאַטן אַרומגעלייגט האָבן זיך געטונקלט אין לענגלעכע טעלערס. גאַנצע זייטלעך פון געבראָטענע שאָף האָבן זיך געהויפט אין גרויסע שיסלען. צענדליקער פלאַשן פון די בעסטע ווייַנען האָבן געפינקלט אין דעם שיין פון די פיל ליכט. אין יעדן ווינקעלע האָט געשמעקט און דאָס רייכטום האָט געגלאַנצט אומעטום.

דער חתן אַליין איז נישט געווען. ער איז נאָך געווען פאַרבאָרגן אין איינע פון די פיל חדרים אינעם פּאַלאַץ. ער איז געווען פאַרטאָן אין זיינע געהיימע ספרימלעך. קיינער האָט אים נישט געוואָגט איבערצורייסן און שטערן. אפילו זיינע נאָענטסטע חברים האָבן דאָס נישט געטאָן. זיי האָבן זיך נאָר פון צייט צו צייט דערנענטערט צו דער טיר, צוגעלייגט אַן אויער און זיך איינגעהאָרכט וואָס ער טוט דאָרטן. אָבער פון דעם חדר האָט אַרויס־געהויכט שטילקייט און סודותפולקייט. מען האָט קיין שאָרך פון דאָרטן נישט געהערט.

— אפשר איז ער איינגעשלאָפן — האָט משה פינהייראָ אַרויסגעזאָגט זיין השערה — ער שלאָפט שוין נישט עטלעכע נעכט. הייַנט איז ער גע־

גאַנגען עטלעכע מאָל טבילה. ער איז אָפּגעמאַטערט פון דעם אַלעם, ער האָט דאָך שוין עטלעכע מאָל אויסגעזאָגט גאַנץ תהילים און געלערנט אַ סך פּרקים משניות.

— וואָלט מען דאָך געהערט זיין אָטעמען... — האָט שמואל פּרימאַ אָפּגעווענדט — מען הערט דאָך אָבער נישט קיין הויך אפילו.

— עס וואָלט געווען אַ יושר פונדעסטוועגן אַ קוק צו טאָן וואָס ער טוט דאָרט. אפשר, חלילה, איז אים עפּעס געשען. ער איז אַזוי שטאַרק איבערגענומען פון דעם היינטיקן טאָג...

מיטאַמאָל האָט זיך פון דרויסן דערהערט אַ גערודער. זיי זענען אַוועק אַ קוק טאָן, וואָס עס האָט פּאַסירט. פאַר דער טיר איז געשטאַנען אַ קאַרעטע, וואָס איז נאָר־וואָס אָנגעקומען פון אַלעקסאַנדריער האָפן. עס זענען אויס־געשטיגן צוויי מענער. איינער פון זיי איז געווען ר׳ וואָלף און דער צווייטער — זיין נישט צעשיידבאַרער פריינד, ר׳ מעכל. סאַראַף־פּאַשאַ איז זיי אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס. מיט גרויס כבוד האָט ער די צוויי יידן אַריינגעפירט אין איינעם פון זיינע גרויסע זאַלן.. דערנאָך האָט ער אויסגערופן מיט פייערלעכקייט:

— ר׳ וואָלף, איך האָב פאַר אייך אַ געוואַלטיקע נייעס, אָבער איר דאַרפט זיך שטאַרקן און זיין אַ מאַן.

דער פּוילישער ייד איז בלאַס געוואָרן. כאָטש ער האָט נאָך גאָרנישט געוווסט, האָט אים אָבער דאָס האַרץ אונטערגעזאָגט עפּעס אויסערגעוויינ־לעכס. ער האָט צוגעזאָגט צו זיין שטאַרק און אויסגעהאַלטן.

— איך בין שוין אַזוי פיל דורכגעגאַנגען אין מיין לעבן, אַז גאָרנישט וועט מיך נישט רירן — האָט ער געזאָגט מיט אַ טרויעריק קול — איך האָב פאַרלוירן מיין ווייב, מיינעביידע טעכטער, און...

און ר׳ יוסף חלבי האָט אים איבערגעריסן אינדערמיט:

— נישט ביידע טעכטער, נאָר איין טאָכטער...

— גאָט, שטיי מיר ביי אין אַ גרויסער מינוט — האָט ר׳ וואָלף אויס־געשריגן און טרערן זענען אים געבליבן שטיין אין די אויגן — צי ווילט איר מיר זאָגן, סאַראַף־פּאַשאַ, אַז שרהלע לעבט?... איך האָב שטענדיק געפילט, אַז זי האָט זיך ערגעץ געמוזט ראַטעווען, ווייל די מוטער האָט זי שטענדיק געהאַלטן פאַרבאָרגן אין אַ שאַנק, מחמת איר גרויסער שיינקייט. אַ חוץ דעם, ווען איך האָב נאָך מיין אַנטלויפן פון טולטשין אָפּגענומען דעם טרוי־

עריקן גרוס, אַז מיין משפחה איז אומגעקומען, האָט מען מיר דערמאָלט געזאָגט, אַז דאָס זענען געווען מיין פרוי און אַ טאָכטער... און איך האָב דאָך געהאַט צוויי טעכטער...

— יאָ, שרה לעבט... — האָט סאַראַף פּאַשאַ אַ שטראַלנדיקער אויס־גערופן.

—ווּ איז זי?... געפינט זי זיך דאָ הי, אָדער...

— באַלד וועט איר זי זען, ווייל אויף איר חתונה זענט איר דאָך גע־קומען... — האָט ר׳ יוסף רפאל מיט אַ געהיימנישפולער שטים געזאָגט.

— איך פאַרשטיי דאָ גאָרנישט... — האָט ר׳ וואָלף אַ צעפּיר־געטאָן מיט בײדע הענט.

— איר וועט באַלד אַלץ פאַרשטיין — האָט ר׳ יוסף רפאל געזאָגט מיט אַ שמייכל און ער האָט געטאָן אַ ווונק צו איינעם פון זיינע הויז־מענטשן.

ווי אַ מלאך איז אַ שוועב אַריין געטאָן אין זאַל די כלה, אָנגעטאָן אין ווייסן. זי האָט פון גאָרנישט געוווּסט. זי איז געקומען, ווייל סאַראַף־פּאַשאַ האָט זי גערופן, און זיין וואָרט איז ביי איר געווען אַ באַפעל.

זי איז געבליבן שטיין אַ ביסל פאַרשעמט. אין שטוב זענען געווען אַ סך פרעמדע מענטשן. צווישן זיי האָט זי אויך באַמערקט צוויי מענער אין פרעמדער קליידונג, ענלעך אויף דער קליידונג פון פוילישע ייִדן. איר בליק האָט זיך אַ ווייל פאַרהאַלטן אויף זיי און מיטאַמאָל האָט אַ געשריי זיך אַרויס־געריסן פון איר ברוסט:

— טאַטע!...

און זי איז אריינגעפאַלן אַ פאַרחלשטע אין זיינע אָרעמס.

— אָרים קינד מיינס... — האָט ר׳ וואָלף געהעשעט מיט אַ שטיל גע־וויין, וואָס האָט אויסגעריסן דאָס האַרץ. ער האָט שוין נישט געגלויבט, אַז ער וועט זיין טאָכטער אַמאָל זען, און איצט זעט ער זי אין אַזאַ כבוד און רייכטום, זי איז אַ כלה פון שבתי צבי...

ער האָט אַ לאַנגע צייט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן. ער האָט אַ צעטומלטער זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, געקושט זיין שיינע טאָכ־טער און גערעדט ווערטער אָן אַ צוזאַמענהאַנג. ער האָט אָנגעהויבן כליפּען ווי אַ קליין קינד.

אַלע אַרום האָבן געוויינט פון גרויס געריר טקייט. טרערן פון פרייד האָבן זיך געגאָסן פון אַלעמענס אויגן און הענט האָבן זיך געצויגן צו ר׳ וואָלפן

און אים געוווּנטשן מזל־טוב. זיין פריינד ר׳ מעכל האָט געיאָמערט ווי אַ קליין קינד.

ווען שרה איז צו זיך געקומען, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן ר׳ יוסף רפאל חלבי צו די פיס, זיך צעיאָמערט אויפן קול און געזאָגט:

— דו ביסט מיין רעטער און וווילטוער שוין צום צווייטן מאָל, מיין האַר... האָסט מיר געבראַכט מיין באַשערטן און האָסט מיר אָפּגעגעבן מיין טייערן פאָטער...

ר׳ וואָלף האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן פון זיין טאָכטער. ער האָט זי ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל געכאַפּט אין זיינע אָרעמס און גע־יאָמערט ווי אַ קליין קינד.

— מיין איינציק טעכטערל, מיין איינציקע אויף דער וועלט... איך האָב שוין נישט געגלייבט דיין פּנים מער צו זען, און איצט האָסטו מיר, אַ חוץ וואָס איך זע דיך ווידער פאַר מיינע אויגן, אַזוי פיל נחת פאַרשאַפט. געבענטשט זאָלסטו זיין מיט דיין זיווג און איר זאָלט זיך עלטערן אין פריידן. מסתמא איז אַזוי געווען דער ווילן פון גאָט. אָבער ווו איז מיין רבי?...

משה פינהייראָ האָט זיך אויך אַ כאַפּ געטאָן... זיי זענען דאָך פריער געווען הינטער זיין טיר און האָבן אַפילו קיין שאָרך נישט געהערט... זיי זענען בלויז אַהערגעקומען אויס נייגעריקייט, ווען זיי האָבן געהערט איינ־דרויסן אַ גערודער. ער מיט שמואל פרימאָ זענען דעריבער איצט צוריק אַוועק הינטער דער טיר פון זייער רבין זען, וואָס דאָרט טוט זיך.

זיי זענען ווידער געשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע הינטער דער טיר, און ווען זיי האָבן אויך איצט גאָרנישט געהערט, האָבן זיי שטילערהייט אָפּגע־לענט די טיר און זיי האָבן מיט דערשטוינונג געזען דאָס פאָלגנדיקע בילד:

שבתי צבי איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד, שטום און אומ־באַוועגלעך, גלייך ער וואָלט נישט געלעבט. אָבער מ׳האָט בפירוש געזען ווי זיין קערפּער באַוועגט זיך אַראָפּ און אַרויף. אַ סימן, ער לעבט.

— רבי, אַ גרויסער גאַסט איז געקומען, און אַ חוץ דעם איז שוין נאָך שקיעת החמה... באַלד וועט מען גיין צו דער חופּה... — האָט שמואל פינ־הייראָ, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף שבתי צבי, שטיל צו אים געשעפּטשעט.

שבתי האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן פון דער ערד. די אויגן זיינע זענען געווען רויט און טרערן זענען גערונען איבער זיינע באַקן.

— דאָס זענען ערנסטע רגעס איידער מען גייט צו דער חופה... — האָט ער געזאָגט אין אַ שטיל קול. — אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט, אַז אַ מאַן, וועלכער האָט נישט קיין ווייב, איז קיין מענטש נישט, ווייל עס שטייט געשריבן: זכר ונקבה בראם. אַ זכר און אַ נקבה האָט ער זיי באַשאַפן, און דעריבער האָט גאָט זיי אָנגערופן א ד ם... — אַ מענטש.

די צוויי חברים, וועלכע זענען געקומען נאָך שבתי צבי, האָבן מיט גרויס ערפורכט זיך איינגעהערט אין די רייד פון זייער רבין און יעדעס וואָרט זיינס איז פאַר זיי געווען הייליק. זיי האָבן אַריינגעלייגט פיל רמזים אין זיינע רייד, זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז שבתי צבי האָט מיט דעם דאָזיקן מאמר אוודאי געמיינט עפּעס אַ גרויסן ענין, וועלכן זיי פאַרשטייען נאָך דערווייל נישט, אָבער מיט דער צייט וועלן זיי תופס זיין, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן.

ווען זיי זענען אַרויס אינדרויסן, האָט אַ רויטע לבנה זיך אויפגעהויבן פון האָריזאָנט און געוואָרפן אַ מיסטעריעז־פאַנטאַסטישע שיין איבער דער וועלט. די הויכע טונקל־גרינע ציפּריסן און די שלאַנקע פּאַלמעס, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם פּאַלאַץ, זענען געשטאַנען ווי פאַרחלומט און געבאָדן זיך אין דער פּורפּור־שיין פון דער אויפגייענדיקער לבנה.

משה פינהיירא און שמואל פּרימאָ האָבן דעם חתן געפירט אונטער די אָרעמס, זייערע טריט האָבן קוים־קוים אָפּגעהילכט אין דער ביינאַכטיקער שטילקייט. אָבער וואָס ווייטער זיי זענען געקומען, אַלץ מער האָבן זיך געהערט די קולות פון די הונדערטער געסט.

מיטאַמאָל האָט אַ שאַל־אויף געטאָן אַ קאַפּעליע פון פידלען און טראָמפּייטן. דאָס האָבן די קלעזמאָרים באַמערקט פון דערווייטנס אָנקומען דעם חתן און זיי האָבן אים אַזוי אַרום מקבל־פּנים געווען.

שבתי צבי האָט געטראָטן מיט בנעימותדיקע טריט; אָנגעטאָן אין זיינע ווייס־זיידענע קליידער, האָט ער אין דער גרינלעכער שיין פון דער לבנה, וואָס איז שוין געהאַט אַרויסגעקומען אויפן בלויען הימל, אויסגעזען ווי אַ געטלעכער מלאך. זיינע פאָספאָר־גרינע אויגן האָבן געלויכטן פונקט ווי די שטערן אויבן און עס האָט זיך געדאַכט, אַז צוויי גרינע שטערנדלעך האָבן אַראָפּגענידערט אויפן באַפּעל פון זייער באַשעפער און זיי באַגלייטן זיין מלך המשיח צו דער חופה.

אַ סך געסט, מיט ר׳ יוסף רפאל אין דער שפּיץ, זענען אים אַנטקעגנ־געגאַנגען און צוגעפּליעסקעט מיט די הענט צום טאַקט פון דער מוזיק. פון זייערע העלדזער האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געזאַנג, וואָס האָט דערגרייכט ביז די בלוי־גרינע שטערן אויבן אין הימל.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין גרויסן ליכטיקן זאַל, ווו די אויסגע־שלייערטע געסט זענען שוין געווען פאַרזאַמלט, האָט שבתי צבי אַזש די אויגן געמוזט פאַרמאַכן, אַזוי פיל ליכטער האָבן אויף אים אַ פלייץ געטאָן. דאָס פּנים זיינס איז געווען בלאַסלעך און פון זיין פּנים האָבן אַרויסגעגליט די אויגן מיט זייער גרינלעכער שיין. אַ געשעפּטש איז אַדורך איבערן גאַנצן זאַל:

— וואָס פאַר אַ שיינער! וואָס פאַר אַ מאַגנעטישע קראַפט עס זיצט אין דעם דאָזיקן מאַן! דאָס האַרץ הייבט דאָך אָן קלאַפּן, ווען ער שטעלט אָן אויף עמעצן זיין בליק...

מיידלעך און יונגע פרויען האָבן זיך איינגעגעסן אין אים מיט זייערע אויגן און נישט געקאָנט אָוועקרייסן זייערע בליקן פון דעם דאָזיקן פאַר־געטערטן מאַן.

אין אַ ווינקל איז אויף אַ טראָן געזעסן די כלה, אָנגעטאָן אין איר ווייס־שוימיקן קלייד און מיט אַ ווייסן וואַל דאָס פּנים איבערגעדעקט. דורך דעם וואַל האָט מען געפילט איר בלוילעך־גרינעם בליק, וואָס איז געווען פול מיט פייער און פלאַם. זי האָט די אויגן נישט אַראָפּגענומען פון איר באַשערטן, וועגן וועלכן זי האָט אַזוי לאַנג געחלומט און ענדלעך איז איר חלום מקוים געוואָרן...

זי האָט אינגאַנצן געצאַפּלט פון אומרו און דערוואַרטונג. זי האָט זיך פאַר עפּעס געשראָקן און דאָס האָט געמאַכט איר האַרץ אויפציטערן יעדעס מאָל, ווען זי האָט זיך דערמאַנט, אַז באַלד וועט זי בלייבן מיט אים אַליין און זיי וועלן באַהאַפטן ווערן אויף אייביק...

— וואָס וועט ער זאָגן דערצו, ווען ער וועט געוואָרן ווערן, אַז מיין יונגפרוישאַפט האָב איך עמעצן אַנדערש אָפּגעגעבן... — האָט זי געטראַכט.

אַ היץ האָט זי אַרומגענומען און זי איז געווען נאָענט פון חלשות.

אָבער באַלד האָט זי זיך געטרייסט: האָט דאָך איר ר׳ אברהם פּראַדאָ געזאָגט, אַז עס איז אַזוי באַשערט פון גאָט. ווייל אַזוי איז אויך געשען מיט אַ נביא, ווען גאָט האָט געהייסן חתונה האָבן מיט אַ זונה...

ביים ברענגען אויפֿן געדאַנק דאָס דאַזיקע וואָרט „זונה", האָבן זיך איר טרערן געשטעלט אין די אויגן, און זי האָט פּלוצלינג פֿאַרוואָרפֿן מיטן קאָפּ.

— די כּלה חלשט! — איז געוואָרן אַ געוואָלט און מענטשן זענען צוגע־לאָפֿן זי מינטערן. עס איז אויך צוגעקומען דער געוועזענער גריכישער דאָקטאָר און איצט דער גר צדק, ר׳ אברהם אַבולעפֿיאַ.

ער האָט זי באַטראַכט, געהייסן דעם עולם זיך פֿונאַנדערגיין און אַליין האָט ער איר אין מויל דערלאַנגט עטלעכע טראָפּנס פֿון עפּעס אַ רפֿואה, וואָס ער האָט פֿון זיין קעשענע אַרויסגענומען. זי האָט געעפֿנט די אויגן.

— דאָס איז פֿון צו גרויסער אויפֿרעגונג... — האָט ער געזאָגט צו די מקורבים און ער האָט אַלעמען באַרואיקט.

שבתי צבֿי איז צוגעפֿירט געוואָרן צו ר׳ וואָלף. זיי האָבן זיך בײדע אַרומגענומען אין שטומען שטילשווייגן. טרערן האָבן זיך פֿון זייערע ביידנס אויגן געגאָסן שטראָמענווייז. זיי האָבן געהאַט צו פֿיל צו רעדן און דעריבער האָבן זיי גאָרנישט גערעדט.

ר׳ וואָלף האָט זיך געפֿילט דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט, ער האָט גאָר געטראַכט איצט וועגן זיין ווייב אסתּר, וועלכע האָט צו דעם גרויסן נחת נישט דערלעבט. נאָר ווייזט אויס, האָט ער געטראַכט, אַז עס איז נישטאָ קיין גוטס אָן שלעכטס... ביידע זאַכן גייען שטענדיק געפּאָרט. נאָך דער גרויסער שחיטה אויף יידן אין פּוילן איז געקומען איצט דער דערלייזער און גייט אויפֿריכטן דאָס יידישע פֿאָלק. האָט דאָך גאָט, ווען ער וויל, גע־קאָנט אויסמיידן די דאָזיקע שחיטות! ווייזט אָבער אויס, אַז אַזוי מוז זיין...

אויך שבתי צבֿי האָט איצט געטראַכט וועגן דעם גורל פֿון מענטש, ווי מיסטעריעז עס זענען די וועגן פֿון מענטשלעכן וועזן און ווי סודותדיק עס זענען די מעשׂים פֿון גאָט.

אין דער רגע זענען צוגעקומען שבתי צבֿיס עלטערן צו זייער מחותּן, ר׳ וואָלף, און נייע ווינטשעוואַניעס האָבן זיך אָנגעהויבן, און פֿרישע טרערן זענען פֿאַרגאָסן געוואָרן, טרערן פֿון פֿרייד אויסגעמישט מיט טרערן פֿון טרויער.

— מיר גייען צו דער חופּה!... — איז געקומען דער באַפֿעל פֿון ר׳ יוסף רפֿאל חלבי, וועלכער איז איצט אַרויסגעקומען אין זיינע ווייסע מיט גאָלד

אויסגעשטיקטע קליידער און מיט אַ ווייסן טורבאַן אויפן קאָפּ, געפּוצט אין בלוי און מיט זילבערנע פּעדים.

שבתי צבי איז דער ערשטער אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן גרויסן הויף פאַרן פּאַלאַץ, אין אין דער אַלעע פון הויכע ציפּריסן און פּאַלמען מיט פּאַר־שידענע בלומען ביי די זייטן איז געשטאַנען אַ חופה און געוואַרט אויף חתן־כלה.

אַ ים מיט ליכט אין די הענט פון די געסט האָט באַלויכטן דעם וועג, וואָס איז אַזוי אויך געווען באַגאָסן מיט לבנה־שיין. די געשמאַקפולסטע ריחות האָבן אָנגעפילט די לופט. די מוזיק האָט אויפגעשפּילט אַ מאַרש און מ׳האָט שבתי צבין אַרונטערגעפירט אונטער דער חופה. די עלטערן האָבן זיך געשטעלט פון איין זייט און ר׳ וואָלף און זיין פריינד מעכל פון דער אַנדערער זייט, און פון ווייטן האָט מען שוין געזען פירן די כלה.

מיט פּאַמעלעכע טריט האָט זי געשפּרייזט, אַ געפירטע אונטער די אָרעמס. די אויגן אירע האָבן אַפּערגעקוקט פון אונטערן וואַל. דאָס לאַנגע ווייסע קלייד האָט געשורשעט אויף דער ערד און די טייערסטע ריחות פון פּאַר־פומען און געווירצן האָבן זיך געשפּרייט אַרום איר, בין מ׳האָט זי צוגעפירט צו דער זייט פון שבתי צבי.

ר׳ יוסף רפאל חלבין איז געגעבן געוואָרן דער כבוד מסדר קידושין צו זיין. מ׳האָט אים אָנגעגאָסן אַ גרויסן גאָלדענעם בעכער מיט ווין און ער האָט אָנגעהויבן זאָגן די ברכות. אַ שטילקייט האָט געהערשט אַרום, קיינער האָט דעם אָטעם אַפילו נישט געוואַגט אַ ציִ צו טאָן. די פלעמלעך פון די הונדערטער ליכט האָבן געצאַפּלט און געצויגן זיך צום הימל.

שבתי צבי האָט מיט אַ שטיל קול מקדש געווען שרהן כדת משה וישראל און אַ הויכער אויסגעשריי פון מזל־טוב האָט פּאַרטויבט די אויערן. פריי־לעכע טענער האָבן אַ שאַל־געטאָן און אויפגעטרייסלט די לופט. שרה האָט זיך לייכט צוגעטוליעט צום אַקסל פון איר באַשערטן. אַ הייסער שוידער איז אַדורך זיין גאַנצן קערפּער און ער האָט אַ מורמל געטאָן:

— ביסט מיין געליבטע כלה, דיין פונק האָט זיך איצט אָנגעצונדן אין מיין פונק, און אַ גרויסער פלאַם וועט אויפפלאַקערן און וועט ברענגען צו דער באַפרייאונג פון דער וועלט...

— כ׳האָב געחלומט פון דיר בייטאָג און ביינאַכט זינט יאָרן לאַנג, מיין געליבטער... און ענדלעך האָט גאָט אונדז צוזאַמענגעברענגט, זאָל דאָס

זיין אַ סימן, אַז די טעג פון דער גאולה זענען אָנגעקומען, ווייל עס איז אויסגעלייזט געוואָרן מיין נשמה... מיין זינדיקע נשמה... — און אַ שטראָם טרערן האָבן זיך איר אַ גאָס געטאָן פון די אויגן.

מ׳האָט זיי דורכגעפירט איבער דער גאַנצער אַלעע פון שמעקעדיקע בלומען און ביימער אין זייער יחוד־שטיבל, וווּ מ׳האָט זיי איבערגעלאָזט אויף אַ שפּאַרער ווײַלע אַליין.

— איך בין דאָס גליקלעכסטע באַשעפעניש אויף דער וועלט... — האָט זי געשעפּטשעט מיט אַ בלוי פּיירל אין די אויגן. אירע ליפּן האָבן זיך באַ־האָפטן מיט זיינע, און זייער קוש האָט זיי פאַראייניקט אין איין וועזן.

און פאַר שרהן האָבן זיך אָנגעהויבן טעג פון אויסערגעוויינלעכער פרייד. זי איז ממש וואַנזיניק געווען פון איבערגעפולטן גליק. זי איז גע־שפּרונגען ווי אַ יונגע ציג אויף אַ גרינעם פעלד מיט גראָז באַוואַקסן. זי האָט זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש מיט איר מאַן, וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יונג בחורל און ער האָט אפשר צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געלאַכט. אויף גאַנצע טעג פלעגן זיי פאַרפאַלן ווערן און מ׳האָט זיי געדאַרפט אַרומזוכן.

זיי האָבן זיך פשוט געבאָדן אין גליק אויף גאָטס פּרעכטיקער וועלט און געגאָסן פון אַלע פאַרגעניגנס. זי האָט געשריגן אויף איר קלינגענדיקן קולכל און גערופן אים פון איר באַהעלטעניש און ער איז אַרומגעלאָפן זי זוכן.

אָבער טיילמאָל פלעגט טרעפן, אַז ער איז געבליבן שטיין אינמיטן פעלד אַ פאַרטראַכטער, די אויגן זיינע האָבן זיך צעגליט מיט אַזאַ ברענענדיק גרין פּיירל, אַז שרה האָט זיך פאַר אים דערשראָקן און זי האָט אָנגעהויבן וויינען פאַר אים ווי אַ קליין קינד און געפּיעשטשעט זיך פאַר אים. ער האָט זי לייכט אָפּגעשטויסן פון זיך, גאָרנישט זאָגנדיק איר און ווייטער אַזוי געשטאַנען און פאַרטיפט זיך אין עפּעס געהיימנישפולע געדאַנקען, וואָס האָבן שרהן געשראָקן.

איינמאָל האָט שבתי צבי זי פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן:

— ווער איז געווען דיין ערשטער געליבטער?...

די דאָזיקע פראַגע איז געקומען אַזוי אומגעריכט פאַר איר, אַז זי איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטע און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך צעוויינט און געפאַלן אויף זיין האַלדז, פּייכט

געמאַכט זיין פּנים מיט אירע טרערן. ער האָט זי געגומען אויף זיינע הענט און זי אַהיימגעטראָגן צו זיך אין צימער. דאָרט איז ער מיט איר פאַרבליבן אויף שעהען לאַנג, און קיינער האָט אים נישט געקאַנט זען.

נאָך אַזאַ געשעעניש פלעגט שרה אַרויסקומען אַ גליקלעכע, דאָס פּנים האָט איר געשיינט ווי זיבן זונען און די בלוי־גרינלעכע אויגן האָבן גע־פינקלט מיט נצחון.

אויך שבתי צבי איז אַרויסגעקומען אַ געטרייסטער, שעפּטשענדיק צו זיך אַליין מיט די ליפּן:

— פּונקט ווי איך האָב איר פאַרגעבן די זינד, אַזוי זאָל גאָט פאַרגעבן די זינד פון גאַנצן פאָלק ישראל...

און ער איז געווען פריילעך, גערעדט מער ווי שטענדיק צו זיינע חברים. משה פינהייראָ איז פון אים נישט אָפּגעטרעטן, כסדר זיך מיט אים געסודעט און עפּעס אַריינגערעדט אין אים. אינמיטן אַזאַ פאַרטרוילעכן שמועס זענען אויך צוגעקומען שמואל פּרימאָ און יצחק סילווייראַ. זיי זענען אַלע פיר אַוועק ווייט הינטער דער שטאָט און האָבן אַרומגערעדט זייערע וויטערדיקע פּלענער.

— איצט איז געקומען די צייט פון דיין נתגלה ווערן — האָט משה פינהייראָ פאַרעקשנט געטענהט צו אים — דיין געמיט איז איצט באַרואיקט, דיין זיווג איז דיר דורך גאָט צוגעשיקט געוואָרן. איצט איז געקומען די ריכטיקע צייט אַרויסצוקומען אָפן פאַר דער וועלט און דערקלערן פאַר אַלע־מען, פאַר יידן און פאַר גויים, אַז די טעג פון אויסלייזונג פאַרן יידישן פאָלק זענען אָנגעקומען און מען דאַרף אָנהייבן אין גרויסע מאַסן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל...

— ניין, איך דאַרף נאָך וואַרטן — האָט שבתי צבי טרויעריק אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ און אַ זיפץ געטאָן, — איך דאַרף נאָך אַרומפאָרן אַ צייט איבער דער וועלט, וועקן דאָס געוויסן ביי די רייכע יידן, וועלכע ווילן פון זייער טאָפּ פלייש אין גלות נישט אָפּטרעטן. אַ סך סאַראַף פּאַשאַס זענען אין דער וועלט נישטאָ. יידן זענען צוגעוווינט געוואָרן צו דערנידערונגען, אָבי זיי האָבן דאָ־וועלטיקע פאַרגעניגנס לרוב... איך דאַרף נאָך עטלעכע יאָר זיין נע־ונד. איך וויל פאָרן אין דער וועלט, נישט געבן זיך צו דער־קענען פאַרן עולם, נאָר פרעדיקן פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. יאָ, טיילמאָל

דאַרף מען די פרייהייט אַרויפצווינגען אויפן מענטש, וועלכער איז אין דער טבע אַ שקלאַף...

— טאָ ווען?... ווען?... האָט שמואל פרימאָ צעפירט אין אוממעכטי־קייט זיינע הענט.

— איך האָב אַנומלט געלייענט אַ ספרל, — האָט שבתי צבי געענטפערט מיט אַ סודותפולער שטימע, — און דאָרט האָב איך געזען, אַז אין יאָר ה׳ תכ״ו (1666) דאַרף זיך אָנהייבן די גאולה... אַפילו אין די קריסטלעכע ביכער וואָס איך האָב געלייענט, רעדט זיך, אַז אין יאָר 1666 דאַרף זיך באַווייזן זייער משיח ישו הנוצרי. פאַרשטייט זיך, אַז זיי טראַכטן פאַלש וועגן דעם, אָבער אַ סימן איז עס, אַז דאָס יאָר איז באַצייכנט אַלס די צייט, ווען די זון פון פרייהייט וועט אויפשיינען פאַרן פאָלק ישראל און פאַר דער גאַנצער וועלט...

— ווער וועט האָבן געדולד אַזוי לאַנג צו וואַרטן?... — האָט שמואל פרימאָ אין פאַרצווייפלונג אויסגערופן און עס האָט אים באַלד באַנג געטאָן פאַרוואָס ער ווייזט אַרויס אומגלויבן און דערמיט טוט ער ווי זיין גרויסן חבר שבתי צבי.

— אויב דאָס איז דער ווילן פון גאָט, וועט דאָס פאָלק מוזן וואַרטן, — האָט שבתי צבי מיט אַ ביסל פאַרדראָס אין זיין קול אויסגערופן. — מיר וואַרטן שוין אַזוי פיל הונדערטער יאָרן, וועלן מיר וואַרטן נאָך עטלעכע יאָר. איך האָב נאָך פיל מתקן צו זיין, איידער די בשורה וועט אַרויסגעשיקט ווערן איבער דער וועלט...

אויך משה פינהיירא האָט געהאַלטן מיט שבתי צבי און ער האָט זיך אָנגערופן נאָך אַ לענגערער ווײַלע שטילשווייגן:

— די גאולה טאָר מען נישט צווייפלען, זי וועט קומען אין דער צייט, וואָס איז באַשטימט פון דער השגחה. ווייסט מען דאָך וואָס פאַר אַ סוף עס האָט געהאַט דער שבט אפרים, ווייל זיינע קינדער האָבן געוואָלט צוויילן די גאולה...

יצחק סילוויירא האָט געשוויגן. עס האָט אים ווי געטאָן דאָס האַרץ, פאַרוואָס מען ציט אַרויס די נשמה ביים פאָלק, וואָס לעכצט נאָך פרייהייט. איין וואָרט ווען מען גיט איצט אַ זאָג, וואָלטן הונדערטער טויזנטער נאָכ־געגאַנגען. מען דאַרף אויסנוצן דעם מאָמענט, האָט ער געהאַלטן. אָבער ער וועט זיך דאָך נישט גיין אַנטקעגנשטעלן זיין רבין.

לאַנג האָבן זיי שפּאַצירט און געשמועסט, מתוכח געווען זיך וועגן די ענינים, אין וועלכע זיי האָבן געגלייבט באמונה שלימה. די זון האָט זיך שוין געהאַט אַ קער געטאָן מער צו מערב־זייט, די שאָטנס פון זייערע פיר געשטאַלטן האָבן זיך אויסגעצויגן משונהדיק לאַנג און זענען געגאַנגען פאָראויס פון זיי. זייערע פּנימער זענען אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט דער רויט־קייט פון דער שקיעה.

שבתי צבי האָט זיך פאַרטראַכט איבער עפּעס און קיינער האָט אים נישט געוואָגט איבערצושלאָגן זיינע געדאַנקען. זענען זיי אַלע פיר געגאַנגען אין אַ שווערן שטילשווייגן, ביז זיי זענען אַריינגעקומען צוריק אין שטאָט. די זון איז שוין געהאַט פאַרגאַנגען, אַ פינצטערניש האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, זי איז אָנגעקומען פון אַלע זייטן און איינגעהילט די גאַנצע וועלט.

ווען זיי זענען צוגעקומען נאָענט צו סאַראַף פּאַשאַס פּאַלאַץ, האָבן זיך געהערט פון דאָרט שטאַרקע געלעכטערס. איינער דעם אַנדערן האָט זיך באַמיט איבערצושטייגן. מען האָט גערעדט הויך און פון צייט צו צייט האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג. ווען זיי זענען צוגעקומען הינטער די פענצ־טער, האָבן זיי דאָרט דערזען אַ גרויסן עולם פון יונגע מענטשן. שרה איז געווען די, וועלכע האָט מיט דער דאָזיקער פריילעכער מסיבה אָנגעפירט. שבתי צבי האָט זי גאָרנישט דערקענט. ער האָט זי נאָך אַזאַ פריילעכע נישט געזען. דאָס פּנים איז ביי איר געווען צעפלאַמט, די אויגן האָבן גע־שיינט ווי די שטערן אין הימל. זי האָט אַרומגעשוועבט צווישן די געסט, מענער און פרויען, אַלע אָנגעטאָן אין די טייערסטע קליידער.

אַ שאָטן איז פאַרביי־געפלויגן אויף שבתי צביס פּנים. ער האָט אָבער געשוויגן און גאָרנישט רעדנדיק, האָט ער איבערגעטראָטן די שוועל.

דערזעענדיק מיט אים זיינע דריי חברים, איז שרה צו אים צוגעלאָפן אַ צעפלאַמטע. אָן שום בושה האָט זי אים אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און אויסגערופן מיט אַן איבערגעטריבענעם געלעכטער:

— מיין מאַן, מיין משיח, מיין באַפרייער ...

און זי האָט אים אַ קוש געטאָן אין די ליפּן פאַר אַלעמען אין די אויגן.

ער האָט געפילט, אַז זי האָט געטרונקען אַ סך וויין. ער האָט זי עטוואָס אָפּגעשטויסן פון זיך, איינגעמענדיק זי מיט שטילע רייד און געזאָגט:

— שרה, אַ יידישע טאָכטער טאָר קיינמאָל נישט זיין אַזוי פריילעך. שטענדיק דאַרף מען אין זינען האָבן דעם חורבן פון בית־המקדש און אַז מיר זענען אין גלות.

עס איז אַריינגעקומען ר' יוסף רפאל חלבי, אָנגעטאָן אין זיינע יום־טובדיקע מלבושים, דאָס פּנים האָט ביי אים געשיינט פון גרויס גליק און ער האָט אַ פּאַטש געטאָן מיטביידע הענט עס זאָל ווערן שטיל.

— איך האָב פאַר שבתי צבי און פאַר אייך אַלעמען אַ גרויסע בשורה, — האָט ער אויסגערופן מיט אַ שיינענדיק פּנים, — אברהם היכיני איז נאָר וואָס געקומען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער וויל זיך זען מיט שבתי צבי, ער האָט אים עפּעס זייער וויכטיקס איבערצוגעבן.

עס איז אַנטשטאַנען אַ געזשום. אַלע האָבן אָנגעהויבן רעדן. שבתי צבי איז געוואָרן אויפגעהייטערט, זיינע אויגן האָבן אַ בליאַסק געטאָן מיט גרויס צופרידנקייט און ער האָט זיך אויפגעשטעלט.

מיט פּאַמעלעכע טריט איז אַריינגעקומען אברהם היכיני. אַ גליקלעכער שמייכל איז געווען אויסגעגאָסן איבער זיין קיילעכדיקן פּנים. ער איז צו־געגאַנגען צו שבתי צבי, אים אַרומגענומען און געקושט אים אין די באַקן און געזאָגט:

— מזל טוב צו דיר און צו דיין כלה און צום גאַנצן פאָלק ישראל, אמן!...

— וואָס האָט דיך פלוצלינג אַהערגעברענגט, מיין טייערער פריינד? — האָט שבתי צבי נאָך דער ערשטער פרייד אים אַ פרעג געטאָן אין אַ ווינקעלע.

— גרויסע זאַכן געשעען אין אייראָפּע און דו האָסט זיך אַוועקגעזעצט אין מצרים — האָט ער אין אַ טאָן פון מוסר אָנגעהויבן, — דאָס פאָלק בענקט נאָך דיר און וויל דיך זען.

— איך ווייס, מיין פריינד, — האָט שבתי צבי אים געענטפערט, — איך האָב וועגן דעם טאַקע שוין געשמועסט מיט מיינע גבירים. איך וויל אַוועקפאָרן פון דאַנען, איך וויל זיין אין ארץ־ישראל, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אין מיין היימשטאָט סמירנע...

אברהם היכיני האָט אים דערויף געענטפערט:

— זיי וויסן, אַז דיין געדאַנק צוריקצופאָרן קיין סמירנע געפעלט מיר, בפרט, אַז דיין געוועזענער רבי, ר' יוסף אישקפּא, לעבט שוין נישט. ער

איז געשטאָרבן מיט עטלעכע וואָכן צוריק און אויף דיין וועג איז מער קיין שטערונג נישט פאַראַן...

דערהערנדיק די דאָזיקע טרויעריקע ידיעה, האָבן טרערן זיך געשטעלט אין שבתי צבים אויגן און ער האָט שטיל אויסגערופן:

— מיין נישט, אַז אַ פריילעכע בשורה האָסטו מיר אָנגעזאָגט. איך האָב מיין רבין, ר׳ יוסף אישקפא, זייער שטאַרק ליב געהאַט, איך האָב אים צו פאַרדאַנקען מיין גאַנץ וויסן אין קבלה, און כאָטש ער האָט מיך געלייגט אין חרם אַריין, בין איך זיכער, אַז זיין האַרץ איז דערביי נישט געווען. ער האָט זיך נישט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן די אַנדערע רבנים, וועלכע זענען צו אים עקשנותדיק צוגעשטאַנען... ווי איז צו אונדז, וואָס מיר האָבן פאַר־לוירן אַזאַ גרויסן צדיק.

אַלע האָבן שטילגעשוויגן אויף דעם דאָזיקן אויסדרוק פון טרויער. זיי האָבן בלויז געוואָרפן בליקן אויף שבתי צבי און באַוווּנדערט זיין ער־לעכקייט, וואָס ער געפינט אַ גוט וואָרט פאַר איינעם, וואָס האָט אים פאַר־שאַפט אַזוי פיל פיין און יסורים.

דער עולם האָט באַלד ווידער אָנגעהויבן זיך צו פאַרווילן און שרה האָט אַרומגעשוועבט ווי אַ זומער־פייגעלע אין איר ווייס־שוימיקן קלייד. זי האָט זיך אויסגעמישט מיט די יונגע מענער און פרויען און דערציילט זיי עפעס פריילעכס, פון וואָס אַלע האָבן האַרציק געלאַכט. שרה האָט אַריינ־געבראַכט לעבעדיקייט אין די הערצער פון דער מצריש־יידישער יוגנט. זיי האָבן דערזען אַ נייַ לעבן, אַ מער זאָרגלאָזס, ווי זיי האָבן ביז איצט געקענט.

פון שרהס אויגן האָט געשפּריצט מיט דרייסטקייט און געוואַגטקייט און זי האָט אָנגעשטעקט דערמיט די פאַרזאַמלטע געסט. זיי זענען געוואָרן דרייסטער איינע צו די אַנדערע, די בושה פון איין געשלעכט פאַרן צווייטן איז ווי דורך אַ מאַגישן שפּרוך פאַרשוווּנדן. ווען עס איז שפּעטלעך געוואָרן, האָבן פּאָרלעך אָנגעהויבן אַרויסשאַרן זיך אין דרויסן און אונטער דעם צודעק פון דער פינצטערניש זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די מענטשלעכע אויגן. זיי האָבן עס אַזוי געטאָן, ווייל זיי האָבן באַמערקט, אַז אויך שרה, די יונגע כלה, האָט זיך אויף אַן אומבאַמערקטן אופן אַרויסגעגליטשט פון דעם גרויסן זאַל, בעת שבתי צבי, איר מאַן, האָט איינגעטענהט מיט אברהם היכיני און אָפּגענומען אַ גרוס פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

שרה איז געווען אָנגעצונדן פון ליידנשאַפט, און באַמערקנדיק, אַז שבתי צבי האָט זי אין איצטיקן מאָמענט גאָרנישט אין זינען, האָט זי גע־זוכט איר ליידנשאַפט צו שטילן מיט עמעצן אַנדערש. זי האָט זיך נישט געשעמט אַפילו. אפשר דערפאַר ווייל זי האָט געהאַט די נאַכט פיל אויס־געטרונקען. זי האָט זיך אַרויסגעשלייכט מיט איינעם פון די געסט, וואָס זענען געקומען אַזש פון אייראָפּע בייצווווינען די חתונה פון שבתי צבי.

דער דאָזיקער יונגערמאַן איז אויך געווען שיכור און ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון וואָס ער טוט. אפשר וואָלט ער אין אַ ניכ־טערן צושטאַנד נישט געוואַגט צו חלומען דערפון...

שרה האָט אין אים אַריינגערעדט ווערטער, וואָס זי אַליין האָט נישט פאַרשטאַנען, נאָר זי האָט זיי אָנגעהערט זיך צווישן די מקובלים, וועלכע האָבן שטענדיק גערעדט וועגן געהיימנישפולע ענינים מיט אַנדייטונגען און אָנצוהערענישן...

— דאָס באַהעפטן זיך צווישן מאַן און פרוי איז נישט קיין זינד... — האָט שרה מיט איר שיכורלעכן קול געמורמלט. — דאָס איז פרייד, און דורך פרייד קאָן מען גאָט בעסער דינען...

דער יונגערמאַן איז אויפן ערשטן אויגנבליק געבליבן דערשטוינט, הערנדיק אַזעלכע אויסטערלישע ווערטער פון מויל פון אַ יונגער פרוי און דערצו נאָך פון ווייב פון משיח...

ער האָט איר צוריקגעענטפערט אַזעלכע ענלעכע רייד. וואָס ער וואָלט קיינמאָל נישט געוואַגט אַפילו אין געדאַנק צו דערמאָנען. און זיי זענען וואָס אַמאָל אַלץ ווייטער אַריין אין דער געדיכטעניש פון הערלעכן ציפּריסן־גאָרטן.

דער הימל איז געווען באַשאָטן מיט גאָלדענע פונקען, ווי עפּעס אַ גע־היימע האַנט וואָלט מיט כישוף זיי איבער דעם בלויען, אויסגעוועלבטן הימל אַ פאַרזיי געטאָן. אונטן האָבן גלי־ווערעמלעך אין דער לופטן אַלעמאָל אויפגעלויכטן און עס האָט זיך געדאַכט, אַז שטערנדלעך־אָפּשפּריצן פאַלן פון אויבן.

— אויך די גלי־ווערעמלעך פּאָרן זיך און מערן זיך... — האָט שרה אַ שעפּטשע געטאָן דעם יונגנמאַן אין אויער.

און זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך מיט אַזאַ קראַפט, אַז אַ קרעכץ האָט זיך אַזש דערהערט פון דעם געדיכטן גראָז אַרויס.

— ביסט ווי דאָס פײַער פון גיהנום — האָט דער מאַנסביל געמורמלט אין באַוווּסטלאָזיקייט.

— פאַרוואָס פון גיהנום, נאַרעלע... — האָט אים שרה געענטפערט, באַדעקנדיק זײַן מויל מיט הייסע קושן.

און דער מאַנסביל האָט זיך מער נישט געוועדט. דער יצר הרע האָט אים באַזיגט, ער האָט זיך נישט געקאָנט מער אַנטקעגנשטעלן.

און דעם זינדיקן פּאָרל האָט זיך גדאַכט, אַז דער אויסגעשטערנטער הימל האָט זיך צעשאָטן אין דער לופט און אויף זיי אַרויפגעפאַלן. אַ מבול פון גרינע און בלויע פונקען האָט געפלייצט איבער זייערע קעפּ און זיי זענען אַרײַנגעפאַלן אין אַ וווּנדערלעכן חלום.

זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט ערשט דעמאָלט, ווען איר נאָמען איז אין דער פינצטער אויסגערופן געוואָרן. אויף מזרח האָט זיך אָנגעהויבן בלאַסן און אַ לייכטע פּורפּור־פאַרב האָט זיך גענומען אויסשפּרייטן איבערן הימל.

שרה האָט זיך אויפגעהויבן אַ מידע און אויסגעגענעצטע פון דעם פּרימאָרגן־טוי. זי האָט זיך אָפּגעשיידט פון דעם מאַנסביל און איז אַליין אַוועק אין דער ריכטונג, פון וואַנען מ'האָט זי גערופן.

שבתי צבי איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון זײַן שטיבל און מיט שרעק אין די אויגן אויסגעקוקט זײַן יונג ווײַבל, וועלכע איז שפּעט בײַ־נאַכט פּלוצלינג פאַרשוווּנדן געוואָרן און ער האָט עס גאָרנישט געהאַט אפילו באַמערקט, אַזוי איז ער געווען פאַרטאָן אין אַ געשפּרעך מיט אברהם היכיני און זײַנע אַנדערע חברים...

— ווו ביסטו געווען, טײַערע מײַנע? — האָט ער אויסגעשטרעקט זײַנע הענט צו איר.

— איך האָב זיך פאַרטראַכט, קוקנדיק אויף דער אויסגעשפּרייטקייט פון בלויען הימל מיט זײַנע מילי־מיליאָסן שטערן, ווי וווּנדערלעך גאָט האָט זיי באַשאַפן.

— איז דען אויך נישט וווּנדערלעך, ווי גאָט האָט אַזאַ שיין באַשעפעניש ווי דו באַשאַפן? — האָט ער אַרויסגעפּליסטערט.

— איך בין דאָך אַ טייל פון דיר, פון דײַן ריפּ האָט מיך גאָט באַשאַפן און איך געהער צו דיר, ווײַל איך בין דײַנע אויף אייביק... — האָט זי געמורמלט און עס איז נישט געווען צו דערקענען, אַז דער „נחש” האָט זי שוין באַזוכן. דאָסמאָל האָט זי דעם נחש אָנגערעדט.

עס איז געווען שטיל אויף דער וועלט. דער הימל האָט זיך געבלאָזט, געדויטלט און געבלויט און זיי זענען ביידע פאַרזונקען געוואָרן אין דער גרויסער הנאה, וואָס איז פאַר זיי משׂשת ימי בראשית אָנגעברייט געוואָרן.

— מיט גרויס קלוגשאַפט האָט גאָט די וועלט באַשאַפן — האָט ער געמורמלט, שטיקנדיק זיך מיט די רייד פון צו גרויס חשקות — אַנדערש וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט. ווי פּרעכטיק און ווי הנאהדיק דאָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַרן מענטש.

— יאָ, מיין א ד ם — האָט שׂרה געטוליעט זיך צו אים — איך האָב שטענדיק, אפילו ווען איך האָב דיך נישט געקענט, וועגן דיר געטרוימט. אַזוי האָב איך דיך געזען, ווי דו זעסט אויס איצט אין מיינע אויגן. עס מישט זיך ביי מיר די ווירקלעכקייט און טרוים.

און זיי זענען ביידע איינגעשלאָפן איינע אין דעם אַנדערנס אָרעמס. שבתי צבין האָט זיך געחלומט, אַז זיי זענען ביידע אין גן־עדן, אַז מען האָט פון דאָרטן גאָר קיינמאָל אדמען נישט פאַרטריבן. אָט איז די פרוכט פון וויסן: מען קאָן אויסציען די האַנט און זי נעמען...

און ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט, האָט שבתי צבי מיט אַ שעפּטש זיך אָנגערופן צו שׂרהן, ווי עס וואָלט זיך אים נאָך געחלומט, אַז ער איז אין גן־עדן.

— זיי געהיט, מיין חוה... לאָז זיך נישט אָנרעדן פון דער שלאַנג... גאָט וועט אונדז שווער באַשטראָפן...

שׂרה האָט זיך צעוויינט. זי האָט איר פרווו נישט אויסגעהאַלטן, זי האָט נאָך מער געזינדיקט, ווייל זי האָט גאָר די שלאַנג אָנגערעדט צו זינד...

ווען די זון האָט אַ שיינענדיקע אַריינגעבליקט צו זיי אין בעט, איז דער טרויער פון שׂרהן אַוועק. אַ שפּרינגענדיקע און אַ טאַנצנדיקע איז זי אַראָפּ פון איר געלעגער און זי איז געווען גליקלעך ביז גאָר...

איבער דער גאַנצער שטאָט האָט ווי אַ בליץ זיך פונאַנדערגעטראָגן די ידיעה, אַז שׂרה, שבתי צביס ווייב, איז אַ פריילעכע און אַ לעבעדיקע; זי פּרעדיקט, אַז מענטשן דאַרפן געניסן פון דער פרייד פון לעבן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן ציען אין פּאַלאַץ פון סאַראַף־פּאַשאַ מתנות יונגעלייט און מיידלעך, מענער און פרויען, און גאַנצע טעג און נעכט האָט מען דאָרט געפּראַוועט סעודות און הוליאַנקעס.

אויך ר׳ יוסף רפאל חלבי האָט זיך געלאָזן אַריינציען אין די דאָזיקע פריילעכע פאַרווײַלונגען. איצט, זיצנדיק איינער אַליין אין זיין גרויסן צימער, האָט ער זיך דערמאָנט די שעהען, ווען ער איז מיט שרהן צוזאַמען געפאָרן אין דער קאַרעטע פון אַלעקסאַנדריע קיין קאַירא, וואָס ער האָט אין די דאָזיקע שעהן דורכגעלעבט. ביים דערמאָנען זיך דאָס אַלץ, איז ער ווידער אָנגעצונדן געוואָרן מיט אַ העליש פייער פון ליידנשאַפט. ער האָט געגלוסט צו דער דאָזיקער יונגער אומגעווײַנלעך־שיינער פרוי מיט די פלאַמיק־רויטע האָר אַרום דעם קאָפּ.

ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז דאָס וועט נישט זיין קיין זינד. דאָס איז פרייד אײַנעם לעבן און נאָר אין פרייד קאָן מען דינען צו גאָט... אָט זעט ער דאָך: די געטלעכע שרה, וועמענס גורל עס איז אויסגעפאַלן צו זיין דאָס ווייב פון משיח און וועלכע איז זייער פרום, פּרעדיקט די דאָזיקע פריילעכקייט צווישן מענער און פרויען. עס איז אַ מין עבודה...

טעג און נעכט האָט ער געחלומט וועגן דעם מאָמענט, ווען ער וועט זיך דערנענטערן צו איר. דערווייל זענען אָנגעגאַנגען פריילעכע הוליאַנקעס. יונגעלייט האָבן זיך אויסגעמישט מיט מיידלעך, פרעמדע מענער האָבן גע־טרונקען מיט פרעמדע פרויען און דערנאָך זענען זיי אַוועק אין די געדיכ־טענישן פון פּרעכטיקן גאָרטן און געקוויקט זיך מיט דער ליבע פון איינער צום אַנדערן.

— אַזוי וויל משיחס ווייב — האָבן זיי אין פייער פון ליידנשאַפט געטענהט. — זי טוט אויך אַזוי, און מן הסתם ווייסט זי וואָס זי טוט...

זיי האָבן אין דער זינד אַריינגעלייגט הייליקייט און עבודה צו גאָט... זיי האָבן מזנה געווען, פאַרגלאָצנדיק דערביי די אויגן צום הימל, מיינענדיק, אַז דאָס וועט זיי פאַררעכנט ווערן פאַר אַ מצווה.

וואָכן גאַנצע זענען אַוועק אויף די דאָזיקע אָרגיעס, דער עיקר איז פריילעך געווען אין די נעכט. מ׳האָט געשיכורט און געגעסן און געטאַנצט, זינגענדיק פרומע לידער. שבתי צבי אַליין איז זעלטן־ווען געקומען אויף די דאָזיקע שמחות, ער איז געווען פאַרטאָן אין זיינע ענינים, געפירט געשפּרעכן מיט זיינע פריינד און חברים, וועלכע האָבן אים אונטערגעאײַלט און אויפ־געפאָדערט, אַז ער זאָל שוין מאַכן אַ סוף צו דעם צווייפלהאַפטן צושטאַנד.

אין די שפּעטע נעכט, ווען שרה איז צו אים געקומען אַ שיכורע, אַ צע־גליטע און נישט געזעטיקט פון זינד, האָט זי זיך ערשט איצט געוואָרפן אין

זיינע אָרעמס און געמורמלט צו אים רייד, וואָס ער האָט ווינציק פאַרשטאַ־נען. ער האָט זי געגלעט און געטרייסט, קיין שום פאָרוורפן נישט געמאַכט און גערופן זי שטענדיק: „מיין כלה, מיין אויסדערוויילטע״...

די דאָזיקע פריילעכע נעכט, וואָס זיין ווייב שרה האָט איינגעאָרדנט, האָבן געברענגט פיל מענטשן אין פאַלאַץ פון ר׳ יוסף רפאל חלבי, און דער נאָמען פון שבתי צבי איז געוואַקסן אַלץ מער און מער. ביי די מענטשן אין מוח האָט זיך דאָס אַלץ אויסגעמישט אין איין זאַך. זיי האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען און דאָס איבערגעלאָזט פאַר די געלערנטע לייט, פאַר שבתי צבי און זיינע נאָענטע חברים. זיי ווייסן שוין וואָס זיי טוען.

ר׳ יוסף רפאל חלבי האָט שבתי צבי ממש פאַרגעטערט. ער האָט שטי־לערהייט צוגעזען זיין התנהגות, ווי ער שטייט אויף יעדן פרימאָרגן, ווען דער טאָג שפּראָצט קוים אויף. ער גייט אַוועק הינטער דער שטאָט צום טייך נילוס און נעמט טבילה. ער איז אים איינמאָל נאָכגעריטן אויף אַ פערד פון ווייטן. ער איז געווען נייגעריק צו וויסן, וואָס דער רבי טוט אין די פריע מאָרגנס. ער האָט געזען, ווי שבתי צבי טוט זיך אויס נאַקעט, שפּאַ־צירט עטלעכע מאָל הין און צוריק און מאַכט מיט די הענט, גלייך ווי ער וואָלט צו עמעצן גערעדט. דערנאָך שטעלט ער זיך אַוועק מיטן פּנים צו מזרח און ער איז אַ לענגערע ווילע מתפלל, שפּעטער שפּרינגט ער אַריין אין דעם קילן וואַסער און איז זיך טובל זיבן מאָל.

ווען ער טוט זיך צוריק אָן די קליידער, איז אים כמעט נישט צו דער־קענען. דאָס פּנים זיינס שיינט, ער הייבט אויף די הענט צום הימל און די פאָספאָר־גרינע אויגן גליען ווי צוויי פייערן. אַ מורא איז אים דעמאָלט באַפאַלן, און ער האָט זיך פאַרשוווירן מער קיינמאָל דעם רבין נישט נאָכ־צופאָרשן. ער האָט אָבער פאַר אים געקראָגן מער דרך־ארץ און מער גאָטס־פאָרכטיק געוואָרן.

ער האָט דעמאָלט געהאַט חשק צו פאַלן פאַר שבתי צבי אויף די קני און ביי אים בעטן מחילה פאַר די זינדיקע מחשבות, וואָס קומען אים אין קאָפּ אַריין וועגן זיין ווייב שרה... פאַרוואָס האָט ער אַזעלכע זינדיקע מחשבות? ער וועט דאָך דערפאַר קיינמאָל פון גיהנום נישט ארויס... ווי קומט עס צו אים, דעם שטענדיק אָפּגעהיטענעם ייד, אַרומצוטראָגן זיך מיט אַזעלכע געדאַנקען? פאַרוואָס לאָזט ער זיך פאַנגען פון יצר־הרע, וועלכער

איז נאָר אויסן אים צו כאַפּן אין זיין נעץ און דערנאָך אַריינצוּוואַרפן אים אויף אייביק אין גיהנום?

ר׳ יוסף רפאל חלבי האָט באַשלאָסן פון יענעם פרימאָרגן אָן, ווען ער האָט זיך צוגעקוקט ווי שבתי צבי פירט זיך, צו זיין אייזן־שטאַרק און נישט נאָכגעבן זיינע תאוות. אויב ער וועט זיי נאָכגייען ווי אַ געפאַנ־גענער, וועט ער אַריינפאַלן אין כף־הקל.

ער האָט זיך געשעמט מיט אַ גרויסער בושה, פאַרוואָס ער איז שבתי צבין נאָכגעגאַנגען ווי אַ גנב, פון אַ באַהעלטעניש אַרויס. פאַרוואָס ער האָט אים נישט גענוג געגלייבט. ער וועט זיכער דערפאַר באַשטראָפט ווערן און ער האָט מיט מורא געוואַרט יעדן טאָג, אַז אַ גרויסע שטראָף וועט זיך אויסגיסן אויף זיין קאָפּ.

ער האָט דעם טאָג פאַרברענגט אין תפילות און אין זאָגן תהילים, אַז גאָט זאָל אים מוחל זיין פאַר זיינע זינד. ער האָט אַרויסגעוויזן פאַר שבתי צבי אויסערגעוויינלעכע אונטערטעניקייט און אים פשוט באַדינט, גלייך ווי ער וואָלט געווען זיין געדונגענער קנעכט.

אָבער ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, איז ער אַרויסגעגאַנגען אונטערן צודעק פון דער חשכות אינדרויסן אַרויס, כדי אָנצושעפּן פרישע לופט. ער האָט זיך אומגעקוקט צו זיין הויז, וואָס איז געווען אַזוי העל באַלויכטן און ווען ער האָט געהערט פון דאָרט די געזאַנגען און געשרייען, איז ער געווען גליקלעך, וואָס אַ דאַנק אים פרייען זיך יידן און ער פאַרשאַפט זיי הנאה. ער האָט געהערט אַרום זיך געהיימנישפולע געשעפּטשען פון פרויען און מענער־שטימען.

ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם מהות פון לעבן און וועגן דעם אַלעם, וואָס דאָ קומט פאַר אַרום אים זינט עטלעכע חדשים צייט. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן זיינע צום אויסגעשטערנטן הימל. די שטערן, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווינקען צו אים און שמועסן זיך מיט אים דורך אויף אַן אויסטערלישער שפּראַך.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט שטילע טריט הינטער זיך, אַזוי ווי אַ שלאַנג וואָלט זיך אויף דער ערד געשלייכט. ער האָט דערפילט אויף זיך עמעצנס הייסן אָטעם. ער האָט נישט געוואַגט זיך אומצוקוקן. ער איז געווען אין אַ גליי־איקער דערוואַרטונג. ענדלעך האָט ער דערפילט אַ גלעט פון אַ צאַרטער האַנט אויף זיין פּנים. ער האָט די האַנט אָנגענומען און דערשפירט, ווי

אַ גרויס פייער וואָלט זיך אין זיינע אָדערן איבערגעגאָסן און אים אָנגע־צונדן מיט אַ העלישער שריפה...

יאָ, עס איז געווען זי, שרה, די יונגע פּרעכטיקע פרוי, וואָס פאַר־פאָלגט אים שוין פון אַמסטערדאַם מיט איר שלאַנגישן אָנרעדן צו זינד.

ער האָט מער גאָרנישט געקאָנט טראַכטן וועגן עפּעס. ער האָט זי מיט דער קראַפט פון אַ ריז אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס, אַז זי האָט אַזש אַ קרעכץ געטאָן פון וויטאָג און גלייכצייטיק פון לײַדנשאַפט.

ער האָט זיך איינגעביסן אין אירע ליפּן און זי אין זיינע און זיי זענען פאַרזונקען געוואָרן ביידע אין פאַרגעסנקייט. דער הימל האָט זיך איבער זיי אַראָפּגעלאָזט אַ צעשאָטענער אויף דימענטן־ברעקלעך. די גאַנצע וועלט האָט זיך ווי אַ טרייסל געגעבן, און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי זינקט איין ערגעץ אין אַן אומגעזעענעם תהום.

— איך וואַרט שוין אויף דער רגע זינט טויזנטער יאָרן — האָט ער געמורמלט אומזיניקע רייד. — איך בין דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט... נאָר דער יצר־טוב האָט מיך געקאָנט צורעדן צו אַזאַ טאַט... פאַרוואָס האָב איך אַזוי לאַנג געוואַרט?... טייערע מיינע, כלה פון משיח... אין וואָס פאַר אַ זכות האָב איך דאָס דאָזיקע גליק דערלעבט?...

שרה האָט געשוויגן, בלויז ווי אַ געברום פון אַן אויסגעהונגערטער וועלפּיכע האָט זיך געהערט פון איר האַלדז. זי האָט אים אָנגענומען ביי אַ האַנט און אַוועקגעפירט ווייט אין דער גרינער געדיכטעניש פון פּראַכט־פולן גאָרטן און זי האָט זיך אים איבערגעגעבן מיט לייב און נשמה...

*

עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון צעשיידונג. שבתי צבי האָט באַ־שלאָסן, אַז ער טאָר מער נישט זיצן אין מצרים, עס איז געקומען די העכסטע צייט, ווען ער דאַרף אָנהייבן זיך ווייזן פאַר דער וועלט. ער איז איצט גע־ווען געשטאַרקט אין זיינע כוחות. אין זיין שיין ווייב, די וווּנדערלעכע שרה, האָט ער פון טאָג צו טאָג אַנטדעקט אַלץ מער אומגעווייגלעכע פעאיקייטן צוצוציען מענטשן אַרום זיך. ווען זי האָט גערעדט, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי שוועבט אין אַנדערע נישט־געזעענע וועלטן. זי האָט ממש פאַרכישופט מיט איר אויסזען און מיט אירע רייד אירע צוהערער. זי איז געווען איבער־געגעבן שבתי צבין מיט איר גאַנץ לייב און לעבן. זי האָט באמת געגלייבט,

אַז איר שטייט פאָר גאָר אַ גרויסע אויפגאַבע אין פאַרשפרייטן דעם נאָמען פון שבתי צבי אַלס דער לאַנג־דערוואַרטער משיח.

די נאַכט פאַר זייער אָפּפאָרן פון קאַירע האָט סאראף פּאַשאַ איינגעאָרדנט אַ גרויסע סעודה. הונדערטער געסט זענען געווען איינגעלאַדן אויף דעם געזעגענונגס־אָוונט. ער אַליין, ר׳ יוסף רפאל חלבי, איז געווען צעטומלט און נישט געוווסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. אַלץ איז געפאַלן פון זיינע הענט, ער האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט פון אויפרעגונג, נישט געקאָנט אָפּרייסן זיינע בליקן פון דער פּראַכטפולער שיינקייט, וואָס האָט אַראָפּגעשיינט פון שרהס פּנים.

שרה איז געזעסן אַ ביסל אַ טרויעריקע, זי האָט איר קאָפּ נישט אויפגעהויבן, ווען סאַראַף־פּאַשאַ האָט זיך דערנענטערט צו איר און זי באַדינט. ער האָט זיך באַמיט, שטייענדיק לעבן איר, זי כאָטש מיט דעם קליינעם פינגערל צו באַרירן. און ווען עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז זייערע ביידנס לייבער האָבן זיך באַרירט, איז אַ פייערדיקער פונק איבער זיין קערפּער דורכגעגאַנגען. ער איז געבליבן שטיין אַ ווייל ווי געליימט און נישט געקאָנט זיך אַ ריר טאָן פון אָרט.

אויף דער סעודה זענען געווען פיל יידן פון אייראָפּע. אין דער לעצטער מינוט זענען פּלוצלינג אויך געקומען צו פאָרן שרהס דערציער פון האָלאַנד, ר׳ אברהם פּראַדאָ און זיין ווייב אסתר... זיי האָבן אויף דער חתונה נישט באַוויזן צו קומען, האָבן זיי אַריינגעטראָפן ערב זייער אָפּפאָר פון קאַירע קיין אייראָפּע. די פרייד איז גווען אין לשער. דער עיקר האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָפּפרייען מיט איר ר׳ אברהם פּראַדאָ. ער האָט שרהן ממש געשלונגען מיט די אויגן און זי באַגערט מיט זיין יעדן טראָפּן בלוט.

שרה האָט די נאַכט אויסגעזען פּשוט צויבערהאַפט. אירע אויגן האָבן דורכגעבריט און מ׳האָט נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון נישט צו טראַכטן וועגן איר זינדיקע מחשבות...

ר׳ יוסף רפאל האָט מיט זיין אינסטינקט אויפגעכאַפּט די בליקן פון ר׳ אברהם פּראַדאָ, און ער האָט מיטאַמאָל פאַרשטאַנען וועמען שרה האָט געמיינט, ווען זי האָט אים אויף דער שיף דערציילט, אַז אויך אַ בכבודיקער מאַן פון אַמסטערדאַם האָט געהאַט מיט איר צו טאָן... ער איז געווען שרעקלעך אייפערזיכטיק, וואָס אָט דער דאָזיקער מאַן האָט געטיילט זיין ליבע מיט שרהן... אָבער ער האָט איר פאַרגעבן.

זי איז געטלעך — האָט ער געטראַכט און וואָס זי טוט, טוט זי עס, ווייל אַזוי איז מסתמא באַשערט...

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען נישט אויפגעהערט הוליען. די מענטשן האָבן שוין נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט זיי געפינען זיך. עס זענען פאַרשוווּנדן אַלע גרענעצן פון וואָס מען מעג יאָ און וואָס מען טאָר נישט.

שרה האָט אַנומלט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז ווען דער טאָג וועט קומען און משיח וועט נתגלה ווערן, וועלן אָפּגעשאַפט ווערן אַלע איסורים... אַלץ וועט מען מעגן טאָן, ווייל דאָס איז דער אמתער מיין פון פרייהייט... האָבן מענער און פרויען באַצייטנס זיך גענומען צו דער דאָזיקער פרייהייט און אָפּגעטאָן אַזעלכע מעשים, וואָס אַן אַנדערש מאָל וואָלט דאָס דורך זיי באַטראַכט געוואָרן ווי די גרעסטע הפקרות...

שבתי צבי איז געווען אַזוי פאַרשיכורט פון זיין שרהן, אַז ער האָט גאָרנישט געזען און נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַרום אים קומט פאָר. וואָס זיין באַשערטער זיווג האָט אָפּגעטאָן, האָט ער עס אָנגענומען פאַר אַ געבאָט פון הימל. ער האָט אַלעמאָל געהאַלטן, אַז אַלץ וואָס מיט אים געשעט, איז פון פריער אָנגעצייכנט פון דער השגחה.

די נאַכט איז ער געווען שיכורלעך... ער איז געזעסן אַרומגערינגלט פון זיינע נאָענטע חברים, מיט אברהם היכיני אין דער שפיץ. ער האָט אַ סך גערעדט אין דעם דאָזיקן לעצטן אָוונט אין קאַיראָ. ער האָט גערעדט וועגן יציאת מצרים און אָנגעדייט אויף דער גאָר נאָענטער צייט, ווען עס וועט קומען די ענדגילטיקע גאולה און עס וועט מער קיין פאַרשקלאַפונג נישט זיין. ער האָט דערמאָנט וועגן דעם געהיימנישפולן כתב־יד, וואָס אברהם היכיני האָט געפונען, און ער האָט געזאָגט פאַר אַלעמען, אַז ביז דעם דאָזיקן מאָמענט האָט ער אַליין נישט געגלויבט, אַז ער איז געשיקט פון גאָט מיט דער דאָזיקער דערהויבענער שליחות, אָבער זינט דעם טאָג, ווען זיין גרויסער פריינד, אברהם היכיני, האָט אים געבראַנגט די געהיימע שריפט, זעט ער איין אַז ער האָט קיין טעות נישט געהאַט אין זיינע זעאונגען.

אָבער פאַר דעם גרעסטן נס האָט ער באַטראַכט זיין חתונה מיט דער וווּנדערלעכער שרהן. ער האָט גערעדט וועגן די זיגזאַגישע וועגן און פאַר־פּלאָנטערנישן, וואָס זי האָט געדאַרפט דורכגיין אין איר לעבן כדי אים ענדלעך צו דערגרייכן דאָ, אין קאַיראָ, אין דעם מצרישן לאַנד.

זי איז דער געטלעכער פונק, וואָס האָט מיר געגעבן דעם ענדגילטיקן שטויס אָנצונעמען זיך מיט מוט און מיט באַגייסטערונג פאַר דער דערהויבענער זאַך... — האָט ער אויסגערופן, קוקנדיק זיין ווייב אין די גרינלעך־בלויע אויגן אַריין.

געשרייען פון התלהבות האָבן זיך געהערט פון אַלעמענס מיילער. און ווידער איז מען אַריינגעפאַלן אין שיכרות און אויסגעלאַסנקייט. אַלעמענס אויגן זענען ווי פאַרנעפּלט געוואָרן, עס זענען אויך פאַרנעפּלט געוואָרן די מוחות און מ'האָט אָפּגעטאָן די שענדלעכסטע מעשים, וואָס זענען איינגעהילט געוואָרן אין אַ הייליקן מאַנטל פון מיסטיציזם...

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערגיין. די זון האָט שוין געהאַט אויפגעשפּראָצט פון מזרח און אָפּגעגאָסן די וועלט מיט אַ קלאָרן פּורפּורשיין. אַ שלעפעריקייט האָט זיך אָנגעזען אויף אַלעמענס פּנימער און אויך אַ מידקייט און איבערגעזעטיקטקייט.

אינדרויסן איז שוין געשטאַנען גרייט די קאַרעטע, וואָס האָט געדאַרפט די געסט אָפּפירן קיין אַלעקסאַנדריע צום האַפן. אַלע אויסלענדישע געסט האָבן זיך היינט געקליבן צום אָפּפאָרן. מען האָט זיך געזעגנט, מ'האָט געוויינט און נאָכאַמאָל זיך געזעגנט. ר' יוסף רפאל חלבי איז אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטער. ער האָט אַריינגערופן שבתי צבי צו זיך אין אַן אָפּגעזונדערטן צימער און אים געגעבן אַ גרויסע סומע געלד, ער זאָל האָבן פאַר זיינע נייטיקע הוצאות און דערביי אים אָנגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט זיך נייטיקן אין געלט, זאָל ער אים צו וויסן טאָן און ער וועט אַלע זיינע הצטרכותן דעקן.

שטיל איז געוואָרן אין קאַירע, ווען שבתי צבי און זיינע חברים האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. עס האָבן אַ לאַנגע צייט נאָך אָפּגעקלונגען די געזאַנגען, געשרייען און הוליאַנקעס אין די אויערן פון די אָנטיילנעמער און לאַנג־לאַנג האָט מען נאָך גערעדט וועגן דעם אין אַלע הייזער.

— עס איז געווען די שענסטע חתונה, וואָס מיר האָבן ווען עס איז געזען אין אונדזער לעבן — האָבן מענטשן פאַסמאַקעוועט זיך מיט דעם, וואָס איז שוין פאַרגאַנגען.

אַ סך זענען אַרומגעגאַנגען ווי אויף אַן עולם התוהו, געדענקענדיק די פאַרגעניגנס, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט אין די זינדיקע נעכט ביי סאדאף־פּאַשאַ אין פּאַלאַץ. עס האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערייען צווישן

מענער און פרויען, איינע די אַנדערע האָבן איצט פאַרגעוואָרפן באַגאַנגענע זינד אין דער צייט פון שיכרות...

אויך סאַראַף־פּאַשאַ איז געווען ווי אַ נישט־דאַאיקער. ער האָט אומ־געהייער געבענקט נאָך שרהס צערטלעכקייטן, וואָס זי האָט אים לעצטנס נישט געזשאַלעוועט... ער האָט געחלומט וועגן דעם מאָמענט, ווען זיי וועלן צוריקקומען קיין מצרים.

פאַר שבתי צבי האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון אַרומוואַנדערן איבער דער וועלט. קודם כל איז ער אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. מ׳האָט פאַר אים דאָרט געמאַכט אַ קעניגלעכע אויפנאַמע. טויזנטער מענטשן האָבן זיך געשטופּט אין דער שול, וווּהין שבתי צבי איז פאַרבעטן געוואָרן צו האַלטן אַ דרשה. איבער דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט האָט די צאָל פון זיינע אָנהענגער זיך געמערט. אין די טויזנטער האָבן זיי זיך איצט געציילט.

איצט איז ער געקומען מיט זיין ווייב שרה. נישט אַנדערש ווי די „געטלעכע פרוי" האָט מען זי גערופן. זי האָט אַרויסגערופן צו זיך די גרעסטע באַוווּנדערונג. זי האָט פאַרמאָגט אַ פאַרכישופנדיקע קראַפט, וואָס האָט צוגעצויגן אַלע שיכטן מענטשן און האָט זיי פאַרשקלאַפט צו זיך...

דאָ אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבן זיינע פריינד אויפסנײַ איינגעאָרדנט אַ פייערלעכע חתונה־מאָלצייט... עס זענען פאַרבעטן געוואָרן די חשובסטע לייט פון שטאָט. פיל רבנים האָבן איצט אָנטיילגענומען אויף דער סעודה. די, וועלכע האָבן אַמאָל אים גערודפט, האָבן איצט נישט געוואַגט צו זאָגן אַ וואָרט קעגן אים. זיי זענען געבליבן אין זייערע הייזער און קאָן זיין, אַז זיי האָבן חרטה געהאַט אויף זייער אַמאָליקער קעגנערשאַפט צו שבתי צבי.

אברהם היכיני איז דאָ ווידער געוואָרן דער ראש המדברים. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו אַלע יידן אין טערקיי, אַז מען זאָל געבן געלט, פאַר די רייזעס פון שבתי צבי. און געלט האָט זיך אַ שאָט געטאָן ווי אַ האָגל. מענער און פרויען האָבן פון זיך אָוועקגעגעבן דאָס טייערסטע וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. פרויען האָבן אַראָפּגענומען זייער צירונג פון זיך און אָוועקגע־געבן. שבתי צבי אַליין האָט דערפון נישט געוווּסט, ער האָט בלויז געוווּסט איין זאַך, אַז עס פעלט אים גאָרנישט. אַלץ איז געווען אין דער פולסטער שפע. ער האָט דעריבער אויך נישט געהאַט דעם מינדסטן חשבון וויפל געלט עס קומט אַריין און וויפל עס גייט אָוועק. וועגן דעם האָט בלויז געוווּסט זיין „רעכטע האַנט", אברהם היכיני. ער איז געווען אַ גוטער בעל־חשבון...

קאַפּיטל צען

שבתי צבי ווערט נתגלה

עס זענען פאַרביי עטלעכע יאָר. שבתי צבי איז געהאַט אַרומגעפאָרן איבער עטלעכע לענדער. אין יעדן לאַנד איז ער אָפּגעווען אַ שטיק צייט, געפּראַוועט ימים־טובים און מאַסן מענטשן זענען געקומען צו זיינע סעודות. צוגעהאָלפן האָט אים אין די דאָזיקע גרויסע צוזאַמענקונפטן זיין פּרעכטיק ווייב שרה, וועמענס נאָמען האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער וועלט צו־גלייך מיטן נאָמען פון איר גרויסן מאַן שבתי צבי. דערנאָך זענען זיי אָנגע־קומען אין דער טערקישער הויפּטשטאָט.

ווען מ׳האָט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָנגעהויבן קוקן אַ ביסל קרום אויף זיינע פּירעכצן, איבערהויפּט אויף די פּירעכצן פון זיין ווייב שרה, האָט עמעץ געגעבן צו וויסן דעם קאַמייקאַם (גובערנאַטאָר) פון קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל, אַז עפּעס אַ מאַן דרייט זיך אַרום אין דער הויפּטשטאָט פון טערקיי און רעדט אָן מענטשן צו רעוואָלטירן קעגן סולטאַן; ער וויל איבערנעמען פון אים די מלוכה מיט געוואַלט.

אין די ערשטע טעג האָט דער קאַמייקאַם זיך אויסגעלאַכט פון דער דאָזיקער מעשה, אָבער ווען די מסירות האָבן זיך געמערט, און צווישן די, וועלכע האָבן אונטערגעטראָגן די דאָזיקע מסירות, זענען אויך געווען עט־לעכע רבנים פון יענע, וועלכע האָבן אַמאָל געהאָלפן שבתי צבין פאַרטרייבן פון דאַנען, האָט ער זיך שוין פאַרטראַכט וועגן דעם און אונטערגעשיקט איבערגעטוענע פּאָליציי־לייט, כדי זיי זאָלן אויסהערן וואָס מען רעדט אויף די פאַרזאַמלונגען פון דעם אויסטערלישן ייד מיטן נאָמען שבתי צבי.

די פּאָליצייליט האָבן אים צוריקגעבראַנגט אַ ידיעה, אַז אין הויז פון שבתי צבי ווערט גאָר געטריבן זנות. אַז זיין ווייב שרה ליידט איין פיל יונגעלייט, וועלכע קומען נישט אַזוי פיל צוליב דעם שבתי צבי אויף וועלכן מען זאָגט, אַז ער וויל איבערנעמען די מאַכט ביים סולטאַן, אָבער מען קומט, כדי צו געניסן פון דער שיינער פרוי, וועלכע איז צו אַלעמען גוט און פריינדלעך...

דער קאַמייקאַם האָט דעמאָלט איינמאָל געשיקט נאָך שרהן, זי זאָל דערשיינען פאַר אים אין זיין פּאַלאַץ. שבתי צבי האָט זיך דערשראָקן, ווען עס איז אים אָנגעקומען דער דאָזיקער באַפעל. שרה האָט אים אָבער באַרואיקט און געזאָגט, אַז זי האָט נישט קיין מורא צו גיין. זי וועט אים שוין ווייך מאַכן, אויב ער מיינט טאַקע שלעכטס צו טאָן...

און זי איז געווען גערעכט. ווען זי איז נאָך האַלבער נאַכט צוריקגעקומען פון פּאַלאַץ, וווּ דער קאַמייקאַם האָט געוווינט, איז זי געווען אין העכסטן עקסטאַז און אַ גליקלעכע האָט זי דערציילט שבתי צבין, ווי דער הערשער פון דער הויפּטשטאָט האָט צו איר גערעדט אין אָנהייב האַרבע רייד. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער זענען צו אים דערגאַנגען שמועות, וואָס מ׳האָט פון עטלעכע זייטן צוגעטראָגן, אַז איר מאַן שבתי צבי, אַן אָפּשטאַמיקער פון סמירנע, אַ טערקישער אונטערטאַן, הייסט עס, בונטעוועט די יידישע באַפעלקערונג. ער וויל מיט מאַכט אַראָפּזעצן דעם סולטאַן פון טראָן, איבערנעמען די פּראָווינץ פון ארץ־ישראל און גרינדן דאָרט אַ יידישע מלוכה. פאַר אַזאַ זאַך קומט טויט־שטראָף.

אויסהערנדיק די דאָזיקע רייד, וואָס שרה האָט אים איבערגעגעבן איז שבתי צבי בלאַס געוואָרן און די אויגן האָבן גענומען גליען מיט אַ מאָדנעם פייערל. ער האָט מיט אומגעדולד געוואָלט וויסן דעם סוף פון איר געשפּרעך און ער האָט זי אונטערגעיאָגט:

— וואָס נאָך האָט ער דיר געזאָגט?

— ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט די טעג נאָך דיר שיקן און לאָזן דיך איינזעצן אין אַ פעסטונג און וועסט נישט פריער באַפרייט ווערן, ביז דו וועסט נישט אָננעמען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן..

— וואָס האָסטו אים געענטפערט דערויף?... — האָט שבתי צבי מיט ציטערדיקע ליפּן געפרעגט.

— קודם האָב איך אַלץ אָפּגעלייקנט און געזאָגט אים, אַז שלעכטע מענטשן האָבן אויסגעטראַכט אַ בילבול אויף דיר, אַז נישט דו טראַכסט וועגן אַראָפּזעצן דעם סולטאַן פון זיין טראָן און נישט דו בונטעוועסט יידן זיי זאָלן דיר צוהעלפן אין דער דאָזיקער טאַט. איך האָב אים איינגענומען מיט גוטע רייד און האָב אים אפילו געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט געווען נישט

דאַקעגן, וואָלט איך אים פאַרבעטן צו אונדז אין הויז און ער וואָלט זיך מיט זיינע אייגענע אויגן איבערצייגט, אַז מיינע רייד זענען אמת.

ער האָט צוגעזאָגט, אַז איינמאָל אין אַ געוויסן טאָג וועט ער צו אונדז קומען און זיך אַליין איבערצייגן, צי די רייד וואָס מ'האָט אים צוגעטראָגן זענען אמת אָדער נישט. ער איז געווען זייער פריינדלעך צו מיר, ער האָט מיר אפילו געגעבן זיין קאַרטעלע מיט זיין אייגענעם אָנטרייבער און האָט מיך צוגעבראַכט אַהיים ביז דער טיר.

שבתי צבי האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. ער האָט נאָר נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס אָט דער באָזוך האָט געדויערט אַזוי לאַנג, אַזש ביז נאָך האַלבער נאַכט און ער האָט שוין איבערגעקלערט ווער ווייס וואָס עס איז מיט זיין שיין ווייבל געשען.

שרה האָט אָבער געוווסט דעם אמתן סוד, פאַרוואָס זי האָט געמוזט אַזוי לאַנג פאַרברענגען ביים מושל פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער איז אַזאַ שיי־נער מאַן, אַ הויכער, מיט ברייטע פלייצעס און אַ פּאָר פייערדיקע אויגן, וואָס קאָנען פאַרברענען אַ פרוי מיט דעם ערשטן בליק. זי האָט זיך נישט אָקעגנגעשטעלט, ווען ער האָט זי געפּרוווט אַרומנעמען, זי האָט זיך אויך נישט אָקעגנגעשטעלט, ווען ער איז געוואָרן אַ ביסל צודרינגלעכער צו איר....

„מען זאָגט, אַז ביי אייך אין הויז ווערט געטריבן זנות...״ — האָט ער פּלוצים צו איר אַ זאָג געטאָן און דערביי זי צוגעדריקט צו זיך.

, „מענטשן פאַרשטייען נישט אונטערצושיידן, וואָס עס הייסט זנות און וואָס עס הייסט צוזאַמען פאַרברענגען אויף אַ פריילעכן אופן, טאַנצן און זינגען און דערביי מתפלל זיין צו גאָט פאַר בעסערע צייטן, ווען שלום וועט הערשן צווישן אַלע פעלקער און צווישן איין מענטש און דעם צווייטן״... — האָט שרה מיט אַ באַדייטונגספולן שמייכל צו אים גערעדט.

דער קאַמייקאַם האָט מער קיין סך מיט איר נישט גערעדט. ער איז צוגעפאַלן צו איר און שרה האָט אים געענטפערט מיט נאָך אַ שטאַרקערן פייער. אינגאַנצן אַ נאַקעטע האָט זי זיך אים איבערגעגעבן, ווי זי האָט דאָס געטאָן אַלס יונג מיידל מיט דעם פוילישן גלח אין זייער שטעטל און שפּעטער מיט ר׳ אברהם פּראַדאָ און מיט דעם סאַראַף־פּאַשאַ און פיל אַנדערע. זי האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער מצווה, זי טוט דאָך דאָס פאַר דעם דערהוי־

בענעם ציל, וואָס איר אײר מאַן האָט זיך געשטעלט, דאָס איז לטובת דעם יידישן פאָלק, לטובת דער גאַנצער מענטשהייט...

טײלמאָל האָט זי געגלויבט אין דעם ווי אַזוי זי האָט פאַרענטפערט אירע אויסגעלאַסענע שטיק, אָבער טײלמאָל האָט זי זיך אָפּגעגעבן אַ געגויעם דין־וחשבון. איר מאַן איז נישט געווען צו איר, ווי זי האָט זיך פאָרגע־שטעלט... ער איז מער געווען פאַרטאָן אין זיינע ספרים, אין די תפילות, אָפטמאָל האָט ער אינגאַנצן זיך אָפּגעשיידט און נישט געווען נאָענט מיט איר ווי מאַן און ווייב.

די ערשטע צייטן נאָך זייער חתונה האָט זי עס אָנגענומען ווי זעלבסט־פאַרשטענדלעך; זי האָט דאָך געוווסט ווער איר מאַן איז. אָבער ווען דאָס האָט זיך איבערגעחזרט צו אָפט, און זי האָט געזען, אַז דאָס פייער פון ליבע איז נישט אַזאַ, ווי זי איז עס געוווינט געווען צו זען ביי אַנדערע מאַנס־בילן, מיט וועמען זי האָט געהאַט צו טאָן, האָט זי ביי זיך אָפּגעמאַכט מער אים נישט צו שטערן אין זיינע ענינים. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז שבתי צבי נויטיקט זיך נישט צו שטאַרק אין אַ פרויענצימער. איצט האָט זי פאַר־שטאַנען, פאַרוואָס ער האָט געהאַט דעם כוח נישט צוצורירן זיך צו זיין ערשטן ווייב אין דער נאַכט פון זייער חתונה... ער ווערט מער מיטגעריסן מיט העכערע, גייסטיקע זאַכן ווי מיט ערדישע פאַרגעניגנס.

שרה האָט געפונען יעדעס מאָל אַ נייעם אויסרייד, אַז זי מוז זען דעם מושל פון דער שטאָט... ביז שבתי צבי האָט אָנגעהויבן צו אַנען, וואָס דאָ קומט פאָר און ער האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די שטאָט.

ער איז דעמאָלט אַוועק קיין סאַלאָניקי, אויפן ברעג פון עגעאישן ים און האָט זיך דאָרט באַזעצט. די יידישע באַפעלקערונג אין סאַלאָניקי האָט שוין געהאַט געהערט וועגן שבתי צבי און ער האָט דאָרט געפונען זייער פיל אַנהענגער. מ'האָט אים דאָרט אויפגענומען מיט גרויס כבוד, מ'האָט לכבוד אים איינגעאָרדנט טענץ און פאַרוויילונגען. יונגעלייט זענען באַלד געוווּיר געוואָרן וועגן שרהס לייכטער אויפפירונג און זיי האָבן געצויגן צו אירע סעודות ווי בינען צו האָניק. באַלד איז דאָס הויז פון שבתי צבי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זאַמלפונקט פון אַלע לעביונגען. די אַלע, וועלכע האָבן פריער חוזק געמאַכט פון שבתי צבי, האָבן איצט אָנגעהויבן ציען צו אים און האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן גלייבן, אַז ער באַזיצט אַ געהיי־

מע קראַפט און אַז עס איז דאָ צו דערוואַרטן אין דער צוקונפט גרויסע זאַכן פון אים.

אין שטאָט זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז ביי שבתי צבי אין הויז טוען זיך אָפּ שרעקלעכע זאַכן; מענער זענען מזנה מיט פרעמדע פרויען. אָבער אָנשטאָט דעם, אַז דאָס זאָל אַרויסרופן קעגן אים אַ בייז געפיל, האָבן גאָר נאָך מער מענטשן, מענער און פרויען, אָנגעהויבן קומען צו אים. זיין הויז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָרט פון פאַרגעניגנס און פאַר־ווײַלונגען.

טאָג און נאַכט האָט מען דאָרט געהאַלטן אין איין טרינקען ווײַן און אַנדערע שטאַרקע משקאות, מ׳האָט געגעסן די בעסטע שפּייזן. געצאָלט דערפאַר האָבן די געקומענע געסט. און ווען זיי זענען געוואָרן בגילופין, האָט מען אויסגעלאָשן די ליכט. מענער האָבן זיך אויסגעמישט מיט פרויען און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אויסגעלאַסענע שטיק.

שבתי צבי האָט אָפּט זיך אָפּגעשלאָסן ביי זיך אין צימער און קיינעם צו זיך נישט צוגעלאָזן, אפילו אויך נישט זיין שיין ווייב שרהן. ער פלעגט אַזוי אָפּזיצן אין זיין צימער עטלעכע טעג, נישט לאָזנדיק ברענגען פאַר זיך שפּייז און געטראַנק. ער האָט געהאַלטן אין איין תפילה טאָן, פייניקן זיין לייב און פאַסטן. עס איז אים מיטאַמאָל באַפאַלן אַ גרויסע מורא פאַר דעם, וואָס ער האָט אויפגערודערט אַ גאַנצע וועלט, מענטשן אַרייַנגעברענגט אין עקסטאַז און פיל זענען ממש אַרומגעגאַנגען ווי משוגע, גלייבנדיק, אַז אָט־אָט וועט די גאולה קומען און עס איז אַ שאָד יעדע טעטיקייט דאָ אין גלות.

עס האָבן אים אויך שטאַרק געאַרט די פירעכצן פון זיין ווייב שרה, הגם ער האָט אויף געוויס נישט געהאַט פעסטגעשטעלט, אַז אין זיין הויז ווערן אָפּגעטאָן מיאוסע מעשים, האָט ער פונדעסטוועגן, אין מינוטן פון חשבון־הנפש, אָנגעהויבן צו אַנען, אַז מען דאַרף זיך נישט פירן אַזוי, ווי עס פירט זיך זיין געליבט ווייב, די וווּנדערלעכע שרה.

טיילמאָל, ווען ער איז געזעסן ביי זיך אָפּגעשלאָסן אין חדר און אַפילו זיין נאָענטסטן חבר, שמואל פרימאָ, צו זיך נישט צוגעלאָזן, האָט ער זיך צוגעהערט צו די פריילעכע געזאַנגען אין די ווייטערדיקע שטובן, צו די אויסגעלאַסענע געלעכטערס און קוויטשערייען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיאוסע מעשים ווערן דאָרט אָפּגעטאָן. עס האָט אים ווי געטאָן דאָס האַרץ

דערויף און ער האָט אָפּגעוואָרט אַ מאָמענט, ווען ער וועט זיין אויג אויף אויג מיט זיין ווייב שרהן. ער וועט איר פאַרהאַלטן דאָס פּירעכץ און אָנ־זאָגן די אַלע פאַרוויילונגען אָפּצושאַפן.

נאָך עטלעכע טעג פון זיין אָפּגעשיידט פון דער וועלט און פון זיין אייגן ווייב, האָט ער איינמאָל שפּעט ביינאַכט זיך אַרויסגעשלייכט פון זיין פאַראיינזאַמטן חדרל און געוואָלט איינאָטעמען פרישע לופט. ער האָט זיך געלאָזט גיין איינער אַליין צום ברעג פון ים, וווּ די הויכע פּאַלמעס האָבן געגרינט באַלויכטענע פון לבנה־שיין. עס איז דעמאָלט געווען פּונקט אין דער העלפט פון חודש תמוז, צוויי טעג איידער עס דאַרפן זיך אָנהייבן די טרויער־טעג פון שבעה עשר בתמוז. דער ים איז געלעגן אַזוי שטיל און אַ רואיקייט איז געווען אויסגעשפּרייט איבער דער וועלט. עס איז אַזוי נאָענט געווען פון הימל צו ערד. ער האָט אָנגעהויבן שעפּטשען אַ תפילה און געדאַנקט דעם באַשעפער פון דער וועלט פאַר דער שיינקייט, וואָס ער האָט באַשאַפן און זי געשטעלט אין דינסט פונעם מענטש.

און ווי גרויס איז געווען זיין דערשטוינונג, ווען ער האָט פּלוצלינג דערהערט אַ געשעפּטש פון צוויי מענטשלעכע שטימען. ער האָט נישט ווילנדיק זיך איינגעהאָרכט אין דעם שטילן געפּליסטער, וואָס איז טיילמאָל איבערגעגאַנגען אין אַ זיסן געקרעכץ פון ליידנשאַפטלעכע צערטלעכקייטן.

די הויכע פּאַלמע־ביימער ביים ברעג פון ים האָבן פאַר אים פאַרשטעלט די דאָזיקע געהיימנישפולע צוויי מענטשן, וועלכע האָבן אויך, פּונקט ווי ער, הנאה געהאַט פון דער שיינקייט פון דער שטילער לבנהדיק־באַשיינטער וועלט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן צו שפּאַצירן הין און צוריק. פּלוצלינג זענען די דאָזיקע צוויי פריער נישט געזעענע מענטשן אויפגעשפּרונגען ווי איבערגעשראָקענע פייגל, און זיי זענען זיך צעלאָפן. ער האָט אין איינעם פון די אַנטלאָפענע שאָטנס דערקענט דאָס קלייד און דאָס אויסזען פון זיין ווייב שרה...

אַ היץ האָט באַשלאָגן זיין לייב, ער איז געווען נאָענט פון חלשות. די אויגן האָבן אים אָנגעהויבן צו גליען. גלייך אַ העליש פייער וואָלט זיך אין זיי צעברענט. ער האָט געזוכט אין דער לופט ביי עפּעס זיך אָנצו־כאַפּן.

ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז אומגעפאַלן. די צוויי שאָטנס האָבן זיך דערנענטערט צו אים און אָנגעהויבן מינטערן.

ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער דערזען לעבן זיך זיין ווייב שרהן און איינעם אַ פרעמדן מאַנסביל פון סאַלאָניקי, אַ שיינעם הויכן יונגנמאַן, וועלכער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אים און געגעבן אים עפּעס אויף די ליפּן אַ שטאַרק געטראַנק. ער האָט צו אים געזאָגט:

— אַ דאַנק דעם רבונו של עולם, ביסט געראַטעוועט, וואָס איז דיר געשען, רבי?

שרה האָט אים אונטערגעהויבן ביי איין אָרעם און דער יונגערמאַן ביים צווייטן אָרעם און זיי האָבן אים אַהיימגעפירט.

— ביסט צופיל אָפּגעשוואַכט פון דיינע תעניתים — האָט שרה צאַרט צו אים גערעדט.

שבתי צבי האָט געשוויגן און ער האָט געטראַכט, אַז ער האָט שיער נישט אַ בילבול אויסגעטראַכט אויף זיין אייגן ווייב. צי קאָן אַ זינדיקע פרוי אַזוי צאַרט רעדן? און דער פרעמדער יונגערמאַן האָט דאָך אים אָנגערופן „רבי"...

— גאָט זאָל מיר מוחל זיין פאַר מיינע חשדים און גאָט זאָל אייך מוחל זיין פאַר זיין ביחידות אַזוי שפּעט ביינאַכט... טוט דאָס נישט מער. דער יצר־הרע איז גרויס. ער לויערט אויף אַזעלכע יונגע מענטשן און רעדט זיי אָן צו זינד...

ער האָט זיי מוחל געווען, אָבער עפּעס אַ פּאַרדראָס איז ביי אים אין האַרץ פאַרט טיף פאַרבליבן אויף זיין ווייב שרה... ער האָט זי נאָך מער ליב געקראָגן... ווען ער האָט זי דערזען, האָט ער אַזש אויפגעשוידערט פון גרויס גלוסטונג.

לאַנג איז ער שוין אין סאַלאָניקי נישט פאַרבליבן. ער האָט באַשלאָסן ענדלעך צו פאָרן צוריק אין זיין היימשטאָט סמירנע. ער האָט זיך זייער פאַרבענקט צו דער דאָזיקער שטאָט, ווו נאָך אין זיין פריעסטער יוגנט איז ער געקומען צום באַוווסטזיין, אַז ער איז דער שליח פון גאָט. דאָרט אין סמירנע איז ער אויפגעוואַקסן און דערוואָרבן זיינע קענטעניש אין קבלה. ער האָט געבענקט נאָך יעדן שטיין, נאָך יעדן גרעזל, נאָך יעדן בוים. טרערן האָבן זיך אים אַזש געשטעלט אין די אויגן, ווען ער האָט ביי זיך אין געדאַנק אָפּגעמאַכט, אַז ער פאָרט קיין סמירנע.

איינמאָל אין אַן אָוונט האָט ער אַריינגערופן צו זיך זיינע חברים שמואל פּרימאָ, יצחק סילוויירא און משה פּינהיירא און זיי מודיע געווען וועגן

זיין באַשלוס. אַ געוואַלדיקע התלהבות איז זיי באַפאַלן און זיי האָבן אַזש פון גרויס שמחה אָנגעהויבן צו טאַנצן. באַזונדערס האָט אַרויסגעוויזן גרויס פרייד משה פינהיירא. שבתי צבי האָט אים גוט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך געוויס פאַרבענקט נאָך זיין ווייבל, די שיינע רחל...

די לעצטע נאַכט איידער שבתי צבי האָט פאַרלאָזן סאַלאָניקי, האָבן זיינע אָנהענגער געמאַכט פאַר אים אַ גרויסע סעודה. שבתי צבי איז געווען אַזוי בגילופין, אַז ער האָט אַלעמען אַרויסגעוויזן גרויס פריינדשאַפט און נאָענטקייט. אויך שרה איז געווען די נאַכט שטאַרק צוגעלאָזן צו אירע פריינד סיי מענער און סיי פרויען. זי האָט זיי געשאָנקען איינע פון אירע לייטזעליקע בליקן, פון וועלכע מענטשן פלעגן בלייבן ווי פאַרכישופט.

שבתי צבי האָט דעם זעלבן טאָג געהאַט דערהאַלטן אַ גרויסן בריוו פון זיין „נביא" אברהם היכיני, וועלכער איז איבערגעבליבן אין קאָנסטאַנ־טינאָפאָל. אויך דער דאָזיקער בריוו האָט צוגעהאָלפן, אַז ער זאָל דעם אָוונט זיין פריילעכער ווי שטענדיק.

אברהם היכיני האָט אים נעמלעך געשריבן, אַז דער גרעסטער טייל פון די רבנים אין דער טערקישער הויפּטשטאָט האָבן גערופן אַן אסיפה און זיי האָבן בפה אחד אָנערקענט, אַז ער, שבתי צבי, איז דער שליח פון גאָט, אַז ער איז משיח בן דוד און אַז די צייט פון דער גאולה איז נאָענט. זיי האָבן אויסגעפונען אין אַ ספרל, אַז דאָס יאָר, ווען משיח דאַרף נתגלה ווערן, איז דאָס יאָר התכ"ו (1666).

ער האָט אים אויך געשריבן, אַז ער, שבתי צבי, דאַרף גלייך זיך פאַר־נעמען און פאָרן קיין ירושלים און פון דאָרט אויסרופן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז ער איז משיח און עס זאָל זיך אָנהייבן דער קיבוץ גליות. אין דער הויפּטשטאָט גלייבן שוין אפילו די גויים, אַז עס איז געקומען די צייט, ווען דאָס יידישע פאָלק וועט אויסגעלייזט ווערן. ווייטער האָט ער גע־שריבן, אַז אויך נתן העזתי, וועלכער געפינט זיך צייטווייליק אין קאָנסטאַנ־טינאָפאָל, איז אין דער זעלבער מיינונג. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ בריוו צו די לענדער פון גלות וועגן דעם און ער לייגט טאַקע ביי אַן אָפּשריפט פון דעם דאָזיקן אויפרוף.

דער אויפרוף האָט זיך בקיצור געלייענט אַזוי:

„טייערע ברידער, קינדער פון ישראל. איר זאָלט וויסן זיין, אַז משיח איז שוין געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט סמירנע, זיין נאָמען איז שבתי

צבי, וועלכער וועט גאָר בקרוב נתגלה ווערן צו אייך. ער וועט אַראָפּנעמען די קרוין פון טערקישן סולטאַן און זי אָנטאָן אויף זיין קאָפּ און דער סולטאַן וועט אים נאָכגיין ווי אַ קנעכט, ווייל די מלוכה וועט געהערן אויסשליסלעך צו שבתי צבי. ווען די מלוכה וועט שוין זיין איבערגענומען דורך אים, וועט ער אויף אַ שטיקל צייט פאַרשווינדן ווערן פון די אויגן פון פאָלק ישראל און מען וועט מיינען, אַז ער איז חלילה טויט. אָבער דאָס וועט נישט זיין אמת. משיח וועט דעמאָלט אַריבער איבערן טייך סמבטיון, ווו עס לעבן די עשרת השבטים, וועלכע זענען פון אונדז פאַרלוירן געוואָרן, און ער וועט אויך זיי אָנזאָגן די בשורה פון אויסלייזונג. און די עשרת השבטים, וועלכע זענען פיל אין צאָל, וועלן אַריבערגיין דעם דאָזיקן געהיימניספולן טייך, וואָס ביז איצט איז נאָך קיין שום בן־אדם נישט דורכגעגאַנגען, ווייל ער האָט אַ גאַנצע וואָך געוואָרפן פייערדיקע שטיינער. בלויז שבת האָט דער טייך סמבטיון גערוט, אָבער טאָמער האָט עמיץ געוואַגט אין שבת דורכ־צוגיין דעם טייך, האָבן אים דאָרטן די יידן פאַרשטיינט פאַר מחלל שבת־זיין.

„אָבער ווען אונדזער משיח וועט צוקומען צום טייך, וועט עס אויפ־הערן וואַרפן שטיינער אַזוי לאַנג, ביז אַלע יידן וועלן איבער אים אַדורכגיין, צוזאַמען מיט משיחן. ווען אונדזער משיח שבתי צבי וועט שוין צוריק זיין אויף דער זייט פון טייך סמבטיון, וועט פון הימל אַראָפּנידערן אַ פייערדיקער לייב, אויף וועלכן ער וועט זיך אַרויפזעצן רייטן און אים ברענגען קיין ירושלים צוזאַמען מיט אַלע יידן. אויפן וועג וועט אים באַגעגענען דאָס חיל פון גוג ומגוג, און אַ גרויסע מלחמה וועט זיך פונאַנדערפלאַקערן און זיי וועלן באַזיגט ווערן.

„אין דער זעלבער צייט, ווען משיח וועט אַרויפטרעטן אויף דער ערד פון דער הייליקער שטאָט ירושלים, וועט פון הימל אַראָפּקומען דאָס בית־המקדש, וואָס וועט זיין געבויט פון לויטער גאָלד, זילבער און טייערע איידל־שטיינער, פון וועלכע די גאַנצע שטאָט וועט באַלויכטן ווערן. איך שרייב אייך דעם דאָזיקן בריוו, כדי אייך אָנצוזאָגן די גרויסע בשורה. זייט גרייט יעדע רגע און איר וועט זוכה זיין צו דער גאולה במהרה בימינו...

נתן העזתי.

ווען ער האָט געענדיקט לייענען דעם בריוו, איז שבתי צבי געבליבן זיצן אַ ווייל, גלייך ווי גאָרנישט קיין אויסערגעוויינלעכס וואָלט דאָ געשען. דאָס האָט אָבער געדויערט בלויז אַ רגע. באַלד איז ער אַריינגעפאַלן אין

אַזאַ התפּעלות, אַז ער איז אויפגעשפּרונגען פון הינטערן טיש, אַרומגעכאַפּט זיינע נאָענטע חברים און זיי צוגעדריקט צו זיך, דערנאָך האָט ער אַרומגענומען זיין ווייב שרה און אָנגעהויבן מיט איר טאַנצן אינמיטן דער שטוב.

די דאָזיקע פרייד האָט אָבער אויך לאַנג נישט געדויערט, און אַן אומעט האָט אים אַרומגענומען, ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט און אַ ווילדע שטילגעשוויגן.

ווען זיין נאָענטסטער חבר, שמואל פרימאָ, האָט אים געפרעגט די סיבה פון זיין פלוצלינגער ענדערונג, האָט שבתי צבי געענטפערט מיט אַ שטימע, אָנגעפילט מיט טרערן:

— עס איז צופיל... זיי גייען צו ווייט... איך וועל נאָך קיין ירושלים איצט נישט פאָרן...

— וואָס מיינסטו דערמיט, רבי?... — האָט שמואל פרימאָ געפרעגט אַ דערשראָקענער.

כ׳מיין דעם בריוו, וואָס נתן העזתי האָט פונאַנדערגעשיקט איבער דער וועלט...

— אדרבה, מען דאַרף דאָס יידישע פאָלק אין גלות צוגרייטן צו דעם דערהויבענעם מאָמענט, — האָט זיין נאָענטסטער פריינד אים געזאָגט, — מען דאַרף כסדר האַמערן און האַמערן אין די מוחות פון פאָלק. דאָס פאָלק דאַרף מען לערנען, צוגעוווינען צו פרייהייט. זיי זענען שוין צוגעוווינט געוואָרן צו שקלאַפעריי, אַז זיי נעמען שוין דאָס אָן ווי אַ נאַטירלעכע זאַך. נתן העזתי איז געווען גערעכט...

— אָבער די מיסטישע געשיכטעס...

—אַזוי דאַרף זיין, רבי... — האָט שמואל פרימאָ פאַרטיידיקט נתן העזתיס טאַט. — וואָס פאַנטאַסטישער אַ זאַך זעט אויס, מאַכט זי אויף דער וועלט מער איינדרוק... נתן פון עזה איז אַ גרויסער מאַן, ער האָט אין זיך אַ סך נביאישס...

שבתי צבי האָט נישט געענטפערט אויף די רייד פון שמואל פרימאָ. ער האָט בלויז אונטער דער נאָז געצויגן אַ ניגון, וואָס האָט געלייגט זיך אַזוי טרויעריק אויף דער נשמה. דאָס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט. ביז ענדלעך האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו אים:

— מיר פאָרן קיין סמירנע... די צייט פון התגלות איז נאָך נישט געקומען....

שמואל פרימאָ האָט מער קיין וואָרט נישט גערעדט. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז זיין רבי האָט מסתמא געהאַט אַ זעאונג און ער ווייסט אויף ווען צו באַשטימען די ריכטיקע צייט פון קומען צום פאָלק.

די סעודה איז ווייטער אָנגעגאַנגען. שבתי צבי איז ווידער געוואָרן פריילעך, די אויגן האָבן זיך ביי אים צעבליט און ער האָט אָנגעהויבן זינגען מיט אַ ניגון, וואָס האָט אַלעמען דורכגענומען מיט זיין מתיקות. אַלע אָנ־וועזנדיקע האָבן מיטגעהאָלפן און צוגעפּאַטשט מיט די הענט. שפּעטער זענען זיי אַלע געגאַנגען אַ ריקודל, אַרומנעמענדיק זיך מיט די הענט אַרום די העלדזער, אַרויפלייגנדיק די אָרעמס איינער אויפן אַנדערנס אַקסלען, און דער טאַנץ איז געווען אַ ווילדער, אַ ווירבלדיקער. מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז צען שטורעמווינטן האָבן זיך צעבושעוועט. די פּנימער ביי אַלע זענען געווען רויט און די אויגן האָבן געפינקלט. די ליכט, די ווענט, דער דיל האָבן זיך אַלע געדרייט אין אַ קאַראַהאָד, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט איבער־געקערט געוואָרן מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף.

עס איז שוין געווען זייער שפּעט, דורך די פענצטער האָט אַריינגע־קוקט אַ חושכדיקע נאַכט. אָבער דאָ אויפן דיל זענען געלעגן מענער מיט פרויען אויסגעמישט, מען האָט זיך גאָרנישט געשעמט איינער פאַרן אַנדערן. שרה איז געלעגן גאָר מיט משה פינהייראָ, זיי זענען געווען אַרומגענומען, איינגעקלאַמערט איינע אין דעם אַנדערנס אָרעמס. און אַ טיפער שלאָף האָט זיי אַלעמען אַרומגענומען. די ליכטלעך אין די בעקנס האָבן שוין גע־צאַנקט און געווען נאָענט צו גסיסה... יעדעס מאָל האָט אַ פלעמל אַ ציי־געטאָן צום סופיט און אַנגעוואָרפן עפּעס אַזעלכע געהיימע טונקעלע שאָטנס.

ערשט ווען די ערשטע זון־שטראַלן האָבן אַ שטאָך געטאָן אין די פאַר־שלאָפענע אויגן, האָבן מענטשן זיך אָנגעהויבן וועקן און זיי האָבן דערזען אין וואָס פאַר אַ מעמד זיי געפינען זיך.

דער עולם האָט גענומען זיך אויפהייבן פון דיל און גלייך מאַכן אויף זיך די צעקנייטשטע קליידער. שבתי צבי איז נאָך געלעגן ערגעץ אויף אַ בעט, ווו זיינע חברים האָבן אים אַוועקגעלייגט. ער האָט געחלומט זיינע גרויסע חלומות...

*

גרויס איז געווען די פרייד בעת זייער אָנקומען קיין סמירנע. טויזנטער מענטשן זענען געווען פאַרזאַמלט ביים ברעג פון ים, ווו די שיף האָט זיך

אָפּגעשטעלט. ווען שבתי צבי איז אַראָפּגעשטיגן פון דער שיף, האָבן צענ־דליקער הענט אים אַ כאַפּ געטאָן אינדערהויך און אַזוי אַרום אים אַריינגע־טראָגן אין שטאָט, ווו די גאַסן זענען געווען פאַרפולט פון ריזיקע מאַסן מענטשן, יידן און גויים.

פון אַלע שיכטן פון פאָלק איז מען אַרויסגעקומען מקבל־פּנים זיין דעם בן־עיר. עס זענען געווען רבנים און אַ סך פון זיינע אַמאָליקע חברים, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אים געלערנט ביי ר׳ יוסף אישקפּא אין דער ישיבה עס זענען אויך געווען זיינע עלטערן, וועלכע האָבן זיך געשמאָלצן פון נחת, וואָס זייער זון האָט אָזעלכעס דערלעבט. דאָס איז געווען פאַר זיי אַ גוטע באַצאָלונג פאַר דער חרפּה, וואָס זיי האָבן געליטן, ווען מ׳האָט זייער זון געלייגט אין חרם און ער האָט געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט.

ר׳ אישקפּא, זיין רבי האָט שוין לאַנג נישט געלעבט. די רבנים וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין דער טרויעריקער צערעמאָניע פון לייגן אים אין חרם, זענען אָדער שוין געווען אויפן עולם האמת אָדער מיט ליבשאַפט צוגע־שטאַנען צו דער משיחישער באַוועגונג. זיי האָבן איצט מער פון אַנדערע געריסן זיך די העלדזער און געמאַכט אויסרופן לכבוד שבתי צבי...

מ׳האָט שבתי צבי אויף די אַקסל אַריינגעטראָגן צו זיינע עלטערן אין הויז. ער מיט זיין ווייב שרה האָבן פאַרנומען דאָס זעלבע צימער, ווו ער פלעגט זיצן גאַנצע נעכט און לערנען. ער איז צוגעפאַלן מיט ליבשאַפט צו יעדעס ווינקעלע. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף זיין געלעגער און געגאָסן מיט פריידיקע טרערן. אין זיין זיגערישן צוריקקער קיין סמירנע האָט ער געזען נאָך איין סימן, אַז זיין וועג איז דער ריכטיקער און אַז אַלע זיינע האַנדלונגען ווערן געפירט דורך דער השגחה.

ער איז געווען מיד און אויסגעמאַטערט פון דעם ווייטן וועג. אַלע האָבן פאַרלאָזט זיין וווינונג און זיך צוריקגעצויגן אויף עטלעכע שעה, ביז דער רבי וועט אויפשטיין פון זיין שלאָף.

אינדרויסן איז געשטאַנען אַ הערלעכער טאָג. עס איז געווען דער לעצ־טער טאָג פון חודש תמוז. אָבער קיין שום טרויער איז געווען צו זען צווישן די פרומסטע יידן. די טרויער־טעג זענען פון זיך אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טעג פון שמחה און יום־טוב.

און ווען שבתי צבי האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שלאָף אַן אויסגע־רוטער, און מ׳האָט אים געפרעגט, צי איז ער מתיר צו פרייען זיך אין די

טעג פון טרויער, האָט ער גאָרנישט געטראַכט און געזאָגט מיט אַ פריילעכ־קייט אין זיין קול:

— איך שאַף אָפּ די טרויער־טעג פון אייך און איך פאַרוואַנדל זיי אין טעג פון פרייד. גאָר בקרוב וועט דאָס בית־המקדש צוריק אויפגעבויט ווערן און דאָס לאַנד פון ישראל וועט אויפשטיין תחית־המתים. עס איז נישטאָ מער קיין סיבה צו טרויערן.

אַ גרויסע פרייד האָט דעמאָלט באַהערשט די מאַסן, וועלכע זענען גע־ווען פאַרזאַמלט הינטער די פענצטער פון שבתי צביס וווינונג. מען האָט זיך געזאָגט מזל־טוב און איינער דעם אַנדערן האָט אָנגעווונטשן, ווי ראש־השנה ביינאַכט נאָך די תפילות...

די שטאָט איז געווען אויפגערודערט צוליב דעם צוריקקער פון זייער בן־עיר, שבתי צבי, וועלכער האָט נאָך מיט פיל יאָר צוריק ביי זיך אין שול אויסגערופן דעם שם המפורש און געזאָגט, אַז ער איז משיח...

ביינאַכט איז געקומען צו אים זיין געוועזענער שווער, ר׳ אהרן, און געבעטן ביי אים מחילה.

— זיי מיר מוחל, מיין זון — האָט ער מיט טרערן צו אים אויסגע־רופן. — כאָטש איך האָב נישט געהאַט דעם זכות דיך צו האָבן פאַר אַן איי־דעם, באַטראַכט איך דיך אַלץ פאַר מיין זון. זיי מיר מוחל, אויב איך האָב דיך מיט עפעס באַליידיקט אָדער וויי געטאָן. איך האָב דיך ליב און גלייב אין דיין שליחות באמונה שלימה.

עס איז אויך געקומען רחל, זיין געוועזענע ווייב, און איז געפאַלן צו זיינע פיס, געקושט דעם זוים פון זיין קלייד און באַגאָסן זיך מיט טרערן. לעבן איר איז געשטאַנען איר מאַן, דער בעסטער חבר פון שבתי צבי, משה פינהייראָ, און האָט זי געגלעט און געטרייסט.

און שבתי צבי האָט זיי אַלעמען מוחל געווען במחילה גמורה...

עס האָט זיך דערנענטערט דאָס יאָר התכ״ו (1777). עס איז שוין געווען ראש חודש אלול. פון די בתי מדרשים און שולן האָט זיך געהערט דאָס שופר־בלאָזן און מענטשן האָבן געדאַוונט פרומער און מיט מער כוונה. מ׳איז לענגער געשטאַנען די שמונה־עשרה און יעדעס וואָרט, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט שיבת־ציון, איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט גרויס ערפורכט.

אינדרויסן האָט זיך געפילט דער ריח פון אָפּגעשניטענער תבואה און פון צייטיקע פּרוכטן. עס איז נאָך געווען גענוג הייס, אָבער דער הימל איז פון צייט צו צייט שוין געווען פאַרוואָלקנט.

נאָכן דאַווענען פלעגן קופּקעלעך יידן זיך פאַרזאַמלען אין שול און אין די בתי מדרשים און מ׳האָט מיט טיפן ערנסט אַרומגערעדט וועגן די נאָענטע פּאַרכטיקע טעג, נאָך וועלכע עס דאַרף אָנגעזאָגט ווערן די בשורה פון אויסלייזונג.

מ׳האָט זיך נאָכדערציילט פאַרשידענע אינטערעסאַנטע מעשיות וועגן שבתי צבי. אין יעדער אַזאַ מעשה האָט מען אַריינגעלייגט אַנצוהערענישן און אין דער לופטן האָבן זיך אַרומגעטראָגן סודותפולע געשעפּטשערייען. מענטשן האָבן זיך געהאַלטן אין איין סודען. מ׳האָט געשמועסט, אַז לעצטנס ווערט שבתי צבי פאַרפאַלן אויף גאַנצע טעג און קיינער, אַפילו זיין אייגן ווייב שרה, ווייסט נישט ווו ער געפינט זיך אין די דאָזיקע טעג.

בעת אָבער די חברים זיינע, וועלכע זענען געשטאַנען צום נאָענטסטן פון זייער רבין, האָבן זיך געשראָקן וועגן אים, האָט זיין ווייב שרה אַרויס־געוויזן די גרעסטע רואיקייט און קיין שום סימן פון צער אָדער אויפרעגונג איז נישט געווען צו דערקענען אויף איר פּנים. גלייך זי וואָלט זיכער געווען, אַז איר מאַן איז דורך אַ העכערער קראַפט ערגעץ־ווו גערופן געוואָרן, כדי אים איבערצוגעבן אַ וויכטיקע שליחות...

זי האָט עס אפילו געלאָזט פילן מיט איר געהיימנישפולן שמייכל אויף איר שיינעם פּנים און מיטן סודותפולן בליק פון אירע אויגן.

שבתי צבי איז איינמאָל פאַרפאַלן געוואָרן אויף גאַנצע דריי טעג. אין סמירנע איז געוואָרן אַ געטומל. מ׳האָט געשמועסט, אַז ער איז אַוועק אין די ווייטע מרחקים צוליב בושה, ווייל עס איז אים נישט געלונגען צו גע־ווינען דאָס גאַנצן פאָלק אויף זיין זייט. אַנדערע ווידער האָבן געזאָגט, אַז מ׳האָט ביינאַכט אין משך פון די דריי טעג געזען אַ העליש פייער איבערן הימל אויפגיין און עס איז געווען אויפגעשריבן מיט פייערדיקע אותיות דאָס יאָר התכ״ו...

עס האָבן זיך שוין געפונען עדות, וועלכע האָבן געשווירן, אַז זיי האָבן עס מיט זייערע אייגענע אויגן געזען.

אַ ציטערניש איז אַריבער איבער אַלעמענס לייבער און אַ גרויסע דערוואַרטונג האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט.

ענדלעך, אויפן דריטן טאָג, האָט שבתי צבי זיך באַוויזן אַן אויסגע־בלייכטער, אַ צעטראָגענער און אויסגעפייניקטער. די חברים זיינע האָבן אים אַרומגערינגלט מיט גרויס נייגעריקייט און אָנגעהויבן אים אויסצו־פרעגן מכוח זיין פאַרשווינדן ווערן.

— עס איז נישט ריכטיק אַזוי פון דיר צו האַנדלען... — האָט אים שמואל פרימאָ געמוסרט. — דו ברענגסט אַרויס דעם עולם פון געדולד. פאַרשידנס האָט מען גערעדט וועגן דיין פאַרשווינדן ווערן און עס איז נישט געזונט אַזוי...

שבתי צבי איז אויפגעצאָרנט געוואָרן פון דעם דאָזיקן מוסר־זאָגן און ער האָט מיט האַרבע רייד אָפּגעענטפערט:

— איך דאַרף קיינעם נישט אָפּגעבן קיין דין־וחשבון פון מיינע טאָטן... איך טו דאָס, וואָס איך האַלט פאַר נויטיק און וואָס מען זאָגט מיר פון הימל...

אַ ציטערניש האָט אַלע חברים אַרומגענומען, דערהערנדיק די דאָזיקע רייד פון זייער רבין. זיי זענען אַוועק צופרידענע. זיי האָבן פאַרשטאַנען פון שבתי צבים רייד, אַז די טעג פון גרויסע געשעענישן דערנענטערן זיך און זיי דאַרפן דאָס געדולד נישט אָנווערן.

עס איז געווען ערב ראש־השנה. יידן האָבן זיך געגרייט אויפצונעמען דעם גרויסן יום־טוב ווי עס געהער צו זיין. אין דער לופט איז געהאָנגען עפּעס אַ געהיימנישפולקייט. יעדער איינער האָט דערוואַרט, אַז גאָר וויכטיקס דאַרף געשען אין דעם דאָזיקן טאָג פון יאָר התכ״ו, אויף וועלכן עס איז אָנגעדייט געוואָרן, אַז עס דאַרף זיין דאָס יאָר פון דער גאולה.

קיין סמירנע זענען געקומען אַ סך פרעמדע מענטשן צוגאַסט אויף ראש־השנה. עס זענען אַפילו געקומען שלוחים פון דייטשלאַנד און איטאַליע, כדי מיט זייערע אייגענע אויגן צו זען דעם גרויסן נס.

די דאָזיקע שלוחים האָבן איבערגעגעבן, אַז אין זייערע מדינות קאָנען שוין די יידן נישט פאַרבאַרגן זייער אומגעדולד. מענטשן בויען נישט קיין הייזער, מאַכן נישט קיין געשעפטן, מען פלאַנצט נישט קיין גערטנער און מען פאַרזייט נישט קיין פעלדער; אַלע וואַרטן אויף ביאת המשיח, און דאַן אויף דער עליה קיין ארץ־ישראל. צו וואָס אַריינלייגן געלטער אין געשעפטן, וואָס די גויים וועלן ירשענען?

מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען ווי פאַרחלומטע און האָבן נישט גערעדט וועגן קיין אַנדערער זאַך ווי נאָר וועגן דעם גרויסן נס, וואָס מען דאַרף דערוואַרטן.

די סמירנער יידן האָבן זיך צוגעהערט צו די רייד פון זייערע ווייטע ברידער און זיך דורכגענומען מיט זיי. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט אַזוי: „אויב די ווייטע יידן אין די אייראָפּעאישע לענדער גלייבן אַזוי שטאַרק, מוז דאָך־דאָ עפּעס זיין. די אייראָפּעישע יידן זענען מער געלערנט און וויסן מער פון די יידן אין מזרח־לענדער".

אין דעם דאָזיקע ערב ראש־השנה, איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט די מענטשן נאָך מער געמאַכט גלייבן אין דער נאָענטער גאולה. אַ שטורעם מיט דונערן און בליצן, וואָס אין דער צייט איז עס שוין זעלטן, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער שטאָט. פייערדיקע שטרייפן האָבן די הימלען איבערגעשניטן און אַן אויסטערלישע ליכטיקייט האָט די וועלט אַרומגענומען. מיטאַמאָל האָט דער שטורעם, פּונקט ווי ער איז פּלוצלינג געקומען, אַזוי פּלוצלינג אויפגעהערט און די זון איז אַ גאָלדיקע און אויסגעוואַשענע צוריק אַרויסגעקומען אויפן בלויען הימל.

מ'האָט געשמועסט, אַז אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז פאָרגעקומען אַן ערד־ציטערניש. דאָס איז אַ סימן, אַז דעם סולטאַנס טראָן וואַקלט זיך און וועט נישט לאַנג אָנהאַלטן.

מענטשן אין ווייסע קליידער האָבן זיך געלאָזט גיין אין די בתי־מדרשים און אין דער שול. אַ פאָרכטיקע שטימונג האָט אַלעמען באַהערשט, עס האָט אויסגעזען, גלייך עס וואָלטן אָנגעקומען די לעצטע טעג אויף דער ערד.

די דאָזיקע שטימונג האָט זיך אָנגענומען אפילו צווישן די גויים, קריסטן און מאַכמעדאַנער. זיי זענען געבליבן אין זייערע הייזער און האָבן נישט אַרויסגעשטעקט די קעפּ אינדרויסן. זיי האָבן תפילה געטאָן צו זייערע געטער און געבעטן שוץ און רחמים, אַליין נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין דין וחשבון וואָס דאָ גייט פאָרקומען.

די ערשטע נאַכט פון ראש־השנה איז פאַרביי אין תפילות און אין אויסגעשרייען צו גאָט, אַז ער זאָל זיי ביישטיין די דאָזיקע גרוילִיקע טעג. שבתי צבי איז געשטאַנען איינגעהילט אין זיין טלית און האָט געשאָקלט זיך אויף אַלע זייטן מיט אַזאַ שטורעם, אַז אַ ציטערניש איז אַלעמען אַדורך

איבער די לייבער. מ׳האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז ער געפינט זיך נישט איצט אויף דער זינדיקער וועלט, ער האָט גערעדט צו עמעצן, געבעטן און געמאָנט, געשריגן הויך און געוויינט בלחש. ער איז ממש אויסגעגאַנגען פון די כוחות און מ׳האָט אים געמוזט אונטערהאַלטן, ער זאָל נישט אומ־פאַלן אויף דער ערד.

ווען מ׳האָט אים אונטערגעכאַפּט, האָט ער זיך אומגעקוקט מיט פאַר־ווירטע אויגן און זיין בליק האָט אויסגעדריקט פאַרחידושקייט און וווּנדער. ער איז אַראָפּגעפאַלן פון די זיבן הימלען אויף דער זינדיקער ערד. מיט־אַמאָל האָט דאָס פּנים ביי אים אויפגעשיינט און ער האָט אַרויסגעמורמלט ווערטער, וואָס האָבן זיך געלאָזט אַ סך אויסטייטשן: „געלויבט זיין ליבן נאָמען, מיין תפילה איז אָנגענומען געוואָרן״...

— וואָס איז אָנגענומען געוואָרן?... — האָבן מענטשן און אויך זיינע אייגענע חברים צווישן זיך געפרעגט, און אַ פונק פון האָפנונג אַז ענדלעך איז שוין דער מאָמענט געקומען, האָט ביי אַלעמען אויפגעבליצט.

אָבער אין יענער נאַכט איז נאָך גאָרנישט געשען. אַלע זענען אַהיימגע־גאַנגען צו זיך אין די הייזער און מ׳האָט געגעסן די יום־טובדיקע סעודה. אומעטום זענען געווען פאַרבעטן פרעמדע אורחים. מ׳האָט זיך פאַרהאַלטן איינער צום אַנדערן ווי אייגענע ברידער. אַלע לעבן דאָך איבער איצט דאָס זעלבע געפיל, אַז אָט־אָט געשעט דאָס גרויסע וווּנדער.

מען איז כמעט די נאַכט נישט געשלאָפן. מען האָט אָדער געזאָגט קאַפּיטלעך תהילים אָדער מ׳האָט געלערנט אַ פּרק משניות, אַנדערע האָבן מעיין געווען אין פאַרשידענע ספרימלעך און אַריינגעטייטשט פיל זאַכן אין די געהיימנישפולע פּסוקים.

ערשט, ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, זענען מענטשן איינגעדרימלט אין זייערע קליידער אַזוי ווי זיי זענען געזעסן.

אין זייער קורצן דרימל האָבן זיי געזען פאַרשידענע חלומות, יעדער האָט וואָכעדיקערהייט אַנדערש זיך פאָרגעשטעלט די גרויסע מינוט פון באַפרייאונג, און דאָס איז זיי איצט געקומען אין חלום.

מיטן אויפשפּראָץ פון טאָג זענען אַלע געלאָפן אין שול און אין די בתי־מדרשים.

שבתי צבי איז שוין געשטאַנען אין שול אַרומגערינגלט מיט זיינע נאָענסטע חברים. ער איז געווען איינגעהילט אין אַ גרויסן טלית. זיין

פנים האָט מען בישט אַרויסגעזען, מ'האָט נאָר געהערט פון אונטערן טלית אָפּער דאָס וואָרקן פון אַ טויב.

מיטאַמאָל האָט עמעץ אַ קלאַפּ געטאָן אין באַלעמער און אַ טויטע שטילקייט איז אַרייַנגעטראָטן. פון אַלע בתי־מדרשים איז מען געקומען אין שול אַרייַן, ווו שבתי צבי האָט געדאַווענט, וואָרעם מ'האָט זיך ווי דורך אַן אָפּגערעדטן צייכן אויף עפּעס אומגעווייַנלעכס געריכט.

שמואל פרימאָ איז אַרויף אויפן באַלעמער מיט אַ שופר אין דער האַנט. ער האָט אָנגעהויבן עפּעס מורמלען שטיל און דערנאָך העכער און העכער, ביז זייַן קול האָט זיך געלאָזט הערן פון איין עק שול ביזן צווייטן. ער האָט אָנגעזאָגט די בשורה פון ביאת המשיח אויפן הויכן קול.

— זייט וויסן, ברידער יידן, אַז הייַנט, מיטן ערשטן טאָג פון הייליקן יאָר התכ"ו, איז מיר געגעבן געוואָרן רשות אייַך אָנצוזאָגן: מיר זענען פרייַ פון גלות, מיר זענען אויסגעלייזט פון פּיין און יסורים. משיח בן דוד איז געקומען!

און דערבייַ האָט ער צוגעלייגט דעם שופר צו די ליפּן און עס האָט זיך דערהערט אַ גרויסע תקיעה גדולה. אַלע זענען געפאַלן אויף זייערע פּנימער, האָבן זיך געשלאָגן אין האַרץ אַרייַן על־חטא און מיט הייסע טרערן געוויינט אויף זייערע באַגאַנגענע זינד, זיי האָבן זיך איצט שוין געפילט ריין פון די דאָזיקע עבירות. דער גרויסער טאָג פון אויסלייזונג האָט אויף אַלץ מכפר געווען.

— משיח איז געקומען! משיח איז געקומען! — האָט זיך געהערט פון אַלעמענס מייַלער.

— משיח איז געקומען...

דער דאָזיקער רוף האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבער דער גאַנצער יידישער וועלט און געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די טיפענישן פון אַלע יידישע הערצער, סייַ פון די, וועלכע האָבן געגלייבט באמונה שלימה, אַז אין דער פּערזאָן פון שבתי צבי האָט זיך באַוויזן דער לאַנג דערוואַרטער משיח בן דוד און סייַ פון די, וועלכע האָבן נאָך אַלץ געצווייפלט.

די יידן אין סמירנע האָבן זיך געפילט שטאָלץ און גליקלעך, וואָס אויף זייער גורל איז אויסגעפאַלן דער דאָזיקער גרויסער כבוד, אַז צווישן זייערע רייען זאָל געבוירן ווערן דער גרויסער מאַן, וועלכער איז אויסדערוויילט געוואָרן פון גאָט צו זייַן דער באַפרייַער פון יידישן פאָלק.

אַ גאַנצן ראש־השנה איז די גרויסע פרייד בישט אַוועק. יידן האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענט, אַריינגעצויגן שבתי צבי מיט זיינע חברים אינ־דערמיט און האָבן אָנגעהויבן גיין אַ טאַנץ, וואָס איז געוואָרן פון רגע צו רגע אַלץ מער ווירבלענדיקער און ווילדער. די אויגן האָבן געגליט און גע־שאָסן מיט פייערדיקע פונקען; די פיס האָבן זיך געהויבן און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע עדה יידן שוועבט אין דער לופטן ווי איין ווייסע מחנה פון מלאכים, וואָס זענען פלוצלינג באַפליגלט געוואָרן. פון זייערע העלדזער האָבן זיך געריסן געזאַנגען. מיטאַמאָל האָבן זיי אַ כאַפּ געטאָן שבתא צבי אויף זייערע אַקסלען און אָנגעהויבן טאַנצן מיט אים ווי מיט אַ ספר־תורה אַרום באַלעמער.

שבתי צבינס פּנים האָט געלויכטן מיט אַ געטלעכן פלאַם, פון זיינע אויגן האָט אָפּגעשיינט אַן אויסטערליש פייער, וואָס האָט געשפּילט מיט קאָלירן פון אַ רעגנבויגן.

פּלוצלינג האָט שבתי צבי געגעבן אַ צייכן און דער עולם האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער איז אַראָפּ אויף דער ערד און אויסגערופן:

— זייט ממשיך די ראש־השנהדיקע תפילות ווי געוויינלעך און נאָכן דאַווענען פאַרברענגט פריילעך און דאַנקט דעם רבונו של עולם פאַר דעם גרויסן נס, וואָס ער האָט האַיאָר באַוויזן צו אייך און צו אַלע יידן אין דער וועלט.

און דער עולם האָט תיכף אויסגעפאָלגט דעם באַפעל פון זייער משיח. די תפילות זענען געווען הייסע און פול מיט כוונה. אַלע האָבן געפילט, אַז דאָס פאַרגאַנגענע יאָר איז שוין געווען דאָס לעצטע יאָר פון גלות, פון פּיין און יסורים, שאַנד און אונטערדריקונג. זיי האָבן דעריבער אָפּגעגעבן אַ שבח צום רבונו של עולם און אויסגעגאָסן זייערע הערצער אין ביי־פאַרפאַסטע פּזמונות, וואָס די רבנים פון סמירנע האָבן אויפן אָרט הויך אויפן קול פאַרגעזאָגט און דער עולם האָט נאָכגעמורמלט מיט פרומקייט און התלהבות. אין די דאָזיקע נייע פּזמונות זענען אויך געווען לויב־געזאַנגען צו שבתי צבי און די תפילה האָט זיך פאַרענדיקט מיט די פאָלגנדיקע ווער־טער: „זאָלסט עפענען פאַר אונדז די טויערן פון פאַרשטאַנד און זאָלסט אונדז שיקן דעם משיח צדק אונדזער אויסלייזער שבתי צבי, וועלכער וועט אַרויסנעמען פון דער פינצטערניש אין דער ליכטיקייט"...

נאָכן דאַווענען האָט דער גביר פון שטאָט געשטעלט קידוש און אַלע,

פון קליין ביז גרויס, האָבן געטרונקען און פּאַרביסן, לויבנדיק דעם אייבערשטן פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט זיי געטאָן. דערנאָך זענען זיי אַוועק אין אַ טאַנץ, וואָס האָט געדויערט שעהן.

דער עולם איז אַזש וואַנזיניק געוואָרן פון איבערפולטער פרייד. מ׳האָט געטאַנצט אין די גאַסן און געמאַכט אויסרופן לכבוד דעם משיח צדק שבתי צבי און זיינע חברים.

אָבער אַזוי שטיל איז די דאָזיקע זאַך נישט אַדורך. נאָך ראש־השנה, צוזעענדיק די גרויסע פרייד פונעם עולם, וואָס איז ממש אַריבער אין געצנדינסט, האָבן עטלעכע רבנים, וועלכע האָבן באין אופן נישט געוואָלט מסכים זיין צו דעם, אַז שבתי צבי איז משיח, צונויפגערופן אַן אסיפה אין אַ געהיימען אָרט, ווייל אין דער עפנטלעכקייט האָבן זיי מורא געהאַט, און האָבן אַרומגערעדט דעם דאָזיקן ענין.

אין דער שפּיץ פון די ווידערשפּעניקע רבנים זענען געשטאַנען ר׳ אהרן לפפא, ר׳ חיים בנבנשתי און ר׳ שלמה אלגאזי. אין דעם געהיימען שטיבל, וווּ זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, איז אָנגעגאַנגען אַ הייסער וויכוח. זיי זענען אַלע געקומען צום אויספיר, אַז דער אופן ווי שבתי צבי פירט זיך, שטעלט אין סכנה דעם יידישן דת. עס זענען נאָך נישט געווען קיין סמנים פון הימל. אַז משיח דאַרף שוין קומען. עס איז אויך דערווידער געווען די אויפפירונג פון שבתי צביס ווייב שרה. הגם זיי האָבן נישט געוווסט אַזוי פיל, וויפל עס איז אינדעראמתן פאָרגעקומען, האָבן זיי דאָך געזאָגט, אַז דאָס איז נישט אין דרך פון יידן אַזוינס צו טאָן. יעדע נאַכט זענען פאָרגעקומען די צוזאַמענקונפטן פון מענער און פרויען, און די רבנים האָבן מורא געקראָגן, אַז דאָס קאָן חלילה דערפירן צו עפנטלעכן זנות...

אַ גאַנצע נאַכט איז די שטורמישע אַסיפה פאָרגעקומען, עס זענען אויך געווען עטלעכע באַלעבאַטים פון שטאָט, וועלכע האָבן געהאַלטן מיט די רבנים, און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ החלטה, אַז מען זאָל שטילערהייט רופן לדין שבתי צבי, רעדן מיט אים ווייכע רייד, אויסמוסרן פאַר די מעשים זיינע און אים אויפפאָדערן, אַז ער זאָל אויף אַ צייט פאַרלאָזן די שטאָט, ווייל עס קאָן נאָך דערגיין צו מלכות און דאָס וועט טאָן אַ רעה דער גאַנצער יידישער עדה פון סמירנע.

צומאַרגנס האָט מען געשיקט צו שבתי צבי אַ שליח מיוחד, וועלכער האָט אים מיט גרויס פאַרזיכטיקייט איבערגעגעבן די רייד פון די רבנים און געבעטן אים, אַז ער זאָל מיט זיי מיטגיין צום בית־דין.

שבתי צבי, אונטער דעם געוואַלדיקן איינדרוק פון די צוויי טעג ראש־השנה, ווען ער איז דורך זיינע תלמידים אויסגערופן געוואָרן אַלס משיח, האָט ממש אויפגעשטורעמט מיט צאָרן פאַר דער חוצפה אים צו רופן לדין. ער האָט דעם שליח געענטפערט מיט כעס:

— גיי, זאָג דיינע ווידערשפעניקע רבנים, אַז זיי זאָלן זיך נישט מישן אין מיינע עסקים, זאָלן זיי בעסער זיצן ביי זיך אין די חדרים און לערנען תורה. זיי ווייסן נישט וואָס עס טוט זיך מיט זיי...

ווען דער שליח איז צוריקגעקומען מיט שבתי צבים ענטפער צו ר׳ אהרן לפפא, איז דער אַלטער רב אויפגעבראַכט געוואָרן ביז גאָר, ער איז שיער נישט געפאַלן אין חלשות פאַר גרויס כעס און ער האָט אין נאָמען פון גאַנץ בית־דין באַפוילן שבתי צבי, אַז ער וועט אים מיט זיין גאַנצער כנופיה לייגן ווידעראַמאָל אין חרם, ווי עס האָט עס שוין אַמאָל געטאָן זיין רבי אישקפא, און דער איצטיקער חרם וועט נאָך זיין האַרבער ווי פריער.

דאָס מאָל האָט שבתי צבי אָנגעהויבן האַנדלען שנעל און שטרענג. ער האָט גערופן צו זיך שטילערהייט איינעם פון די רבנים, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין דער אסיפה, ר׳ חיים בנבנשתי, און האָט מיט אים איינגעטענהט שעהן לאַנג, ביז יענער איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין חדר אַ צעשטראַלטער, אָבער מיט אַ געהיימנישפולן שמייכעלע אויף די ליפּן.

צומאָרגנס איז מען געוואָר געוואָרן, וועגן וואָס ער האָט גערעדט מיט שבתי צבי. עס איז אַלעמען באַקאַנט געוואָרן, אַז שבתי צבי האָט אַראָפּ־געזעצט פון דעם כסא רבנות דעם אַלטן ר׳ אהרן לפפא און אויף זיין אָרט באַשטימט דעם ייִנגערן ר׳ חיים בנבנשתי. דאָס גאַנצע קהל האָט דעם דאָזיקן באַפעל פון שבתי צבי אויפגענומען אָן שום פּראָטעסט. שבתי צבי האָט שוין געהאַט אַ גרויסן כוח אין סמירנע.

ר׳ אהרן לפפא, צוזאַמען מיט די איבעריקע רבנים, וועלכע האָבן גע־וואָלט שבתי צבין לייגן אין חרם אַריין, זענען פאַר גרויס מורא אַנטלאָפן פון שטאָט. זייער לעבן איז געווען אין גרויס סכנה.

די רבנים זענען געווען שטאַרק אין כעס קעגן ר׳ חיים בנבנשתי, ערשטנס, וואָס ער האָט נישט באַשיצט דעם כבוד פון אַזאַ גרויסן למדן ווי ר׳ אהרן

לפפא און, צוויטנס, וואָס ער האָט געוואָגט איבערצונעמען פון שבתי צביס האַנט דעם כסא רבנות. ר׳ חיים בנבנשתי אַליין איז אויך געווען אַ גרויסער למדן און בעל־מקובל און האָט אפילו מחבר געווען אַ ספר אונטערן נאָמען „כנסת הגדולה״, ווו עס האָט זיך גערעדט וועגן שולחן ערוך און אַנדערע וויכטיקע ספרים.

ר׳ חיים איז געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער פון שבתי צבי און ער האָט אָנגעהויבן וועגן אים דרשנען אין שול. דאָס איז געווען דער גרעסטער זיג פון סמירנער משיח. נאָכן איבערגיין פון אַזאַ גרויסן למדן אין די רייען פון שבתי צבי, זענען שוין די אַלע, וועלכע האָבן נאָך אַביסל געצווייפלט אין זיין געטלעכער שליחות, איצט שוין אָפיציעל צוגעשטאַנען צו אים און האָבן אָנגעהויבן גלייבן אין דער אמתדיקייט פון זיינע רייד.

ממש אַ צעמישעניש איז געקומען אויף די קעפ פון די יידישע איינוווינער פון סמירנע. סוחרים האָבן אויפגעהערט צו האַנדלען און קרעמער האָבן געשלאָסן זייערע קראָמען, און רק זיי זענען נאָכגעגאַנגען די טריט פון שבתי צבי, בייטאָג און ביינאַכט. שבתי צבי איז שוין אין גאַס אַליין נישט געגאַנגען. ער איז שטענדיק געווען באַגלייט, אַחוץ פון זיינע נאָענטסטע חברים, אויך פון אַ גרויסער צאָל מענטשן, וועלכע האָבן געזונגען קאַפּיטלעך תהילים.

אין שול האָט שבתי צבי געדרשנט פאַר דער גאַנצער עדה וועגן די לעצטע געשעענישן און געבראַכט ראיות פון דער קבלה, אַז ער איז משיח. דעריין האָבן אים צוגעהאָלפן זיינע חברים שמואל פרימאָ, יצחק סילוויירא און משה פינהיירא, וועלכע האָבן אים נישט פאַרלאָזט אויף קיין איין רגע.

וועגן די געשעענישן אין סמירנע איז מען באַלד געוואָרן געוואָר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין ירושלים און אין אנדערע גרויסע שטעט און לענדער, און אַ גרויסע באַגייסטערונג האָט אַרומגענומען די יידישע קהילות פון דער וועלט. מען האָט געפייערט ימים־טובים און מען האָט געזאָגט הלל ביים דאַווענען אין אַ פשוטן טאָג פון דער וואָך.

יידן איבער דער גאַנצער וועלט האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און טייל האָבן שוין אָנגעהויבן אויספאַרקויפן זייער האָב און גוטס. אַנדערע האָבן אָנגעהויבן תשובה טאָן און האָבן געפאַסט תעניתים, געפייניקט זייערע גופים און געגאַנגען טבילה.

די ערשטע גרויסע ענדערונג אין די יידישע מנהגים האָט שבתי צבי געמאַכט אין עשרה בטבת, אַ תענית־טאָג. ער האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז ער שאַפט אָפּ דעם תענית און אָנשטאָט צו פאַסטן זאָל מען דעם דאָזיקן טאָג פאַרברענגען אין עסן און טרינקען און מען זאָל זאָגן הלל. ער איז געקומען אין שול, ווו דער עולם איז געווען פאַרזאַמלט אין אַ גרויסער צאָל. ער האָט מיט אַ שטעקן זיבן מאָל אַ קלאַפּ געטאָן אין ארון קודש און מיט דער פויסט האָט ער געבלאָזן ווי אין אַ שופר און אויסגערופן דעם שם המפורש. דערנאָך האָט ער אין אַלע פיר זייטן אָנגעהויבן צו פייפן מיטן מויל, דערקלערנדיק, אַז דאָס איז ער מבלבל דעם שטן און שוואַכט אָפּ די כוחות פון די שלעכטע רוחות.

דער פאַרזאַמלטער המון האָט דעריך געזען אַ געוואַלטיקע געשעעניש. זיי זענען פאַר מורא געפאַלן אויף זייערע פּנימער און האָבן אָנגעהויבן זיך קלאַפּן אין האַרץ אַריין, זאָגנדיק „אשמנו, בגדנו"...

נאָכדעם האָט ער געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה און געזידלט די רבנים, וועלכע ווילן אים נישט אָנערקענען אַלס משיח.

עס איז פּשוט נישט געווען צו דערקענען דעם ביז־איצט באַשיידענעם שבתי צבי. עס איז געווען צו זען, אַז ער טוט דאָס אַלץ אויף דער עצה פון זיין נאָענטסטן חבר שמואל פרימאָ.

אין רעם טאָג האָט ער אויך אויסגערופן, אַז די יידן זענען פּטור פון דאַוונען און אָנשטאָט דעם זאָלן זיי זיך פרייען מיט דער תורה. ער האָט געהייסן אויפרופן צום ספר נישט נאָר מאַנסבילן, נאָר אויך פרויען, און אַז אַלע זאָלן, אַרויסזאָגן גאָטס נאָמען, ווי ער איז אָנגעשריבן, כאָטש דאָס איז שטרענג פאַרבאָטן.

דער מיין פון שמואל פרימאָ איז געווען, אַז מען מוז אַזוי אויפשטורעמען דעם מוח פונעם געוויינלעכן מענטש, אַז ער זאָל נישט וויסן וואָס עס טוט זיך מיט אים. די אַלע בייזע פאַראָרדענונגען האָבן טאַקע אַריינגעברענגט אַ צעמישונג אין די מוחות פון די מענטשן.

די זעלבע משוגעתן האָבן זיך אויך אַריבערגעטראָגן קיין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל, ווו אברהם היכיני האָט מיט זיין שאַרפן חיתוך הדיבור נאָך מער איבערצייגט די יידישע באַפעלקערונג אין דער געטלעכקייט פון שבתי צבי, ווי דער משיח אַליין האָט דאָס געטאָן אין סמירנע. די רבנים אין דער טערקישער הויפּטשטאָט זענען געווען אוממעכטיק קעגן אים. קיינער האָט

זיך צו זייערע רייד מער נישט געוואָלט צוהערן, און ווען אברהם היכיני האָט געהאַלטן אַ דרשה אין שול, זענען טויזנטער מענטשן געשטאַנען אויף דער גאַס און מיט אַלע כוחות געוואָלט אויפכאַפּן אַ וואָרט, אַן אָנדייטונג וועגן דער גאולה, וואָס קומט אויפן יידישן פאָלק.

עס זענען געשען אויסטערלישע געשיכטעס ווי, למשל: אַ געוויסער סוחר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, חיים פּעניאַ, איז געווען איינער פון די שטאַרקסטע קעגנער פון שבתי צבי, און האָט זיך דאָס לעבן איינגעשטעלט און גערעדט קעגן אים, געשטראָפט די יידן, אַז זיי פאַרזינדיקן זיך קעגן גאָט. אָבער נאָך איינער אַזאַ דרשה פון אברהם היכיני, ווען דער סוחר איז אַהיימגעקומען צו זיך אין הויז, האָט ער געטראָפן זיינע צוויי טעכטער ליגן אויפן דיל פאַרחלשטע און זיי האָבן אין באַוווסטלאָזיקייט נביאות גע־זאָגט, אַז שבתי צבי איז משיח.

דערזעענדיק דאָס, איז חיים פּעניאַ שנעל צוריקגעלאָפן אין שול, און עפנטלעך דערקלערט, אַז ער האָט חרטה אויף זיין ביז־איצטיקער קעגנערשאַפט און אַז ער איז איצט פון שבתי צביס מאמינים.

די דאָזיקע דערקלערונג פון דעם רייכן סוחר, דעם געוועזענעם קעגנער פון שבתי צבי, האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקע איבערקערעניש אין די מוחות פון פיל יידן. מ'האָט געוויינט פאַר גרויס פרייד, וואָס אַ כופר איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ גלויביקן.

די אָנהענגער פון שבתי צבי האָבן מאַסנווייז אָנגעהויבן חתונה מאַכן זייערע יונגע קינדער, וואָס זענען נאָך אפילו קיין צען יאָר נישט אַלט געווען, ווייל די מקובלים האָבן געדרשנט אין די בתי־מדרשים, אַז ווען משיח וועט קומען, דאַרפן אַלע נשמות, וואָס געפינען זיך נאָך אונטערן כסא הכבוד, אַראָפּקומען אויף דער וועלט. האָבן זיי דערמיט געוואָלט צואיילן דאָס אַראָפּקומען פון די רעשט נשמות.

שרה איז אויך נישט געזעסן ליידיק. זי האָט מיטן גאַנצן אייפער צו־געהאָלפן איר מאַן און האָט יעדע נאַכט איינגעאָרדנט סעודות. מ'איז זיך צוזאַמענגעקומען, געטרונקען און געזונגען לויב־לידער צום משיח. עס זענען דערביי פאַרגעקומען געמיינע אויסגעלאַסענע שטיק, אויף וועלכע נאָר פאַרשיכורטע מענטשן קאָנען פעאיק זיין.

עס האָבן זיך אפילו געפונען מענטשן, וועלכע האָבן שבתי צבין געמסרט פאַר דער טערקישער מאַכט און צוגעטראָגן וועגן די זינדיקע מעשים, וואָס

זיין ווייב טויט אָפּ אין שטאָט. שבתי צבי האָט אָבער געהאַט אַ סך געלט, וואָס עס האָבן אים כסדר צוגעשיקט ר׳ יוסף רפאל פון קאַירא און אַנדערע יידישע גבירים, אָנהענגער פון שבתי צבי, און ער האָט די ריכטער פון סמירנע אָפּגעקויפט מיט שוחד.

עס איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז אפילו קריסטן און מאַכמעדאַנער האָבן אָנגעהויבן גלייבן אין דער געטלעכקייט פון שבתי צבי. זיי זענען אָנגעשטעקט געוואָרן פון דעם יידישן ענטוזיאַזם. און זיי האָבן געקוקט אויף דער יידישער פרייד מיט גינסטיקע אויגן. זיי האָבן געגלייבט, אַז דער סולטאַן וועט זיך נישט קאָנען אַנטקעגנשטעלן דער דאָזיקער רעליגיעזער באַוועגונג און וועט מוזן מיט גוטן אָפּטרעטן דאָס לאַנד ארץ־ישראל פאַר יידן.

פון אַמסטערדאַם און פון האַמבורג זענען אָנגעקומען יידן און זיי האָבן דערציילט, אַז דאָרט איז די באַוועגונג פון שבתי צבי נאָך שטאַרקער ווי דאָ אין טערקיי. אַז יידן האָבן לעצטן יום־טוב סוכות געמאַכט „מי־שברכס״ פאַר שבתי צבי, ירום הודו.

עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז עס האָט זיך באַוויזן אַ שיף ביי די ברעגעס פון ענגלאַנד מיט עפּעס משונהדיקע יידן, וועלכע רעדן אויף אַ שפּראַך, וואָס ס׳איז שווער צו פאַרשטיין. זיי זאָגן, אַז זיי זענען פון די פאַרלוירענע עשרת השבטים. אויף דער שיף פלאַטערט אַ פאָן מיט די נעמען פון די צוועלף שבטים. ווער עס האָט די דאָזיקע שיף געזען, האָט מען נישט געקאָנט דערגיין, אָבער דערציילט האָט יעדער איינער, אַז ער האָט די געשיכטע געהערט פון זיינעם אַ באַקאַנטן, וועלכער האָט מיט זיינע „אייגענע״ אויגן די שיף געזען.

מען האָט שוין אָפן געשמועסט, אַז אין דעם היינטיקן יאָר פון התכ״ו וועט שבתי צבי געקרוינט ווערן אַלס דער מלך פון ירושלים און אַז דער סולטאַן אַליין וועט אים אָנטאָן די קרוין.

אין סמירנע האָט מיט דער גאַנצער זאַך אָנגעפירט שמואל פרימאָ, ער האָט געהאַט פון שבתי צבי דעם פולן רשות צו טאָן וואָס ער וויל, נישט אָנפרעגנדיק זיך פריער ביי אים. ער האָט דעריבער געטאָן אַלץ אויף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער האָט אַפילו געוואַגט אין טייל באַפעלן זיינע, אין נאָמען פון שבתי צבי, צו שרייבן: „איך, משיח, אייער גאָט, שבתי צבי״...

שבתי צבי וואָלט אפשר נישט געוואָגט אָנצורופן זיך „גאָט", אָבער שמואל פרימאָ האָט געהאַלטן, אַז דאָס פאָלק דאַרף מען איבערראַשן מיט שטאַרקע ווערטער, און ער האָט אין שייכות מיטן אָפּשאַפן דעם תענית פון עשרה בטבת אַרויסגעלאָזט דעם פאָלגנדיקן קול קורא:

„דער בכור פון גאָט, שבתי צבי, משיח און דערלייזער פון כל־ישראל, צו אַלע בני ישראל, שלום! אַזוי ווי איר זענט געבענטשט געוואָרן צו דער־לעבן דעם גרויסן טאָג און די דערפילונג פון גאָטס הבטחה צו די נביאים, דעריבער דאַרף אייער טרויער און קלאָגן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שמחה און אייער פאַסטן אין אַ יום־טוב, וואָרעם מער וועט איר שוין נישט קלאָגן. זייט זיך משמח מיט לידער און געזאַנג. ענדערט דעם טאָג, וועלכן איר האָט שטענדיק געפלעגט צו פאַרברענגען אין טרויער און אין פאַסטן, אין אַ טאָג פון יובל, וואָרעם איך, משיח בן דוד, האָב זיך צו אייך באַוויזן"...

דער דאָזיקער קול קורא איז אין טייל שטעט אָנגעקומען צו דער צייט, נאָך פאַר עשרה בטבת און יידן האָבן נישט געפרעגט קיין איבעריקע שאלות, נאָר האָבן תיכף אויסגעפירט דאָס געבאָט פון זייער משיח און דעם פאַסט־טאָג פאַרוואַנדלט אין אַ טאָג פון טאַנץ און געזאַנג, עסן און טרינקען.

אויב עס האָבן זיך אין די דאָזיקע שטעט געפונען עטלעכע גע־וואָגטע רבנים און זענען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם דאָזיקן באַפעל, האָט מען זיי געוואָלט פאַרשטיינען און מ'האָט זיי גערופן „כופרים".

עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מענטשן האָבן שוין נישט גע־וואָלט אויספירן באַפעלן פון דער טערקישער מאַכט. זיי האָבן געטענהט, אַז זייער באַפעל־געבער איז פון איצט אָן זייער משיח, שבתי צבי, דער קומענ־דיקער מלך פון ירושלים...

דער קאַדי (ריכטער) פון סמירנע האָט זיך דערשראָקן. ביז איצט האָט ער געשוויגן, ווייל ער האָט געקראָגן אַ סך שוחד־געלט פון דער שבתי צבי־קאַסע. אָבער איצט, זעענדיק, אַז די זאַך פאַרנעמט זיך צו גרויס, האָט ער מורא געקריגן, אַז דאָס זאָל נישט אָנקומען צו די אויערן פון סולטאַן, און ער האָט געגעבן אַ שטרענגן באַפעל, אַז שבתי צבי זאָל פאַרלאָזן זיין שטאָט. זאָל ער קומען, הייסט עס, אויף אַנדערע הענט.

קאַפּיטל עלף

אויפן העכסטן שטאַפּל

אַ גרויסע אויפרעגונג האָט געהערשט אין סמירנע נאָך דעם באַפעל פון קאַדי, אַז שבתי צבי מוז פאַרלאָזן די שטאָט, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן. עס האָט זיך געטומלט אין גאַס, עס האָט זיך געריעשט אין בית־המדרש, מען האָט געשריגן, געמאַכט קולות און געדראָט דעם קאַדי, אַז שבתי צבי וועט אים אַראָפּזעצן פון זיין שטעלע און אַרויפזעצן אַן אַנדערן אויף זיין פּלאַץ.

זיי זענען געווען טיף איבערצייגט, אַז שבתי צבי האָט טאַקע אַ גרויסע מאַכט. אָט האָט ער דאָך אַראָפּגעזעצט דעם אַלטן רב ר׳ אהרן לפּפּא און באַשטימט אַן אַנדערן אויף זיין פּלאַץ. זיי זענען פאַרשיכורט געוואָרן אין דעם גלויבן, אַז שבתי צבי באַזיצט אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט און זיי זענען זיכער געווען, אַז דער קאַדי וועט האָבן אַ מיאוסן סוף.

שבתי צביס חברים האָבן אָפּגעהאַלטן אַן אסיפה, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט און נישט געקאָנט קומען צו קיין באַשלוס. עס איז זיי איצט געגאַנגען אין פּרעסטיזש פאַר דער סמירנער יידישער עדה. מען האָט אָנגענומען אַ החלטה צו גיין שטילערהייט צום קאַדי און פּרווון אים ווידער אָפּקויפן פאַר אַ גרעסערער סומע געלט, אַז ער זאָל דעם באַפעל בטל מאַכן.

איינער פון די שליחים צום קאַדי איז אויך געווען דער ניי־באַשטימטער רב, ר׳ חיים בנבנשתי, וועלכער האָט דעם קאַדי געקענט פון אַ לענגערער צייט. זיי האָבן באַשטימט די זעאונג אויף אַ שפּעטער שעה, כדי מענטשן זאָלן נישט באַמערקן, אַז מען גייט בעטן ביים גוי פאַר דעם משיח שבתי צבי...

דער קאַדי האָט זיי אויפגענומען זייער קאַלט. ער האָט נישט געוואָלט הערן פון קיין שום שוחד־געלט.

— איך האָב מורא פאַר מיין אייגענער הויט, — האָט ער זיך ביי זיי געבעטן, — דער סולטאַן וואָלט מיר אַזאַ זינד קיינמאָל נישט געשאָנקען, און אַ סך זענען פאַראַן, וועלכע לויפן אויף מיין שטעלע און זיי קוקן בלויז

אויס, אַז כ׳זאָל זיך אויסגליטשן... אייער משיח מוז פאַרלאָזן סמירנע כאָטש אויף אַ קורצער צייט... פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט וועל איך נישט אַוועקגעבן מיין קאָפּ.

די שליחים זענען אַהיימגעקומען אבל וחפוי ראש. עס איז געווען שפּעט ביינאַכט. זיי האָבן געטראָפן זיצן שבתי צבין מיטן קאָפּ אַריינגענומען צווישן ביידע הענט און פאַרטיפט אין מחשבות. זיי האָבן איצט באַמערקט, אַז אין דער ברוינער באָרד זיינער האָבן זיך שוין אַריינגעכאַפּט גרויע פעדימלעך. דאָס פּנים זיינס איז געוואָרן ערנסטער און די אויגן האָבן געפלאַקערט מיט אַן אומהיימלעך פייערל.

זיי זענען טאַקע דערשראָקן געוואָרן, ווען שבתי צבי האָט פּלוצלינג אַ הויב אויף געטאָן זיין קאָפּ און זיי אַ ברי אָפּ געטאָן מיט זיין גרינעם פייערדיקן בליק. ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט, אַ סימן, אַז ער וויל בלייבן איינער אַליין ביי זיך אין צימער.

די חברים זיינע, מיט ר׳ חיים בנבנשתי אין דער שפּיץ, האָבן זיך מיט גרויס ערפורכט צוריקגערוקט הינטערוויילעכטס און שבתי צבין איבערגעלאָזט איינעם אַליין.

זיי זענען אָבער נישט אַוועק פון הינטער זיין טיר. זיי האָבן אַ גאַנצע נאַכט געוואַכט הינטער איר און געוואַרט, אַז דער גרויסער רבי זאָל זיי צוריק אַריינרופן. ער האָט זיי אָבער נישט גערופן.

מ׳האָט בלויז געהערט זיינע שוואַכע טריט הין און צוריק איבער דעם חדר. ער האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ אָדער קרעכץ. מ׳האָט געפילט, אַז ער לעבט איבער עפּעס אַ שווער געפיל.

איינמאָל האָבן זיי אפילו געהערט, ווי ער רופט אויס אַ פאַרצווייפלטער:

— רבונו של עולם, העלף מיר אין אַן עת־צרה!...

און ער האָט אָנגעהויבן מורמלען דאָס קאַפּיטל תהילים: „תפילה לדוד הטה ה׳ אָזנך ענני כי עני ואביון אָני..." — אַ תפילה פון דודן. נייג־צו, גאָט, דיין אויער און ענטפער מיר, וואָרעם אָרעם און נויטבאַדערפטיק בין איך. באַהיט מיין זעל, וואָרעם איך בין פרום. העלף, דו מיין גאָט, דיין קנעכט וואָס פאַרזיכערט זיך אויף דיר...

אַ גרויס רחמנות האָט זיי אַרומגענומען צום רבין און זיי האָבן אים איבערגעלאָזט איינעם אַליין אין זיין צימער, כדי ער זאָל צו זיך קומען און געפינען הילף אין זיינע תפילות.

שבתי צבי איז יענע נאַכט נישט איינגעשלאָפן. ער איז געלעגן אויף זיין בעטל מיט אָפענע אויגן. אין חדר איז געווען פינצטער. ער האָט אָבער אַלץ געזען ווי אין דער ליכטיק. פאַרשידענע בילדער האָבן פאַרבייגעשוועבט פאַר זיינע אויגן. ער האָט זיך געזען אַלס יונגער בחור ביי זיינע עלטערן אין הויז, זיינע טעג אין דער ישיבה פון ר׳ יוסף אישקפא, ווען ער האָט אָנגעהויבן אַריינקוקן אין די געהיימע ספרימלעך. ער דערמאָנט זיך איצטער, ווי זיין רבי האָט אים נישט דערלויבט אין אָנהייב זיך צו פאַרטיפן אין זיי, און האָט אים אויסגעמוסרט ווען ער איז געוואָר געוואָרן, אַז ער פייניקט זיין לייב און פאַסט תעניתים.

ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט העלפן. אַ געהיימע קראַפט האָט אים געהאַט באַהערשט, האָט מיט אים געוועלטיקט און געטאָן מיט אים משונהדיקע מעשים, וועלכע ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט מער אַקעגנשטעלן. ער געדענקט ווי איצטער, ווי נאָך אָפּפאַסטן דריי טאָג נאָכאַנאַנד און נאָך גיין זיבן מאָל טבילה און שמייסן דאָס לייב מיט ריטער, האָט ער אינמיטן דער נאַכט, ווען ער איז געווען אין האַלבן אומבאַוווסטזיין, פלוצלינג דערזען אַ גרעל ליכט, פאַר וועלכן ער האָט זיך אין אָנהייב שטאַרק דערשראָקן. שפּעטער האָט ער אָבער זיך צוגעוווינט צו דעם דאָזיקן אויסטערלישן ליכט, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַ שטימע, וואָס האָט אין זיין אויער אָפּגעקלונגען ווי דאָס וואָרקען פון אַ טויב. און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ערגעץ אין אַ מסכתא שטייט געשריבן, אַז דאָס קול פון רבונו של עולם איז ענלעך צום וואָרקען פון אַ טויב...

ער האָט דעמאָלט, געדענקט ער, אויפגעצאַפּלט, ר׳איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין געלעגער און האָט געוואַשן זיך די הענט, נישט וועלנדיק האָבן קיין אומריינע הענט, בעת עס רעדט צו אים דאָס געטלעכע קול. ער האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל פאַרנומען גאָטס רייד, אַז ער איז אָנגעברייט צו זיין דער שליח פון גאָט, וועלכער וועט אויסלייזן דאָס פאָלק ישראל פון גלות...

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי פון שלאָף, איז ער געווען אינגאַנצן צעטומלט. ער האָט קיינעם וועגן זיין געטלעכער זעאונג נישט דערציילט. ער האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים אויסלאַכן און דער רבי זיינער, ר׳ יוסף אישקפא, וועט אים אויסמוסרן פאַר זיינע מאָדנע טראַכ־

טונגען. ער האָט דאָס געהאַלטן אַ לאַנגע צייט בסוד, ביז וואַנען ער האָט זיך אַמאָל, זיצנדיק אין בית־המדרש מיט זיין איינציקן חבר, משה פינהייראָ, פאַר אים פאַרטרויט.

משה פינהייראָ האָט עס אויפגענומען מיט פורכט און ערנסט. ער איז פונקט ווי ער, אויך געווען אַ פאַרחלומטער בחור. גאַנצע טעג האָט ער געטראַכט וועגן ביאת המשיח, וועגן גיין אויף דער פאַפירענער בריק קיין ארץ־ישראל. און ווען ער האָט געלערנט וועגן והיה באחרית הימים, האָט אים אַ ציטערניש און פלאַטערניש אַרומגענומען.

פון יענעם מאָמענט אָן האָבן זיי ביידע מיט זיך אַרומגעטראָגן דעם דאָזיקן געהיימען סוד. און משה פינהייראָ האָט געגלייבט באמונה שלימה אַז שבתי צבי, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין תשעה באָב, איז זיכער דער משיח בן דוד, וואָס איז אָנגעברייט די יידן פון גלות אויסצולייזן...

און ער איז געגאַנגען אין שבתי צביס טריט, ביז ס׳זענען אויך צוגע־קומען יצחק סילווייראָ און שמואל פרימאָ, און זיי זענען געוואָרן אַ גע־שלאָסענע געהיימע גרופע מקובלים, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אַ צייכן פון הימל, אַז די צייט איז שוין געקומען.

אָט די אַלע בילדער זענען שבתי צבין אויפגעשווומען איצט, ווען ער איז שוין געשטאַנען אויפן העכסטן שפיץ פון זיין רום און ביים סוף פון זיין ציל, ווען דער לאַנגער חלום זיינער ווערט פאַרוואַנדלט אין ווירקלעכקייט. ער האָט זיך איצט אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, וואָס מיט אים איז אין דער לעצטער צייט פאָרגעקומען. ער האָט אין דעם אַלעם געזען, אַז די השגחה פירט אָן מיט זיין גורל און ער האָט זיך פאַרפעסטיקט אין זיין גלויבן, אַז ער איז טאַקע דער, וועמען גאָט האָט אָנפאַרטרויט די גרויסע שליחות, און ער האָט זיך דערפילט געשטאַרקט.

אין באַפעל פון סמירנער קאָדי האָט ער געזען די לעצטע יסורים, וואָס ער מוז נאָך דורכהאַלטן, כדי ענדלעך צו קומען צום העכסטן שטאַפּל פון זיין דערגרייכונג.

שבתי צבי האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט שטאָלץ און שטאַרק די דאָזיקע גזירה דורכצוטראָגן ווי עס פּאַסט פאַר אַ מאַן, וועלכער איז באַשטימט פון גאָט פאַר אַזאַ דערהויבענעם ציל. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין געלע־גער און ער האָט אפילו זיך נישט געפילט מיד נאָך אַ גאַנצער נאַכט נישט שלאָפן.

ער האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן זיין דינער. ער האָט באַפוילן תיכף אַריינצורופן זיינע חברים, ער האָט זיי אָנצוזאָגן אַ וויכטיקן באַשלוס, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן פון די הויכע הימלען.

ווען משה פינהיירא האָט זיך דער ערשטער באַוויזן אויף דער שוועל פון זיין חדר, איז שבתי צבי צו אים צוגעלאָפן, האָט פאַרוואָרפן די הענט אַרום זיין האַלדז און זיך צעוויינט מיט פריידיקע טרערן. ער האָט געמורמלט מיט די ליפן רייד, וואָס דער חבר זייגער האָט קוים געקאָנט אויפכאַפּן:

— דו ביסט דער חבר מיינער פון מיין פריסטער יוגנט, און דו ווייסט דאָך אַלע מיינע פּאַסירונגען, ווייל דו האָסט אין זיי אָנטייל גענומען. דו וועסט דעריבער אויך זיין דער, וועלכער וועט מיט מיר מיטגיין ביזן קבר... איך באַשטים דיך אַלס מיין שני למלך, ווען איך וועל געקרוינט ווערן אַלס דער קעניג פון ירושלים...

אויף צומאָרגנס איז באַשטימט געוואָרן, אַז שבתי צבי צוזאַמען מיט זיין ווייב שרה און זיינע באַגלייטער פאַרלאָזן סמירנע אויפן וועג קיין ירושלים. בפרט, אַז ער האָט די לעצטע טעג דערהאַלטן פון זיין נביא נתן העזתי אַ לאַנגן בריוו, אין וועלכן ער באַשווערט אים ממש, אַז ער מוז תיכף קומען אין דער הייליקער שטאָט, און פון דאַנען שיקן זיינע באַפעלן און פאַראָרדענונגען אין די לענדער פון גלות.

שבתי צבי האָט דערין געזען אַ פינגער פון גאָט, פונקט אין דערזעלבער צייט, וואָס מ׳צווינגט אים צו פאַרלאָזן זיין געבורטשטאָט סמירנע, ווערט ער פאַרבעטן דורך די איינוווינער פון דער הייליקער שטאָט צו קומען אַהין. איז עס נישט קיין סימן, אַז אַלץ וואָס ער טוט און וואָס ער נעמט אונטער, איז אַן אָנגעצייכנטער וועג פון אַ העכערער קראַפט?...

משה פינהיירא איז געווען גליקלעך דערפון, וואָס זיין רבי און דער קומענדיקער מלך פון ירושלים האָט אים באַשטימט פאַר זיין נאָענטסטן אַרויסהעלפער. מ׳האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער דאָזיקער רייזע אין גרויס פיבער. די גאַסן פון סמירנע זענען געווען איבערפולט מיט מענטשן, וועלכע האָבן צווישן זיך דורכגערעדט די געשעענישן פון די לעצטע טעג און האָבן זיך מתווכח געווען וועגן דעם באַשלוס פון שבתי צבי אָפּצופאָרן קיין ירושלים.

— נישט אַנדערש נאָר דער קאַדי פון סמירנע איז אַ שטילער אָנהענגער פון אונדזער משיח... — האָבן אַ טייל מענטשן צווישן זיך סודותפול געטענהט — ער האָט געוואָלט, אַז ס׳זאָל צוגיין בדרך הטבע, האָט ער געגעבן דעם באַפעל, אַז שבתי צבי מוז פאַרלאָזן די שטאָט. מיר וועלן גאָרנישט זיין איבעררראַשט, ווען דער קאַדי וועט אין איין שיינעם העלן טאָג אַראָפּוואַרפן פון זיך די מאַכמעדאַנישע מאַסקע און זיך עפנטלעך דערקלערן אַלס אַ ייד...

אָט אַזעלכע מעשיות האָבן מענטשן צווישן זיך פאַרשפּרייט און פון די מעשיות זענען געוואָרן „אמתע״ געשיכטעס. מ׳האָט זיך שוין איבערגעגעבן, אַז מ׳האָט איינמאָל בייגאַכט געזען, ווי דער קאַדי איז צוגעפאָרן מיט אַ קאַרעטע צו שבתי צביס הויז, איז דאָרט פאַרבליבן אַ לענגערע צייט און האָט געסודעט זיך מיטן רבין און זיינע חברים...

און ווען דער טאָג איז געקומען, אַז שבתי צבי מיט זיינע אַלע באַגלייטער זאָלן אויפזיצן אויף דער שיף, איז אַן אַלגעמיינער טרויער געווען אין שטאָט. פיל מענטשן האָבן געוויינט פאַר גרויס צער, וואָס מען רייסט אַוועק דעם צדיק פון זיין שטאָט. כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג איז מיטגעגאַנגען צום האַפן און מיט טרויעריקע לידער האָבן זיי באַגלייט זייער רבין צו דער שיף.

שבתי צבי האָט זיי געבעטן נישט צו זיין טרויעריק.

— אויף גאָטס גזר־דין טאָר מען נישט מתרעם זיין — האָט ער געזאָגט — קיין שום זאַך טוט נישט אַ מענטש, אַז גאָט זאָל אים פריער נישט הייסן אַזוי אָן. אַלץ ווערט געפירט דורך דער השגחה פרטית...

דער עולם האָט פאַרשטאַנען זיין מיין, און אַלע האָבן אָנגעהויבן צו זינגען און טאַנצן אויף דער גאַס, אַרויסווייזנדיק פרייד און צופרידנקייט, וואָס דער רבי זייערע פאָרט־אָפּ אין דער הייליקער שטאָט ירושלים. פון דאָרט דאַרף קומען די גאולה און דאָרט אַהין וועלן סוף־כל־סוף ציען יידן פון דער גאַנצער וועלט.

נאָך שבתי צביס אָפּפאָר איז געוואָרן ווי ליידיק אין דער שטאָט. מענטשן זענען געבליבן אָפּגעשלאָסן אין זייערע שטובן און נישט אַרויסגעקומען אויף דער ליכטיקער שיין. עס האָט עפּעס געפעלט אין שטאָט.

אומעטום, וווּ די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ ביי אַ האַפן, האָבן מענטשן אין די טויזנטער געוואַרט אויפן אָנקומען פון דעם גרויסן

רבין. אין די יומטובדיקע קליידער זענען זיי געקומען, מיט פרויען, קינדער און אַלטע לייט. אויך גויים זענען געקומען צו דער שיף. אַ פחד איז זיי באַפאַלן, ווען זיי האָבן דערזען אַרויסקומען אויפן דעק דעם יידישן משיח, וועלכער האָט איצט אויס אויסגעזען פאַרעלטערט אַ ביסל.

— ער וועט אַראָפּוואַרפן דעם סולטאַן פון זיין טראָן און וועט איבער־נעמען די מלוכה אין ירושלים... — האָבן זיי צווישן זיך גערעדט.

די יידן האָבן גערעשט און גערעדט הויך, געזונגען און געטאַנצט און אַלע האָבן זיך געריסן אַרויפצוקומען אויף דער שיף און אַ קוש טאָן דעם זוים פון משיחס קלייד. די גרעסטע אויפנאַמע האָט ער אָבער געהאַט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. עס זענען אַקעגנגעקומען רבנים מיט ספרי־תורות, אָנגעטאָן אין די פייערלעכסטע מלבושים און זיי האָבן געדרשנט וועגן דעם גרויסן טאָג, וואָס איז געקומען אויפן פאָלק ישראל.

עס איז אויך געקומען אברהם היכיני, וועלכער האָט זיך פאַראייניקט מיט דער גרויסער גרופע אויף דער שיף און איז מיטגעפאָרן מיט שבתי צבי קיין ירושלים. די שיף איז אייגנטלעך געגאַנגען קיין יפו, אָבער פריער האָט זי געמאַכט אַן אומוועג קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו זי האָט געדאַרפט אויפנעמען לאָדונג.

עס איז ממש אַ רעטעניש, ווי אַזוי די מענטשן זענען געוואָר געוואָרן, אַז שבתי צבי פאָרט מיט דער שיף קיין ארץ־ישראל. גלייך אין דער לופט וואָלטן זיך געטראָגן די געהיימנישפולע בשורות. אַ גאַנצן טאָג זענען מענטשן געשטאַנען און געוואַרט אויפן אָנקומען פון דער שיף. די טערקישע מאַכט האָט געשיקט פּאָליציי אויפצוהאַלטן די אָרדענונג, ווייל מ׳האָט געקאָנט פשוט געהרגעט ווערן פון דער ענגשאַפט און שטופעניש ביים האַפן.

די פּאָליציי־לייט האָבן געהויבן די אַקסלען פון פאַרוווּנדערונג, וואָס אַזוי פיל יידן האָבן זיך אָנגעזאַמלט ביים ברעג ים. ווען מ׳האָט זיי געזאָגט, אַז דאָס איז דער יידישער משיח, וועלכער וועט בקרוב איבערנעמען ביים טערקישן סולטאַן דעם טראָן, האָבן זיי געלאַכט און בנעימותדיק געשפּאָט פון די יידן.

אָבער צו שטאַרק איז געווען דער יידישער גלויבן און צו גרויס דער ווילן באַפרייט צו ווערן פון גלות, אַז עפעס אַ חוזק מאַכן פון גויים זאָל אויף זיי ווירקן.

— וואַרט־צו — האָבן זיי אין האַרץ ביי זיך געטראַכט — איר וועט שוין נישט חוזק מאַכן און לאַכן פון אונדז...

אברהם היכיני האָט געהאַט צו דערציילן שבתי צבין אַ סך מעשיות וועגן דעם ווי די יידן אין טערקיי זענען גרייט יעדע מינוט מורד צו זיין קעגן דער טערקישער מאַכט.

— קיינער וועט זיי נישט אָפּהאַלטן פון גיין קיין ארץ־ישראל. די גויים ווייזן אַרויס אַ גרויסן פחד. עפּעס אַ מאָדנע שרעק איז אויף זיי אַנגעפאַלן, נישט אַנדערש, נאָר גאָט האָט אויף זיי אַנגעיאָגט אַ געהיימע מורא, ווי אויף די מצריים, בעת פרעה האָט די יידן נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון מצרים... — האָט ער געהאַלטן אין איין רעדן.

ער האָט אויך דערציילט, אַז פון איטאַליע און דייטשלאַנד זענען געקו־מען שליחים, כדי מיט זייערע אייגענע אויגן צו זען גאָטס וווּנדער. זיי האָבן געמיינט, אַז שבתי צבי געפינט זיך אין דער טערקישער הויפּטשטאָט. איצט וועלן זיי געוויס קומען קיין ירושלים.

— די שליחים זאָגן, אַז אין די שולן אין די דייטשע און איטאַליענישע שטעט ווערן געמאַכט „מי שברכס״ לכבוד שבתי צבי, און דער עולם איז אַזוי באַגייסטערט, אַז מען וואַרט נאָר אָפּ דעם ערשטן רוף און צענדליקער טויזנטער יידן וועלן זיך אַ לאָז טאָן אין דעם הייליקן לאַנד אַריין... — האָט אברהם היכיני דערציילט.

שבתי צבי איז געווען צעטומלט פון די דאָזיקע נייעס, און זיין ווייב שרה האָט אים געדאַרפט אונטערהאַלטן מיט אירע טרייסטנדיקע ווערטער. זי האָט אים אָנגעפילט מיט גלויבן און מוט.

— זאָל מען נאָר אָנקומען קיין ירושלים... — האָט זי צו אים געטענהט, זיצנדיק מיט אים אָפּגעזונדערט אין אַ ווינקל אויף דער שיף, ווען מען איז שוין געווען אויף די פולע וואַסערן פון מיטלענדישן ים.

שבתי צבי האָט פאַרברענגט די מערסטע צייט פון דער רייזע ביחידות. ער האָט געזאָגט תהילים און תפילות, וואָס ער אַליין האָט פאַרפאַסט אויפן אָרט, אויסגיסנדיק זיין האַרץ פאַרן רבונו של עולם...

אויף צומאָרגנס האָט מען זיך געריכט אָנצוקומען קיין יפו. דאָס איז געווען דער פייערלעכסטער טאָג אין שרהס לעבן. זי איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַזוי פיל פרייד און האָפענונג, אַז זי האָט זיך שוין געזען ווי די יידישע מלכה אויפן טראָן אין דער הייליקער שטאָט.

— מיין מאַן... — האָט זי געשעפּטשעט צו שבתי צבי אין אַ טונקעלן בין השמשות — דאַרפסט זיין שטאַרק און נישט פאַלן פון מוט — דיין שעה האָט געשלאָגן און מיט איר אויך די שעה פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק.

גרויס איז געווען די שמחה, ווען די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט אין יפו.

אויף אַזאַ גרויסן עולם האָט זיך קיינער נישט געריכט. דער האַפן איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. ווו דאָס אויג איז נאָר געפאַלן, האָט מען געזען מענטשן און מענטשן. מען איז געקומען מיט נאָך עטלעכע טעג צוריק פון אַלע ווינקעלעך פון לאַנד. מ'איז געקומען פון צפונדיקן צפת און פון דרום־דיקן באר־שבע. פאַרשידענע קאָלירן קליידונג האָבן די מענטשן אויף זיך געטראָגן. עס האָט ממש געבלענדט אין די אויגן.

אין דער שפּיץ פון דעם דאָזיקן ריזיקן המון איז געווען נתן העזתי און נאָך צוויי ביז איצט אומבאַקאַנטע מענער. נתן העזתי האָט זיי פאָרגע־שטעלט פאַר שבתי צבי:

— דאָס זענען שבתי רפאל און מתתיהו בלאָך, דיינע געטרייסטע אָנ־הענגער... — האָט נתן העזתי מיט התפעלות אויסגערופן און ער האָט אַרומגענומען זיין גרויסן רבין און צוגעדריקט צו זיך.

צענדליקער טויזנטער מענטשן זענען נאָכגעגאַנגען הינטערן אייזעלע, אויף וועלכן עס איז געריטן שבתי צבי. אויפן גאַנצן וועג פון יפו ביז ירושלים זענען געווען אויסגעשטעלט אָן אַ שיעור מענטשן, וועלכע האָבן געזונגען לידער.

— אַזאַ אויפנאַמע האָט אפילו דער סולטאַן נישט געהאַט, ווען ער איז איינמאָל געקומען קיין ירושלים... — האָבן די מענטשן צווישן זיך גערעדט.

לאַנגע שעהן האָט זיך די דאָזיקע פייערלעכע פיל־קאָלירנדיקע פּראָ־צעסיע געצויגן איבערן וועג פון יפו קיין ירושלים. די הרי יהודה זענען גע־שטאַנען איינגעהילט אין אַ בלויען נעפּל. עס איז געווען פריער מאָרגן. די זון האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט אָפּערגעריסן פון הינטער די בערג אויף יענער זייט ירדן און אָפּגעגאָסן די וועלט מיט גאָלדענע שטראַלן. דער בלוילעכער נעפּל, אין וועלכע די בערג זענען געווען איינגעהילט, האָט אָנגעהויבן צעבלאָזן זיך און עס האָבן אַרויסגעטויכט די ברוינע פעלדזן, וואָס האָבן זיך געטורעמט איינער איבערן אַנדערן.

אַ גאַנצע טאָג האָט זיך געצויגן די פּראָצעסיע, ביז די זון האָט אָנגעהויבן צו זעצן זיך. מ'האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסזען אַ שפּיץ פון דער הייליקער

שטאָט, אָבער ווען מ׳האָט זיך פֿאַרקירעוועט אויף אַן אויסגעקרימטן וועג, איז דער שפּיץ ווידער פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

שבתי צבי האָט זיך אָפּגעשטעלט, און זיך באַראָטן מיט נתן העזתי, און באַלד נאָכדעם האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז מען בלייבט איבער־נעכטיקן הינטער דער שטאָט, וווּהין מ׳וועט אַריינקומען כעלות השחר.

דער פֿיל טויזנט קעפּיקער עולם האָט זיך אָפּגעשטעלט און מ׳האָט זיך צעלייגט איבער די בערג און טאָלן, וועלכע זענען איינגעהילט געוואָרן אין מילך־ווייסן נעפּל, וואָס איז אויפֿגעגאַנגען פֿון די טאָלן. עס זענען פֿונאַנ־דערלייגט געוואָרן ריזיקע פֿייערן און בלויע רויכן האָבן זיך אָנגעהויבן וויקלען אין דער לופֿט און אַרויפֿגיין אין די הימלען.

דאָס האָט מען צוגעגרייט פֿאַר אַלעמען דאָס ביינאַכטיקע מאָלצייט. זיי האָבן פֿון פֿריִער געהאָט צוגעגרייט און מיטגעפֿירט לעבעדיקע שאָף און אַנדערע שפּייז, ווייל מ׳האָט געוווּסט, אַז מען וועט דאַרפֿן איבערנעכטיקן אויפֿן וועג קיין ירושלים. די געבראָטענע שאָף האָבן פֿאַרשמעקט די גאַנצע געגנט און די סעודה האָט זיך אָנגעהויבן.

אַ פֿייערלעכע שטימונג האָט געהערשט אין דער פֿאַרנאַכטיקער שטיל־קייט אויף דער שוועל פֿון דער הייליקער שטאָט. עס האָט זיך געפֿילט, ווי מען וואָלט געלעבט אין דער צייט, ווען יידן האָבן עולה־רגל געווען פֿון אַלע ווינקעלעך פֿון לאַנד און געפֿירט קרבנות מקריב צו זיין אויפֿן מזבח. די דאָזיקע שטימונג האָט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט נתן העזתי מיט זיינס אַ דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן תיכף נאָך דער סעודה. ווי ער וואָלט דערפֿילט די שטימונג פֿון גאַנצן עולם, האָט ער טאַקע גערעדט וועגן דער באַנייאונג פֿון מקריב זיין קרבנות און דעם עולה־רגל זיין קיין ירושלים.

ער האָט גערעדט מיט אַזאַ פֿייער, אַז טרערן פֿון פֿרייד האָבן זיך גע־שטעלט אין די אויגן פֿון אַלע אָנוועזנדיקע. נישט אַלע האָבן געקאָנט גוט הערן, ווייל די מחנה איז געווען אויסגעלייגט אויף אַ ריזיקן שטח. אָבער איינער דעם אַנדערן האָט שוין איבערגעגעבן דעם תמצית פֿון זיינע רייד, און ווי אויף אַ מאַגישן באַפֿעל האָט זיך דער ריזיקער המון געגעבן אַ שטעל־אויף און אָנגעהויבן טאַנצן אין אַ גרויס ראָד. די פֿיל־קאָלירנדיקע קליידער האָבן אויפֿגעבליצט אין די רויטע שטראַלן פֿון דער אונטערגייענדיקער זון און עס האָט אויסגעזען, ווי מ׳וואָלט זיך געפֿונען ערגעץ־ווו אין אַ פֿאַר־

כישופטן פלאַץ און די דאָזיקע מענטשן זענען ברואים פון עפּעס אַן אומ־באַקאַנטער פאַנטאַסטישער וועלט.

„מיר דאַרפן לויבן אונדזער באַשעפער פאַר דעם גרויסן חסד, וואָס ער האָט אונדז געטאָן", האָט נתן העזתי אויפגעהויבן העכער זיין שטים, „און געלאָזט אונדז לעבן אין דעם דור, אויף וועלכן אַזוי פיל יידן האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט. אונדזער פרייד דאַרף איבערשטייגן אַלץ אין דער וועלט. מיר האָבן געהאַט אַ גרויסן זכות אין הימל, וואָס מיר האָבן דערלעבט בייצוווינען דעם דאָזיקן דערהויבענעם מאָמענט, לאָמיר ווינטשן אונדזער רבין, דעם משיח בן דוד, פיל יאָרן פון לעבן און ער זאָל זוכה זיין מיט אונדז צוזאַמען אַריינצוקומען אין דעם הייליקן לאַנד און עס באַזעצן פון דן ביז באר שבע און ווידער אויפבויען אונדזער מלוכה, וואָס וועט פאַר־נעמען אַ פּלאַץ צווישן אַלע פעלקער, מיט וועלכע מיר וועלן לעבן בשלום, ווי אונדזער נביא ישעיה האָט פאָרויסגעזאָגט"...

אַן אויסגעשריי פון טיפן האַרץ איז געקומען פון דעם ריזיקן עולם ווי פון איין מאַן. דאָס קול האָט אָפּגעקלונגען פון איין עק ביזן צווייטן און מיט ווידער־קולות צוריקגעקומען, און עס האָט זיך אויסגעדאַכט ווי דער גאַנצער וועלט־חלל איז אָנגעפילט געוואָרן מיט שירה.

אַן אויסגעשטערנטער טונקל־בלויער הימל האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער די קעפּ פון אַלע פאַרזאַמלטע און אַ שטילקייט פון ששת ימי בראשית האָט אַ ווייל געהערשט איבער דער וועלט, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו דער גרויסער בשורה אויף דער ערד פון די בני ישראל.

ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָט זיך דער המון געפרייט מיט דער גרויסער פרייד פון באַפרייאונג. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָ איז פאַר־זאַמלט אַ מחנה פון קריגער פון די צייטן פון דוד המלך און באַלד, מיטן אויפשפּראָץ פון נייעם טאָג, וועט זיך דערהערן דער שאַל פון טראָמפּייט און מען וועט זיך דאַרפן וואַרפן אויפן שונא און אים באַזיגן.

מיט טאָג־צוגלייך איז דער מידער עולם איינגעשלאָפן און בלויז דער שטעכיקער אויפשפּראָץ פון די ערשטע רויטע שטראַלן האָט זיי געמאַכט צוריק וואַך.

נאָך תפילה של שחרית האָט זיך די ריזיקע מחנה געלאָזט אין ווייטער־דיקן וועג אַריין קיין ירושלים. אַ געשמאַק פון צייטיקע פּרוכטן איז אויפ־געגאַנגען אין די נאָזלעכער און די לופט איז געווען אָנגעפּולט מיט די

טייערסטע ריחות. עס האָט געבליט דאָס ווייסע מאַגדל־בליעכץ און עס האָבן זיך געגאָלדיקט די פּאָמעראַנצן אין די גרינע גערטנער; ווי אַ זיג־רייכע אַרמיי האָט דער ריזיקער עולם אַריינמאַרשירט אין דער הייליקער שטאָט, וואָס איז שוין לאַנג וואָך געווען און האָט אָפּגעוואַרט דעם מלך המשיח שבתי צבי פֿון סמירנע.

די שמאָלע געסלעך זענען באַלד איבערפֿולט געוואָרן ווי פֿון אַ פֿליי־צנדיקן שטראָם. די כותל מערבי איז געוואָרן אַרומגערינגלט פֿון טויזנטער און טויזנטער מענער און פֿרויען, וועלכע האָבן געקושט די אַלטע שטיינער און מיט טרערן זיי באַנעצט, אָבער דאָס מאָל זענען דאָס געווען טרערן פֿון פֿרייד און נחמה.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן טעג פֿון יום־טוב אין דער הייליקער שטאָט. עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז דער טערקישער סולטאַן אַליין האָט געגעבן אַ באַפֿעל אָנצוהויבן בויען דאָס בית־המקדש, אַז ער וועט די טעג קומען קיין ירושלים און מיט זיינע אייגענע הענט אַראָפּנעמען פֿון זיך די קרוין און אַרויפֿטאָן זי אויפֿן קאָפּ פֿון שבתי צבי.

פֿון מויל צו מויל זענען די דאָזיקע קלאַנגען איבערגעגאַנגען און מ׳האָט פֿאַר פֿרייד געטאַנצט אין די גאַסן. פֿרעמדע מענטשן האָבן זיך געקושט און געהאַלדזט און זיך געווונטשן מזל־טוב.

פֿון דער גאַנצער וועלט זענען אָנגעקומען בריוו און שליחים צו שבתי צבי. אין די בריוו, וואָס זענען געקומען פֿון האַמבורג אין מדינת דייטשלאַנד, איז דערציילט געוואָרן, אַז די פֿרייד צוליב דעם, וואָס שבתי צבי איז נתגלה געוואָרן אַלס משיח בן דוד, איז דאָרט אין לשער. מענטשן זענען אַרויסגע־גאַנגען אין די גאַסן מיט ספֿר־תורהס אין די הענט און האָבן פֿראַנק און פֿריי, נישט מורא האָבנדיק פֿאַר קיינעם, געטאַנצט אין גרויסע גרופּעס.

יעדעס שטיקל נייעס, וואָס איז אָנגעקומען קיין האַמבורג וועגן משיח שבתי צבי, איז געלייענט געוואָרן בקול רם אין דער שול און קיינער האָט נישט פֿאַרפֿעלט צו קומען זיי הערן. אפֿילו די דייטשן, וועלכע זענען די גרעסטע שונאים פֿון יידישן פֿאָלק, האָבן אָנערקענט, אַז עס איז געקומען דער סוף צום יידישן גלות און זיי האָבן געקראַגן דרך־ארץ פֿאַר יידן.

פֿון דער פֿראַנצויזישער שטאָט אוויניאָן, וווּ עס האָט געלעבט אַ קליינע יידישע קהילה, איז אָנגעקומען אַ בריוו, אַז אַלע יידן, פֿון קליין ביז גרויס, פּאַקן שוין זייערע זאַכן און גרייטן זיך עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. אויך

פיל פון די יידן אין לאַנדאָן, ווען עס איז נישט לאַנג געהאַט דערלויבט געוואָרן צו וווינען דאָרט, האָבן באַשלאָסן אַוועקצולאָזן זיך קיין ארץ־ישראל און מוותר זיין אויף דער גויאישער טובה צו מעגן וווינען אין זייער לאַנד.

פון אַלע שטעט אין דייטשלאַנד זענען אָנגעקומען גרויסע סומעס געלט פון יידן פאַר דעם אויפבוי פון בית־המקדש.

דאָס הויז, וווּ שבתי צבי האָט געוווינט איז געוואָרן אַן איינזאַמלונג פאַר אַלע יידן אין דער וועלט. עס האָט דאָרט נישט גערוט קיין איין רגע. מען האָט געהאַלטן אין איין קומען און אַוועקגיין.

יעדע נאַכט האָט מען געפּראַוועט סעודות, וואָס האָבן זיך פאַרצויגן ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. מ'האָט געזונגען לידער און געטאַנצט. מענער און פרויען האָבן זיך אויסגעמישט און זיך גענומען מער פרייהייט ווי געווינלעך. מיט די דאָזיקע פריילעכע מאַלצייטן האָט אָנגעפירט שבתי צבים פרוי, שרה. זי איז איצט געווען נאָך שענער ווי פריער. זי האָט צובאַקומען דעם חסד, וואָס איז געפאַלן אויף איר מאַן און האָט געשיינט ווי די זון...

קיין ירושלים זענען געקומען אַפילו קריסטן, וועלכע האָבן זיך געוואָלט איבערצייגן אין דער אמתדיקייט פון זייערע יידישע שכנימס רייד, און זיי זענען אַוועק פון שבתי צבים הויז מיט דער איבערצייגונג, אַז ער איז טאַקע דער לאַנג־דערוואַרטער אויסלייזער. עס האָבן זיך אַפילו אָנגעהויבן הערן שטימען צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין טייל אייראָפּעישע שטעט, אַז זיי וועלן איבערגיין צום יידנטום, ווייל דער אמתער משיח איז דער יידישער...

עס האָט זיך אָנגעהויבן טומלען מיט שבתי צבי אין די קירכלעכע קרייזן און מען האָט אָנגעהויבן אָפּטער אים אַרויפנעמען אויפן טיש בעת פאַרשידענע רעליגיעזע פאַרזאַמלונגען. עס האָבן זיך ווידעראַמאָל אַ שאָט געטאָן מסירות צום טערקישן סולטאַן, אַז ער זאָל שענקען אַ ביסל מער אויפמערקזאַמקייט דער יי ד י ש ע ר „הפקרות"... אַזוי האָבן קריסטלעכע גייסטלעכע געשריבן צום מאַכמעדאַנישן פירער.

דערווייל האָט שבתי צבי אָנגעפירט מיט זיין מלוכה אין ירושלים ביד רמה. אַרום זיין פּאַלאַץ, וווּ ער האָט זיך באַזעצט, איז שטענדיק געשטאַנען אַ וואַך פון ענטוזיאַסטישע יונגעלייט, וועלכע האָבן צום משיח קיינעם נישט צוגעלאָזט, סיידן ער האָט געהאַט אַ דערלויבעניש פון שמואל פּרימאָ, וועלכער איז געוואָרן שבתי צבים מזכיר.

ירושלים איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָרט פון פּרנסה פאַר צענדלי־קער און הונדערטער יידישע משפחות, וואָרעם פון דער גאַנצער וועלט איז מען געקומען עולה־רגל זיין אין דער הייליקער שטאָט, ווו עס האָט זיך באַזעצט משיח בן דוד.

איינמאָל אין אַ שבת, ווען שבתי צבי האָט געזאָלט האַלטן אַ דרשה, איז פּלוצלינג אויפן באַלעמער אַרויסגעקומען זיין נביא העזתי, האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט עטלעכע מאָל אין שולחן און אויפגעפאָדערט אַלעמען צו שווייגן.

אַ שטילקייט איז אַריינגעטראָטן צווישן דעם פיל־געפּאַקטן עולם אין שול און די דערוואַרטונג צו הערן עפּעס וויכטיקס איז געוואָרן זייער גרויס. שבתי צבי אַליין האָט אויך אָנגעשטעלט זיין אויער און איז געוועז ניי־געריק צו הערן די רייד פון זיין נביא.

און נתן העזתי האָט אָנגעהויבן, פריער מיט אַ שטיל קול, וואָס מ׳האָט קוים געקאָנט אויפכאַפּן, דערנאָך אַלץ העכער און העכער, ביז אַ ציטער־ניש און פלאַטערניש האָט באַהערשט זיין שטימע. און ער האָט דערציילט וועגן אַ זעאונג, וואָס ער האָט די נאַכט געהאַט:

„אַ שווערע נאַכט האָב איך נעכטן דורכגעלעבט״, האָט ער אָנגעהויבן, „איך האָב באַין אופן נישט געקאָנט איינשלאָפן, ווייל עס האָבן מיך גע־פּייניקט פאַרשידענע געדאַנקען און מחשבות. ענדלעך, ווען די אויגן האָבן זיך מיר צוגעמאַכט און דער שלאָף איז געקומען אויף מיר, האָב איך פּלוצ־לינג דערזען אַזאַ שטאַרק ליכט אויפגיין אין הימל, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן אַזעלכעס נישט געזען. נאָר ווען דאָס ליכט איז באַשאַפן געוואָרן האָט גאָט געמוזט אַראָפּברענגען אַזאַ שטאַרק ליכט. דער־נאָך האָבן זיך אויפן הימל אָנגעהויבן באַווייזן אַזעלכע אויסטערלישע צייכנס, וואָס זענען ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין אויסדריקלעך בולטע אותיות, פון וועלכע איך האָב וואָרט נאָך וואָרט איבערגעלייענט פאָלגנדיקע רייד: „און גאָט האָט געזאָגט צו מיר, אַז דער משיח שבתי צבי קומט־אָן״... און איך האָב מיטאַמאָל דערזען, ווי שבתי צבי שפּרייזט איבערן הימל ווי אַ פייערדיקער מלאך, ווי ער וואָלט געריטן אויף אַ בלויען וואָלקן. אין דער זעלבער רגע האָב איך דערהערט אַ קול אויסרופן פון הימל, וואָס האָט גע־זאָגט: ׳אין היינטיקן יאָר התכ״ו איז געקומען משיח בן דוד און דאָס איז שבתי צבי, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט סמירנע, גייט

אים נאָך און פאָלגט אויס זיינע רייד, ווייל זיינע רייד זענען מיינע...׳״

ווען נתן העזתי האָט פאַרענדיקט די דאָזיקע נבואה, איז ער אַנידער־געפאַלן אין חלשות און שבתי צבי אַליין איז צו אים צוגעלאָפן און האָט געהאָלפן אים אָפּמונטערן. ווען ער האָט ענדלעך געעפנט די אויגן, האָט ער מיט אַ שוואַכער שטים אָנגעהויבן צו פליסטערן אַזעלכע רייד, וואָס מ׳האָט באַין אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין זייער מיין...

דער עולם אין שול איז געבליבן שטיין פאַרבליפט פון דער דאָזיקער פּאַסירונג, און אפילו שבתי צבי גופא איז אַ ווייל געבליבן אַ דערשטוינטער. ער האָט נישט געעפנט דאָס מויל אַ לאַנגע ווייל. ערשט ווען נתן העזתי איז צו זיך געקומען און האָט אָנגעהויבן צו מורמלען אומפאַרשטענדלעכע רייד, האָט שבתי צבי זיך אויפגעשטעלט און אַ ציטערנדיקער אויף זיין גאַנצן קערפּער אָנגעהויבן צו רעדן:

— מיינע טייערע ברידער, אויב ווער פון אייך האָט נאָך אַ רגע גע־צווייפלט אין דער ריכטיקייט פון מיין שליחות איז ער איצט איבערצייגט געוואָרן דערין.

אַ געשריי האָט פלוצלינג זיך אויפגעהויבן צווישן דעם פאַרזאַמלטן המון:

— מיר האָבן קיינמאָל נישט געצווייפלט, מיר זענען שטענדיק דיר נאָכגעגאַנגען און האָבן אויסגעפאָלגט דיינע רייד. פיר אונדז, גרויסער רבי, און מיר וועלן דיר נאָכגיין אומעטום און מיר וועלן זאָגן „נעשה ונשמע״, פונקט ווי אונדזערע עלטערן האָבן געזאָגט ביים באַרג סיני...

— איר זענט פון היינט מאָל אָן פריי, פריי פון אייערע זינד און פריי פון ווייטערדיקע דערנידעריקונגען מצד דעם שונא פון יידישן פאָלק. איר האָט בלויז איינעם צו געהאָרכן און דאָס בין איך, אייער משיח, דער גע־זאַלבטער פון גאָט און דער קעניג פון ירושלים ... — האָט שבתי צבי פאַר־געזעצט.

נתן העזתי האָט מער נישט גערעדט, ער איז געווען אָפּגעשוואַכט. מ׳האָט אים אָפּגעפירט אַהיים און געלייגט אין בעט אַריין, ווו ער איז אָפּגעלעגן עטלעכע וואָכן אין היץ און ווי אין אַ הינערפלעט.

אַלע געסט פון אויסלאַנד זענען געווען ממש דערשטוינט פון דעם געשעענעם און זיי האָבן טאַקע נאָכדעם, ווי די ערשטע שטערן זענען

אַרויסגעקומען און דער שבת איז אַוועק, זיך אַוועקגעזעצט שרייבן זייערע בריוו אין די לענדער פון וואַנען זיי זענען געשיקט געוואָרן אַלס שליחים.

זיי האָבן געשילדערט שבתי צבין אין די הערלעכסטע פאַרבן און מיט די שענסטע רייד האָבן זיי אים אָנגערופן. זיי האָבן געשריבן, אַז זיי וועלן זיך שוין מער נישט אומקערן אין די לענדער פון גלות, ווייל זיי וואָלטן שוין מער נישט געקאָנט אָטעמען אין די לענדער פון פאַרשקלאַפונג. זיי האָבן דערפילט די פרייהייט מיט אַלע זייערע רמ״ח אברים. זיי האָבן אין די בריוו אויפגעפאָדערט אַלע יידן פון זייערע שטעט און לענדער תיכף צו פאַרקויפן אַלץ, ליקווידירן זייערע געשעפטן און קומען קיין ארץ־ישראל, כדי בייצווווינען ווי דער טערקישער סולטאַן וועט קומען קרוינען שבתי צבי אַלס דעם מלך פון ירושלים און פון גאַנץ ארץ־ישראל...

די דאָזיקע בריוו, וואָס די יידישע פאַרשטייער פון די אייראָפּעישע לענדער אין ירושלים האָבן אַהיימגעשיקט, האָבן דאָרט אַרויסגערופן אַזאַ פרייד, וואָס איז זיך גאָרנישט פאָרצושטעלן. מענטשן זענען ממש משוגע געוואָרן פון גליק, מ'איז געלאָפן ווי די וואַנזיניקע איבער די גאַסן און געשריגן אויפן קול: „יידן, פאַרלאָזט אייערע שטעט, גיט־אויף אייערע געשעפטן, ווייל גאָט האָט אונדז איבערגעגעבן דאָס לאַנד פון אונדזערע אָבות, עס האָט אויפגעהערט דאָס גלות און עס האָבן אויפגעהערט די יסורים און פיין מצד די אַנדערע פעלקער. ברודערשאַפט וועט פון היינט מאָל אָן הערשן איבער דער גאַנצער וועלט...״

אַ גרויסן רושם האָבן די דאָזיקע בריוו געמאַכט אין פאַריז, ווו יידן זענען אַרויס אויף די גאַסן און האָבן אויסגערופן זייער פרייהייט בקול רם. איינער אַזאַ ייד, אברהם פערענע, אַ גרויסער גביר אין פאַריז, האָט פאַר קליינע געלטער אויספאַרקויפט זיינע גיטער און הייזער, גענומען זיין פרוי און קינדער און אָפּגעפאָרן קיין ירושלים.

אין ענגלאַנד האָבן יידן און קריסטן ענטוזיאַסטיש אויפגענומען די בשורה פון יידישן משיח. די קריסטן האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן געוווּסט, אַז אין יאָר 1666 וועט געשען אַ נס און עס וועט קומען דער אויסלייזער. זיי האָבן טאַקע געמיינט, אַז דער אויסלייזער וועט זיין יעזוס קריסטוס, אָבער אויב עס איז גאָר אַן אַנדער ייד, נעמען זיי אים אָן בכבוד גדול...

עס איז נישט געווען קיין איין לאַנד, ווו יידן זאָלן בלייבן גלייכגילטיק צו דעם דאָזיקן געשעעניש. אין מערן האָבן זיך אָנגעהויבן אומרוען צווישן

יידן גופא. די אָנהענגער פון שבתי צבי זענען אַרומגעגאַנגען פון הויז צו הויז און האָבן אויפגעפּאָדערט יעדן איינעם ייד, ער זאָל זיך פאַרפּאַקן און אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל. ווער עס וועט דאָס נישט טאָן, וועט פאַררעכנט ווערן אַלס אַ בוגד. די, וועלכע האָבן נאָך געצווייפלט אין שבתי צביס משיחישקייט, האָבן זיך נישט געאיילט צו פאַרקויפן זייער האָב און גוטס.

דער בירגערמייסטער פון דער שטאָט, גראַף פאָן דיטריכשטיין, האָט געמוזט אַרויסלאָזן אַן עפנטלעכע פּראָקלאַמאַציע, ווו ער האָט די געמיטער פון די צוויי יידישע צדדים באַרואיקט און האָט זיי געהייסן צוואַרטן און זען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען.

אין אונגאַרן האָבן די יידן אָנגעהויבן חרוב מאַכן זייערע הייזער, וועל־כע די קריסטן האָבן געוואָלט אָפּקויפן נאָר פאַר אַ נישטיקער סומע.

אין מאַראָקאָ האָט דער עמיר אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו די יידן, אַז זיי טאָרן נישט דערמאָנען דאָס וואָרט „משיח", ווייל משיח איז שוין איינמאָל געקומען און דאָס איז מאַכמעד, דער נביא פון אַללאַ.

דעם גרעסטן רושם האָט אָבער די ידיעה וועגן משיחס קומען געמאַכט אין אַמסטערדאַם און אין האַמבורג. די יידישע מאַסן האָבן ממש פאַרפלייצט די גאַסן, און די פיינטלעכע דייטשן האָבן אַפילו נישט געוואַגט עמעצן צו פאַרטשעפּען. עפּעס אַ געהיימנישפולער פּחד איז אויף זיי אָנגעפאַלן. זיי האָבן מורא געקראָגן פאַר דער יידישער נקמה. קריסטלעכע שכנים האָבן זיך אָנגעהויבן צו חנפענען צו זייערע יידישע פריינד און האָבן זיי מיט אַלע כוחות געוואָלט איבערצייגן, אַז זיי זענען שטענדיק געווען מיט יידן אין די בעסטע באַציאונגען.

אַנדערע האָבן שטילערהייט געפּרוווט חוזק און געמאַכט שטעכיקע שפּאַסן:

„איר זאָלט אונדז נאָר נישט אַזוי באַרויבן ביים פאַרלאָזן אונדזער לאַנד, ווי אייערע עלטערן האָבן באַרויבט די עגיפּטער..."

— איר וועט זיך דען לאָזן ?... — האָט איינער אַ ייד צוריקגעשטאָכן. — ביי אַ רויבער איז שווער צו רויבן...

דער דייטש האָט פאַרביסן די ליפּן און אויף דעם שטאָך גאָרנישט געענטפערט.

אין די שולן האָט מען אָפּגעריכט ספּעציעלע תּפילות און מ'האָט גע־מאַכט אַ מי שברך פאַר שבתי צבי, ירום הודו... דער רב פון שטאָט האָט

געהאַלטן אַ דרשה און גערעדט מעניני דיומא. עס האָט זיך געפּילט יום־טוב אין אַלע יידישע הייזער און מ'איז געווען אין גרויס דערוואַרטונג.

אפילו דאָס מלכות אין דייטשלאַנד האָט זיך פאַרטראַכט איבער דער דאָזיקער געשעעניש אין יידישן לעבן. אויב אַ פאָלק רודערט זיך אַזוי אויף, איז עס דאָך נישט איינפאַך — האָט מען געשמועסט אין די קרייזן פון דער דייטשער רעגירונג, און שטילערהייט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָר־דענונג, אַז מען זאָל די יידן אַנהייבן בעסער באַהאַנדלען. אפשר וועט מען באַלד דאַרפן איינשטעלן מיט זיי דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען.

— די יידן זענען אַ קלוג פאָלק... — האָט מען שוין געהערט שטימען — און אויב זיי וועלן אויפשטעלן אַ מלוכה, וועט מען זיך דאַרפן גיין ביי זיי לערנען, ווי אַזוי אַ לאַנד אַנצופירן...

אַזוי האָט מען אויך געטראַכט אין אַנדערע לענדער, און די מערכה פון די יידישע איינוווינער אין די לענדער, ווו זיי האָבן געוווינט, האָט זיך אויף אַן אַנגעזעענעם אופן פאַרבעסערט.

עס איז מיטאָמאָל פאַרשוואונדן דער טרויעריקער אויסדרוק אין דעם יידישן פנים, דער גלאַנץ אין די שוואַרצע אויגן איז געוואָרן מער לעבעדיק, דעם קאָפּ האָבן זיי געהאַלטן העכער און שטאָלצער. עס איז געקומען אַ פולשטענדיקע איבערקערעניש אין די מוחות סיי פון די יידן און סיי פון זייערע גוייִשע שכנים.

אין טייל לענדער האָבן די רעגירונגען שוין אָנגעהויבן מורא קריגן, אַז מיט דער אויסוואַנדערונג פון די יידן וועט פאַרקלענערט ווערן דער האַנדל און דאָס לאַנד וועט אָרעם ווערן. פלוצלינג האָט מען דערזען, אַז דער יידישער מענטש איז אַ נוצלעכער עלעמענט אין אַ מדינה. דער ביז־איצט באַשפּיגענער און געטראָטענער ייד, איז געוואָרן דאָס אייבערשטע פון שטייסל...

עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אַפילו הערן שטימען נישט צו דערלאָזן די אויסוואַנדערונג פון אַלע יידן, ווייל זיי וועלן מיט דער דאָזיקער אויס־וואַנדערונג ברענגען אַ קאַטאַסטראָפע אויף דעם געגעבענעם לאַנד.

דערווייל האָט זיך אין יידישן לעבן גערודערט. מען האָט חתונה געמאַכט קינדער און געפּראַוועט שמחות. איבערהויפּט האָבן אויפגעלעבט די יידן אין פוילן. נאָך די גרויליקע שחיטות פון כמיעלניצקי, ימח שמו, זענען די פוילישע יידן געווען שטאַרק דערשלאָגן און האָבן יאָרן־לאַנג נישט גע־

וואַגט דעם קאָפּ אויפצוהייבן. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך גע־שעמט פאַר דער ליכטיקייט פון טאָג זייערע פּנימער צו באַווייזן צוליב דער ווילדקייט פון מענטשלעכן מין.

אויב מען קאָן אומגעשטערט שעכטן און רוצחנען אינמיטן העלן טאָג גאַנצע יידישע קהילות און קיינער אין דער וועלט האָט זיך נישט אָנגענומען, נישט פּראָטעסטירט, טאָ וואָס פאַר אַ ווערט האָט דער מין מענטש? האָבן זיך די יידן געשעמט פאַר די קאָזאַקישע מערדער...

מיט דער ערשטער ידיעה, אַז עס האָט זיך באַוויזן אין דער טערקישער שטאָט סמירנע דער משיח שבתי צבי, האָבן די פּוילישע יידן מיטאַמאָל באַ־קומען פליגל. זייערע אויגן האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן און די פּנימער צו שיינען. עס האָט אויסגעזען, ווי מ'וואָלט זיי פון הימל געגעבן צו וויסן, אַז נאָך נישט אַלץ איז פאַרלוירן. גאָט האָט זיך אין זיי דערמאָנט און וועט זיי איצט אָפּצאָלן מיט פיל נחת פאַר די שאַנד און פּיין בעת די היידאַמאַ־קישע שחיטות אויף זיי.

אין די בתי־מדרשים האָט מען ווידער אָנגעהויבן לערנען, מ'האָט זיך פאַרטיפט אין די קבלה־ספרים און מ'האָט אָנגעהויבן אַרויסלייענען פון דאָרטן פאַרשידענע גמטריאות און אויסטייטשונגען, אַז אין יאָר התכ"ו וועט קומען דער מלך המשיח. עס האָבן זיך געשאַפן גרופּעס יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך טאָג און נאַכט געפּילפּולט אין בית־מדרש און ביי זיך אין די היימען וועגן ביאת המשיח.

עס זענען צו זיי אויך דערגאַנגען די ידיעות וועגן שרה, דעם פּוילישן מיידל, וועלכע האָט זוכה געווען צו ווערן דאָס ווייב פון שבתי צבי און זיי האָבן זיך געפּילט שטאָלץ דערויף. עס האָבן זיך געפונען אַ סך, וועלכע האָבן געדענקט דעם טולטשינער ייד ר' וואָלף, וועלכער איז דער פאָטער פון דעם דאָזיקן אויסדערוויילטן מיידל.

די פּוילישע שטאָטישע איינוווינער, וועלכע זענען נישט אַזוי שטאַרק ריין געווען פון זינד אין די צייטן פון די שחיטות, האָבן באַצייטנס זיך אָנ־געהויבן צוצוחנפענען צו זייערע יידישע שכנים און האָבן אויפגעוויזן מיט אותות ומופתים, אַז זיי האָבן גאָר געהאָלפן ראַטעווען פיל יידן. זיי האָבן שוין אפילו געבערענגט אַ באַוויז טאַקע משיחס ווייב, די שיינע שרה פון טולטשין.

— אָט האָט אייער משיחס ווייב צו פאַרדאַנקען איר לעבן אַ פּוילישן

גלח, וועלכער האָט זיך פאַר איר איינגעשטעלט און זי אָפּגעראַטעוועט...

קיינער פון די יידן האָט אָבער נישט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַן אופן דער דאָזיקער גלח האָט דאָס יידישע מיידל געראַטעוועט און וואָס פאַר אַ פּרייז ער האָט פון איר גענומען...

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פון יידישע יונגעלייט, וועלכע האָבן אויסגעוואַנדערט פון פּוילן דורך פאַרשידענע האַפנס אין דער וועלט קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן זיך אָנגעליטן אויפן וועג פון זייער וואַנדערן אַן אַ שיעור צרות און פּיין, אָבער זייערס האָבן זיי דערגרייכט. די טערקישע פּאָרטן זענען געווען פול מיט אַזעלכע יידישע וואַנדערער. טערקיי האָט זיך געגרענעצט מיט פּוילן און זי איז דעריבער געווען דאָס ערשטע לאַנד, וווּהין יידן האָבן געצויגן.

די מדינת טערקיי האָט ביי יידן פיל געוווּנען אַנזען שוין צוליב דעם פאַקט, וואָס דאָרט איז געבוירן געוואָרן משיח, און אויך צוליב דעם, וואָס דער טערקישער סולטאַן האָט די יידן אַרויסגעוויזן פריינטלעכקייט און נישט געשטערט שבתי צבין אין זיינע עסקים...

פון פּוילן זענען אַרויסגעפאָרן עטלעכע שליחים קיין סמירנע און פון דאָרט קיין ירושלים, כדי מיט די אייגענע אויגן איבערצוצייגן זיך אין דער עקזיסטענץ פון משיח. מ׳האָט טאַקע געגלויבט יעדעס וואָרט, וואָס ס׳איז אָנגעקומען פון דאָרט, אָבער אין דומה שמיעה לראיה...

אין פּוילן האָבן זיך דעמאָלט אויך אָנגעהויבן באַווייזן נביאים, וועלכע האָבן געדעדט וועגן ביאת המשיח און אָנגעהויבן צו זען חלומות, אין וועל־כע גאָט האָט זיי איבערגעגעבן, אַז די צייט פון גאולה איז שוין אָנגעקומען.

צווישן די דאָזיקע נביאים איז געווען איינער מיטן נאָמען נחמיה הכהן, אַ יונגערמאַן, אַ באַוואַקסענער ווי אַ נזיר, מיט פלאַקערדיקע אויגן. ער איז געווען אַ האַלב־משוגענער, אָבער אַלע האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ צווייטער „ירמיהו״. ער האָט געמוסרט זיינע ברידער, וועלכע האָבן אַזוי גיך פאַרגעסן די צרות, וואָס זענען אויף זיי געקומען און זיי מאַכן שוין ווידער גרויסע שמחות און חברן זיך מיט זייערע מערדער.

— צו גיך האָט איר פאַרגעסן, איר ווידערשפּעניקע זין פון ישראל, די שאַנד וואָס איז אויף אייך געקומען, און ווידער האָט איר שוין אָנגעהויבן פירן אַן אויסגעלאַסן לעבן, מיט פריילעכע מאַלצייטן און סעודות, ווו מען

שיכורט און מ'איז מזנה... — האָט ער געדונערט אין די שולן, אין בתי־מדרשים איבער די שטעט און שטעטלעך פון מדינת פוילן.

די רבנים האָבן פאַר אים מורא געהאַט, ווייל ער האָט זיי אויך נישט געשאָנעוועט און געמוסרט זיי, פאַרוואָס זיי ווילן נישט אָנערקענען, אַז עס איז שוין געקומען די צייט פון משיח און אַז שבתי צבי איז דער אויס־לייזער, געשיקט פון גאָט...

— ווען איר וועט שוין זען משיחן אויף זיין אייזעלע ביי די טויערן פון ירושלים, וועט איר נאָך אַלץ נישט גלויבן, איר פאַרדאָרבענע כופרים!...

אָט דער דאָזיקער נחמיה הכהן איז געווען איינער פון די שליחים, וועלכע האָבן זיך דורך פאַרשידענע אומוועגן אַוועקגעלאָזט אויפן וועג קיין ארץ־ישׂראל. אַ סך האָבן זיך די דאָזיקע יידן אָנגעליטן. נישט איינמאָל זענען זיי באַפאַלן געוואָרן פון גזלנים, וועלכע האָבן ביי זיי אַלץ צוגערויבט און נאָך גוט אָנגעשלאָגן. די יידן האָבן געדאַנקט גאָט, וואָס זיי זענען געבליבן לעבן.

אַ גרויסע אויפנאַמע איז פאַר זיי געמאַכט געוואָרן, ווען זיי האָבן ענדלעך דערגרייכט די טויערן פון דער הייליקער שטאָט. שבתי צבי האָט שוין געהאַט געהערט וועגן נחמיה הכהן, און דער דאָזיקער ווילד־באַ־וואָקסענער מאַן, דער ייד פון מאַרטירער־לאַנד פוילן, האָט אויף אים געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק.

ווען נחמיה הכהן האָט זיך פאַר אים געשטעלט, האָט שבתי צבי מיט פאַרמאַכטע אויגן פון גרויס התפעלות צו אים אויסגערופן:

— איך הער אין דיין קול די שטים פון גאָט, וואָס דרינגט דורך מיין אינגעווייד און מאַכט מיך אויפפלאַטערן. דו ביסט געקומען צו מיר פון אַזוי ווייט, איז עס אַ סימן, אַז גאָט האָט ענדלעך דערהערט מיין געשריי, אַז די יידן פון דער גאַנצער וועלט זאָלן זיך איינזאַמלען און קומען אין דעם הייליקן לאַנד, וואָס וואַרט שוין אַזוי פיל הונדערטער יאָרן אויף זיינע פאַר־טריבענע קינדער. קום־צו נעענטער צו מיר, מיין אויסדערוויילטער זון און לאָמיך דיך אַרומנעמען, און זאָל עס זיין גלייך ווי די הייליקע שטאָט ירושלים וואָלט דיך אַרומגעאַרעמט. זיי געבענטשט אויף דער הייליקער ערד, און גאָטס לייטזעליקייט זאָל אַראָפּנידערן אויף דיר און אויף דיינע באַגלייטער, טייערע יידן פון פוילן.

בעת שבתי צבי האָט גערעדט, איז נחמיה הכהן געשטאַנען פֿאַר אים מיט אַ געבויגענעם קאָפּ צו דער ערד און אויסגעהערט די רייד פֿון זיין משיח מיט פֿרומקייט און גרויס כּוונה. און ווען שבתי צבי האָט אויפֿגע־הערט צו רעדן, האָט נחמיה אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און, קוקנדיק זיין רבין גלייך אין די אויגן אַריין, האָט ער אויסגערופֿן מיט אַן אונטער־טעניק קול:

— גרויסער האַר, אַ שייַנענדיק ליכט איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט און ליכטיק געמאַכט די הערצער פֿון אַלע יידן, און גאָט האָט מיך באַשאָנקען מיט דעם חסד, אַז איך זאָל קאָנען שטיין אין שאָטן פֿון דעם דאָזיקן ליכט. איך בענטש דעריבער יענע דערהויבענע רגע, ווען מיין נשמה, וואָס האָט טויזנטער יאָרן געוואָרט אונטערן כּסא הכּבוד איז ענדלעך פֿון דאָרט אַרויסגעלאָזן געוואָרן און אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט און זוכה געווען, נאָך פֿיל יסורים און זיין נע־ונד, צו שטיין דאָ פֿאַר דיר און פֿאַר־נעמען דיינע הייליקע רייד. איך דאַנק דיר פֿאַר דער לייטזעליקייט, וואָס האָסט מיר דאָ אַרויסגעוויזן. איך וועל שטענדיק מיט אומגעדולד וואַרטן אויף דיין געבאָט, און דיין וואָרט וועט פֿאַר מיר שטענדיק זיין הייליק, אָמן....

און נחמיה הכּהן איז שוין געבליבן אין ירושלים און ער האָט אַלע טעג נביאות געזאָגט, און טויזנטער מענטשן האָבן געשלונגען זיינע רייד, וועלכע זענען טיילמאָל געווען שניידיק־האַרט ווי אייזערנע ריטער און האָבן ווי געטאָן, און טיילמאָל זענען זיי געווען ווי באַלזאַם צו אַ פֿאַר־ווונדיקטן לייב. ער האָט געהאַט אַ גרויסן כּוח צו ווירקן אויף מענטשן מיט זיינע רייד און מ׳האָט געפֿילט, ווי יעדעס וואָרט וואָס ער זאָגט אַרויס, קומט פֿון די טיפֿענישן פֿון זיין נשמה און אַז ער אַליין גלויבט אין זיי.

און עס איז געווען איינמאָל אין אַ שיינעם גאָלדענעם פֿרימאָרגן, ווען די זון האָט אַ לויכט געטאָן איבערן הימל פֿון דער הייליקער שטאָט ירושלים, האָט שבתי צבי פֿאַררופֿן צו זיך אַלע זיינע יועצים און נאָענטע פֿריינד, וועלכע זענען שטענדיק געווען גרייט אויסצופֿאָלגן זיינע געבאָטן און האָט פֿאַר זיי געזאָגט:

— הערט אויס, מיינע טייערע ברידער און פֿריינד. אַ שטים פֿון גאָט האָט מיר געזאָגט: „פֿאַרלאָז מיין שטאָט ירושלים און גיי־אויף אין דער הויפּטשטאָט ווו עס זיצט דער פֿאַלשער הערשער פֿון טערקיי און נעם

איבער זיין טראָן און דו וועסט קיניגין איבער דער גאַנצער וועלט פון איין עק ביזן צווייטן, אַזוי זאָגט גאָט, דיין גאָט...״

ווען ער האָט פאַרענדיקט די דאָזיקע רייד, איז אַריינגעטראָטן אַ שטיל־קייט ווי אין אַ קבר. עס איז געווען אַ צו פייערלעכער מאָמענט, אַז מען זאָל קאָנען אַרויסזאָגן אַ וואָרט.

ענדלעך האָט שמואל פרימאָ איבערגעריסן די טויטע שטילקייט און געעפֿנט זיין מויל:

— גרויסער האַר, מיט דעם גרעסטן געדולד האָב איך אָפּגעוואַרט די דאָזיקע הייליקע רגע, וואָס איך בין זיכער געווען, אַז זי וועט קומען. און זי איז געקומען... זאָל געבענטשט און געהייליקט זיין גאָטס נאָמען און זאָל דיין נאָמען געבענטשט זיין אויף דור־דורות, אָמן...

און שבתי צבי, מיט זיין ווייב שרה אויף דער רעכטער זייט און שמואל פרימאָ אויף דער לינקער זייט, איז אַ ווייל געבליבן זיצן אין שטילשווייגן, דערנאָך האָט ער מיט אַ שטיל קול, ווי מורמלענדיק אַ תפילה, באַפוילן זיינע אַלע נאָענטע פריינד און אַנהענגער זיך אויסצוזעצן אַרום אים אין אַ סדר ווי ער האָט איינגעשטעלט, און געזאָגט:

— גאָר אין דער נאָענטסטער צייט וועל איך איבערנעמען די מלוכה איבער דער וועלט און איך וויל דעריבער אייך אַלעמען, מיינע טייערע אַנהענגער, איינטיילן די פאַרדינטע כבודים פאַר אייער גלויבן אין מיר אין די שווערסטע צייטן, ווען איך בין דורך די פאַרבלענדטע רבנים גע־רודפט געוואָרן. דיר, שמואל פרימאָ, גיב איך איבער די הערשאַפט איבער גאַנץ טערקיי, נאָכדעם ווי איך וועל דעם סולטאַן פאַרטרייבן פון זיין טראָן. און די איבעריקע לענדער, וואָס זענען געשטאַנען אונטער דעם סול־טאַנס הערשאַפט טייל איך איין צווישן משה פינהייראָ, וועלכער וועט זיין מיין שני למלך; צו יצחק סילווייראַ, צו אברהם היכיני, צו נתן העזתי, צו ר׳ חיים פעניאַ און צו יוסף רפאל חלבי...

צו 26 פון זיינע מקורבים האָט ער איינגעטיילט די מלוכה. נאָך יעדן נאָמען, וואָס ער האָט דערמאָנט, זענען אויסגעשריגן געוואָרן לויב און תשבחות פאַר דעם דאָזיקן מאַן. און יעדער האָט זיך אויפגעשטעלט און געדאַנקט שבתי צבין פאַר דעם גרויסן כבוד.

צווישן די, וועמען שבתי צבי האָט איינגעטיילט די מלוכה, האָט זיך אויך געפונען איינער אַ בעטלער מיטן נאָמען אברהם רוביאַ. אים האָט ער

אַוועקגעגעבן דאָס לאַנד פּאָרטוגאַל. אין דער נשמה פון אַט דעם אברהם רוביאַ, האָט שבתי צבי געזאָגט, געפינט זיך דער גילגול פון קעניג יאשיה, און דער דאָזיקער עני ואביון האָט שפּעטער פאַר קיין שום פאַרמעגן אין דער וועלט נישט געוואָלט אָפּטרעטן די מלוכה, וואָס זיין רבי שבתי צבי האָט אים צוגעטיילט.

עס האָט אַלעמען באַהערשט אַ משוגעת. זיי האָבן געגלייבט באמונה שלימה, אַז די צעטיילונג פון די מלוכות דורך שבתי צבי איז געקומען דורך אַ באַפעל פון גאָט. און שבתי צבי אַליין האָט דערין געגלייבט, ווייל אַזאַ חלום האָט ער דעם דאָזיקן פרימאָרגן געהאַט.

ווען די מאַסן אין שטאָט זענען געוואויר געוואָרן וועגן דער דאָזיקער געשעעניש, האָבן זיי געיובלט און פאַרזאַמלט זיך אין די טויזנטער הינטער די פענצטער פון שבתי צביס פּאַלאַץ און האָבן געשריגן און געמאַכט קולות, אַז משיח זאָל צו זיי אַרויסקומען און רעדן פאַר זיי, ווייל זיי לעכצן נאָך זיינס אַ וואָרט.

שבתי צבי האָט זיי צוליב געטאָן און איז דערשינען אין דער באַגלייטונג פון אברהם היכיני, נתן העזתי און נחמיה הכהן, וועלכער האָט אין די עטלעכע טעג, וואָס ער געפינט זיך אין דער סביבה פון שבתי צבי געפונען אַ סך אָנהענגער און מ'האָט אים ליב געהאַט צו הערן רעדן.

דער משיח בן דוד איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס בלענדנדיק זיידן קלייד, אויפן קאָפּ האָט ער געהאַט אַ ווייסן טורבאַן. די אויגן האָבן געגליט ווי צוויי גרינע פייערן. די מענטשן האָט אַ ציטערניש אַרומגענומען, ווען ער האָט זיך פאַר זיי באַוויזן און זיי דורכגענומען מיט זיין טיף־דורכדרינגענדיקן בליק.

— טייערע ברידער — האָט ער אויסגערופן מיט אַ הויכער וויברירנדיקער שטימע — מיינע טייערע יידן, דאַנקט און לויבט פריער גאָט פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט אייך געטאָן, וואָס ער האָט אייך געלאָזט לעבן און ביייווינען אַזאַ דערהויבענעם מאָמענט. איבער טויזנט יאָר האָבן אייערע טאַטעס, זיידעס און עלטער־זיידעס געוואַרט אויף דעם דאָזיקן מאָמענט, זיי האָבן יעדן טאָג געזאָגט דעם אני מאמין און געהאָפט אויף ביאת המשיח. איר האָט דעם דאָזיקן טאָג יאָ דערלעבט, איר האָט דעריבער אַ גרויסע זכות געהאַט און איר דאַרפט דאַנקען און לויבן גאָטס נאָמען. זייט גרייט אויפצונעמען פון איצט אָן די נייע פּאַסירונגען, וואָס וועלן זיך אַ שאָט

טאָן איבער אייערע קעפּ יעדן טאָג און יעדער רגע. מיר לעבן איצט אין טעג וואָס זייער אָנדענק וועט פאַרבלייבן לעולם ועד פאַר יעדן יידן...״

אַן אויסגעשריי, וואָס האָט אָפּגעהילכט איבער די גאַסן פון ירושלים, איז אויפגעגאַנגען עד לב השמים און אָפּגעקלונגען אין די הערצער פון אַלע יידן אין דער וועלט. מען האָט די דאָזיקע פרייד געהערט אין אַמ־סטערדאַם, אין האַמבורג, אין פּאַריז, אין לאָנדאָן און אין מדינת פּוילן, ווו די טרערן פון די לעצטע פּיין און יסורים זענען נאָך נישט געהאַט אָפּגע־טריקנט געוואָרן...

אומעטום האָט מען אויפגענומען דאָס וואָרט פון מלך המשיח מיט גרויס פרייד און בטחון. און עס איז צוריקגעקומען פון די דאָזיקע אַלע לענדער דער עכאָ פון די יידן, צוזאַמען מיט אוצרות גאָלד און זילבער באַגלייט. מיט די דאָזיקע ערדישע ענינים האָבן זיך מערסטנס פאַרנומען די ״נביאים״ אברהם היכיני און נתן העזתי, ווייל סוף־כל־סוף האָט מען דאָך נישט געקאָנט אַרויפלייגן אויף די אַקסל פון שבתי צבי סיי די ערדישע און סיי די הימלישע ענינים...

די דאָזיקע געשעענישן האָבן אויך אָפּגעקלונגען אין די אויערן פון טערקישן מושל אין ירושלים, און עס איז אויסגעגאַנגען צו נאָך אַ זעקעלע גאָלד, וואָס איז געסילוקט געוואָרן פון ר׳ יוסף חלבי, וועלכער האָט זיין געלט נישט געקאַרגט פאַר דעם דאָזיקן צוועק.

אַ חוץ דעם האָט אויף דעם מושל פון ירושלים געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק דער גרויסער אָנזען פון שבתי צבי ביי דער יידישער באַפעלקע־רונג. ווען ער איז געפאָרן אין זיין קאַרעטע איבער דער גאַס, זענען אויס־געשפאַנט קעוואָרן די פערד און יונגעלייט, הייסע אָנהענגער פון שבתי צבי האָבן דעם וואָגן געשלעפּט מיט אַ פרייד און שיינענדיקן ליכט אין זייערע פּנימער. צו אַזאַ קעניגלעכן כבוד האָט ער, דער קאַמייקאַם פון ירושלים, נאָך קיינמאָל נישט געהאַט זוכה געווען, און ער האָט אינערלעך אי מקנא געווען דעם יידישן משיח און אי פאַר אים מורא געהאַט. ער האָט נעמלעך אויך פון קריסטן און מאַכמעדאַנער געהערט, אַז עס זענען טאַקע אָנגעקומען די טעג, ווען דער יידישער משיח דאַרף אָנקומען און אויסלייזן דאָס אייביק־געפייניקטע פאָלק ישראל פון די הענט פון זייערע שונאים.

ער אַליין האָט אָפּגעגעבן גרויס כבוד צו שבתי צבי און נישט איינמאָל געשיקט זיין פּאָליציי, זי זאָל היטן דאָס טויער צום אַריינגאַנג אין שבתי

צביס פּאַלאַץ. ער אַליין איז אָפּטמאָל געקומען און שטילערהייט געבעטן ביי אים, ער זאָל אים ביישטיין אין פאַל פון אַ סכנה, ווען דער סולטאַן וועט אַראָפּגעזעצט ווערן, זאָל ער כאָטש באַקומען זיין שכר וואָס ער איז אַזוי גוט געווען צו אים...

שבתי צווי האָט עס אים פייערלעך צוגעזאָגט און אים געגעבן דעם טיטול פון די חסידי אומות העולם...

שבתי צבי איז איצט געשטאַנען אויפן העכסטן שטאַפּל פון זיין מאַכט און אָנזען. ער האָט זיך געפילט גרעסער אין מאַכט פון טערקישן סולטאַן, פון אַלע מלכים אין דער וועלט, וועלכע וועלן גאָר בקרוב קומען זיך וואַרפן אויף זייערע פּנימער און בעטן ביי אים מחילה פאַר זייער פּייניקן דאָס יידישע פאָלק...

קאַפּיטל צוועלף

שבתי צבי ווערט ארעסטירט

אַ קאַלטער שטורעם־ווינט האָט געבושעוועט איבערן ים און די שיף, אויף וועלכער שבתי צבי מיט זיינע באַגלייטער און זיין ווייב שרה זענען געפאָרן, האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אנדערער און איז טייל־מאָל געווען נאָענט פון איינגעשלונגען צו ווערן אין די כוואַליעס פון ים. דאָס האָט דער משיח בן דוד געלאָזט זיך אין וועג אַריין קיין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל איבערצונעמען דעם טראָן פון טערקישן סולטאַן, מאַהאָמעד דעם 4טן. ער איז געווען מער ווי זיכער, אַז דער סולטאַן וועט אים אויפ־נעמען מיט גרויס כבוד, וואָרעם די גאַנצע וועלט האָט דאָך שוין גערעדט וועגן דעם אָנקומענדיקן יידישן דערלייזער, און אַז דאָס איז אַן אומפאַר־מיידלעכע זאַך, באַשטימט פון שטאַרקן יידישן גאָט. טאָ פאַרוואָס זאָל דער סולטאַן גיין אויף אומזיכערע וועגן, אַז ער קאָן אויסקלייבן דעם זיכערן וועג...

די ווייסע זעגלען זענען געווען אָנגעבלאָזן און דער ווינט האָט זיי געטריבן מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט. אַ שניי און האָגל האָט באַדעקט די שיף און אַ קעלט האָט דורכגענומען די ביינער. שבתי צבי איז געזעסן ביי

זיך אין דער קאַיטע און געזאָגט קאַפּיטלעך תהילים: „שיר למעלות אשא עיני אל ההרים מאין יבוא עזרי; עזרי מעם ה׳ עשה שמים וארץ...״ אַ געזאַנג פון די ארויסגאַנגען. איך הייב אויף מיינע אויגן צו די בערג: פון וואַנען וועט קומען מיין הילף? מיין הילף איז פון גאָט, דעם באַשעפער פון הימל און ערד...

ער האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אָנגעהויבן אַן אויפגע־רעגטער אַרומצושפּרייזן איבער דעם קליינעם חדרל פון דער שיף. פון צייט צו צייט האָט ער אָנגעכאַפּט זיך מיט די הענט פאַר די האָר און זיי געריסן מיט פאַרצווייפלונג.

— גאָט, העלף מיר אין מיין שליחות, וואָס דו האָסט מיר געגעבן דורכ־צופירן, שטיי מיר ביי אין דעם נסיון, אין וועלכן איך בין געשטעלט גע־וואָרן. היט אָפּ מיינע טריט און איך זאָל נישט שטרויכלען, איך זאָל נישט אָפּנייגן נישט אויף רעכטס און נישט אויף לינקס... גיב אַריין אין געדאַנק פון דעם טערקישן הערשער, אַז ער זאָל זיך נישט אַקעגנשטעלן דיין געבאָט און ער זאָל תיכף באַכגעבן מיינע פאַרלאַנגען, וואָס זענען אויך דיינע, אָ גאָט...

ער האָט קיינעם צו זיך נישט צוגעלאָזט. ער איז געווען אָפּגעשלאָסן עטלעכע טעג און קוים איינגעגאַנגען דערויף אָנצונעמען אַ ביסל עסן.

טיילמאָל האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ צווייפל, צי זיין גרויסע אונטער־נעמונג וועט אים געלונגען און צי איז ער נישט אַמאָל פאַרפירט געוואָרן דורך זיין אייגענער איינרעדעניש. אָבער ווען ער האָט אָפּגעזאָגט די פּאָר קאַפּיטלעך תהילים און באַכדעם ווי ער האָט אויסגעגאָסן זיין האַרץ אין די אייגענע פאַרפאַסטע תפילות, האָט ער זיך דערפילט לייכטער און דער־הויבענער.

עס האָט זיך אים בפירוש אויסגעדאַכט צו פאַרנעמען אַ בת־קול, וואָס האָט אים באַרואיקט און אויפגעמונטערט, און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים. ער האָט דאָס אויסדריקלעך געזען אין דעם קופּערנעם שפּיגל, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט.

און ווען שרה האָט צו אים אָנגעקלאַפּט אין אַזאַ מינוט, האָט ער פאַר איר געמאַכט אַן אויסנאַם און זי אַריינגעלאָזט.

— מיין טייערער מאַן, פלייש פון מיין פלייש און בלוט פון מיין בלוט... — האָט זי מיט אַ ליידנשאַפטלעכער שטים צו אים גערעדט און אים

אַרומגענומען. איר וואַרעם לייב האָט אין אים אָנגעצונדן די געבליטן, און ער האָט זיך געטוליעט צו איר ווי אַ קליין אומבאַהאָלפֿן קינד.

— כ'האָב דיך געזוכט מיין גאַנץ לעבן, טייער ווייב מיינס... — האָט ער געמורמלט מיט זיינע ליפּן, טוליענדיק זיך צו איר ברוסט — און איך האָב דיך ענדלעך געפֿונען. ווען אַ צווייפֿל הייבט אָן טאַטשען מיין נשמה, באַרואיקט מיך דיין בלויער בליק, ווי עס באַרואיקט אַ בלוי וואָלקנדל דאָס צעשטורעמטע געמיט...

און אַזוי פֿלעגן זיי ביידע פֿאַרבלייבן צוזאַמען אַ גאַנצן טאָג, ביז די זון האָט אַוועקגענויגט איר פֿייערדיק אויג פֿון פֿענצטערל און אַ טונקלקייט האָט זיך פֿאַרגנבעט אין די ווינקלען פֿון זייער קליינעם צימערל. דעמאָלט פֿלעגט ער שעפּטשען צו איר ליבלעכע רייד און זאָגן צו איר, אַז ווען ער וועט געקרוינט ווערן אַלס דער מלך פֿון ירושלים, וועט ער איר אויפֿבויען אַ טייערן פּאַלאַץ פֿון העלפֿאַנטביין און צענדליקער דינסטן פֿון מצרים וועלן זי באַדינען און זי וועט טיילן מיט אים די הערשאַפֿט איבערן לאַנד פֿון ישראל.

ווען עמעץ האָט אין דער צייט, ווען זיי האָבן געשפּינט זייערע חלומות, אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, האָט מען אים נישט אַריינגעלאָזט. די פֿינצטער־ניש האָט זיי איינגעהילט ווי מיט פֿאַנטאַסטישן בלויען טוך און זיי האָבן זיך איבערגעגעבן איינע די אַנדערע מיט לייב און לעבן, איינשלאָפֿנדיק דערנאָך מידע און מיט פֿאַרגעניגן אָנגעזעטיקטע, און איינגעשלאָסן איינע אין דעם אַנדערנס אָרעמס.

אַ טאָג, איידער זיי זענען אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט זיך דער ים איינגעשטילט און אַלע האָבן דערין געזען אַ גוטן סימן, אַז גאָט שטייט זיי ביי אין זייער אונטערנעמונג. און כאָטש עס איז געווען אין חודש שבט, האָט אַ מילדע וואַרעמקייט אַראָפּגעטריפֿט פֿון הימל און אַ מונטערע שטימונג האָט אַלעמען באַהערשט.

— גאָט איז מיט מיר... האָט שבתי צבי אַ פֿריילעכער אויסגערופֿן צו זיינע חברים און אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויף זיין נייעם אַנהענגער נחמיה הכהן, וועלכער האָט מיט אַ פֿאַרטרוימטן בליק געקוקט אויף דער ווייטקייט פֿון ים, ווו אַ זילבערנער נעפּל האָט זיך ווייט אויפֿן האָריזאָנט אַראָפּגעלאָזט און פֿאַרשפּונען מיט אַ גאָלד־און זילבער־פֿאַרהאַנג דעם מזרח.

— גאָט איז מיט דיר... — האָבן די חברים באַכגעשעפּטשעט זיינע רייד און זיי האָבן צוזאַמען מיט שבתי צבי אָנגעהויבן צו זאָגן הלל: „הים ראה וינוס, הירדן יסוב לאחור"... — דער ים האָט דערזען און איז אַנטלאָפן, דער ירדן האָט אָפּגעטראָטן אַהינטער; די בערג זענען געשפּרונגען ווי די שאָף, די הייכן — ווי יונגע לעמער. וואָס איז דיר, ים, וואָס דו לויפסט? דו ירדן, וואָס טרעטסט אָפּ אַהינטער? איר בערג, וואָס איר שפּרינגט ווי די שאָף? איר הייכן ווי יונגע לעמער?...

— לא לנו ה׳ לא לנו כי לשמך תן כבוד על חסדך על אמתך... — האָט אַן אַנדער שטימע אָנגעהויבן און באַלד פאַרטייטשט: נישט אונדז גאָט, נישט אונדז, נייערט דיין נאָמען גיב אָפּ כבוד, פון וועגן דיין חסד, פון וועגן דיין פריינטשאַפט, פאַרוואָס זאָלן זאָגן די פעלקער: ווו איז אייער גאָט?

— מיר וועלן אָנקומען אין טאָג פון חמשה עשר בשבט אין דער טער־קישער הויפּטשטאָט... — האָט שבתי צבי, נאָכן פאַרענדיקן זאָגן הלל בציבור, זיך אָנגערופן — פון דעם טאָג וועלן מיר אָנהייבן ציילן דאָס נייע יידישע יאָר. עס איז סיי־ווי דאָס נייע יאָר פאַר די ביימער, וועט עס אויך זיין דאָס נייע יאָר פאַרן פאָלק פון ישראל, ווייל אין דעם טאָג בין איך אָנגעקומען אין דער הויפּטשטאָט פון פרעמדן הערשער ביי אים צו ירשענען זיין קרוין און גרויס מאַכן גאָטס נאָמען.

אַלע האָבן איינגעשטימט מיט שבתי צבי און זיי האָבן געזען, אַז אַלץ וואָס שבתי צבי טראַכט און זאָגט אַרויס, פאַרבינדט ער מיט אַ סימ־באָל, וואָס האָט אַ שייכות צו די יידישע גלויבונגען און מנהגים. און זיי האָבן אים נאָך מער ליב געקראָגן און געלויבט זיין נאָמען.

וואָס נענטער די שיף איז געקומען צום ברעג, אַלץ מער האָט דאָס האַרץ ביי שבתי צבי געקלאַפּט, געפלאַטערט ווי אַ פייגעלע, וואָס האָט פאַרלוירן צוליבן שטורעם זיין נעסט. דאָס פּנים האָט ביי אים געפלאַמט, גלייך ווי ער וואָלט געשטאַנען ביי דער טיר פון גיהנום.

— פאַרוואָס צאַפּלט ביי מיר אַזוי דאָס האַרץ, מיין ליבסטע?... — האָט ער געפרעגט ביי זיין ווייב שרה, ווי ער וואָלט געזוכט שוץ ביי איר.

— עס איז נישט קיין וווּנדער, מיין קעניג, — האָט שרה אים געט־טרייסט. — פאַרוואָס זאָל דיין האַרץ נישט קלאַפּן, ווען דו גייסט מיט זי־כערע טריט צו דיין ציל און גייסט דורכפירן גאָטס באַפעל. משה רבנוס

האַרץ האָט זיכער אויך געקלאַפּט, ווען ער איז מיט זיין ברודער אהרן געגאַנגען זאָגן פּרעהן, ער זאָל אַרויסלאָזן די יידן פון מצרים...

שבתי צבי האָט אין איר ענטפער געזען אמתע רייד פון אַ קלוגן מענטש.

— און טאָמער וועט מאַהאַמעד דער 4טער, דער סולטאַן פון טערקיי, פאַרהאַרטעווען זיין האַרץ, פּונקט ווי פּרעהס האַרץ איז געוואָרן האַרט און נישט צוגעהערט זיך צו די רייד פון משה און אהרן?...

— ווייסט דאָך דעם ענטפער, מיין מאַן... — האָט שרה זיך צו אים גע־טוליעט. — וועט גאָט שיקן אויף אים פאַרשידענע מכות און וועט אים צווינגען צו דיינע רייד צוצוהאָרכן זיך.

שבתי צבי האָט זיך אויף אַ ווייל, ווי אַ קליין קינד, באַרואיקט און אַ קינדישער שמייכל האָט זיין ערנסט פּנים באַדעקט, אָבער באַלד איז דער שמייכל פאַרשוווּנדן און אַ וואָלקן האָט זיין פּנים באַדעקט. עס האָבן זיך פאַר זיינע אויגן אָנגעהויבן מאָלן בילדער פון שרעק און פּחד. ער האָט אין זיינע אויערן דערהערט עפּעס אַן אויסטערלישן געקלאַנג, וואָס האָט דאָס בלוט זיינס געמאַכט פאַרקילן אין די אָדערן. ער האָט אין זיין פאַנטאַזיע פּלוצלינג דערזען די פיל געפאַנגענע יידן אין קייטן געשמידט, ווען נבוכדנצר האָט באַזיגט ירושלים...

יאָ, דאָס געקלאַנג, וואָס ער האָט פּלוצלינג אין זיין געדאַנק פאַרנומען, איז דאָס געקלאַנג פון קייטן... ווי קומען אַהער קייטן, ווען ער פאָרט גאָר פאַרנעמען דעם טראָן?... דער בלויער הימל איז פאַר אים מיטאַמאָל ווי פינצטער געוואָרן און פאַר די אויגן האָט ער דערזען אַ טיפן גרוב, אַ תהום, ווו ס׳איז קיין ענדע נישטאָ...

אָבער אָט דערהערט זיך אַן אויסגעשריי פון פרייד ערגעץ־ווו.

— וואָס איז געשען ?? !... — האָט שבתי צבי אויפגעצאַפּלט.

— דער ברעג פון טערקיי האָט זיך באַוויזן... — האָט אים שרה גע־ענטפערט — נאַ, זע !

יאָ, אין דער בלויער לופט דאָרט ווייט האָט זיך געטונקלט אַ פּאַס לאַנד, וואָס איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. און וואָס נענטער דער פּאַס לאַנד איז געווען, אַלץ מער איז דער אומרו ביי שבתי צבין אין האַרץ געוואַקסן.

אַ שטיקל גאָלדענע זון האָט ווי מיט אַ פּאַרטייעט אויג אַ קוק אָפּער געטאָן פון אונטער דעם שוואַרצן וואָלקן, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן הימל און געוואָלט זי איינגאַנצן פאַרדעקן. זי האָט אַ לייכט געטאָן אַ ווײַלע איבער דער וועלט, אָבער באַלד האָט זיך די זון ווידעראַמאָל באַ־האַלטן און פינצטער איז געוואָרן כאָטש עס איז נאָך געווען גרויסער טאָג.

די שיף האָט זיך אָנגעקלאַפּט אין דעם ברעג און האָט פאַראַנקערט. די קייטן האָבן פאַרזשאַווערט געגרילצט אין די אויערן, און שבתי צבי האָט זיך ווידער דערמאָנט דעם געגרילץ פון קייטן, וואָס ער האָט אַנומלט פאַר־נומען אין געדאַנק, און ער האָט אויפגעציטערט. עפּעס פאַרפאָלגן אים לעצטנס אַזעלכע מאָדנע וויזיעס און אַממייסטן לאָזט אים נישט צורו דער געגרילץ פון קייטן. דאָס האָט זיך אין אים אַזוי אָנגעטשעפּעט, אַז זיין אויער כאַפּט גאָר עפּעס אַנדערש נישט אויף.

— עס איז אַ שלעכטער סימן פאַר מיר... — האָט ער צו זיך אַליין אַ מורמל געטאָן.

אָבער באַלד איז זיין געדאַנק איבערגעריסן געוואָרן פון די ווילדע אויסגעשרייען, וואָס זענען געקומען פון ברעג. ער איז צוריק פאַרטראָגן געוואָרן צו דערווירקלעכקייט, און און ער איז געווען צופרידן. זיין ברייטע ברוין־גרויליכע באָרד איז בהרחבהדיק געלעגן אויסגעשפּרייט איבער דער ברוסט, און מיט זיין ווייס־זיידענעם טורבאַן האָט ער זיך אויסגעשיידט פון דעם גאַנצן עולם אַרום. דער המון אויפן ברעג האָט אָנגעהויבן שרייען:

— מיר ווילן זען אונדזער משיח מיר ווילן רעדן מיט אונדזער דער־לייזער!...

שבתי צבי האָט מיט לאַנגזאַמע טריט פון אַ בכבודיקן מאַן, וואָס ווייסט זיין ווערט און ווירדע, זיך דערנענטערט צום ראַנד פון דער שיף און האָט זיך אויפן אָריענטאַלישן אופן באַגריסט מיטן טויזנט־קעפּיקן עולם, וואָס האָט געוואַרט ביים האַפן.

— זאָל לעבן שבתי צבי!... — האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי, וואָס איז באַלד אויפגעכאַפּט געוואָרן פון די טויזנטער מענטשן.

— כבוד פאַר אונדזער משיח, דעם געזאַלבטן פון גאָט! — האָבן זיך דערהערט אַנדערע אויסרופן.

און די בכבודיקע געסט האָבן אָנגעהויבן אַרונטערגיין פון דער שיף; אַ דראָבנע רעגנדל האָט אָנגעהויבן צו טריפן פון הימל. ביים האַפן האָבן

שוין געוואָרט עטלעכע קאַרעטעס, וואָס האָבן געזאָלט אויפנעמען די חשובע געסט. עס זענען מיט זיי מיטגעקומען די גבירים פון שטאָט, וועלכע האָבן געוואָלט האָבן דעם כבוד מיט זייערע אייגענע הענט אָנצוטרייבן די פערד, און שבתי צבין צו ברענגען אין זיין צוגעגרייטן פּאַלאַץ, פון וואַנען ער האָט געזאָלט אָנהייבן זיין הערשאַפט.

מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ שטיקל געטומל. מ׳האָט אָנגעהויבן צו מאַכן עפּעס מאָדנע אויסרופן. מ׳איז אַריינגעפאַלן אין אַ בהלה. אַלע האָבן געשריגן און קיינער האָט נישט געקאָנט דערגיין, וואָס די געשרייען באַדייטן.

ביי שבתי צבין איז דאָס האַרץ איינגעפאַלן. עפּעס האָט אים אַ בריגעטאָן אונטער דער ברוסט און די אויגן זענען געוואָרן שטאַרק אויפגעפּראַלט, ווי שרעק וואָלט פון זיי אַרויסגעקוקט.

— וואָס איז דאָרט דאָס פּלוצלינגע געטומל?... — האָט ער מיט אַ ציטערנדיקע שטים געפרעגט.

— דאָס זענען די געשרייען פון די פיל מענטשן, וועלכע זענען געקומען דיך אָפּוואַרטן... — האָט שרה אים געזוכט צו באַרואיקן, אָבער זי אַליין האָט אויך אָנגעהויבן טרייסלען זיך פון אַן אומבאַוווסטער מורא. זי איז בלאַס געוואָרן און יעדער טראָפּן בלוט איז פון איר שיין פּנים פאַרשוווּנדן.

— וואָס האָט פּאַסירט?... — האָט שבתי צבי זיך נישט פאַרלאָזט אויף זיין ווייב, נאָר די זעלבע פראַגע געשטעלט אויך זיין סעקרעטאַר שמואל פּרימאָ.

— מ׳האָט געשיקט פון דער רעגירונג אַ ספּעציעלע ערן־וואַך פאַר דיר, מיין האַר... — האָט שמואל פּרימאָ מיט נישט קיין זיכער קול געענטפערט, דערזעענדיק מענער אין פּאָליציייאישע אוניפאָרמען און מיט שווערדן אין די הענט.

— גיט אָפּ כבוד אונדזער הערשער!... — האָט זיך ווידער דערהערט אַ קול פון דעם המון — גיט אָפּ כבוד אונדזער משיח!...

און דער עולם האָט זיך געשטופּט מיט סכנת נפשות צו דער שיף און יעדער האָט געוואָלט כאָטש מיט אַ פינגער באַרירן דאָס קלייד פון שבתי צבי.

אָבער דאָ האָבן מיט קראַפט זיך דורכגעריסן די מענער אין די פּאָלי־צייאישע אוניפאָרמען, מאַכנדיק זיך אַ וועג מיט די אַנטבלויזטע שווערדן צווישן דער געדיכטער מאַסע פון מענטשן.

שבתי צבי האָט זיי דער ערשטער דערזען.

„ניין, נישט קיין כבוד מיר אָפּגעבן זענען די דאָזיקע לייט געקומען"...

— איז ווי אַ בליץ דורכגעלאָפן אין זיין געדאַנק, און דער קלאַנג פון קייטן האָט ווידער אָפּגעהילכט אין זיין מוח. נישט קיין אויסדרוק פון ערפורכט איז אויף זייערע פּנימער געלעגן, נאָר פון רשעות און בייזקייט.

— ווער איז עס שבתי צבי?... — האָט דער אָפיציר, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער גרופּע פּאָליציי־לייט, אַ פרעג געטאָן אויף אַ געַנוג שטרענגן אופן.

— איך בין עס... — האָט שבתי צבי מיט אַ בלייך פּנים און ציטערנדיקע ליפּן געענטפערט.

— דער קאמייקאם פון שטאָט האָט אונדז געשיקט, מיר זאָלן דיך אָפּ־וואַרטן און ברענגען צו אים... — האָט דער אָפיציר אויף אַ געַנוג העפלעכן אופן זיך צו אים געווענדט.

— דער באַפעל פון מלכות איז ווי דער באַפעל פון גאָט... — האָט שבתי צבי דערויף געענטפערט.

דער עולם איז געבליבן ווי געפּלעפט.

— ניין, נישט פון כבוד וועגן האָט דער קאמייקאם געשיקט זיין לייב־וואַך פאַר אונדזער רבין... — האָט זיך דערהערט אויפגעצאַרנטע שטימען.

— עס איז היינט פרייטיק און מיר וועלן נישט דערלאָזן, אַז דער קאַ־מייקאם זאָל אונדזער רבין פאַרהאַלטן דווקא אין שבת... — האָבן זיך גע־הערט פּראָטעסטן.

— אַ מסירה!... — האָבן זיך דערהערט אויפגעברויזטע שטימען.

— גייט אַהיים און באַרואיקט זיך... — האָט שבתי צבי מיטאַמאָל צוריקבאַקומען זיין געוויינלעכע קאַלטבלוטיקייט — דינא דמלכותא דינא...

די פּאָליציייַלייט האָבן באַלד אַרומגערינגלט שבתי צבין און, כדי אים נישט עפּנטלעך צו פאַרשעמען, האָבן זיי די אַנטבלויזטע שווערדן צוריק אַריינגעלייגט אין די שיידן, צוגעפירט אים צו איינע פון די אָפּוואַרטנדיקע קאַרעטעס, אַריינגעזעצט אים, און געהייסן פאָרן צו דער געביידע, ווו עס איז געזעסן דער קאמייקאם.

אַ טרויער איז באַפאַלן די טויזנטער מענער און פרויען, וועלכע זענען געקומען אָפּוואַרטן זייער משיח און דערלייזער, שבתי צבי. זיי האָבן אויף קיין איין רגע נישט פאַרלוירן זייער אמונה אין אים. זיי האָבן עס אָנגענומען ווי נאָך איינע פון די שטרויכלונגען וואָס זענען פאַרבונדן מיט די חבלי משיח...

דער הימל איז נאָך אַלץ געווען פאַרוואָלקנט, כאָטש דער רעגן האָט אויפגעהערט. שבתי צביס באַגלייטער, אברהם היכיני, שמואל פּרימאָ און די אַנדערע, זענען מתחילת געבליבן אָן לשון. זיי האָבן זיך פאַרשעמטע איבערגעקוקט, און ווי מיט די בליקן זיך געפרעגט איינע ביי די אַנדערע:

— דאָס איז עס?... דערמיט וועט זיך אונדזער טרוים פאַרענדיקן?...

און ווי גלייך זיי וואָלטן אַלע געפונען דעם זעלבן ענטפער, האָט אברהם היכיני, ווי דער עלטסטער פון זיי, אויסגערופן אויפן אָרט:

— ניין, דאָס איז נישט די ענדע, דאָס איז דער אָנהייב...

און אַ האָפערדיקייט האָט זיי אַרומגענומען, און ווידער האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אויף זייערע ליפּן. בלויז נחמיה הכהן האָט נישט געטיילט זייער האָפערדיקייט. ביי אים האָבן זיך פלוצלינג געעפנט די אויגן און ער האָט געטראַכט:

— „ער" איז נישט משיח...

— אָבער ווער דען איז דער אויסלייזער?... — האָט ער זיך באַלד צוריקגעפרעגט.

וועגן דעם אַז עס איז איצט די צייט פון גאולה, איז ביי נחמיה הכהן קיין שום צווייפל נישט געווען. דער צווייפל, וואָס איז ביי אים איצט געבוירן געוואָרן איז געווען: צי איז שבתי צבי דער משיח, וואָס איז אָנגעברייט אויסצולייזן דאָס פאָלק ישראל פון גלות...

שבתי צבי אַליין האָט בכלל נישט געצווייפלט. אדרבה, ער איז געוואָרן ביי זיך נאָך מער זיכער. ווען ער איז געזעסן אין דער פאַרמאַכטער קאַרעטע, באַגלייט פון די צוויי פאָליצײ־לייט, האָט ער פאַרמאַכנדיק די אויגן, נאָכאַמאָל איבערגעלעבט זיין גאַנץ לעבן ביז איצט און איז געקומען צום אויספיר, אַז דאָס איז דער וועג, וואָס דער אויסלייזער דאַרף דורכגיין, איידער די אמתע גאולה וועט קומען.

— ניין, עס איז נישט אַזוי לייכט, ווי מען שטעלט זיך דאָס פאָר... — האָט ער אַ זיפץ געטאָן, און באַלד דעם זיפץ געוואָלט אין זיך דערשטיקן.

ער האָט נישט געוואָלט ווייזן די עמלקים, אַז ער איז באַזאָרגט וועגן דער לאַגע זיינער.

קיינער האָט צו אים קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. אַזאַ אָנזאָג האָבן זיי געהאַט. אין דער מסירה, וואָס דער גרויס־וויזיר אַכמעד קעפרילי האָט דערהאַלטן פון אַ גרופּע יידן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איז געווען געשריבן, אַז שבתי צבי באַזיצט אַן אויסערגעוויינלעכע קראַפט איבערצוציִיגן מענטשן און זיי מוזן אים גלייבן און פאָלגן. בלויז הערנדיק זיין אָנגענעמע שטים, ווערן מענטשן פאַרכישופט...

האָט דעריבער דער גרויס־וויזיר געגעבן אַ באַפעל דעם קאַמייקאַם, אַז די מענטשן, וועלכע ער וועט שיקן אַרעסטירן שבתי צבין, זאָלן מיט אים קיין וואָרט נישט אויסרעדן...

די מסירה, וואָס דער גרויסוויזיר האָט דערהאַלטן, האָט זיך גע־לייענט אַזוי: „גאָר אינקורצן דאַרף אָנקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ מאַן פון סמירנע, ער געפינט זיך איצט אין ירושלים און ער פאָרט מיט דער שיף דאָ אַהער... דער דאָזיקער מאַן זאָגט, אַז ער איז משיח און גייט ברענ־גען די גאולה פאַרן יידישן פאָלק. מיר, די יידן, גלייבן נישט דערין, אָבער ער האָט אַ סך אָנהענגער, וועלכע זענען איבערצייגט אַז ער איז משיח. זיין ציל איז אַרויסצורופן אומרוען אין טערקיי און דערנאָך וויל ער מיט געוואַלט אַראָפּנעמען די קרוין פון קאָפּ פון סולטאַן און זיך אָנטאָן. מיר גלייבן, אַז ער איז אָדער אַ משוגענער אָדער אַ פּשוטער שאַרלאַטאַן"...

דער גרויסוויזיר אַכמעד קעפרילי האָט ביים איבערלייענען די דאָזיקע מסירה אַ שמייכל געטאָן. די דאָזיקע געשיכטע איז פאַר אים שוין נישט געווען ניי, ווייל מיט אַ צייט צוריק האָט ער געהאַט דערהאַלטן אַ באַריכט פון דעם קאַדי און סמירנע וועגן דער טעטיקייט פון שבתי צבי, אַ געבוירענער אין זיין שטאָט, און ער פרעגט זיך אָן ביים גרויסוויזיר ווי אַזוי ער האָט צו האַנדלען אין דעם דאָזיקן ענין.

ווען דער גרויסוויזיר האָט דערהאַלטן דעם דאָזיקן באַריכט פון סמיר־נער קאַדי, האָט דער גרויסוויזיר אים באַפוילן תיכף צו אַרעסטירן שבתי צבי און איינזעצן אין תפיסה. היות אָבער דער קאַדי האָט שוין געהאַט גע־נומען אַ סך שוחד־געלט פון שבתי צביס אָנהענגער, האָט ער אויף אייגענער האַנט געגעבן דעם ענערגישן באַפעל, אַז שבתי צבי זאָל פאַרלאָזן די שטאָט. פאַרן גרויסוויזיר האָט ער דעמאָלט געהאַט אַ פאַרטיקן תירוץ: ווען ער

איז געגאַנגען אויספירן זיין באַפעל און אַרעסטירן דעם אַזוי־גערופענעם משיח, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שבתי צבי האָט שוין געהאַט פאַרלאָזט די שטאָט מיט זיין אייגענעם ווילן.

אַזוי אַרום איז די זאַך געוואָרן אַ ביסל איינגעשטילט און דער גרויס־וויזיר האָט געהאַט אין דער גאַנצער מעשה פאַרגעסן. איצט, ווען ער האָט אויפסניי געקראָגן אַ באַריכט אין דער פאָרם פון אַ מסירה פון אַ גרופּע רייכע יידן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט ער זיך דערמאָנט אין דער גאַנצער געשיכטע און ער האָט געגעבן אַ באַפעל דעם קאַמייקאַם פון דער הויפּט־שטאָט, אַז ער זאָל שבתי צבין אַרעסטירן ביים אָנקומען אין האַפן.

איצט איז די קאַרעטע מיט שבתי צבי לאַנגזאַם געפאָרן איבער די גאַסן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און קיינער אין שטאָט האָט נאָך נישט געוווּסט וועגן דער דאָזיקער געשעעניש. מ׳האָט אים אָפּגעפירט אין טשעמקעס רוטשוק, אַ פּלאַץ הינטער דער שטאָט. עס איז שוין געווען טונקל, ווען די די קאַרעטע האָט אַהין דערגרייכט. שבתי צבין האָט וויי־געטאָן, וואָס ער איז מחלל שבת. וואָרעם דער הימל איז שוין געווען גוט טונקל און וווּ־נישט־ווּ האָט דורך די שוואַרצע שטיקער וואָלקן אַרויסגעגלימערט אַ שטערנדל.

מ׳האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ גרויס צימער און הינטער דער טיר איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַ וואַך. עס איז געווען שטיל אַרום, ער האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון אייגענעם האַרץ. אין דער לופט האָט בלויז אָפּ־געהילכט דאָס טרעטן פון די וועכטערס פיס.

ערשט מיט אַ שעה שפּעטער האָט ער דערהערט אַ גערודער אין פאָר־דערהויז פון דער תפיסה. די טיר האָט זיך געעפנט און אויף דער שוועל זענען געבליבן שטיין זיין ווייב שרה, שמואל פּרימאָ, יצחק סילוויירא און משה פינהיירא.

זיי האָבן זיך אַ וויילע אָנגעקוקט שטומערהייט, נישט אַרויסברענגענדיק אַפילו קיין אָטעם־צוג. שבתי צבי האָט ענדלעך אַראָפּגעלאָזט די אויגן און מורמל געטאָן:

— דער וועג פון גאולה איז אויסגעשפּרייט מיט דערנער...

— דערמיט וועט זיין דער נס נאָך גרעסער!... — האָט שמואל פּרימאָ צוגעגעבן.

— זיי געטרייסט, מיין מאַן... — האָט שרה אויסגערופן און איז צוגע־לאָפן מיט שנעלע טריט צו שבתי צבי און אַרומגענומען זיין האַלדז און צום ערשטן מאָל, זינט זי האָט זיך פאַראייניקט מיט שבתי צבי, האָט זיך צעוויינט.

שבתי צבי האָט מיט זיין האַנט איר אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן און געזאָגט צו איר:

— דיינע טרערן זענען דערהערט געוואָרן אין הימל, גייט איצט אַלע אַוועק און לאָזט מיך איבער אַליין, אויב איר זענט פריי...

— מיר זענען פריי... — האָט שמואל פרימאָ געענטפערט פאַר אַלע.

— אָבער וואָס זאָלן מיר זאָגן דעם גרויסן עולם, וועלכער וועט מאָרגן פרעגן: ווו איז אונדזער משיח?...

— זאָגט זיי, אַז משיחס וועג איז אויסגעשפרייט מיט דערנער, און פרייהייט וואָס מען דעראָבערט אויף אַ לייכטן אופן, איז נישט גענוג טייער... אונדזער פרייהייט וועלן מיר באַקומען מיט קאַמף און אויסדויער...

און ער איז געבליבן אַליין.

צומאָרגנס איז אין שטאָט אויסגעבראָכן אַ טומל, די גאַסן זענען גע־וואָרן שוואַרץ פון מענטשן. די רעגירונג האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן. ווער וויסט וואָס פאַר אַ מאַכט אָט דער דאָזיקער מאַן פון סמירנע באַזיצט. ער קאָן אָנצינדן אַ רעוואָלט, וואָס קאָן זיך איבערוואַרפן אויף די איבעריקע אומצופרידענע בירגער אין לאַנד. עס זענען דאָ די סיריער, די עגיפּטער, די רומענער, די בולגאַרן... זיי וועלן דערהערן, אַז אַזאַ שוואַך פאָלק ווי די יידן רעוואָלטירן, טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי נישט אויסנוצן די סיטואַציע און זיך באַפרייען פון אונטערן טערקישן יאָך?

טויזנטער יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין די שולן, אין בתי מדרשים. עס האָט געהערשט צווישן זיי טרויער, אָבער גלייכצייטיק אַ פעסטער ווילן זייער משיח צו באַפרייען.

אויף דער בימה זיינען אַרויפגעקומען איינער נאָכן אַנדערן: אברהם היכיני, נתן העזתי, שמואל פרימאָ און די אַנדערע נאָענטע מענטשן פון שבתי צבי. אין ביטערע רייד, אָבער גלייכצייטיק מיט גליענדיקן פייער, האָבן זיי אָנגעצונדן די הערצער און נשמות פון די צוהערער, געבנדיק זיי אָנצוגעהערן, אַז אַזוי איז דער וועג פון אויסלייזונג. צי האָט משה רבנו

גלייך געבערענגט די יידן קיין ארץ ישראל? — האָט אברהם היכיני אויס־געשריגן מיט האַרץ.

— פערציק יאָר האָט ער זיי געפירט דורך דער מדבר און צום סוף האָט ער אַליין נישט דערלעבט זיין פאָלק אַרייצופירן אין צוגעזאָגטן לאַנד. בלוטיקע מלחמות זענען געפירט געוואָרן מיט די כנענים, פלישתים און אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן דאָרט געוווינט. פיל שטרויכלונגען זענען געווען אויפן וועג פון דער גאולה. איצט האָט איר דעם בעסטן סימן, אַז די גאולה איז נאָענט, ווייל די שווערע שטרויכלונגען האָבן זיך שוין אָנגעהויבן.

דערנאָך האָט גערעדט נתן העזתי און ער האָט געזאָגט:

— אונדזער שבתי צבי באַזיצט די גרויסע קראַפט, אַז אַרויסזאָגנדיק דעם שם המפורש, וואָלט ער צעשטערט די מויערן פון דער תפיסה, אין וועלכער מ'האָט אים איינגעזעצט, מיט אַ הויך פון זיין מויל וואָלט ער פאַר־ברענט גאַנץ קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיטן סולטאַנס פּאַלאַץ און עס וואָלט קיין שטויבעלע נישט פאַרבליבן. ער טוט דאָס אָבער נישט, ווייל ער וויל דעם טערקישן הערשער אויסשטעלן צו חוזק און שפּאָט. אָט זעט איר דאָך, ווי מורא דער סולטאַן האָט פאַר אונדזער משיח... וואָס איז ער דען, שבתי צבי, אין די אויגן פון די גויים?... אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, אַ שוואַך באַשעפעניש קעגן פיל שווערע וואָפן וואָס אַ מלוכה פאַרמאָגט. און דאָך האָט דער סולטאַן אים איינגעזעצט אין תפיסה, ווייל ער האָט מורא פאַר אים... ער ווייסט, אַז זיין קראַפט איז שטאַרקער פון אַלע זיינע וואָפן...

עס איז געוואָרן אַ געטומל, און אויסגעשרייען האָבן זיך געהערט אין שול:

— לאָמיר גיין שטורעמען דעם סולטאַנס פּאַלאַץ, לאָמיר אים ווי אַ פגר אַרויסשלעפן פון זיינע שיינע זאַלן און אויף דער גאַס אים אַוועק־וואַרפן!... לאָמיר גיין באַפרייען אונדזער משיח, אונדזער גרויסן רבין, וועלכער איז דורך די טמא גויים באַליידיקט געוואָרן!...

שמואל פרימאָ איז אַרויף אויף דער בימה און דעם צעהיצטן עולם אַ ביסל איינגענומען און באַרואיקט. ער האָט דערזען די גרויסע געפאַר פון דער שעה, ווען אַ מאַסע ווערט ווילד און באַנעמט נישט ווי עס זעט אויס די זאַך אין דערווירקלעכקייט.

— טוט גאַרנישט אָן דעם רשות פון אונדזער הייליקן משיח!... אויב ער זיצט איצט אין תפיסה, איז עס אַ געבאָט פון רבונו של עולם... אַזוי דאַרף צוגיין דער וועג פון דער גאולה... אַזוי האָט מיר געזאָגט שבתי צבֿי, ווען מיר האָבן נעכטן בײַנאַכט מיט אים גערעדט אין תפיסה, און זײַנע רייד ברענג איך פאַר אײַך דאָ איצט... גייט אַהיים נאָכן דאַווענען, עסט אײַער שבתדיקע סעודה און באַרואיקט זיך; זאָגט תהילים, לערנט אַ פּרק משניות און ווער עס קאָן, זאָל אַרײַנקוקן אין אַ קבלה־ספֿרל, דאָרט וועט ער געפֿינען פֿיל אָנדײַטונגען אויף דעם וואָס איז נעכטן געשען...

שפּעטער זענען אַוועק שליחים צום קאַמייקאַם פון שטאָט און אים געגעבן אַ גרעסערע סומע געלט, אַז ער זאָל פֿאַרלײַכטערן דעם גורל פון גרויסן געפֿאַנגענעם. דער קאַמייקאַם האָט טאַקע געגעבן אַ באַפֿעל, און מ׳האָט פון שבתי צבֿי אַראָפּגענומען די קייטן, אין וועלכע ער איז, נאָך דעם אַוועקגיין פון זײַנע פֿרײַנד און זײַן ווײַב שׂרה, געשמידט געוואָרן.

שבתי צבֿי האָט אין די פֿיר ווענט פון זײַן תפיסה זיך באַוועגט פֿרײַ. ער האָט די גאַנצע צײַט תפילה געטאָן און פֿאַרטראַכט זיך שעהן־לאַנג וועגן זײַן גורל, געוואָלט בײַ זיך אַליין אויסגעפֿינען, ווו ער האַלט אין דער וועלט.

ווען ער איז ענדלעך אײַנגעשלאָפֿן אַ מידער נאָך די אַלע פּאַסירונגען, האָט ער געזען אַ חלום, ווי ער שטייגט אויף אין גאָלדענע קליידער אויפֿן טראָן פון סולטאַן און דער טערקישער הערשער זיצט בײַ זײַן צופֿוסנס און בעט זיך בײַ אים, ער זאָל אים מוחל זײַן פֿאַר די יסורים, וואָס ער האָט אים פֿאַרשאַפֿט. און שבתי צבֿי זאָגט אים צו צו באַגיין זיך מיט אים מיט רחמים...

דאָ האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט. עס זענען לעבן אים געשטאַנען צוויי אָפֿיצירן, וועלכע זענען געקומען צו אים אין נאָמען פון גרויסוויזיר אים אויסצופֿאַרשן.

איינער פון די אָפֿיצירן איז געווען דער געהילף פון קאַמייקאַם אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער איז געווען אַ שטרענגער מענטש, מיט צוויי טיפֿע שוואַרצע אויגן. ער האָט שבתי צבֿין אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פֿיס, ווי וועלנדיק בײַ זיך אָפּמאַכן אין געדאַנק, צי איז ער טאַקע אַ גרויסער מאַן אָדער גלאַט אַ שווינדלער.

נאָך אַ פּאָר מינוט פון שטילשווייגן און מעסטן זיך מיט די בליקן, האָט ענדלעך דער אָפיציר אַ פרעג געטאָן:

— ווער ביסטו? ביסטו טאַקע דער משיח פון יידן, ווי דו און דיינע מענטשן פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג צווישן אונדזערע יידישע אונטערטאַנען?...

שבתי צבי האָט אים אָנגעקוקט און דורכגעבויערט מיט זיינע גרינע פאָספאָר־אויגן דעם אָפיציר, אַז יענער האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען אַ ביסל און נישט געקאָנט אויסהאַלטן זיין בליק.

— ווער איך בין?... — האָט ער צוריקגעפרעגט — איך בין דער, וועלכער וויל די וועלט אויסלייזן פון שלעכטס, באַפרייען פון קנעכטשאַפט מיין געפייניקט פאָלק, וועמען איר האָט צו פאַרדאַנקען אייער מאַכמע־דאַנישע אמונה און איר זענט דעם דאָזיקן פאָלק אומדאַנקבאַר, איר אַרעס־טירט זיינע פירער און איר ווילט מיך מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט אין די אויגן פון מיינע אָנהענגער...

דער אָפיציר האָט אַ קרומען שמייכל געטאָן. ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, וואָס ער זאָל טאָן מיט אָט דעם משוגענעם ייד, ווי ער האָט אים אין געדאַנק אָנגערופן. פּלוצלינג האָט ער עפּעס ביי זיך באַשלאָסן און געוואָגט: ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און שבתי צבין אַראָפּגעלאָזט אַ פייערדיקן פּאַטש אין פּנים.

דער טערק האָט אויסגערעכנט און פאַרלאָזט זיך אויף זיין מענטשן־קענטעניש, אַז מיט פּאַטשן דעם מאַן, וועלכער האַלט זיך פאַר אַ משיח, וועט ער קלאָר מאַכן ווו ער האַלט אין דער וועלט.

ער האָט זיינס דערגרייכט.

שבתי צבי איז געבליבן צעטומלט. דאָס איז געקומען פאַר אים אַזוי אומגעריכט, אַז ער האָט גאָרנישט געהאַט אַפילו קיין צייט איבערצורעכענען זיין ווייטערדיקע טאַט. ער איז אַזוי געפאַלן ביי זיך, אַז ער איז געוואָרן נידעריקער פון גראָז. אויב אַ מענטשלעכע האַנט האָט געוואָגט אויפצוהויבן זיך קעגן אים און שענדן דאָס געשטאַלט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס פאָרעם, איז ער דאָך גאָרנישט מיט גאָרנישט...

ווי זשע האָט ער געוואָגט זיך אָנצורופן גאָטס שליח?... פאַרוואָס פאַר־ברענט ער אים נישט מיט איין בליק זיינעם? וואָלט ער געהאַט טאַקע, ווי ער האָט זיך איינגערעדט, אַן איבערמענטשלעכע קראַפט, וואָלט ער דאָך

געדאַרפט מאַכן פון אים אויפן אָרט אַ באַרג אַש. און דאָ שטייט ער אומ־באַהאָלפן קעגן אַ פשוטן מענטש, אַ גוי, און ער האָט אים געפּאַטשט!...

טרערן זענען אים אַנגעלאָפן אין די אויגן אַריין. אָ, ווי ער וואָלט איצט געדאַרפט האָבן שרהס הילף. זי וואָלט אים געטרייסט און צוגעגעבן מוט. איצט, ווען זי וועט געוויר ווערן, אַז ער איז אַ פשוטער בשר ודם, וועט זי אים אויך פאַרלאָזן...

די אַלע טראַכטענישן האָבן געדויערט בלויז אַ רגע, ווייל תיכף האָט דער טערק אים ווידער געשטעלט די זעלבע פראַגע:

— זאָג, דו הינטישע צורה, ווער ביסטו? וואָס פאַר אַ טומל האָסטו דאָ אָנגעמאַכט אין לאַנד און אויפגערודערט די נשמות פון דיינע ברידער און זיי שיער נישט פאַרפירט אין אָפּגרונט? צי מיינסטו טאַקע, אַז דער סולטאַן האָט נישט די מאַכט צו נעמען איין שיינעם העלן טאָג און אויסראָטן אַלע יידן, וואָס געפינען זיך דאָ אין זיין לאַנד? זיי האָבן דאָך ווידערשפּעניקט זיין מאַכט, זיי האָבן גערעדט הויך אין די גאַסן, אַז זיי וועלן דעם סולטאַן פון טראָן אַראָפּשלעפּן און אים ווי אַ הונט איבער די גאַסן אַרומשליידערן. ערשט היינט אין שול האָבן זיי דאָס געשריגן. אונ־דזערע מענטשן זענען דאָרט געווען און האָבן דאָס צוגעהערט...

און ער האָט אים צום צווייטן מאָל דערלאַנגט מיטן גאַנצן כוח אַ פּלאַם איבערן פּנים. פון דער נאָז האָט אים אָנגעהויבן רינען בלוט, פאַר זיינע גרינע פאָספאָר־אויגן האָט אָנגעהויבן שווינדלען און ער האָט געזען רויטע פייער־דיקע רעדער פאַר זיין בליק. די גאַנצע וועלט האָט זיך מיט אים אַ קער געטאָן, אַז ער האָט געמיינט, אַז אָט־אָט פאַלט ער, צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט, אין אַ פינצטערן תהום.

— גאָט, באַשיץ מיך... — האָט ער געפּרעפּלט מיט זיינע בלאַס־גע־וואָרענע ליפּן.

— וואָס מורמלסטו, ייד?... — האָט דער אָפיציר, באַקומענדיק מער קוראַזש פון שבתי צביס נידערגעשלאָגענער האַלטונג, אַ געשריי געטאָן — דו שעלסט מיך?

— חלילה, האַר... — האָט שבתי צבי געציטערט אויפן גאַנצן קערפּער — מיינע ליפּן האָבן נאָך קיינמאָל קיין קללה נישט אַרויסגעבראַכט, אפילו נישט קעגן מיינע שונאים.

די דאָזיקע שטילע און הכנעהדיקע רייד האָבן אויפן טערק געמאַכט מער איינדרוק, ווי ער וואָלט אים טאַקע אויף אַן אמת געשאָלטן. ער האָט פאַרביסן די ליפּן און זיך באַדענקט. ער האָט ווי אינסטינקטיוו אָפּגעווישט די הענט. ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּווישן די געמיינקייט, וואָס ער איז דאָ באַגאַנגען קעגן אַ מענטשלעך וועזן.

— זיי מיר מוחל... — האָט דער אָפיציר אַ מורמל געטאָן.

דער ייד האָט אים באַזיגט...

— אַ גרויסע קראַפט באַזיצט ער... — האָט ער שפּעטער געזאָגט צו זיין באַגלייטער, דעם צווייטן אָפיציר — איך פיל, ווי אַ ברענונג וואָלט מיין האַנט אַרומגעכאַפּט, ווי זי וואָלט געגליט אַן אָנגעצונדענע פון אַן אומגעזעען פייער.

און ווי דורך אַ געהיימנישפולן קאַנאַל האָט זיך די דאָזיקע ידיעה באַלד פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט:

אַ טערקישער אָפיציר האָט געוואָגט צו פּאַטשן דעם משיח און זיין האַנט איז געליימט געוואָרן. דער טערק איז געפאַלן אויף זיין פּנים פאַרן מלך המשיח, און דער געזאַלבטער פון גאָט האָט אים מוחל געווען... איצט איז דער טערקישער אָפיציר געוואָרן אַן אָנהענגער פון שבתי צבי און וויל זיך מגייר זיין...

אָט אַזאַ קלאַנג האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט און ווייט אַריבער די גרענעצן פון דער שטאָט. מען האָט זיך דערציילט אַנדערע ניסים, וואָס די פאַנטאַזיע האָט געלאָזט פריי, און זיינע „נביאים", אברהם היכיני און נתן העזתי, האָבן די דאָזיקע פאַרשפּרייטע קלאַנגען אויסגענוצט און זיי נאָך מער געמאַכט אויפפלאַקערן. מען האָט זיך איינער דעם אַנדערן אויפן אויער דערציילט, אַז פון דער תפיסה אין טשעקמעס רוטשוק זעט מען אַלע נאַכט אַ פייערדיקן זייל פייער אויפגיין צום הימל, מיט דעם דאָזיקן פייערדיקן זייל פליט שבתי צבי אין הימל און נעמט זיינע געבאָטן פון גאָט ברוך הוא אַליין.

מען האָט זיך שוין דערציילט אַ געשיכטע, אַז די וועכטער, וועלכע היטן שבתי צבין, זענען געפאַלן פאַר אים אויף די קני און האָבן געבעטן מיט טרערן אין די אויגן, אַז ער זאָל זיי אַרונטערברענגען אונטער די פליגל פון יידישן גלויבן.

די אמונה אין שבתי צבי האָט זיך מיט זיין אַרעסט נאָך מער פאַר־שטאַרקט. צוגעהאָלפן דערצו האָבן די דאָזיקע נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע געשיכטעס און די דרשות פון זיינע נביאים.

די דאָזיקע געשיכטעס האָבן דורך די טערקישע און יידישע שפּיאָנען אויך דערגרייכט צו די אויערן פון גרויסוויזיר, אַכמעד קעפּרילי, און אַ וואָלקן האָט זיך געלייגט איבער זיין פּנים. ער האָט איינגעזען מיט זיין דיפּלאָ־מאַטישער חכמה, אַז דערפון קאָן אַמאָל אַרויסוואַקסן אַן ערנסטע געפאַר פאַר דער זיכערקייט פון דער מלוכה. מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז אַזעלכע לעגענדעס זאָלן זיך פאַרשפּרייטן.

ביז איצט האָט ער נאָך נישט געהאַט געזען אַפילו פאַר זיינע אויגן דעם יידישן משיח, און ער איז פאַראינטערעסירט געוואָרן אים אָנצוקוקן פּנים־אל־פּנים. ער האָט דעריבער געגעבן אַ באַפעל, אַז שבתי צבי זאָל געברענגט ווערן צו אים אין פּאַלאַץ, אַז ער וויל מיט אים אַליין רעדן.

פריער האָט ער אויך גערופן צו זיך דעם קאַמייקאַמס געהילף און ביי אים אויסגעפרעגט יעדע איינצלהייט, וואָס ער האָט באַמערקט ביי דעם יידישן משיח. ער האָט געוואָלט דערגיין ביי אים יענעמס שוואַכקייטן און שטאַר־קייטן.

— צי מאַכט ער טאַקע דעם איינדרוק פון אַן איבערמענטש? — האָט ער געפרעגט דעם אָפיציר.

— ער איז נישט קיין געוויינלעכער מאַן פון גאַס — האָט דער אָפיציר געענטפערט. — מתחילת האָב איך געטראַכט, אַז ער איז אַ משוגענער, אָבער ניין. ער איז נישט משוגע, נאָר זייער שטאַרק איינגעגלויבט אין זיך. ער באַזיצט אַ היפּנאָטישע קראַפט, וואָס ער איבט אויס אויף מענטשן. זיין גרינער בליק איז אַזוי שטאַרק, אַז עס איז שווער אים אויסצוהאַלטן. אמת, איך האָב זיך באַמיט אים נידערצושלאָגן דערמיט, וואָס איך האָב אים דער־לאַנגט אַ פּאַטש. אין דער ערשטער רגע איז ער טאַקע געבליבן אַ דער־שלאָגענער און איך האָב געמיינט, אַז איך האָב אים באַזיגט, אָבער ער האָט צום סוף מיך איבערגעוועלטיקט מיט זיין עניוותדיקער האַלטונג. איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר מיין טאַט...

דער גרויסוויזיר האָט אַ שמייכל געטאָן און געדאַנקט דעם אָפיציר פאַר זיין אינפאָרמאַציע און געהייסן אים גיין.

— ברענגט דעם יידישן משיח אין מיין פּאַלאַץ! — האָט ער אַרויס־געגעבן אַ באַפעל — אָבער באַהאַנדלט אים אויף אַ העפלעכן אופן.

און דער באַפעל איז תיכף אויסגעפירט געוואָרן.

דער גרויסוויזיר האָט זיך געהאַט פון פריער־אויס צוגעגרייט צו זיין שטרענג מיט דעם דאָזיקן ייד פון סמירנע און אים איינברעכן מיטן ערשטן בליק. ער האָט זיך פעסט אַריינגעזעצט אין זיין שטול און אָפּגעוואַרט דאָס דערשיינען פון שבתי צבי.

ענדלעך האָבן זיך דערהערט טריט אין דעם פּאָדערצימער פון פּאַלאַץ. דאָס זענען געווען די טריט פון שבתי צבי און זיינע צוויי וועכטער, וועלכע זענען פון אים נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין איין מינוט.

בעת שבתי צבי האָט איבערגעטראָטן די שוועל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַ ביסל נידערגעשלאָגן, האָט דער גרויסוויזיר געהאַלטן זיין קאָפּ הויך און שטאָלץ און אָנגעשטעלט זיין שטרענגן בליק, כדי אויף איינמאָל דורכצובויערן דעם ייד ביז זיין אינגעווייד.

ערשט ווען שבתי צבי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טיש, הינטער וועלכן אַכמעד קעפּרילי איז געזעסן, האָט ער אויפגעהויבן זיין קאָפּ און אָנגע־שטעלט זיין גרינעם פּאָספּאָר־בליק אויף דעם טערקישן גרויסוויזיר. קעפּ־רילין איז געוואָרן הייס אין די געדערים. שבתי צביס בליק האָט זיך איינ־געגעסן און איז אַריינגעדרונגען אין די טיפענישן פון דעם דאָזיקן אַלמעכ־טיקן הערשער.

אַ ווייל האָט געהערשט שטילשווייגן. שבתי צבי האָט געוואַרט, אַז דער גרויסער האַר זאָל אים שטעלן פראַגן, אָבער דער האַר האָט נישט געהאַט דעם מוט. שבתי צביס בליק האָט אים באַזיגט.

— גלייבסטו טאַקע אויף אַן אמת, אַז דו ביסט אויסדערוויילט געוואָרן פון גאָט צו זיין דער משיח און אויסלייזן די יידן פון גלות, אין וועלכן זיי געפינען זיך שוין אַזוי פיל הונדערטער יאָרן?...

שבתי צבי האָט אַן איראָנישן שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— גאָט האָט מיך געשיקט, פונקט ווי ער האָט געשיקט מיט טויזנטער יאָרן צוריק אונדזער גרויסן רבין משה. ער זאָל פאָדערן ביי פרעהן, דעם מלך פון מצרים, ער זאָל אַרויסשיקן די יידן פון זיין לאַנד.

קעפּרילי האָט זיך איינגעהאָרכט אין דער מעלאָדישער שטימע פון דעם סמירנער ייד, ער האָט זיך צוגעקוקט צו דער איינדרוקספולער געשטאַלט

און פֿאַרנעמענדיק זיין פּרעכטיקע טערקישע שפּראַך, איז ער דורכגענומען געוואָרן מיט דרך־ארץ צו דעם דאָזיקן מאַן, וועלכער איז איצט געווען זיין געפֿאַנגענער. ער האָט אויפֿגעהערט צו טראַגן אַ בייז האַרץ אויף אים. ער האָט, פֿאַרקערט, געקריגן צו אים אַ געוויסע סימפּאַטיע.

איידער ער האָט געזען שבתי צבין אויג אויף אויג, האָט ער ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט מיט אים קיין גרויסע שהיות נישט מאַכן. ער וועט אים אויסהערן, רעדן מיט אים האַרבע רייד און דערנאָך וועט ער געבן אַ באַפֿעל, מען זאָל אים אויפֿהענגען ערגעץ אין אַ טורמע אויף אַן אינדזל, ווייט פֿון לאַנד, אַזוי אַז קיינער זאָל נישט וויסן ווו ער איז אַהינ־געקומען.

אָבער איצט האָט ער גרינדלעך געענדערט זיין מיינונג. עס וואָלט געווען אַ פֿאַרברעכן אַזאַ מאַן צו טויטן, פֿון אַזאַ מאַן קאָן מען האָבן פֿיל נוצן. אפשר וואָלט ער גאָר אויף אים געווירקט, אַז ער זאָל אָננעמען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן. דאָס וואָלט געווען אַ גרויסער נצחון פֿאַר דער אמונה פֿון מאַכמעד און פֿאַר דער מדינה פֿון טערקיי, פֿאַרן סולטאַן און פֿאַר אים אַליין.

קעפּרילי האָט נישט געוואַגט נאָך איצט צו מאַכן שבתי צבין אַזאַ מין פֿאָרשלאַג. ער האָט אָבער געטראַכט, אַז מיט דער צייט וועט עס מעגלעך זיין. מען דאַרף אים אַ ביסל אַ סטראַשע טאָן און עס וועט אפשר גיין. ער וועט דאַרפֿן נעמען צו הילף דעם סולטאַנס לייב־דאָקטאָר גידאָן, אַ געוועז־ענער ייד, ער וועט מיט אים קאָנען מער רעדן וועגן די ענינים פֿון אמונה און איבערצייגן אים ווי איין ברודער אַ צווייטן ברודער...

די דאָזיקע אַלע געדאַנקען זענען דעם גרויסוויזיר איצט אַדורך איבערן מוח, בעת שבתי צבי איז פֿאַר אים געשטאַנען און געגליט מיט זיינע גרינע פֿאַספֿאָר־אויגן אויף אים.

אכמעד קעפּרילי האָט שבתי צבין ליב געקריגן פֿון ערשטן מאָמענט אָן, ווען יענער האָט געעפֿנט דאָס מויל און אָנגעהויבן רעדן. ער האָט נאָך ביי קיין שטערבלעכן מענטש נישט געהערט אַזאַ אָנגענעמע מעלאָדישע שטימע, וואָס זאָל אַזוי פֿאַרכישופֿן און איינשלעפֿערן, ווי דאָס איז דער פֿאַל מיט שבתי צבי.

דער גרויסוויזיר האָט ביי זיך געהאַט באַשלאָסן וועגן דעם אַלעם אָפּ־צוגעבן אַ באַריכט דעם סולטאַן. ער וועט ווירקן אויפֿן טערקישן הערשער,

ער זאָל אים מוחל זיין. ער איז ביי זיך זיכער געווען, אַז אַזאַ גלויביקן מאַן ווי שבתי צבי קאָן קאָן מען איבערצייגן אויך צו אַן אַנדער גלויבן.

פלוצלינג האָט ער איבערגעריסן זיינע געדאַנקען און אַ פרעג געטאָן ביי שבתי צבין:

— דערצייל מיר וועגן דיין קינדהייט, פון ווען אָן האָסטו אָנגעהויבן גלייבן, אַז גאָט האָט דיר איבערגעגעבן אַזאַ וויכטיקע שליחות און פאַרוואָס האָט ער דיך גראָד אויסגעקליבן? איז דען נישט פאַראַן ביי אייך אַ גרע־סערער מאַן, וואָס האָט מער וויסן און איז מער פרום און גאָטספאָרכטיק פון דיר?...

שבתי צביס פנים האָט אַ שטראַל־אויף געטאָן, און קעפרילין האָט זיך געטראַכט, אַז אַ געטלעכע שיין האָט אַ לויכט געטאָן איבערן פנים פון דעם דאָזיקן מאַן. ער איז געבליבן זיצן אין זיין שטול אַ פאַרציטערטער.

די אויגן ביי שבתי צבי האָבן אַ פלאַם־אויף געטאָן און ער איז מיט־אַמאָל פאַרטראָגן געוואָרן ערגעץ־ווו אין אַ ווייטער וועלט. ער האָט אָנ־געהויבן רעדן ווי אַן איינגעוויגטער אין אַ זיסן חלום.

— איך בין געבוירן געוואָרן אין אַ טאָג, וואָס לויט דער יידישער לעגענדע דאַרף משיח אין אים געבוירן ווערן. דאָס איז דער ביינטער טאָג אין חודש אָב, ווען אונדזער בית־המקדש איז צוויי מאָל חרוב געוואָרן.

— דאָס איז נאָך נישט קיין גענוגנדיקער צייכן, מיין פריינד, — האָט קעפרילי ווייך צו אים גערעדט, — אַ סך קינדער זענען דאָך געבוירן גע־וואָרן אין דעם דאָזיקן טאָג אין משך פון דורות. טאָ פאַרוואָס איז גראָד דער גורל געפאַלן אויף דיר?...

— ניין, נישט בלויז דער איינער צייכן האָט באַוויזן, אַז איך בין דער אויסדערוויילטער פון גאָט, — האָט שבתי צבי בנעימות ווייטער גערעדט.

— איך האָב פון מיין פריער יוגנט אָן געהאַט אויסטערלישע זעאונגען און איך האָב פאַרנומען גאָטס שטים צו מיר. ער האָט מיר דורך אַ זייל פון פייער געזאָגט, אַז איך בין אָנגעברייט צו זיין דער אויסלייזער פון יידישן פאָלק.

— איז עס אמת, אַז דו האָסט געפלאַנט מיט כוח אַראָפּזעצן דעם סול־טאַן פון זיין טראָן און אַליין אים איבערנעמען?...

— עס איז נישט אמת, אַז איך האָב אַזוי געפלאַנט. אפשר האָט דאָס פאָלק אין זיין צעהיצטער פאַנטאַזיע אַזוי געטראַכט און אַזוי גערעדט צווישן זיך. איך האָב געטראַכט, אַז דער סולטאַן און אַלע מאַכמעדאַנער

וועלן ענדלעך איינזען, אַז אונדזער אמונה איז די ריכטיקסטע. זיי וועלן אָננעמען דעם יידישן גלויבן און מיר אַלע וועלן ווערן ברידער פון איין פאָלק און איין אמונה...

— און ווי וואָלט געווען, ווען דער סולטאַן שלאָגט דיר פאָר פאַרקערט: דו זאָלסט אָננעמען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן און מיר זאָלן אַלע ווערן ברידער פון איין גלויבן און איין פאָלק?... — האָט דער גרויסוויזיר געוואַגט אין דער דאָזיקער רגע אַ פרעג צו טאָן.

שבתי צביס פנים איז בלאַס געוואָרן. די אויגן האָבן זיך ביי אים צעפינקלט. קעפרילין האָט זיך געדאַכט, אַז אַ העליש פייער וועט באַלד אַרויספלאַמען פון זיי און פאַרברענען אים מיט דער גאַנצער געביידע, אין וועלכער זיי געפינען זיך איצט.

— איך מיין נישט דיך צוצורעדן, אַז דו זאָלסט שוין תיכף אין איצטיקן מאָמענט אָננעמען אונדזער אמונה, — האָט דער גרויסוויזיר געזוכט צו פאַרגלעטן דעם שלעכטן איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיין דרייסטן פאָרשלאַג, — כ'האָב בלויז געמיינט צו זאָגן, אַז אויב דו האָסט גערעכנט צו ווירקן אויפן סולטאַן און אויף אַלע גלויביקע מאַכמעדאַנער, אַז זיי זאָלן ווערן יידן, האָב איך דיך געפרעגט, צי דו וואָלסט געווען גרייט אויסצובייטן דיין אמונה, אויב דער סולטאַן זאָל עס דיר פאָרשלאָגן?...

— דיין אמונה, מיין האַר, איז אַן אָפּשפּראָץ פון אונדזער אמונה, דער קוואַל, פון וועלכן אייער נביא מאַכמעד האָט געשעפּט... — האָט שבתי צבי אַ שטאַמלענדיקער געפרוווט איבערצייגן דעם טערקישן גרויסוויזיר.

אכמעד קעפרילי איז געבליבן צופרידן פון זיין ערשטן געשפּרעך מיטן יידישן משיח, און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט אים איצט אַריינזעצן אין אַ מער גערוימערער תפיסה, ער וועט אים אָפּגעבן דעם פּאַלאַץ אבידאָס, וואָס געפינט זיך אויפן האַלב־אינדזל גאַליפּאָלי. דאָס וועט הייסן, אַז דער יידישער משיח זיצט איינגעשפּאַרט אין אַ פעסטונג און גלייכצייטיק וועט עס באַדייטן, אַז מען האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ שיינעם פּאַלאַץ, ווו ער וועט האָבן אַלע פרייהייטן.

וועגן דעם האָט דער גרויסוויזיר זיך פאַרשטענדיקט מיטן סולטאַן אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, און איצט האָט ער געהייסן שבתי צבין צוריקפירן אין זיין צייטווייליקער טורמע.

ער האָט זיך מיט אים זייער וואַרעם געזעגנט און צוגעזאָגט מיט אים צו האָבן נאָך אַזעלכע געשפּרעכן.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט דער גרויסוויזיר אַכמעד קעפּרילי געהאַט ביי זיך אין פּאַלאַץ אַ געהיימען באַזוך פון צוויי שליחים פון שבתי צבי. דאָס זענען געווען אברהם היכיני און נתן העזתי. זיי זענען געקומען מיט אַ גרויסער סומע געלט אין זייערע קעשענעס, האָבן לאַנג גערעדט מיטן גרויסוויזיר, ביז אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן און ער האָט איינגעוויליקט אָנצונעמען די געלט־מתנה, וואָס איז באַשטאַנען פון אַרום פערציק טויזנט גאָלדענע רענדלעך.

זיי האָבן ביי אים אויסגעפּועלט, אַז שבתי צבי זאָל קריגן מער פרייהייט, מען זאָל פריי קאָנען צו אים צוקומען, און ער זאָל זיך נישט פילן ווי אַ געפאַנגענער.

שבתי צבי האָט אויך געקריגן די דערלויבעניש צו גיין יעדן פריי־מאָרגן פאַר זון־אויפגאַנג אין דער באַגלייטונג פון זיינע גלויביקע צום ים זיך טובל זיין. בלויז פון דער וויטנס האָט מען קוים־קוים געקאָנט באַמערקט באַמערקן עטלעכע באַוואָפנטע וועכטער, וועלכע האָבן אַכטונג געגעבן, אַז דער געפאַנגענער זאָל זיך צו וויט נישט אָוועקלאָזן. אָבער קיינער פון זיינע נאָענטע האָט זיי נישט באַמערקט און אַפילו שבתי צבי אַליין האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער איז פולשטענדיק פריי.

זענען טאָקע יעדן פרימאָרגן שוין געשטאַנען ביים טויער פון זיין תפיסה הונדערטער און הונדערטער מענטשן, וועלכע האָבן שבתי צבי באַגלייט צו זיין טבילה־נעמען אין ים. עס האָט אויסגעזען ווי אַ פייערלעכע פּראָ־צעסיע. טויזנטער מענטשן האָבן זיך אין דער שעה פאַרזאַמלט אויף די גאַסן, דורך וועלכע דער יידישער משיח האָט געדאַרפט דורכגיין און צווישן זיי זענען געווען סיי אָנהענגער און סיי קעגנער. די ערשטע האָבן געשאָטן מיט אַ ים פון ברכות אויף זיין קאָפּ און די אַנדערע האָבן געשאָלטן און חוזק געמאַכט פון שבתי צבי.

עס פלעגן אפילו טיילמאָל אויסברעכן אומרועןֿ, עס האָבן זיך פאַר־וויקלט געשלעגן צווישן די אָנהענגער און די קעגנער, אַזוי אַז די נאָענטע פריינד פון שבתי צבי האָבן געמוזט אַוועקגיין צו אַכמעד קעפּרילי, דעם טערקישן גרויסוויזיר און בעטן מיליטערישע שוץ. אויך דאָס האָט זיי דער גרויסוויזיר נאָכגעגעבן, און פון איצט מאָל אָן איז שבתי צבי גע־

גאַנגען צום ים זיך טובל זיין אונטער דער שוץ פון באַוואָפנטע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אָפּגעטריבן די קעגנער, און עס האָט אויסגעזען, ווי די טערקישע רעגירונג האָט דעם יידישן משיח גענומען אונטער איר שוץ...

די דאָזיקע באַוויליקונג האָט געקאָסט נייע זעכציק טויזנט גאָלדענע רענדלעך. דער גרויסוויזיר האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ גרויסן קוואַל פון הכנסה. ער איז געוועזן זייער שטאַרק צופרידן און זיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט מער ליבע פאַר שבתי צבי, מיט וועמען ער האָט סיי־ווי סימפּאַטיזירט.

דאָס איז אָבער פאַר אברהם היכיני נישט גענוג געווען. ער האָט שפּעטער געפאָדערט ביים גרויסוויזיר די דערלויבעניש, אַז מענטשן זאָלן קאָנען שטענדיק זיין אין דער סביבה פון שבתי צבי. מיטן כוח פון גאָלד האָט ער אויך די דאָזיקע בקשה אויסגעפירט, און די תפיסה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרזאַמלונגס־אָרט פון שבתי צביס אָנהענגער. הונדערטער און טויזנטער מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט איבערן טאָג ביי די טויערן פון דער תפיסה און מ׳איז אַריינגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען. און נישט נאָר יידן, נאָר אַפילו מוסולמענער זענען געקומען אַ קוק טאָן אויפן יידישן משיח און זיי זענען פאַרבליפט געוואָרן פון זיין פערזענלעכקייט. ער האָט אויסגעאיבט אויף די מענטשן אַ היפּנאָטישן איינפלוס סיי מיט זיינע רייד און סיי מיט זיין אָנבליק.

מ׳האָט אָנגעהויבן רעדן אין גאַס און אין די היימען, אַז דאָס אַריינזעצן אין תפיסה פון יידישן משיח איז גאָר געווען אַ טובה פאַר זיינעטוועגן. זיין נאָמען איז געוואַקסן און זיין אָנזען האָט באַקומען אַ פאַרנעם, אַז אַכמעד קעפּרילי האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן דערפאַר.

עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מען האָט שוין געגעבן די דערלויבעניש צוריק אויפצובויען דאָס בית־המקדש; אַז אַ פייערדיקע וואָגט איז אַראָפּגעקומען פון הימל און האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגנאיבער דער כותל־מערבי. תיכף ווי דאָס בית־המקדש וועט פאַרטיק זיין, וועט שבתי צבי באַפרייט ווערן פון תפיסה און געבראַכט ווערן מיט גרויס כבוד קיין ירושלים, כדי איבערצונעמען פון דער האַנט פון סולטאַן דעם טראָן פון מלכות ישראל.

מ׳האָט זיך אויך דערציילט דעם געוואַלטיקן נס, וואָס איז געשען, ווען דער גרויסוויזיר האָט געשיקט פופציק יאַניטשאַרן צו אַרעסטירן שבתי

צבי. זיי זענען אַלע איבערגערעדט געוואָרן דורך אים און זיי האָבן אָנגע־הויבן נביאות זאָגן, אַז שבתי צבי איז דער משיח און אויסלייזער פון דער גאַנצער מענטשהייט.

האָט ער געשיקט אַנדערע צוויי הונדערט יאַניטשאַרן, כדי אים צו אַרעסטירן צוזאַמען מיט די פּופּציק ווידערשפּעניקע וועכטער, זענען אויך די צווייהונדערט יאַניטשאַרן איבערגעגאַנגען צום יידנטום. אַזוי אַז דער גרויסוויזיר האָט מורא געקריגן און מער שבתי צבין נישט געטשעפּעט. ער האָט אים געוואָלט דעמאָלט באַפרייען, אָבער שבתי צבי האָט דערקלערט גרויסמוטיק, אַז דינא דמלכותא דינא, אַז אויב דער סולטאַן האָט באַפוילן אים צו אַרעסטירן, גייט ער פרייוויליק אין תפיסה אַריין.

אָט אַזעלכע מעשיות האָבן זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד און ווייט אַריבער די גרענעצן פון לאַנד און זיי זענען אפילו אָנגעקומען צו די אויערן פון גרויסוויזיר אַליין.

עס האָבן אָנגעהויבן ציען מענטשן פון דער גאַנצער וועלט. מ׳האָט געהאַלטן פאַר אַ גרויסער זכיה, אַז מען האָט זיך געקאָנט דערשלאָגן אינע־ווייניק אין דער תפיסה אַריין און כאָטש איין בליק וואַרפן אויף דעם גרויסן רבין.

אברהם היכיני און נתן העזתי, מיט דער הסכמה פון שמואל פרימאָ, האָבן איינגעפירט אַ געלט־אָפּצאָל פאַר קאָנען אַריינקומען אין תפיסה אַרייַן אָנצוקוקן שבתי צבין. עס זענען געמאַכט געוואָרן פאַרשידענע פרייזן. פאַר אָנקוקן בלויז איז געווען דער פרייז דריי גאָלדשטיקלעך, פאַר אָנרירן זיין קלייד — טאָפּלט, און פאַר אויסרעדן אַ וואָרט מיט אים — דריי מאָל אַזוי פיל.

דאָס געשעפט אין דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער תפיסה האָט אָנגעהויבן בליען. מען האָט געדאַרפט האָבן געלט אויף צו געבן יעדעס מאָל דעם גרויסוויזיר אַ רייכע מתנה און מען האָט אויך געדאַרפט האָבן אויף אייגענע הוצאות...

די השפעה פון שבתי צבי איז נאָך מער געוואַקסן און געמאַכט אַן אומגעהייערן איינדרוק אויף דער טערקישער מאַכט און אפילו אויפן סול־טאַן אַליין צוליב דער פאָלגנדיקער געשיכטע:

אַ סך יידן זענען שולדיק געבליבן געלט צו ענגלישע סוחרים, וועלכע האָבן געפירט מיט זיי מסחרים. איצט, ווען ס׳האָט שוין געהאַלטן דערביי,

אַז אַלע יידן זאָלן אַוועק קיין ארץ־ישראל און פיל פון זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיקן זייערע געשעפטן, האָבן זיי אויך אָפּגעשטעלט די צאָלונגען פון חובות צו די ענגלישע סוחרים.

די ענגלענדער האָבן דעמאָלט אָנגעווענדט זייער לעצט מיטל, זיי האָבן זיך געווענדעט צו משיחן גופא מיט אַן אָנקלאַגע. שבתי צבי האָט תיכף אַרויסגעלאָזט אַ קול קורא צו אַלע יידן, אַז אַזאַ זאַך טאָר נישט געשען, חובות מוזן אָפּגעצאָלט ווערן, זאָלן גויים נישט זאָגן, אַז יידן האָבן זיי באַגנבעט, ווען זיי זענען באַפרייט געוואָרן פון גלות.

שבתי צביס באַפעל איז אויסגעפירט געוואָרן מיט דער גרעסטער פינקטלעכקייט. אַלע חובות זענען אָפּגעצאָלט געוואָרן. שמואל פרימאָ האָט געהאַט וועגן דעם דאָזיקן ענין אַרויסגעשיקט אַ ספּעציעלן בריוו, וואָס האָט זיך געלייענט אַזוי:

„אייביקער שלום זאָל רוען אויף די קינדער פון ישראל, וועלכע וואַרטן אויף דער הערשאַפט פון משיח צדק און אויף דער אויסלייזונג פון מלכות ישראל. איך האָב געהערט, אַז איר זענט שולדיק געלט די בריטישע סוחרים און עס איז נישט מער ווי רעכט, אַז די דאָזיקע חובות זאָלן אָפּגעצאָלט ווערן ביז אַ פּרוטה. אויב איר וועט אייך אָפּזאָגן צו באַצאָלן די דאָזיקע חובות, וועל איך וויסן, אַז איר זענט נישט ראוי נהנה צו זיין פון גאָטס קעניגרייך אין ירושלים...״

אונטערגעשריבן איז געווען: „שבתי צבי״.

קיין איינער האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט זיין געבאָט. אַלע חובות זענען געוואָרן באַצאָלט, און דער רושם אויף דער גויישער וועלט איז גע־ווען אַ געוואַלדיקער.

די דאָזיקע זאַך האָט אויך געהאַט אַן אָפּקלאַנג צו דער באַציאונג פון גרויסוויזיר אויף דער ווייטערדיקער צוקונפט פון שבתי צבי. ער האָט צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע זיינע מיניסטאָרן און אָפּגעהאַלטן מיט זיי אַ געהיימע באַראַטונג.

און אַכמעד קעפרילי האָט געזאָגט פאָלגנדיקעס:

„אויב אַ מאַן קאָן האָבן פון דער תפיסה אַרויס אַזאַ געוואַלדיקע מאַכט, שטעלט ער אין געפאַר אונדזער גאַנצע מלוכה... ווער ווייסט וואָס פאַר אַ באַפעלן ער קאָן נאָך אַרויסגעבן און זיינע אונטערטאַנען זאָלן זיי אויס־פירן. עס קאָנען קומען צו גרויסע אומרוען אין לאַנד. אומברענגען אים

האָב איך נישט קיין האַרץ און עס וואָלט אויך אפשר געבראַכט אַן אויפֿ־שטאַנד צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, און דאָס וויל נישט אַפילו דער סולטאַן מאַהאָמעד דער 4טער".

אַלע האָבן איינגעשטימט מיטן גרויסוויזיר און האָבן אָנגעהויבן קלערן אַ מיטל, ווי אַזוי פטור צו ווערן פון דער דאָזיקער שרעקלעכער אָנשיקעניש...

און ענדלעך האָט אַכמעד קעפּרילי זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן:

„איך וועל אים אַוועקשיקן אין דער פעסטונג אבידאָס אויף דעם האַלב־אינדזל גאַליפּאָלי. דאָרט וועל איך אים איינאָרדענען ווי אין אַ פּאַלאַץ, אי די יידן וועלן זיך נישט קאָנען באַקלאָגן, אַז איך באַהאַנדל זייער „משיח" שלעכט און אי ער וועט זיך געפינען אין אַ ווייטן אָרט, וווהין עס איז שווער צוצוקומען.

ווי אַ דונער האָט די ידיעה געטראָפן שבתי צביס מקורבים און אַלע זיינע אָנהענגער, ווען זיי זענען אין טאָג פון ערב פסח געוויר געוואָרן, אַז זייער משיח ווערט איבערגעשיקט אין דער פעסטונג אַבידאָס אויפן האַלב־אינדזל גאַליפּאָלי. עס זענען באַלד אַוועקגעלאָפן שליחים מיט אַ זעקל גאָלד צום גרויסוויזיר און געפּרוווט אָפּשרייען די דאָזיקע גזירה, אָבער דער גרויסוויזיר איז געבליבן נישט גערירט פון זייערע בקשות.

— דאָס איז אַ באַפעל פון סולטאַן אַליין און איך בין נישט בכוח דעם דאָזיקן באַפעל אָפּצורופן... — האָט אַכמעד קעפּרילי געענטפערט אברהם היכיני און נתן העזתי, וועלכע זענען געווען די שליחים.

דאָס זעקל מיט גאָלד האָט דער גרויסוויזיר באַוויליקט צוצונעמען, ער איז געווען נאָך געגוג גנעדיק צו זיי. ער האָט געשמייכלט מיט חסד און צוגעזאָגט איינצואָרדענען שבתי צבין אין דער פעסטונג אַבידאָס, וואָס איז אייגנטלעך אַן אַלטער קעניגלעכער פּאַלאַץ, נאָך מיט מער קאָמפאָרט ווי ער האָט געהאַט אין דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער תפיסה. ער וועט דאָרטן האָבן אַלע פּריוויליגיעס, מען וועט קאָנען צוקומען צו אים, פּונקט ווי מען איז דאָ צו אים צוגעקומען.

— אָבער פאַרוואָס פאַרשיקט מען אים אַזוי וויַיט?... — האָט אברהם היכיני שיער נישט אויסגעשריגן אויפן גרויסוויזיר.

— עס איז אַ באַפעל פון סולטאַן און אויף זיינס אַ באַפעל איז נישטאָ קיין קשיות... — האָט דער גרויסוויזיר, נישט פאַרראַטנדיק אויף זיינע ליפּן קיין פּיצל שמייכל, געענטפערט מיט אַ רואיקן טאָן.

גראָד איז עס געווען אַ שיינער זוניקער טאָג מיט אַ בלויען הימל, ווען מ׳האָט שבתי צבין אַרויסגעפירט פון דער תפיסה, אים אַריינגעזעצט אין אַ פּרעכטיקער קאַרעטע, געשפּאַנט אין פיר פערד. עס זענען מיט אים איינגעשטיגן אין דער קאַרעטע זיין פרוי שרה, אברהם היכיני, נתן העזתי, שמואל פּרימאָ און די איבעריקע צוויי נאָענטסטע חברים זיינע און זיי זענען אָפּגעפאָרן אין דער ריכטונג פון דער פעסטונג אַבידאָס. הינטער דער קאַרעטע זענען געריטן ביי אַ צוויי צענדליק יאַניטשאַרן מיט פּיקעס אין די הענט און אַן עולם פון טויזנטער מענטשן זענען די קאַרעטע נאָכגעגאַנגען ביז צום עק פון דער שטאָט.

די קאַרעטע איז געפאָרן לאַנגזאַם און געגעבן אַ מעגלעכקייט זיינע נאָכפאָלגער צו באַגלייטן אים מיט גרויס כבוד. דער המון האָט אויפגעזונגען פאַרשידענע לידער, צווישן אַנדערע האָבן זיי געזונגען די איינע און די זעלבע סטראָפע, אפשר צענדליקער מאָל: „ימין ה׳ רוממה, ימין ה׳ עושה חיל!״ — גאָטס רעכטע האַנט איז דערהויבן, גאָטס רעכטע האַנט טוט העלדישקייטן!... דערביי זענען זיי געשפּרונגען ווי די משוגעים און האָבן געמאַכט פאַרשידענע נישט פּאַסיקע אויסרופן קעגן סולטאַן, קעגן גרויסוויזיר אַכמעד קעפּרילי, און אויסרופן פון פאַרערונג פאַר שבתי צבי, זייער משיח.

שבתי צבי איז געזעסן אין זיין קאַרעטע אַ שטילשווייגנדיקער. זיין ווייב שרה האָט אים געפּרווט טרייסטן און רעדן צו אים ליבלעכע רייד, אָבער ער האָט נישט געוואָלט הערן, טיילמאָל אפילו מיט ביידע הענט די אויערן זיך צוגעשטאָפּט און דערביי פאַרמאַכט די אויגן.

אברהם היכיני און נתן העזתי האָבן אים אָנגעהויבן צו זאָגן מוסר:

— אויב דו, אונדזער אויסלייזער, ווערסט אַזוי שנעל אָן די אמונה, וואָס זאָל נאָך זאָגן דער המון!...

אַ מבול פון מחשבות זענען אים באַזעסן. ער האָט זיך אין דער רגע אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פון אַלץ, וואָס עס איז מיט אים געשען אין די לעצטע צען־פופצן יאָר. ער האָט יעדן פאַקט, יעדע טאַט אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן...

— צי בין איך טאַקע דער אויסדערוויילטער פון גאָט?... — האָט ער מיט די ליפּן געמורמלט, אָבער קיינער האָט נישט געקאָנט אויפכאַפּן זיינע רייד.

— צי קאָן צו אַ שליח פון גאָט אַזוי געטאָן ווערן, ווי עס ווערט געטאָן צו מיר? פאַרוואָס איז די האַנט פון גרויסוויזיר נישט אָפּגענומען געוואָרן, אַזוי גיך ווי ער האָט זיין האַנט אויף מיר אַרויפגעלייגט? פאַרוואָס איז די האַנט פון יענעם אָפיציר, וואָס האָט מיך געוואַגט צו פּאַטשן, תיכף נישט געליימט געוואָרן?

אָבער די אַלע טראַכטענישן זענען ווי אַ הויך פון אַ ווינטל פאַרשווונדן, ווען נתן העזתי האָט מיט זיין צוּבערהאַפטער שטימע אָנגעהויבן צו אים צו רעדן און פאַרענטפערן אַלע זיינע ספקות, גלייך ער וואָלט איבערגעלייענט אַלע געדאַנקען, וואָס דער משיח האָט געטראַכט.

— גאָט שטראָפט נישט באַלד אויפן אָרט — האָט נתן העזתי גערעדט צו אים איך אויער אַריין. — דער גרויסוויזיר און זיינע מיטהעלפער וועלן זייער שטראָף באַקומען, זיי וועלן זיכער באַשטראָפט ווערן פון גאָט פאַר די נגישות... אָבער דאָס מאָל איז דער גרויסוויזיר נישט שולדיק. דאָס האָט דער סולטאַן אַליין, ימח שמו, באַפוילן דיך איבערצושיקן קיין גאַליפּאָלי... דער גרויסוויזיר האָט געוואָלט דיך דאָ איבערלאָזן כאָטש ביז איבער פסח, אָבער ער האָט עס נישט געקאָנט טאָן, מורא האָבנדיק פאַר זיין אייגענעם קאָפּ. דער סולטאַן איז ערגער פון פרעה מלך מצרים און ער וועט דערפאַר אַריינכאַפּן אַ סך מער מכות, ווען די צייט וועט באַשערן...

און שבתי צבי האָט זיך באַרויִקט.

ער האָט זיך אָנגענומען מיט האָפענונג און האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו מורמלען פסוקים פון תהלים, וואָס האָבן געטרייסט און געגלעט זיין נשמה.

אברהם היכיני האָט פאַרענטפערט אויך די טאַט פון סולטאַן:

— אויפן אינדזל קרעטאַ האָבן די גריכן געמאַכט אַן אויפשטאַנד און דער גרויסוויזיר האָט אַ פאַרדרייטן קאָפּ מיטן איינשטילן דעם אויפשטאַנד און אים אונטערדריקן, האָט ער געוואָלט האָבן אַ רויִקן קאָפּ אין דער הויפּטשטאָט...

אַזוי האָט ער גערעדט צו אַלעמען און צו קיינעם נישט. ער האָט זיך אַליין געוואָלט פאַרענטפערן די טאַט פון טערקישן סולטאַן, וועלכער איז באַקאַנט געווען פאַר אַ מלך חסד.

מיט נאַכט צוגלייך זענען זיי אָנגעקומען אין דער פעסטונג אַבידאָס. אַלץ איז דאָרט געווען צוגעגרייט כיד המלך. פּרעכטיקע שיינע צימערן

זענען איינגעאָרדנט געוואָרן פאַרן יידישן משיח. די דילן זענען געווען אויסגעשפּרייט מיט טייערע טעפּיכער, די ווענט — באַהאָנגענע מיט די טייערסטע גאָבעלינען, און פיל גאָלדענע בעקנס מיט ליכט און מיט בוימאייל זענען געווען אויסגעשטעלט אין די ווינקלען פון די זאַלן. פון סופיט זענען אַראָפּגעהאָנגען גאָלדענע הענגלייכטער מיט ליכט אַריינגעשטעקט אין זיי, און ווען מ'האָט זיי אין אָוונט אָנגעצונדן לכבוד דעם יום טוב פסח, האָט אַ ים פון ליכטיקייט זיך אַ גאָס געטאָן איבערן גרויסן זאַל. עס האָט בלויז אויסגעפעלט אַ טראָן, אין וועלכן שבתי צבי זאָל זיך אַריינזעצן און אָנהייבן זיין מלוכה איבער דעם לאַנד פון ישראל און פון טערקיי...

אין אַ האָפּערדיקן טאָן האָט שבתי צבי דערציילט די געשיכטע פון יציאת מצרים און אַלע האָבן אים מיט אַ שיינעם ניגון נאָכגעזאָגט און זיך שפּעטער געווונטשן, אַז גאָר בקרוב זאָל מען עפנטלעך אין אַלע יידישע הייזער דערציילן דעם יציאת הגלות און מען זאָל געניסן פון דער גרויסער פרייהייט, וואָס משיח צדק וועט ברענגען איבער די יידן און איבער דער גאַנצער וועלט.

שבתי צבי און זיינע נאָענטע מענטשן האָבן געפּראַוועט אַ סדר מיט אַלע צערעמאָניעס. עס זענען געווען מצות און וויין, וואָס יידישע גבירים האָבן צוגעשטעלט.

באַלד נאָך די אַכט טעג פּסח האָבן זיך אַ לאָז געטאָן טויזנטער יידן אויפן האַלבאינדזל גאַליפּאָלי. די ווייטקייט איז פאַר זיי נישט געווען קיין שום שטער. פאַרקערט, דאָס האָט זיי מער געלאָקט. מען איז געקומען אין די הונדערטער און אין טויזנטער, כדי אָנצוקוקן משיחס פּנים.

עס זענען געקומען הונדערטער שליחים פון אייראָפּע, וווהין עס האָט דערגרייכט די ידיעה, אַז שבתי צבי איז איינגעזעצט געוואָרן אין אַ פעסטונג. פון אָנהייב האָט די דאָזיקע ידיעה אַריינגעברענגט אַ טרויעריקייט צווישן זיינע גלויביקע, אָבער באַלד איז ווי אויף די פליגל פון ווינט פאַרשפּרייט געוואָרן די נייעס, אַז שבתי צבי זיצט אויף אַ גאָלדענעם טראָן אין דער פעסטונג אַבידאָס, וואָס די גלויביקע האָבן באַלד געקרוינט מיטן נאָמען „מגדל עוז" — די פעסטונג פון מאַכט...

עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען מער באַזוכער אין דעם „מגדל עוז" ווי פריער אין דער תפיסה פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אָט דער דאָזיקער איזאָלירטער האַלבאינדזל גאַליפּאָלי איז מיט איינמאָל געוואָרן פאַרוואַנדלט

אין אַן אָרט פון עולה־רגל זיין. מענטשן האָבן באַלד געעפנט געשעפטן פון שפּייז און אויך פון פאַרשידענע זאַכן, וואָס מ׳האָט געקויפט אַלס אָנדענק, אַז מען איז געווען אויף אַ באַזוך ביים משיח שבתי צבי...

דער אָפּיציר, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער דער פעסטונג אַבידאָס, האָט וועגן דער דאָזיקער געשעעניש באַלד געמאָלדן צום גרויסוויזיר קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און יענער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן. ער האָט געמיינט, אַז אויב ער וועט דעם דאָזיקן פאַנטאַזיאָר אַוועקשיקן אין אַן אָפּגעלעגענעם אָרט, וועט די דאָזיקע משונהדיקע באַוועגונג אָפּשטאַרבן. איצט זעט ער איין, אַז ער האָט מיט די יידן געהאַט אַ גרויסן טעות.

דער אָפּיציר איז געפאַלן אויפן שכל און האָט באַלד אויסגענוצט פאַר זיך די דאָזיקע יידישע משוגעת. ער האָט אָנגעהויבן צו באַשטייערן מיט אַכט אָדער צען גאָלדענע טאָלער יעדן איינציקן באַזוכער, און ער איז אין גאָר אַ קורצער צייט רייך געוואָרן. די יידן האָבן פאַר אַלץ געצאָלט. זיי האָבן געגעבן דעם אָפּצאָל צו אברהם היכיניס און נתן העזתיס קאָסע און זיי האָבן אויך אָן שום פּראָטעסט געצאָלט דעם טערקישן אָפּיציר, פאַר זיין קאָסע...

דער וועג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין גאַליפּאָלי איז געוואָרן דער אָממייסטן באַלעבטער וועג. טאָג און נאַכט איז דאָרט געווען די גרעסטע באַוועגונג. עס זענען געקומען די אָרעמסטע שבאָרעמסטע יידן פון טערקיי און די רייכסטע פון גאַנץ אייראָפּע. די באַוועגונג פון שבתי צבי האָט אַרומ־גענומען כמעט די גאַנצע וועלט, און די וועלכע האָבן נאָך געפּרוּווט צווייפ־לען, זענען פאַרשריגן געוואָרן אַלס כופרים...

ביז עס איז געשען אַן אויסטערלישע זאַך, וואָס האָט דער גאַנצער געשיכטע געגעבן מיטאַמאָל אַ גאָר אַנדערע ווענדונג.

קאַפּיטל דרייצן

דער סוף פון אַ חלום

עס זענען אָנגעקומען די הייסע זומער־טעג, יעדן טאָג איז די זון אויפֿגעגאַנגען אַ גאָלדענע, אַן אויסגעוואַשענע איבערן לאַזורענעם הימל, פֿאַרשפּרייטנדיק ליכט און בלויקייט איבער דער גאַנצער וועלט.

דער גאַנצער פּלאַץ פֿאַר דער פֿעסטונג אַבידאָס, אָדער ווי שבתי צביס אָנהענגער האָבן זי גערופֿן „מגדל עוז" (די פֿעסטונג פֿון מאַכט), איז געווען באַלייגט מיט מענטשן פֿון איבער דער גאַנצער וועלט. מען האָט געהערט רעדן אויף פֿאַרשידענע לשונות, מען האָט זיך געקריגט איבער אַ בעסערן פּלאַץ און מען האָט זיך גערייצט איינער מיטן אַנדערן, אַז ער האָט פֿון משיח באַקומען אַ בעסערע אויפֿנאַמע...

אַ שפּע פֿון גאָלד האָט זיך אַ גאָס געטאָן אין די קעשענעס פֿון די מקורבים אַרום שבתי צבי, די פֿעסטונג אבידאָס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקער מלוכה, ווו שבתי צבי און זיינע העלפֿערס האָבן אויסגעאיבט די גאַנצע מאַכט פֿון הערשער.

דער פּאַלאַץ איז געווען איינגעאָרדנט מיטן גרעסטן קאָמפֿאָרט, עס האָט געגלאַנצט פֿון יעדן ווינקעלע מיט גאָלד, זילבער, טייערע איידלשטייענער. עס האָט געפֿינקלט מיט רעגנבויגנדיקע קאָלירן, אַז די אויגן זענען אַזש פֿאַרבלענדט געוואָרן.

אין איינעם אַזאַ שיינעם טאָג האָט נאָך אַ סך וואָכן פֿון אָפּוועזנדיקייט, זיך צוגעשטעלט נחמיה הכהן. ער איז געווען נאָך מער באַוואַקסן, ווי אַמאָל, די אויגן זענען ביי אים געווען צוויי פֿייערדיקע קוילן, און עס האָט פֿון זיי אַרויסגעקוקט ריינער שגעון.

ער האָט זיך דערנענטערט צום טויער פֿון פּאַלאַץ אין אברהם היכיני האָט אים באַלד באַמערקט. ער איז צו אים צוגעלאָפֿן מיט אונטערטעניקייט און האָט אים געפֿרעגט וואָס זיין באַגער איז. ער האָט שטענדיק געהאַט דאָס געפֿיל, אַז פֿון דעם דאָזיקן נחמיה הכהן איז נישט צו דערוואַרטן קיין גוטס. ער וועט נאָך אַמאָל אָפּטאָן אַזאַ זאַך, וואָס זיי וועלן האָבן אויפֿן גאַנצן לעבן צו געדענקען.

— וואָס איז דייַן פאַרלאַנג, נחמיה? — האָט אברהם היכיני געפרעגט.

— איך וויל זען שבתי צבי, אונדזער משיח. איך האָב מיט אים גאָר וויכטיקס איבערצורעדן. איך מוז אים שוין איצט זען.

— וואַרט־צו. איך וועל אָנפרעגן ביי אונדזער האַר, צי ער וויל דיך אויפנעמען — האָט אברהם היכיני געפרווווט אָפּשלעפּן, זעענדיק אין נחמיהס אויגן אַ בייז, נישט גוט פייערל.

— גיי אַריין און זאָג אים, אַז איך וויל אים שוין זען! — האָט נחמיה ממש ווי באַפוילן.

און אברהם היכיני איז פאַרשוווּנדן אין דעם אַרייַנגאַנג, דורכשטופּנ־דיק זיך דורך דעם געדיכטן עולם, וואָס האָט געשווּיבלט און געגריבלט איבערן גאַנצן הויף אָנמאַכנדיק קולות און אַ טומל, אַז מ'האָט געקאָנט טויב ווערן.

עס האָט מער נישט געדויערט ווי איין רגע, און אברהם היכיני איז שוין געווען צוריק מיט אַן ענטפער:

— גיי אַריין, גרויסער נביא. אונדזער רבי וואַרט אויף דיר מיט אומ־געדולד...

נחמיה הכהן האָט פּאַמעלעך געשטעלט זיינע טריט און דער פאַר־זאַמלטער עולם האָט מיט פאַרווּנדערונג אים נאָכגעקוקט און געשמוצערט מיט די ליפּן:

— ווי אַ געטלעכער מלאך זעט ער אויס, דער דאָזיקער פּוילישער יונ־גערמאַן...

עס האָט געדויערט עטלעכע שעה, איידער נחמיה הכהן איז צוריק אַרויסגעקומען. און ווען ער האָט זיך באַוויזן אין דער עפענונג פונעם טויער, האָט ער זיך מיטביידע הענט צוגעהאַלטן ביים קאָפּ, געריסן זיך די געדיכטע שוואַרצע האָר און געשריגן אויף דעם העכסטן קול:

— געוואַלט, וואָס פאַר אַ טעות איך האָב אין דעם דאָזיקן מענטש געהאַט!... געוואַלט, פאַרוואָס בין איך אַזוי בלינד געווען! דערבאַרעם זיך, גאָט, און זיי מיר מוחל פאַר די אַלע טעג פון מיין טעות!... ער איז אַ פאַלשער משיח... ימח שמו וזכרו!...

אברהם היכיני איז בלאַס געוואָרן. ער איז צוגעלאָפן צו נחמיה הכהן און האָט אַרויפגעלייגט אַ שווערע האַנט אויף זיין מויל און מיט אַ פאַר־שטיקט קול אים אַריינגעשריגן אין אויער:

— האָב רחמנות אויף דיין אייגן לעבן! זיי שטיל, ווייל דער עולם וועט דיך פאַרשטיינען. דו לעסטערסט זיין הייליקן נאָמען!...

נחמיה האָט זיך צעלאַכט מיט אַ שגעונדיק געלעכטער, וואָס האָט אָפּגעקלונגען מיט אַזאַ געקראַך, אַז די לופט האָט אַזש אויפגעציטערט:

— הייליקער נאָמען!... כאַ־כאַ־כאַ! הייליקער נאָמען!... אַ שאַרלאַטאַן איז ער, אַ משיח שקר!... יידן, אַנטלויפט פון אים, כל־זמן עס איז נאָך צייט! ער וועט אייך מיטשלעפּן אין כף־הקל אַריין... יידן, ראַטעוועט אייך באַצייטנס, איידער עס ווערט שפּעט...

שבתי צבי איז אַרויסגעקומען אויף דער שוועל פון פּאַלאַץ, דאָס פּנים זיינס איז געווען בלאַס, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים, די האָר צעפּלאָשעט און די אויגן גליענדיקע ווי צוויי שטורקאַצן און ער האָט אויסגערופן צו אברהם היכיני:

— לאָז אים גיין, לאָז אים צורו... ער איז גערעכט... ער איז אַ גרויסער מענטש... טוט אים נישט קיין שלעכטס! — און ער האָט זיך צעוויינט מיט אַ הויך קול...

אברהם היכיני האָט אָפּגעלאָזט נחמיה הכהן, איז צוגעלאָפן צו שבתי צבי און, אָנגעמענדיק אים לייכט ביים אָרעם, צוריק אים אַריינגעפירט. אין צימער, ווו ער איז צוויי שעה פריער געזעסן און האָט איינגעטענהט מיט נחמיה הכהן...

דער עולם, וועלכער האָט צוגעזען דאָס אַלץ, האָט נאָך מיט מער גלויבן אָנגעהויבן שרייען:

— משיח! משיח! משיח!

זיי זענען געפאַלן אויף די פּנימער, געקלאַפּט זיך אין די הערצער און אויפן קול געבעטן מחילה ביי שבתי צבין, פאַרוואָס זיי האָבן געדאַרפט אויסהערן די לעסטערונגען פון דעם פּוילישן משוגענעם... זיי האָבן זיך געוואָלט איצט אַ וואַרף־טאָן אויף אים און קורע כדג זיין, אָבער קיין שפּור איז פון אים שויך מער נישט געווען.

נחמיה הכהן האָט איצט אַן איינזאַמער געבלאָנדזשעט איבער די וויסטע פּעלדער אויף דעם האַלבאינדזל גאַליפּאָלי. ער האָט פון וויטנס זיך צו־געקוקט צו דער פעסטונג און צו די ריזיקע מאַסן מענטשן, וואָס האָבן געראָיעט אַרום דעם פּאַלאַץ און אומעטיק, מיט אַן איראָנישן שמייכל, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אוי, איר פֿאַרבלענדטע שעפּעלעך, וואָס איר גייט בלינד נאָך אַ חברה שווינדלער און שאַרלאַטאַנען... משיח איז נאָך נישט געקומען, עס איז נאָך נישט געקומען די צייט... זי איז נאָך ווייט און דערווייל נישט צום דערגרייכן...

ער האָט אָנגעהויבן שפּרייזן אין דער ריכטונג צום ים, ווו ער האָט זיך אַנידערגעלייגט אויפֿן ברעג און אויסגעצויגן זיך, פֿילנדיק איבער זיך דאָס קילע ווינטל, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון דער ווייטער זילבערנער פֿאַרנעפּלטקייט. ער האָט שוין אַ גאַנצן טאָג נישט געהאַט געגעסן, ער האָט אויף זיך גענומען דריי טעג צו פֿאַסטן און צו רייניקן זיין לייב פֿאַר די זינד, וואָס ער איז אַמאָל באַגאַנגען מיט זיין גלויבן אין דעם פֿאַלשן משיח...

ער האָט אַליין נישט געוווּסט ווי לאַנג ער איז דאָרט געלעגן, אָבער ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט ער געטראָפֿן עמעצן שטיין לעבן זיך. יענער האָט אים אויפֿגעוועקט פֿון זיין טיפֿן שלאָף און צו אים געזאָגט:

— שטיי־אויף און איך וועל דיך מיטנעמען אויף מיין שיפֿל, איך פֿאָר קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל...

און נחמיה הכהן האָט דאָס געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן נס. ער איז דאַנקבאַר געווען דעם פֿרעמדן מאַן און ער האָט מיט זיינע ליפּן געמורמלט:

— איך וועל דיר קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן, וואָס דו האָסט מיך אַרויסגענומען פֿון אַ נעסט פֿון זינד...

— אַ נעסט פֿון זינד... — האָט דער אומבאַקאַנטער אויך געמורמלט.

— אויך איך האָב זיך אַנטוישט אין אים... ער איז נישט משיח... ניין, ער איז נישט משיח... פֿון ווייטן דייטשלאַנד בין איך געקומען, אַ שיפֿל אָפּגעקויפֿט און געקומען זען זיין ליכטיק פּנים, און ערשט דערזע איך, אַז עס איז פֿינצטער... פֿינצטער ווי דער לאַנגער יידישער גלות...

נאָך עטלעכע טעג שלעפּן זיך איבער אַ שטורמישן ים, איז דאָס שיפֿל אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דער פֿרעמדער מאַן, וועלכער האָט נחמיה הכהן אויפֿגענומען, איז פֿאַרשוווּנדן און ער האָט אים שוין מער נישט געזען, אָבער נחמיה האָט זיך אַפֿילו נישט באַמיט אים ווידעראַמאָל צו וועלן טרעפֿן. ער איז גלייך אָפּגעריטן מיט אַ קאַראַוואַן קיין אַדריאַנאָפּאָל, און איז אַוועק צום פּאַלאַץ פֿון סולטאַן און געבעטן אַן אוידיענץ.

— ווער ביסטו, דו שלעפער? — האָבן אים די וועכטער אָפּגעטריבן פון טויער — גיי אַוועק, וואָרעם מיר וועלן דיך דאָ אויפן אָרט טויטן!...

— טויט מיך, ווייל איך האָב עס פאַרדינט — האָט נחמיה געמורמלט און די אויגן האָבן ביי אים געגליט ווי ביי אַ וואַנזיניקן.

די וועכטער האָבן אויפגעציטערט, צונויפטרעפנדיק זיך מיטן שטעכיקן בליק פון זיינע רויטע אויגן.

— עפּעס אַזעלכע מאָדנע יידן קומען לעצטנס אָן צו אונדז אין לאַנד, — האָט איין וועכטער געזאָגט צום צווייטן — אַ משוגעת האָט זיך באַ־זעצט אין זייערע מוחות: משיח איז געקומען... באַפרייען גייט ער די יידן פון דער גאַנצער וועלט... כע־כע־כע...

— ער זעט אויס ווי אַ משיח...

— אָדער אַ משוגענער... — האָט דער צווייטער וועכטער זיך אָנ־גערופן.

— אויב וועלן פרייהייט פאַר זיין פאָלק הייסט משוגעת... — האָט דער ערשטער מיט סאַרקאַזם אין זיין שטימע געענטפערט.

— וואָס־זשע מאַכן מיר מיט אים?...

— פרעגן ביים אָפיציר...

און ענדלעך, נאָך אַ לאַנגן געשפּרעך צווישן דעם אָפיציר און דעם וואַנזיניק־אויסזעענדיקן נחמיה הכהן, איז דער לעצטער אַריינגעלאָזט גע־וואָרן אין פּאַלאַץ פון סולטאַן...

אַריבערטרעטנדיק די שוועל פון סולטאַנס פּאַלאַץ, אין דער באַגלייטונג פון אַן אָפיציר פון דער לייבוואַך, איז נחמיה הכהן אין ערשטן אויגנבליק געבליבן שטיין פאַרגאַפט. אַזאַ רייכטום און גלאַנץ האָט ער נאָך אין זיין לעבן נישט געהאַט געזען. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער שוועבט ערגעץ אין די הויכע וועלטן און ער חלומט אַ צויבערהאַפטן חלום.

די ווענט אין דעם גרויסן זאַל, וווהין מ׳האָט אים אַריינגעפירט, זענען געווען באַמאָלן מיט הערלעכע בילדער, ווו עס האָבן דאָמינירט ליכטיקע בלויע פאַרבן, געמישט מיט גרין און גאָלד. עס זענען געהאָנגען אויף די ווענט די טייערסטע גאָבעלינען און אויפן דיל זענען געלעגן אויסגעשפּרייט פּערסישע דיוואַנען אין די פאַרשידנסטע פאַרבן.

אַ פאַרשיכורנדיקער ריח פון די אויסטערלישע בשמים האָט אים אַ קיצל געטאָן אין דער נאָז, און ער איז פאַרהיפּנאָטיזירט געוואָרן. עס

האָט זיך אים אויסגעדאַכט צו שוועבן אויף אַ בלויען וואָלקן. אין זיינע אויערן האָבן אָפּגעשאָלט טענער פון אַנגענעמער מוזיק, וואָס האָט אַזוי שטיל און אַריינדרינגענדיק דורכגענומען זיין גאַנץ וועזן.

ער האָט אָבער זייער לאַנג געוואַרט. דער אָפיציר, וואָס האָט אים באַגלייט, איז ערגעץ־ווו פאַרשוואונדן געוואָרן און נחמיה הכהן איז געבליבן זיצן איינער אַליין אין דעם ריזיקן בלויען זאַל.

פאַרמאַכנדיק די אויגן און ווערנדיק איינגעהילט אין אַ נעפּל פון פאַר־שיכורנדיקן ריח, איז ער איינגעשלאָפן. דער צויבערהאַפטער בעל־חלומות האָט אים צוריק פאַרטראָגן אין „מגדל־עוז", די פעסטונג אַביראָס אויפן האַלבאינדזל גאַליפּאָלי, ווו ער האָט אַנומלט געפירט מיט שבתי צבי אַ לענ־גערן פאַרטרוילעכן שמועס.

ער האָט אים איצט געזען זיצן אויף אַ גאָלדענעם טראָן, אונטער אַ חופה פון בלויען זייד מיט גאָלד אויסגעשטיקט און פון ביידע זייטן זענען גע־שטאַנען צוויי גאָלדענע לייבן מיט אָפענע מיילער און רויטע צונגען. זייערע בלישטשענדיקע ווייסע ציין האָבן געשטשירעט, אַז אַ פחד איז אים אַזש באַפאַלן.

— וואָס האָט דיך געברענגט צו מיר, מיין נביא, נחמיה הכהן? — האָט שבתי צבי ווי פון אַ בלויען נעפּל אַרויס אים געפרעגט מיט אַ מעטאַ־לענער שטים, וואָס האָט אין דער ריזיקערליידיקייט אָפּגעקלונגען ווי זילבערנע גלאָקן.

— איך בין נישט מער דיין נביא... — האָט נחמיה הכהן אים געענט־פערט. — איך אַליין בין משיח, אַלס אַן אָפּשטאַמיקער פון פאַרפּייניקטן און אין יסורים־אויסגייענדיקן פוילישן יידנטום. גאָט האָט זיך צו מיר באַוויזן און געזאָגט: „גיי צו שבתי צבי אין זיין פּאַלאַץ אין דער פעסטונג אַבידאָס און זאָג אים, אַז ער איז אַ פאַלשער משיח, און נישט ער איז באַ־שטימט אויסצולייזן דאָס יידישע פאָלק... ער האָט געגרייזט אין זיין וועג און געפעלשט אין מיר. ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אַ באַנדע שווינדלער און אויסוואורפן, וועלכע זענען נאָר אויסן צו גענילסן פון מיין גאָלד און זיל־בער, און די פרייהייט פון מיין געליבט פאָלק גייט זיי גאָרנישט אָן..."

— שווייג! — האָט אויף אים שבתי צבי אַ הוקע געטאָן — דו לעס־טערסטט גאָטס נאָמען און דעם נאָמען פון זיין געזאַלבטן קעניג פאַר־שעמסטו. דו ביסט אַ פּשוטער משוגענער, און ווײ איז צו מיר, וואָס איך

האָב זיך דערנענטערט צו דיר. שווייג בעסער און מאַך נישט טמא דיינע ליפּן, מיט וועלכע דו לערנסט די הייליקע קבלה...

אָבער נחמיה הכהן האָט נישט געוואָלט שווייגן. זיינע אויגן האָבן איצט געגליט און געפלאַקערט ווי צוויי ריזיקע פייערן; פון זיין מויל האָבן געשפּריצט גליענדיקע פונקען, וואָס האָבן געבריט שבתי צביס לייב ביזן רויטן פלייש.

— ווי קאָנסטו זיין משיח בן דוד, אַז משיח בן יוסף איז נאָך נישט געקומען? — האָט ער אים מיט אַ וואַנזיניק געלעכטערל אַ פרעג געטאָן, און דאָס געלעכטערל האָט שבתי צבין די אויערן געלעכערט מיט אַ גרילץ.

— מעגלעך, אַז משיח בן־יוסף איז שוין געקומען מיט אַ דור פריער, נאָר מיר האָבן וועגן אים נישט געוווּסט... — האָט שבתי צבי מיט אַ קרעכץ געענטפערט — אפשר האָט ער געלעבט אין דער צייט פון די כמיעלניצקי־שחיטות אין יאָר ת"ח ות"ט, וואָס זענען פאָרגעקומען איך פוילן און ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט צענדליקער טויזנטער יידישע נפשות...

— יאָ, אָבער מיט וואָס קאָנסטו מיר באַווייזן, אַז דו ביסט דאָס דער אויסדערוויילטער פון גאָט? ווען און ווו האָט גאָט ברוך־הוא צו דיר זיך באַוויזן און געהייסן דיך, ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק משה בן עמרם, אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק פון גלות? באַווייז מיר און איך וועל דיר באַכגיין... — האָט נחמיה הכהן מיט פייער־שפּריצנדיקע רייד געמאָנט פון שבתי צבי און געקוקט אים פאַרעקשנט אין די אויגן אַריין.

שבתי צבי האָט אים דעמאָלט דערציילט וועגן אברהם היכיניס געפונענעם כתב־יד, ווו עס שטייט שוואַרץ אויף ווייס געשריבן, אַז שבתי צבי, דער זון פון מרדכי און אסתר צבי, וועלכער וועט געבוירן ווערן איך תשעה באָב פון יאָר השפ"ו, איז משיח בן־דוד און ער איז אָנגעברייט צו זיצן אויפן טראָן פון דוד המלך אין ירושלים.

— ער איז אַ שווינדלער, דיין אברהם היכיני!... — האָט נחמיה הכהן מיט גיפט אין זיינע רייד אויסגעשריגן און שאַרף אים אָפּגעשניטן מיט זיין ענטפער — און דו אַליין ביסט אויך אַ שווינדלער, אַ פאַלשער משיח! עס קומט דיר איינע פון די ארבע מיתות בית־דין!... דו ביסט אַ בן־נידה, דו ליגסט אין חרם דורך די גרעסטע רבנים פון דיין דור... דיין אייגענער רבי, ר' יוסף אישקפא, האָט דיך פאַרשניטן פון דער וועלט און פון יענער וועלט!...

און ער איז אַ צעווילדעוועטער אויפגעשפרונגען פון זיין פּלאַץ, צע־ריסן אויף זיך די קליידער און אָנגעהויבן וויינען אויפן קול.

— איך וועל בעסער אָוועקגיין צום סולטאַן, זאָגן אים, אַז איך נעם אָן דעם גלויבן פון איסלאַם, איידער צו גלייבן אין דיר, אַז דו ביסט משיח... פאַרשניטן און אָפּגעמעקט זאָל ווערן דייַן נאָמען לעולם ועד!...

און דאָ האָט זיך נחמיה הכהן אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף אין דעם ריזיקן זאַל פון סולטאַנס פּאַלאַץ. ער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן, אומ־געקוקט זיך ווו ער איז איך דער וועלט. עס האָבן אים געבלויט אין די אויגן די פּראַכטפולע מאַלערייען, די גאָלד־געשטיקטע גאָבעלינען, און לעבן איִם איז געשטאַנען דער אָפיציר פון דעם סולטאַנס לייבוואַך און האָט אים געטאָרעט ביים אָרעם.

נחמיה הכהן האָט זיך ערשט איצט געכאַפּט, אַז דאָס וואָס ער האָט אין חלום איצט געזען און גערעדט, איז געווען אַן איבערחזרונג פון דעם, וואָס ער האָט אַנומלט גערעדט מיט שבתי צבי איך פּאַלאַץ פון דער פעס־טונג אַבידאָס. עס האָט זיך אים באמת איצט אויסגעדאַכט, אַז ער לעבט דאָס אַלץ נאָכאַמאָל איבער.

ער איז אַזוי אויפגעקאָכט געווען אויף שבתי צבי, אַז ער איז אַנט־שלאָפן געוואָרן דורכצופירן זיין ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט, ווען ער האָט אויפגעהערט גלייבן אין דער הייליקייט פון שבתי צבי.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן שפּרייזן מיט פעסטע טריט נאָך דעם הויכן און שלאַנקן טערקישן אָפיציר, וואָס האָט אים צוגעפירט איבער דעם לאַנגן און ריזיקן זאַל צו דער הויכער טיר, הינטער וועלכער עס איז געזעסן און געוואַרט אויף אים דער סולטאַן מאַהאַמעד דער 4טער, דער הערשער איבער דער גרויסער טערקישער אימפּעריע.

ווי אַ בליץ איז פאַר זיינע אויגן אַדורכגעלאָפן זיין יוגנט אין דער פוילישן שטעטל, ווו ער איז אין בית־המדרש געזעסן מיט זיינע חברים איבער די קבלה־ספרימלעך און אַריינגעטקרנט און אויסגעחשבונט דעם טאָג, ווען משיח בן דוד וועט קומען.

— זאָל דאָס אַלץ האָבן געווען נישט מער ווי אַ חלום?... — האָט ער זיך געפרעגט אַן אַנטוישטער.

„יאָ, אַ חלום...” — האָט עפּעס אַ פרעמד קול אין אים געענטפערט און ער האָט אויפגעציטערט.

ער האָט דערקענט אין דער דאָזיקער געהיימנישפולער שטימע דעם אפּיקורס פון שטעטל, וועלכער האָט זיך שפּעטער געשמדט. ער האָט שטענ־דיק חוזק געמאַכט פון משיח־טרוימער און געזאָגט זיי, אַז משיח איז שוין געקומען... ביי יענעם איז עס געווען דער נוצרי און איצט וועט עס ביי אים זיין דער נביא מאַכמעד...

— בעסער ווערן אַ מוסולמענער, איידער גלייבן אין דעם פאַלשן משיח שבתי צבי — האָט ער מיט אַ וואַנזיניק פלעמל אין זיינע אויגן איבערגעחזרט, און ער האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל, ווו עס איז געזעסן דער סולטאַן מאַהאַמעד דער פערטער און געוואַרט אויף אַ נשמה...

די טיר האָט זיך הינטער אים ווי מיט אַ קראַך פאַרקלאַפּט און ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז מיטן דאָזיקן קלאַפּ האָט ער איבערגעריסן זיין גאַנצע ביז־איצטיקע פאַרגאַנגענהייט. אין ערשטן מאָמענט האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַ טיפער תהום האָט זיך אונטער זיינע פיס געעפנט און ער האָט אָנגעהויבן זינקען און זינקען, ווי מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַ קול, וואָס איז געקומען אַזוי ווי פון יענער וועלט:

— קום צו נענטער, ייד... לאָמיך אָנקוקן אַ קלוגן ייד, וועלכער האָט אָנערקענט, אַז די אמונה אין נביא מאכמעד איז די ריכטיקסטע פון אַלע אמונות...

זיינע זעבען געווען גרויס ווי קאַרשן. ער האָט מיט זיין בליק אַדורכגענומען

דאָס איז געווען די שטים פון יונגן סולטאַן, וועלכער האָט זיך באַמיט צו רעדן מיט אַ פריינדלעכן טאָן און צוגעבן מוט אַט דעם דאָזיקן ווילד־אויסזעענדיקן פוילישן ייד, נחמיה הכהן.

קיינער אַחוץ זיי ביידע איז אין דעם גרויסן אויפנאַמס־זאַל נישט געווען. דער סולטאַן איז געזעסן הינטער אַ ריזיקן טיש, אָנגעטאָן אין זיינע בגדי מלכות. די באַקן האָבן זיך ביי אים געדרויטלט און אַ ברוינע שפּראָ־צונג פון אַ בערדל האָט זיך קוים אָנגעזעצן אויף זיין פּנים. די שוואַרצע אויגן דעם צעפלאָשעטן יונגנמאַן און געוואָלט דערגיין זיין אמתע כוונה, מיט וואָס ער איז געקומען, פאַרוואָס וויל ער אָננעמען דעם איסלאַם און בכלל ווער איז ער פאַר איינער. צי לוינט זיך גאָר מיט אַזאַ משוגענעם צו האָבן צו טאָן, וואָרעם דער לייב־דאָקטאָר גידאָן, דער געוועזענער ייד, האָט אים רעקאָמענדירט אַלס אַ גרויסן תלמיד־חכם.

— המ... אַזוי זענען זיי אויס די יידישע געלערנטע... — האָט דער סולטאַן מיט ביטול אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און עפּעס געמורמלט אונטער דער נאָז.

נחמיה האָט באַקומען זיין געוויינלעכע דרייסטקייט, האָט זיך אויסגעלייכט, געקוקט דעם סולטאַן גלייך אין די אויגן און געוואַרט אויף זיינע פראַגן.

— וואָס האָט דיך געצווונגען צו קומען צו מיר, ייד? — האָט דער סולטאַן אים מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן.

— איך האָב איינגעזען דעם אמת אין די רייד פון נביא מאַכמעד און איך האָב צוגעזען דעם שווינדל, וואָס טייל יידן פירן דאָ אין דיין מלוכה, ווי עס טוט דאָס, למשל, דער סמירנער ייד, שבתי צבי... האָב איך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די אמונה פון מיינע אבות און קומען אונטער די פליגל פון איסלאַם...

— האָסטו געהאַט וועלכע ס'איז קריגערייען מיט דעם דאַזיקן, ווי רופסטו אים, שבתי צבי? — האָט דער סולטאַן געוואָלט ביי אים אַרויסקריגן דעם אמת...

— קיין פערזענלעכע קריגערייען האָב איך מיט שבתי צבי נישט געהאַט, ווייל איך קען אים ווייניק. איך האָב אים בלויז געזידלט און אַראָפּגעריסן פון אים די מאַסקע פון אַ משיח... אין די יידישע ספרים זענען אָנגעגעבן פאַרשידענע סמנים, ווי עס וועט אויסזען די צייט ווען משיח וועט קומען, און די דאָזיקע סמנים זענען נאָך נישט באַוויזן געוואָרן. דעריבער האָב איך באַשלאָסן, אַז ער איז אַ פאַלשער משיח און אַז ער מוז אומגעבראַכט ווערן, ווייל אויב דו וועסט אים נישט אומברענגען, וועט ער דאָס לאַנד אַריינוואַרפן אין אַ כאַאָס...

— אַזאַ שטאַרקער מאַן איז אָט דער דאָזיקער סמירנער ייד, ווי רופסטו אים — דער דאָזיקער שבתי צבי?... קאָן ער זיך אַקעגנשטעלן מיינע סאָלדאַטן, מיינע וואָפן, מיט וועלכע איך באַצווינג אַזוי פיל לענדער און פעלקער? — האָט דער סולטאַן אַ פאַרוווּנדערטער געפרעגט.

— גייסט איז שטאַרקער פון וואָפן — האָט נחמיה הכהן געענטפערט.

— ער באַזיצט אַ כישוף אין זיך, אין זיין גאַנצער פערזאָן, אין זיין רעדן, אין זיין באַנעמונג. ער האָט אויך פאַרכישופט דיין גרויסוויזיר, אַכמעד קעפרילי... ער וועט אויך דיך פאַרכישופן, מאַיעסטעט... הרגע אים,

צעשמעטערט זיין מוח און וועסט זיך איינברענגען פיל שלעכטס אין דיין לאַנד...

נחמיה הכהן האָט גערעדט מיט אומגעוויינלעכער שנאה... אַ שוים האָט געזעצט פון זיין מויל, און די אויגן האָבן זיך ביי אים אָנגעצונדן ווי צוויי פלאַקערן, אַז דער סולטאַן האָט זיך פאַר אים דערשראָקן און ער איז געווען גרייט עמעצן אַריינצורופן.

— איך וואָלט געוואָלט אַ בעלן אָנצוקוקן אָט דעם דאָזיקן מאַן, וועלכער האָט אַזאַ קראַפט אין זיך — האָט דער סולטאַן מאַהאָמעד אויסגערופן, און אַ פלעמל פון נייגעריקייט האָט זיך אָנגעצונדן אין זיינע אויגן.

— טו דאָס נישט, מאַיעסטעט! באַפעל, אַז מען זאָל אים גלייך אַרויס־נעמען פון זיין פּאַלאַץ אין אַבידאָס און אויפהענגען. פרעג זיך נאָך, הייס דיין גרויסוויזיר דיר אָפּגעבן אַ באַריכט, און וועסט געוואָר ווערן וואָס פאַר אַ שטאָט ער פירט אין זיין כלומרשטער תפיסה. מענטשן פון דער גאַנצער וועלט קומען צו אים און ברענגען גאָלד און זילבער און טייערע שטיינער, זיין וואָרט איז אַ באַפעל און זיין שטים ווערט געהערט פון איין עק וועלט ביזן צווייטן...

דער סולטאַן האָט אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף דער רעכטער האַנט און זיך פאַרטראַכט.

נחמיה הכהן האָט אים געקוקט גלייך אין פנים אַריין. דער סולטאַן האָט זיין בליק נישט אויסגעהאַלטן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— פאַרוואָס האָסטו אים אַזוי פיינט? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט ער דיר געטאָן, וואָס דו ווילסט זען זיין בלוט? — האָט דער סולטאַן געפרעגט.

— מיר פערזענלעך האָט ער קיין שום שלעכטס נישט געטאָן, ער האָט אָבער אַריינגעגאָסן גיפט אין דער נשמה פון מיין פאָלק, וואָס וועט זיך נישט לאָזן באַפרייען פון דעם גיפט דורות־לאַנג — האָט נחמיה הכהן געענטפערט.

דער סולטאַן האָט ווידער געשוויגן. נאָך אַ פּאָר רגעס האָט ער אַ פרעג געטאָן ביי דעם יונגנמאַן מיט די ווילד־צעפלאָשעטע האָר און מיט צע־פלאַמטע אויגן:

— וואָס איז דייך באַגער, ייד, און איך וועל פאַר דיר טאָן.

— רוף מיך מער נישט „ייד", ווייל איך בין אין דער נשמה אַ מאַכ־מעדאַנער, איך וויל, אַז דו זאָלסט מיך אַריינגעמען אין דער שויס פון איס־

לאָם און איך וויל אים ווערן אַ טרייער דינער, אַזוי ווי איך בין ביז מיט עטלעכע טעג צוריק געווען אַ טרייער דינער פון גאָט פון מיינע אָבות...

דער סולטאַן האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט ביידע הענט און עס איז אַריינ־געקומען דער אָפיציר פון דער לייבוואַך און ער האָט צו אים מיט באַפע־לערישן טאָן געזאָגט:

— ברענג אַריין דעם גרינעם טורבאַן פון אונדזערע גלויביקע און גיב אים אויך אַנדערע מלבושים, וואַש אים אָפּ, שער אים אָפּ די האָר און זע, מען זאָל אים אַריינברענגען אין אונדזער גלויבן...

און דער סולטאַן האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ, אַ סימן, אַז די אוידיענץ איז פאַרענדיקט.

שפּעט נאָכמיטאָג איז נחמיה הכהן דערשינען אויף אַן עפּנטלעכן פּלאַץ, אָנגעטאָן אין די מלבושים פון אַ מאָכמעדאַנער, מיט אָפּגעשוירענע האָר. ער האָט אַ קוק געטאָן אין דעם קופּערנעם טאָוול, וואָס איז געהאָנגען ביים אַרויסגאַנג פון זיין וווינונג און ער האָט זיך נישט דערקענט. דער צלם אלהים איז געהאַט פון אים פאַרשוווּנדן, און אין האַרץ האָט זיך עפּעס ביי אים אָפּגעריסן.

ווען ער האָט זיך באַוויזן אין די גאַסן פון אַדריאַנאָפּאָל, דאָס זיץ־פּלאַץ פון סולטאַן, האָבן יידן געוואָלט אים צערייסן אויף שטיקער. אָט דער דאָזיקער מקובל, דער למדן נחמיה הכהן, וועלכער האָט אַליין געוואָלט זיין משיח ביי יידן, האָט זיך געשמדט!...

טרויער האָט געהערשט אין די יידישע הייזער און נאָך מער טרויעריק איז געוואָרן שבתי צבי, ווען די דאָזיקע ידיעה איז אָנגעקומען מיט עטלעכע טעג שפּעטער צו אים אין דער פעסטונג אַבידאָס.

— ווייי איז צו מיינע אויערן, וואָס הערן דאָס און וויי איז צו אונדז אַלעמען, וואָס אַזאַ גרויסער למדן איז אַוועק פון אונדז! וואָס פאַר אַ משוגעת איז אַריין אין זיין קאָפּ? וואָס פאַר אַ יצר־הרע האָט אים דערצו אָנגע־רעדט? וויי איז צו מיר און וויי איז צו אונדז אַלעמען!

דער שמד פון נחמיה הכהן האָט צעטומלט די יידן פון טערקיי, און שפּעטער מיט וואָכן, ווען די דאָזיקע נייעס איז אָנגעקומען קיין איי־ראָפּע, האָבן יידן, איבערהויפּט די יידן אין פוילן, אויף זיך די קליידער צעריסן און געשאָטן אַש אויף די קעפּ פאַר גרויס צער און חרפּה.

דאָס איז געווען ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג, אַ פּאַטש אין פּנים דעם גאַנצן יידנטום... שבתי צבי האָט אויסגערופן אַ תענות צווישן זיינע אַנהענגער און באַפוילן צו זאָגן תהילים און לערנען משניות נאָך דער פאַרלוירענער נשמה.

עס האָט זיך דערנענטערט שבעה עשר בתמוז, און שבתי צבי, קומענדיק צו זיך נאָך דעם גרויסן קלאַפּ פון נחמיה הכהנס שמד, האָט צוריק אָנגעהויבן זיין ממשלה ביד רמה. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז דער דאָזיקער טאָג זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טאָג פון יום־טוב און פרייד. מען זאָל טאַנצן אין די גאַסן און זינגען לידער און לויבן גאָט פאַר דעם גרויסן נס, וואָס איז געקומען אויפן יידישן פאָלק. ער האָט אין זיינע דרשות אין פאַלאַץ פון פעסטונג אַבידאָס פאַרזיכערט זיינע אַנהענגער, אַז דער טאָג, ווען דער סולטאַן מאַהאַמעד דער 4טער וועט נאָך אים שיקן און בעטן מחילה, איז נאָענט.

די געשרייען פון באַוווּנדערונג און לויב צו משיח בן דוד זענען געווען גרויס און קיינעם איז אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז אין די לעצטע רייד האָט שבתי צבי כמעט אַרויסגעזאָגט אַ נבואה... אַז דער סולטאַן וועט נאָך אים שיקן...

מען האָט זיך שטאַרק געגרייט צום נייעם יום־טוב פון תשעה באָב, וואָס שבתי צבי האָט פּראָקלאַמירט און זיינע „נביאים" האָבן געהאָלפן פאַרשפּרייטן די אידעע צווישן זיינע אַנהענגער. תשעה באָב איז דורך זיי באַצייכנט געוואָרן אַלס אַ טאָפּלטער יום־טוב, אי אין דעם טאָג איז געבוירן געוואָרן משיח און אי אין דעם טאָג, וואָס איז געווען אַ זכר לחורבן, איז אָנגעבריייט דאָס בית־המקדש ווידער אויפגעבויט צו ווערן.

נתן העזתי האָט וועגן דעם אָנגעשריבן אַ סך אויפרופן און זיי זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט. די דאָזיקע נייעס, אַז תשעה באָב ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן יום־טוב, איז אויפגענומען געוואָרן דורך אַלע אַנהענגער פון שבתי צבי מיט גרויס פרייד. מען האָט געטאַנצט אין די גאַסן, געזונגען לידער און מען האָט געלויבט שבתי צביס נאָמען ביזן הימל אַריין.

נתן העזתי איז נישט געזעסן ליידיק, ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ גרויסע צאָל תפילות און תחינות, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן

גלות, און יידן האָבן זיי געזאָגט אין שבת און אין יום־טוב. זיי זענען אויך צוזאַמענגעקליבן געוואָרן און מ׳האָט זיי אָפּגעדרוקט אין ספרים.

דער טאָג פון תשעה באָב האָט זיך דערנענטערט און די „נביאים״ פון שבתי צבי האָבן צוגעגרייט אַ גרויסן יום־טוב, וואָס האָט געדאַרפט איבער־שטייגן אין גלאַנץ און אין פרייד אַלץ, וואָס איז ביז איצט דורך זיי איינגע־אָרדנט געוואָרן. טויזנטער מענטשן זענען אויף דעם טאָג צוזאַמענגעפאָרן זיך אין דער פעסטונג אַבידאָס, אָדער אין „מגדל עוז״, ווי ער האָט אָפיציעל געהייסן ביי אַלעמען.

עס זענען אפילו געקומען קריסטן און מאַכמעדאַנער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן גלייבן אין דער געטלעכקייט פון דעם סמירנער ייד. די קריסטן האָבן וועגן אים פיל זיך אָנגעהערט פון די יידן. וואָרעם ווען עס פלעגט עפּעס קומען אַ שטיקל נייעס וועגן שבתי צבי, פלעגט ביי די יידן אין זייערע שטעט זיין דער גרעסטער יום־טוב. מען פלעגט זאָגן הלל ביים דאַווענען און מ׳האָט געמאַכט יום־טובדיקע סעודות.

אין אַבידאָס זענען אָנגעקומען אַזוי פיל מענטשן מיטצופרייען זיך אין דעם יום־טוב פון משיחס געבוירן־טאָג, אַז די מיליטערישע מאַכט אין דער פעסטונג האָט מורא געקריגן, עס זאָל נישט געשען קיין קאַטאַסטראָפע. עס זענען דעריבער פאַרבאָטן געוואָרן, אַז מער פון טויזנט מענטשן זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין דעם פּאַלאַץ, ווו שבתי צבי האָט געוווינט מיט זיין סוויטע. די איבעריקע האָבן זיך געמוזט באַגנוגענען צוצוקוקן זיך צו די פייערונגען פון דער ווייטנס און אַליין איינאָרדענען פאַרוויילונגען אונטערן פרייען הימל.

די נאַכט פון תשעה באָב, ווען די יידן זענען אַמאָל געזעסן איינגע־הילט אין טרויער און געזאָגט „איכה״ און קינות, געקלאָגט אויפן גרויסן חורבן, איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן יום־טוב. מען האָט אָנגעצונדן שטורקאַצן און עס איז ליכטיק געוואָרן ווי ביי טאָג. עס זענען געשאָכטן געוואָרן צענדליקער שעפסן און רינדער, וואָס מ׳האָט געבראָטן אויף שפּיזן. עס זענען איינגעקויפט געוואָרן פיל פעסער מיט ווייַן און די סעודה האָט זיך אָנגעהויבן מיטן ערשטן שטערן, וואָס איז אַרויסגעקומען אין הימל.

שבתי צבי האָט זיך באַוויזן אין ווייס־זיידענע קליידער. דאָס ליכט פון די טויזנטער שטורקאַצן איז אויף אים געפאַלן ווי אַ ים מיט ליכט און

ער האָט אויסגעזען ווי אַ פייערדיקער זייל. דערזעענדיק אים, האָבן מענטשן אַנידערגעקניט אין גרויס ערפורכט און אָנגעהויבן זינגען תפילות, וואָס זענען פאַרפאַסט געוואָרן פון נתן העזתי.

אַנדערע האָבן נאָך מער געוואָלט אַרויסווייזן זייער גרויסע פרייד, און האָבן עפנטלעך צעריסן די קינות, וואָס זיי האָבן מיט זיך געהאַט.

— נישטאָ מער קיין טרויער פאַר אונדז, געענדיקט האָט זיך דאָס וויינען און קלאָגן אויפן חורבן פון בית־המקדש, וואָס שטייט שוין גרייט אין הימל אויף אַ פייער־וואָלקן אַראָפּגעלאָזט צו ווערן אויפן באַרג המוריה — האָבן יידן געשריגן וואַנזיניקע פון פרייד און זיי האָבן אָנגעהויבן טאַנצן און שפּרינגען. אין רויטן שיין פון די פייערן האָבן זיי אויסגעזען ווי געשפּענסטער, אַראָפּגעקומענע פון אַן אַנדערער וועלט.

צומאָרגנס האָט זיך די פרייד איבערגעחזרט נאָך מיט מער שיכרות און ווילדקייט.

דער יום־טוב תשעה באָב האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג און מענטשן זענען אַזוי מיטגעריסן געוואָרן פון דער שמחה, אַז זיי האָבן שוין נישט אונטערגעשיידט וואָס מען מעג יאָ און וואָס מען טאָר נישט. פרויען און מענער זענען זיך באַשלאָפן איינע די אַנדערע. זיי האָבן זיך פאַרענטפערט, אַז מיטן קומען פון משיח זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע עבירות און אַלע פאַרבאָטן. מען מעג טאָן וואָס דאָס האַרץ גלוסט, פריי!...

*

וועגן די פּאַסירונגען אין דער פעסטונג אַבידאָס איז אַוועקגעגאַנגען אַ באַריכט צום סולטאַן מאַהאַמעד דעם 4טן. אַזוי האָט ער פאַרלאַנגט, זינט ער האָט אויסגעהערט ביי זיך אין פּאַלאַץ אין אַדריאַנאָפּאָל דעם פּוילישן ייד, נחמיה הכהן, האָט ער אָנגעהויבן זיך מער אינטערעסירן מיט שבתי צבין, און דערהאַלטנדיק די נייעס, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דעם טאָג פון תשעה באָב אויפן האַלבאינדזל גאַליפּאָלי, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ גרימצאָרן, אַז ער האָט געהאַט ביי זיך באַשלאָסן אַרויסצורופן שבתי צבי, נישט מאַכן מיט אים קיין לאַנגע שהיות און לאָזן אים פאַראורטיילן צום טויט. דער דאָזיקער סמירנער ייד האָט אים מער נישט געגעבן קיין רו.

עס זענען אים אין קאָפּ אַריינגעקומען אַלערליי רעיונות און די מורא, אַז ער קאָן פאַרלירן די קרוין האָט אים אָנגעפילט מיט שרעק. ער האָט אפשר נישט אַזויפיל מורא געהאַט פאַר די יידן, ווי פאַר דעם, אַז פון דעם

יידישן בונט וועלן זיך אַראָפּנעמען אַביישפּיל אַנדערע אים אונטערגע־וואָרפענע פעלקער און דאָס קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסער געפאַר.

אין די ערשטע טעג פון חודש אלול, אין דעם יאָר התכ״ו, האָט ער אַריינגערופן צו זיך דעם גרויסוויזיר און מיט ברענענדיקן צאָרן אין זיינע אויגן האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— גענוג!

אַכמעד קעפּרילי איז געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטער. ער האָט אין דער ערשטער רגע נישט פאַרשטאַנען דעם אויסברוך פון זיין האַרס כעס און געוואַרט אויף וויטערדיקע דערקלערונגען.

— וואָס איז געשען, מאַיעסטעט? — האָט דער גרויסוויזיר געפרעגט ביים יונגן סולטאַן, וועלכער האָט געשמט פאַר אַ שטרענגן מאַן, כאָטש ער איז נאָך געווען אַזוי יונג אין יאָרן.

— דו וועסט זיין פאַראַנטוואָרטלעך מיט דיין קאָפּ, אויב דער דאָזיקער שווינדלערישער ייד פון סמירנע וועט בלייבן לעבן... ער מוז געטויט ווערן אין די נאָענטסטע עטלעכע טעג. אונדזער לאַנד איז איינגעשטעלט אַריינצופאַלן אין אַ כאַאָס. אַזוי האָט מיך געוואָרנט זיינס אַ געוועזענער אַנהענגער, דער פּוילישער ייד, וועלכער איז געוואָרן אַ גלויביקער פון נביא מאַכמעד...

— דיין וואָרט איז פאַר מיר אַ געבאָט, מאַיעסטעט! — האָט אַכמעד קעפּרילי געענטפערט און זיין אונטערשטע ליפּ האָט אַ ציטער געטאָן...

— וואָס באַפעלסטו צו טאָן?

— איך וויל, אַז שבתי צבי, דער פאַלשער משיח ביי יידן, זאָל שוין דערשיינען פאַר מיר. איך וויל אים אַליין אָנקוקן מיט מיינע אויגן, און דעמאָלט וועל איך שוין באַשליסן וואָס מיט אים צו טאָן...

— עס איז אַ געבאָט! — האָט אַכמעד קעפּרילי געענטפערט און איז אַרויס היגטערוויילעכטס פון סולטאַנס זאַל.

אין דער רעגירונג איז געוואָרן אַ גרויס גערודער. דער גרויסוויזיר האָט תיכף צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע זיינע מיניסטאָרן, אַרויסגעפאָדערט אויך דעם קאָמאַנדיר פון דער פעסטונג אַבידאָס און אָפּגעהאַלטן מיט זיי אַלע אַ באַראַטונג. עטלעכע שעה צייט האָט די דאָזיקע באַראַטונג געדויערט, און זי איז געווען אַזוי שטורמיש, אַז מ׳האָט די געשרייען געהערט אינדרויסן פון הינטער די דיקע טירן.

דער גרויסוויזיר האָט אַזש געציטערט פון כעס.

— דו האָסט געוווסט וואָס פאַר אַ שטאָט דער דאָזיקער שבתי צבי פירט־אָן אין פעסטונג אַבידאָס און האָסט מיר גאָרנישט וועגן דעם געמאָלדן !
— האָט ער געהוקעט אויפן קאָמאַנדיר — דו האָסט אוודאי אַ סך פעסלעך גאָלד אַנגעשאָטן פאַר דער דאָזיקער טובה...

ער האָט דאָסמאָל גאַנץ גוט אָפּגעשאַצט די זאַך, ווייל ער האָט דאָך געוווסט, וויפל פעסלעך גאָלד ער אַליין האָט אָוועקגעשטעלט ביי זיך אין קעלערן...

ענדלעך איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין משך פון דריי טעג מוז שבתי צבי זיין אין אדריאַנאָפּאָל.

און אין דריי טעג אַרום איז שבתי צבי אונטער אַ שטרענגער וואַך פלוצלינג אַרויסגענומען געוואָרן פון זיין באַקוועמען פּאַלאַץ, ווו ער האָט אָנגעפירט מיט אַ פולשטענדיקער מלוכה און איז געבראַכט געוואָרן אין פּאַלאַץ פון סולטאַן אין אַדריאַנאָפּאָל.

דאָס איז געווען זעכצן טאָג אין חודש אלול, התכ״ו (1666).

ווי אַ דונער אינמיטן העלן טאָג האָט געווירקט די ידיעה, אַז שבתי צבי איז געבראַכט געוואָרן אונטער אַ וואַך קיין אַדריאַנאָפּאָל צום סולטאַן און ער דאַרף דעם הערשער פון דער טערקישער אימפּעריע אָפּגעבן אַ דין וחשבון פאַר זיינע אַלע ביז־איצטיקע מעשים.

די ידיעה האָט זיך אַזוי שנעל פאַרשפּרייט, אַז יידן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אין סמירנע האָבן נאָך פריער געוווסט, אַז מען האָט שבתי צבין באַפוילן צו קומען שטעלן זיך פאַרן סולטאַן, נאָך איידער ער אַליין האָט דערפון געוווסט. די שטאָט אַדריאַנאָפּאָל איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַזוי פיל יידן, וואָס די שטאָט האָט נאָך קיינמאָל זינט איר עקזיסטענץ נישט געזען.

אַ ציטער איז אַדורך איבער אַלעמענס לייבער. מען האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף אַלעם ערגסטן, ווייל דער סולטאַן איז געווען באַקאַנט אַלס אַ שטרענגער הערשער און דעספּאָט, נישט געקוקט אויף זיינע יונגע יאָרן. אַ פחד איז אויך אָנגעפאַלן אויף די מקורבים פון שבתי צבי, אויף אברהם היכיני, נתן העזתי און שמואל פּרימאָ. זיי האָבן ווי אינסטינקטיוו דערפילט, אַז עס נעמט אַ סוף צו זייערע זיבן גוטע יאָר... ווער ווייסט מיט וואָס עס וועט זיך פאַרענדיקן דער פאַרהער פון שבתי צבי ביים סולטאַן.

די גאַסן פון אַדריאַנאָפּאָל זענען געווען שוואַרץ פון מענטשן, מען האָט געטומלט, געשריגן און מ׳האָט אויך געהערט געוויינען:

— ווי צו אונדז, וואָס עס גייט געשען צו אונדזער משיח, צו אונדזער אויסלייזער!

אַ טרויער האָט געהערשט צווישן די גרויסע יידישע מאַסן. אַנדערע האָבן דערוואַרט אַ נס. שבתי וועט איצט באַווייזן דעם אומגלויביקן טערק, וואָס פאַר אַ כוח ער פאַרמאָגט. מיט איין בלאָז וועט ער אים פאַרטיליקן פון דער ערד. און אַלע האָבן מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט דעם גרויסן מאָמענט.

ענדלעך האָט מען שבתי צבין געבראַכט פאַרן סולטאַן. אין דעם ריזיקן צימער זענען, אַ חוץ דעם טערקישן הערשער, אויך געווען דער גרויסוויזיר אַכמעד קעפּרילי, דער קאַמייקאַם פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, מוסטאַפאַ פּאַשאַ, נחמיה הכהן און דער געשמדטער דאָקטאָר, דער כעקים פּאַשאַ גידאָן.

די ריזיקייט פון זאַל און די געמעלן אויף די ווענט פון פאַרשידענע חיות און פייגל האָבן אויף שבתי צבין געמאַכט אַן איינדרוק, ווי ער וואָלט דאָ געווען אַ קליין פליגעלע אין דער אַנוועזנהייט פון אַ סטאַדע לייבן. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר און האָט נישט געוואַגט צו מאַכן קיין טריט פאָרויס.

אַ ווייל האָט געדויערט דאָס מעסטן זיך פון די בליקן צווישן דעם יונגן סולטאַן, דעם הערשער איבערן לעבן און טויט פון מיליאָנען אונטער־טאַנען, און שבתי צבי, וועלכער איז אין די געציילטע טעג, וואָס מ׳האָט אים אַרויסגענומען פון פּאַלאַץ אין פעסטונג אַבידאָס, גרוי געוואָרן און האָט אויסגעזען פאַרעלטערט.

ענדלעך האָט דער יונגער סולטאַן אים איינגעבראָכן מיט זיין בליק.

— צי ווייסטו, אַז מיט דיין האַנדלען האָסטו זיך פאַרדינט טויט־שטראָף?

— האָט דער סולטאַן ענדלעך געלאָזט הערן זיין שטים. — ווער ביסטו דאָס אַזעלכער, וואָס האָסט גאָר געוואַגט אַפילו אין דער מחשבה צו טראַכטן מיך אַראָפּצוּוואַרפן פון טראָן און זיך אָנטאָן די קרוין?...

— איך האָב עס קיינמאָל אַזוי נישט געזאָגט, מאַיעסטעט — האָט שבתי צבי מיט אַ שטילער רעזיגנירטער שטים געענטפערט.

— אָט דאָ איז אַן עדות, דיינס אַ געוועזענער ברודער, אַן אָנהענגער דיינער, וועלכער האָט זיך ענדלעך איבערצייגט אין דער פאַלשקייט פון

דיין שליחות; ער האָט מיר דערציילט, אַז דו האָסט געהעצט די יידישע באַפעלקערונג פון טערקיי און פון אַנדערע לענדער, אַז זיי זאָלן מיך אַראָפּ־וואַרפן פון טראָן, צונעמען ביי מיר די מלוכה. דו האָסט געזאָלט אויף אַ פיי־ערלעכן אופן געקרוינט ווערן אין ירושלים אַלס דער קעניג פון דער גאַנ־צער טערקישער אימפעריע, און האָסט שוין אפילו געהאַט איינגעטיילט צווישן דיינע מקורבים קעניגרייכן און מדינות...

דאָ איז נחמיה אַרויסגעטרעטן פאָרויס און זיך אָפּגערופן צו שבתי צבי מיט די פאָלגנדיקע רייד:

— אויב דו ביסט טאַקע משיח, באַווייז דאָ דעם מופת אויפן אָרט, אַז מיר אַלע זאָלן פאַרטיליקט ווערן, אַ פייער זאָל אַראָפּ דאָ אין זאַל און זאָלן אַלע די, וועלכע גלייבן נישט אין דיר, פאַרברענט ווערן! באַווייז דעם דאָ־זיקן מופת!...

שבתי צבי איז געבליבן שטיין אָן לשון. ער האָט זיך דערפילט אַזוי נידעריק און אַזוי אומבאַהאָלפן, פונקט ווי דעמאָלט, ווען עס האָט זיך אים אַלס יינגל אויסגעדאַכט צו פאַרנעמען גאָטס וואָרט און ער האָט נישט גע־גלייבט, אַז ער איז בכוח אויסצופירן גאָטס שליחות.

אַ לאַנגע ווייל האָט געהערשט שטילקייט אין דעם ריזיקן זאַל. דער משומד, דעם סולטאַנס לייב־דאָקטאָר, האָט באַקומען רחמנות אויף דעם א י צ ט נעבעכדיק אויסזעענדיקן משיח. עפּעס האָט זיך ביי אים אין האַרצן אָפּגעריסן. עס האָט זיך דערוועקט אַ פונק ביי אים פון זיין אַמאָליקער יידיש־קייט, און ער האָט זיך אָפּגערופן צום סולטאַן:

— מאַיעסטעט, דערלויב מיר איינעם אַליין צו האָבן פריער אַ גע־שפּרעך מיט דעם דאָזיקן מאַן, און דערנאָך וועסטו אים משפּטן לויטן געזעץ ווי ער האָט זיך פאַרדינט...

דער סולטאַן האָט צוגעבייגט זיין מויל צום אויער פון גרויסוויזיר אַכמעד קעפּרילי און עפּעס אים איינגערוימט. דער גרויסוויזיר האָט אַ שמייכל געטאָן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— גוט, מיין ליבער דאָקטאָר, — האָט דער סולטאַן מיט אַ פריילעכן טאָן געזאָגט צו כעקים פּאַשאַ, — איך גיב דיר איבער אין די הענט אַריין דיין ברודער און רעד מיט אים!

מ׳האָט שבתי צבין אַרויסגעפירט פון סולטאַנס פּאַלאַץ און אים אָפּגע־פירט אין דער תפיסה, וווהין עס איז באַלד אויך געקומען כעקים פּאַשאַ, דאָקטאָר גידאָן.

עס זענען מיט אים אויך מיטגעקומען שמואל פרימאָ, אברהם היכיני און נתן העזתי.

דער דאָקטאָר האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און איז צוגע־טראָטן צום ענין:

— זאָלסט וויסן זיין, מיין ברודער — האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַ פריינדלעכער שטים צו שבתי צבי — איך האָב דעם סולטאַן קוים אָפּגעבעטן, אַז ער זאָל דיך נאָך נישט באַשטראָפן, איידער איך רעד זיך מיט דיר אַדורך. אַ גרויסע שטראָף האָט ער פאַר דיר צוגעגרייט. ער האָט באַשלאָסן דיך צו פאַרברענען עפנטלעך אויפן שייטערהויפן און ווייזן דיינע אָנהענגער, אַז ביסט נישט קיין געטלעכער מאַן. פריער וועט ער לאָזן אויסרייסן דיר איין אבר נאָכן אַנדערן און פאַרשאַפן דיר די גרעסטע יסורים. איך האָב ביי אים געפּועלט, ער זאָל זיך נאָך אָפּהאַלטן און איך וויל אויס־נוצן די קורצע צייט, וואָס ער האָט מיר געגעבן, דיר פאָרצולייגן די איינ־ציקע ברירה, וואָס עס איז דיר פאַרבליבן: נעם־אָן דעם איסלאַם!...

שבתי צבי האָט אויפגעצאַפּלט ביי די דאָזיקע ווערטער. ווי אַ פייער וואָלט אים אַ ברי־געטאָן אין אינגעווייד, אַזוי האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט דערפון. אָבער מיט אַ רגע שפּעטער האָט ווי אַ שטראָם קאַלט וואַסער זיין געמיט אָפּגעקילט און ער האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט די שווערע פיין און יסורים, וואָס ער וועט דאַרפן אויסשטיין, און ער האָט זיך דערפילט שוואַך ווי אַ קליין קינד.

ער האָט אין דער רגע אַ טראַכט געטאָן: וואָס וועט זיין געליבט ווייב שרה זאָגן דערצו, אויב ער האָט אין אַ מאָמענט פון שוואַכקייט אָפּגעזאָגט זיך פון יידישן גלויבן און אָנגענומען דעם איסלאַם? וואָס וועלן זאָגן די צענדליקער טויזנטער גלויביקע יידן? וואָס וועלן זאָגן זיינע נאָענטע פריינד וועגן דעם?

די אַלע טראַכטונגען האָבן געדויערט עטלעכע רגעס. זיינע בליקן האָבן זיך איינגעשטאָכן אין דעם בליק פון דעם משומד, דעם כעקים פּאַשאַ, ווי וועלנדיק פון זיי אַרויסלייענען די ערנסטקייט פון זיינע פריערדיקע

רייד. ער האָט אין זיין געזען אַ שוואַרצן תהום... ער האָט געפּרוווט זיך אַקעגנשטעלן און אָפּווישן זיין פאָרשלאָג:

— ווי קאָן איך, דער משיח פון יידן, טאָן אַזאַ זאַך? ווי וועלן דערויף רעאַגירן די צענדליקער טויזנטער גלויביקע? וואָס וועלן זאָגן מיינע פריינד? איך קאָן דאָס נישט... איך קאָן דאָס נישט... פאַרוואָס פּייניקסטו מיך? ביסט דאָך מיין ברודער, אַ געוועזענער ייד...

— נישט אַ געוועזענער, נאָר איך בין נאָך אַלץ אַ ייד; מיטן אָננעמען דעם איסלאַם בין איך נישט געוואָרן אויס קינד פון אברהם, יצחק און יעקב, פונקט ווי זיי די ישמעלים, אָננעמענדיק דעם איסלאַם, זענען נישט געוואָרן אויס קינדער פון אונדזער פאָטער אברהם — האָט דער דאָקטאָר געטענהט, און אַן ערנסטקייט איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים. ער האָט געוווסט, וואָס פאַר אַ גרויסע באַלוינונג ער וועט קריגן פון סולטאַן, ווען אים זאָל געלונגען שבתי צבין איבערצייגן, ער זאָל אָננעמען דעם איסלאַם...

דאָ האָט זיך פּלוצלינג אַריינגעמישט שמואל פּרימאָ.

— גאָט זאָל דיך אָפּהיטן פון צו טאָן אַזאַ זאַך! האָבן מיר די גאַנצע יאָרן אונדזערע, הייסט עס, פאַרברענגט אויף גאָרנישט!... האָט ער אויפגעהויבן זיין שטים — דערמאָן זיך די טעג אין סמירנע, די טעג, ווען האָסט געהאַט דיינע זעאונגען. וויפל האָסטו זיך אָנגעליטן! מ'האָט דיך עטלעכע מאָל געלייגט אין חרם פאַר דיינע מיינונגען, און איצט וועסטו נעמען און חרוב מאַכן מיט דיינע אייגענע הענט דאָס, וואָס דו האָסט מיט אַזוי פיל מי אויפגעבויט... ווו זענען דיינע טעג פון סגופים, תעניתים און פּייניקונגען? איז דאָס אַלץ געווען אומזיסט? שטעלסטו דיר פאַר דעם שטורעם, וואָס עס וואָלט אַרויסגערופן דיין שמד רחמנא לצלן?...

כעקים פּאַשאַ האָט קרום אַ שמייכל געטאָן.

— זענען דען ווערט די פּיין און יסורים, וואָס ער וועט אויף זיך נעמען פאַר דיין צווייפלהאַפטן גלויבן, אַז ער איז משיח?... און אפשר איז דער וועג פון משיח אַזעלכער?... די פּיין פון פאַרבייטן דעם גלויבן פון די אָבות אויף אַ פרעמדן גלויבן זענען טאַקע גרויס. איך פּייניק זיך דען ווייניק? בין איך דען נישט אין דער נשמה פאַרבליבן אַ ייד? דאָס לעבן, וואָס גאָט האָט דיר געגעבן, איז נישט הפקר, אַז זאָלסט עס נעמען און וואַרפן ווי פאַר די הינט...

— גיי אויף קידוש השם! — האָט שמואל פּרימאָ זיך געהאַלטן ביי זיינס. — זאָלן קומען איבער דיר די שרעקלעכסטע פּיין, אָבער גאָטס נאָמען וועט דורך די דאָזיקע פּיין געהייליקט ווערן...

און דאָ האָט אברהם היכיני גענומען זיין וואָרט:

— האָט דער רמב"ם דען נישט אָנגענומען דעם איסלאַם, כדי אויס־צומיידן יסורים און דעם טויט?

— עס איז אַ ליגן! — האָט שמואל פּרימאָ אויסגערופן מיט טרערן אין די אויגן. — דאָס האָבן זיינע שונאים אויף אים אויסגעטראַכט אַזאַ בלבול... רבי משה בן מימון האָט געליטן גלות, געפּייניקט געוואָרן און דעם יידישן גלויבן קיינמאָל נישט פאַרביטן אויפן איסלאַם. גיי אין זיינע טריט און וועסט בלייבן אַזוי פאַרהייליקט ווי ער אויף דור־דורות...

נתן העזתי האָט זיך דאָ אַריינגעמישט מיט זיין עצה:

— איך מיין, אַז אברהם היכיני איז גערעכט — דאַרפסט נישט אויס־שטעלן דיין נפש אויף פּיין און יסורים, וואָס זענען נישט נייטיק. דאָס פאָלק, וואָס גלייבט אין דיר, וועט אויך ווייטער בלייבן ביי זיין גלויבן... זיי וועלן פאַרשטיין, אַז ביסט געצוווּנגען געוועזן דערצו פון מלכות; און איך פאַרזיכער דיר, אַז דאָס פאָלק וועט דיך נישט פאַרלאָזן... אַלס צייכן פון טריישאַפט, וועל איך צוזאַמען מיט דיר אָננעמען דעם איסלאַם... אָבער פּונקט ווי דער דאָקטער גידאָן, אונדזער ברודער, וועלן מיר בלייבן יידן... פאַרקערט, זייענדיק אַ מקורב למלכות, וועט אונדז פיל לייכטער זיין ווי־טער אָנצופירן מיטן פאָלק און ענדלעך ברענגען די אַזוי לאַנג דערוואַרטע גאולה...

— איך וועל זיין מיט אייך! — האָט זיך דער דאָקטאָר גידאָן אָנגע־כאַפּט אין די רייד פון נתן העזתי. — מיר זענען יידן און וועלן בלייבן יידן, כאָטש מיר וועלן אָננעמען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן. איך בין ווייטער אַ ייד, ווי איך בין פריער געוועזן...

שבתי צבי האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן. ער איז אַנידערגעפאַלן אויפן שטיינערנעם דיל פון דער תפיסה. מ'האָט אים גענומען מינטערן, מ'האָט אים אָוועקגעלייגט אויף אַ האַרט געלעגער, ביז ער איז צו זיך געקומען.

מיט בלאַסע און ציטערדיקע ליפּן האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט:

— קום מיך זען מאָרגן...

די דאָזיקע רייד זענען געווען געווענדט צום דאָקטאָר גידאָן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט שבתי צבי פאַרבראַכט איינער אַליין מיט זיך, קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיך אין תפיסה־צעל. ער האָט פאַרבראַכט אין תפילות, וואָס ער אַליין האָט פאַרפאַסט:

— גאָט דערבאַרעמדיקער, באַווייז זיך צו דיין געטרייען קנעכט נאָך איינמאָל, ווי דו האָסט זיך צו מיר באַוויזן אין מיינע יונגע טעג, און גיב מיר אַ צייכן... פאַרוואָס לאָזסטו מיך ווי אַ זעגלשיף אויפן צעשטורעמטן ים, געוואָרפן צו ווערן פון די בייזע כוואַליעס? קיינער קאָן מיר נישט זאָגן דעם וועג, וואָס איך זאָל אויסקלייבן, נאָר דו, אַלמעכטיקער גאָט, וואָס האָסט געראַטעוועט אונדזער פאָטער אברהם פון קאַלכאויוון, וואָס האָסט אַרויסגעצויגן די יידן פון מצרים, דו קאָנסט מיר איצט אָנווייזן דעם וועג, וואָס איך זאָל אויסקלייבן...

טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן, ער איז געלעגן אַ גאַנצע נאַכט אויפן ד׳יל און גערופן צו גאָט, אָבער קיין ענטפער איז צו זיין אויער נישט דערגאַנגען.

„גאָט האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר״... — האָט ער געמורמלט און אין אַ ווייל אַרום איז ער אַ מידער איינגעשלאָפן און געהאַט אַ קאָשמאַר־חלומות. ער האָט זיך געזען ליגן אַ געבונדענער אויף אַ שייטערהויפן; וועלכן מען גרייט זיך שוין אָנצוצינדן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיך אומגעקוקט אין דער פינצטער און גאָרנישט געזען. ער האָט געציטערט אויפן גאַנצן לייב און געמורמלט אומפאַרשטענדלעכע רייד אַזוי לאַנג, ביז ער איז ווידער פאַרזונקען אין אַ טיפן קאָשמאַר.

ווען די ערשטע זון־שטראַלן האָבן זיך אַריינגעריסן דורך די פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך אין זיין צעל, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. אין קאָפּ האָט אים געקרוישט. ער האָט איבערגעטראַכט דאָס אַלץ, וואָס איז נעכטן מיט אים געשען. ער האָט געהערט די רייד פון דאָקטאָר גידאָן, וואָס פאַר אַ פּיין און יסורים דער סולטאַן האָט פאַר אים צוגעגרייט.

— ניין, איך וויל נישט שטאַרבן... איך וויל נאָך לעבן... — האָבן זיינע ליפּן געציטערט ווי אין אומבאַוווסטזיין — אויב איך וועל בלייבן לעבן, וועל איך מיין ציל דורכפירן, ווייל גאָט איז מיט מיר... ער האָט מיר קיין שום צייכן נישט געגעבן, אַז איך זאָל זיך לאָזן טויטן... ער וויל, אַז איך זאָל בלייבן לעבן... האָב איך דען אומזיסט אַזוי פיל יאָרן אַוועקגעגעבן,

כדי איך זאָל פון אַלעם זיך אָפּזאָגן און אַ גאַנץ פאָלק לאָזן אויף הפקר ? זיי וועלן דאָך אומקומען פון פאַרצווייפלונג...

מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר. ער האָט אַ ציטער געטאָן. אַ ברייט שטיק ליכטיקייט האָט זיך אַריינגעריסן צוזאַמען מיט אַ ביסל פרישע לופט, אַז ער האָט ערשט איצט נאָך אַ גאַנצע נאַכט דעם אָטעם רעכט געקאָנט אָפּכאַפּן.

אויף דער שוועל איז געשטאַנען דאָקטאָר גידאָן.

— קום מיט מיר אין אַ מער ברווחדיק צימער... — האָט דער משומד מיט אַ שמייכל אויסגערופן. — דאָס צימער איז דאָך גאָר פאַר קיין מענטש נישט, בפרט פאַר דיר, דעם משיח פון יידן...

שבתי צבי האָט נישט געקאָנט אונטערשיידן, צי מאַכט דאָקטאָר גידאָן פון אים חוזק, ווען ער האָט אים אָנגערופן „משיח" אָדער מיינט ער עס ערנסט. דאָס פנים פון כעקים פּאַשאַ איז געווען ערנסט און קאַלט.

שבתי צבי האָט זיך אונטערגעהויבן פון זיין האַרט געלעגער. די זייטן האָבן אים וויי געטאָן, נאָכדעם ווי ער איז אַזוי פיל חדשים צוגעוווינט געוואָרן צו לוקסוס אין דער פעסטונג אַבידאָס.

ער איז שטיל און הכנעהדיק נאָכגעגאַנגען דעם דאָקטאָר, און ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין גרויסן זאַל, ווו עס האָט געוווינט דער קאָמאַנדיר פון דער תפיסה, האָט ער דאָרט געטראָפן אויך זיצן שמואל פרימאָ, אברהם היכיני און נתן העזתי. שבתי צבי האָט געמאַכט אַ גרימאַסע אויפן פנים. ער וואָלט זיי איצט אין דעם מאָמענט נישט געוואָלט זען. ער האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט.

דער דאָקטאָר גידאָן איז באַלד אָן שום הכנות צוגעטראָטן צום ענין:

— וואָס האָסטו מיר צו ענטפערן אויף מיין נעכטיקן פאָרשלאַג ?

שבתי צבי איז רויט געוואָרן. ער האָט זיך געקווענקלט און נישט געקאָנט אויסרעדן קיין וואָרט.

דער דאָקטאָר האָט געזען, אַז ער ענטפערט אים נישט, האָט ער פאָרגעזעצט:

— אָט וואָס דער סולטאַן מאַהאָמעד דער 4טער האָט מיר נעכטן געזאָגט און געהייסן דיר איבערגעבן. ער האָט געזאָגט אַזוי, אויב מען וועט דיך אַוועקשטעלן ביי דער וואַנט און אין דיר אַריינשיסן דריי פאַרגיפטעטע פיילן און וועסט בלייבן לעבן, וועט ער דיך אָנערקענען אַלס אַ געטלעכן

מאַן און ער וועט האָבן אַ סימן, אַז דו ביסט משיח, און ער וועט תיכף אָן וואַקלעניִשן אָננעמען דעם יידישן גלויבן... האָסטו צוויי ברירות: אָדער טאָן אַזוי ווי דער סולטאַן האָט פאַרגעלייגט אָדער תיכף אָננעמען דעם איסלאַם...

— גיי אויף קידוש השם!... — האָט שמואל פרימאָ איבערגעריסן דעם דאָקטאָר גידאָן — וועסט זיכער בלייבן לעבן, ווייל אַ גרויסער נס וועט געשען. צוזאַמען מיטן סולטאַן וועט דאָס גאַנצע טערקישע פאָלק און זיינע אונטערטעניקע פעלקער אָננעמען די יידישע אמונה; וועסט גרייסן גאָטס נאָמען דערמיט, און דאָס יידישע פאָלק וועט דיך נאָך מער ליב קריגן.

שבתי צבי האָט מיט אַ ציטערניש אויף זיין גאַנצן קערפער געשוויגן אין געוואַרט אויף עפּעס אַ נס, וואָס זאָל אים אַרויסנעמען פון דער דאָזיקער שווערער לאַגע. ער האָט ווי שויך געפילט אין זיין לייב די פאַרגיפטעטע דריי פיילן. ער האָט ממש דערפילט אַן אויסערגעוויינלעכן ווייטיק. ער האָט אויפגעשוידערט ביי דעם געדאַנק, אַז ער זאָל איין עטלעכע רגעס אַרום זיין טויט. „בעסער אַ לעבעדיקער פוקס איידער אַ טויטער לייב”... איז אים אין דער רגע געקומען אין קאָפּ עמעצנס אַ וואָרט.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט אברהם היכיני און מיט אַ קול, וואָס וואָלט פאַר שבתי צבי געקומען ווי פון הימל אַראָפּ, האָט ער אויסגערופן:

— צי איז דען משה רבנו נישט געווען יאָרן־לאַנג ביי פּרעה מלך מצרים, אָפּגעהיט זיינע מנהגים, תפילה געטאָן צו זיינע געטער, ווייל ער האָט געמוזט אַזוי טאָן? און דערנאָך, ווען דער מאָמענט איז געקומען, איז ער געוואָרן דער אויסלייזער פון דעם פאַרשקלאַפטן פאָלק ישראל... פאַר־וואָס זאָל עס דיר, גרויסער האַר, געזאַלבטער פון גאָט, נישט דערלויבט זיין?...

די דאָזיקע רייד האָבן געמאַכט אויף שבתי צבי אַן אומגעהויערן איינ־דרוק. דער דאָקטאָר גידאָן האָט אויפגעשיינט. ער האָט געפילט, אַז אברהם היכיני האָט געברענגט אַ סוף צו די וואַקלעניִשן פון דעם משיח...

אָבער שמואל פרימאָ איז נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער און האָט אויסגערופן:

— גיב אים אַ שטעקן און זאָל ער וואַרפן פאַר אונדזערע אויגן, אויב ער וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שלאַנג, ווי עס איז געשען ביי משה רבנו, וועל איך אין אַלעם נאָכגיין אין אונדזער גרויסן רבינס וועגן...

דאָ איז שבתי צבי אויפגעשפרונגען ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן און, נישט איבערטראַכטנדיק מער קיין איין רגע, אויסגערופן:

— איך נעם־אָן דעם סולטאַנס פאָרשלאָג!...

— צו לאָזן זיך אַריינשיסן דריי פאַרגיפטעטע פיילן?... — האָט שמואל פרימאָ מיט אַ פריידיקן בליק אין זיינע אויגן אויסגערופן.

— ניין... איך נעם־אָן דעם מוסולמענישן גלויבן!...

אַ שטילקייט איז אַריינגעטראָטן אין חלל פון דעם ריזיקן צימער. קיי־נער האָט נישט געוואָגט קיין וואָרט אויסצורעדן. אַפילו דאָקטאָר גידאָן איז געבליבן אויף אַ ווייל ווי פאַרגליווערט און האָט נישט געגלייבט זיך זיינע אייגענע אויערן.

מיטאַמאָל איז געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכס.

שמואל פרימאָ איז געפאַלן אויף זיין פּנים, צוגעקראָכן אויף אַלע פיר פיס צו זיין האַר און משיח, שבתי צבי, אָנגענומען דעם זוים פון זיין קלייד, צוגעלייגט צו זיינע ליפּן און אַרויסגעמורמלט מיט שטיקנדיקע רייד:

— איך גיי מיט דיר מיט, רבי... דיין וואָרט איז פאַר מיר הייליק, און אַלץ וואָס דו טוסט, טוסטו לויטן באַפעל פון אַ העכערער קראַפט... זאָל געבענטשט זיין דיין נאָמען אויף דור־דורות...

אַלע זענען געפאַלן אויף זייערע פּנימער, לאַנג־לאַנג געלעגן אויפן נאַקעטן דיל און מיט טרערן אויסגענעצט דאָס קלייד פון שבתי צבי, גע־קושט עס מיט גרויס ערפורכט און געשעפּטשעט אַ נישט־הערבאַרע תפילה...

*

אין אַ קנאַפּע שעה אַרום זענען זיי אַלע געשטאַנען פאַרן פּנים פון סולטאַן. דער יונגער הערשער האָט געשיינט ווי זיבן זונען. ער האָט זיך פאַרדינט ביים נביא מאַכמעד דאָס גן־עדן, וואָס ער האָט געראַטעוועט די נשמה פון אַזאַ גרויסן מאַן ביי יידן פאַר דער אמונה פון קאָראַן און זיין באַגרינדער. ער האָט געדאַנקט אַללאַ פאַר דעם, וואָס ער האָט אים פאַר־מיטן צו פאַרגיסן טייכן בלוט פון דעם פאָלק ישראל, ווי ער האָט געפּלאַנט

אין פאַל, ווען שבתי צבי וואָלט די מוסולמענישע אמונה נישט געווען אָנ־גענומען.

עס איז צוגעגרייט געוואָרן אַ פייערלעכע צערעמאָניע פאַר דער דאָ־זיקער געשעעניש. מ'האָט אויך געבראַכט אין פּאַלאַץ פון סולטאַן שבתי צביס ווייב, די שיינע שרה. פערלדיקע טרערן זענען געשטאַנען אין אירע גרינלעך־בלויע אויגן, און דאָס פּנים אירס האָט געפלאַמט פון גרויס פייערלעכקייט. זי האָט געשעפּטשעט צו איר מאַן:

— איך דאַנק דיר, וואָס האָסט געראַטעוועט דיין לעבן... אונדזער ציל וועט ערשט איצט נאָך פיל זיכערער דערפילט ווערן. די דאָזיקע טאַט דיינע וועט פאַרשריבן ווערן אין דער יידישער געשיכטע לעולם ועד...

דער סולטאַן איז געזעסן אויף זיין טראָן, אָנגעטאָן אין זיינע פייער־לעכסטע מלבושים, מיט גאָלד און פּורפּור אויסגעהאָפטן, און אַ גאָלדענע שווערד מיט רובינען און דימענטן אויסגעזעצט איז געהאַנגען אויף זיין זייט.

שבתי צבי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ מלבוש מיט אַ שוואַרץ טוך דעם קאָפּ אַרומגענומען. באַלד האָט מען אויף אַ קישעלע אַריינגע־בראַכט פון אַ זייטיקער טיר אַ ווייסן טורבאַן פון זייד און אַ גרין קלייד. שבתי צבי האָט מיט אַ נערוועזער באַוועגונג פון זיך אַראָפּגעריסן דאָס שוואַרצע טוך אַ וואָרף געטאָן עס אויף דער ערד און אָנגעטאָן אויף זיין קאָפּ דעם ווייסן טורבאַן, דערנאָך האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס זיידענע שוואַרצע קלייד און אָנגעטאָן דאָס גרינע קלייד און אַרומגעוויקלט עס מיט אַ רויטן גאַרטל אַרום די לענדן. זיין צורה האָט זיך אינגאַנצן גע־ענדערט.

דער סולטאַן האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ, צוגענענט צו שבתי צבין, אים אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך, און אויסגערופן מיט אַ פייערלעכע שטימע:

— פון היינט מאָל אָן איז דיין נאָמען נישט מער שבתי צבי, נאָר מאַכ־מעד עפענדי! — און דערביי האָט ער אים געגעבן אַ הויכן טיטול, וואָס האָט אים געמאַכט פאַר דעם קאָמאַנדיר פון אַ גרויסער אַרמיי.

דאָס איז געווען 24 טעג אין חודש אלול פון יאָר התכ"ו (1666).

די ידיעה, אַז שבתי צבי האָט אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן, האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם איבער גאָר דער וועלט. דער ערשטער קלאַפּ איז געווען גרויזאַם. יידן זענען אין ערשטן מאָמענט געבליבן, ווי

פאַרבליפּט און האָבן נישט געוווּסט וואָס דערויף צו זאָגן. אַ סך האָבן זיך געשעמט איינער דעם אַנדערן אָנצוקוקן. אַ געוואַלטיקע בושה האָט די דאָזיקע מענטשן באַהערשט. זיי זענען געזעסן וואָכן־לאַנג באַהאַלטן אין זייערע שטובן און האָבן נישט געוויזן זיך אויף דער גאַס.

אַנדערע ווידער האָבן באין אופן נישט געוואָלט גלייבן אין דער דאָזיקער געשיכטע.

— דאָס האָבן זיינע שונאים אויסגעטראַכט — האָבן זיי געזאָגט — כדי אים צו פאַרמיאוסן אין די אויגן פון פאָלק. מיר וועלן דאָס קיינמאָל אין לעבן נישט גלייבן...

אין טערקיי גופא האָבן זיך פאַרשפּרייט פאַרשידענע קלאַנגען און עס האָבן זיך שנעל געשאַפן לעגענדעס, אַז נישט שבתי צבי האָט זיך געשמדט, נאָר דאָס איז בלויז זיינס אַ שאָטן, כדי צו פאַרבלענדן די אויגן פון סולטאַן. אין די שטובן און אין די בתי־מדרשים האָט מען צווישן זיך געשמועסט, אַז שבתי צבי איז, פונקט ווי אליהו הנביא, אַרויפגענומען געוואָרן אין הימל און ער וועט זיך אומקערן אויף דער ערד, ווען גאָט וועט באַשטימען די צייט...

זיינע אָנהענגער האָבן שוין געפונען אַנדייטונגען אין זהר, אַז משיח וועט דאַרפן דורכגיין פאַרשידענע שטרויכלונגען, און אַז ער וועט נישט פאַרשטאַנען ווערן דורך זיין דור; זיינע גוטע טאַטן וועלן אויסגעטייטשט ווערן צום שלעכטן... און אָט האָבן זיי דאָך דעם בעסטן סימן...

פונדעסטוועגן האָט דעם דאָזיקן ראש־השנה, וואָס איז אויסגעפאַלן סך־הכל עטלעכע טעג נאָך דער דאָזיקער טראַגישער פּאַסירונג, געהערשט אַ גרויסער טרויער צווישן שבתי צבי'ס אָנהענגער. די שולן און בתי־מדרשים זענען געווען געפּאַקט מיט מתפללים, וועלכע האָבן געבעטן, אַז גאָט זאָל עפענען ביי די פאַרבלענדעטע די אויגן און זיי זאָלן זען דעם ריכטיקן וועג פון משיח בן דוד...

אָבער זייענדיק מתפלל צו גאָט, האָט זיך ביי יעדן איינעם אַריינגע־גנבעט אַ שטיקל צווייפל אין האַרץ, וואָס האָט געטאָטשעט ווי אַ וואָרעם. מען דאַרף דאָך זיין שטאַרק ווי מירמלשטיין דאָס אויסצוהאַלטן און גלויבן. אָבער מ'האָט געגלויבט.

נתן העזתי און אברהם היכיני האָבן נישט גערוט. זיי זענען אַרומגע־פאָרן איבערן לאַנד און פאַרשפּרייט פאַרשידענע געשיכטעס יעדן איינעם

אויפן אויער: דאָס האָט אונדזער משיח, ירום הודו, געמוזט טאָן, כדי אָפּ־צונאַרן דעם סולטאַן. ער האָט דאָס געטאָן לויט אַ שטימע פון הימל, וואָס ער האָט געהערט נאָך פיל תפילות, פייניקונגען און תעניתים. נתן העזתי האָט אַזוי איבערצייגנדיק גערעדט, אַז עס איז אוממעגלעך געווען אים נישט גלייבן. טרערן האָבן זיך געגאָסן פון פרייד, ווען מ'האָט געהערט די דאָזיקע בשורות טובות און געהיימנישפולע אַנדייטונגען. די ייִדן האָבן זיך געפילט ווי אַריינגענומען אין שותפות אין דעם דאָזיקן געטלעכן סוד און זיי האָבן באַדייטונגספול געשמייכלט, ווען קעגנער האָבן זיך מיט זיי גערייצט און פאַרגעוואָרפן דעם שמד פון זייער משיח...

שבתי צבי אַליין איז אין די טעג פון ראש־השנה און יום־כיפור געווען אָפּגעשלאָסן ביי זיך אין פּאַלאַץ, וואָס ער האָט געקריגן אַלס צוגעטיילט אַלס מתנה פון סולטאַן. ער האָט קיינעם נישט געוואָלט אויפנעמען, מיט קיינעם נישט געוואָלט רעדן. בלויז איין משה פינהייראָ, זיין יוגנט־פריינד, האָט ער אַריינגעלאָזט און מיט אים געווען אָפּגעשלאָסן עטלעכע שעה צייט.

וואָס זיי האָבן געשמועסט, איז געבליבן אַ שטרענגער סוד. משה פינ־הייראָ איז אָבער אַרויסגעקומען פון דעם אָפּגעזונדערטן צימער אַן אויס־געלייטערטער און געטרייסטער. זיינע אויגן האָבן געלויכטן און אויף די ליפּן האָט געשוועבט אַ סוד, וועגן וועלכן בלויז ער און שבתי צבי האָבן געוווסט.

ווען משה פינהייראָ האָט פאַרלאָזט שבתי צביס צימער, האָט זיך דער „משיח" אַנידערגעוואָרפן אויפן נאַקעטן דיל און זיך צעוויינט אַזוי שטאַרק, אַז אַרום אים איז אַלץ נאַס געוואָרן פון טרערן. ער האָט דאָך געוווסט, אַז ער האָט זיין בעסטן חבר אָפּגענאַרט. ער האָט אים איינגערעדט, אַז די גאַנצע מעשה מיטן שמד איז בלויז אַ צייטווייליקע זאַך, און אַז גאָר אין קורצן וועט אַ גרויסע נייעס אָפּהילכן איבער דער וועלט.

ווען משה פינהייראָ איז צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען און ממש גע־חלשט פאַר אים, ער זאָל אים די נייעס דערציילן און ער וועט דאָס האַלטן ביי זיך באַגראָבן ווי אין קבר, האָט שבתי צבי אים איינגערוימט אין אויער, פריער גוט זיך אַרומקוקנדיק אויף אַלע זייטן, אַז — דער סולטאַן וועט גאָר אינגיכן איבערגיין צום ייִדישן גלויבן... די דאָזיקע געשיכטע טאָר אָבער נאָך נישט פאַרעפנטלעכט ווערן...

און אַט די געהיימנישפולע געשיכטע האָט דאָס פינהייראַן געמאַכט גליקלעך.

וואָכן און חדשים זענען פאַרביי און עס איז געווען שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. יידן האָבן נישט געמאַכט קיין געשעפטן, זיי האָבן געלעבט ווי אין אַ קאַשמאַר, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן און וואָס אָנצוהייבן.

אין אויסלאַנד האָט די ידיעה פון שבתי צביס שמד געטראָפן די יידן ווי אַ דונער. ר׳ יוסף רפאל חלבי, דער מינץ־מייסטער פון דער עגיפּטישער מלוכה, האָט אין אָנהייב נישט געוואָלט זיך גלייבן. אָבער ווען ער האָט שוין געהאַט אַלע פאַקטן און געוווּסט, אַז די זאַך איז אמת, האָט ער עפּנטלעך אין שול דערקלערט, אַז אויב שבתי צבי האָט עס געטאָן, האָט ער עס געטאָן, ווייל מ׳האָט אַזוי געדאַרפט, און אַז ער וועט נאָכגיין איך זיינע וועגן.

אויפן זעלבן אופן האָבן רעאַגירט אַ סך אָנהעגנער פון שבתי צבי אין די אייראָפּעאישע שטעט. פריער האָבן זיי נישט געגלייבט אין דער שרעקלעכער נייעס. אָבער שפּעטער האָבן זיי געמוזט צוגעבן, אַז שבתי צבי האָט עס געטאָן אויפן באַפעל פון אַ העכערער קראַפט און נויטווענדיקייט.

פיל יידן האָבן זיך אָבער באַצייטנס אָפּגעקערט פון אים, דערביי האָבן זיי שרעקלעך געליטן פון דער גוואַלטיקער אַנטוישונג. עס זענען געווען אפילו פאַלן, אַז שבתי צבי־אָנהענגער זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד פאַר בושה און פאַר נישט וויסן וואָס צו ענטפערן זייערע קעגנער...

שבתי צבי האָט דערווייל געלערנט די עיקרים פון דער מאַכמעדאַנישער אמונה ביים מופטי וואַני, וואָס דער סולטאַן האָט אים צוגעשיקט. דער מופטי וואַני האָט מיט אים געלערנט דעם קאָראַן, און שבתי צבי איז אויף דער עלטער געוואָרן ווידעראַמאָל אַ מתמיד, ער איז געזעסן טעג און נעכט און געלערנט די נייע תורה פון נביא מאַכמעד...

ווען עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר תכ״ז און עס האָט זיך דערנענטערט תשעה באָב, האָבן שבתי צביס אָנהענגער געפּראַוועט אַ גרויסן יום־טוב. נתן העזתי איז געקומען ספּעציעל קיין אַדריאַנאָפּאָל און געדרשנט וועגן דעם דאָזיקן וויכטיקן טאָג און דערביי געגעבן אָנצוגעהערן, אַז עס איז שוין נישט ווייט דער טאָג, ווען שבתי צבי וועט זיך צוריק באַווייזן דעם יידישן פאָלק אַ געלייטערטער און אויסגעגליטער אין זיינע יסורים און פיין. ערשט דעמאָלט וועט קומען די ריכטיקע גאולה...

נתן העזתי האָט אָנגעהויבן אַרומפאָרן איבער דער טערקישער מדינה. יעדן טאָג איז ער געווען אין אַן אַנדערער שטאָט און געהאַלטן זיינע פייער־דיקע דרשות. אָבער פון טאָג צו טאָג איז פאַר אים דאָס פאָרן געוואָרן מער געפערלעך. די צאָל קעגנער זענען געוואַקסן, און עס איז ממש געוואָרן אַ סכנה פאַר אים אַריינצוקומען אין אַ יידישער קהילה. מען האָט אים אין סמירנע, די געבוירן־שטאָט פון שבתי צבי, געדראָט מיט פאַרשטייניקן. ער האָט זיך קוים מיטן לעבן געראַטעוועט אין דער לעצטער מינוט אַ דאַנק דעם, וואָס פריינד פון שבתי צבי האָבן אים ביי זיך אויסבאַהאַלטן.

נתן העזתי האָט איינמאָל באַקומען אַן איינלאַדונג פון די רבנים פון מדינת ווענעדיג, אַז ער זאָל קומען צו זיי און אויפקלערן דאָס געשעענע. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער דאָזיקער איינלאַדונג און איז געקומען אַהין. דאָס איז געווען אַן ערך צוויי יאָר נאָך דעם ווי שבתי צבי איז איבערגע־גאַנגען צום איסלאַם. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט פיל רבנים אין דער שול, און נתן העזתי האָט פאַר זיי געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה, דערציילנדיק זיי די אַלע אויסגעטראַכטע מעשיות, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען איבער אַלע לענדער, ווו יידן האָבן געוווינט. די רבנים זענען אָבער געבליבן קאַלט צו זיינע מעשיות, און ווען זיי האָבן אים צוגעדריקט צו דער וואַנט, האָט ער באַין ברירה געמאַכט פאַר זיי די פאָלגנדיקע געשריבענע דערקלערונג, וואָס ער האָט אייגנהענטיק אונטערגעשריבן:

„עס איז פאַלש, אַז איך האָב, פונקט ווי דער נביא יחזקאל, געזען די מעשה מרכבה און עס איז אויך אַ ליגן, אַז שבתי צבי איז משיח. אַלע מיינע רייד, וואָס איך האָב ביז איצטער געפּרעדיקט זענען שוא ושקר". אונטער־געשריבן: „נתן בנימין, פון דער שטאָט עזה".

ווען דער רעש אַרום שבתי צבים שמד האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט און עס האָבן זיך שוין געהאַט פונאַנדערגעטיילט צוויי צדדים, איינער, וואָס האָט בלינד געגלייבט אין משיח, און אַ צווייטער צד, וואָס האָט זיך מיט עקל פון אים אָפּגעקערט, איז שבתי צבי ווידעראַמאָל אַרויסגעקומען אין דער עפנטלעכקייט און געפּרוווט ראַטעווען דאָס פאַרלוירענע.

ער האָט עס געטאָן מיטן וויסן פון סולטאַן. ער האָט אים איינגערעדט, אַז ער וועט איך זיינע דרשות פּרווון צורעדן די יידן זיי זאָלן איבערגיין צום ריכטיקן גלויבן פון נביא מאַכמעד, אָבער פאַר די פאַרזאַמלטע יידן

האָט ער גאָר גערעדט וועגן דעם, אַז ער וועט צורעדן דעם סולטאַן און אַלע טערקן, זיי זאָלן אָננעמען דעם יידישן גלויבן...

— איך האָב אָנגענומען דעם איסלאַם בלויז כדי צו צעמישן דעם שטן, — האָט שבתי צבי געדרשנט, — דער סוף וועט זיין, אַז דער סולטאַן וועט קומען און שטעלן זיך פאַר מיר און בעטן מחילה ביים יידישן פאָלק פאַר די אַלע פיין ביז איצט.

און ווידער איז נתן העזתי געווען ביי זיין זייט. אַז ער האָט זיך מודה געווען אין פאַלשקייט פאַר די רבנים אין ווענעדיג — האָט ער זיך דאָ נישט געמאַכט וויסן. פאַר די יידן אין טערקיי האָט ער געהאַט גאָר אַנדערע רייד. ער האָט געדרשנט עפנטלעך:

— עס איז דאָ אין זהר אַ מאמר, אַז משיח וועט זיין גוט פון אינעווייניק און שלעכט פון אויסנווייניק. ער וועט זיך אַראָפּלאָזן אין אַ גרויסן תהום פון שלעכטס, כדי פון דאָרטן אַרויפצוברענגען די געטלעכע פונקען. קוקט נישט דערויף, וואָס אונדזער משיח האָט צייטווייליק אָנגענומען דעם גלויבן פון מאַכמעד. אַלע זיינע מעשים זענען טיפע סודות, וואָס קיין שום בן־אדם קאָן נישט משיג זיין מיטן פשוטן שכל".

סוף כל סוף איז אָבער דער סולטאַן געוואָרן געוואויר וועגן שבתי צבי'ס צווייִדייטיקייט און ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסן גרימצאָרן. ער האָט גע־שיקט נאָך אים רופן און אים געפרעגט, וואָס די אַלע זאַכן באַדייטן. שבתי צבי האָט אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער און דרייסט געענטפערט:

— ווי אַזוי דען וועל איך קאָנען אַריינגאַרן די יידן, אַז זיי זאָלן אָננע־מען דעם איסלאַם, אויב נישט מיט אַזעלכע ווערטער? איך זאָג דיר צו, אַז טויזנטער יידן וועלן גוטוויליק זיך קומען בעטן, אַז מען זאָל זיי אַריינגעמען אין דער עדה פון מחמד...

דער סולטאַן האָט ווידער געגלייבט.

די יידן האָבן אויך געגלייבט. שבתי צבי האָט געהאַט אַ גרויסן כוח צו מאַכן יעדן איינעם גלייבן אין דעם, וואָס ער האָט געוואָלט. דער אמת איז געווען, אַז ער אַליין האָט אין דער געגעבענער רגע אויך געגלייבט אין די רייד, וואָס ער ברענגט אַרויס פון זיין מויל.

נתן העזתי האָט דעמאָלט פאַרשפּרייט די אויסטערלישע נייעס, אַז דער סולטאַן האָט שבתי צבי באַשטימט פאַר דעם קאָמאַנדיר פון אַ גרויסער אַרמיי און ער גייט קעמפן קעגן די הײַדאַמאַקעס, כדי צו נעמען אין זיי

נקמה פאַר די שחיטות אויף יידן אין פוילן אין די יאָרן ת״ח ות״ט... און יידן האָבן געגלייבט און זענען אַריינגעפאַלן אין גרויס ענטוזיאַזם.

ענדלעך האָט דאָס געדולד געפּלאַצט ביים סולטאַן און ער האָט באַפוילן דעם גרויסוויזיר אַכמעד קעפּרילי אַנצונעמען די געהעריקע שריט קעגן שבתי צבי, וועלכער „וועט נאָך אונדזער לאַנד אַריינשלעפּן אין אַ טיפן תהום, פון וועלכן מיר וועלן קיינמאָל נישט אַרויס״...

אין חודש אלול תל״ג (1673) איז אַ גרופּע פון צען סאָלדאַטן געקומען אין פּאַלאַץ, ווו שבתי צבי האָט געוווינט מיט זיין גאַנצער סוויטע און מ׳האָט אים אַרעסטירט.

אָן שום פּראָטעסט האָט שבתי צבי זיך אויפגעשטעלט און זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון דער מאַכט.

מען האָט אים פאַרשיקט אין אַ קליין דאָרף מיטן נאָמען דולצינעאָ, אין אַלבאַניע. דער גרויסוויזיר האָט אויסגערעכנט, אַז היות דאָרט זענען כמעט קיין יידן נישטאָ, וועט שבתי צבי דאָרט אין איינזאַמקייט איבעררייסן זיינע אוואַנטוריסטישע שטיק, קיינער וועט אים קיין מוט נישט צוגעבן, און די באַוועגונג וועט פאַרגעסן ווערן.

דערמיט האָט דער גרויסוויזיר געבערענגט צו אַ סוף פון דעם גרויסן חלום, מיט וועלכן שבתי צבי האָט זיך כמעט זיין גאַנץ לעבן אַרומגעטראָגן און באַווירקט דעם גרעסטן טייל פון יידישן פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט.

בלויז אַ קליינע צאָל מענטשן איז דערלויבט געוואָרן מיט אים מיטצופאָרן.

איבער דער צייט איז אים געשען אַן אומגליק. זיין געליבט ווייב שרה, וועלכע האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין זיין באַוועגונג איז פאַר גרויס צרות און שווערע איבערלעבונגען געשטאָרבן. אָבער שבתי צבי האָט זיך געטרייסט גאָר אין קורצן און חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער פרוי, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון סאַלאָניקי, די טאָכטער פון יוסף פילאָזאָף. דער דאָזיקער ייד, שבתי צביס נייער שווער, איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון זיין איידעם און האָט עפנטלעך געדרשנט, אַז די צייט פון דער גאולה איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי נאָענט ווי איצט. יידן דאַרפן זיין גרייט אויפצונעמען די גרויסע בשורה.

אין דולצינעאַ האָט שבתי צבי געפירט אַ שטיל לעבן, ער איז שטאַרק באַוואַכט געוואָרן, מען האָט צוגעלאָזט צו אים בלויז געציילטע מענטשן. איינמאָל זענען צו אים געקומען אברהם היכיני און נתן העזתי. זיי האָבן אים געטרייסט און צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן מאַכן אַלע באַמיאונגען אים פון דאָנען אַרויסצונעמען.

שבתי צבי איז געווען דערשלאָגן. ער האָט זיי געקוקט אין מויל אַריין און פונקט אַזוי געגלייבט אין זייערע רייד, ווי הונדערטער טויזנטער יידן האָבן אַנומלט אין אים געגלייבט.

אין דעם קליינעם אַלבאַנישן דאָרף האָט שבתי צבי געהאַט מער צייט צו פאַרטראַכטן זיך וועגן זיין לעבן. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון וועגן אַלע זיינע מעשים און זיך געפרעגט: „פאַרוואָס, אָ גאָט, האָסטו מיך געשטראָפט? איך האָב דאָך געדינט ערלעך און גוט!...”

טרערן זענען גערינען פון זיינע אויגן און ער האָט געבעטן גאָט, ער זאָל אים מוחל זיין פאַר דעם חטא, וואָס ער האָט זיך צייטווייליק אָפּגע־געקערט פון אים, אין האַרץ איז ער דאָך ווייטער דער זעלבער פרומער ייד וואָס געווען... ער וואָלט געוואָלט, אַז זיינע אַנהענגער זאָלן גיין אין גאָטס וועגן, און זיי וועלן בזכות זה דערלעבן די אמתע גאולה, וואָס מוז קומען, און זי וועט קומען...

ווען ער איז שוין געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט און טיילמאָל שוין אַריינ־געפאַלן אין באַוווסטלאָזיקייט, האָט ער צוגערופן די עטלעכע מענטשן, וועל־כע זענען שטענדיק געווען מיט אים און האָט זיי געזאָגט זיין לעצטן ווונטש:

— ווען איך וועל אַוועק אין דער אייביקייט און וועל גאָט איבערגעבן מיין נשמה, בעט איך אייך, אַז מען זאָל מיך נישט קובר זיין אויפן בית־עולם פון די מאַכמעדאַנער. אויב עס איז מיר נישט באַשערט צו ליגן צוזאַמען מיט מיינע יידישע ברידער, זאָל מען מיך קובר זיין אויף אַ באַזונדערן פלאַץ.

עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון ערב יום־כפור פון יאָר תל״ו (1675). שבתי צבי איז אַרומגעגאַנגען אַ צעמישטער, גלייך ער וואָלט אַרומגעשוועבט אין אַנדערע וועלטן ער האָט זיך געהייסן צופירן צום ברעג פון ים און ער איז געגאַנגען טבילה.

אין שטוב האָט ער אַ גאַנצן טאָג מתפלל געווען און פון צייט צו צייט אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין. ענדלעך האָט ער זיך באַרואיקט און איינגעשלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך אים געפּלאָנטערט חלומות. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז אין סמירנע, ער איז נאָך אַ יונגער־מאַן פון 18 יאָר. ער גייט מיט זיין בעסטן חבר משה פינהייראָ צום ים זיך טובל זיין. ער דערמאָנט זיך אין די געשפּרעכן, וואָס זיי האָבן דעמאָלט געפירט. פּלוצלינג רייסט ער זיך אויף פון געלעגער און האַלב אין אומבאַ־וווסטזיין שרייט ער אויס: „היינט איז דאָך מיין חופּה־נאַכט״!

און ער פאַלט ווידער אַנידער אויף זיין געלעגער אַ פאַרחלשטער.

די נאָענטע פריינד זיינע, וועלכע האָבן זיך דעם טאָג אויף קיין איין רגע פון אים נישט דערווייטערט, האָבן שפּעטער דערציילט, אַז ער האָט גערעדט עפּעס מאָדנע רייד פון שלאָף אַרויס. ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון אַ מיידל „רחל״, אַז ער בעט ביי איר מחילה, ווייל ער האָט זי פאַרשעמט און האָט זי אין דער חופּה־נאַכט נישט אָנגערירט.

ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון אברהם היכיני און ביי אים גע־פרעגט, צי איז טאַקע אמת, אַז ער האָט געפונען אַן אַלט כתב, אַז ער איז משיח...

זיין פּנים איז געווען אָנגעשטרענגט, די בלויע אָדערן זענען בולט אַרויסגעקומען אויף זיין שטערן. מען האָט געקאָנט זען, אַז ער לעבט איבער עפּעס אַ געוואַלטיקע זאַך.

שפּעט ביינאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, אומגעקוקט זיך דערשראָקן און אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט איינעם פון זיינע פריינד.

— זוכט אויף נחמיה הכהן און בעט אים איבער אין מיין נאָמען. ער איז געווען גערעכט.

און ווען זיינע פריינד האָבן אים דערציילט, אַז מען שמועסט אין לאַנד, אַז נחמיה הכהן איז אַנטלאָפן פון טערקיי און איז צוריק אַוועק קיין פּוילן און געוואָרן אַ ייד, האָבן שבתי צביס אויגן אויפגעלויכטן און ער האָט געמורמלט מיט די ליפּן:

— אַ גרויסע נשמה איז ער... זאָל ער געבענטשט זיין, ווו ער געפינט זיך.

און מיט טאָג צוגלייך, אין טאָג פון הייליקסטן יום־טוב ביי יידן, אין יום־כיפור פון יאָר התל״ו, האָט שבתי צבי אויסגעהויכט זיין נשמה.

— — — — — — — — — — — — —

די ידיעה וועגן זיין טויט האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם איבער דער יידישער וועלט. אַ סך האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דער דאָזיקער באַוועגונג, אָבער אַ סך זענען איר געבליבן געטריי, און די אמונה אין שבתי צבי אַלס משיח האָבן זיי איבערגעלאָזט פאַר זייערע קינדס־קינדער. מען האָט אים געמאַכט אל מלא רחמימס און מ׳האָט געזאָגט קדיש נאָך אים אין אַ סך יידישע קהילות.

עס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג, אין וועלכן הונדערט־טויזנטער יידן האָבן הייליק געגלויבט, — אַז שבתי צבי איז נישט געשטאָרבן, נאָר זיין נשמה איז אַרויף אין הימל און וועט זיך באַווייזן ווען די צייט וועט קומען. אַנדערע ווידער האָבן געזען אין דעם, וואָס ער איז געשטאָרבן אין יום־כיפור, אַ צייכן, אַז ער איז געווען אַ הייליקער מאַן, און נאָך זיין טויט האָבן זיי אין אים נאָך שטאַרקער געגלויבט ווי ביי זיין לעבן.

אינהאַלט:

זייט

הקדמה 1

קאַפּיטל איינס, די מלחמה פון גוג ומגוג 11

קאַפּיטל צוויי, שבתי צביס קינדהייט 49

קאַפּיטל דריי, איך בין משיח בן דוד 78

קאַפּיטל פיר, שבתי צבי אַנטלויפט פון סמירנע 123

קאַפּיטל פינף, די שטים פון גאָט 156

קאַפּיטל זעקס, אויף הייליקער ערד 190

קאַפּיטל זיבן, שבתי צבי אין מצרים 224

קאַפּיטל אַכט, משיחס כלה 259

קאַפּיטל ניין, די פייערלעכע חתונה 299

קאַפּיטל צען, שבתי צבי ווערט נתגלה 333

קאַפּיטל עלף, אויפן העכסטן שטאַפּל 359

קאַפּיטל צוועלף, שבתי צבי ווערט אַרעסטירט 384

קאַפּיטל דרייצן, דער סוף פון אַ חלום 415

פון זעלבן מחבר:

רבי עקיבא (פאַרלאַג ראָמאַנען־ביבליאָטעק, ניו־יאָרק, 1947)
רבי מאיר און ברוריה (פאַרלאַג שאָולזאָן, ניו־יאָרק, 1950)
שלום אַש פון דער נאָענט (פאַרלאַג שאָולזאָן, מיאַמי, פלאָרידע, 1958)
די כוזרים (פאַרלאַג יידבוך, בוענאָס איירעס, 1960)
שבתי צבי (פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, תשכ״ה)

העברעאיש:

רבי עקיבא (הוצאת ספרים מסדה, תל־אביב, תשי״ד)
רבי מאיר וברוריה (הוצאות ספרים מסדה, תל־אביב, תשט״ז)

שפּאַניש:

Rabi Meir y Beruria

(Editorial Candelabro, Buenos Aires, Argentina)

איבערזעצונגען:

פויערן, פון סט. וול. ריימאָנט — 4 בענד
(פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע, 1926)
איבער מדבריות און וויסטענישן, פון הענריק שענקעוויטש
(פאַרלאַג קלעצקין, ווילנע, 1928)
די קינדער פון קאַפּיטאַן גראַנט, פון זשיל ווערן
(פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע)
דריי טעג, אַ רויט בלימל, און אַנדערע דערציילונגען, פון וו. גאַרשין
(פאַרלאַג בזשאָזע, וואַרשע, 1928)

עס ווערן געגרייט צום דרוק:

בר־כוכבא (דאָס דריטע בוך פון דער טרילאָגיע)
פליטים, ראָמאַן פון די מלחמה־יאָרן, (1940—1941)
דער קעניג שלמה (ביבלישער ראָמאַן)
דער יידישער פּרינץ (דוד הראובני, היסטאָרישער ראָמאַן)

ביז איצט דערשינענע ביכער אין פאַרלאַג „המנורה":

אַנאַ פראַנק	— טאָגבוך פון אַ מיידל
ש. פראַנק	— טאָגבוך פון לאָדזשער געטאָ
באָריס פאַסטערנאַק	— דאָקטאָר זשיוואַגאָ, 2 בענד
באָריס פאַסטערנאַק	— דאָקטאָר זשיוואַגאָ, 1 באַנד
מענדל מאַן	— דאָס הויז צווישן דערנער — 18 ישראל־נאָוועלן
ראָבערט ס. דזשאן	— דוד בן־גוריון — לעבנס־געשיכטע פון אַן אומ־געוויינלעכן מענטש
מיכאל וויַיכערט	— זכרונות
מיכאל וויַיכערט	— וואַרשע
מיכאל וויַיכערט	— יידישע אַליינהילף, 1939—1945
מיכאל וויַיכערט	— מלחמה, 1939—1945
שלמה שנהוד	— מיט חלום איבער תהום, לידער
לענאַ קיכלער־זילבערמאַן	— מיינע 100 קינדער, מיט פאָרוואָרט פון רחל ינאית בן־צבי — ישראל־פרעזידענטס פרוי
אבא גאָרדין	— שלמה המלך — היסטאָרישער ראָמאַן
אבא גאָרדין	— משה, זיין לעבן און לערע
אַנדריי שוואַרץ־באַרט	— דער לעצטער פון די צדיקים
יחזקאל בראָנשטיין	— פון אייגן הויז — עסייען וועגן שרייבער און ווערק
הרב אברהם העפּטערמאַן	— אַזוי לעבן יידן, רבנים, ראַבאַיס און סתם יידן אין אַמעריקאַנער כתרילעווקע
יצחק גאָלדקאָרן	— פון וועלט־קוואַל — קליינע עסייען וועגן גרוי־סע שרייבער
יעקב צינעמאַן	— עמיל זאָלאַ, דאָס לעבן פון אַ שרייבער און קעמפער
אריה בוסתן	— חיים וויַיצמאַן, לעבן און ווערק.
יצחק גאָלדקאָרן	— לאָדזשער פּאָרטרעטן

יעקב זינגער — דער יונגער דזשייקאָבס, ראָמאַן
אברהם גאָפּלאַט — געשטויגן און געפלויגן
ד״ר חיים שאָשקעס — צווישן יידן אין ווייטע לענדער
ד״ר חיים שושקס — עולם ומלואו של ר׳ חיים
יוסף זשעמיאַן — די פּאַפּיראָסן־הענדלער פון פּלאַץ דריי־קרייצן
יוסף גאַר — אַזוי איז עס געשען אין ליטע
מלכה חפץ־טוזמאַן — שאָטנס פון געדענקען, לידער
שלמה ראָזענבערג — שבתי צבי — היסטאָרישער ראָמאַן
בעריש וויינשטיין — באַשערטע לידער
ז. בונין — פון פרילינג ביז האַרבסט
יחזקאל בראָנשטיין — אין פרדס פון יידיש

יידיש — עברית:

א. קריב — ליטא מכורתי — מיין היימלאַנד ליטע
מ. צאַנין — העברעאיש־יידישער ווערטער־בוך, אין צוויי פראַכט בענד (45000 ווערטער)

עברית:

משה וויטיעס — מסות על ספרות, תירגם מיידיש: שלמה שנהוד
יוסף פפירניקוב — פרי גני, — שירים
מ. צאַנין — תל־עולם, על פני 100 עירות נחרבות
רחל אוירבאך — מרד גיטו ורשה.
ד״ר ראובן בן־שם — אני והוא, פסיכולוגיה פרוידיאנית
פיוטר ראביץ׳ — דם השמים.
בן־ציון אפשטיין — בערבות הפאמפה
ד״ר י. הרציג — נדודי במלחמה ויאסלו עירי

ענגליש:

MUSULMAN — *by Dov Shilansky*